STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06623

TSVISHN FREMDE MENTSHN

Maksim Gorky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַקסים גאָרקי

צווישן פרעמדע מענטשן

פארלאג „די װעלט“

מאַקסים גאָרקי

צווישן פרעמדע מענטשן

פון רוסיש: י. ראַפּאָפּאָרט

פּרעמיע צו דער „נייער פאָלקסצייטונג"

וואַרשע, 1928

Printed in Poland
M a k s y m G o r k i
Cwiszn Fremde Menszen
Druk. „D i W e l t" Nowolipie 7

I

איך געפֿין זיך שוין צווישן פֿרעמדע מענטשן, כ'דין אַלס שיק־יינגל אין אַ געשעפֿט פֿון „מאָדערנע שוכוואַרג", אויף דער הויפּטגאַס פֿון שטאָט.

מיין באַלעבאָס איז אַ קליין, רונדיק מענטשעלע; ער האָט אַ ברוין, אָפּגעריבן פּנים, גרינע ציין, וואַסערדיק־ברודנע אויגן. ער זעט מיר אויס צו זיין בלינד, און כּדי זיך איבערצוציינן אין דעם, מאַך איך מינעס.

— מאַך נישט קיין מינעס, — זאָגט ער מיט אַ שטילינקן קול, אָבער שטרענג.

ס'איז אומאַנגענעם, וואָס דידאַזיקע טריבע אויגן זעען מיך און ס'גלויבט זיך עפּעס נישט, אַז זיי קענען זען — ווער ווייס, אפֿשר שטויסט זיך דער באַלעבאָס בלויז אָן, אַז איך מאַך מינעס?

— כ'האָב געזאָגט — מאַך נישט קיין מינעס, — זאָגט ער נאָך שטילער, נישט באַוועגנדיק כּמעט מיט די גראָבע ליפּן.

— קראַץ נישט די הענט, — קריכט צו מיר זיין טרוקענער געמורמל. — דו דינסט אין אַ ערשטקלאַסיקן געשעפֿט אויף דער הויפּט־גאַס פֿון שטאָט, דאָס טאָר מען נישט פֿאַרגעסן! אַ שיק־יינגל דאַרף שטיין ביי דער טיר, ווי אַ סטאַטוע...

כ'ווייס נישט, וואָס אַזוינס איז אַ סטאַטוע און כ'קען נישט נישט קראַצן די הענט — ביידע זענען זיי ביזן עלנבויגן באַדעקט מיט רויטע פּלעקן און ווונדן, זיי ווערן אומדערטרעגלעך צעפֿרעסן פֿון קרעץ־מילב.

— מיט וואָס האָסטו זיך פֿאַרנומען אינדערהיים? — פֿרעגט דער באַלעבאָס, באַטראַכטנדיק מיינע הענט.

כ׳דערצייל, און ער שאָקלט צו מיטן קיילעכדיקן קאָפּ, וואָס איז געדיכט אַרומגעקלעפּט מיט גראָע האָר, און זאָגט באַליידיקנדיק:

— שמאַטעס קלויבן — איז ערגער ווי בעטלעריי, ערגער ווי גנבה.

נישט אָן שטאָלץ דערקלער איך:

— געגנבעט האָב איך שוין אויך.

דאַן, אַרויפלייגנדיק די הענט אויפן פּולט, ווי אַ קאָטער — די לאַפּקעס, בויערט ער זיך איין מיט שרעק אין מיין פּנים און שיפּעט אַרויס:

— וואָ-אָס? וואָס הייסט געגנבעט?

כ׳קלער אים אויף — וויאַזוי און וואָס.

— נו, דידאָזיקע קלייניקייטן וועלן מיר נישט רעכענען! ווערסטו אָבער ביי מיר גנבענען שיך, אָדער געלט, וועל איך דיך איינאָרדנען אין תּפיסה ביז דו וועסט ווערן פּוליאָריק...

ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט רויק, איך האָב זיך איבער-געשראָקן און נאָך מער אים פיינט באַקומען.

אַחוץ דעם באַלעבאָס איז אין געשעפט געשטאַנען מיין שוועסטערקינד סאַשע יאַקאָוואָוו, און דער עלטסטער פּאַרקויפער, אַ פלינקער, קלעפּיקער און רויטער פּאַרשוין. סאַשע האָט גע-טראָגן אַ געליטשקן סורדוטל, אַ מאַנישקע, אַ קראַוואַט, הויזן איבער די שטיוול, געווען שטאָלץ און מיך נישט באַמערקט.

ווען דער זיידע האָט מיך געבראַכט צום באַלעבאָס און געבעטן סאַשען מיר צוצוהעלפן, מיך צוצולערנען, — האָט זיך סאַשע גאָוהדיק אָנגעבלאָזן און געוואָרנט:

— ס׳איז נויטיק, ער זאָל מיר פאָלגן!

דער זיידע האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף מיין קאָפּ, איינגעבויגן מיין האַלז.

— פאָלג אים, ער איז עלטער פאַר דיר אי לויט די יאָרן, אי לויט דער שטעלע...

און סאַשע האָט אויסגעגלאָצט די אויגן און אַריינגע-רעדט אין מיר:

— גערענק, וואָס דער זיידעשי האָט אָנגעזאָגט!

און גלייך פון ערשטן טאָג האָט ער פלייסיק גענומען אויסנוצן די רעכט פון זיין העכערן ראַנג.

— קאַשירין, שפּאַר נישט אַרויס די אויגן, — האָט אים דער באַלעבאָס געצעצעט.

— איך — כ'טו גאָרנישט, — פלעגט סאַשע ענטפערן, אייננבויגנדיק דעם קאָפּ, אָבער דער באַלעבאָס האָט נישט נאָכגעלאָזן:

— קוק נישט קרום פון דער זייט, די קונים וועלן נאָך מיינען, אַז דו ביסט אַ באָק...

דער פּאַרקויפער לאַכט דורך־אַרצדיק, דער באַלעבאָס צעציט העסלעך די ליפּן, און סאַשע, רויט ווערנדיק ווי צונטער, באַהאַלט זיך אונטערן טובאַנק.

דידאָזיקע רייד זענען מיר נישט געפעלן געוואָרן, אַ סך ווערטער זענען מיר געווען אומפאַרשטענדלעך, אַמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ריידן אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

איז אין געשעפט אַריינגעקומען אַ קויפערין, פלעגט דער באַלעבאָס אַרויסנעמען די האַנט פון קעשענע, זיך צורירן צו די וואָנסעס און צוקלעפּן צום פּנים זיין זיס שמייכעלע, וואָס פלעגט באַדעקן זיינע באַקן מיט קנייטשן, אָבער נישט ענדערן זיינע בלינדע אויגן. דער פּאַרקויפער פלעגט זיך אויסציען, צודריקן די עלנבויגנס האַרט צו די זייטן, און די הענט מיט דרך ארץ לאָזן הענגען אינדערלופטן, סאַשע פלעגט נעמען שרעקעוודיק פינטלען מיט די אַרויסגעצעצטע אויגן, וועלכע ער האָט זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן, איך פלעג שטיין ביי דער טיר, קראַצנדיק אומבאַמערקט די הענט, און זיך צוקוקן צום צערעמאָניאַל פון פאַרקויפן.

שטייענדיק פאַר דער קויפערין אויף די קני, מעסט איר דער פּאַרקויפער אָן אַ שוך, אויסטערליש צעשפּרייטנדיק די פינגער. זיינע הענט ציטערן, ער רירט אָן די פוס פון דער פרוי אַזוי פאָרזיכטיק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו צעברעכן

די פּוס, און די פּוס איז אַ גראַבע, ענלעך אויף אַ פּלאַש מיט שפּודיקע אַקסלען, מיטן העלזעלע אַראָפּ.

איינמאָל האָט איינע אַ דאַמע געזאָגט, דריגענדיק מיטן פּוס און ציענדיק זיך:

— אַך, ווי איר קיצלט דאָס...

— דאָס איז — פון העפלעכקייט, — האָט שנעל און מיט היץ דערקלערט דער פּאַרקויפער.

ס'איז געווען קאָמיש צוצוזען, ווי ער קלעפּט זיך צו דער קויפערין, און כדי נישט אַרויסצושיסן מיט אַ געלעכטער, האָב איך זיך אומגעדרייט צו דער טיר־שויב. אָבער אַזוי־ווי מיט צוואַנגען האָט מיך געצויגן זיך צוצוקוקן צום פּאַרקויף — שוין צו שטאַרק האָט מיך געוויילט דעם פּאַרקויפערס באַנע־מונג, און גלייכצייטיק האָב איך געטראַכט, אַז כ'וועל קיינמאָל נישט קענען אַזוי העפלעך צעשפּרייטן די פינגער, אַזוי געשיקט אַרויפציען שיך אויף פרעמדע פיס.

אָפטמאָל פלעגט דער באַלעבאָס אַוועקגיין פון געשעפט אין קליין צימערל אַריין הינטערן טובאַנק און דאָרט אַריינ־רופן סאַשען; דער פּאַרקויפער פלעגט בלייבן אויג אויף אויג מיט דער קויפערין. איינמאָל, באַרירנדיק די פוס פון אַ געלער פרוי, האָט ער צענויפגעלייגט די פינגער ווי אַ שמעק טאַבאַק צו נעמען און זיי אַ קוש געטאָן.

— אַך, — האָט די פרוי אָפּגעזיפצט, — סאַראַ לאָבוסל איר זענט!

און ער האָט אָנגעבלאָזן די באַקן און שווער אַרויסגע־זאָגט:

— המ — אוך!

דאָ האָב איך זיך אַזוי שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, אַז, מורא האָבנדיק צו פאַלן פון די פיס, האָב איך זיך אָנגעהאָנגען אויף דער קליאַמקע פון טיר, די טיר האָט זיך אויפגעעפנט, כ'בין אַריינגעפאָרן מיטן קאָפּ אין שויב און זי אויסגעזעצט. דער פּאַרקויפער האָט אויף מיר געטופּעט מיט די פיס, דער באַלעבאָס האָט געקלאַפּט איבער מיין קאָפּ מיט אַ שווערן

באַלדענעם רינג, סאַשע האָט געפּרוּווט מיר אָנרייסן פאַר די אויערן, און אין אָוונט, ווען מיר זענען געגאַנגען אַהיים, האָט ער שטרענג אַריינגערעדט אין מיר:

— מ׳וועט דיך דורכטרייבן פאַר אַזעלכע שטיק! זאָג, וואָס איז דאָ דאָ צו לאַכן?

און ער האָט מיר אויפגעקלערט: אויב דער פּאַרקויפער געפעלט די דאַמען — גייט דאָס געשעפט בעסער.

— די דאַמע דאַרף גאָרנישט קיין שיך, אָבער זי וועט קומען און קויפן אַ פּאָר איבעריקע, אַבי צו כאַפּן אַ קוק אויפן אַנגענעמען פאַרקויפער. און דו — פאַרשטייסט גאָרנישט! ביי ניאַנטשע זיך מיט דיר...

דאָס האָט מיך באַליידיקט — קיינער האָט זיך מיט מיר נישט געניאַנטשעט, און בפרט ער.

אינדערפרי פלעגט מיך די קעכין, אַ קראַנקע און בייזע פרוי, וועקן אויף אַ שעה פריער פון אים; כ׳פלעג אויספּוצן די שוכוואַרג און די קליידער פון די באַלעבאַטים, פון פאַרקויפער, פון סאַשען, כ׳פלעג אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר, אָנטראָגן האָלץ פאַר אַלע אויוונס, רייניקן דאָס געפעס צום מיטאָג. קומענדיק אין געשעפט פלעג איך אויסקערן דעם דיל, אָפּווישן דעם שטויב, אויפקאָכן טיי, צעטראָגן צו די קונים די סחורה, גיין אין שטוב נאָכן מיטאָג; אין דערדאָזיקער צייט פלעגט מיך ביי דער טיר פאַרבייטן סאַשע און געפינענדיק, אַז דאָס דערנידעריקט זיין ווירדע, פלעגט ער מיך זידלען:

— שלימזל! שטיי און אַרבעט פאַר דיר...

מיר איז געווען שווער און לאַנגווייליק, כ׳בין געוווינט געווען צו לעבן זעלבשטשטענדיק, פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף די זאַמדיקע גאַסן פון קונאַווין, אויפן ברעג פון דער טריבער אָקע, אין פעלד און אין וואַלד. מיר האָט געפעלט די באָבע, חברים, נישט געווען מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, און דאָס לעבן האָט אַרויסגעבראַכט פון געדולד, אָפּדעקנדיק פאַר מיר זיין מיאוסע, פאַלשע קערזייט.

נישט זעלטן פלעגט די קויפערין אַוועקגיין מיט גאָרנישט,

דאַן פלעגן זיך אַלע דריי פילן באַליידיקט. דער באַלעבאָס פלעגט באַהאַלטן אין קעשענע זיין זיסן שמייכל, באַפוילן:

— קאַשירין, לייג איין די סחורה!

און פלעגט זיך זידלען:

— זע נאָר, אָנגעראָיעט אַביסל, דער חזיר! ס'איז דעם שוטה לאַנגווייליק צו זיצן אין שטוב, שלעפט זי זיך אַרום איבער די געשעפטן. וואָלסטו נאָר געווען מיין ווייב — איך וואָלט דיר שוין...

זיין ווייב, אַן אויסגעטריקנטע, אַ שוואַרץ-אויגיקע, מיט אַ גרויסער נאָז, פלעגט טופּען אויף אים מיט די פיס און שרייען, ווי אויף אַ משרת.

אָפטמאָל, אַרויסבאַגלייטנדיק אַ באַקאַנטע קויפערין מיט העפלעכע פאַרבייגונגען און ליבנסווירדיקע ווערטער, פלעגן זיי רעדן וועגן איר שמוציק און פרעך; דאָס פלעגט אַרויסרופן ביי מיר אַ פאַרלאַנג אַרויסצולויפן אויפן גאַס, אָניאָגן די פרוי און דערציילן, ווי אַזוי מ'רעדט וועגן איר.

ס'איז פאַר מיר קיין נייעס נישט געווען, אַז אונטער די אויגן רעדן מענטשן בכלל שלעכטס איינער אויפן צווייטן, אָבער דידאָזיקע האָבן גערעדט וועגן אַלעמען באַזונדערס סקאַנ-דאַליעז, ריכטיק ווי עמיץ וואָלט זיי אַנערקענט פאַר די בעסטע מענטשן און באַשטימט אַלס שופטים איבער דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן מקנא געווען אַ סך, אָבער קיין איינעם קיינמאָל נישט געלויבט און וועגן יעדן מענטשן געוווּסט צו דערציילן עפּעס העסלעכעס.

איינמאָל איז אין געשעפט אַריינגעקומען אַ יונגע פרוי מיט אַ שפּילנדיקער רויטקייט אויף די באַקן, מיט בלישטשנ-דיקע אויגן, אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ סאַמעטענער ראָ-טאָנדע מיט אַ קראַגן פון שוואַרצן פוטער — איר פּנים האָט זיך אויפגעהויבן איבערן פוטער, ווי אַ ווונדערבאַר בלימל. זי האָט פון די אַקסלען אַראָפּגעוואָרפן די ראָטאָנדע אויף סאַשעס הענט און נאָך שענער געוואָרן — איר שלאַנקע פיגור איז ענג אַרומגעכאַפּט געווען מיט בלאָלעך-גרויע זיידנס, אין די אויערן

האָבן געבליצט ברילִיאַנטן, זי האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ וואַסיליסאַ די שיינע, און כ׳בין זיכער געווען, אַז דאָס איז די גובערנאַטאָרשע אַליין. מ׳האָט זי אויפגענומען מיט אַ באַזונדער העפלעכקייט, זיך געבויגן פאַר איר אין דרייען, ווי פּאָר אַ פּייער, פאַרכליניעט זיך מיט ליבנסווירדיקע ווערטער. אַלע דריי האָבן זיך געטראָגן איבערן געשעפט, ווי נישט-גוטע; איבער די שפּיגלען פון די שאַפעס האָבן זיך געגליטשט זייערע שאָטנס, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ אַרום האָט זיך אָנגעצונדן, ווערט צעשמאָלצן און אָט באַלד וועט עס אָננעמען אַן אַנדער אויסזען, אַנדערע פאָרמען.

און ווען זי איז אַוועק, אויף גיך זיך צוקלויבנדיק אַ פּאָר טייערע לאַטשן, האָט דער באַלעבאָס אַ סמאָטשקע געטאָן מיט די ליפּן און געזאָגט מיט אַ פייף:

— אַ צ—צויג...

— וואָס איז דאָ צו רעדן — אַן אַקטיאָרקע, — האָט דער פאַרקויפער געזאָגט מיט פאַראַכטונג.

און זיי האָבן גענומען דערציילן איינער דעם צווייטן וועגן דער דאַמעס געליבטע, וועגן אירע הוליאַנקעס.

נאָך מיטאָג האָט זיך דער באַלעבאָס צוגעלייגט שלאָפן אין צימערל הינטערן געשעפט, און איך האָב אויפגעעפנט זיין גאָלדענעם זייגער, אַריינגעטריפט אינם געווערק עסיק. כ׳האָב שטאַרק הנאה געהאַט צו זען, ווי ער איז נאָכן שלאָף אַרויס-געקומען אין געשעפט מיטן זייגער אין די הענט און צעטראָגן געמורמלט:

— וואָס פאַראַ אָנשיקעניש! אינמיטן דרינען — דער זייגער שוויצט! ס׳האָט קיינמאָל נישט געטראָפן — שוויצן גאָר! זאָל דאָס כאָטש נישט זיין קיין שלעכטער סימן.

נישט געקוקט אויפן גרויסן הו-הא אין געשעפט און דער אַרבעט אין שטוב, פלעג איך ווי איינשלאָפן אין דריקנדיקער לאַנגווייליקייט, און אַלץ אָפטער האָט מיך געעגבערט דער גע-דאַנק: וואָס זאָל איך טאָן אַזוינס, מ׳זאָל מיך אַרויסיאָגן פון געשעפט?

שנייאיקע מענטשן שווינדלען-דורך שווייגנדיק פאַרביי דער

טיר פון געשעפט, עס דאַכט זיך, אַז זיי זענען עמיצן מקבר, באַגלייטן אויפן בית-עולם, האָבן אָבער פאַרשפּעטיקט און איילן זיך אָנצוזאָגן די טרומנע. עס טרייסלען זיך פערד, מיט מי בייקומענדיק די שניי-בערג. אויפן גלאָקן-טורעם פון דער צערקווע, הינטערן געשעפט, קלינגט מען יעדן טאָג אַזוי אומעטיק — ס'איז די צייט פון גרויסן תענית; די גלאָקן-קלעפּ שלאָגן איבערן קאָפּ, ווי מיט אַ קישן — ס'טוט נישט וויי, אָבער מ'ווערט דול און טויב דערפון.

איינמאָל, ווען איך האָב אויסגעפּאַקט אויפן הויף, לעבן דער טיר אין געשעפט אַריין, אַ קאַסטן מיט נאָרוואָס באַקומענער סחורה, איז צוגעקומען צו מיר דער צערקווע-שומר, אַן אַלטיטשקער מיט אַ קרומער זייט, אַ ווייכינקער, ווי פון שמאַטעס געמאַכט, און אַ צעפליקטער, ווי הינט וואָלטן פון אים שטיקער געריסן.

— וואָלסט אפשר, נשמה כשרע, צוגעגנבעט פאַר מיר אַ פּאָר קאַלאָשעלעך, וואָס? — האָט ער מיר פאָרגעלייגט.

כ'האָב נישט געענטפערט. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ליידיקן קאַסטן, אַ געניץ געטאָן, איבערגעצלמט דאָס מויל און — ווידער:

— וועסט צוגנבענען, וואָס?

— גנבענען — טאָר מען נישט! — האָב איך אים דערקלערט.

— און מ'גנבעט, פונדעסטוועגן. האָב איינזעעניש אויף אַן אַלטן!

ער איז אנגענעם נישט-ענלעך געווען אויף די מענטשן, צווישן וועלכע כ'האָב געוווינט: כ'האָב דערשפּירט, אַז ער איז גאַנץ זיכער אין מיין גרייטקייט צוצוגנבענען, און כ'האָב מספּים געווען אים אַרויסצוגעבן די קאַלאָשן דורכן ליופטשיק פון פענסטער.

— נו, גוט, — האָט ער געזאָגט רויק, אָן פרייד. — וועסט נישט גענאַרן? נו, גוט, כ'זע שוין, וועסט נישט גענאַרן...

אַ ווײַלע איז ער געזעסן שטיל, צעקוועטשנדיק דעם שמוציקן נאַסן שניי מיטן שטיוול-זויל, דערנאָך האָט ער פאַררויכערט אַ ליימענע פּיפּקע און פּלוצים מיך איבערגעשראָקן:

— און וואָס, אויב איך וועל דיך גענאַרן? כ'וועל נעמען די קאַלאָשן די דאָזיקע, אַוועקטראָגן זיי צום באַלעבאָס, און זאָגן,

אז דו האָסט מיר זיי פאַר אַ האַלבן רובל פאַרקויפט? אַ? העכער צוויי קאַרבן קאָסטן זיי, און דו — פאַר אַ האַלבן! אויף נאַש-וואַרג, הא?

כ'האָב שטום געקוקט אויף אים, ווי ער וואָלט שוין געהאַט אָפּגעטאָן דאָס, וואָס ער האָט צוגעזאָגט, און ער האָט אַלץ גע-רעדט שטיל, פאַנפעוואַטע, קוקנדיק אויף זיין שטיוול און אַרויס-שטויסנדיק פון פּיפּקע אַ בלאָלעכן רויך.

— און אויב ס'וועט זיך אַרויסשטעלן, אַ שטייגער, אַז דאָס האָט מיר טאַקע דער באַלעבאָס אַליין אָנגערעדט: גיי און פּרווו אויס דעם קליינעם, ווי ווייט ער איז גנב? וואָס וועט דעמאָלט זיין?

— כ'וועל דיר נישט געבן קיין קאַלאָשן, — האָב איך גע-זאָגט בייז, דערשראָקן.

— איצט מוזטו שוין געבן, אַז דו האָסט צוגעזאָגט!

ער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט, צוגעצויגן צו זיך, און קלאַפּנדיק מיטן קאַלטן פינגער אין מיין שטערן, פויל ווייטער גערעדט:

— וואָס טוט זיך מיט דיר — פון דער העלער הויט — נאַ, נעם!?

— האָסט אַליין געבעטן.

— מאַלע וואָס מיר קען איינפאַלן צו בעטן! כ'וועל דיר בעטן די צערקווע באַרויבן, איז וואָס — וועסטו באַרויבן? צי דען טאָר מען אַ מענטשן גלויבן? אַך, נאַרעלע דו...

און אָפּשטויסנדיק מיך, איז ער אויפגעשטאַנען.

— קאַלאָשן געגנבעטע דאַרף איך נישט, כ'בין נישט קיין פּריץ, קאַלאָשן טראָג איך נישט. כ'האָב נאָר אַ שפּאַס געמאַכט... און פאַר דיין תמימות, ווען ס'וועט קומען פּסחא, וועל איך דיך אַרויפלאָזן אויפן גלאָקן־טורעם, וועסט קלינגען, אויף דער שטאָט אַ קוק טאָן...

— די שטאָט קען איך.

— פון גלאָקן-טורעם אַראָפּ איז זי שענער...

איינגראָבנדיק די שטיוול-נעזער אין שניי, האָט ער זיך לאַנגזאַם פאַרנומען הינטער דער צערקווע.

איך האָב אים נאָכגעקוקט, און טרויעריק, דערשראָקן

געטראַכט: האָט דער אַלטער אויף אַן אמת געשפּאַסט, אָדער דער באַלעבאָס האָט אים אונטערגעשיקט מיך אויסצופּרוּוון? אַריינגיין אין געשעפט האָב איך מורא געהאַט.

אויפן הויף איז אַרויסגעשפּרונגען סאַשע מיט אַ געשריי:

— וואָס פאַרעסטו זיך דאָ, צו אַלדי רוחות!

כ'האָב זיך אויף אים פאַרמאָסטן מיט דער אָפּצווייגע, — אַזוי בין איך פלוצלונג אויפגעקאָכט געוואָרן.

איך האָב געוווּסט, אַז ער מיטן פאַרקויפער באַגנבענען דעם באַלעבאָס: זיי פלעגן באַהאַלטן אַ פּאָר שיך אָדער לאַטשן אין קוימען פון אויוון, און דערנאָך, אַוועקגייענדיק פון געשעפט, עס פאַרשטעקן אין אַרבעל פון מאַנטל. דאָס איז מיר נישט געפעלן געווען און ס'האָט מיך געשראָקן, כ'האָב געדענקט דעם באַלעבאָס'דראָונג.

— דו גנבעכסט? — האָב איך געפרעגט סאַשען.

— נישק איך, נאָר דער עלטסטער פאַרקויפער—האָט ער מיר שטרענג דערקלערט, — איך העלף אים נאָר. ער זאָגט — טו אַ טובה! מוז איך פאָלגן, אַ נישט, וועט ער מיר עפּעס אָפּטאָן. דער באַלעבאָס! ער אַליין איז אַ געוועזענער פאַרקויפער, ער פאַרשטייט אַלץ. און דו — שווייג!

ביים ריידן האָט ער זיך געשפּיגלט און פאַרריכט דעם קראַוואַט מיט דיזעלבע באַוועגונגען פון אומנאַטירלעך צעשטעלטע פינגער, ווי דאָס פלעגט טאָן דער עלטסטער פאַרקויפער. ער איז נישט מיד געוואָרן מיר אַרויסצווייזן זיין העכערקייט און זיין מאַכט איבער מיר, געשריגן אויף מיר מיט אַ באַס-שטימע און באַפוילנדיק מיר וואָס, פלעגט ער אויסשטרעקן די האַנט פאָראויס מיט אַן אָפּשטויסנדיקן זשעסט. איך בין געווען גע יקסיקער און שטאַרקער פאַר אים, אָבער ביינערדיק און אומגעלומפּערט, און ער — אַן אויסגעשטאָפּטער, אַ ווייכער און פעטינקער. אין סיורדוט און אין הויזן איבער די שטיוול, האָט ער אין מיינע אויגן אויסגעזען וויכטיק, סאָליד, אָבער ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס אומאַנגענעמעס, קאָמישעס. ער האָט פיינט געהאַט בתכליה

השנאה די קעכין, — אַ מאָדנע פּויערטע, וואָס ס'איז שווער געווען צו דערגיין, צי איז זי אַ גוטע, אָדער אַ שלעכטע.

— מער פאַר אַלץ אין דער וועלט האָב איך ליב געשלעגן, — פלעגט זי זאָגן, ברייט צעעפענענדיק די שוואַרצע, בריענדיקע אויגן. — מיר איז אַלץ איינס, וואָסער קאָמף: צי העגער שלאָגן זיך, צי הינט, צי פּויערים — מיר איז אַלץ איינס!

האָבן זיך אויפן הויף געשלאָגן העגער, אָדער טויבן, פלעגט זי וואַרפן די אַרבעט און צוקוקן זיך צום געשלעג ביזן סוף, אַרויסקוקנדיק דורכן פענסטער אַ שטומע, אַ טויבע. אין די אָוונטן פלעגט זי זאָגן צו מיר און סאַשען:

— וואָס זיצט איר, קינדערלעך, ליידיק, איר וואָלט זיך בעסער געשלאָגן אַ ביסל!

סאַשע ווערט אין כעס:

— איך בין דיר, בהמה, נישט קיין קינדעלע, נאָר דער צווייטער פּאַרקויפער.

— נו, איך זע דאָס נישט. פאַר מיר, כל זמן האָסט נישט חתונה געהאַט, ביסטו אַ קינד!

— בהמה, נאַרישער קאָפּ...

— דער שד איז קלוג, אָבער גאָט האָט אים נישט ליב.

באַזונדערס פלעגן אויפרעגן סאַשען אירע שפּריכווערטלעך, ער פלעגט זי רייצן און זי, מיט פאַראַכטונג וואַרפנדיק אויף אים קרומע בליקן, פלעגט זאָגן:

— אַך, דו, פרייס איינער, גאָטס טעות!

נישט איינמאָל, ווען זי איז געשלאָפן, האָט ער מיך אָנגערעדט איר אויסצושמירן דעם פּנים מיט וואַקס, אָדער סאַזשע, אָנשטעקן אין איר קישן שפּילקעס, אָדער אויף אַ וועלכן נישט איז אַנדער אופן איר אָפּטאָן אַ שפּיצל, אָבער איך האָב מורא געהאַט פאַר דער קעכין, און חוצדעם האָט זי געהאַט אַ לייכטן שלאָף, זיך אָפט איבערוועקן, אויפכאַפּן, אָנצינדן אַ לאָמפּ און זיצן אויפן בעט, גלאָצנדיק ערגיץ אין אַ ווינקל. אַמאָל פלעגט זי קומען צו מיר הינטערן אויוון, מיך אויפוועקן און הייזעריק זיך בעטן:

— מיר שלאָפֿט זיך נישט, לעקסייקע, עפּעס שרעקט מיך וואָס, רעד מיט מיר אַ ביסל.

פֿאַרשלאָפֿענערהייט פֿלעג איך איר עפּעס דערציילן, און זי פֿלעגט זיצן שטיל און זיך צושאָקלען. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איר הייסער קערפּער שמעקט מיט וואַקס און קטרת און אַז זי וועט אינגיכן שטאַרבן. ס'קען זיין, אַז אָט גלייך וועט זי אַ פֿאַל טאָן מיטן נאָז אין דיל און — שטאַרבן. פֿון שרעק פֿלעג איך נעמען ריידן אויפֿן קול, זי פֿלעגט מיך אָבער אָפּשטעלן:

— ששש! אַנישט וועט זיך דאָס געזינדל איבערוועקן און מיינען, אַז דו ביסט מיין געליבטער...

זיצן פֿלעגט זי לעבן מיר תּמיד אין איין פּאָזע: איינגע־בויגן, די הענט אַריינגעשטעקט צווישן די קני, צודריקנדיק זיי מיט די שאַרפֿע פּיס-ביינער. קיין ברוסטן האָט זי נישט געהאַט און אַפֿילו דורכן דיקן לייוונט פֿון העמד האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט די ריפּן, ווי רייפֿן אויף אַ צעלעכצטער פֿאַס. זי זיצט לאַנג שווייגנדיק און פֿלוצים מורמלט זי אַרויס:

— כאָטש נעם און שטאַרב. אַזאַ אומעט נאָגט...

אָדער זי פֿרעגט עפּעס עמיצן:

— שיין דע״לעבט — וואָס?

—שלאָף! — פֿלעגט זי פֿלוצים זאָגן, איבעררייסנדיק מיך אינמיטן אַ וואָרט, זיך אויסגלייכן און, אַ גראָע, צעשווימען גע־רוישלאָז אין דער קיך-פֿינסטערניש.

— מכשפֿה! — פֿלעגט זי סאַשע רופֿן אונטער די אויגן.

כ'האָב אים פֿאַרגעלייגט:

— זאָג איר דאָס אין די אויגן!

— מיינסט, כ'האָב מורא?

אָבער תּיכּף פֿלעגט ער איינרונצלען דאָס פּנים און זאָגן:

— ניין, אין די אויגן וועל איך נישט זאָגן! ווער ווייס, אפשר איז זי אויף אַן אמת אַ מכשפֿה...

זי האָט זיך צו אַלעמען באַצויגן מיט גרינגשעצונג און כּעס, און אויך איך האָב ביי איר קיין האָניק נישט געלעקט, זעקס אַ זייגער פֿאַרטאָג פֿלעגט זי מיר אַ צי טאָן פֿאַר'ן פֿוס און שרייען:

— שוין גענוג צו פּאָפּן! טראָג אָן האָלץ! שטעל אָן דעם סאַמאָװאַר! שייל אָפּ קאַרטאָפֿל!..

סאַשע פּלעגט זיך אויפכאַפּן און האָבן טענות:

— װאָס גװאַלדעװעסטו? כ׳װעל דעם באַלעבאָס פאַרציילן, שלאָפן לאָזט מען נישט...

שנעל באַװעגנדיק איבער דער קיך אירע טרוקענע ביינער, האָט זי געבלישטשעט אין זײַן זײַט מיט די פון שלאָפלאָזיקייט אָנטצינדעטע אויגן:

— אַך, גאָטס טעות! װאָלסטו געװען מײַן שטיפזון, װאָלט איך דיך שוין אָרומגעצופּט.

— פאַרשאָלטענע, — האָט סאַשע געזידלט, און אויפן װעג אין געשעפט אַרײַנגעטענהט אין מיר: — מ׳דאַרף זען, אַז מ׳זאָל זי אַרויסיאָגן. מ׳דאַרף אומבאַמערקט אַלץ צוזאַלצן, אויב אַלץ װעט בײַ איר זײַן איבערגעזאַלצן װעט מען זי אַרויסיאָגן. אָדער גאָר נאַפט! אויף װאָס װאַרסטו?

— און דו?

ער האָט מיט כּעס אַרויסגעפּאָרסקעט:

— פּחדן!

די קעכין איז געשטאָרבן בײַ אונז אויף די אויגן: זי האָט זיך אײַנגעבויגן, כּדי אויפצוהויבן דעם סאַמאָװאַר, און פּלוצים זיך אַראָפּגעזעצט אויפן דיל, װיכטיק װי עמיץ װאָלט איר אַ שטויס געטאָן אין ברוסט, דערנאָך האָט זי שװײַגנדיק זיך איבערגעקערט אויף אַ זײַט, אויסציענדיק די הענט פאָרויס, און פון איר מויל האָט געגומען רינען בלוט.

בײדע האָבן מיר גלײַך פאַרשטאַנען, אַז זי איז געשטאָרבן, אָבער געלײמט פון שרעק. האָבן מיר לאַנג געקוקט אויף איר, נישט בכּוח אַרויסצורעדן אַ װאָרט. ענדלעך, איז סאַשע װי אַ װינט אַרויסגעפלויגן פון קיך, און איך, נישט װיסנדיק װאָס צו טאָן, האָב זיך צוגעטוליעט צום פענצטער, צום ליכט. ס׳איז אַרײַנגעקומען דער באַלעבאָס, פאַרזאָרגט זיך אַרונטערגעזעצט, אַ טאַפּ געטאָן מיטן פינגער דער קעכינס פּנים, און געזאָגט:

— באמת, געשטאָרבן... װאָס טוט זיך דאָ?

און זיך געגומען צלמען אין ווינקל, אויפן קליינטשיקן בילד פון ניקאָלא בעל־מופת, און נאָך דער תּפֿלה האָט ער אַריינבאַפוילן אין הויז:

— קאַשירין, לויף, מעלד דער פּאָליציי!

ס׳איז געקומען אַ פּאָליציאַנט, אַנגעטראָטן אַביסל, באַקומען „אויף טיי“, אַוועקגעגאַנגען; דערנאָך איז ער ווידער געקומען, צוזאַמען מיט אַ פּורמאַן, און ביידע האָבן זיי גענומען די קעכין פאַר די פיס, פאַרן קאָפּ און אַרויסגעטראָגן אויפן גאַס. פון הויז האָט אַריינגעקוקט די באַלעבאָסטע, מיר באַפוילן:

— וואַש אָפּ דעם דיל!

און דער באַלעבאָס האָט געזאָגט:

— נאָך גוט, וואָס זי איז געשטאָרבן אינאָוונט...

איך האָב נישט פאַרשטאַנען, מיט וואָס איז דאָס — גוט. ווען מיר זענען געגאַנגען שלאָפן, האָט סאַשע געזאָגט צו מיר, נישט ווי זיין שטייגער איז, מילד:

— פאַרלעש נישט דעם לאָמפּ!

— האָסט מורא?

ער האָט איינגעוויקלט דעם קאָפּ אין קאָלדרע און לאַנג געלעגן שטיל שווייגנדיק. די נאַכט איז געווען אַ שטילע, ווי זי וואָלט זיך צוגעהערט צו עפּעס, געוואַרט אויף עפּעס, און מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז אַ ליאַדע סעקונדע נעמט מען קלינגען אין גלאָק, און פלוצלינג וועלן אַלע אין שטאָט נעמען אַרומלויפן, שרייען אין אַ גרויסער שרעק־בהלה.

סאַשע האָט אַרויסגעשטעקט די נאָז פון אונטער דער קאָלדרע און שטיל פאָרגעלייגט:

— קום, לאָמיר זיך לייגן אויפן אויוון, צוזאַמען.

— ס׳אי דאָרט הייס.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן, האָט ער געזאָגט:

— ווי אַזוי איז זי דאָס — מיטאַמאָל, אַ? אַט האָסטו דיר אַ מכשפה... כ׳קען נישט איינשלאָפן...

— אויך איך קען נישט.

ער האָט גענומען דערציילן וועגן מתים, אַז זיי פאַרלאָזן

די קברים און בלאַנקען אַרום ביז האַלבער נאַכט איבער דער שטאָט, זוכן, ווו זיי האָבן געוווינט, ווו זיי האָבן איבערגעלאָזט קרובים.

-- די מתים געדענקען נאָר די שטאָט, — האָט ער שטיל-שטיל גערעדט, — אָבער די גאַסן און די הייזער געדענקען זיי שוין נישט...

ס'איז אַלץ שטילער געוואָרן, פינסטערער — האָט זיך גע-דאַכט. סאַשע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געפרעגט:

— ווילסט, לאָמיר איבערקוקן מיין קופערט?

מיר האָט זיך שוין פון לאַנג געוואָלט וויסן — וואָס ער באַהאַלט אין קופערט. ער האָט אים געהאַלטן פאַרמאַכט אויף אַ הענג-שלאָס, און עפּעס פלעגט ער אים תמיד מיט באַזונדערע פאָרזיכט-מיטלען און ווען כ'פלעג פרווון אַריינקוקן אין קופערט, פלעגט ער מיר גראָב פרעגן:

— וואָס זוכסטו דאָ? אַ?

ווען כ'האָב מסכים געווען, האָט ער זיך אויפגעזעצט אין בעט, נישט אַראָפּלאָזנדיק די פיס אויפן דיל, און אָננעמענדיק אַ באַפוילערישן טאָן, מיר געהייסן אַרויפשטעלן דעם קופערט אויפן בעט, צופוסנס. דער שליסל איז געהאַנגען אויף אַ זיידענעם שנירל, צוזאַמען מיטן ברוסט-צלם*). ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער די פינסטערע ווינקלען פון קיך, זיך גאוהדיק אָנגעבלאָזן, אויפגעעפנט דעם שלאָס, געבלאָזן אויפן דעקל פון קופערט, ריכטיק ווי ער וואָלט געווען הייס און, ענדלעך, אים אונטערהויבנדיק, אַרויסגע-נומען עטלעכע שטיקלעך וועש.

דער קופערט איז אויף דער העלפט פול געווען מיט אַפּטייק-קעסטעלעך, פעקלעך פאַרשידנפאַרביקן טיי-פּאַפּיר, בלעכענע פושקעס פון שוואַקס און סאַרדינקעס.

— וואָס איז דאָס?

— וואַרט, וועסטו זען...

ער האָט דעם קופערט אַרומגענומען מיט די פיס און זיך אַריבערגעבויגן איבער אים, שטיל אונטערזינגנדיק:

*) דער צלם, וועלכן מ'באַקומט ביי דער טויפונג און ווערט געטראָגן אויף דער נאַקעטער ברוסט. (איב.)

— הערשער הימלישער...

כ'האָב זי' געריכט צו זען שפּילצייג — כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט קיין שפּילצייג און זיך באַצויגן צו זיי מיט אַן אויסערלעכער פאַראַכטונג, אָבער מיט קנאה צו דעם, ווער ס'האָט זיי געהאַט. מיר איז שטאַרק געפעלן געוואָרן, וואָס סאַשע, אַזאַ סאָלידער, האָט שפּילצייג, כאָטש ער באַהאַלט זיי שעמעוודיק אויס; מיר איז פאַרשטענדלעך געווען די דאָזיקע שעמעוודיקייט.

ער האָט אויפגעעפנט דאָס ערשטע קעסטלע, אַרויסגענומען פון אים אַ רעמל פון ברילן, עס אָנגעטאָן אויף דער נאָז און קוקנדיק שטרענג אויף מיר, געזאָגט:

— ס'מאַכט גאָרנישט אויס, וואָס עס פעלן גלעזלעך, דאָס איז אַזאַ מין ברילן!

— לאָז מיר אַ קוק טאָן!

— פאַר דיינע אויגן פּאַסן זיי נישט. זיי זענען פאַר טונקעלע אויגן, און דיינע זענען עפּעס אַזעלכע העלע, — האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין און מעשה באַלעבאָס אַ געשריי געטאָן, אָבער גלייך זיך אַרומגעקוקט מיט שרעק איבער דער גאַנצער קיך.

אין איין שוואַקס-פּושקעלע האָבן זיך געפונען אַ סך פאַרשידנאַרטיקע קנעפּלעך, ער האָט מיר דערקלערט מיט שטאָלץ:

— דאָס האָב איך אַלץ אויפגעקליבן אויפן גאַס! איינער אַליין, שוין זיבן-און-דרייסיק...

אין דער דריטער פּושקעלע זענען געלעגן גרויסע, מעשענע שפּילקעס, אויך צענויפגעקליבענע אויפן גאַס, דערנאָך שוסטערשע פּאַדקאָווקעס, אויסגעריבענע, צעבראָכענע און גאַנצע, ספּראָנטשקעס פון שיך און לאַטשן, אַ מעשענע טיר-קליאַמקע, אַ צעבראָכן ביינערן שטעקן-קעפּל, אַ מיידלשער קאָפּ-קעמל, אַ „פּותר-חלומות און אַ צוקונפט-טרעפער”, און נאָך אַ סך ענלעכע, ווערטפולע זאַכן.

אויף מיינע זוכענישן נאָך שמאַטעס און ביינער, וואָלט איך גאַנץ לייכט געקענט צענויפזאַמלען אין איין חודש צען מאָל אַזויפיל אַזעלכע נאַרישקייטן. סאַשעס זאַכן האָבן אַרויסגערופן ביי מיר אַ געפיל פון אַנטוישונג, אומבאַקוועמקייט און דריקנדיקן

רחמנות צו אים. און ער האָט יעדע קלייניקייט אויפמערקזאַם באַטראַכט, מיט ליבשאַפט געגלעט, זיינע גראָבע ליפּן האָבן זיך שטאָלץ פאַנאַנדערגעפּעצט, די אַרויסגעזעצטע אויגן האָבן געקוקט מיט ליבע און זאָרג, אָבער די ברילן האָבן געמאַכט קאָמיש זיין קינדישן פּנים.

— צוואָס דאַרפסטו דאָס האָבן?

ער האָט שנעל אַ קוק געטאָן אויף מיר דורך דעם ברילן־רעמל און געפרעגט מיט אַ געבראָכענעם דיסקאַנט:

— ווילסט, כ'וועל דיר עפּעס שענקען?

— ניין, כ'וויל נישט...

קענטיק באַליידיקט פון אָפּזאָג און פון דער צו קנאַפּער אויפמערקזאַמקייט צו זיין עשירות, האָט ער אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך שטיל פאָרגעלייגט:

— נעם אַ האַנטוך, מיר וועלן אַלץ איבערווישן, ס'ווערט פאַרשטויבט...

ווען אַלץ איז שוין געווען איבערגעווישט און איינגעלייגט, האָט ער זיך איבערגעקאָלערט אין בעט, מיטן פּנים צו דער וואַנט; ס'האָט אָנגעהויבן רעגענען, ס'האָט געדרונגען פון דאַך, און די פענסטער האָט זיך געריסן דער ווינט.

— נישט אומדרייענדיק זיך צו מיר, האָט סאַשע געזאָגט:

— וואַרט, ווען אין גאָרטן וועט טרוקענער ווערן, וועל איך דיר ווייזן עפּעס אַזוינס — וועסט דעם אָטעם נישט כאַפּן!

כ'האָב נישט געענטפערט, זיך געגרייט שלאָפן.

אין עטלעכע רגעס אַרום איז ער פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען, און ראַצנדיק מיט די נעגל די וואַנט, גענומען רעדן מיט אַ דערשיטערנדיקער איבערצייגונגס־קראַפט:

— כ'האָב מורא... גאָט מיינער, כ'האָב מורא! גאָטעניו, דערבאַרעם דיך! וואָס טוט זיך דאָ?

דאָ האָט מיך אויך אַרומגעכאַפּט אַ שרעק — ביז פאַרגלי־ווערונג — מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ביים פענסטער צום הויף, מיט דער פּלייצע צו מיר, שטייט די קעכין מיט אַן איינ־

געבויגענעם קאָפּ, מיטן שטערן אָנגעשפּאַרט אין שויב, ווי זי פלעגט שטיין אַ לעבעדיקע, קוקנדיק אויפן הענער־קאַמף.
סאַשע האָט געיאָמערט, געראַצט די וואַנט, געדריגעט מיט די פיס. מיט גרויס מי, נישט אומקוקנדיק זיך, ווי איבער הייסע קוילן, בין איך אַריבער אין קיך און זיך געלייגט לעבן אים.
מיר זענען איינגעשלאָפן מידע פון כליפּען.
אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געווען עפּעס אַ יום-טוב. דער נעשעפט איז אָפן געווען ביז האַלבן טאָג, מיטאָג האָט מען גע־נעסן אין שטוב און נאָכמיטאָג, ווען די באַלעבאַטים האָבן זיך צוגעלייגט שלאָפן, האָט סאַשע געזאָגט צו מיר סודותדיק:
— קום!
כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז כ׳וועל באַלד דערזען דעם „עפּעס", וואָס וועט מיר דעם אָטעם פאַרהאַקן פון פאַרוווּנדערונג.
מיר זענען אַרויס אין גאָרטן. אויף אַ שמאָלן פּאַס ערד צווישן צוויי הייזער, איז געשטאַנען אַן אָנדערטהאַלבן צענדליק אַלטע ליפּעס, די מעכטיקע שטאַמען זענען באַדעקט געווען מיט גרינעם מאָך, די שוואַרצע נאַקעטע צווייגן האָבן טויט געסטאַר־טשעט אינדערלופטן, און קיין איין קראָען-נעסט איז נישט געווען צווישן זיי. די בוימער קוקן אויס ווי מצבות אויף אַ בית-עולם. אַחוץ דידאָזיקע ליפּעס איז אין גאָרטן גאָרנישט געווען. נישט קיין קוסט, נישט קיין גראָז; די ערד אויף די שטעגן איז האַרט איינגעטראָמפּעוועט און שוואַרץ, ווי פון טשוגון; דאָרט, וווּ עס זעען זיך אַרויס אירע פּליכעס פון אונטער די אָפּגעקראָכענע פאַראַיאָריקע בלעטער, איז זי באַדעקט מיט שימל, ווי אַ שטייענ־דיק וואַסער, מיט גרינע וואַסער-לינזן.
סאַשע האָט זיך פאַרקערעוועט הינטערן ווינקל, צום פּלויט פון גאַס, געבליבן שטיין אונטער אַ ליפּע, און, אויסגלאָצנדיק די אויגן, אַריינגעקוקט אין די טריבע פענסטער פון שכנותדיקן הויז. ער האָט זיך אַרונטערגעזעצט, צעגראָבן מיט די הענט אַ הויפן בלעטער; און ס׳האָט זיך אָפּגעדעקט אַ גראָבער וואָרצל און לעבן אים צוויי ציגל, טיף אַריינגעדריקטע אין דער ערד. ער האָט זיי אויפגעהויבן, אונטער זיי איז געלעגן אַ שטיקל אייזנבלעך,

אונטערן אייזנבלעך — אַ קוואַדראַטיק ברעטעלע, און ענדלעך האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ גרויסע לאָך, וואָס פירט אונטערן וואָרצל.

סאַשע האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע, אָנגעצונדן אַ שטיקל וואַקסענעם ליכט, עס אַריינגערוקט אין דער נאָרע און מיר געזאָגט:

— קוק! נאָר שרעק זיך נישט...

ער אַליין האָט, ווייזט אויס, מורא געהאַט: דאָס שטיקל ליכט אין זיין האַנט האָט געציטערט, ער איז בלייך געוואָרן, מיאוס צעעפנט דאָס מויל, זיינע אויגן זענען פייכט געוואָרן, די פרייע האַנט האָט ער פאַמעלעך-פאַמעלעך פאַרלייגט אויף הינטן. זיין שרעק האָט מיך אָנגעשטעקט, מיט גרויס פאָרזיכטיקייט האָב איך אַריינגעקוקט אין דער פאַרטיפונג אונטערן וואָרצל — דער וואָרצל האָט איר געדינט אַלס דאַך, אין דער טיף האָט סאַשע אָנגעצונדן דריי פייערלעך, זיי האָבן אויסגעפילט דאָס הייל מיט בלאָען ליכט. זי איז געווען גענוג גרויס, — טיף ווי אַן עמער, אָבער ברייטער, אירע זייטן זענען אינגאַנצן אויסגעלייגט געווען מיט שטיקלעך קאָלירטן גלאָז און שערבלעך פון טיי-געשיר. אין רעכטן מיטן, אויף אַ העכערונג, וואָס איז באַדעקט געווען מיט אַ שטיקל רויטן ציץ, איז געשטאַנען אַ קליינינקע טרומנע, באַקלעפּט מיט בליי-פּאַפּיר, ביז דער העלפט איז זי צוגעדעקט געווען מיט אַ שטיקל צייג, וואָס איז ענלעך געווען אויף אַ זיידענעם, גאָלד-געשטיקטן צודעק, פון אונטערן צודעק האָבן אַרויסגעשטעקט גראָענקע פויגלשע פיסלעך און אַ שאַרף-שנאָבלדיק קעפּעלע פון אַ וואָראָבייטשיק. הינטער דער טרומנע איז געשטאַנען אַ אַנאַלאָי, *) אויף וועלכן ס'איז געלעגן אַ מעשענער צלמל, און אַרום אַנאַלאָי האָבן געברענט דריי שטיקלעך וואַקס-ליכט, אַריינגעשטעקטע אין לייכטערס, וועלכע זענען אַרומגעוויקלט געווען מיט זילבערנעם און גאָלדענעם צוקערלעך-פּאַפּיר.

די פייערן-שפּיצן זענען געווען אויסגעבויגן צו דער עפענונג פון דער הייל; אינעווייניק האָבן מאַט געבלישטשעט פאַרשידנפאַרביקע פונקען, פלעקן. דער גערוך פון וואַקס, ווארעמען פויל-שטאָף און ערד האָט מיר געשלאָגן אין פּנים, אין די אויגן

*) עפּעס ענלעכעס צום יידישן עמוד (איב.).

האָט געשווינדלט, געשפּרונגען ווי אַ צעברעקלטער רעגנבויגן. דאָס אַלץ האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ דריקנדיקע פאַרווונדערונג און גובר געווען מיין שרעק.

— גוט ? — האָט סאַשע געפרעגט.

— צוואָס איז דאָס ?

— אַ קלויסטערל, — האָט ער דערקלערט. — וואָס, ענלעך ?

— כ׳ווייס נישט.

— און דער וואָראָבייטשיק איז דער מת ! ס׳וועט אפשר זיין פון אים אַ רעליקוויע, ווייל ער איז אַן אומשולדיק-געליטענער מאַרטירער...

— האָסט אים געפונען אַ טויטן ?

— ניין, ער איז אַריינגעפלויגן אין שטאַל, האָב איך אים פאַרדעקט מיטן היטל און דערשטיקט.

— פאַרוואָס ?

— אַזוי...

ער האָט מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן און ווידער געפרעגט :

— גוט ?

— ניין !

דאַן האָט ער זיך איינגעבויגן צו דער הייל, שנעל זי צוגעדעקט מיטן ברעטל, מיטן אייזנבלעך, אַריינגעדריקט אין דער ערד די ציגל, זיך אויפגעשטעלט און, אָפּפּוצנדיק פון די קני די בלאָטע, שטרענג געפרעגט :

— פאַרוואָס געפעלט דיר נישט ?

— אַ רחמנות אויף דעם פייגעלע.

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אומבאַוועגלעכע אויגן, ווי אַ בלינדער, און מיר אַ שטויס געטאָן אין ברוסט מיט אַ געשריי :

— שוטה ! פון קנאה זאָגסטו, אַז ס׳געפעלט דיר נישט מיינסט אפשר, אַז ביי דיר אין גאָרטן, אויף קאַנאַטנער-גאַס איז בעסער געמאַכט געווען ?

כ׳האָב זיך דערמאָנט אין מיין אַלטאַנקע און מיט זי־בערקייט געענטפערט:

— אודאי, בעסער!

סאַשע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון די אַקסלען אויף דער ערד זיין סיורדוטל, פאַרקאַשערט די אַרבל, אָנגעשפּיגן אויף די דלאָניעס און פאָרגעלייגט:

— אויב אַזוי — איז געשלאָגן זיך!

שלאָגן זיך האָב איך נישט געוואָלט, כ׳בין דערדריקט געווען פון אַ פאַרשלאָפנדיקן אומעט, מיר איז אומבאַקוועם געווען צו קוקן אויף דעם בייזן פּנים פון מיין שוועסטער־קינד.

ער איז אָנגעשפּרונגען אויף מיר, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן קאָפּ אין ברוסט, אומגעוואָרפן מיך, זיך געזעצט רייטנדיק אויף מיר און אויסגעשריגן:

— לעבן, אָדער טויט?

איך בין אָבער געווען שטאַרקער פון אים און אַ כּעס האָט מיך אַרומגעכאַפּט, אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין גע־לעגן מיטן פּנים אַראָפּ, מיט די הענט אויסגעצויגן הינטערן קאָפּ און געכריפּעט. אַ דערשראָקענער האָב איך אים גענומען אויפהויבן, ער האָט זיך אָבער אָפּגעשלאָגן מיט הענט און פיס, שרעקנדיק מיך אַלץ מער און מער. כ׳בין אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט, נישט וויסנדיק, וואָס צו טאָן, און ער האָט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— וואָס ס׳טו אויסגעפירט? אָט, וועל איך זיך וואַלגערן אַזוי ביז די באַלעבאַטים וועלן נישט דערזען, וועל איך זיך קלאָגן אויף דיך, מ׳וועט דיך אַרויסיאָגן!

ער האָט זיך געזידלט, געדראָט; זיינע רייד האָבן מיך אַריינגעבראַכט אין כּעס, כ׳האָב זיך געוואָרפן צו דער הייל, אַרויסגענומען די שטיינער, די טרומנע מיטן וואָראָבייטשיק אַריבערגעוואָרפן איבערן פּלויט אויף דער גאַס, צעגראָבן די גאַנצע הייל און זי פאַרטאָפּטשעט מיט די פיס.

— אָט האָסטו דיר, זעסט?

סאַשע האָט זיך מאָדנע באַצויגן צו מיין ווילדעווען: ער איז געזעסן אויף דער ערד מיט אַ ביסל אַ צעעפנטן מויל און צוזאַמענגעצויגענע ברעמען, צוגעקוקט, וואָס איך טו, נישט אויסריידנדיק קיין וואָרט, און ווען איך האָב געענדיקט, איז ער לאַנגזאַם אויפגעשטאַנען, זיך אָפּגעטרייסלט און אַרויס־וואַרפנדיק דעם סיורדוטל אויף די אַקסלען, געזאָגט מיט אַ רויקער דראָונג:

— איצט וועסטו זען, וואָס ס׳וועט זיין, וואַרט נאָר אַ ביסל! דאָס אַלץ האָב איך דאָך אומישנע געמאַכט פאַר דיר, דאָס איז אַ כישוף! אהא?...

ווי פאַרטויבט פון זיינע ווערטער, האָב איך זיך אַרונ־טערגעזעצט, אַלץ אין מיר אינעווייניק איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט קעלט. און ער איז אַוועק, נישט אומקוקנדיק זיך אויף מיר, נאָך מער דערדריקנדיק מיט זיין רויקייט.

כ׳האָב באַשלאָסן שוין מאָרגן צו אַנטלויפן פון דער שטאָט, פון באַלעבאָס, פון סאַשען מיט זיין כשוף, פון דאָ־זיקן נודנעם, נאַרישן לעבן.

אויף צומאָרגנס האָט די נייע קעכין, אויפוועקנדיק מיך, אַ געשריי געטאָן:

— מאַמעלאַך! וואָס איז געשען מיט דיין צורה?...

„דער כשוף הויבט אָן ווירקן!" — האָב איך אַ נידער־שלאָגענער אַ קלער געטאָן.

אָבער די קעכין האָט זיך אַזוי פאַרגאַנגען אין געלעכ־טער, אַז אויך איך האָב נישט־ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן און געכאַפּט אַ קוק אין איר שפּיגל: מיין פּנים איז געדיכט פאַר־שמירט געווען מיט סאַזשע.

— סאַשעס אַרבעט?

— וואָס דען — מיינע! — האָט די קעכין לאַכנדיק געשריגן.

כ׳האָב גענומען פּוצן דאָס שוכוואַרג, אַריינגעשטעקט די האַנט אין שוך, — אין פינגער האָט זיך איינגעגעסן אַ שפּילקע.

— אָט דאָס איז דאָס דער כשוף!

אין אַלע שטיוול האָב איך געפונען שפּילקעס און נאָדלען, וועלכע זענען אַזוי קונציק איינגעאָרדנט געווען, אַז זיי פלעגן זיך מיר אייַנעסן אין דער דלאָניע. דאַן האָב איך גענומען אַ קרוג מיט קאַלטן וואַסער און מיט גרויס פאַרגעניגן עס אויסגעגאָסן אויפן קאָפּ פון כשוף־מאַכער, וועלכער האָט זיך נאָך נישט געהאַט אויפגעכאַפּט, אָדער זיך געמאַכט שלאָפנדיק.

פונדעסטוועגן האָב איך זיך געפילט שלעכט, — מיר האָט כסדר געשוועבט פאַר די אויגן די טרומנע מיטן וואָראָבייטשיק, די גראָע, צוזאַמענגעדרייטע פּיסלאַך און זיין וואַקסענער שנאָבעלע, וועלכער האָט אַזוי נעבעכדיק געשטאַרצט אין דער הויך, און אַרום — דאָס אומאויפהערלעכע שווינדלען פון פאַרשידנפאַרביקע פונקען, ריכטיק ווי אַ רעגנבויגן זאָל וועלן אויפפלאַמען און — קען נישט. די טרומנע איז ברייטער געוואָרן, די פויגלשע נעגל זענען געוואַקסן, זיך געצויגן אינדערהויך און געציטערט, לעבעדיק געוואָרן.

אַנטלויפן האָב איך באַשלאָסן נאָך אין זעלבן אָוונט. אָבער פאַרמיטאָג, אָנוואַרעמענדיק אויף דער נאַפט־מאַשינקע אַ קעסעלע מיט בּאָרשטש, האָב איך זיך פאַרטראַכט, אים געלאָזן אויפקאָכן, און ווען כ׳האָב גענומען לעשן דעם פייער, האָב איך איבערגעקערט דעם קעסעלע אויף די הענט און מ׳האָט מיך אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל.

כ׳געדענק דעם דריקנדיקן קאָשמאַר פון שפּיטאָל: אין אַ געלער וואַקלדיקער פוסטקייט האָבן זיך בלינד געראָיעט, געמרוקעט און געזיפצט גראָע און ווייסע פיגורן אין תּכריכים, איז געגאַנגען אויף קוליעס אַ הויכער מענטש מיט ברעמען, ווי וואָנסעס, געטרייסלט מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד און געריטשעט, אונטערפייפנדיק:

— דעם אַרכייערעי וועל איך איבערגעבן!

די בעטלעך האָבן אויסגעזען ווי טרומנעס, די קראַנקע, ליגנדיק מיט די נעזער אַרויף, זענען ענלעך געווען אויף טויטע וואָראָבייטשיקעס. די געלע ווענט האָבן זיך געוואַקלט,

דער פולאָפּ האָט זיך אויסגעקיילעכט ווי אַ אָנגעבלאָזענער זעגל, דער דיל האָט זיך געשאָקלט, צוזאַמענרוקנדיק און פאַנאַנדעררוקנדיק די שורות בעטלעך, אַלץ איז געווען אומזיכער, שרעקלעך, און הינטער די פענסטער האָבן געסטאַרטשעט די צווייגן פון די בוימער, ווי ריטער, און עמיצער האָט זיי געטרייסלט.

אין טיר האָט אונטערגעטאַנצט אַ געלער דאַרינקער בר־מינן, געצופּט מיט קורצע הענטלעך זיינע תכריכים און געקוויטשעט:

— כ׳דאַרף נישט קיין משוגעים!

און דער מענטש מיט די קוליעס האָט אים אריינגעשריען אין קאָפּ אריין:

— דעם... אַרכייערעי...

דער זיידע, די באָבע, און בכלל אַלע מענטשן האָבן תמיד געטענהט, אַז אין שפּיטאָל פּטרט מען מענטשן, האָב איך זיך געהאַלטן פאַר אַ פאַרפאַלענעם. ס׳איז צוגעקומען צו מיר אַ פרוי אין ברילן און אויך אין תכריכים, זי האָט עפּעס אָנגעשריבן אויף דעם שוואַרצן ברעטל ביי מיין צוקאָפּנס — די קרייט האָט זיך איבערגעבראָכן, זיינע ברעקלעך האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף מיין קאָפּ.

— און דיך ווי רופט מען? — האָט זי געפרעגט.

— מ׳רופט מיך גאָרנישט.

— האָסט דאָך, מסתמא, אַ נאָמען?

— ניין.

— הער נאָר, מאַך נישט קיין שטיק, אַ נישט וועט מען אָפּשמייסן!

נאָך פריער בין איך זיכער געווען, אַז מ׳וועט אָפּשמייסן, און דעריבער האָב איך איר נישט געענטפערט. זי האָט אַ פאָרסקע געטאָן, ווי אַ קאַץ, און ווי אַ קאַץ שטיל, אָן אַ גערויש, אַוועקגעגאַנגען.

מ׳האָט אָנגעצונדן צוויי לאָמפּן, זייערע געלע פייערן זענען געבליבן הענגען אונטערן פולאָפּ, ווי עמיצנס פאַרלאָרענע

אויגן, זיי הענגען און פינטלען, בלענדן פּאָרדראָסיק, פּלייסן זיך צו דערנענטערן איינער צום צווייטן.

אין אַ ווינקל האָט עמיץ געזאָגט:

— לאָמיר מאַכן אַ קערטל?

— ווי קען איך זיך אָן עצה געבן אָן אַ האַנט?

— אהא, מ'האָט דיר אָפּגעשניטן אַ האַנט!

כ'האָב גלייך אַרויסגעדרונגען: די האַנט האָט מען אָפּגעשניטן דערפאַר, ווייל דער מענטש האָט געשפּילט אין קאָרטן. און וואָס וועט מען טאָן מיט מיר, איידער מ'וועט מיך אומברענגען?

די הענט האָבן מיר געברענט און געריסן, ריכטיק ווי עמיץ וואָלט פון זיי אַרויסגעשלעפּט די ביינער. כ'האָב זיך שטיל פאַנאַנדערגעוויינט פון שרעק און ווייטאָק, און כדי קיינער זאָל נישט באַמערקן מיינע טרערן, — האָב איך צוגעמאַכט די אויגן, אָבער די טרערן האָבן אונטערגעהויבן די וויעס און געפלאָסן איבער די שלייפן, זיך אַריינגעגאָסן אין די אויערן.

די נאַכט איז געקומען, אַלע מענטשן האָבן זיך אויסגעצויגן אויף די בעטלעך, זיך באַהאַלטן אונטער די גראָע דעקעס, מיט יעדער מינוט איז געוואָרן אַלץ שטילער און שטילער, בלויז אין איינעם פון די ווינקלען האָט עמיץ געמורמלט:

— ס'וועט גאָר נישט אַרויסקומען, סיי ער איז אַ גאָרנישט, סיי זי איז אַ גאָרנישט...

ס'וואָלט גוט געווען אָנצושרייבן אַ בריוו צו דער באָבען, די זאָל קומען און מיך אַרויסגנבענען פון שפּיטאָל, כל זמן איך לעב נאָך, אָבער שרייבן איז אוממעגלעך — די הענט דינען נישט און נישטאָ אויף וואָס. מ'דאַרף פּרובירן — אפשר וועט זיך איינגעבן מאַכן פּליטה פונדאַנעט?

די נאַכט איז אַלץ טויטער געוואָרן, ווי זי וואָלט זיך איינגעשטעלט אויף אייביק. שטיל אַראָפּלאָזנדיק די פיס אויף דעם דיל, בין איך צוגעגאַנגען צו דער טיר, איין העלפט אירע איז געווען אָפן, אין קאָרידאָר, אונטערן לאָמפּ, אויף אַ הילצערנער באַנק מיט אַ אָנלען, האָב איך דערזען אַ גראָעם נאָדלער-קאָפּ, וואָס

האָט זיך געריוכערט און געקוקט אויף מיר מיט טונקעלע אויגן־לעכער. איך האָב נישט באַוויזן זיך צו באַהאַלטן.

— ווער קריכט דאָ אַרום? קום נאָר אַהער!

דער קול איז נישט קיין שרעקלעכער, אַ שטילער. כ׳בין צוגעגאַנגען, אַ קוק געטאָן אויף דעם קיילעכדיקן פּנים, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט געווען מיט קורצע האָר – אויפן קאָפּ זענען זיי געווען לאַנגע און געסטאַרטשעט אין אַלע זייטן, אַרומגענעמענדיק אים מיט זילבערנע שטראַלעכלעך, און אויפן גאַרטל ביים דאָזיקן מענטשן איז געהאָנגען אַ בונט שליסלען. וואָלט ער געהאַט אַ באָרד און לענגערע האָר, — וואָלט ער ענלעך געווען אויפן אַפּאָסטאָל פּיאָטר.

— ווער איז דאָס? — די אָפּגעבריטע הענט? וואָס קריכסטו אַרום ביינאַכט? ווער האָט דערלויבט?

ער האָט אַרויסגעלאָזן אויף מיין ברוסט און מיין פּנים אַ גרויסן וואָלקן רויך, מיך אַרומגענומען ביים האַלז מיט אַ וואַרעמער האַנט און צוגעצויגן צו זיך.

— האָסט מורא?

— יאָ!

— אַלע האָבן דאָ מורא פון אָנהויב. און מורא האָבן איז נישטאָ תּאַרוואָס. בפרט מיט מיר — כ׳וועל קיינעם נישט לאָזן באַעולען... רויכערן ווילסטו? גוט, רויכער נישט. נאָך צו פרי פאַר דיר, וואַרט אונטער אַ יאָר־צוויי... און טאַטע־מאַמע וווּ זענען? האָסט נישט קיין עלטערן! נו, איז נישט — מיר וועלן אָן זיי דורכקומען, האָב נאָר נישט קיין מורא! פאַרשטאַנען?

כ׳האָב שוין לאַנג נישט געזען קיין מענטשן, וועלכע קענען ריידן פּשוט און חבריש, מיט פאַרשטענדלעכע ווערטער — כ׳האָב געהאַט אַן אומגעהייערע הנאה פון זיינע רייד.

ווען ער האָט מיך אָפּגעפירט צו מיין בעטל, האָב איך אים געבעטן:

— זיץ אַ ביסל מיט מיר!

— מ׳קען, — איז ער מסכּים געווען.

— ווער ביסטו?

— איך? אַ זעלנער, אַ זעלנער מיט אַלע פּיטשעווקעס, פון קאַווקאַז. אויך אויף דער מלחמה געווען, וואָרום — ווי דען אַנ־דערש? אַ זעלנער לעבט פאַר דער מלחמה. כ׳האָב מלחמה גע־האַלטן מיט די אונגאַרן, מיטן טשערקעס, מיטן פּאָליאַק — וויפל דו ווילסט נאָר! די מלחמה, ברודערקע, איז אַ גרוי—זיסע פּאַסקודסטווע!

כ׳האָב אויף אַ מינוט צוגעמאַכט די אויגן, און ווען כ׳האָב זיי צוריקגעעפנט, איז אויפן זעלנערס אָרט געזעסן די באָבע אין אַ טונקל קלייד, און ער איז געשטאַנען לעבן איר און גערעדט:

— וואָס דו זאָגסט, אַלע אויסגעשטאָרבן, אַ?

אין זאַל האָט געשפּילט די זון, אָט באַגילדט זי אַלץ און באַהאַלט זיך, דערנאָך וואַרפט זי ווידער אַ שיינענדיקן קוק אויף אַלעמען, ווי אַ שפּילנדיק קינד.

די באָבע האָט זיך איינגעבויגן צו מיר, געפרעגט:

— וואָס, ליבינקער? פאַר אַ קאַליקע געמאַכט? כ׳האָב אים געוואָרנט, דעם שד דעם געלן...

— כ׳וועל באַלד אַלץ מאַכן לויטן געזעץ, — האָט דער זעל־נער געזאָגט, אַווקגייענדיק, און די באָבע האָט געווישט די טרערן פון פּנים און גערעדט:

— אַ אונזעריקער זעלנער, אַ באַלאַכאָנער, שטעלט זיך אַרויס...

כ׳בין נאָך אַלץ זיכער געווען, אַז כ׳זע אַ חלום און — געשוויגן. ס׳איז געקומען אַ דאָקטאָר, איבערגעבונדן מיינע בראַנד־וווּנדן און אָט פאַר איך שוין מיט דער באָבען אין אַ דראָזשקע איבער די גאַסן פון שטאָט. זי דערציילט:

— און דער זיידע איז שוין אינגאַנצן מטורף, אַזוי גייציק געוואָרן — אַן עקל צוצוקוקן! אַנומלטן האָט דער נייער פריינט זיינער, דער קירזשנער כליסט, אַרויסגעצויגן ביי אים פון תהלים אַ הונדערט־רובלדיקע. האָט זיך דאָס געטאָן אַביסל — אי — אי!

די זון שיינט העל, ווי ווייסע פויגל שווימען אין הימל די וואָלקנס, מיר גייען אויף דער בריק איבער דער וואָלגע, דער אייז וודיערט, בלאָזט זיך אויף, עס פליוכעט דאָס וואַסער אונטער

די סלופּעס פון בריק, אויפן פלייש-רויטן סאָבאָר פון מאַרק גליען גאָלדענע צלמים. מיר האָבן באַגעגנט אַ ברייט-פּנימדיקע פּויערטע, מיט אַ בינטל אַטלאַסנע ווערבע-צווייגן אין די הענט — דער פרי-לינג קומט, אינגיכן איז פּסחא!

דאָס האַרץ האָט גענומען צאַפּלען ווי אַ לערכע.

— כ'האָב דיך אַזוי ליב, באָבע!

דאָס האָט זי נישט געחידושט, מיט אַ רויקן קול האָט זי געזאָגט צו מיר:

— ווייל ביסט אַן אייגענער, און מיך, נישט צו רימען זיך — האָבן אויך פרעמדע ליב, געלויבט זאָלסטו זיין, גאָטס מוטער!

שמייכלענדיק האָט זי צוגעגעבן:

— אָט — אינגיכן וועט זי, די גאָטסמוטער, אַ פרייד האָבן, דער זון וועט תחית-המתים אויפשטיין! און וואַריושא, די טאַכ-טער מיינע...

און — אַנטשוויגן געוואָרן...

II

דער זיידע האָט מיך באַגעגנט אויפֿן הויף — ער איז געשטאַנען אויף די קני און אַרומגעטשעשעט מיט אַ האַק עפּעס אַ קלין. ער האָט אויפֿגעהויבן די האַק, ווי ער וואָלט זי מיר געוואָלט אַ שליידער טאָן אין קאָפּ אַריין, אַראָפּגענומען דאָס היטל און געזאָגט מיט שפּאָט:

— אַ גאָט העלף, אייער הייליקייט, אייער הויכגעבוירנקייט! שוין אויסגעדינט? נו, איצט לעבט זיך ווי אייך געפֿעלט, יאָ! עך, אי—איר...

— מיר האָבן דאָס שוין געהערט, שוין געהערט, — האָט די באָבע האַסטיק אַרויסגעזאָגט, זיך אָפּווערנדיק פֿון אים מיט דער האַנט, אַריין אין שטוב, און שטעלנדיק דעם סאַמאָוואַר, דערציילט:

— איצט איז שוין דער זיידע אינגאַנצן אַראָפּ פֿון מעמד; ווי ער האָט נאָר געהאַט אַ גראָשן, האָט ער אַלץ אָפּגעגעבן דעם טויפֿזון ניקאָלאַי אויף פּראָצענט, און קיין קוויטונגען, ווייזט אויס, נישט גענומען ביי אים — כ'ווייס נישט, ווי איז עס ביי זיי געשען, אַבי ער איז געבליבן ווי ער שטייט און גייט, פֿאַרלאָרן דאָס גאַנצע געלט. און אַלץ דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן קיין אָרימעלייט נישט אַרויסגעהאָלפֿן, אויף קיין אומגליקלעכע נישט רחמנות געהאַט — האָט גאָט אַ טראַכט געטאָן ביי זיך: טאָ צו וואָס זשע האָב איך קאַשירינס איינגעטיילט פֿון כל טוב? זיך באַטראַכט און — צוגענומען אַלץ...

זיך אַרומקוקנדיק האָט זי מיר פֿאַרטרויט:

— כ'באַמי זיך אַלץ צו שטילן אַ ביסל גאָטס צאָרן, ער זאָל דעם אַלטן נישט שטראָפֿן צו שטרענג — כ'האָב פֿון מיין

פּראַצע גענומען טיילן דורך די נעכט מתּן-בסתר. ווייסט-וואָס, קום מיט מיר היינט ביינאַכט — כ'האָב געלט...

ס'איז אַריינגעקומען דער זיידע, פאַרזשמורעט די אויגן און געפרעגט:

— פרעסן קלייבט איר זיך?

— נישט דיינס, - האָט די באָבע געזאָגט, — און אויב דו ווילסט, זעץ דיך צו, ס'וועט פאַר דיר אויך קלעקן.

ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, שטיל-שטיל אַרויס-גערעדט:

— גיס אָן...

אַלץ אין צימער האָט זיך געפונען אויפן זעלבן אָרט, בלויז דער מוטערס ווינקל האָט טרויעריק געפּוסטעוועט, און אויף דער וואַנט, איבערן זיידנס בעט, איז געהאָנגען אַ בויגן פּאַפּיר, מיט אַ גרויסער אויפשריפט אין געדרוקטע אותיות:

„יעזוס, אויסלייזער, איינציק-לעבעדיקער! זאָל דיין הייליקער נאָמען זיין מיט מיר אַלע טעג און שעהן פון מיין לעבן".

— ווער האָט דאָס געשריבן?

דער זיידע האָט נישט געענטפערט; די באָבע האָט געוואַרט אַ ווײַלע, און דערנאָך געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— דער פּאַפּיר דער דאָזיקער איז אַ הונדערטער ווערט!

— נישט דיין זאַך! — האָט דער זיידע אַ געשריי געטאָן.

— כ'וועל אַלץ פרעמדע מענטשן צעטיילן!

— צעטיילן איז נישטאָ וואָס, און ווען ס'איז געווען — האָסטו נישט צעטיילט, — האָט די באָבע רויק געזאָגט.

— האַלט ס'מויל! — האָט דער זיידע אַרויסגעקוויטשעט.

אַלץ איז דאָ אין אָרדנונג, אַלץ ביים אַלטן.

אין ווינקל, אויפן קופערט, האָט זיך קאָליאַ אויפגעכאַפּט אין וועש-קאָרב און אַרויסגעקוקט פון דאָרט — די בלאָע שטרייפעלעך פון די אויגן זעען זיך קוים פון אונטער די וויעס. ער איז נאָך גראָער געוואָרן, צעקראָכענער, ער איז ווי איינגעגאַנגען; ער האָט מיך נישט דערקענט, זיך שווייגנדיק אָפּגעקערט און צוגעמאַכט די אויגן.

אין גאָס האָבן געוואַרט אויף מיר טרויעריקע בשורות: וויאַכיר איז געשטאָרבן, אין דער מאַרטירער-וואָך האָט אים עפּעס אַ קרענק פאַרכאַפּט!

כאַבי איז אַוועק אין שטאָט, ביי יאַזין זענען די פיס אָפּגענומען געוואָרן, האָט ער נישט געקענט אַרויסקומען. דער שוואַרץ-אויגיקער קאַסטראַמאַ, וועלכער האָט מיר דאָס אַלץ איבערגעגעבן, האָט מיט כעס געזאָגט:

— שוין צו גיך שטאַרבן אויס די יאַטן!

— געשטאָרבן איז דאָך נאָר איין וויאַכיר?

— אַלץ איינס: ווער עס פאַרלאָזט די גאָס, איז גלייך ווי ער זאָל שטאַרבן. קוים ווי די באַווייזט זיך צעגויפּלעבן, זיך צוגעוווינען, און דער חבר — אָדער ער שטאַרבט, אָדער מ׳גיט אים אָפּ צו אַ בעל-מלאכה. אויף אייער הויף, ביי שטעסנאַקאָוון, וווינען נייע שכנים — יעוזוסעיענקאָ; דער בחורל — ניושקאַ, איז נישקשה, אַ פלינקער! צוויי שוועסטער האָט ער, איינע נאָך אַ קליינינקע, און די צווייטע — אַ הינקעדיקע, מיט אַ קוליע גייט זי, אַ שיינע!

טראַכטנדיק אַ ביסל, האָט ער צוגעגעבן:

— הער נאָר, איך מיט טשורקען האָבן זיך פאַרליבט אין איר, מיר קריגן זיך כסדר!

— מיט איר?

— צוואָס? צווישן זיך. מיט איר — זעלטן!

כ׳האָב, פאַרשטייט זיך, געוווּסט, אַז גרויסע יונגען און אפילו מענער פאַרליבן זיך, כ׳האָב אויך געוווּסט דעם גראָבן זין פון דעם. מיר איז געוואָרן אומאָנגענעם, כ׳האָב דערפילט אַ רחמנות צו קאַסטראָמאָן, נישט־היימלעך געקוקט אויף זיין קאַנטיקן קערפּער, אין זיינע שוואַרצע בייזע אויגן.

נאָך דעמזועלבן טאָג, אינאָוונט, האָב איך געזען דאָס לאָמע מיידל. ביים אַראָפּגיין פון גאַנעק אויפן הויף האָט זיך איר אַרויסגעגליטשט די קוליע, אומבאַהאָלפן איז זי געבליבן שטיין אויף די טרעפּלעך, זיך אָנקלאַמערנדיק אין דער פאַרענטש מיט דורכזיכטיקע הענט, אַ דינינקע, אַ שוואַכינקע. כ׳האָב געוואָלט

אויפהויבן די קוליע, אָבער די פאַרבאַנדאַזשירטע הענט האָבן מיר שלעכט געדינט, כ'האָב זיך לאַנג געפּאָרעט, זיך געערגערט, און זי, שטייענדיק העכער פאַר מיר, האָט שטיל געלאַכט:

— וואָס איז דאָס ביי דיר מיט די הענט?

— אָפּגעבריט.

— און איך — הינק. ביסט פון דעם הויף? ביסט לאַנג געלעגן אין שפּיטאָל? איך בין דאָרט געלעגן לאַ—אַנג!

אָפּזיפצנדיק האָט זי צוגעגעבן:

— זייער לאַנג!

זי האָט געטראָגן אַ ווייס קליידל מיט בלאָע פּאָדקאָווקעס, אַן אַלטס, אָבער אַ ריינס, די גלאַט־צוגעקעמטע האָר זענען געלעגן אויף דער ברוסט אין אַ דיקן קורצן צאָפּ. אויגן האָט זי געהאַט — גרויסע, ערנסטע, אין זייער רויקער טיפעניש האָט געברענט אַ בלאָ פייערל, באַלייכטנדיק דאָס אויסגעדאַרטע, שאַרף־נאָזיקע פּנימל. זי האָט אָנגענעם געשמייכלט, אָבער — נישט בושא חן געווען ביי מיר. איר גאַנץ קרענקלעך פיגורל האָט ווי געזאָגט:

— רירט מיך נישט אָן, כ'בעט אייך!

ווי אַזוי האָבן די חברים זיך געקענט פאַרליבן אין איר?

— כ'הינק שוין לאַנג, — האָט זי גערן דערציילט, ווי זי וואָלט זיך באַרימט דערמיט, — אַ שכנטע האָט מיר אָפּגעטאָן אַ כשוף, זיך צעזידלט מיט דער מאַמען און מיך פאַרכשופט, איר אויף צו להכעיס... אין שפּיטאָל איז שרעקלעך?

— יאָ...

ס'איז מיר געווען אומהיימלעך מיט איר, בין איך אַוועק אין שטוב אַריין.

אַרום האַלבע נאַכט האָט מיך די באָבע צערטלעך אויפגעוועקט.

— מיר וועלן גיין, וואָס? וועסט זיך מיען פאַר מענטשן — וועלן דיר די הענט גיכער געהיילט ווערן...

זי האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ האַנט און געפירט אין דער פינסטער, ווי אַ בלינדן. די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע, אַ פייכטע, ס'האָט כסדר געבלאָזן אַ ווינט, ווי אַ שנעלער

שטראָם פון אַ טייך, דער קאַלטער זאַמד האָט געכאַפּט פאַר די פיס. די באָבע פלעגט פּאָרזיכטיק צוגיין צו די פינסטערע פענסטער פון די אָרימע שטיבעלעך, זיך דריי מאָל איבער־צלמען און איבערלאָזן אויף די ביישטידלעך צו צענערל און דריי בייגל, זיך ווידער איבערצלמען, אַריינקוקנדיק אין שטערנלאָזן הימל, און שעפּטשען:

— הייליקע מלכּה הימלישע! — העלף די מענטשן. אַלע זענען מיר זינדיקע אַקעגן דיר, מוטערל!

וואָס מער מיר האָבן זיך דערווייטערט פון שטוב, אַלץ חיסטער און טויטער איז געוואָרן אַרום. דער נאַכטיקער הימל, וועלכן די פינסטערניש האָט ביז גאָר פאַרטיפט, האָט חי אויף תּמיד באַהאַלטן די לבנה און די שטערנס. פון ערגעץ־ווו האָט זיך אַ הונט באַוויזן, זיך אָפּגעשטעלט אַקעגן אונז און זיך צעריטשעט, אין דער פינסטערניש ברענען זיינע אויגן — כ'האָב זיך מיט פּחד צוגעדריקט צו דער באָבען.

— קיין בייז נישט, — האָט זי געזאָגט, — דאָס איז אַ פּשוטער הונט, ס'איז איצט נישט דעם טייוולס צייט, ס'איז שוין שפּעט פאַר אים, די העגער האָבן דאָך שוין געקרייט!

זי האָט צוגערופן דעם הונט, אים אַ גלעט געטאָן און געזעצהט:

— היט זיך, הינטעלע קליינס, שרעק נישט דאָס אייניקל מיינס.

דער הונט האָט זיך אַ ריב געטאָן אָן מיינע פיס און ווייטער זענען מיר שוין געגאַנגען זאַלבעדריט. צוועלף מאָל איז די באָבע צוגעגאַנגען אונטער די פענסטער, איבערלאָזנדיק אויף די ביישטידלעך „מתּן בסתר". ס'האָט גענומען שאַרען אויף טאָג, פון חושך האָבן גענומען אַרויסוואַקסן גראָע הייזער, ס'איז אַרויסגעשוומען ווייס, ווי צוקער, דער גלאָקנטורעם פון דער נאַפּאָלנער צערקווע; דער ציגלנער פּאַרקאַן פון בית־עולם איז שיטער געוואָרן, ווי אַ צוריסענע ראָגאָזשע.

— שוין מיד אויף דער עלטער, — האָט די באָבע גערעדט, — שוין צייט אַ היים! וועלן זיך אויפכאַפּן צומאָרגנס

די ווייבער, און זע — גאָטסמוטער האָט אָנגעגרייט עפּעס פאַר זייערע קינדערלעך! ווען עס פעלט אַלץ, קומט אַ ביסעלע אויך צונויף! אָך־כאָ, אָליאָשאַ, אָרים לעבט דאָס פאָלק און קיינער קימערט זיך נישט וועגן אים.

— דער רייכער טראַכט נישט וועגן גאָט.
וועגן לעצטן יום־הדין חלומט זיך אים נישט,
דער אָרימער איז אים נישט קיין ברודער,
נישט קיין פריינט,
טאָג ווי נאַכט רק געלט זאַמלט ער —
און דאָס געלט דאָס דאָזיקע וועט אין גיהנום קוילן זיין!

— אָט וואָס! לעבן דאַרף מען — איינער פאַרן צווייטן, און גאָט — פאַר אַלע! ווייסט, איך בין צופרידן, וואָס ביסט ווידער ביי מיר...

אויך איך בין פול מיט רויקער צופרידנקייט, און כ'פיל אומקלאָר, אַז איך האָב זיך באַהעפט מיט עפּעס, וואָס כ'וועל שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן. לעבן מיר האָט זיך געטרייסלט אַ געלער הונט מיט אַ פוקסישער מאָרדע און גוטע, פאַרשולדיקטע אויגן.

— ער וועט בלייבן ביי אונז?

— פון מיינעטוועגן, — זאָל ער בלייבן, אויב ער וויל. כ'וועל אים אַ בייגל געבן, צוויי זענען מיר געבליבן. קום, לאָמיר זיך צוזעצן אויף דעם בענקעלע, כ'בין עפּעס פאַרמאַטערט...

מיר האָבן זיך צוגעזעצט ביים טויער אויפן באַנק, דער הונט האָט זיך אויסגעלייגט ביי אונזערע פיס, גריזשענדיק דעם טרוקענעם בייגל, און די באָבע האָט דערציילט:

— דאָ לעבט איינע אַ יידישקע, האָט זי ניין קינדערלעך — איינס קלענער פאַרן צווייטן. פרעג איך איר: ווי אַזוי־זשע לעבסטו, מאָסעוונאַ? זאָגט זי: מיט מיין גאָט לעב איך — מיט וועמען דען זאָל איך לעבן?

כ'האָב זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער באָבעס וואַרעמער זייט און איינגעשלאָפן.

* * *

דאָס לעבן האָט ווידער גענומען פליסן שנעל און גע־דיכט, אַברייטער שטראָם איינדרוקן האָט יעדן טאָג געבראַכט דער נשמה עפּעס נייעס, וואָס האָט באַגייסטערט און באַאומ־רויקט, באַליידיקט, געצווונגען זיך צו פאַרטראַכטן.

אויך איך האָב איינגיכן מיט אַלע כּחות זיך באַמיט וואָס עפטער צו טרעפן דאָס לאָמע מיידל, ריידן מיט איר אָדער שוויי־גנדיק זיצן לעבן איר אויף אַ באַנק ביים טויער, — מיט איר איז אָנגענעם געווען אויך צו שווייגן. זי איז געווען אַ ציכטיקע, ווי דאָס פויגעלע גאָלדהענעלע, און האָט וווּנדערשיין דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי עס לעבן די קאָזאַקן ביים דאָן: זי האָט דאָרט לאַנג געלעבט ביי אַ פעטער, אַ מייסטער אין אַ אייל־מיל, דערנאָך איז איר פאָטער, אַ שלאָסער, אַריבערגעפאָרן אין ניזשני.

— און מיינער אַ צווייטער פעטער, יענער דינט ביים סאַ־מע קייזער.

אין די יום־טובדיקע אָוונטן פלעגט די גאַנצע באַפעלקע־רונג פון דער גאַס זיך אַרויסשיטן „הינטערן טויער“, די יונגען מיט די מיידן פלעגן גיין אויפן בית־עולם פירן קאַראַהאָדן, די מענער פלעגן זיך צעשיטן איבער די שענקען, אויף דער גאַס פלעגן בלייבן פרויען און קינדער. די פרויען פלעגן זיך אויסזעצן ביי די טויערן אויפן זאַמד, אָדער אויף בענק און אויפהויבן אַ מו־ראַדיקן געפילדער, זיך קריגן און טרייבן רכילות; די קינדער פלעגן שפּילן אין „לאַפּטא“*), אין „שטעט“**), די מוטערס פלעגן אַכטונג געבן אויף די שפּילן, צוגעבן מוט די פלינקע, אויסלאַכן די שלעכטע שפּילער. אַ ליאַרם איז געשטאַנען ביז אין הימל אַריין און ס'האָט געהערשט אַן אומפאַרגעסלעכע פרייד, די אָנ־וועזנהייט און די אויפמערקזאַמקייט פון „דערוואַקסענע“, אין תּוך — אַ קליינינקייט, האָט אונדז אָנגעשפּאָרנט, האָט אַריינגעטראָגן אין אַלע שפּילן אַ באַזונדערע אויפגעלעבטקייט, אַ ליידנשאַפטלע־

*) אַזאַ שפּיל מיט אַ פּילקע. (איב.)

**) אַזאַ שפּיל מיט שטעקנס און קלעצלעך. (איב.)

כע קאָנקורענץ-שטימונג. אָבער ווי שטאַרק מיר זענען אַלע דריי — זאָסטראָמאַ, טשורקאַ און איך — נישט פאַרכאַפּט געווען פונם שפּיל, פלעגט פונדעסטוועגן דאָ איינער, דאָ דער צווייטער לויפן זיך באַרימען פאַר דעם לאָמען מיידל.

— האָסט געזען, ליודמילאַ, ווי כ׳האָב אַרויסגעהאַקט פון „שטאָט" אַלע פינף קלעצלעך?

זי פלעגט ליבלעך אונטערשמייכלען, און עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד צושאָקלען מיטן קאָפּ.

פריער פלעגט זיך אונזער קאָמפּאַניע האַלטן צוזאַמען אין אַלע שפּילן, איצט אָבער האָב איך באַמערקט, אַז טשורקאַ און קאָסטראָמאַ שפּילן תמיד אין פאַרשידענע פּאַרטיעס, קאָנקורירן צווישן זיך ביי יעדער געלעגנהייט אין פלינקהייט און קראַפט, אָפט אַפילו ביז טרערן און געשלעגן. איינמאָל האָבן זיי זיך צעשלאָגן מיט אַזאַ רציחה, אַז דערוואַקסענע האָבן זיך געמוזט אַריינמישן, און די שונאים האָט מען פאַנאַנדערגעגאָסן מיט וואַסער, ווי די הינט.

ליודמילאַ, וועלכע איז דאַן געזעסן אויף אַ באַנק, האָט געטופּעט אין דער ערד מיטן געזונטן פוס, און ווען די שלעגער פלעגן זיך צוקייקלען צו איר, פלעגט זי זיי אָפּשטויסן מיט דער קוליע, שרייענדיק מיט פחד:

— הערט אויף!

איר פּנים איז געווען בלייך ביז בלאָקייט, די אויגן זענען אויסגעלאָשן און פאַרגלאָצט געוואָרן, ווי ביי אַ באַנומענער.

אַ צווייטן מאָל ווידער, ווען קאָסטראָמאַ האָט מיאוס פאַרשפּילט ביי טשורקען אַ פּאַרטיע „שטעט", האָט ער זיך באַהאַלטן הינטער אַ קאַסטן מיט האָבער ביי אַ באַקאַליי-קרעמל, זיך אַרונטערגעזעצט און שטיל זיך פאַנאַנדערגעוויינט, — דאָס איז כמעט געווען שרעקלעך: ער האָט פעסט פאַרקריצט די ציין, זיינע באַקנביינער האָבן אַרויסגעשטאַרצט, דאָס ביינערדיקע פּנים איז פאַרשטיינערט געוואָרן, און פון די שוואַרצע, פינסטערע אויגן קייקלען זיך אַרויס שווערע, גרויסע טרערן. ווען כ׳האָב אים געגנו-

מען טרייסטן, האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט, זיך ווערגנדיק פון טרערן:

— וואַרט... כ'וועל אים מיט אַ ציגל איבערן קאָפּ... ער וועט שוין האָבן!

טשורקאַ האָט פאַררייסן די נאָז, געגאַנגען אין מיטן גאַס ווי דער שטייגער פון חתן־בחורים, מיט דעם היטל אויף אַ זייט, מיט די הענט אין די קעשענעס; ער האָט זיך אויסגעלערנט ווילעריש צו שפייען דורך די ציין און פאַרזיכערט:

— אינגיכן וועל איך זיך אויסלערנען רויכערן. שוין צוויי מאָל פּרובירט, אָבער עס איבלט.

דאָס אַלץ איז מיר נישט געווען צום האַרצן. כ'האָב גע-פילט, אַז כ'פאַרליר אַ חבר, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז שול-דיק אין דעם איז ליודמילאַ.

איינמאָל אין אָונט, ווען כ'האָב סאָרטירט אויפן הויף די צענויפגעקליבענע ביינער, שמאַטקעס און אַלערליי אַלטוואַרג, איז צו מיר צוגעקומען ליודמילאַ, זיך וויגנדיק, פאָכנדיק מיט דער רעכטער האַנט.

— גוטנאָוונט, — האָט זי געזאָגט, דריי מאָל שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — קאָסטראָמאַ איז מיט דיר געגאַנגען?

— יאָ.

— און טשורקאַ?

— טשורקאַ חברט נישט מיט אונז. און אַלץ ביסטו שולדיק, זיי האָבן זיך פאַרליבט אין דיר און רייסן זיך אַרום...

זי איז רויט געוואָרן, אָבער געענטפערט מיט שפּאָט:

— וואָס נאָך! מיט וואָס בין איך דאָ שולדיק?

— טאָ פאַרוואָס ליבסטו איין?

— כ'האָב זיי נישט געבעטן זיך צו פאַרליבן! — האָט זי געענטפערט מיט כעס און אַוועקגעגאַנגען, זאָגנדיק: — דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן! כ'בין עלטער פאַר זיי, מיר איז געוואָרן פערצן יאָר. אין עלטערע מיידלאַך פאַרליבט מען זיך נישט...

— אַ סך מיט נאָך ווייסטו! — האָב איך אַ געשריי געטאָן, וועלנדיק זי באַליידיקן. — אָט איז די קרעמערקע, כליסטאָוווס

שוועסטער, שוין גאָר אַן אַלטע, און זי האָט דאָס אַבּיסל עסקים מיט די בחורים!

ליודמילאַ האָט זיך אומגעקערט צו מיר, טיף אַריינדריקנדיק איר קוליע אינעם זאַמד פון הויף.

— דו אַליין הויבּסט גאָרנישט אָן צו וויסן, — האָט זי געענטפערט ריידן שנעל, מיט טרערן אין קול, און אירע ליבּלעכע אויגן האָבּן זיך שיין אָנגעצונדן. — די קרעמערקע איז אַן אויסגעלאַסענע, און איך בּין דען, חלילה, אַזאַ? איך בּין נאָך אַ קליינינקע, מיך טאָר מען נישט טשעפּען און קנייפּן, און אַלץ... וואָלסט בּעסער פריער איבּערגעלייענט דעם ראָמאַן „די קאַמטשאַדאַלקע", די צווייטע טייל, און דאַן ריידן!

זי איז אַוועקגעגאַנגען כליפּענדיק. מיך האָט אָנגעכאַפּט א רחמנות אויף איר: אין אירע ווערטער האָט געקלונגען עפּעס אַן אמת, וואָס איז נאָך פאַר מיר געווען אומבּאַקאַנט. פאַרוואָס קנייפּן זי מיינע חברים? און זיי זאָגן נאָך — פאַרליבּט...

אויף צומאָרגנס, וועלנדיק פאַרגלעטן מיין שולד לגבּי ליודמילען, האָבּ איך געקויפט פאַר אַ זיבּענער*) קאַנדל-צוקער, איר בּאַליבּט נאַשוואַרג, ווי מיר איז בּאַקאַנט געווען.

— ווילסט?

זי האָט מיט אַ געמאַכטן כּעס געענטפערט:

— אַוועק, איך חבר נישט מיט דיר!

אָבּער זי האָט גלייך צוגענומען דעם קאַנדל-צוקער, אויסריידנדיק מיר:

— וואָלסט כאָטש אין אַ פּאַפּירל איינגעוויקלט, — די הענט דיינע זענען אַזוי שמוציק.

— כ'האָבּ געוואַשן, אָבּער מ'קען נישט דעררייבּן.

מיט איר טרוקענער און הייסער האַנט האָט זי אָנגענומען מיינע, זי בּאַטראַכט.

— ווי איבּערגעפּירט...

— און דיינע פינגער זענען צעשטאָכן...

— דאָס איז פון דער נאָדל, כ'ניי אַ סך...

*) אַזאַ מטבע פון זיבּן גראָשן. (איבּ.)

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זי, זיך אומקוקנדיק, מיר פֿאָרגעלייגט:

— הער נאָר, קום, לאָמיר זיך ערגעץ ווו באַהאַלטן און לייענען „די קאַמטשאַדאַלקע", ווילסט?

מיר האָבן לאַנג געזוכט, ווו זיך אויסצובאַהאַלטן, אין קיין אָרט איז נישט געווען באַקוועם. ענדלעך האָבן מיר באַשלאָסן, אַז בעסער פֿאַר אַלץ איז זיך צו פֿאַרקלייבן אין פֿאָדערהויז פֿון דער באָדשטוב: דאָרט איז פֿינצטער, אָבער מ'קען זיך צוזעצן צום פֿענצטער — ער קומט אַרויס אין אַ שמוציקן ווינקל צווישן אַ שטאַל און דער שכנותדיקער שעכטהויז, מענטשן קומען דאָרט זעלטן.

און אָט זיצט זי, מיטן זייט צום פֿענצטער, די קראַנקע פֿוס אויסגעצויגן אויפֿן באַנק, די געזונטע — אַראָפּגעלאָזן אויפֿן דיל, זי זיצט און, פֿאַרשטעלנדיק דאָס פּנים מיטן צעשאָטענעם ביכל, רעדט זי אויפֿגערעגט אַרויס אַ סך אומפֿאַרשטענדלעכע און אומעטיקע ווערטער. נאָר איך בין צערודערט. זיצנדיק אויפֿן דיל זע איך, ווי די ערנסטע אויגן באַוועגן זיך איבער די זייטלעך פֿון ביכל, ווי בלאָע פֿייערלעך, אַמאָל ווערן זיי פֿייכט פֿון אַ טרער, דעם מיידלס קול ציטערט, אַרויסברענגענדיק אומבאַקאַנטע ווערטער און אומפֿאַרשטענדלעכע פֿאַרבינדונגען. פֿונדעסטוועגן כאַפּ איך אויף די-דאָזיקע ווערטער, און, פֿלייסנדיק זיך זיי איבערצולייגן אין פֿערזן, דריי איך זיי איבער אויף אַלערליי אופֿנים, און דאָס שטערט מיר שוין לחלוטין צו פֿאַרשטיין, וועגן וואָס דאָס בוך דערציילט.

אויף מיינע קני דרעמלט דער הונט, כ'רוף אים — ווינט, ווייל ער איז אַ האָריקער, אַ לאַנגער, לויפֿט גיך און קוויטשעט, ווי אַ האַרבסט-ווינט אין קוימען.

— הערסט זיך איין? — פֿרעגט דאָס מיידל.

כ'שאָקל שווייגנדיק מיטן קאָפּ אויף יאָ. דער מישמאַש פֿון די ווערטער רעגט מיך אויף אַלץ מער און מער, אַלץ אומרויקער ווערט מיין פֿאַרלאַנג זיי פֿאַנאַנדערצושטעלן אַנדערש, אַזוי ווי זיי שטייען אין די לידער, ווו יעדעס וואָרט לעבט און שיינט, ווי אַ שטערן אין הימל.

ווען ס'איז פינצטער געוואָרן, האָט ליודמילאַ, אַראָפּלאָזנדיק די ווייס-געוואָרענע האַנט מיטן בוך, געפרעגט:

— ס'איז גוט, האַ? אָט זעסטו...

פון דאָזיקן אָוונט אָן פלעגן מיר אָפט זיצן אין פּאָדער-הויז פון דער באָד. צו מיין גרויס פאַרגעניגן האָט זיך ליודמילאַ איינגיכן אָפּגעזאָגט צו לייענען „די קאַמטשאַדאַלקע". כ'האָב גאָרנישט געקענט ענטפערן, ווען ווען עס רעדט זיך אין דאָזיקן אומענדלעכן בוך, אַן אומענדלעכן דערפאַר, וואָס נאָך דער צווייטער טייל, פון וועלכער מיר האָבן אָנגעהויבן צו לייענען, האָט זיך באַוויזן אַ דריטע, און דאָס מיידל האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז נאָך דאָ אַ פערטע.

באַזונדערס גוט איז אונז געווען אין טריבע טעג, אויב דער שלעכטער וועטער איז נישט אויסגעפאַלן אום שבת, ווען מ'פלעגט הייצן די באָד.

אינדרויסן גיסט אַ רעגן, — קיינער וועט נישט אַרויסגיין אויפן גאַס, וועט נישט אַריין צו אונז, אין אונזער טונקעלן ווינקל. ליודמילא האָט זייער מורא געהאַט, אַז מ'וועט אונז „פּאַקן".

— ווייסט, וואָס מ'וועט דאַן מיינען אויף אונז? — פלעגט זי שטיל-שטיל פרעגן.

איך האָב געוווסט און אויך מורא געהאַט, מ'זאָל אונז נישט „פּאַקן". גאַנצענע שעהן פלעגן מיר אָפּזיצן, רעדנדיק וועגן פאַרשידנס, אַמאָל פלעג איך איבערדערציילן דער באָבעס מעשהלעך, און ליודמילאַ — וועגן דעם לעבן פון די קאָזאַקן אויפן טייך מעדוועדיצא.

— אָי, סאַראַ מחיה דאָרט איז! — פלעגט זי אָפּזיפצן. — דאָ — וואָס איז? דאָ איז אַ לעבן נאָר פאַר קבצנים...

כ'האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווען כ'וועל אויסוואַקסן, וועל איך אומבאַדינגט זיך אַריבערכאַפּן אַ קוק טאָן אויף דעם טייך מעדוועדיצא.

אינגיכן האָבן מיר זיך אויפגעהערט צו נויטיקן אין דעם פּאָדערהויז פון באָד: ליודמילאַס מוטער האָט באַקומען אַרבעט

ביי אַ קירזשנער און פלעגט גלייך פון פרימאָרגן אַוועקגיין פון שטוב, דאָס שוועסטערל האָט זיך געלערנט אין שולע, דער ברודער האָט געאַרבעט אויף אַ קאַכל־פאַבריק. אין רעגנדיקע טעג פלעג איך קומען צום מיידל איר העלפן קאָכן, צוראַמען דאָס צימער און די קיך. זי פלעגט זאָגן:

— מיר לעבן צווישן זיך, ווי מאַן און ווייב, מיר שלאָפן בלויז באַזונדער. — מיר לעבן אפילו בעסער — מענער העלפן נישט זייערע ווייבער...

בין איך געווען ביי געלט, פלעג איך קויפן נאַשוואַרג, מיר פלעגן טרינקען טיי, און דערנאָך אָפּקילן דעם סאַמאָוואַר מיט קאַלט וואַסער, כדי ליודמילעס בייזע מוטער זאָל זיך נישט כאַפּן, אַז מ'האָט אים געוואַרעמט. אַמאָל פלעגט צו אונדז אַריינקומען די באָבע, אונטערזיצן, שטריקן שפּיצן אָדער אויסנייען, דערציילן וווּנדערלעכע מעשהלעך. און ווען דער זיידע פלעגט אַוועקגיין אין שטאָט אַריין, פלעגט זיך ליודמילאַ אַריבערקלייבן צו אונדז און זיך לאָזן זאָרגלאָז ווילגיין.

— די באָבע פלעגט זאָגן:

— אַי, גוט לעבן מיר! פאַרן אייגענעם געלט — טו וואָס דיר געפעלט!

זי האָט זיך גוט באַצויגן צו אונזער חברשאַפט.

— די חברשאַפט צווישן אַ יינגל מיט אַ מיידל איז אַ גוטע זאַך; אָבער מ'דאַרף נישט שטיפן...

און מיט די פשוטסטע ווערטער האָט זי אונדז דערקלערט, וואָס דאָס מיינט „שטיפן". גערעדט האָט זי שיין, באַגייסטערט, און איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אַז מ'דאַרף נישט רייסן די בלומען, כל זמן זיי האָבן זיך נאָכנישט פאַנאַנדערגעלאָזן, ווייל אַנישט וועלן זיי נישט געבן נישט קיין דופט און נישט קיין פרוכט.

„שטיפן" האָט זיך נישט געוואָלט, דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אַז איך און ליודמילע זאָלן רעדן וועגן דעם, וועגן וואָס ס'איז אָנגענומען צו שווייגן. גערעדט האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, פון נויט, ווייל די גראָבע פאָרם פון די געשלעכטלעכע באַציונגען

איז שוין צו אָפּט און צו בולט געקראָכן אין די אויגן און צו שאַרף באַליידיקט.

ליודמילעס פאָטער, אַ פּערציקיאָריקער שיינער מאַנסביל, האָט געטראָגן לאָקן, וואָנסעס און באַזונדערס זיגעריש באַוועגט די געדיכטע ברעמען. געווען איז ער מאָדנע שווייגעוודיק, — כ׳געדענק נישט קיין איין וואָרט, וואָס ער זאָל האָבן געזאָגט. צערטלענדיק די קינדער האָט ער געמרוקעט, ווי אַ שטומער, און אפילו דאָס ווייב האָט ער געשלאָגן שווייגנדיק.

אין די יום=טוב=אָוונטן פלעגט ער אָנטאָן אַ בלאָע העמד, פּליסענע פּלודערן און גלאַנציק=אויסגעפּוצטע שטיוול, אַרויסגיין פאַרן טויער מיט אַ האַרמאָניקע, וואָס איז פאַרוואָרפן געווען אויף אַ רימען איבער דער פּלייצע, און זיך אַוועקשטעלן ווי אַ זעלנער אויף דער וואַך. גלייך פלעגט זיך פאַרביי אונזער טויער אָנהויבן דער שפּאַציר: וויגנדיק זיך, גייען פאַרביי איינע נאָך דער צווייטער מיידלעך און פרויען, קוקנדיק אויף יעווסעענקאָן פאַרשטעלט, פון אונטער די ברעמען, און אָפן, מיט גיריקע אויגן, און ער שטייט, אַרויסשטעלנדיק די אונטערשטע ליפּ, און קוקט אויך אויף אַלע מיט אַן אויסקלויבנדיקן בליק פון די טונקעלע אויגן. ס׳איז געווען עפּעס אומאָנגענעם=הינטישעס אין דאָזיקן שטומען אויגן=שמועס, אין דער פאַמעלעכער, פאַטאַלער באַוועגונג פון די פרויען פאַרביי דעם מאַנסביל, — ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אויב דער מאַנסביל וועט נאָר באַפעלעריש אַ ווונק טאָן, וועט יעדע איינע פון זיי הכנעהדיק אַ פאַל טאָן אויפן שמוציקן זאַמד פון גאַס, ווי אַ באַטויבטע.

— ט׳זיך אויסגעשטעלט דער באָק, דער אומפאַרשעמטער פּרצוף! — וואָרטשעט ליודמילאַס מוטער. אַ דינע און הויכע, מיט אַ לאַנגן, אומריינעם פּנים, מיט קורץ=אָפּגעשאָרענע האָר נאָך אַ טיפוס=קרענק, איז זי ענלעך געווען אויף אַן אויסגעדינטן בעזים.

לעבן איר זיצט ליודמילאַ און באַמיט זיך אָן דערפאָלג

אָפּצוציִען איר אויפמערקזאַמקייט פון גאַס, זי פרעגט איר עקשנותדיק אויס וועגן עפּעס.

— טשעפּע זיך אָפּ, צרה מיינע, בעל־מום אומגליקלעכער! — מורמלט די מוטער, פּינטלענדיק אומרויִק מיט די אויגן; אירע שמאָלע מאָנגאָלישע אויגן זענען מאָדנע העל און אומבאַוועגלעך, זיך פאַרטשעפּעט אָן עפּעס און אויף תּמיד זיך אָפּגעשטעלט.

— זיי נישט אין כּעס, מאַמעשי, ס'איז שוין אַלץ איינס, — רעדט ליודמילאַ. — גיב נאָר אַ קוק, ווי די אַלמנה פון ראָגאָזשע־מאַכער האָט זיך אויסגעפּראַנטעוועט!

— כ'וואָלט זיך נאָך שענער געקענט אָנטאָן, ווען כ'זאָל אייך דריי נישט האָבן, אויסגעזויגן האָט איר מיך, אויפגעפרעסן, — ענטפערט די מוטער אומבאַרחמנותדיק און ווי דורך טרערן, זיך איינעסנדיק מיט די אויגן אין דער גרויסער, ברייטער אַלמנה פון ראָגאָזשע־מאַכער.

זי איז ענלעך אויף אַ קליין הויז, די ברוסט אירע איז אַרויסגעשטעלט, ווי אַ גאַנעק; דאָס רויטע פּנים, צוגעדעקט און אָפּגעשניטן דורך אַ גרין טיכל, דערמאָנט אַ דאַך־פענסטער, ווען די שויבן זיינע שפּיגלען אָפּ די זון.

יעווסעענקאָ האָט אַריבערגעוואָרפן די האַרמאָניקע אויף דער ברוסט און שפּילט. אויף דער האַרמאָניקע זענען דאָ אַ סך טענער, אירע קלאַנגען ציִען, ווי מיט אַן אייזערנער קראַפט, ערגעץ־ווו. פון דער גאַנצער גאַס קייקלען זיך צענויף די קינדער, פאַלן צו צו די פיס פון האַרמאָניקע־שפּילער און בלייבן ליגן אין זאַמד ווי פאַרחלשטע, אַנטציקטע.

— וואַרט נאָר, וועסט נאָך דעם קאָפּ ברעכן, — זאָגט יעווסעענקיכע צום מאַן.

שווייגנדיק וואַרפט ער אויף איר אַ קרומען קוק.

און די אַלמנה פון ראָגאָזשע־מאַכער האָט זיך ווי אַ שטיין אַנידערגעזעצט אינדערנאָענט, אויפן באַנק נעבן כּליסטאָוואַס קרעמל, און, פאַרלייגנדיק דעם קאָפּ אויפן אַקסל, הערט זי זיך צו אַ צעפלאַמטע.

אין פעלד, הינטערן בית־עולם, גליט דער זון־פאַרגאַנג, איבער דער גאַס שווימען, ווי אויף אַ טייך, בונט באַקליידטע, גרויסע שטיקער קערפּער, ווי אַ ווינט יאָגן זיך קינדער, די וואַרימע לופט איז מילד און שיכּור. דער זאַמד, אָנגעוואַרימט אין משך פון טאָג, אָטעמט מיט עפּעס שאַרפס, באַזונדערס לאָזט זיך שפּירן דער פעטער, זיסלעכער שעכטהויז־ריח — דער ריח פון בלוט; און פון די הויפן, וווּ עס וואַקסן די קירזשנערס, שמעקט געזאַלצן און עסעדיק מיט אָפּגעשווּנדן פעל. די פּלאַפּלעריי פון ווייבער, די שיכּורע קולות פון די מאַנסבילן, די קלינגנדיקע געשרייען פון די קינדער, דער באַסאָווער געזאַנג פון דער האַרמאָניקע — אַלץ גיסט זיך צענויף אין אַ געדיכטן גערויש, מעכטיק זיפּצט אָפּ די אומדערמידלעך־שאַפנדיקע ערד. אַלץ איז גראָב, נאַקעט, און עס גיט אַ גרויסן, שטאַרקן געפיל פון צוטרוי צום דאָזיקן שוואַרצן לעבן, וואָס איז אַזוי זיך באַרימעריש אומפאַרשעמט־חיהש, אַרויסשטעלנדיק מיט זיינע כּחות, זוכט עס טרויעריק און אָנגעשטרענגט אַן אָרט, ווו זיי אויסצוגיסן.

און דורכן רעש דערגייען צייטנווייז צום האַרצן עפּעס מאָדנע אימהדיקע ווערטער, וועלכע קריצן זיך איין אויף תּמיד אין זכּרון:

— איינער קען אַלע פאַראַמאַל נישט שלאָגן — מ׳דאַרף נאָך דער ריי גאָך...

— ווער וועט אויף אונז רחמנות האָבן, ווען מיר אַליין האָבן נישט אויף זיך קיין רחמנות...

— האָט דען גאָט באַשאַפן דאָס ווייב צום געלעכטער?...

באַלד ווערט נאַכט; די לופט איז קילער, דער גערויש איינגעהאַלטענער, די הילצערנע הייזער ווערן אָנגעשוואָלן, וואַקסן אויס, זיך אָנקליידנדיק אין שאָטנס. די קינדער האָט מען צעשלעפּט איבער די הויפן — שלאָפן, אַנדערע זענען איינגעשלאָפן הינטער די פּלויטן, נעבן די פיס און אויף די שויסן פון די מוטערס. אַביסל עלטערע קינדער ווערן צו נאַכט־צו רויקער, ווייכער. יעווסעענקאָ איז אומבאַמערקבאַר פאַרשווונדן, ווי אויסגערונען געוואָרן, די אלמנה פון ראָגאָ־

זשע-מאַכער איז אויך נישטאָ, די באַסאָווע האַרמאָניקע שפּילט ערגעץ-ווו ווייט, הינטערן בית-עולם. ליודמילאַס מוטער זיצט אויפן באַנק איינגעקאָרטשעט, אויסבויגנדיק די פּלייצע, ווי אַ קאַץ. מיין באָבע איז אוועק טרינקען טיי צו אַ שכנה, אַ הויבאַם און אַ „מומע”, — אַ גרויסע, אָדערדיקע פרוי מיט אַ נאָז פון אַ קאַטשקע און אַ גאָלדענעם מעדאַל, „פאַר ראַטעווען מענטשן פון טויט”, אויף דער פלאַכער מענערישער ברוסט. די גאַנצע גאַס האָט מורא פאַר איר, מ׳האַלט זי פאַר אַ מכשפה; מ׳זאָגט וועגן איר, אַז בעת אַ שרפה האָט זי אַרויסגעטראָגן פון פייער דריי קינדער פון עפּעס אַ פּאָלקאָווניק און זיין קראַנקע ווייב.

די באָבע חברט מיט איר; טרעפט מען זיך אויפן גאַס, הויבןביידע אָן צו שמייכלען נאָך פון דער ווייטנס אַזוי מאָדנע גוט.

קאָסטראָמאַ, ליודמילע און איך זיצן ביים טויער אויף אַ באַנק; טשורקאַ האָט אַרויסגערופן ליודמילעס ברודער אויף אַ קאַמף, — זיך אַרומנעמענדיק, טאָפּטשען זיי זיך אויפן זאַמד און מאַכן אָן אַ שטויב.

— הערט אויף! — בעט זיך ליודמילע מיט שרעק.

קוקנדיק אויף איר פון אַ זייט מיט זיינע שוואַרצע אויגן, דערציילט קאָסטראָמאַ וועגן יעגער קאַלינין, אַ גראָעטשקן אַלטיטשקן, מיט כיטרע אויגן, אַ מענטשן מיט אַ שלעכטן שם, וואָס איז באַקאַנט אין דער גאַנצער פאָרשטאָט. ער איז נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן, מ׳האָט אים אָבער נישט באַגראָבן אין זאַמד פון בית-עולם, נאָר מ׳האָט אַוועקגעשטעלט די טרומנע אויף דער ערד פון אויבן, אין אַ זייט פון די אַנדערע קברים. די טרומנע איז אַ שוואַרצע, אויף הויכע פיסלאַך, איר דעקל איז באַפאַרבט מיט ווייסן פאַרב, — עס איז אויסגעמאָלט אַ צלם, אַ פּיקע, אַ שטעקן און צוויי ביינער.

נאַכט ביי נאַכט, ווי נאָר עס ווערט פינסטער, פאַרלאָזט דער אַלטער די טרומנע און גייט אַרום איבערן בית-עולם, זוכט עפּעס כסדר ביז די הענער קרייען צום ערשטן מאָל.

— רעד נישט וועגן שרעקלעכס! — בעט זיך ליודמילע
— לאָז! שרייט טשורקאַ, זיך באַפרייענדיק פון איר ברודערס אָרימס, און זאָגט שפּאָטיש צו קאָסטראָמען: — וואָס פליאַדערסטו? כ׳האָב אַליין געזען, ווי מ׳האָט באַגראָבן די טרומנע, און פונדערהויך איז אַ פּוסטע, פאַר אַ דענקמאָל... און אַז דער טויטער גייט אַרום — דאָס האָבן שכּורע שמידן אויסגעטראַכט...
קאָסטראָמאַ האָט פאַרגעלייגט מיט כּעס, נישט קוקנדיק אויף אים:
— אויב אַזוי, טאָ גיי שלאָף זיך דורך אויפן בית-עולם!
זיי האָבן זיך גענומען שפּאַרן, און ליודמילע, לאַנגווייליק צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, האָט געפרעגט:
— מאַמעשי, טויטע שטייען אויף ביינאַכט?
— שטייען אויף, — האָט איבערגעזאָגט די מוטער, ריכטיק ווי פונדערווייטנס וואָלט זיך אָפּגערופן אַ ווידערקול.
ס׳איז צוגעקומען דער קרעמערקעס זון, וואַליאָק, אַ דיקער, רויטער בחור פון אַ יאָר צוואַנציק, זיך צוגעהערט צו אונדזער אַמפּעריי, און געזאָגט:
— ווער פון אייך דריי עס וועט דורכליגן אויף דער טרומנע ביז פאַרטאָג — באַקומט אַ פּערציקער און אַ צענדליק פּאַפּיראָסן, און ווער עס וועט זיך איבערשרעקן, — וועל איך אים די אויערן אָנרייסן, וויפל ס׳וועט אַריין, נו?
אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן, זיך פאַרשעמט, און ליודמילעס מוטער האָט געזאָגט:
— ס׳אַראַ נאַרישקייטן! צי דען מעג מען קינדער אָנ-ריידן צו אַזאַ זאַך...
— אַ רובל גיב, וועל איך גיין! — האָט טשירקאַ, אַן אָנגעכמורעטער, פאַרגעלייגט.
קאָסטראָמע האָט גלייך אונטערגעשטעלט אַ פּיסל:
— און פאַר אַ פּערציקער — ציטערסטו?
און געזאָגט צו וואַליאָקן:

— גיב אים אַ רובל, סיי ווי וועט ער נישט גיין, ער באַרימט זיך נאָר...

— נאַ, ט׳האָסטו אַ רובל!

טשורקא האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און שווייגנ־דיק, נישט געאײַלט, גענומען אַוועקגיין, זיך האַלטנדיק נאָנט פון פאַרקאַן. קאָסטראָמע האָט אַרײַנגערוקט אין מויל אַ פּאָר פינגער, הילכיק אים נאָכגעשיקט אַ פײַף, און ליודמילע האָט אומרויק גענומען רעדן:

— אַך, גאָט מײַנער, סאַראַ באַרימער — וואָס טוט זיך דאָ!

— נישט פאַר אײַך געזאָגט געוואָרן, פּחדנים! — האָט וואַליאָק הויזק געמאַכט, — און איר שמט נאָך פאַר די ערשטע שלעגער פון דער גאַס, איר קעצעלעך...

ס׳איז פאַרדראָסיק געווען צוצוהערן זײַנע שפּאָט־רייד; דערדאָזיקער זאַטער בחור איז אונז נישט געפעלן געווען, ער פלעגט שטענדיק אונטערהעצן די קינדער אויף ווילדע שטיקלעך, פלעגט זיי דערציילן עקלהאַפטע רכילותן וועגן די מיידלעך און ווייבלעך, פלעגט לערנען זיך רייצן מיט זיי; די קינדער פלעגן אים הערן און טייער באַצאָלן דערפאַר. ער האָט אָן אַ פאַרוואָס פײַנט געהאַט מיין הונט, פלעגט וואַרפן אין אים שטיינער; איינמאָל האָט ער אים אונטערגעוואָרפן אין ברויט אַ נאָדל.

אָבער נאָך פאַרדראָסיקער איז געווען צוצוזען, ווי טשורקא גייט אַוועק אָן איינגעקאָרטשעטער, אַ פאַרשעמטער.

האָב איך געזאָגט צו וואַליאָקן:

— גיב אַהער דעם רובל, איך גיי...

אָפּלאַכנדיק און שרעקנדיק מיך האָט ער דערלאַנגט דעם רובל דער יעוסעענקיכען, אָבער די פרוי האָט שטרענג געזאָגט:

— כ׳וויל נישט, כ׳וועל נישט נעמען!

און אַוועקגעגאַנגען אַ בייזע. ליודמילאַ האָט זיך אויך נישט געקענט אַנטשיידן צו נעמען דאָס פּאַפּירל; דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט וואַליאָקס שפּאָט־רייד. כ׳האָב שוין גע־

וואָלט גיין, נישט פּאָדערנדיק פון בחור דאָס געלט, אָבער אין דעם איז צוגעקומען די באָבע און דערוויסנדיק זיך, אין וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָט זי צוגענומען דעם רובל און רויק געזאָגט צו מיר:

— טו אָן דעם פּאַלטנדל און די דעקע נעם מיט, פאַרטאָג צו וועט קאַלט ווערן...

אירע ווערטער האָבן מיר געגעבן די האָפנונג, אַז קיין שום שרעקלעכעס וועט מיט מיר נישט געשען.

וואַליאַק האָט אויסגענומען אַ תנאי, אַז ביז פאַרטאָג דאַרף איך ליגן אָדער זיצן אויף דער טרומנע, נישט אַראָפּגיין פון איר פאַר קיין פאַל, וואָס עס זאָל נישט געשען, אויב די טרומנע זאָל זיך אפילו אַ וואַקל טאָן, ווען דער אַלטער קאַלינין וועט נעמען אַרויסקריכן פון קבר. אויב כ'וועל אַראָפּשפּרינגען אויף דער ערד, פאַרשפּיל איך.

— היט זיך, — האָט וואַליאַק געוואָרנט, — כ'וועל דיך אַ גאַנצע נאַכט נאָכשפּירן!

ווען איך בין אַוועק אויפן בית-עולם האָט מיך די באָבע איבערגעציילמט און אָנגעזאָגט:

— אויב דיר וועט זיך וואָס אָפּדוכטן, ריר זיך נישט, חזר בלויז די תפלה „גאָטסמוטער בתולה פריי זיך...“

כ'בין געגאַנגען גיך, ס'האָט זיך געוואָלט וואָס פריער אָנהויבן און דאָס אַלץ ענדיקן. ס'האָבן מיך באַגלייט וואַליאַק, קאָסטראָמע און נאָך אַ פּאָר בחורים. אַריבערקריכנדיק איבערן ציגלפּלויט האָב איך זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער דעקע, בין אומגעפאַלן און גלייך אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, ווי דער זאַמד וואָלט מיך אויפגעוואָרפן, הינטערן פּאַרקאַן האָט מען געלאַכט. ס'האָט זיך עפּעס ביי מיר אָפּגעריסן אין ברוסט, איבער דער פּלייצע איז אַדורכגעלאָפן אַן אומאָנגענעמע קעלט.

שטרויכלענדיק זיך בין איך דערגאַנגען צו דער שוואַרצער טרומנע. פון איין זייט איז זי פאַרשאָטן געווען מיט זאַמד, פון דער צווייטער — זענען אירע קורצינקע, גראָבינקע פיסלעך געווען אָפּגעדעקט, פונקט ווי עמיץ וואָלט זיך באַמיט

זי אויפצוהויבן און א ריר געטאָן פון אָרט. כ׳האָב זיך אַנידערגע־זעצט אויפן ראַנד פון דער טרומנע, צו איר צופוסנס, זיך אַרומ־געקוקט: דער בערגלדיקער בית־עולם איז ענג פאַרשטעלט מיט גראָע צלמים, די שאָטנס האָבן זיך צעלייגט איבער די קברים און אַרומגענומען זייערע פאַרוואַקסענע בערגלעך. ווו־נישט־ווו, ווי פאַר־בלאָנדזשעטע צווישן די צלמים, שטאַרטשען דינינקע, מאָגערע, בעריאָזקעלעך, פאַרבינדנדיק מיט די צווייגן די פאַנאַנדערגעוואָר־פענע קברים; דורך דעם שפּיצן־געוועב פון זייערע שאָטנס שטעקן אַרויס גרעזעלעך — דידאָזיקע גראָע באַוואַקסנקייט איז דאָס שרעקלעכסטע! ווי אַ שניי־באַרג האָט זיך אויפגעהויבן צום הימל די צערקווע, צווישן די אומבאַוועגלעכע וואָלקנס לייכט אַ קליינע צעשמאָלצענע לבנה.

יאָזאַס פּאָטער — „אַ מאַנסביל אַ גאָרנישט" — קלינגט פויל אין וואַך־גלאָק; יעדעס מאָל, ווען ער ציט ביים שטריק, פאַרשטעפּעט ער זיך אין דעם אייזנבלעך פון דאַך און גיט אַ נעבעכדיקן סקריפּ, דערנאָך דערהערט זיך אַ טרוקענער קלאַפּ פון קליינעם גלאָק, — ער קלינגט קורץ, לאַנגווייליק.

— זאָל גאָט באַשירעמען פון שלאָפלאָזיקייט, — דערמאָנט זיך מיר דעם נאַכט־שומרס אַ ווערטל.

ס׳איז אימהדיק. און ס׳איז עפּעס שטיקנדיקס. כ׳באַגיס זיך מיט שווייס, כאָטש די נאַכט איז אַ קילע. וועל איך באַוויזן צו־צולויפן צום שומרס הייזל, אויב דער אַלטער קאַלינין וועט נעמען אַרויסקריכן פון קבר?

דער בית־עולם איז מיר גוט באַקאַנט, צענטליקער מאָל האָב איך זיך געשפּילט צווישן די קברים מיט יאזאן און אַנדערע חברים. אָ, דאָרט, נעבן צערקווע, ליגט באַגראָבן מיין מאַמע...

נישט אַלץ שלאָפט שוין, פון פאָרשטאָט דערטראָגן זיך גע־לעכטער קולות, אָפּגעריסענע שטיקלעך לידער. אויף די בערגלעך אין די באַן־זאַמד־גריבער, פונוואַנעט מ׳נעמט זאַמד, אָדער ערגעץ ווו אין אַ דאָרף קאַטיזאָווקאַ, שרייט־פאַרכליניעט זיך אַ האַרמאָ־ניקע, הינטערן פאַרקאַן גייט תמיד אַרום דער שפּורער שמיד מיאַטשאָוו און זינגט, — כ׳געדענק אים לויט דעם ליד:

און ביי אונזער מאַמענקע
זענען זינד נאָר קלייניקע, —
ליבן ליבט זי איינעם,
בלויז דעם טאַטן — ווייטער
קיינעם...

ס'איז אנגענעם צו הערן דעם לעצטן אָטעם פון לעבן, אָבער נאָך יעדן גלאָקן־קלונג ווערט שטילער, די שטילקייט צעגיסט זיך, ווי אַ טייך איבער לאָנקעס, פאַרגיסט אַלץ, דעקט צו די נשמה, שווימט אין דער אומבאַגרענעצטער אומענדלעך־טיפער פוסטקייט און ווערט אויסגעלאָשן, ווי אַ אָנגעצונדענע שוועבעלע אין דער פינצטער, זי צעגייט און לאָזט קיין שפור נישט אין ים פון דער־דאָזיקער פוסטקייט, ווו עס לעבן, פינקלענדיק, בלויז די אומדער־גרייכבאַרע שטערן, און אַלץ אויף דער ערד איז פאַרשוווּנדן, אומנויטיק און טויט.

איינגעטוליעט אין דער דעקע, די פוס אונטער זיך, בין איך געזעסן אויף דער טרומנע מיטן פנים צו דער צערקווע, און ביי יעדן ריר מיינעם האָט די טרומנע געסקריפעט, דער זאַמד אונטער איר האָט געכרושטשעט.

הינטער מיר האָט עפעס אַ זעץ געטאָן אין דער ערד איינ־מאָל און אַ צווייטן, דערנאָך איז נאָנט פון מיר געפאַלן אַ שטיק ציגל, — דאָס איז געווען שרעקלעך. כ'האָב זיך אָבער גלייך גע־כאַפּט, אַז דאָס וואַרפן פון הינטערן פאַרקאָן וואַליאָק און זיין חברה, זיי ווילן מיך איבערשרעקן. אָבער די נאָנטקייט פון מענטשן האָט מיר גוט געטאָן.

נישט ווילנדיק האָט זיך געטראַכט וועגן דער מאַמען... איינמאָל, ווען כ'האָב פּרובירט רויכערן פּאַפּיראָסן, האָט זי מיך גענומען שלאָגן, און איך האָב געזאָגט:

— טשעפּע מיך נישט, מיר איז שוין אַזוי אויך שלעכט, עס איבלט זייער...

דערנאָך בין איך געזעסן הינטערן אויוון, אַ באַשטראָפטער און זי האָט געזאָגט צו דער באָבען:

— אַ קינד אָן אַ געפיל, קיינעם האָט ער נישט ליב...

ס'איז פאַרדראָסיק געווען דאָס צו הערן. ווען די מאַמע פלעגט מיך באַשטראָפן, פלעג איך רחמנות האָבן אויף איר, כ'האָב איר נישט געקענט קוקן אין די אויגן: זעלטן פלעגט זי באַשטראָפן גערעכט, לויט די פאַרדינסטן.

און בכלל געשען אַ סך עוולות אין לעבן, אַט נעמט אפילו דידאָזיקע מענטשן הינטערן פּאַרקאַן, — זיי ווייסן דאָך זייער גוט, אַז איך שרעק מיך איינער אַליין אויפן בית-עולם, און ווילן נאָך מער אָנשרעקן. פאַרוואָס?

כ'האָב געהאַט אַ חשק אַ געשריי טאָן צו זיי:

— כאַפּט אייך דער רוח!

דאָ האָט אָבער געשטעקט אַ סכנה, — ווער ווייס, ווי אַזוי דער „רוח" וועט אויף דעם קוקן. ער מוז דאָ זיין ערגעץ אינדערנאָנט.

אין זאַמד געפינען זיך אַ סך שטיקלעך גלימערשטיין, זיי האָבן מאַט געלויכטן אין לבנה-שיין, און דאָס האָט מיר דערמאָנט, ווי אַזוי איינמאָל ליגנדיק אויף די טראָטוועס אויף דער אָקע, האָב איך אַריינגעקוקט אין וואַסער, — און פּלוצלונג איז אַרויסגעשווומען כמעט צום סאַמע פּנים אַ גליסטער *) זיך איבערגעקערט אויף אַ זייט און ענלעך געוואָרן אויף אַ מענטשלעכע באַק, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַ קיילעכדיקן פויגלשן אויג, זיך אַ ניורע געטאָן און אַראָפּ אין דער טיפעניש, זיך וואַקלענדיק ווי אַ פּ אַלנדיקע קליאָן-בלאַט.

דער זכרון האָט געאַרבעט אַלץ אינטענסיווער, דערוועקנדיק צום לעבן פאַרשידענע צופאַלן, ריכטיק ווי ער וואָלט זיך דורך זיי געשיצט קעגן דער פאַנטאַזיע, וואָס האָט עקשנותדיק געשפּיגט שרעקלעכעס.

אָט קייקלט זיך אַ נאָדלער קלאַפּנדיק איבערן זאַמד מיט די האַרטע לאַפּקעלעך: ער זעט אויס ווי אַ שטוב-שד — אויך אַזאַ קליינינקער, אַ צעשטויבטער.

כ'דערמאָן זיך, ווי די באָבע, זיך אַראָפּזעצנדיק צו דער ערד פאַר דער קוטשע הינטערן אויוון, פלעגט רעדן:

---

*) אַזאַ מין פיש. (איב.)

— ליבער באַלעבאָס, פאַרטרייב די פרייסן...

ווייט הינטער דער שטאָט — וועלכע כ'האָב נישט געקענט זען — איז געוואָרן אַלץ ליכטיקער, די פרימאָרגן-קעלט האָט פאַרשטייפט די באַקן, די אויגן האָבן זיך געקלעפּט. כ'האָב זיך צענויפגעדרייט אין דרייען, פאַרדעקט די קאָפּ מיט דער דעקע זאָל זיין, וואָס עס וויל זיך!

אויפגעוועקט האָט מיך די באָבע, זי שטייט נעבן מיר, שלעפּט אַראָפּ די דעקע און זאָגט:

— שטיי אויף! ביסט פאַרפרוירן? נו, וואָס, ס'אי שרעקלעך?

— ס'אי נישט שרעקלעך? אָבער דערציייל קיינעם נישט וועגן דעם, די קינדער דערציייל נישט!

— צו וואָס שווייגן? — האָט זי זיך פאַרוווּנדערט. — אויב ס'איז נישט שרעקלעך, איז נישטאָ זיך מיט וואָס צו באַרימען...

מיר זענען אַוועק אַהיים, אויפן וועג האָט זי צערטלעך גערעדט:

— אַלץ דאַרף אַ מענטש דורכמאַכן, קרוינעלע מיינס, אַלץ דאַרף אַ מענטש וויסן... וועסט אַליין זיך נישט לערנען, — וועט קיינער נישט אויסלערנען...

אַרום אָוונט-צייט בין איך שוין געווען דער „העלד" פון גאַס, אַלע האָבן מיך געפרעגט:

— צי דען איז טאַקע נישט שרעקלעך?

און ווען כ'האָב געענטפערט:

— ס'אי שרעקלעך?

האָבן זיי צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און אויסגעשריגן:

— אַהאַ! זעסטו שוין?

די קרעמערקע אָבער האָט הויך און איבערצייגט דערקלערט:

— איז עס הייסט עס אַ ליגן, אַז קאַלינין שטייט אויף. ווען ער זאָל אויפשטיין, וואָלט ער זיך דען דערשראָקן פאַר אַ יינגל? ער וואָלט אים דאָך אַ שליידער געטאָן פון בית-עולם, — מ'וואָלט אפילו נישט געוווּסט ווּהין.

ליודמילע האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ פריינטלעכער

פארוואונדערונג, אפילו דער זיידע איז, קענטיק, צופרידן געווען מיט מיר, כסדר זיך געשמאָלצן אין אַ שמייכעלע. בלויז טשורקא האָט געזאָגט אַן אָנגעכמורעטער:

— אים איז לייכט, ער האָט אַ באָבע — אַ מכשפה!

III

אומבאמערקט, ווי אַ קליינינקער שטערנדל ביים זון־אויפ־גאַנג, איז אויסגעגאַנגען דאָס ברודערל קאַליע. די באָבע, ער און איך זענען מיר געשלאָפן אין אַ קליין שטעלעכל, אויף האָלץ, באַדעקטע מיט אַלערליי שמאַטעס; דערלעבן, הינטער אַ ברעטער־ווענטל מיט שפּאַלטן, האָט זיך געפונען דעם באַלעבאָס הינער־שטייג. אָוונטצייט פלעגן מיר הערן, ווי עס טרייסלען זיך אויף און עס קוואָקען די זאַטע הינער, איינשלאָפנדיק; פאַרטאָג פלעגט אונז וועקן דער גאָלדענער האָן, דער שרייער.

— אָך, זאָלסט פאַרכאַפּט ווערן! — פלעגט די באָבע וואָרטשען, זיך אויפכאַפּנדיק.

איך פלעג שוין ליגן אויף, זיך צוקוקנדיק, ווי דורך די שפּאַרעס פון האָלץ־שטאַל שלאָגן זיך צו אויף מיין בעט די שטראַלן פון דער זון, און אין זיי טאַנצט עפּעס אַ מין זילבערנער שטויב, — און דידאָזיקע שטויבעלעך זענען ווי ווערטער אין אַ צויבער־מעשהלע. צווישן האָלץ רוישן מייז, לויפן אַרום רויטינקע משה־רבינוס קיעלעך מיט שוואַרצע קראָפּקעלעך אויף די פליגלען.

אַמאָל, זיך ראַטעווענדיק פון די שטיקנדיקע אויסדאַמפונגען פון הינער־מיסט, פלעג איך אַרויסקריכן פון האָלץ־שטאַל, זיך פאַרקלייבן אויף זיין דאַך און זיך צוקוקן, ווי אין הויז כאַפּן זיך אויף מענטשן מיט אויגן, גרויסע, אויפגעלאָפענע פון שלאָף.

אָט האָט זיך אַרויסגעשטעקט פון פענצטער דער האָריקער קאָפּ פון שיפל־איבערפירער פּעזמאַנאָוו, דעם בייזן שכור. ער קוקט אויף דער זון מיט די קליינינקע שפּעלטעלעך פון די פאַרגאָסענע אויגן און כ׳רוקעט ווי אַ חזיר. עס לויפט אַרויס אויפן הויף דער

זיידע, צוגלעטנדיק מיטביידע הענט די געלינקע הערעלעך — ער איילט אין באַד זיך אָפּצוגיסן מיט קאַלט וואַסער. די באַרעדעוודיקע קעכין פון הויז-באַלעבאָס, אַ שאַרף-נאַזיקע, געדיכט באַשאָטן מיט זומער-שפּרענקעלעך, איז ענלעך אויף אַ קוקאַווקע, דער באַלעבאָס אַליין — אויף אַן אַלטן, פּעטגעוואָרענעם זכר-טויב, און אַלע מענטשן זענען ענלעך אויף פויגלען, בהמות און חיות.

דער פרימאָרגן איז אַזאַ ליבער, אַ קלאָרער, אָבער מיר איז אַביסל אומעטיק און ס'ווילט זיך אַוועק אין פעלד, ווו קיינער איז נישטאָ, — איך ווייס שוין, אַז די מענטשן וועלן, ווי תמיד, פאַרברודיקן דעם ליכטיקן טאָג.

איינמאָל, ווען איך בין געלעגן אויפן דאַך, האָט מיך די באָבע אַראָפּגערופן און געזאָגט שטיל, אַ ווונק געבנדיק מיטן קאָפּ אויף איר בעט:

— קאָליאַ איז געשטאָרבן...

דאָס ייִנגל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דעם סיצענעם קישן און געלעגן אויף דער פילצענער קאָלדרע, אַ בלאָלעכער, אַ נאַקעטער, דאָס העמדעלע האָט זיך פאַרשאַרצט צום האַלדז, אָפּדעקנדיק אַן אויפגעלאָפן בייכל און קרומע פיסלעך מיט וווּנדן, הענט זענען מאָדנע אונטערגעלייגט אונטערן קרייץ, ווי ער וואָלט זיך אַליין וועלן אונטערהויבן. דער קאָפּ איז אַביסעלע פאַרלייגט אויף אַ זייט.

— געלויבט איז גאָט, געשטאָרבן, — האָט די באָבע געזאָגט, צעקעמענדיק אירע האָר, — צוואָס וואָלט ער געלעבט, די קאַליקע?

אונטערקלאַפּנדיק מיט די פיס, ווי ער זאָל טאַנצן, איז אַראָפּגעקומען דער זיידע, פאָרזיכטיק אָנגערירט מיטן פינגער דעם קינדס צוגעמאַכטע אויגן; די באָבע האָט בייז אַ זאָג געטאָן:

— וואָס טשעפּעסטו מיט נישט געוואַשענע הענט?

ער האָט גענומען שטאַמלען:

— אָט האָט מען געבוירן... געלעבט, געגעסן... נישט דאָס, נישט יענץ...

— כאַפּ זיך אויף, — האָט אים די באָבע איבערגעריסן.

ער האָט בלינד אַ קוק געטאָן אויף איר און אַרויס אויפן הויף, זאָגנדיק:

— איך האָב נישט פאַר וואָס צו באַגראָבן, טו אַליין, ווי דו ווילסט...

— פע, דו אומגליקלעכער!

איך בין אַוועק און ביזן סאַמע אָוונט זיך אומגעקערט אַהיים.

קאַליאַן האָט מען מקבר געווען צומאָרגנס גלייך אין דער פרי; איך בין נישט געגאַנגען אין צערקווע און די גאַנצע צייט פון גאָטעסדינסט געזעסן ביי דער מוטערס צעגראָבענעם קבר צוזאַמען מיטן הונט און יאַזאָס פאָטער. ער האָט אויסגעגראָבן דעם קבר פאַר ביליק און נישט אויפגעהערט זיך צו רימען מיט דעם פאַר מיר.

— דאָס האָב איך נאָר פון קאַנטשאַפט וועגן, אַזוי איז אַ רובל...

פאַרקוקנדיק אין דער געלער גרוב, פונוואַנעט ס'האָט זיך געטראָגן אַ שווערער ריח, האָב איך געזען אין איר זייט שוואַרצע פייכטע ברעטער. ביי מיין קלענסטער באַוועגונג פלעגן זיך אָפּשיטן די הויפנס זאַמד אַרום קבר, דינע שטראָמעלעך זענען גערונען צום דעק, איבערלאָזנדיק איבער די זייטן קנייטשן. כ'האָב זיך אומישנע באַוועגט, כדי דער זאַמד זאָל פאַרדעקן דידאָזיקע ברעטער.

— שטיף נישט, — האָט געזאָגט יאַזאָס פאָטער, רויכערנדיק.

די באָבע האָט געבראַכט אויף די הענט דאָס ווייסע טרומנעלע, „דער גאָרנישט" איז אַריינגעשפרונגען אין גרוב, צוגענומען די טרומנע, זי אַוועקגעשטעלט נעבן די שוואַרצע ברעטער און אַרויסשפרינגענדיק פון קבר, גענומען אַריינוואַרפן דאָרט זאַמד אי מיט די פיס, אי מיטן רידל. זיין פיפקע האָט גערויכערט, ווי אַ קטרת־פאַן. דער זיידע מיט דער באָבען האָבן אים שווייגנדיק צוגעהאָלפן. עס זענען נישט געווען קיין גלחים, נישט קיין בעטלערס, בלויז מיר זאַלבעפערט אין געדיכטן וואַלד צלמים.

אָפּגעבנדיק דעם סמרוזש דאָס געלט, האָט די באָבע געזאָגט מיט אַ פאָרוואורף:

— און פונדעסטוועגן האָסטו באַומרויקט וואַריאַס טרומנע...

— ווי זשע אַנדערש? כ׳האָב שוין אַזוי אויך פאַרכאַפּט פרעמדע ערד, ס׳מאַכט נישט אויס!

די באָבע האָט זיך פאַרנייגט צום קבר ביז צו דער ערד, האָט אַ כליפּע געטאָן, אַ וואָיע געטאָן און איז אַוועקגעגאַנגען, און הינטער איר — דער זיידע, באַהאַלטנדיק די אויגן אונטערן דאַשעק פון היטל, צופּנדיק דעם אויסגעריבענעם סורדוט.

— אין אַ נישט צעאַקערט פעלד האָט מען געזייט, — האָט ער פלוצלינג געזאָגט, אַוועקלויפנדיק פּערויס, ווי אַ קראָ איבערן פעלד.

כ׳האָב געפרעגט דער באָבען:

— וואָס מיינט ער?

— דער גוטער יאָר ווייס אים! ער האָט זיך זיינע געדאַנקען — האָט זי אָפּגעענטפערט.

ס׳איז געווען הייס, די באָבע איז געגאַנגען שווער, אירע פיס זענען געזונקען אין וואַרימען זאַמד, זי האָט זיך אָפט אָפּגעשטעלט, אָפּווישנדיק דעם שווייסיקן פּנים מיט אַ טיכל.

כ,האָב איר געפרעגט מיט גרויס מי:

— דאָס שוואַרצע אין קבר — איז די מאַמעס טרומנע?

— יאָ, — האָט זי בייז געזאָגט. — דער נאַרישער הונט... נאָך קיין יאָר נישטאָ, און וואַריאַ איז שוין פאַרפוילט געוואָרן! דאָס איז אַלץ פון זאַמד, — ער לאָזט אַדורך וואַסער. ווען ס׳וואָלט זיין ליים, איז בעסער...

— אַלע פוילן?

— אַלע. בלויז הייליקע נישט...

— דו וועסט נישט פוילן!

זי איז שטיין-געבליבן, פאַרריכט דאָס היטל אויף מיין קאָפּ און ערנסט געעצהט:

— טראַכט נישט וועגן דעם, מ׳דאַרף נישט. הערסט?

איך אָבער האָב געטראַכט: „ווי באַליידיקנדיק און אָפּשטויסנ־דיק עס איז דער טויט. סאַראַ עקל!"

כ'האָב זיך געפילט זייער שלעכט.

ווען מיר זענען געקומען אַהיים האָט שוין דער זיידע גע־האַט אָנגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר, געגרייט צום טיש.

— לאָמיר טרינקען טיי, ס'איז הייס, — האָט ער געזאָגט. — כ'וועל פון מיינעם פאַבריען. פאַר אַלעמען.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער באָבען און איר אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע.

— וואָס, מוטערל, אַ?

די באָבע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— וואָס איז דאָ צו ריידן!

— אָט דאָס טענה איך דאָך! גאָטס צאָרן איז איבער אונז, עס רייסט אָפּ אַ שטיק נאָך אַ שטיק... ווען די משפּחות זאָלן לעבן צוזאַמען, ווי די פינגער אויף דער האַנט...

שוין לאַנג האָט ער נישט גערעדט אַזוי ווייך און פרידלעך. איך האָב זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און געוואַרט, אַז דער אַלטער זאָל זיך אָנעמען מיין עולה, זאָל מיר העלפן פאַרגעסן וועגן דער געלער גרוב און די שוואַרצע, פייכטע שטיקער אין איר זייט.

אָבער די באָבע האָט אים שטרענג איבערגעריסן:

— לאָז צורו, פאָטערל! אַ גאַנץ לעבן רעדסטו דיזעלבע ווערטער, און וועמען איז גרינגער פון זיי? אַ גאַנץ לעבן האָסטו אַלעמען געגעסן, ווי זשאַווער — דעם אייזן...

דער זיידע האָט אַ קראַקע געטאָן, אַ קוק געטאָן אויף איר און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אינאָוונט,ביים טויער, האָב איך מיט אומעט דערציילט ליודמילען וועגן דעם, וואָס כ'האָב געזען אינדערפרי, דאָס האָט אָבער נישט געמאַכט אויף איר קיין קענטיקן רושם.

— אַ יתום לעבט זיך גרינגער. ווען מיינע טאַטע־מאַמע זאָלן שטאַרבן, וואָלט איך די שוועסטער איבערגעגעבן דעם ברו־דער, און אַליין — אין אַ קלויסטער אויפן גאַנצן לעבן. ווו אַנ־

דערש קען איך גיין? אויף חתונה האָבן טויג איך נישט, אַ לאָמע איז נישט קיין אַרבעטערין, חוץ דעם קען איך נאָך לאָמע קינ־דער געבוירן...

זי האָט גערעדט מיט שכל, ווי אַלע פרויען פון אונזער גאַס, און פון דאָזיקן אָוונט אָן, האָב איך, ווייזט אויס, פאַרלאָרן דעם אינטערעס צו איר; און חוץ דעם האָט זיך דאָס לעבן אַזוי צעזויפגעלייגט, אַז כ׳פלעג אַלץ זעלטענער זיך טרעפן מיט דער חברטע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָכן ברודערס טויט האָט דער זיי־דער געזאָגט צו מיר:

— גיי היינט שלאָפן אַ ביסל פריער, פאַרטאָג וועל איך דיך אויפוועקן, מיר וועלן גיין אין וואַלד נאָך האָלץ...

— און איך וועל גרעזלעך צעזויפקלייבן, האָט די באָבע דערקלערט.

אַ ווערסט דריי פון פאָרשטאָט איז געשטאַנען אויף אַ זומפּ אַ וואַלד פון יעגלינעס און בעריאָזעס. רייך אין אויסגעטריקנטע בוימער און פון ווינט אָפגעבראָכענע צווייגן, האָט ער זיך אין איין זייט פאַנאַנדערגעוואָרפן ביז דער אָקע, און אין דער צווייטער — זיך געצויגן ביזן שאָסע־וועג, וואָס פירט קיין מאָסקווע, און דערנאָך ווייטער, פון יענער זייט וועג. איבער זיין ווייכער פאַרוואַקסנקייט האָט זיך הויך אויפגעהויבן ווי אַ שוואַרצער געצעלט דער סאָסנע־וואַלד „סאַוועלאָווס גריווע".

דאָס דאָזיקע גאַנצע עשירות האָט געהערט צום גראַף שו־וואַלאָוו און איז שלעכט געהיט געוואָרן; די קונאַווינער „מעש־טשאַנעס" האָבן געקוקט אויף דעם, ווי אויף זייער אייגנס, גע־קליבן די אָפגעבראָכענע צווייגן, געהאַקט די אויסגעטריקנטע בוי־מער, און ביי אַ געלעגנהייט זיך נישט אָפגעזאָגט אויך פון אַ לע־בעדיקן בוים. האַרבסט־צייט פלעגן צענטליקער מענטשן זיך אַוועק־לאָזן אין וואַלד מיט העק און שטריק הינטערן גאַרטל, אָנצו־גרייטן האָלץ אויפן ווינטער.

אָט גייען מיר אויך זאַלבעדריט פּאַסאַק איבער דעם גרין־זילבערנעם טויאיקן פעלד; פון דער לינקער זייט, הינטער

דער אָקע, איבער די געלע רוקנס פון די דיאַטל-בערג, איבערן ווייסן ניזשני נאָווגאָראָד, צווישן די בערגלעך מיט גרינע סע-דער, צווישן די גאָלדענע צערקווע-שפּיצן, שטייט אויף, נישט געאיילט, די פולינקע רוסישע זון. אַ שטילער ווינט בלאָזט פאַר-שלאָפן פון דער שטילער, טריבער אָקע; שווער פון טוי, וויגן זיך גאָלדענע הענערפיסעלעך, *) די ליליע-גלעקעלעך האָבן זיך פאַרהלשט אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד, די פאַרשידנפאַרביקע אי-מאַרטעלן סטאַרטשען טרוקן אויף דער קאַרג-פרוכטבאַרער לאָנקע, עס צעפּענען זייערע רויטע שטערנס „די נאַכט-שיינהייטן” — די נעגעלעך...

ווי אַ פינסטערע מחנה באַוועגט זיך אונז דער וואַלד אַנט-קעגן. די באַפליגלטע יעגלינעס — ווי גרויסע פויגלען; די בער-יאָזעס — ווי מיידלעך. איבערן פעלד צעגיסט זיך דער זויערער ריח פון זומפּ. נעבן מיר גייט דער הונט, אַרויסשטעקנדיק די ראָזע צונג, בלייבט שטיין, שמעקט די לופט און שאָקלט פאַר-ווונדערט מיט זיין פוקסישן קאָפּ.

דער זיידע אָנגעטאָן אין דער באָבעס עפּעס אַ מלבוש, אין אַ אַלטן היטל אָן אַ דאַשעק, זשמורעט מיט די אויגן, שמייכלט צו עפּעס, שפּרייזט פאָרזיכטיק מיט די דינע פיס, ווי ער וואָלט זיך געגנבעט. די באָבע, אין אַ בלאָען יאַקל, אין אַ שוואַרץ קליידל און מיט אַ ווייסן טיכל אויפן קאָפּ, קייקלט זיך פלינק איבער דער ערד — שווער זי אָנצוזאָגן.

וואָס נעענטער דער וואַלד, אַלץ ווערט דער זיידע אויפגע-לייגטער; ציענדיק די לופט מיטן נאָז, אונטערקראָקנדיק, רעדט ער צוערשט אָפּגעריסן, אומפאַרשטענדלעך, דערנאָך, ווי שכור ווערנדיק, פרייליך און שיין:

— די וועלדער זענען גאָטס גערטנער. קיינער האָט זיי נישט געזייט, בלויז גאָטס ווינט, דער הייליקער אָטעם פון די ליפּן זיינע... אַמאָל, אין דער יוגנט, אין זשעגול, ווען כ'בין אַ בורלאַק געווען... עך, לעקסיי, ס'וועט דיר שוין נישט אויסקומען צו זען-איבערלעבן, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט! אויף דער אָקע

*) אזש בלום

די וועלדער — פון קאַסימאָוו ביז מוראָם, אָדער — הינטער דער וואָלגע אַ וואַלד, — ביז אוראַל ציט ער זיך, יאָ! דאָס איז אַלץ אומענדלעך און וווּנדערלעך...

די באָבע קוקט אויף אים פון דער זייט און ווינקט מיר צו און ער, שטרויכלענדיק זיך אין די באַוואַקסענע זומפּ-בערגלעך, שיט געדיכט מיט טרוקענע ווערטער, פאַרזייענדיק מיט זיי מיין זכרון.

— האָבן מיר געפירט פון סאַראַטאָוו אַ גרויסע זעגל-שיף מיט פוטער צו מאַקאַרין אויפן יאַריד, און אַ פּאַרוואַלטער איז געווען קירילאָ, פון פורעך, און אַ אויפזעער אַ — קאַסימאָווער טאָטער, אַ סאַף, דאַכט זיך... אָנגעקומען קיין זשעגול, מיטאַמאָל — אַ שטאַרקער ווינט בלאָזט גלייך אין פנים אַריין, מיר האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כחות, זיך פון אָרט נישט געקענט רירן, זיך אַ וואַקל געטאָן, אַראָפּ אויפן ברעג קאַשע קאָכן. און אויף דער ערד איז מאַי, ווי אַ ים ליגט אויסגעשפּרייט די וואָלגע, און די כוואַליעס שפּאַצירן איבער איר טשערעדעסווייז, ווי די שוואַנען אין די טויזנטער, שווימען אין קאַספּי *) די בערג די זשעגולער, פרילינגדיק גרין, האָבן אַרויסגעשאָסן צום הימל, אין הימלען פּאַשען זיך וואָלקנס ווייסע, די זון שמעלצט זיך אויף דער ערד ווי גאָלד. מיר רוען, קלייבן נחת, גוט געוואָרן איינער צום צווייטן; אויפן טייך איז פייכט, קאַלט, און אויפן ברעג — וואַרעם, שמעקעדיק! אָוונט-צייט האָט זיך אונזער קירילאָ — אַ שטרענגער מאַן געווען, שוין אין די יאָרן — אויפגעשטעלט, דאָס היטל אַראָפּגענומען, און זאָגט: „נו, חברה, כ'בין אייך מער נישט קיין עלטסטער, נישט קיין דינער, גייט אַליין, און איך וועל אין די וועלדער אַוועק!" אַלע זענען מיר אויפגערודערט געוואָרן, וואָס הייסט? ווי קענען מיר אָן אַ אָנגעטרויטן מענטשן ביים באַלעבאָס — אָן אַ קאָפּ אַרבעט מען נישט. ס'איז טאַקע די וואָלגע, אָבער אויך אויפן גלייכן וועג קען מען פאַרבלאָנדזשען! דאָס פאָלק איז — אַ חיה אַ משוגענע, צי דען האָט עס רחמנות אויף וואָס? מיר האָבן זיך דערשראָקן. און ער — זיינס: „כ'וויל מער נישט לעבן אַזוי,

*) קאַספּישער ים

זיין א פּאָסטוך ביי אייך, כ׳וועל אין די וועלדער אַוועק!" גשווגן צווישן אונז אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געקליבן אים שלאָגן, בינדן, אַנדערע אָבער האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן אים, געשריגן: „טשע־פּעט נישט!" און דער וואַסער־אָפּגיסער, דער טאַטער, שרייט אויך: „אויך איך גיי אַוועק!" אַן אומגליק אַן אמתער. איב, דעם טאַטער, האָט דער באַלעבאָס נישט באַצאָלט פאַר צוויי רייזעס, און איצט איז שוין אַ העלפט פון דער דריטער דורכגעמאַכט — אַ גרויסע מטבע פאַר יענער צייט! האָבן מיר געשריגן, געשריגן ביז נאַכט, ביינאַכט זענען זיבן אַוועק פון אונז, זענען מיר גע־בליבן — צו זאַלבעפערצנט, צו זאַלבעזעכצנט. אָט וואָס הייסט וואַלד!

— זיי זענען גזלנים געוואָרן?

— אפשר — גזלנים, און אפשר — נזירים, — אין יענע צייטן האָט מען זיך שוואַך פאַנאַנדערגעקליבן אין אַזעלכע זאַכן... די באָבע צלמט זיך.

— הייליקע גאָטסמוטער! גיט מען אַ טראַכט וועגן מענטשן, נעמט אַן אויף אַלעמען אַ רחמנות.

— אַלע זענען באַשאָנקען מיט דעמזעלבן שכל — ווייס, ווו די קליפּה שטעקט...

מיר קומען אַריין אין וואַלד דורך אַ נאַסן שטעג, צווישן זומפּיקע בערגלעך און קרענקלעכע טשענעבוימער. מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז זייער גוט — אויף תּמיד אַוועקצוגיין אין וואַלד, ווי ס׳איז אַוועקגעגאַנגען קירילאַ פון פּורעך. אין וואַלד זענען נישטאָ קיין פּלוידערזעק, קיין געשלעגן, קיין שכרות, דאָרט קען מען פאַרגעסן וועגן זיידנס עקלדיקער גייציקייט, וועגן דער מאַמעס זאַמדיקן קבר, וועגן אַלץ, וואָס באַליידיקט און דריקט דאָס האַרץ מיט שווערער לאַנגווייליקייט.

אויף אַ טרוקענעם אָרט, — זאָגט די באָבע:

— מ׳דאַרף איבערכאַפּן ס׳האַרץ, לאָמיר זיך צוזעצן!

אין איר האַנט-קערבעלע געפינט זיך שוואַרץ-ברויט, גרינער רעטעך, אוגערקעס, זאַלץ און סוואַרעכץ איינגעוויקלט אין שמאַט־

קעלעך; דער זיידע קוקט אויף דאָס אַלץ נישט־דרייסט און פינטלט מיט די אויגן.

— און איך האָב גאָרנישט מיטגענומען קיין עסנוואַרג, אָך, מוטערל האַרציקע...

— ס'וועט פאַר אַלעמען קלעקן...

מיר זיצן אָנגעשפּאַרט אָן קופּערנעם שטאַם פון אַ מאַסט־בוים־סאָסנע; די לופט איז אָנגעפילט מיט אַ סמאָליקן גרוך, פון פעלד בלאָזט אַ שטיל ווינטל, ס'וויגן זיך די גראָזן; מיט אַ טונקעלער האַנט רייסט די באָבע אָפּ גראָזן און דערציילט מיר וועגן די הייל־אייגנשאַפטן פון דריי־בלאַט, פון דער שליסל־בלום, פון וועג־בלאַט, וועגן דער געהיימניספולער קראַפט פון פאַפּערעט, פון קלעפּיקן פייער־גראָז, פון שטויביקן שווימער־גראָז.

דער זיידע צעהאַקט טרוקענע צווייגן און איך דאַרף אַוועק־טראָגן דאָס אָנגעהאַקטע אויף איין אָרט, אָבער אומבאַמערקט גיי איך אַוועק אין דער געדיכטעניש פון וואַלד, נאָך דער באָבען — זי שווימט שטילינקערהייד צווישן די מעכטיקע שטאַמען און ווי זי זאָל אַ ניורע טאָן, בויגט זי זיך כסדר צו דער ערד, וואָס איז באַשאָטן מיט סכך־באָדלען. זי גייט און רעדט צו זיך אַליין:

— ווידער צו פרי געקומען — ווינציק שוואָמען וועט זיין! שלעכט, אַ גאָטעניו, זאָרגסטו וועגן די אָרימע, פאַרן אָרימאַן איז אַ שוואָם אויך אַ מאכל!

כ'גיי איר נאָך שווייגנדיק, פאָרזיכטיק, כ'באַמי זיך, זי זאָל מיך נישט באַמערקן: כ'וויל נישט שטערן איר שמועס מיט גאָט, מיט די גראָזן, מיט די זשאַבעס...

זי זעט מיך אָבער.

— האָסט געמאַכט פליטה פון זיידן?

און פאַרנייגנדיק זיך צו דער שוואַרצער ערד, וואָס איז הערלעך אָנגעקליידט אין אַ געמוסטערטן בגד פון גראָזן, רעדט זי וועגן דעם, ווי אַזוי גאָט האָט איינמאָל, אין צאָרן אויף די מענטשן פאַרגאָסן די ערד מיט וואַסער און דערטרונקען אַלדאָס לעבעדיקע.

— און די האַרציקע מוטער זיינע האָט באַצייטנס

צונויפגעזאַמלט אין אַ קערבעלע אַלע זאָמען, און אויסבאַהאַלטן זיי, און דערנאָך בעט זי דער זון: טריקן אויס די ערד פון עק ביז עק, דערפאַר וועלן דיר מענטשן אַ לויבגעזאַנג זינגען! די זון האָט די ערד אויסגעטריקנט און גאָטסמוטער האָט זי מיטן באַהאַלטע-נעם זאָמען פאַרזייט. זעט גאָט: ווידער ווערט די ערד באַוואַקסן מיט לעבעדיקס — מיט גראָזן, מיט בהמות, און מיט מענטשן!.. ווער זאָגט ער, האָט עס געטאָן קעגן מיין ווילן? דאָ האָט זי זיך מודה געווען פאַר אים, און גאָט אַליין האָט שוין אויך גענו-מען באַדויערן, וואָס די ערד איז אַזוי וויסט, האָט ער געזאָגט צו איר: גוט האָסטו געטאָן!

די דערציילונג געפעלט מיר, איך בין אָבער פאַרוווּנדערט און זאָג מיט גרויס ערנסט:

— צי דען איז אַזוי געווען? גאָטסמוטער איז דאָך געבוירן געוואָרן אַ סך שפּעטער נאָכן מבול.

איצט איז די באָבע פאַרוווּנדערט.

— ווער האָט דיר אַזוינס געזאָגט?

— אין שולע, אין די ביכלעך שטייט געשריבן...

דאָס באַרויקט זי אַביסל, זי עצהט מיר:

— וואַרף זיי אַוועק, פאַרגעס די אַלע ביכלעך; זיי זאָגן ליגנט די ביכלעך!

און לאַכט שטילינקערהייד, פריילעך.

— נאַראָנים, צוגעטראַכט אַביסל! גאָט איז געווען, און קיין מוטער האָט ער נישט געהאַט, נישטקשה! טאָ ווער האָט אים געבוירן?

— כ'ווייס נישט!

— אָט דאָס איז גוט! זיך דערלערנט ביז „איך ווייס נישט!"

— דער פּאָפּ האָט געזאָגט, אַז גאָטסמוטער איז געבוירן געוואָרן פון יאָאַקום און אַננען.

די באָבע בייזערט זיך שוין, — זי שטייט אַקעגן מיר און קוקט מיר שטרענג גלייך אין די אויגן אריין:

— אויב דו וועסט אַזוי טראַכטן, וועל איך דיך אויספּאַטשן!

אָבער אין אַ מינוט אַרום גיט זי מיר צו דערקלערן:
— גאָטסמוטער איז תמיד געווען, פריער פאַר אַלץ! פון איר איז געבוירן געוואָרן גאָט, און דערנאָך...
— און וואָס איז מיט כריסטוסן?
די באָבע שווייגט, האַלט פאַרמאַכט די אויגן אַ פאַרשעמטע.
— און כריסטוס... יאָ, יאָ, יאָ?
כ'זע, אַז כ'האָב געזינדיקט, זי פאַרפלאָנטערט אין די געטלעכע סודות, און דאָס איז מיר נישט־אָנגענעם.
מיר פאַרטיפן זיך אַלץ מער אין וואַלד, אין בלאָלעכן טונקל, וואָס איז דורכגעשניטן מיט די גאָלדענע שטראַלן פון דער זון. אין דער וואַרעמקייט און געמיטלעכקייט פון וואַלד אָטעמט שטיל עפּעס אַן אויסטערלישער גערויש, אַ טרוימערישער, וואָס רייצט די פאַנטאַזיע. עס סקריפּען די קרייצשנאָבלען, עס קלינגען די מייזען, עס לאַכט די קוקאַווקע, עס פייפט די גאָלדאַמזעל, אָן אויפהער הערט זיך דאָס אייפערזיכטיקע ליד פון פינק, פאַרטראַכט זינגט דער מאָדנער פויגל — דער קערנבייסער. די סמאַראַגדענע פרעשלעך שפּרינגען אונטער די פיס; צווישן די וואָרצלען, אויפ־הויבנדיק דאָס גאָלדענע קעפּל, ליגט די נאַטור־שלאַנג און לויערט אויף זיי. עס קנאַקט די וועוויִרקע, צווישן די סאָסנע־צווייגן לויפט אַרום איר פוכיקער ווידל; מ'זעט אומגעווינלעך אַ סך־עס ווילט זיך זען אַלץ מער און מער, און גיין אַלץ ווייטער.
צווישן די סאָסנע־שטאַמען באַווייזן זיך דורכזיכטיקע, נישט־ערדישע פיגורן פון ריזיקע מענטשן און פאַרשווינדן אין דער גרינער געדיכטעניש, דורך וועלכער עס שיינט אַדורך אַ בלאָער מיט זילבער באַצירטער הימל. אונטער די פיס ליגט ווי אַ הערלעכער טעפּיך דער מאָך, אויסגענייט מיט ברוסניקע און טרוקענע פעדים קליוקווע, די שטיין יאַגדע בלישטשעט אין גראָז מיט טראָפּנס בלוט, די שוואָמען רייצן מיט זייער שאַרפן ריח.
— הייליקע גאָטסמוטער, קלאָרע ליכט פון דער ערד, — איז די באָבע מתפלל, אָפּזיפצנדיק.
זי פילט זיך אין וואַלד ווי אַ באַלעבאָסטע און אַ קרובה פון אַלץ, וואָס אַרום — זי גייט ווי אַ בעריכע, זעט אַלץ, לויבט

אַלץ און דאַנקט. עס דאַכט זיך, אַז פֿון איר פֿליסט אַרויס אַ וואַ־רעמקייט איבערן וואַלד און ווען דער מאָך, וואָס ווערט צו גע־קוועטשט דורך איר פֿוס, גלייכט זיך אויס, איז מיר דאָס באַזונ־דערס אַ גענעם צו זען.

גייסט און טראַכסט: ס'איז גוט צו זיין אַ גזלן, באַרויבן גייציקע, רייכע, אָפּגעבן דאָס געגזלטע די אָרימע, — זאָלן אַלע זאַט זיין, פֿריילעך, נישט ווייסן קנאה און זיך נישט אַרומרייסן איינער מיטן צווייטן, ווי בייזע הינט. ס'וואָלט אויך גוט געווען צוצוקומען צו דער באָבעס גאָט, צו איר גאָטסמוטער און דער־ציילן זיי דעם גאַנצן אמת וועגן דעם, ווי שלעכט עס לעבן די מענטשן, ווי נישט־גוט, ווי באַליידיקנדיק זיי באַגראָבן איינער דעם צווייטן אין עקלהאַפֿטן זאַמד. און בכלל סאַראַ סך אומנוי־טיקע עולות עס זענען דאָ אויף דער וועלט. אויב גאָטסמוטער וועט מיר גלויבן, טאָ זאָל זי מיר געבן אַזאַ שכל, איך זאָל אַלץ קענען איינאָרדנען אַנדערש, אַביסל בעסער. זאָלן מיר נאָר די מענטשן אויסהערן מיט צוטרוי, — איך וואָלט שוין געזוכט, ווי צו לעבן בעסער! ס'מאַכט נישט אויס, איך בין אַ קליינינקער, — כריסטוס איז בסך־הכל מיט איין יאָר עלטער געווען פֿאַר מיר, ווען די חכמים האָבן זיך שוין צוגעהערט צו זיינע רייד...

איינמאָל פֿאַרבלענדט דורך מיינע געדאַנקען, בין איך אַריינגעפֿאַלן אין אַ טיפֿע גרוב, צעריסן מיט אַ צווייג די זייט און אָפּגעראַצט די הויט אויפֿן נאַקן. כ'בין געזעסן אויפֿן דעק אין קאַלטער, קלעפּיקער בלאָטע, ווי טמאַלע, און מיט גרויס חרפּה געפֿילט, אַז אַליין וועל איך נישט אַרויסקריכן, און איבערשרעקן דער באָבען מיט אַ געשריי איז געווען אומבאַקוועם. פֿונדעסטוועגן האָב איך זי אַ רוף געטאָן.

זי האָט מיך שנעל אַרויסגעצויגן און, צלמענדיק, גערעדט:

— געלויבט זאָלסטו זיין, גאָטעניו! נאָך גוט, וואָס די נאָרע איז אַ פּוסטע, אָבער ווען דער באַלעבאָס זאָל דאָרט ליגן?

און זי האָט געוויינט און געלאַכט צוזאַמען. דערנאָך האָט זי מיך אָוועקגעפֿירט צום טייכל, מיך אָפּגעוואַשן, איבערגעבונדן די ווונדן מיט איר תּעמד, צולייגנדיק עפּעס אַזעלכע בלעטער,

וואָס האָבן געשטילט דעם ווייטאָק, און אָפּגעפירט צו דער באַנ־הייזל, — ביזן שטוב האָב איך נישט געקענט דערגיין, כ׳בין שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

כ׳האָב גענומען כמעט יעדן טאָג בעטן דער באָבען:

— קום אין וואַלד!

זי איז גערן איינגעגאַנגען אויף דעם, און אַזוי האָבן מיר אַדורכגעלעבט דעם גאַנצן זומער, ביז שפּעט אין האַרבסט, צע־נויפקלייבנדיק גראָזן, יאַגדעס, שוואָמען און ניס. דאָס צענויפגע־קליבענע פלעגט די באָבע פאַרקויפן. און דערפון האָבן מיר זיך דערנערט.

— ליידיקגייערס, פּרעסערס! — האָט געסקריפּעט דער זיי־דע, כאָטש מיר פלעגן ביי אים נישט נעמען קיין ביסן ברויט.

דער וואַלד האָט ארויסגערופן ביי מיר אַ געפיל פון גייסטיקער רויקייט און געמיטלעכקייט; אין דאָזיקן געפיל זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אַלע מיינע ערגערנישן, כ׳האָב פאַרגעסן דאָס אומאַנגענ־נעמע, און גלייכצייטיק איז געוואַקסן אין מיר אַ מאָדנע אָנגע־שפּיצטקייט פון די עמפּפינדונגען: דער געהער און די ראיה זע־נען שאַרפער געוואָרן, דער זכרון — אויפמערקזאַמער, דאָס אויפ־נעמען איינדרוקן — טיפער.

אַלץ מער און מער האָט די באָבע אַרויסגערופן מיין פאַר־וואונדערונג, כ׳בין צוגעוווינט געוועזן זי צו באַטראַכטן ווי אַ וועזן, וואָס שטייט העכער פאַר אַלע מענטשן, פאַרן בעסטן און טיף־קלוגסטן אויף דער וועלט, און זי האָט נישט אויפגעהערט צו פאַרפעסטיקן אין מיר דידאָזיקע איבערצייגונג. איינמאָל אין אַ אָוונט, אָנקלויבנדיק ווייסע שוואָמען, זענען מיר גייענדיק אַהיים אַרויסגעקומען אויפן ראַנד פון וואַלד; די באָבע האָט זיך אַנידער־געזעצט אָפּרוען, און איך בין אַוועק הינטער די בוימער — איז אַמאָל נישטאָ נאָך אַ שוואָם?

פלוצלינג הער איך איר קול און כ׳זע: זיצנדיק אויף דעם וואַלד־וועג, שניידט זי רויק אָראָפּ די וואָרצלען פון די שוואָמען, און נעבן איר, אַרויסהענגענדיק די צונג, שטייט אַ גראָער, מאָגע־רער הונט.

— און דו גיי זיך, גיי זיך פון דאנען! — רעדט די באָבע. — גיי געזונטערהייד!

מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם האָט וואַליאַק פאַרסמט מיין הונט; כ׳האָב דערפילט אַ גרויסן חשק צוצולאָקן דעמדאָזיקן, דעם נייעם. כ׳בין אַרויסגעלאָפן אויפן שטעג, דער הונט האָט זיך מאָדנע אומגעדרייט, נישט בויגנדיק מיטן האַלז, אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַ גרינעם בליק פון הונגעריקע אויגן און אַריינגעשפּרונגען אין וואַלד, אַראָפּלאָזנדיק דעם וויידל. די האַלטונג פון זיין קערפּער איז נישט געווען קיין הינטישע און ווען איך האָב אַ פייף געטאָן האָט ער זיך ווילד אַ וואָרף געטאָן אין די קוסטעס.

— האָסט געזען? — האָט די באָבע שמייכלענדיק געפרעגט. — און איך האָב פון אָנהויב אַ טעות געהאַט, געמיינט — אַ הונט, כ׳גיב אַ קוק — די ציין זענען וועלפישע, און די האַלז אויך! כ׳האָב זיך אַזש איבערגעשראָקן. נו, זאָג איך, אויב דו ביסט אַ וואָלף, טאָ גיי פונדאַנען! נאָך גוט, וואָס זומערצייט זענען די וועלף רויק...

זי האָט אין וואַלד קיינמאָל נישט געבלאָנדזשעט, זיכער אויסגעפינענדיק די וועג אַהיים. לויט די ריחות פון די גראָזן האָט זי געוווּסט, וועלכע מינים שוואָמען עס דאַרפן וואַקסן אין דעם אָרט, און וועלכע — אויף אַן אַנדערן, און אָפט פלעגט זי מיך עקזאַמינירן.

— און וועלכן בוים האָט ליב די בעטקע? און ווי אַזוי ווערסטו אונטערשיידן אַ גוטע בלאַע פון אַ גיפטיקער? און וועלכער שוואָם האָט ליב דעם פאַפּערעט?

לויט אומבאַמערקבאַרע ראַצן אויף דער קאָרע פון אַ בוים פלעגט זי מיר אָנווייזן די אויסגעהוילטע בוימער, אין וועלכע ס׳לעבן וועוויאָרקעס, איך פלעג אַרויפקריכן אויפן בוים און אויסליידיקן די נעסטן פון דער חיהלע, אויסקלייבנדיק פון זיי די זאַפּאַסן ניס אויף ווינטער; אַמאָל פלעגן מיר אין נעסט געפינען ביז אַ פונט צען ניס.

און איינמאָל, ווען כ׳בין פאַרנומען געווען מיט דערדאָזיקער אַרבעט, האָט עפּעס אַ יעגער מיר אַריינגעשאָסן אין דער רעכטער

זייט קערפּער זיבנאונצוואַנציק שטיק שראַט; עלף שטיק האָט די באָבע אַרויסגעקאָלופּעט מיט אַ נאָדל, און די איבעריקע זענען געזעסן לאַנגע יאָרן אין מיין הויט פֿונוואַנעט זיי זענען אַליין איינציקווייז אַרויסגעבראָכן.

דער באָבען איז געפֿעלן געוואָרן, וואָס איך באַצי זיך געדולדיק צום ווייטיק.

— ביסט אַ ווילער בחור, — האָט זי מיר געלויבט, — געדולד — באַטייט: וועסט זיין אַ לייט!

יעדעס מאָל, ווען זי פֿלעגט אָפּשפּאָרן אַביסל געלט פֿון פֿאַרקויפֿן שוואָמען און ניס, פֿלעגט זי עס צעלייגן הינטער די פֿענצטער „מתּן בסתר“, און אַליין אַפֿילו אין יום־טובֿים אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, אין לאַטעס.

— ערגער ווי אַ בעטלערקע גייסטו אַרום, מאַכסט מיר אָן בושות, — פֿלעגט דער זיידע בורטשען.

— קיין בייז נישט, כ'בין דיר נישט קיין טאָכטער, אין שידוכים שטיי איך נישט...

זיי האָבן זיך אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער געקריגט.

— כ'בין נישט זינדיקער פֿאַר אַנדערע, — פֿלעגט דער זיידע שרייען באַליידיקט, — און געשטראָפֿט בין איך מער!

די באָבע פֿלעגט אים רייצן:

— די שדים ווייסן, ווער וואָס איז ווערט!

און מיר פֿלעגט זי זאָגן אונטער פֿיר אויגן:

— ציטערט דאָס אַביסל מיין אַלטער פֿאַר שדים! ווערט גיך אַלט, און אַלץ פֿון שרעק... עך, אומגליקלעכער מענטש!

פֿאַרן זומער בין איך זייער שטאַרק געוואָרן, ווילד געוואָרן אין וואַלד, פֿאַרלירנדיק דעם אינטערעס צום לעבן פֿון מיינע חבֿרים, צו ליודמילען, — זי האָט זיך מיר אויסגעוויזן לאַנגווייליק־קלוג...

איינמאָל איז דער זיידע צוריקגעקומען פֿון שטאָט אינגאַנצן אַ נאַסער, — ס'איז געשטאַנען האַרבסט און ס'האָט גערעגנט. — ער האָט זיך אָפּגעטרייסל ביים שוועל, ווי אַ וואָראָבייטשיק, און פֿייערלעך געזאָגט:

— נו, פוסט און פּאַסטניק, מאָרגן קלייב זיך אויס אויף אַ שטעלע!

וווהין ווידער? — האָט די באָבע בייז געפרעגט.

— צו דיין שוועסטער מאַטרענע, צו איר זון...

— אַי, פאָטער, נישט גוט האָסטו צוגעטראַכט!

— שוויג דו איינע! מ׳וועט אים, אפשר, מאַכן פאַר אַ צייכענער!

די באָבע האָט שוויגנדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

אינאָוונט האָב איך דערציילט ליודמילאַן, אַז כ׳גיי אוועק אין שטאָט, כוועל דאָרט זיין.

— אויך מיך וועט מען איינגיכן דאָרט אַוועקפירן, — האָט זי מיר אָנגעזאָגט אַ פּאַרטראַכטע. — דער טאַטע וויל, מ׳זאָל מיר איינגאַנצן אָפּשניידן דעם פוס, אָן פוס וועל איך זיין אַ געזונטע.

פאַרן זומער איז זי מאָגער געוואָרן, די הויט פון איר פּנים איז געוואָרן בלאָלעך, און די אויגן אויסגעוואַקסן.

— האָסט מורא? — האָב איך געפרעגט.

— כ׳האָב מורא — האָט זי געזאָגט, און שטיל זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

כ׳האָב זי נישט געהאַט מיט וואָס צו טרייסטן: אַליין האָב איך זיך אויך געשראָקן פאַרן לעבן אין שטאָט. לאַנג זענען מיר געזעסן אין טרויעריקער שטילשווייגעניש, צוגעטוליעט איינער צום צווייטן.

וואָלט געשטאַנען זומער, וואָלט איך צוגערעדט דער באָבען אַוועקצולאָזן זיך וואַנדערן איבער דער וועלט, ווי זי פלעגט גיין אַלס מיידעלע. מ׳וואָלט אויך געקענט מיטנעמען מיט זיך ליודמילען, — איך וואָלט זי אַרומגעפירט אין אַ וועגעלע...

ס׳איז אָבער געווען האַרבסט, איבער דער גאַס האָט זיך געטראָגן א פייכטער ווינט, דער הימל איז באַדעקט מיט אָן אַ צאָל וואָלקנס, די ערד האָט זיך איינגעקנייטשט, געוואָרן שמוציק און אומגליקלעך...

IV

כ׳געפֿין זיך ווידער אין שטאָט, אין אַ צווייִשטאָקיק ווייס הויז, וואָס איז ענלעך אויף אַ געמיינזאַמער טרומנע פֿאַר אַ סך מענטשן. דאָס הויז איז אַ ניי, אָבער מיט שלעכטע געבליטן, אַן אָנגעשוואָלענער, ווי אַ בעטלער, וואָס איז פּלוצלינג רייך געוואָרן און תיכּף זיך איבערגעפּרעסן ביז צום פּאַרפּטס ווערן. ער שטייט מיט דער זייט צום גאַס, אין יעדן שטאָק זיינצם איז צו אַכט פענצטערס, און דאָרט, ווו ס׳האָט זיך געדאַרפט געפינען זיין פּראָנט, — צו פיר; די אונטערשטע קוקן אַריין אין אַ שמאָלינקן דורכפאָר אין הויף, די אויבערשטע — איבערן פּלויט, אויף דער קליין שטיבעלע פון אַ וועשין און אין אַ שמוציקן גראָבן.

קיין גאַס, אַזוי ווי איך בין געוווינט געווען זי צו פֿאַרשטיין, — איז נישטאָ; פֿאַרן הויז האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ שמוציקער גראָבן, אין צוויי ערטער האָבן אים דורכגעשניטן שמאָלע דאַמבעס. לינקס קומט דער גראָבן אַרויס צו די „אַרעסטאַנטישע ראָטעס", מ׳וואַרפט אין אים אַריין דעם מיסט פון די הויפן און אויף זיין דעק שטייט א קאַלוזשע פון געדיכטער, טונקל-גרינער בלאָטע; רעכטס, ביים סוף גראָבן, זויערט זיך די שלאַמיקע זוויאָזדין-סאַזשעלקע, און דער צענטער פון קומט אוים פונקט קעגנאיבער דעם הויז: אויף דער העלפט איז ער פֿאַרשאָטן מיט מיסט, פֿאַרוואַקסן מיט קראָפּיווע, פערדן-שטשאַוו, אין דער צווייטער העלפט האָט דער פּאָפּ דאָרימענדאָף פּאָקראָווסקי פֿאַרזעצט אַ גאָרטן; אין גאָרטן איז דאָ אַן אַלטאַנקע פון דינע שינדלען, באַפֿאַרבטע מיט גרינער פֿאַרב. וואַרפט מען אין דערדאָזיקער אַלטאַנקע שטיינער, פּלאַצן די שינדלען מיט אַ קנאַל.

דאָס אָרט איז נישט-אויסצוהאַלטן לאַנגווייליק, פּרעך-שמוציק; דער האַרבסט האָט שטאַרק פֿאַרקריפּלט די שמוציקע ליימיקע ערד,

פאַרוואַנדלענדיק זי אין געלע סמאָלע, וואָס כאַפּט אָן פּעסט פאַר די פיס. כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוי פיל שמוץ אויף אַזאַ קליינעם שטח, און נאָכדעם, ווי כ'בין צוגעוווינט געוואָרן צו דער ריינקייט פון פעלד און וואַלד, האָט דערדאָזיקער ווינקל פון שטאָט אַרויסגערופן ביי מיר אַן אומעט.

הינטערן גראָבן ציען זיך גראָזע, אַלטע פּלויטן, און ווייט צווישן זיי זע איך אַ ברוין שטיבעלע, אין וועלכן כ'האָב געלעבט ווינטערצייט, ווען כ'בין געווען אַ שיק-יינגל אין געשעפט. די נאָענטקייט פון דאָזיקן הויז דערדריקט נאָך מער מיין געמיט. פאַר־וואָס קומט מיר ווידער אויס צו וווינען אויף דערדאָזיקער גאַס?

מיין באַלעבאָס קען איך, ער פלעגט קומען צו גאַסט צו מיין מוטער צוזאַמען מיט זיין ברודער, וועלכער פלעגט קאָמיש פּישטשען:

— אַנדרעי — פּאַפּאַ, אַנדרעי — פּאַפּאַ.

זיי זענען ביידע דיזעלבע, ווי געווען: דער עלטערער, מיט אַ האָרבאַטן נאָז, מיט לאַנגע האָר, איז אַנגענעם און דאַכט זיך, אַ גוטער; דער יינגערער, וויקטאָר, איז געבליבן ביים זעלבן פערדישן פּנים און ביי די זעלבע זומער־שפּרענקעלעך. זייער מוטער — מיין באַבעס שוועסטער — איז זייער אַ בייזע און אַ שרייערקע. דער עלטערער איז אַ חתונה־געהאַטער, זיין ווייב איז אַ פּרעכטיקע, אַ ווייסע, ווי אַ ווייצן־ברויט, זי האָט גרויסע אויגן, שטאַרק טונקעלע.

גלייך אין די ערשטע טעג האָט זי צוויי מאָל געזאָגט צו מיר:

— כ'האָב דיין מוטער געשאָנקען אַ זיידענע פּעלערינע באַנייט מיט פּאַטשערקעס...

מיר האָט זיך עפּעס נישט געוואָלט גלויבן, אַז זי האָט געשאָנקען, און די מוטער האָט אָנגענומען דעם געשאַנק. און ווען זי האָט מיר נאָכאַמאָל דערמאָנט וועגן דערדאָזיקער פּעלערינע, האָב איך איר געענטפערט:

— האָסטו שוין געשאָנקען, טאָ רים זיך נישט דערמיט.

זי איז דערשראָקן אָפּגעשפּרונגען פון מיר:

— וואָ-אָס? מיט וועמען רעדסטו?

איר פּנים איז באַדעקט געוואָרן מיט רויטע פלעקן, די אויגן זענען אַרויסגעזעצט געוואָרן, זי האָט אַריינגערופן דעם מאַן.

ער איז אַריינגעקומען אין קיך מיטן צירקל אין די הענט, מיט אַ בליישטיפט אונטערן אויער, אויסגעהערט דאָס ווייב און מיר אָנגעזאָגט:

— איר און אַלעמען דאַרף מען זאָגן — איר. און גראָב-קייטן דאַרף מען נישט זאָגן!

דערנאָך האָט ער אומגעדולדיק געזאָגט צום ווייב:

— שטער מיר נישט מיט נאַרישקייטן!

— וואָס הייסט — נאַרישקייטן? אויב דיינס אַ משפּחה...

— זאָל זיי דער רוח כאַפּן, די משפּחה! — האָט דער באַ-לעבאָס אויסגעשריגן און אַרויסגעלאָפן.

מיר איז אויך נישט געווען אָנגענעם, וואָס דידאָזיקע מענטשן זענען דער באָבעס קרובים; לויט מייגע באַאָבאַכטונגען באַציען זיך קרובים איינער צום צווייטן ערגער ווי פרעמדע: וויסנדיק איינער וועגן צווייטן מער שלעכטס און לעכערלעכס ווי די פרעמדע, טרייבן זיי בייזערע רכילותן, קריגן זיך און שלאָגן זיך אָפטער.

דער באַלעבאָס איז מיר געפעלן געוואָרן, ער פלעגט שיין אַ טרייסל טאָן מיטן קאָפּ האָר, פאַרלייגנדיק זיי הינטער די אויערן, און האָט מיר מיט עפּעס דערמאָנט אין דער „שיינער זאַך"*)

ער האָט אָפט און מיט פאַרגעניגן, געלאַכט, די גראָע אויגן האָבן געקוקט גוטמוטיק, נעבן שפּאַרבער-נאָז האָבן שטיפעריש געשפּילט קאָמישע קנייטשעלעך.

— גענוג שוין אייך צו זידלען זיך, הינער-חיות! — פלעגט ער זאָגן צום ווייב און צו דער מוטער, אָפּדעקנדיק מיט אַ שמייכל דראָבנע, געדיכטע ציין.

די שוויגער מיט דער שנור פלעגן זיך יעדן טאָג זידלען; ס'פלעגט מיך שטאַרק וווּנדערן, ווי לייכט און שנעל זיי קריגן זיך. פון פרימאָרגן אָן, — ביידע נישט פאַרקעמט, צעשפּילטע, — פלעגן זיי זיך נעמען טראָגן איבער די צימערן, ווי אין שטוב זאָל

*) אַ פּערזאָן פון גאָרקיס „קינדהייט" (איב.)

האָבן אויסגעבראָכן אַ שרפה; זיי האָבן אַרומגעטומלט אַ גאַנצן טאָג, רוענדיק בלויז ביים טיש צום מיטאָג, ביים אָוונט־טיי און ביים אָוונטברויט. געטרונקען און געגעסן האָבן זיי אַ סך, שכורווערנדיק פון פרעסן און זויפן, ביז מידקייט. ביים מיטאָג פלעגן זיי רעדן וועגן די מאכלים און פויל זיך איבערווערט־לען, גרייטנדיק זיך צו אַ גרויסער קריגעריי. וואָס די שוויגער זאָל נישט האָבן אָפּגעקאָכט, פלעגט די שנור אומבאַדינגט זאָגן:

— און מיין מוטער מאַכט דאָס אַנדערש.

— אַנדערש, הייסט — ערגער!

— ניין, בעסער!

— נו, טאָ גיי זיך צו דיין מאַמען!

— דאָ בין איך — די בעלעבאָסטע!

— און איך ווער בין?

פלעגט זיך אַריינמישן דער באַלעבאָס:

— גענוג שוין הינער־חיות! וואָס טוט זיך מיט אייך, איר זענט פון זינען אַראָפּ?

אין שטוב איז אַלץ געווען אומדערקלערלעך מאָדנע און לעכערלעך: דער וועג פון קיך אין עסשטוב אַריין האָט גע־פירט דורך דעם איינציקן אין דער דירה קלייניקן, שמאָלן קלאָזעט; דורך אים פלעגט מען אַריינטראָגן אין עסשטוב דעם סאַמאָוואַר און דאָס עסן, ער איז געווען דעם אָביעקט פון פריילעכע שפּאַסן און אָפּט — דער מקור פון קאָמישע מיס־פאַרשטענדענישן. אויף מיר איז געלעגן די פליכט אָנצוגיסן וואַסער אין רעזערוואַר פון קלאָזעט, און געשלאָפן בין איך אין קיך, קעגנאיבער זיין טיר און ביי דער טיר פון פראָנט־אַריינגאַנג: דעם קאָפּ איז הייס געווען פון קיך־אויוון, אין די פיס האָט געבלאָזן פון גאַנעק; לייגנדיק זיך שלאָפן פלעג איך אויפקלייבן אַלע דיוואַנעס און זיי אַרויפלייגן אויף מיינע פיס.

אין גרויסן זאַל, מיט די צוויי שפּיגלען צווישן די פענצטער, מיט די בילדער־פרעמיעס פון „ניוואַ" אין גאָלדענע ראַמען, מיט אַ צוויי קאָרטן־טישעלעך און אַ טוץ ווינער

שטולן, איז געווען וויסט און לאַנגווייליק. דער קליינער גאַסט־צימער איז ענג אָנגעפּראָפּט מיט בונטן, ווייכן מעבל, מיט קרעדענצן מיטן „נדן" מיט זילבער און טיי־כלים; ער איז באַצירט געווען מיט דריי לאָמפּן, איינער גרעסער פאַרן צווייטן. אין פינצטערן, אָן־פענצטערדיקן שלאָפצימער, זענען אַ חוץ אַ ברייטער בעט, גע־שטאַנען קופערטס, שאַפעס, פון וועלכער ס'האָט געשלאָגן אַ ריח פון טאַבאַק־בלעטער און פון פערסישן רומיאַנעק. דידאָזיקע דריי צימערן זענען תמיד געשטאַנען ליידיק, און די באַלעבאַטים האָבן זיך געשטיקט אין דער קליינער עסשטוב, שטערנדיק איי־נער דעם צווייטן. גלייך נאָך דעם פרימאָרגנטיש, אַ זייגער אַכט, פלעגט דער באַלעבאָס מיטן ברודער צערוקן דעם טיש, צעלייגן אויף אים בויגנס ווייסן פאַפּיר, רייס־מכשירים, בלייפעדערס, טעצעלעך מיט טוש און זיך נעמען צו דער אַרבעט, איינער אויפן עק טיש און דער צווייטער — קעגנאיבער אים. דער טיש האָט זיך געוואַקלט. ער האָט פאַרשטעלט דאָס גאַנצע צי־מער, און ווען די ניאַנע מיט דער באַלעבאָסטע פלעגן אַרויס־קומען פון קינדער־צימער, פלעגן זיי פאַרטשעפּען די עקן פון טיש.

— הערט זיך דאָ אויף אַרומצודרייען! — שרייט וויקטאָר.

די באַלעבאָסטע, אַ באַליידיקטע, בעט דעם מאַן:

— וואַסיאַ, זאָג אים, ער זאָל אויף מיר נישט פּיסקעווען!

— טאָ טרייסל נישט דעם טיש, — פלעגט דער באַלע־באָס פון דרכי־שלום־וועגן ענטפערן.

— איך בין אויף דער צייט, דאָ איז ענג...

— טאָ וועלן מיר גיין אַרבעטן אין דעם זאַל.

אָבער די באַלעבאָסטע שרייט אויסער זיך:

— גאָט מיינער, ווער אַרבעט דאָס אין אַ זאַל?

פון דער קלאָזעט־טיר שטעקט זיך אַרויס דאָס בייזע, דורכן פייער פון איוון אָנגעברענטע פנים פון דער אַלטער מאַטרענע איוואַנאָוונאַ, און זי שרייט:

— זעסט, וואַסיאַ: דו אַרבעטסט, און זי קען זיך אין

פיר צימערן נישט אָפּקעלבן. גאוה אויפן פּוד, — שכל אויפן לויט!..

וויקטאָר לאַכט בייז, און דער באַלעבאָס שרייט:

— גענוג!

אָבער די שנור, אָפּגיסנדיק די שוויגער מיט טייכן גיפט־טיקסטע בלומען־ריידעלעך, פאַלט אַנידער אויף אַ שטול און קרעכצט:

— כ׳וועל אַוועק! כ׳וועל שטאַרבן!

— שטערט מיר נישט צו אַרבעטן, צו אַלדי רוחות! — ריטשעט דער באַלעבאָס, בלייך פון אָנשטרענגונג. — אַ משוגעים־הויז, פאַר וועמען צי איך פון זיך די אָדערן, אויב נישט פאַר אייך אויף פּאַשע! אָ, היבער־חיות...

פון אָנהויב פלעגן מיך דידאָזיקע קריגערייען שרעקן, באַזונדערס האָב איך זיך דערשראָקן, ווען די באַלעבאָסטע האָט איינמאָל געכאַפּט אַ טיש־מעסער, אַנטלאָפן אין קלאָזעט אַריין, און פאַרמאַכנדיק ביידע טירן, דאָרט גענומען ווילד ריטשען. אויף איין מינוט איז אין שטוב געוואָרן שטיל, דער־נאָך האָט דער באַלעבאָס זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אין טיר, זיך איינגעבויגן און אַ געשריי געטאָן צו מיר:

— קלעטער, צעברעך די שויב, עפן אויף די קייטל!

כ׳בין שנעל אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין פּלייצע, אויס־געהאַקט די שויב איבער דער טיר, אָבער ווען כ׳האָב מיך אַראָפּגעבויגן, האָט די באַלעבאָסטע פּלייסיק מיך גענומען שלאָגן איבערן קאָפּ מיטן הענטל פון מעסער. — פונדעסטוועגן האָב איך באַוויזן אויפצומאַכן די טיר, און דער באַלעבאָס, אַרויס־שלעפנדיק די פרוי איבערגעוואַלט אין עסשטוב, האָט אָפּגענו־מען ביי איר דאָס מעסער. זיצנדיק אין קיך און רייבנדיק דעם צעשלאָגענעם קאָפּ, האָב איך שנעל איינגעזען, אז כ׳האָב געליטן אומזיסט־אומנישט: דער מעסער איז געווען טעמפּ, אפילו א שטיקל ברויט איז שווער אָפּצושניידן מיט אים, פון הויט איז דאָך שוין אָפּגערעדט; כ׳האָב נישט געדאַרפט אַרויפ־קריכן אויפן באַלעבאָס פּלייצע, כ׳האָב געקענט צעברעכן די

שויב פון שטול, און צולעצט, א דערוואקסענעם וואָלט באַקוועמער געוועזן אראָפּצונעמען דאָס קיטל — זיינע הענט זענען לענגער. נאָך דערדאָזיקער פּאסירונג — האָבן מיך די קריגערייען אין שטוב אויפגעהערט צו שרעקן.

די ברידער האָבן געזונגען אין צערקווע־כאָר; אמאָל פלעגן זיי אָנהויבן שטיל אונטערזינגען ביי דער ארבעט, דער עלטערער האָט געזונגען מיט א באריטאָן:

דעם רונג פון מיידל־קרוין,
האָב איך אין ים פארלאָרן...

דער יינגערער האָט אונטערגעכאפּט מיט א טענאָר:

און מיטן רונג מיין ערדיש גליק
אויף אייביק אָנגעוואָרן...

פון קינדערצימער האָט זיך דערטראָגן דער באַלעבאָסטעס שטילער אויסגעשריי:

— איר זענט פון זינען אראָפּ? דאָס קינד שלאָפט...

אָדער:

— דו וואסיא, האָסט שוין א ווייב, שוין צייט נישט צו זינגען וועגן מיידלעך, צוואָס? הוצדעם וועט מען שוין אינגיכן קלינגען צו דער אָוונט־תּפלה...

— אויב אזוי וועלן מיר — עפּעס רעליגיעזעס...

אָבער די באַלעבאָסטע האָט אויפגעוויזן, אז רעליגיעזעס איז בכלל נישט רעכט צו זינגען אבי־ווו, בפרט נאָך דאָ... — און זי האָט אויסדריקלעך אָנגעוויזן מיט דער האנט אויף דער קליינער טיר.

— מ׳וועט מוזן איבערבייטן די דירה, אנישט איז — דער טייוול וייס וואָס! — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט.

נישט ווינציקער אָפט פלעגט ער זאָגן, אז מ׳דארף איבערבייטן דעם טיש, ער האָט עס אָבער נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן אין משך פון דריי יאָר.

הערנדיק די שמועסן פון די באַלעבאטים וועגן מענטשן, פלעגט מיר תּמיד קומען אויפן געדאנק דאָס שוך־געשעפט: דאָרט האָט מען פונקט אזוי גערעדט. מיר איז געווען קלאָר,

אז די באַלעבאַטים האַלטן זיך אויף פאַר די בעסטע אין שטאָט, זיי ווייסן די געניוסטע כּלים פון גוטער אויפפירונג און זיך שטיצנדיק אויף דידאַזיקע כּלים, וואָס זענען פאַר מיר נישט קלאָר, משפּטן זיי אַלע מענטשן אומבאַרמהאַרציק און אָן אייג־ זעעניש. דער דאָזיקער משפט זייערער פלעגט אַרויסרופן ביי מיר אַ לאַנגווייליקייט און אַ פאַרדרוס קעגן די געזעצן פון די באַלעבאַטים, און דאָס עובר זיין אויף דידאָזיקע געזעצן — איז געוואָרן פאַר מיר אַ קוואַל פון פאַרגעניגן.

אַרבעט האָב איך געהאַט אַ סך: כ׳האָב דערפילט די פליכטן פון אַ שטוב־מיידל, יעדן מיטוואָך געוואַשן דעם דיל אין קיך, געפוצט דעם סאַמאָוואַר און די קופּערנע כּלים, אין די שבתים געוואַשן אַלע דילן פון דער דירה און ביידע טרעפּן. כ׳פלעג אָנהאַקן און אָנטראָגן האָלץ פאַר די אויוונס, וואַשן די כּלים, ריין מאַכן די גרינס, גיין מיט דער באַלע־ באָסטע אויפן מאַרק, שלעפּן נאָך איר דעם קויש מיט די קניות, לויפן אין קרעמל, אין אַפטייק.

מיין דירעקטע איבערמאַכט — דער באַבעס שוועסטער, אַ רוישיקע, אַן אומגעצוימט־צאַרנדיקע אַלטע, פלעגט אויפשטיין פרי, אַ זייגער זעקס פאַרטאָג; זי פלעגט זיך אויף גיך איינ־ וואַשן, זיך שטעלן אין איין העמד אויף די קני פאַרן הייליקן בילד און לאַנג זיך באַקלאָגן פאַר גאָט אויף איר לעבן, אויף די קינדער, אויף דער שנור.

— גאָטעניו! — רופט זי אויס מיט טרערן אין די אויגן, צודריקנדיק צום שטערן דריי צענויפגעלייגטע פינגער. — גאָטעניו, כ׳בעט גאָרנישט, כ׳דאַרף קיין זאַך נישט האָבן, — לאָז מיך בלויז אויסרוען זיך, באַרויק מיך, גאָטעניו, מיט דיין קראַפט!

אירע קלאָגערייען פלעגן מיך אויפוועקן; אויפגעוועקט, פלעג איך קוקן פון אונטער דער קאָלדרע אַרויס און מיט שרעק זיך צוהערן צו דער הייסער תּפלה. דער האַרבסטיקער פרימאָרגן פאַרקוקט טריב אין קיך־פענסטער דורך די שויבן, באַגאָסענע פון רעגן; אויפן דיל, אין קאַלטן טונקל, וויגט זיך

אַ גראָע פיגור, פאַכעט אומרויק מיט אַ האַנט; פון איר קליי־נינקן קאָפּ, פון אונטער דער פאַרשאַרטער טיכל, פאַלן אויפן האַלז און אַקסלען שיטערע העלע האָר, דאָס טיכל האַלט כסדר אין איין אַראָפּפאַלן פון קאָפּ; די אַלטע פאַריכט עס שנעל מיט דער לינקער האַנט און מורמלט:

— אַך, געהרגעט זאָלסטו ווערן!

מיט אַ ברייטער באַוועגונג שלאָגט זי זיך איבערן שטערן, איבערן בויך, איבער די אַקסלען און שיפּעט אַרויס:

— און די שנור טו שטראָפן, גאָטעניו, מיר צוליב; פאַרעכן איר אַלץ, אַלע עוולות מיינע! און עפן אויף די אויגן ביי מיין זון, — אויף איר עפן אויף און אויף וויקטאַרלען! גאָטעניו, העלף וויקטאַרלען, טייל אים איין פון דיינע חסדים...

וויקטאָרל שלאָפט טאַקע דאָ אין קיך, אויף דער פּריט־שע; אויפגעוועקט דורך דער מוטערס קרעכצן, שרייט ער מיט אַ פאַרשלאָפן קול:

— מאַמע, איר מאַכט שוין ווידער קולות פאַרטאָג! אַן אומגליק אַן אמתער!

— נו, נו, שלאָף זיך, — מורמלט שולדיק די אַלטע.

אַ מינוט־צוויי שאָקלט זי זיך שווייגנדיק און מיטאַמאָל שרייט זי ווידער אויס מיט נקמה־דורשט:

— און אַ ברעכעניש זיי אין די ביינער און די ערד זאָל זיי אַרויסוואַרפן, גאָטעניו...

אַזוי שרעקלעך האָט אפילו מיין זיידע נישט מתפּלל געווען.

נאָך דער תּפילה פלעגט זי מיך אויפוועקן:

— שטיי אויף, גענוג צו פּאָפן, נישט דערצו לעבסטו!... שטעל אָן דעם סאַמאָוואַר, טראָג אָן האָלץ, — קיין קינעלעך האָסטו נעכטן נישט אָנגעגרייט? אוי!

כ׳באַמי זיך צו טאָן אַלץ גיך, אַבי נישט צו הערן דער אַלטערס שיפּעדיקן געמורמל, אָבער צופרידנשטעלן איר איז אוממעגלעך; זי טראָגט זיך אַרום איבער דער קיך, ווי אַ זאַווערוכע, און שיפּעט, וואָיעט:

— שטילער, שד איינער! וועסט וויקטארלען אויפוועקן, וועל איך דיר געבן! לויף אראפ אין קרעמל...

אינדערוואכנס פלעגט מען צום פרימארגן-טיי קויפן צוויי פונט ווייצן-ברויט און פאר צוויי קאפיקעס גראשינע בולקעס פאר דער יונגער באלעבאסטע. ווען כ'פלעגט ברענגען דעם ברויט, פלעגן אים די פרויען מיט פארדאכט באטראכטן און, וועגנדיק אויפן האנט, פרעגן:

— און קיין צולייג צום וואג איז נישט געווען? ניין? אנו, עפן נאר דאס מויל! און מיט בייז הנאה געשריגן: — ער האט אויפגעפרעסן דעם צוגאב. אן זעט ברעקלעך צווישן די ציין! אט, זעסטו וואסיא...

...געארבעט האב איך גערן, — מיר איז אנגענעם געווען צו פארניכטן די שמוץ פון שטוב, וואשן פאדלאגעס, פוצן די קופערנע כלים, די קליאמקעס, — רייניקן די לופטעס; נישט איינמאל האב איך געהערט, ווי די פרויען פלעגן רעדן וועגן מיר אין די פרידלעכע שעהן:

— א פלייסיקער.

— א ציכטיקער.

— אבער זייער חוצפהדיק.

— נו, מיין ליבע, ווער האט אים דען דערצויגן!

און ביידע האבן זיך באמיט איינצופלאנצן אין מיר דרך-ארץ-צו זיי, אבער איך האב זיי געהאלטן פאר האלב משוגענע, כ'האב זיי נישט ליב געהאט, נישט געפאלגט און אפגעענטפערט זיי צאן-פאר-צאן. די יונגע באלעבאסטע האט, ווייזט אויס, באמערקט, ווי שלעכט עס ווירקן אויף מיר געוויסע רייד זייערע, און דעריבער פלעגט זי אלץ אפטער זאגן:

— דארפסט נישט פארגעסן, אז מ'האט דיך ארויסגענומען פון א קבצנישער משפחה! דיין מאמען האב איך געשאנקען א זיידענע פעלערינע, מיט פאטשערקעס!

איינמאל האב איך זיך אנגערופן צו איר:

— וואס-זשע ווילט איר, זאל איך פאר דערדאזיקער פעלערינע די הויט אראפשינדן פון זיך?

— מאַמעלעך, ער איז דאָך פּשוט אונטערצוציענדן! האָט די פּאַלעבאָסטע מיט שרעק אויסגעשריגן.

כ׳בין געווען שטאַרק פאַרחידושט: פאַרוואָס עפּעס — אונטערצינדן?

ביידע פרויען האָבן זיך נישט אויפגעהערט צו באַקלאָגן פאַרן באַלעבאָס, וועלכער פלעגט מיר שטרענג זאָגן:

— דו, גוטער ברודער, היט זיך!

איינמאָל אָבער האָט ער גלייכגילטיק געזאָגט צום ווייב און צו דער מוטער:

— אויך איר זענט גוט, נישטאָ וואָס צו רעדן! איר רייט אויפן יינגל, ווי אויף אַ פערד, — און אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט שוין לאַנג אַנטלאָפן, אָדער — געפּגרט פון אַזאַ פּראַצע...

דאָס האָט אויפגעקאָכט די פרויען ביז טרערן; טופּענדיק מיט די פיס האָט זיין ווייב געשריגן ווי אַ באַנומענע:

— צי דען מעג מען רעדן אַזוינס אים אין די אויגן, דו שוטה לאַנגהאָריקער! וואָס פאַרא פּנים האָב איך ביי אים נאָך דידאָזיקע ווערטער? איך בין אויף דער צייט.

די מוטער האָט טרויעריק געוואָיעט:

— גאָט זאָל דיר מוחל זיין, וואַסילי, אָבער געדענק מיינע ווערטער: וועסט איבערפירן דאָס יינגל!

ווען זיי זענען דערצאָרנטע, אַוועק, האָט דער באַלעבאַס שטרענג געזאָגט:

— זעסט, מחבל קליינער, סאַראַ רעש דו האָסט אָנגעמאַכט? אָט וועל איך נעמען און דיך אָפּשיקן צום זיידן, וועסטו ווי־דער זיין אַ שמאַטע־קלויבער!

כ׳האָב נישט געקענט פאַרטראָגן די באַליידיגונג און זיך אָנגערופן:

— אַלס שמאַטע־קלויבער צו לעבן, איז בעסער ווי ביי אייך! איר האָט מיך צוגענומען אַלס לערן־יינגל, און וואָס לערנט איר מיר? די פּאָמוניצע אַרויסטראָגן...

דער באַלעבאָס האָט מיך אָנגענומען ביי די האָר, אָן

ווייטאָק, פאַרזיכטיק, און פאַרקוקנדיק מיר אין די אויגן, פאַר־חידושט געזאָגט:

— אָהאָ, ביסט מיט נעגל! דאָס, ברודערל מייִנער, טויג נישט פאַר מיר, ניי—ייִן...

כ׳האָב געמיינט, מ׳וועט מיך אַרויסטרייבן, אָבער אין אַ טאָג אַרום איז ער געקומען אין קיך אַריין מיט אַ געצוגויפ־געוויקלטן גראָבן פּאַפּיר־בויגן אין די הענט, מיט אַ בלייפע־דער, אַ ווינקל־צייכנער, אַ ליניייקע.

— וועסט ענדיקן פּוצן די מעסערס, צייכן אָן אָט דאָס! אויפן בויגן פּאַפּיר איז אויסגעמאָלט געווען אַ פאַסאַד פון אַ צוויי־שטאָקיק הויז מיט אַ סך פענצטער און באַפּוצונגען.

— אָט האָסטו אַ צירקל! מעסט אויס אַלע ליניעס, פאַר־צייכן זייערע עקן אויפן פּאַפּיר דורך פּונקטן, דערנאָך פיר דורך לויט דער ליניייקע מיטן בלייפעדער פון פּונקט צום פּונקט. צוערשט לענג־אויס — דאָס וועלן זיין די האָריזאָנטאַלע, דערנאָך אין דער קווער — די ווערטיקאַלע. נו, לעבעדיק!

כ׳האָב זיך זייער דערפרייט מיט דער ריינער אַרבעט און דעם אָנהויב פון דער לערע, אָבער אויפן פּאַפּיר מיט די מכשירים האָב איך געקוקט מיט יראת הכבוד און שרעק, נישט פאַרשטייענדיק גאָרנישט.

פונדעסטוועגן בין איך גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, אָפּוואַשנדיק די הענט. כ׳האָב דורכגעפירט אויפן בויגן אַלע האָריזאָנטאַלע, קאָנטראָלירט — ס׳גוט! בלויז דריי איבעריקע האָבן זיך געפונען. כ׳האָב דורכגעפירט אַלע ווערטיקאַלע און מיט גרויס שטוינונג דערזען, אַז דאָס פּנים פון הו״ז האָט זיך משונהדיק פאַרקריפּלט: די פענסטערס האָבן זיך איבערגעקליבן אויפן אָרט פון די ווענט צווישן די פענסטער, און איינער פון זיי, אַראָפּפאָרנדיק הינטערן וואַנט, איז געהאָנגען אינדער־לופטן, אין שכנות מיטן הויז. דער פראָנט־גאַניק האָט זיך אויך אויפגעהויבן אינדערלופטן, ביזן צווייטן שטאָק, דער גזשימס איז געלעגן אינמיטן דאַך, דאָס דאַך־פענסטערל — אויפן קוימען.

לאנג, כמעט מיט טרערן, האָב איך געקוקט אויף די דאָזיקע ווונדער, וואָס לאָזן זיך נישט אויסבעסערן, און כ'האָב זיך באַמיט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי זיי זענען געשען. און אַזוי ווי כ'האָב דאָס נישט געקענט פאַרשטיין, האָב איך באַשלאָסן צו פאַריכטן די זאַך מיט דער הילף פון דער פאַנטאַזיע: אויף אַלע גזשימסן פון הויז־פראָנט און אויפן דאַך־שפּיץ האָב איך אויסגעמאָלט קראָען, טויבן, וואָראָבייטשיקעס, און אויף דער ערד פאַרן פענסטער — קרומפיסיקע מענטשן, אונטערשירעמס. וואָס האָבן נישט אינגאַנצן פאַרשטעלט זייער פאַרקריפּלטקייט. דערנאָך האָב איך דאָס גאַנצע דורכגעשטרייפט מיט קרומע פאַסיקלעך און אָפּגעטראָגן די אַרבעט צום לערער.

ער האָט הויך אויפגעהויבן די ברעמען, צעקודלט די האָר און אָנגעכמורעטערהייט זיך דערקונדיקט:

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

— אַ רעגנדל גייט, האָב איך געגעבן דערקלערונגען. — ביי אַ רעגן דאַכטן זיך אַלע הייזער אויס קרום, ווייל דער רעגנדל אַליין איז תמיד — אַ קרומער. די פויגלען — אָט דאָס אַלץ זענען פויגלען — האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף די גזשימסן. אַזוי איז תמיד אין אַ רעגן. און דאָ זענען מענטשן, וואָס איילן אַ היים, דאָרט איז אַ פריצטע אומגעפאַלן, און דאָס איז אַ ציטרינען־פאַרקויפער...

— אַ שיינעם דאַנק דיר, — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס און, זיך אַריבערבויגנדיק איבערן טיש, אַראָפּשאַרנדיק דעם פּאַפּיר מיט די האָר, זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, זיך צעשריגן: — אַך, כאַפּט דיך דער וואַטענמאַכער, וואָראָבייטשיק־חיה!

ס'איז אַריינגעקומען די באַלעבאָסטע, שאָקלענדיק מיטן בויך, ווי מיט אַ פעסעלע, געכאַפּט אַ קוק אויף מיין אַרבעט און געזאָגט צום מאַן:

— שמייס אים אָפּ!

דער באַלעבאָס אָבער האָט פרידלעך באַמערקט:

— קיין בין נישט, אויך איך האָב נישט בעסער אָנגע־הויבן...

אָנמערקנדיק מיט רויטן בליישטיפט די צעשטערונגען פון פּאסאַד, האָט ער מיר געגעבן נאָך פּאַפּיר.

— רייב נאָך אַמאָל! וועסט עס צייכענען אַזוי לאַנג, ביז ס'וועט אַרויסקומען עפּעס רעכטס...

די צווייטע קאָפּיע איז ביי מיר אַרויסגעקומען בעסער, בלויז איין פענסטער איז פאַרקראָכן אויף דער טיר פון הויפּט־אַריינגאַנג. מיר איז אָבער נישט געפעלן געוואָרן, וואָס דאָס הויז שטייט ליידיק, און כ'האָב אים באַזעצט מיט פאַרשידע־נע איינוווינער: אין די פענסטער זענען געזעסן פריצטעס מיט פעכערס אין די הענט, פראַנטן מיט פּאַפּיראָסן, און איינער פון זיי, וואָס רויפערט נישט, האָט אַלעמען געוויזן אַ לאַנגן נאָז. ביים גאַנעק איז געשטאַנען אַ דראָשקע און ס'איז געלעגן אַ הונט.

— פאַרוואָס האָסטו ווידער אָנגעשמירט? — האָט דער באַלעבאָס געפרעגט מיט כּעס.

כ'האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אָן מענטשן איז זייער אומעטיק, ער אָבער האָט זיך גענומען זידלען.

— כאַפּט עס דער רוח! אויב דו ווילסט זיך לערנען — טאָ לערן זיך! און דאָס איז — צעלאָזנקייט...

ווען מיר איז, ענדלעך, געלונגען צו מאַכן אַ קאָפּיע פון פּאַסאַד, וואָס איז ענלעך געווען אויפן אָריגינאַל, איז דאָס אים געפעלן געוואָרן.

— אָט זעסטו, אַז מען וויל, קען מען! אַזוינאָך, גלויב איך, וועלן מיר זיך איינגיכן צו עפּעס דערשלאָגן...

און ער האָט מיר געגעבן צו לעזן אַן אויפגאַבע:

— מאַך אַ פּלאַן פון דער דירה: ווי אַזוי עס ליגן די צימערן, וווּ זענען די טירן, די פענסטער, וווּ וואָס עס שטייט. כ'וועל דיר גאָרנישט צווייזן — מאַך אַליין!

כ'בין אַריין אין קיך און זיך פאַרטראַכט: פון וואָס הויבט מען אָן?

אָבער אויפֿן דאָזיקן פּונקט איז געבליבן שטיין מיין לערע פֿון דער רייס־קונסט.

ס'איז צוגעגאַנגען צו מיר די אַלטע באַלעבאָסטע און ביין אַ פֿרעג געטאָן:

— רייסן ווילסטו?

אָנכאַפּנדיק פֿאַר די האָר, האָט זי מיך אַזאַ שטויס גע־טאָן מיטן פּנים אין טיש, אַז כ'האָב זיך צעבלוטיקט די נאָז און די ליפּן, און זי, אונטערשפּרינגנדיק, האָט צעריסן די צייכענונג, אַראָפּגעשאַרט פֿון טיש די מכשירים און, מיט די הענט אין די באָקעס, ווי אַ זיגערין אויסגעשריגן:

— ט'האָט איר, שדים! ניין, דאָס וועט גלאַט נישט אָפּ־גיין! אַ פֿרעמדער זאָל אַרבעטן, און דעם ברודער דעם איינ־ציקן, אייגן בלוט — אַרויסוואַרפֿן?

ס'איז געקומען צו לויפֿן דער באַלעבאָס, ס'איז אָנגע־שוווּמען זיין ווייב, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילסטער סקאַנדאַל: אַלע דריי זענען געשפּרונגען איינער אויפֿן אַנ־דערן, זיך געשפּיגן, געוואָיעט, און געענדיקט האָט עס זיך דערמיט, וואָס די ווייבער זענען זיך צעגאַנגען אויסוויינען און דער באַלעבאָס האָט מיר געזאָגט:

— דערווייל לאָז דאָס צורו, לערן זיך נישט — זעסט דאָך אַליין, צו וואָס עס ברענגט!

כ'האָב רחמנות געהאַט אויף אים — ער איז אַזוי צע־פֿאָרן, אַזוי אומבאַהאָלפֿן, אויף אייביק פֿאַרטויבט דורך די ווייבערשע געשרייען.

כ'האָב שוין פֿון לאַנג פֿאַרשטאַנען, אַז די אַלטע וויל נישט, איך זאָל זיך לערנען, זי שטערט מיר דערין בכיוון. איידער כ'פֿלעג זיך זעצן צייכענען, פֿלעג איך זי תמיד פֿרעגן:

— וואָס צו טאָן איז נישטאָ?

זי פֿלעגט מיר ענטפֿערן אַן אָנגעכמורעטע:

— אַז ס'וועט זיין, וועל איך אַליין זאָגן, סעק זשע ביים טיש, לאָז זיך ווילגיין...

און אין אַ קורצע ווײַלע אַרום פּלעגט זי מיך ערגיץ שיקן, אָדער זאָגן:

— ווי אַזוי האָסטו אויסגעקערט די פּראָנט־שטיגן? אין די ווינקלען — מיסט, שטויב! גיי, קער צו...

כ׳פּלעג גיין, קוקן — קיין שטויב איז נישט געווען.

— דו שפּאַרסט זיך מיט מיר? פּלעגט זי שרײַען.

איינמאָל האָט זי באַגאָסן מײַנע אַ.ע צייכנונגען מיט קוואַס, אַנאַנדערשמאָל האָט זי אויף זיי איבערגעקערט אַ לעמפּל מיט אייל, וואָס פאַרן הייליקן בילד, — זי האָט געמאַכט שטיק, ווי אַ מיידעלע, מיט קינדישער כיטרעקייט און מיט קינדישער אומפעיקייט צו פאַרדעקן די כיטרעקייטן. נישט פאַר איר, און נישט נאָך איר האָב איך קיינמאָל נישט געטראָפן קיין מענטשן, וואָס זאָל אַזוי לײַכט און שנעל אָנגעצונדן ווערן, ווי זי, און וואָס זאָל אַזוי לײַדנשאַפטלעך ליב האָבן צו קלאָגן זיך אויף אַלעמען און אויף אַלץ. מענטשן האָבן בכלל ליב צו באַקלאָגן זיך, אָבער זי פּלעגט דאָס טאָן מיט אַ באַזונדער הנאה, ווי זי וואָלט אַ ליד געזונגען.

איר ליבע צום זון איז ענלעך געווען אויף אַ משוגעת, זי האָט מיך געווײַלט און געשראָקן מיט איר קראַפט, וועלכע כ׳האָב אַנדערש נישט געקענט אָנרופן ווי — אַ ווילדע קראַפט. עס פּלעגט טרעפן נאָך דער פרימאָרגן־תּפילה, שטעלט זי זיך אויפן טרעפּל פון אויוון און אַרויספלײַענדיק די עלנבויגנס אויף דער עק־ברעט פון די פּאָלאַטן *), שיפּעט זי הייס:

— צופעליקער מײַנער, פון גאָט געשענקטער, בלוט מײַנס הייסעס, רײַנעס, בריליאַנטענעס, מלאכיש פעדערל לײַכטס! ער שלאָפט, — שלאָף, קינדעלע, טו אָן דײַן נשמהלע אין אַ פרײַלעכן חלום, זע אין חלום אַ כלה׳נקע, די ערשטע שיינהייט, אַ קעניגנס טאָכטער, אַ נגידטע, אַ סוחרישע טאָכטער! און די פײַנט דײַנע — אין מוטערס בויך זאָלן זיי אויסריינען, און די פרײַנט — הונדערט יאָר זאָלן זיי לעבן, און די

---

*) פּאָלאַטי — אַ הילצערנע נאַרע איבערן רוסישן אויוון. (איב.)

מיידלעך זאָלן נאָך דיר — מחנותוויז, ווי קאַטשקעס נאָכן קאַטשער!

מיר איז אומדערטרעגלעך קאַמיש: דער פאַרגרעבטער און פוילער וויקטאָר איז ענלעך אויף אַ פּיקהאָלץ — ער איז אויך אַזאַ בונטער, גרויסנאזיקער, אויך אַזאַ איינגעשפּאַרטער און טעמפּער.

דער מוטערס מורמלען פלעגט אים אַמאָל אויפוועקן און ער פלעגט פאַרשלאָפן בורטשען:

— כאַפּט אייך דער רוח, מאַמע, וואָס פאָרסקעט איר מיר גלייך אין צורה אַריין!.. לעבן לאָזט מען נישט!

אַמאָל פלעגט זי געהאָרכזאַם אַראָפּקריכן פון אויוון-טרעפּל, שמייכלענדיק:

— נו, שלאָף, שלאָף... גראָבער נפש

ס'פלעגט אָבער אויך טרעפן: אירע פיס פלעגן זיך אונ-טערהאַקן, אַ פאַלטועגדיק אויפן קאַנט פון אויוון, פלעגט זי צעפּעפּענען דאָס מויל און הויך אָטעמען. ווי זי וואָלט אָפּגע-בריט די צונג, און בריענדיקע ווערטער האָבן געזידט:

— אַזו—וי? דאָס שיקסטו די מוטער צום טייוול, היב-טישער לעבער? אַך, דו, נאַכטיקע שאַנדע מיינע, פאַרשטעכונג פאַרשאָלטענע, דער טייוול האָט דיך אין מיין נשמה פאַר-וואָרצלט, וואָלסט בעסער צעפּוילט געוואָרן נאָך אין בויך ביי מיר!

זי פלעגט רעדן שמוציקע ווערטער, ווערטער פון דער שכורער גאַס — ס'איז שרעקלעך געווען זיי צו הערן.

געשלאָפן האָט זי ווייניק, אומרויק, פלעגט אויפשפּרינגען פון אויוון אַמאָל צו עטלעכע מאָל דורך דער נאַכט, פלעגט זיך וואַרפן צו מיר אויף דער קאַנאַפּע און מיך אויפוועקן.

— וואָס טוט איר?

— שווייג, פלעגט זי מורמלען, זיך צלמענדיק, זיך צו-קוקנדיק צו עפּעס אין דער פינסטער, — גאָטעניו... אליהו הנביא... מאַרטירערין וואַרוואַרע... באַהיט פון אַ פלוצלינגן טויט...

מיט אַ ציטערדיקער האַנט פֿלעגט זי אָנצינדן אַ ליכט. איר קײלעכדיק, נאַזיק פּנים פֿלעגט זיך אָנגעשטרענגט אָנ־בלאָזן, די גראָע אויגן פֿלעגן, פֿינטלענדיק אומרויִק, זיך צו־קוקן צו די זאַכן, פֿאַרענגדערטע דורך דער טונקלקייט. די קיך איז אַ גרויסע, אָפֿער פֿאַרשטעלט מיט שאַפֿעס, קופּערטס; ביי־נאַכט זעט זי אויס קליין. עס פֿירן אין איר אַ שטיל לעבן לבֿנה־שטראַלן, עס ציטערט אַ פֿלעמל פֿון אַ תּמיד־ברענענדיק לעמפּל פֿאַר די הייליקע בילדער, אויפֿן וואַנט בלישטשען מע־סערס, ווי ליכטלעך פֿון אייז, אויף די פּאָליצעס — שוואַרצע פּאַטעלניעס, עפּעס צורות אָן אויגן.

די אַלטע פֿלעגט אַראָפּקריכן פֿון אויוון פֿאַרזיכטיק, ווי פֿון אַ ברעג טייך אין וואַסער אַריין, און שליאָפּענדיק מיט באָרוויסע פֿיס פֿלעגט זי גיין אין ווינקל, וווּ איבער דער פּאַמאַניצע איז געהאָנגען אַ האַנטפֿאַס מיט אויערן, דערמאָנענ־דיק אין אַ אָפּגעהאַקטן קאָפּ; דאָרט איז אויך געשטאַנען אַ פֿאַס וואַסער.

זיך פֿאַרכליניענדיק און זיפֿצנדיק פֿלעגט זי טרינקען וואַסער, דערנאָך — קוקן אין פֿענסטער, דורכן בלאָען מוסטער פֿון פֿראָסט אויף די שויבן.

— דערבאַרים זיך אויף מיר, גאָטעניו, דערבאַרים זיך, — בעט זי מיט אַ פֿליסטער.

אַמאָל, פֿאַרלעשנדיק דאָס ליכט, פֿלעגט זי זיך אַראָפּ־לאָזן אויף די קני און באַליידיקט אַרויסשיפּן:

— ווער האָט מיך דען ליב, גאָטעניו, וועמען בין איך נויטיק?

אַרויפֿקריכנדיק אויפֿן אויוון און איבערצלמענדיק דאָס טירל פֿון קוימען, פֿלעגט זי אָנטאַפּן מיט די הענט, צי די שיבערס זענען גוט פֿאַרמאַכט, אויסשמירנדיק די הענט מיט סאַזשע, פֿלעגט זי נעמען פֿאַרצווייפֿלט זידלען און מיטאַמאָל איינשלאָפֿן, ווי אַ אומגעזעענע קראַפֿט וואָלט זי דערשלאָגן. ווען זי פֿלעגט מיך באַליידיקן, פֿלעג איך טראַכטן: אַשאָד, וואָס דער זיידע האָט נישט חתונה געהאַט מיט איר, — אָ

וואָלט זי אים געגעסן! און זי וואָלט זיך אויך נישט געניאַרט. באַליידיק האָט זי מיך אָפּט, אָבער ס׳פלעגן טרעפן טעג, ווען דאָס אָנגעשוואָלענע, וואַטאָווע פּנים אירס פלעגט ווערן אומע־טיק, די אויגן פלעגן פאַרטרונקען ווערן אין טרערן און זי פלעגט מיט גרויס איבערצייגונג רעדן:

— מיינסט — מיר איז גרינג? כ׳האָב קינדער געבוירן, אויסגעכאָוועט, פאַר מענטשן געמאַכט, — צוואָס? אָט לעב איך ביי זיי ווי אַ קעכין, איז דאָס מיר לייכט? דער זון האָט געבראַכט אַ פרעמדע פרוי, און אויסגעביטן אויף איר אייגן בלוט — איז גוט אַזוי? נו?

— נישט גוט, — פלעג איך אויפריכטיק זאָגן.

— אהאַ? זעסטו שוין...

און זי פלעגט פרעך נעמען ריידן וועגן דער שנור:

— כ׳בין געווען מיט איר אין באָד, זי געזען! אויף וואָס האָט ער זיך געקוואַפּעט? צי דען האַלט מען אַזעלכע פאַר שיינע?...

וועגן די באַציאונגען פון מענער צו פרויען פלעגט זי תמיד ריידן אויסערגעוויינלעך שמוציק; פון אָנהויב האָבן אי־רע רייד אַרויסגערופן ביי מיר אַן עקל, אָבער אינגיכן בין געוווינט געוואָרן זיך צוצוהערן צו זיי אויפמערקזאַם, מיט גרויס אינטערעס, פילנדיק אונטער דיד אָזיקע רייד עפּעס אַ ביטערן אמת.

די פרוי איז אַ קראַפט, זי האָט גאָט אַליין אָפּגענאַרט, אָט וואָס! — פלעגט זי זשומען, צוקלאַפּנדיק דערביי מיט דער דלאָניע איבערן טיש. — צוליב חוהן גייען אַלע מענטשן אין גיהנום, ווייסטו שוין!

וועגן דער קראַפט פון דער פרוי האָט זי געקענט ריידן אָן אַ שיר, און מיר האָט זיך תמיד אויסגעדוכט, אַז מיט די־דאָזיקע שמועסן האָט זי בדעה עמיצן איבערצושרעקן. באַזונ־דערס איז מיר געבליבן אין זכרון, אַז „חוה האָט גאָט אָפּגענאַרט."

אויף אונזער הויף איז געשטאַנען אַ זייטן־בנין, אויך

אזא גרויסער, ווי דאָס הויז; פון די אַכט דירות פוןביידע בנינים האָבן אין פיר געוווינט אָפיצירן אין דער פינפטער — אַ פּולק-גייסטלעכער. דער גאַנצער הויף איז פול געווען מיט דענשטשיקעס, אָרדינאַנסן, צו זיי פלעגן קומען וועשינס, דינסט-מיידלעך, קעכינס; אין אלע קיכן פלעגן זיך כסדר אָפּשפּילן ראָמאַנען און דראַמעס מיט טרערן, זידלערייען, געשלעגן. די זעלנער האָבן זיך געשלאָגן איינער מיטן צווייטן, מיט די ערד-גראָבערס, מיט די אַרבעטער פון הויז-ווירט; געשלאָגן די פרויען. אויפן הויף האָט זיך תמיד געקאָכט מיט דעם, וואָס ווערט אָנגערופן: אויסגעלאַסנקייט, זנות, — דער חיהשער, אומבאַצוימטער הונגער פון געזונטע יונגען. דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס איז פול געווען מיט אכזריותדיקער זינלעכקייט, זינלאָזער פייניקונג, שמוציקער באַרימעריי פון די זיגער, פלעגט גענוי און ציניש באַהאַנדלט ווערן דורך מיינע באַלעבאַטים ביים מיטאָג, ביים אָוונט-טיי און אָוונט-ברויט. די אַלטע האָט תמיד געוווּסט אַלע געשיכטעס פון הויף און פלעגט זיי דער-ציילן מיט היץ, מיט שאָדנפרייד.

די יונגע פלעגט הערן די דאָזיקע דערציילונגען, שמייכ-לען שטילשווייגנדיק מיט די פּוכקע ליפּן, וויקטאָר פלעגט אָנקודעלן און דער באַלעבאָס פלעגט קנייטשנדיק דעם שטערן, זאָגן:

— שוין גענוג, מאַמע...

— גאָט מיינער, קיין וואָרט טאָר איך שוין אויך נישט אַרויסזאָגן! — פלעגט זיך קלאָגן די דערציילערין.

וויקטאָר פלעגט איר צוגעבן חשק:

— פאָרט ווייטער, מאַמע, וואָס איז זיך דאָ צו קרעמ-פּירן! אַלץ אייגענע...

איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין — פאַרוואָס דאַרף מען צווישן אייגענע רעדן אומפאַרשעמט?

דער עלטערער זון האָט זיך באַצויגן צו דער מוטער מיט עקלדיקן מיטלייד, פלעגט אויסמיידן צו בלייבן מיט איר אונטער פיר אויגן, און איז עס געשען פלעגט אים די מוטער

פאַרוואַרפן מיט אָנקלאַגעס קעגן דעם ווייב און אומבאַדינגט בעטן געלט. ער פלעגט איר אײליק אַרײַנרוקן אין האַנט אַ רובל, דרײַ, עטלעכע זילבערנע מטבעות.

— אומזיסט, מאַמע, נעמט איר געלט, מיר אַרט נישט דאָס געלט, אָבער אומזיסט!

— כ'נעם דאָך פאַר אָרימע, אויף ליכט אין צערקווע...

— נו, ווי קומען דאָ אָרימע! איר וועט אינגאַנצן אײַבערפירן וויקטאָרן.

— האָסט נישט ליב דעם ברודער, אַ גרויסע זינד באַגייסטו!

ער פלעגט אַוועקגיין, זיך אָפּווערנדיק פון איר מיט דער האַנט.

וויקטאָר האָט באַהאַנדלט די מוטער גראָב, מיט חוזק. ער איז געווען אַ גרויסער פרעסער, תמיד אַרומגיין הונגעריק. זונטיק פלעגט די מוטער פּרעגלען לאַטקעס און תמיד באַהאַלטן עטלעכע שטיק אין טעפּל, אַרונטערשטעלנדיק אים אונטער דער סאָפע, אויף וועלכער כ'בין געשלאָפן; קומענדיק פון דער נאָכמיטאָג־תּפילה, פלעגט וויקטאָר אַרויסנעמען דעם טאָפּ און וואָרטשען:

— מער האָט זי שוין נישט געקענט, טשוועקעס־טרומפּן!

— און דו פרעס בעסער שנעלער, מ'זאָל נישט זען...

— כ'וועל בכיון זאָגן, אַז דו גנבעסט פאַר מיר לאַטקעס, גאָפּל און נאַקן!

איינמאָל האָב איך זיך צוגעשאַרט צום טעפּל און אויפגעגעסן אַ פּאָר לאַטקעס, — וויקטאָר האָט מיך דערפאַר צעשלאָגן. ער האָט מיך נישט ליב געהאַט פונקט אַזוי, ווי איך אים. ער פלעגט מיר דערגיין די יאָרן, געצוווּנגען דרײַ מאָל אַ טאָג צו פּוצן זײַנע שטיוול, און ווען ער פלעגט זיך לייגן שלאָפן אויף די פּאַלאַטן, פלעגט ער צערוקן די ברעטער און שפּײַען אין די שפּאַלטן באַמיענדיק זיך צו טרעפן גלײַך אוי מײַן קאָפּ.

נאָכמאַכנדיק, ווײַזט אויס, דעם ברודער, וועלכער פלעגט

אָפּט זאָגן „הינער־חיות", פּלעגט אויך וויקטאָר באַנוצן ווערט־לעך, אָבער אַלע זענען זיי געווען מאָדנע אומגעלומפּערט און אומזיניק.

— מאַמע — רעכטס אום! — וואו זענען מיינע שקאַר־פּעטקעס?

ער האָט מיר נישט געלאָזט צו רו מיט נאַרישע פראַגן:

— אליאָשקא, זאָג: פּאַרוואָס שרייבט מען: „סינענקי" (א בלאָאינקער) און מ'זאָגט „פּיניקי" (פייגן)? פּאַרוואָס זאָגט מען „קאַלאָקאָלאַ" (גלעקער), און נישט — „אָקאָלאָקאָלאַ" (אַרום פלאָקן)? פּאַרוואָס — „ק' דערעווו" (צום בוים), און נישט — „גדע פלאַטשו" (ווו כ'וויין)?

מיר איז נישט געפעלן געוואָרן ווי אַזוי זיי רעדן אַלע; דערצויגן אויף דער שיינער שפּראַך פון דער באָבען און פון זיידן, פלעג איך פון אָנהויב נישט פאַרשטיין אַזעלכע פאַר־בינדונגען פון נישט פאַרבינדבאַרע ווערטער, ווי „שרעקלעך קאָמיש", „ביז צום טויט וויל איך עסן", „שרעקלעך פריילעך"; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז קאָמישעס קען נישט זיין שרעק־לעך, פריילעכעס איז נישט אימהדיק, און אַלע מענטשן עסן ביז צום טאָג פון טויט.

איך פלעג זיי פרעגן:

— צי דען קען מען אַזוי רעדן?

האָבן זיי מיך געזידלט:

— וואָס זאָגט איר צום לערער! אָט — אָנרייסן די אויערן...

אָבער אויך „אָנרייסן די אויערן" איז מיר פאָרגעקומען נישט לויט די כללים: אָנרייסן קען מען גראָז, בלומען, ניס. זיי האָבן מיר געפּרוווט דערווייזן, אַז אויך אויערן קען מען רייסן, אָבער דאָס האָט מיך נישט איבערצייגט, און איך פלעג מיט נצחון זאָגן:

— און פונדעסטוועגן זענען טאַקע די אויערן נישט אָפּגעריסן!

אַרום איז געווען אַזוי פיל אכזריותדיקער הפקרות, שמוּ־

ציקע אומפאַרשעמטקייט — נישט דער ערך מער, ווי אויף די גאַסן פון קונאווין, וואָס ווימלט מיט „שאַנד־הייזער", מיט אויסגעלאַסענע מיידלעך. הינטער דעם שמוץ און דער הפקרות פון קונאווין האָט זיך געשפּירט עפּעס, וואָס האָט דערקלערט די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער הפקרות און פון דעם שמוץ: אַ שווער, האַלב־הונגעריק לעבן, אַ שווערע אַרבעט. דאָ האָט מען געלעבט זאַט און לייכט, די אַרבעט האָט פאַרביטן אַן אומפאַרשטענדלעכע, אומגוייטיקע טומלעניש און האָוועריי. און אויף אַלץ איז דאָ געלעגן אויסגעשפּרייט עפּעס אַ מין עסיקע, דענערווירנדיקע לאַנגווייליקייט.

מיר האָט זיך ש׳עכט געלעבט, אָבער נאָך ערגער האָב איך זיך געפילט, ווען די באָבע פלעגט קומען צו מיר צו גאַסט. זי פלעגט אַרויפקומען פון קיך־טיר, אַריינגייענדיק אין קיך פלעגט זי זיך צלמען אויף די הייליקע בילדער, דערנאָך זיך נידעריק פאַרנייגן פאַר דער יינגערער שוועסטער, און די דאָזיקע פאַרנייגונג פלעגט מיך איינבויגן, דערשטיקן ווי אַ פיל־פּודיקע משא.

— אַ, דאָס ביסטו, אַקולינאַ, — פלעגט מיין באַלעבאָסטע קאַלט און נאַכלעסיק באַגעגענען דער באָבען.

כ׳פלעג נישט דערקענען דער באָבען: באַשיידן צענויפ־ציענדיק די ליפּן, אומבאַקאַנט פאַרענדערנדיק דאָס גאַנצע פּנים, פלעגט זי זיך זעצן אויף אַ באַנק לעבן דער טיר, נאָנט פון דער פּאָמאַניצע, און שווייגן, ווי אַ פאַרשולדיקטע, ענט־פערנדיק אויף דער שוועסטערס פראַגעס שטיל, הכנעהדיק.

דאָס האָט מיך געמאַטערט, און כ׳פלעג מיט כעס זאָגן:

— וואָס טוט זיך מיט דיר, ווו האָסטו זיך געזעצט?

פריינטלעך אונטערווינקנדיק צו מיר, פלעגט זי זיך אָפּרופן, ווי מוסרנדיק מיך:

— און דו שווייג, ביסט דאָ נישט קיין באַלעבאָס!

— תּמיד מישט ער זיך אַריין אין פרעמדע געשעפטן, ס׳העלפט נישט קיין שלאָגן, קיין זידלען, — פלעגט די באַ־לעבאָסטע אָנהויבן זיך צו באַקלאָגן.

נישט זעלטן פלעגט זי מיט בפיונדיקער רשעות פרעגן דער שוועסטער:

— וואָס, אקולינע, ווי אַ בעטלערקע לעבסטו?

— אַן אומגליק אַ גרויסער...

— אַז מ'האָט נישט קיין חרפה, איז קיין זאַך נישט קיין אומגליק.

— מ'זאָגט, אַז אויך כריסטוס האָט געלעבט פון נדבות...

— שוטים זאָגן דאָס, אפיקורסים, און דו, אַלטער נאַר, גלויבסט! כריסטוס איז נישט קיין בעטלער, נאָר גאָטס זון, ער וועט קומען, שטייט געשריבן, מיט רום צו משפטן די לעבעדיקע און די טויטע — אויך די טויטע, געדענק! פון אים וועסטו זיך, מוטערל, נישט אויסבאַהאַלטן, כאָטש פאַרברען זיך אויף אש... ער וועט דיר מיט וואַסילין אָפּצאָלן פאַר אייער גאווה, פאַר מיר, ווען איך פלעג בעטן הילף ביי אייך, גבירים...

— כ'פלעג דאָך דיר העלפן לויט די כחות, — פלעגט די באָבע גלייכגילטיק ענטפערן. — און גאָט האָט שוין באַצאָלט, ווייסט דאָך...

— נאָך ווינציק פאַר אייך! ווינציק...

די שוועסטער פלעגט לאַנג טאַטשען און יאָדען דער באָבען מיט איר אומדערמידלעכער צונג, און איך פלעג הערן איר בייזן קוויטש און פיינלעך זיך חידושן: ווי אַזוי קען דאָס די באָבע פאַרטראָגן? און כ'פלעג זי אין אַזעלכע מאָמענטן נישט ליב האָבן.

פון די צימערן פלעגט אַרויסקומען די יונגע באַלעבאָסטע, פריינטלעך שאָקלען מיט דעם קאָפּ צו דער באָבען.

— גייט אַריין אין עס-שטוב, ס'מאַכט נישט אויס, גייט!

די שוועסטער פלעגט נאָכשרייען דער באָבען:

— די פיס רייב אָפּ, דו דאַרף יעגלענער, אויף אַ זומפּ געבויטער!

דער באַלעבאָס פלעגט פריילעך באַגעגענען דער באָבען:

— אַ, די חכמנית אַקולינע, ווי לעבט זיך? דער אַלטיטשקער קאַשירין זשיפעט נאָך?

די באָבע פלעגט שמייכלען צו אים מיט איר האַרציקן שמייכל.

— בויגסט נאָך אַלץ דעם קאַרק, אַרבעטסט?

— כ׳אַרבעט כסדר! ווי אַן אַרעסטאַנט.

מיט אים פלעגט די באָבע רעדן פריינטלעך און גוט, גאָר ווי אַן עלטערע. אַמאָל פלעגט ער זיך דערמאָנען אָן מיין מוטער:

— יאָ—אָ, וואַרוואַרא וואַסיליעוונאַ... סאַראַ פרוי דאָס איז געווען — אַ ריז, אָ?

זיין ווייב פלעגט זיך ווענדן צו דער באָבען און אַרייַנשטעלן אַ וואָרט:

— איר געדענקט, כ׳האָב איר אַ טאַלמע *) געשענקט, אַ שוואַרצע, אַ זיידענע, מיט פאַטשערקעס?

— ווי זשע דען...

— נאָך גאָר אַ גוטע טאַלמע געווען...

— יאָ—יאָ, — האָט דער באַלעבאָס געמורמלט, — אַ טאַלמע, אַ פאַלמע, און דאָס לעבן איז אַ שעלמע!

— וואָס רעדסטו אַזוינס? — פלעגט אים זיין ווייב פרעגן מיט חשד.

— איך? אַזוי זיך... טעג פריילעכע פאַרגייען, מענטשן פאַרגייען, מענטשן גוטע פאַרגייען...

— כ׳פאַרשטיי נישט, וואָס ביסטו דערמיט אויסן? — פלעגט די באַלעבאָסטע אומרויק ווערן.

דערנאָך פירט מען דער באָבען אַוועק אַ קוק טאָן אויפן ניי־געבוירענעם, איך נעם אַראָפ פון טיש דאָס שמוציקע טייגעפעס, און דער באַלעבאָס זאָגט צו מיר נישט־הויך און פאַרטראַכט:

— אַ גוטע אַלטע, די באָבע דיינע...

איך בין אים שטאַרק דאַנקבאַר פאַר דידאָזיקע ווערטער,

*) אַזאַ מין פרויען־אויבער־בגד, אַ מין פעלערינע. (איב.)

און בלייבנדיק אונטער פיר אויגן מיט דער באָבען, זאָג איך איר מיט אַ ווייטאָק אין דער נשמה:

— צוואָס קומסטו דאָ אַהער, צוואָס? זעסט דאָך סאַראַ ווי זענען...

— עך, אַליאָשאַ, איך זע אַלץ, — ענטפערט זי, קוקנ־דיק אויף מיר מיט אַ גוט שמייכעלע אויפן וווּנדערלעכן פּנים, און איך פאַרשעם מיך פאַר זיך אַליין: נו, פאַרשטייט זיך, זי זעט אַלץ, זי ווייס אַלץ, זי ווייס אויך דאָס, וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין דער נשמה אין דאָזיקן מאָמענט.

פאָרזיכטיק זיך אומקוקנדיק, צי גייט נישט ווער, נעמט זי מיך אַרום, און רעדט האַרציק:

— כ'וואָלט נישט געקומען אַהער, ווען דו זאָלסט דאָ נישט זיין — צוואָס דאַרף איך זיי? אָבער דער זיידע איז קראַנק געוואָרן, כ'האָב זיך מיט אים אָנגעפּלאָגט, נישט גע־אַרבעט, קיין געלט האָב איך נישט... און דער זון, מיכיילאָ, האָט סאַשען אַרויסגעטריבן, עסן־טרינקען דאַרף מען אים געבן. זיי האָבן צוגעזאָגט צו געבן פאַר דיר זעקס רובל אַ יאָר, האָב איך אַ טראַכט געטאָן — אפשר וועלן זיי כאָטש אַ קערבל געבן? האָסט דאָך שוין ביי אַ האַלב יאָר דאָ אָפּגעלעבט... און רוימט מיר אַריין אין אויער: — זיי האָבן מיר געהייסן דיך אויסשייגעצן, אויסזידלען, פאָלגסט נישט קיינעם, זאָגן זיי. קרוינעלע מיינער, לעב דורך ביי זיי, לייד איבער אַ יאָר צוויי, ביז דו וועסט שטאַרק ווערן! לייד איבער, אַ?

כ'האָב צוגעזאָגט איבערצולײַדן. דאָס איז זייער שווער. עס דריקט מיך דאָס דאָזיקע אָרים, לאַנגווייליק לעבן, פול מיט האָוועניש צוליבן עסן, און כ'לעב ווי אין חלום.

אַמאָל גיב איך אַ טראַכט: מ'דאַרף אַנטלויפן. עס שטייט אָבער אַ בייזער ווינטער, דורך די נעכט וואָיען זאַווערוכעס, אויפן בוידעם אַרבעט אַרום דער ווינט, עס קנאַקט די דאַך־בעלקעס, צוזאַמענגעדריקט דורכן פראָסט, — ווּהין לויפט מען.

שפּאַצירן גיין האָט מען נישט געלאָזט, און הוצדעם איז קיין צייט נישט געווען דערויף: דער קורצער ווינטער־טאָג פלעגט צעקריכן אויסטערליש שנעל אינם הו־הא פון דער שטוביקער אַרבעט.

איך בין אָבער מחויב געווען צו גיין אין צערקווע; אין די שבתים — צו דער אָונט־תּפלה, אין ימים־טובים — צו דער שפּעטער נאָכמיטאָג־תּפלה.

כ'האָב הנאה געהאַט צו באַזוכן צערקוועס; שטייענדיק ערגיץ אין אַ ווינקל, ווו עס איז גערוימער און טונקעלער, פלעג איך ליב האָבן צו קוקן פונדערווייטנס אויפן איקאָנאָסטאַס *): עס דוכט זיך אויס, אַז ער שמעלצט זיך אין די ליכט־פייערן, אַראָפּפליסנדיק אין געדיכט־גאָלדענע שטראָמען אויפן גראָעם שטיינערנעם דיל פון באַלעמער; שטיל באַוועגן זיך די טונקעלע געשטאַלטן פון די איקאָנעס; פריידיק ציטערט דאָס גאָלדענע שפּיצן־געוועב פון די הייליקע טירלעך **), די פייערן פון די ליכט הענגען אין דער בלאָלעכער לופט, ווי גאָלדענע בינען, און די קעפּ פון די פרויען און מיידלעך זענען ענלעך אויף בלומען.

אַלץ אַרום איז האַרמאָניש צוזאמענגעגאָסן מיטן געזאַנג פון כאָר, אַלץ לעבט מיטן אויסטערלישן לעבן פון אַ צויבער־מעשהלע, די גאַנצע צערקווע וויגט זיך פּאַמעלעך, ווי אַ קינדער־וויגעלע, — וויגט זיך אין דער געדיכטער, ווי סמאָלע, טונקעלער פּוסטקייט.

אַמאָל פלעגט זיך מיר אויסדוכטן, אַז די צערקווע איז פאַרזונקען טיף אין וואַסער פון אַ יעזשערע, האָט זיך אויס־באַהאַלטן פון דער ערד, כדי צו לעבן מיט אַן אייגנאַרטיקן,

*) אין די פּראַוואָסלאַוונע צערקוועס די וואַנט פאַרן אלטאַר, וואָס איז באַצירט מיט הייליקע בילדער (איב.)

**) די טיר אין דער אַלטאַר־וואַנט, וואָס פירט צו דעם קדשי־קדשים. (איב.)

אויף קיין איין זאַך נישט ענלעכן לעבן. דידאָזיקע עמפּינדונג איז, וואַרשיינלעך, אַרויסגערופן געוואָרן ביי מיר דורך דער באָבעס דערציילונג וועגן דער שטאָט קיטעזש, און אָפּטמאָל, זיך וויגנדיק אין דרימל צוזאַמען מיטן גאַנצן אַרום, פאַרוויגט דורכן געזאַנג פון כאָר, דורכן גערויש פון די תּפילות, דורך די זיפצן פון די מענטשן, פלעג איך חזרן פאַר זיך די זינגנדיקע טרויעריקע דערציילונג:

— האָבן באַלאַגערט די פאַרשאָלטענע טאַטערן
מיט זייער אומריינער גרויסער מאַכט,
האָבן זיי באַלאַגערט די רומפולע קיטעזש־שטאָט,
אין דער פרימאָרגן־שעה, אין דער ליכטיקער...
אָי, גאָטעניו, פאָטער אונזערער,
גאָטסמוטער הייליקע!
אָי, באַשערט די קנעכט אייערע
אויסצוהערן דעם פרימאָרגן־געבעט,
אויסצוהערן גאָטס הייליק וואָרט!
אָי, גיטס נישט אָפּ דעם טאָטער
די צערקווע הייליקע אויף לעסטערונג,
די ווייבער און מיידלעך — אויף שפּאָט און שאַנד,
די קינדערלעך קליינע — אויף אַ בייזע שפּיל
די אַלטע לייט אויף אַ גרויזאַמען טויט!
האָט דערהערט גאָט צבאוו,
האָט דערהערט די מוטער גאָטס
יענע קרעכצן די מענטשלעכע די קריסטלעכע יאָמער־קלאָג,
און גאָט צבאות האָט געזאָגט
צו מיכאל, דעם ליכטיקן מלאך:
— טו נאָר אַ גיי אַראָפּ, מיכאַלקע, גיב אַ טרייסל
די ערד אונטער קיטעזש־שטאָט,
פאַרזינק קיטעזש אין אַ יעזשערע;
און זאָלן דאָרט מענטשן מתפלל זיין
אָן אַ אָפּרו, נישט מיד ווערנדיק
פון פרימאָרגן־געבעט ביז דער נאַכט־תּפלה,

אַלע הייליקע צערקווע-געבעטן
איך אייביק, לעולם-ועד!
אין יענע יאָרן בין איך פול געווען מיט דער באָבעס פערזן, ווי אַ בינשטאָק מיט האָניק; מיר דוכט, אַז כ'האָב אפילו געטראַכט אין די פאָרמען פון אירע פערזן.
אין צערקווע פלעג איך נישט מתפלל זיין, — ס'איז נישט געווען באַקוועם איבערצוחזרן פאַר דער באָבעס גאָט דעם ייִדנס בייזע תפלות און די טרויעריקע קאַפּיטלעך תהלים; איך בין זיכער געווען, אַז דער באָבעס גאָט קען דאָס נישט געפעלן ווערן, פונקט אַזוי, ווי מיר איז דאָס נישט געפעלן געוואָרן, הוצדעם זענען זיי אָפּגעדרוקט אין ביכער, — הייסט עס, אַז גאָט קען זיי אויף אויסווייניק, ווי אַלע מענטשן, וואָס קענען לעבן און שרייבן.
דעריבער, אין יענע מאָמענטן, ווען מיין האַרץ פלעגט אין צערקווע צענויפגעדריקט ווערן פון אַ זיסן אומעט, אָדער ווען עס פלעגן אים בייסן און גראָבן די קליינינקע באַליידי־קונגען פון פאַרבאָרגענעם טאָג, פלעג איך זיך באַמיען צו־נויפצושטעלן מיינע אייגענע תפלות; ס'איז גענוג געווען איך זאָל זיך פאַרטראַכטן וועגן מיין טרויעריקן מזל, פלעגן זיך די ווערטער פון זיך אליין, אָן מי, צענויפלייגן אין קלאָג־פערזן:
— גאָטעניו, גאָטעניו — ס'איז מיר לאַנגווייליק!
וואָלט איך כאָטש גיכער אויסגעוואַקסן!
ס'איז קיין כח נישטאָ צו לעבן,
כאָטש דערווערג זיך — גאָטעניו, פאַרגיב!
פון דער לערע לאָזט זיך אויס אַ טייך.
די אַלטע מכשפה, די באָבע מאַטרענע,
ריטשעט אויף מיר ווי אַ וואָלף,
און לעבן איז מיר זייער ביטער!
אַ סך מיינע „תפלות״ געדענק איך נאָך ביז אויף היינ־טיקן טאָג, — די אַרבעט פון גייסט אין דער קינדהייט, לייגט

זיך אויף דער נשמה מיט צו טיפע שראמען, אָפּט פּאַרציען זיי זיך נישט אַ גאַנץ לעבן.

אין צערקווע איז געווען גוט, כ'פלעג זיך דאָרט אָפּרוען נישט ערגער, ווי אין וואַלד און פעלד. דאָס קלייניקע האַרץ, וואָס האָט שוין דורכגעלעבט אַ סך עולות, וואָס איז שוין פאַר-שמוצט געווען דורך דער בייזער גראָבקייט פון לעבן, פלעגט זיך ריינוואַשן אין אומקלאָרע, הייסע טרוימען.

אָבער אין צערקווע פלעג איך גיין בלויז אין גרויסע פרעסט, אָדער ווען די זאַווערוכע פלעגט זיך ווילד יאָגן אי-בער דער שטאָט, ווען עס דאַכט זיך, אַז דער הימל איז פאַרפרוירן געוואָרן, און דער ווינט האָט אים צעשטויבט אין וואָלקנס שניי, און די ערד, וואָס ווערט אויך פאַרפרוירן אונ-טער די שניי-בערג, וועט שוין קיינמאָל נישט אויפשטיין תחית המתים, וועט שוין נישט לעבעדיק ווערן.

אין שטילע נעכט האָב איך ליבער געהאַט צו גיין אי-בער דער שטאָט, פון גאַס צו גאַס, פאַרקלייבנדיק זיך אין די וויסטסטע ווינקלען. ס'טרעפט, דו גייסט — ווי פליגלען וואָלטן דיך געטראָגן; איינער אַליין, ווי די לבנה אין הימל; פאַר דיר קריכט דיין שאָטן, לעשט אויס די ליכט-פונקען אויפן שניי, שטויסט זיך קאָמיש אָן אין שטיינערנע סלופּעס, אין פאַרקאַנעס. אינמיטן גאַס שפּרייזט אַ נאַכט-שומר, מיט אַ קאַ-לאַקאַדקע אין האַנט, אין אַ שווערן שאָפּן-פעלץ, נעבן אים טרייסלט זיך אַ הונט.

דער אומגעלומפּערטער מענטש איז ענלעך אויף אַ הינ-טישער בודע, — זי איז אַוועק פון הויף און באַוועגט זיך איבער דער גאַס, מ'ווייס נישט וווהין, און דער געקרענקטער הונט — נאָך איר.

אַמאָל טרעפן זיך פריילעכע פריילנס און קאַוואַלערן — מיר דאַכט, אַז אויך זיי זענען אַנטלאָפן פון דער אָוונט-תפלה.

פון צייט צו צייט גיסן זיך אַרויס דורך די ליופטשי-קעס פון די באַלויכטענע פענסטער אין דער ריינער לופט אַריין עפּעס אַזעלכע מאָדנע ריחות — דינע, אומבאַקאַנטע,

וואָס זענען מרמז אויף אַן אַנדער לעבן, אַן אומבאַקאַנטס פֿאַר מיר; שטייסט אונטערן פענסטער, און שמעקנדיק, איינהערנדיק זיך, ווילסטו טרעפן: וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן, וואָסערע מענטשן לעבן אין דאָזיקן הויז; ס'איז איצט די נאַכט־תפלה, און זיי רוישן פריילעך, לאַכן, שפּילן אויף עפּעס מאָדנע גיטאַרעס, פון ליופּטשיק שווימט געדיכט אַ מעשן־סטרוניקער קלאַנג.

באַזונדערס האָט מיך אינטערעסירט אַן איינשטאָקיק, נידעריק הויז אויפן ראָג פון די ליידיקע גאַסן — טיכאָנאָווער און מאַרטינאָווער. כ'האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אים אין אַ לבנה־נאַכט, אין אַ אַדלעגע. פאַר „מאַסלעניצע" *); פון קוואַדראַטיקן פענסטער־ליופּטשיק האָט געשטראָמט אויפן גאַס צוזאַמען מיט אַ וואַרימען דאַמף אַן אויסערגעוויינלעכער קלאַנג, ריכטיק ווי עמיץ זייער אַ שטאַרקער און אַ גוטער וואָלט געזונגען מיט אַ פאַרמאַכט מויל; קיין ווערטער האָט מען נישט געהערט, אָבער דאָס ליד איז מיר פאָרגעקומען אויסטערליש באַקאַנט און פאַרשטענדלעך, כאָטש הערן זי האָט געשטערט דער סטרונעס־קלאַנג, וועלכער האָט נודנע איבערגעהאַקט דעם פלוס פון ליד. כ'האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיינערנעם סלופּיק, זיך אָנגשטויסנדיק, אַז דאָס שפּילט מען אויף עפּעס אַ מין פידל, פון וווּנדערבאַרער קראַפט און אַ אומדערטרעגלעכער — ווייל ס'איז כמעט ווייטאָגדיק געווען זי צו הערן. אַמאָל פלעגט זי זינגען מיט אַזאַ קראַפט, אַז דאָס גאַנצע הויז, האָט זיך געדאַכט, ציטערט און עס הודיען די שויבן און פענסטער. פון דאַך האָט געקאַפּעט, אויך פון מיינע אויגן האָבן געגומען רינען טרערן.

אומבאַמערקט איז צוגעקומען אַ נאַכט־וועכטער און מיך אראָפּגעשטויסן פון סלופּיק, פרעגנדיק:

— וואָס שטייסטו דאָ?

— מוזיק, — האָב איך דערקלערט.

— מאַלע וואָס! טראָג זיך אָפּ...

*) די וואָך פאַרן גרויסן תענית. (איב.)

כ'בין שנעל אומגעלאָפן אַרום קוואַרטאַל, זיך ווידער אומגעקערט אונטערן פענסטער, אָבער אין שטוב האָט מען שוין נישט געשפּילט, פון ליופּטשיק האָט זיך שטורמיש גע־ריסן אויפן גאַס אַ פריילעכער געוויש, און דאָס איז אַזוי נישט ענלעך געווען אויף דער טרויעריקער מוזיק, ווי כ'וואָלט זי געהערט אין חלום.

כמעט יעדן שבת פלעג איך לויפן צום דאָזיקן הויז, אָבער בלויז איינמאָל, אין פרילינג, האָב איך ווידער דאָרט געהערט די וויליאָנטשעל — זי האָט כמעט אָן אויפהער גע־שפּילט ביז האַלבער נאַכט; ווען כ'האָב זיך אומגעקערט אַהיים, האָט מען מיר אָנגעקלאַפּט די ביינער.

די נאַכטיקע שפּאַצירן אונטער די ווינטערדיקע שטערן, דורך די פּוסטע גאַסן פון שטאָט, האָבן מיך שטאַרק באַריי־כערט. כ'פלעג בכיון אויסקלויבן גאַסן וואָס ווייטער פון צענ־טער: אויף די צענטראַלע זענען געווען אַסך לאַמטערנעס, עס האָבן מיך געקענט באַמערקן די באַלעבאַטימס באַקאַנטע, און דעמאָלט וואָלטן זיך די באַלעבאַטים דערוווּסט, אַז איך לאָז דורך די נאַכט־תּפלות. עס האָבן געשטערט שכּורים, פּאָלי־ציאַנטן און אויסגעלאַסענע מיידלעך; און אין די ווייטע גאַסן האָט מען געקענט אַריינקוקן אין די פענסטער פון די אונטערשטע שטאָקן, אויב זיי זענען נישט שטאַרק פאַרפרוירן און נישט פאַרהאָנגען פון אינעווייניק.

אַסך פאַרשידענע בילדער האָבן מיר געוויזן דידאָזיקע פענסטער: כ'האָב געזען, ווי מענטשן טוען תּפלה, קושן זיך, שלאָגן זיך, שפּילן אין קאָרטן, שמועסן פאַרזאָרגט און שטיל, — ווי אַ פּאַנאָראַמע פאַר אַ קאָפּיקע, האָט זיך פאַר מיר געצויגן אַ שטום, פּישיש לעבן.

אין אַ קעלער, ביי אַ טיש, האָב איך געזען צוויי פרוי־ען — אַ יונגע און אַ עלטערע; קעגנאיבער זיי איז געזעסן אַ לאַנגהאָריקער גימנאַזיסט און, מאַכנדיק מיט דער האַנט, גע־לייענט פאַר זיי אַ בוך. די יונגע האָט געהערט, שטרענג צו־זאַמענציענדיק די ברעמען, אָנגעשפּאַרט אָן אָנלען פון שטול;

און די עלטערע — אַ דינינקע, מיט פּרעכטיקע האָר — האָט פּלוצלינג פאַרמאַכט דאָס פּנים מיט די דלאָניעס, די אַקסלען אירע האָבן גענומען ציטערן, דער גימנאַזיסט האָט אַ שליידער געטאָן פון זיך דאָס בוך, און ווען די יונגינקע, אויפשפּרינגנ־דיק, איז אַוועקגעלאָפן, איז ער געפאַלן אויף די קני פאַר יענער, פאַר דער מיט די פּרעכטיקע האָר, און גענומען קושן אירע הענט.

אין אַ צווייטן פענסטער האָב איך אונטערגעקוקט, ווי אַזוי אַ גרויסער בערדיקער מענטש האָט אַוועקגעזעצט צו זיך אויף די קני אַ פרוי אין אַ רויטן יאַקל, זי געוויגט, ווי אַ קינד, און, ווי ס׳שיינט, געזונגען עפּעס, ברייט צעעפנדיק דאָס מויל אַרויסשפּאַרנדיק די אויגן. זי האָט זיך אינגאַנצן גע־טרייסלט פון געלעכטער, פלעגט זיך פאַרוואַרפן אויף הינטן, שאָקלדיק מיט די פיס, ער פלעגט זי אויסגלייכן און ווידער זינגען, און זי פלעגט ווידער לאַכן. איך האָב לאַנג געקוקט אויף זיי און בין אַוועק ערשט דאַן, ווען כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן זיך פאַרזאָרגט מיט פריילעכקייט אויף אַ גאַנצע נאַכט.

אַסך ענלעכע בילדער האָבן זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין מיין זכרון, און אָפט, פאַרכאַפּט דורך זיי, פלעג איך פאַר־שפּעטיקן אַהיים. דאָס האָט אַרויסגערופן ביי די באַלעבאַטים אַ חשד און זיי פלעגן מיך אויספרעגן:

— אין וועלכער צערקווע ביסטו געווען? וועלכער פּאָפּ האָט אָפּגעהאַלטן דאָס גאָטעסדינסט?

זיי האָבן געקענט אַלע פּאָפּס פון שטאָט, זיי האָבן גע־ווּסט ווען מ׳לייענט יעדע עוואַנגעליע; זיי האָבן געוווּסט אַלץ, — זיי איז לייכט געווען מיך צו כאַפּן ביי אַ ליגן.

ביידע פרויען האָבן געדינט צום צאָרנדיקן גאָט פון מיין זיידן, — צום גאָט, וועלכער האָט געפאָדערט, מ׳זאָל צוגיין צו אים מיט שרעק; זיין נאָמען איז אַלעמאָל געווען אויף די ליפּן פון דידאָזיקע פרויען, — אפילו זידלענדיק זיך, פלעגן זיי איינע די אַנדערע דראָען:

— וואַרט נאַר! גאָט וועט דיך באַשטראָפן, ער וועט דיך שוין מאַכן אויסצודרייען, דו נידערטרעכטיקע!...

דעם זונטאָג פון דער ערשטער תענית-וואָך האָט די אַלטע געפּרעגלט לאַטקעס, און אַלע זענען זיי איר צוגעברענט געוואָרן; אַ רויטע פון פייער האָט זי צאָרנדיק געשריגן:

— אָך, זאָל אייך דער רוח כאַפּן...

און פּלוצלינג, אַ שמעק טוענדיק די פּאַטעלניע, איז זי פינסטער געוואָרן, אַ שליידער געטאָן די פּאַטעלניע אויפן דיל און זיך צעוויינט:

— מאַמעלעך, די פּאַטעלניע איז דאָך גאָר אַ „סקאָראָמנע"*) אַ טריפענע, כ'האָב זי דאָך נישט אויסגעברענט אין לויטערן מאָנטיק, אָ, גאָ—אָטעניו!

זי האָט זיך געשטעלט אויף די קני און מתפלל געווען מיט טרערן:

— גאָטעניו-פאָטערל, זיי מוחל, מיר זינדיקער, דיינע ליידן צוליב! שטראָף מיך נישט, גאָטעניו, דעם נאַר דעם אַלטן...

די אויסגעבאַקטע לאַטקעס האָט מען אַרויסגעוואָרפן פאַר די הינט, די פּאַטעלניע האָט מען אויסגעברענט, און די שנור פלעגט ביים קריגן זיך פאָרוואַרפן דער שוויגער:

— אפילו אין דער תענית-צייט פּרעגלט איר אויף „סקאָראָמנע" פּאַטעלניעס...

זי פלעגן אַריינשלעפּן זייער גאָט אין אַלע הויז-ענינים, אין אַלע ווינקעלעך פון זייער קליינינקן לעבן, — דערפון האָט דאָס אָרימע לעבן באַקומען אַן אויסערלעכע חשיבות און עס האָט אויסגעזען, ווי אַ כסדרדיקער דינסט צו אַ העכערער מאַכט. דאָס אַריינשלעפּן גאָט אין די לאַנגווייליקע קלייניקייטן האָט מיך דערדריקט, נישט-ווילנדיק פלעג איך זיך כסדר אומקוקן איבער די ווינקלען, זיך פילנדיק אונטער עמיצנס אומזעבאַרער אויפזיכט, און דורך די נעכט פלעגט מיך איינהילן

---

*) אזא, וועלכע מ'מעג נוצן צו פלייש, אָדער מילך-שפּייז, אָבער נישט אין דער תענית-צייט. (איב.)

מיט אַ קאַלטן וואָלקן די שרעק, — זי פלעגט קומען פון קיך־ווינקל, ווו פאַר די טונקעלע בילדער פון די הייליקע האָט געברענט דער נר־תמיד.

נעבן דער פּאָליצע איז אַ גרויס פענסטער. צוויי ראַמען, צעטיילט דורך אַ לייסט; אַ ענדלאָזע בלאָע פּוסטקייט ס'קוקט אַריין אין פענסטער, עס דאַכט זיך, אַז דאָס הויז, די קיך, איך — אַלץ הענגט אויפן סאַמע ראַנד פון דערדאָזיקער פּוסטקייט, און אויב מ'וועט מאַכן אַ שאַרפע באַוועגונג, וועט זיך אַלץ אָפּרייסן אין אַ בלאָע, קאַלטע לאָך און וועט נעמען פליען ערגעץ־וווהין פאַרביי די שטערנס, אין דער טויטער שטילקייט, אָן אַ גערויש, ווי עס זינקט אַ שטיין, וועלכן מ'וואַרפט אין וואַסער. לאַנג פלעג איך ליגן אומבאַוועגלעך, מורא האָבנדיק זיך איבערדרייען אויף דער צווייטער זייט, אָפּוואַרטנדיק דעם שרעקלעכן סוף פון לעבן.

כ'געדענק נישט, ווי אַזוי איך האָב זיך אויסגעהיילט פון דאָזיקן שרעק, אָבער כ'האָב זיך אויסגעהיילט גיך, פאַרשטייט זיך, אַז געהאָלפן האָט מיך דער באָבעס גוטער גאָט, און מיר דוכט זיך, אַז שוין דאַן האָב איך דערשפּירט דעם פשוטן אמת: קיין שום שלעכטס האָב איך נאָך נישט געטאָן, אָן אַ שולד מיך שטראָפן איז נישט געזעצלעך און פאַר פרעמדע זינד בין איך נישט פאַראַנטוואָרטלעך.

כ'פלעג דורכלאָזן אויך די נאָכמיטאָג־תפלות, באַזונדערס אין פרילינג, — די כוחות פון דער פרילינג־צייט, כוחות נישט צו באַזיגן פלעגן מיך בשום אופן נישט לאָזן גיין אין צערקווע אַריין. און פלעגט מען מיר מיטגעבן אַ זיבענער אויף אַ ליכטל, האָט דאָס מיך שוין אינגאַנצן קאַליע געמאַכט: כ'פלעג קויפן באַבקעס,*) די גאַנצע תפלה־צייט שפּילן און אומבאַדינגט פאַרשפּעטיקן אַהיים. און איינמאָל האָב איך זיך געקליגט צו פאַרשפּילן אַ גאַנצן צענערל, וועלכן מ'האָט מיר געגעבן אויף הזכרת־נשמות און פּראָספאַרע,**) אַזוי, אַז כ'האָב

*) אַ שפּיל מיט לעקעכלעך. (איב.)

**) געהייליקט ברויט. (איב.)

געמוזט אראָפּשלעפּן אַ פּרעמדע פּראָספּאָרע פון טעצל, וועלכעס דער „דיאטשאק" *) האָט אַרויסגעטראָגן פון אַלטאַר.

ס'האָט מיך ליידנשאַפטלעך געצויגן צום שפּיל, און כ'פלעג זיך אָפּגעבן דערמיט ביז משוגעת. כ'בין געווען גענוג פלינק, שטאַרק און איינגיכן האָב איך אין די נאָנטע גאַסן באַקומען אַ שם פון אַ גוטן שפּילער אין באַבקעס, אין „קליק" און אין „שטעט".

אין גרויסן תענית האָט מען מיך געצוואונגען צו פאַסטן און גיין אין צערקווע זיך מתודה זיין אויף מייַנע זינד, און אָט גיי איך צו אונזער שכן, דעם פּאַטער דאָרימעדאָנט פּאָקראָווסקי. כ'האָב אים געהאַלטן פאַר אַ שטרענגן מענטשן און זיך געשפּירט שטאַרק זינדיק פערזענעך פאַר אים: כ'פלעג צעברעכן מיט שטיינער די אַלטאַנקע אין זיין גאָרטן, געפירט מלחמות מיט זיינע קינדער, און בכלל האָט ער מיר געקענט דערמאָנען נישט ווינציק פאַרשידענע מעשים, אומאָנגענעמע פאַר אים. דאָס האָט מיך שטאַרק באַאומרויקט, און ווען כ'בין געשטאַנען אין דער אָרימענקער צערקווע, אָפּוואַרטנדיק מיין ריי זיך מתודה צו זיין, האָט מיין האַרץ געקלאַפּט מיט שרעק.

אָבער פאָטערל דאָרימעדאָנט האָט מיך באַגעגנט מיט אַ גוטמוטיק-וואָרטענדיקן אויסגעשריי:

— אַ, אַ שכן... נו, שטעל זיך אויף די קני! מיט וואָס ביסטו זינדיק?

ער האָט איבערגעדעקט מיין קאָפּ מיט אַ שטיק שווערן סאַמעט, כ'האָב זיך געשטיקט אין ריח פון וואַקס און קטורת, רייַדן איז שווער געווען און ס'האָט זיך נישט געוואָלט.

— פאָלגסט די עלטערע?

— ניין.

— זאָג — כ'בין זינדיק!

אומגעריכט פאַר זיך אַליין האָב איך אַרויסגעשאָסן:

— פּראָספּאָרעס האָב איך געגנבעט.

*) פאַרזינגער אין צערקווע (איב.)

— וואָס הייסט? ווו? האָט דער פּאָפּ געפרעגט נישט בעאיילט, נאָכטראַכטנדיק.

— ביי דריי הייליקע, ביי פּאקראָוון, ביי ניקאָלען...

— נו, נו, אין אַלע צערקווער! דאָס ליבינקער איז גיש גוט, אַ זינד, פאַרשטייסט?

— כ׳פאַרשטיי.

— זאָג — כ׳בין זינדיק! צעדרייטער. האָסט געגנבעט אויף צו עסן?

— אַמאָל — געגעסן, אָדער, ס׳טרעפט — כ׳פאַרשפּיל די געלט אין באבקעס, און פּראָספאָרע אַהיים מוז מען ברענגען, נו, גנבע איך צו...

פּאָטערל דאַרימעדאָנט האָט עפּעס געגומען שעפּטשן אומפאַרשטענדלעך און מיד, דערנאָך האָט ער געשטעלט נאָך עטלעכע פראַגן און פּלוצים שטרענג אַ פרעג געטאָן:

— האָסט אַמאָל נישט געליינט קיין אומלעגאַלע ביכער?

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נישט פאַרשטאַנען די פראַגע און איבערגעפרעגט:

— וואָס?

— פאַרבאָטנדע ביכלעך האָסטו נישט געליינט?

— ניין, בכלל נישט...

— עס ווערן דיר פאַרגעבן דיינע זינד... שטיי אויף!

כ׳האָב פאַרחידושט אַ קוק געטאָן אים אין פּנים, — עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן פאַרטראַכט און גוט. כ׳האָב זיך געפילט שלעכט, אויסער זיך: אַוועקשיקנדיק מיך צום וידוי, האָבן מיר די באַלעבאַטים אָנגערעדט וועגן דעם אַזוי פיל שרעקלעכס און אימהדיקס, אַז כ׳האָב באַשלאָסן ערלעך זיך מתודה זיין אין אַלע מיינע זינד.

— כ׳האָב אין אַלטאַנקע שטיינער געוואָרפן, — האָב איך דערקלערט.

דער פּאָפּ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— אויך דאָס איז נישט גוט! גיי זיך...

— אויך אין הונט האָב איך געוואָרפן...

— דער ווייטערדיקער! האָט פּאַטערל דאָרימעדאָנט אַ רוף געטאָן, קוקנדיק פאַרבײַ מיר.

כ'בין אַוועק מיט אַ געפיל, ווי מ'וואָלט מיר אָפּגענאַרט און באַליידיקט: כ'בין אַזוי אָנגעשפּאַנט געווען אין שרעק פאַרן ווידוי, און אַלץ איז אַרויסגעקומען נישט שרעקלעך און אַפילו נישט אינטערעסאַנט! אינטערעסאַנט איז בלויז געווען די פראַגע וועגן ביכער, וועלכע זענען מיר אומבאַקאַנט; כ'האָב זיך דערמאָנט דעם גימנאַזיסט, וועלכער האָט אין קע־לער פאָרגעליינט אַ בוך פאַר די פרויען, און כ'האָב זיך דערמאָנט די „שיינע זאַך", — ער האָט אויך געהאַט אַ סך שוואַרצע ביכער, גראָבע מיט אומפאַרשטענדלעכע בילדער.

אויף צומאָרגנס האָט מען מיר געגעבן אַ גילדן און מיך אַוועקגעשיקט אָננעמען די קאַמוניע. די פּסחא איז געווען אַ שפּעטע, דער שניי איז שוין פון לאַנג צעגאַנגען, די גאַסן זענען טרוקן געוואָרן, איבער די וועגן האָט זיך געוויכערט דער שטויב; דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, אַ פרײַדיקער.

לעבן דער צערקווע־מויער האָט מיט אַזאַרט געשפּילט אין באַבקעס אַ גרויסע כאָפּטע בעל־מלאכות; כ'האָב באַשלאָסן, אַז כ'וועל נאָך באַוויזן אײַנצונעמען דעם הייליקן אָונטמאַל, און געבעטן די שפּילער:

— נעמט מיך אָן!

— אַ קאָפּיקע פאַר אַרײַנטרעטן אין שפּיל, — האָט שטאָלץ דערקלערט אַ געשטופּלטער, געלער פאַרשוין.

אָבער איך האָב מיט נישט קיין קלענערן שטאָלץ אַ זאָג געטאָן:

— דריי אונטער דער צווייטער פּאָר פון לינקס!

— די געלט אין קאָן!

און ס'איז אַוועק אַ שפּיל!

כ'האָב אויסגעביטן דעם גילדן, אַוועקגעלייגט דריי קאָ־פּיקעס אונטער אַ פּאָר באַבקעס אין לאַנגן קאָן, וועט עמיץ אַראָפּשלאָגן דידאָזיקע פּאָר — באַקומט ער דאָס געלט, וועט ער נישט טרעפן — באַקום איך פון אים דריי קאָפּיקעס, מיר

האָט אָפּגעגליקט: צוויי האָבן געצײלט אין מײן געלט, און בײדע האָבן נישט אַרײַנגעטראָפֿן, — כ'האָב געוווּנען זעקס קאָפּיקעס בײַ דערוואַקסענע, בײַ מאַנסבילן. דאָס האָט זײער געהויבן מײַן שטימונג...

אָבער עמיץ פֿון די שפּילער האָט געזאָגט

— היט אים, חברה, אַנישט וועט ער אָפּציִען מיטן געווינס...

דאָס האָט מיך באַליידיקט און אויף דער הייסער מינוט האָב איך דערקלערט, ווי אַ קלאַפּ טועדיק אין אַ פּויק:

— ניין קאָפּיקעס אונטער דער לעצטער פּאָר ליַנקס!

דאָס האָט אָבער נישט אַרויסגערופֿן בײַ די שפּילער קײן קענטיקן אײַנדרוק, בלויז עפּעס אַ ייִנגל אין מײַנע יאָרן האָט אַ געשריי געטאָן, וואָרענעדיק:

— היט זיך, — ער איז אַ בר־מזל, דאָס איז דער צײַכענער פֿון זוויאָזדינקי כ'קען אים!

אַ דאַרער בעל־מלאכה, לויטן ריח אַ קירזשנער, האָט מיט כיטרער בײַזקייט אַ זאָג געטאָן:

— אַ שד'ל? *) גו—וט..

זיך אָנצילצוועגדיק מיטן קלאַפּער **), האָט ער געשיקט אַראָפּגעקלאַפּט מײַן שפּיל־געלט און געפֿרעגט, זיך אײַנבויגנדיק צו מיר:

— בעטשעסט?

כ'האָב אָפּגעענטפֿערט:

— אונטער דער לעצטער פֿון רעכטס — דרײַ!

— און כ'וועל אַראָפּרייען, — האָט זיך דער קירזשנער גערימט, אָבער פֿאַרשפּילט.

מער ווי דרײַ מאָל נאָכאַנאַנד טאָר מען נישט שטעלן קײן געלט אין קאָן, — האָב גענומען קלאַפּן פֿרעמדע שפּיל־

---

*) אַ וואָרט־שפּיל, וואָס לאָזט זיך אין ייִדיש ניט איבערגעבן. טשערטיאָזשניק (אַ צײַכענער) און טשערטיאָנאָק (אַ שד'ל) קלינגען ענלעך אין רוסיש און ער פֿאַרבײַט בכיון די צוויי ווערטער. (איב.)

**) דער קנעבל, וואָס איז געפּילט מיט בליי, בײַם באַבקי־שפּיל. (איב.)

געלטער און געוואונען נאָך אַ פּיר קאָפּיקעס, און דערצו — אַ מענ־גע באַבקעס. אָבער ווען ס'איז ווידער אָנגעקומען מיין ריי, האָב איך דריי מאָל געשטעלט און פאַרשפּילט די גאַנצע געלט, און טאַקע פּונקט צו דער צייט: די נאָכמיטאָג־תּפלה האָט זיך שוין געענדיקט, די גלאָקן האָבן געקלונגען, דער עולם איז אַרויסגעקומען פון דער צערקווע.

— שוין נקי? האָט געפרעגט דער קירזשנער, וועלנדיק מיך אָנכאַפּן פאַר די האָר, אָבער איך האָב זיך אַרויסגעדרייט, אוועקגעלאָפן און, אָניאָגנדיק עפּעס אַ יום־טובדיק אָנגעטועטעם בחורל, זיך העפלעך דערקונדיקט:

— איר האָט איינגענומען די הייליקע קאמוניע?

— נו, איז וואָס? — האָט ער געענטפערט, באַטראַכטנ־דיק מיך מיט חשד.

כ'האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר דערציילן, ווי אַזוי מ'נעמט איין די הייליקע קאמוניע, וואָס עס רעדט דאָבײ דער פּאָפּ, און וואָס האָב איך געדאַרפט טאָן.

דאָס בחורל האָט שטרענג אויסגעשטעלט די ברוסט און מיט אַ דראָענדיקן קול אַ ריטשע געטאָן:

— פאַרזוימט די קאמוניע, אפיקורס? נו, וועל איך דיר טאַקע גאָרנישט זאָגן, זאָל דער טאַטע דיר די הויט אָפּשינדן!

כ'בין אוועקגעלאָפן אַהיים, זיכער, אַז מ'וועט נעמען אויספרעגן און געוויס זיך דערוויסן, אַז כ'האָב נישט איינגע־נומען די קאמוניע.

אָבער, צווינשנדיק מיר, האָט די אַלטע געפרעגט בלויז וועגן איינס:

— דעם דיאטשאָק פאַר דעם וואַרימען וואַסער*) האָסטו אַסך געגעבן?

— אַ צענערל, — האָב איך סתם אין וועלט אַריין געזאָגט.

— אויך דריי קאָפּיקעס — וואָלט גענוג געווען פאַר אים, און אַ זיבענער האָסטו זיך געמעגט איבערלאָזן, שלימזל דו!

*) וואָס ווערט באַנוצט ביים הייליקן אָונטפּאָל. (איבּ.)

...פרילינג. יעדער טאָג איז אָנגעטאָן אין עפּעס נייס, יעדער טאָג איז העלער און ליבער! עס שמעקט פאַרשכּורנדיק מיט יונגע גראָזן, מיט פרישן גרינס פון בעריאָזעס, עס ציט מיט אַן אייזערנער קראַפט אין פעלד צו הערן די לערכע, ליגנדיק אויף דער וואַרעמער ערד מיטן פּנים אַרויף. און איך פּוץ ווינטערדיקע מלבושים, כ'העלף זיי איינצופּאַקן אין קופערט, כ'צעברעקל טאַבאַק־בלעטער, כ'קלאַפּ אויס דעם שטויב פון מעבל, פון פרי ביז נאַכט פאַרנעם איך זיך מיט אומאָנגענעמע, פאַר מיר אומנוציקע זאַכן.

אין די פרייע שעהן האָב איך לחלוטין נישט מיט וואָס צו לעבן; אויף אונזער אָרעמער גאַס איז פּוסט, ווייטער — איז נישט דערלויבט אַוועקצוגיין; אויפן הויף געפינען זיך בייזע, מידע ערדגרעבערס, צעשויבערטע קעכינס און וועשינס, יעדן אָוונט — היגטישע חתונות; עס עקלט מיך דערפון און ס'באַליידיקט מיך אַזוי ווייט, אַז סווילט זיך בלינד ווערן.

כ'גיי אַרויף אויפן בוידים, מיטנעמענדיק מיט זיך אַ שער און פאַרביקן פּאַפּיר, כ'שנייד אויס פון אים שפּיצן־אַרטיקע בילדלעך און כ'באַציר מיט זיי די בעלקעס פון דאַך — פּאָרט אַ וואָסער נישט איז שפּייז פאַר מיין לאַנגווייליקייט. כ'בין פול מיט אַ אומרויקן פאַרלאַנג אַוועקצוגיין ערגיץ־וווהין, ווו מ'שלאָפט ווינציקער, ווו מ'קריגט זיך ווינציקער, ווו מ'דערעסט נישט אַזוי צודרינגלעך גאָט מיט קלאָגן זיך, ווו מ'באַליידיקט נישט אַזוי אָפט די מענטשן מיט אַ בייזן משפּט.

...אין שבת פון פּסחא ברענגט מען אַראָפּ אין שטאָט פון אָראַנער מאָנאַסטיר די וווּנדער־טוענדיקע איקאָנע פון דער וולאַדימירער גאָטסמוטער; זי ווײלט אין שטאָט ביז האַלב יוני און באַזוכט אַלע הייזער, אַלע דירות פון יעדער צערקאָווּנער פּאַראַפיע.

צו מיינע באַלעבאַטים איז זי געקומען אין אַ דערוואַכנ־דיקן פרימאָרגן; איך האָב געפּוצט אין קיך די קופערנע כּלים, ווען די יונגע באַלעבאָסטע האָט דערשראָקן אַ געשריי געטאָן פון צימער אַרויס:

— עפן אויף די פראָנט־טיר, די אָראַנער טראָגט מען!

כ'האָב געגומען ליפן פון די טרעפּ אַראָפּ, אַ שמוציקער, מיט הענט — אויסגעשמירט אין פעטס און געשטויסענעם ציגל, געעפנט די טיר, — אַ יונגער מאַנאַך מיט אַ לאַמטערן אין איין האַנט און אַ קטרת־פאַן אין דער צווייטער, האָט שטיל ארויסגעבורטשעט:

— איר פּאָפּט נאָך? העלף...

צוויי בירגער האָבן אַרויפגעטראָגן איבער די שמאָלע שטיגן דעם שווערן קיאָט.*) איך האָב זיי צוגעהאָלפן, אונ־טערהאַלטנדיק מיט די שמוציקע הענט און מיטן אַקסל דעם קאַנט פון קיאָט, פון הינטן האָבן געטאָפּעט שווערע מאָנאַכן, זינגענדיק אומגערן מיט געדיכטע שטימען:

— הייליקע גאָטסמוטער, בעט גאָט פאַר או—ונז...

כ'האָב אַ טראַכט געטאָן מיט אַ טרויעריקער זיכערקייט:

„זיי וועלן זיך באַליידיקן אויף מיר דערפאַר, וואָס איך, אַ שמוציקער טראָג זי, און די הענט וועלן ביי מיר אָפּדאַרן...״

די איקאָנע האָט מען אַוועקגעשטעלט אין פאָדערשטן ווינקל אויף צוויי שטולן, באַדעקטע מיט אַ ריינעם ליילאַך, ביי די זייטן פון קיאָט האָבן זיך אַוועקגעשטעלט, אים אונטער־האַלטנדיק, צוויי מאָנאַכן, יונגע און רויטע, ענלעכע אויף מלאכים, — קלאָר־אויגיקע, פריידיקע, מיט פרעכטיקע האָר.

מ'האָט אָפּגעריכט אַ גאָטעסדינסט.

— אָ, פאַרהערלעכטע מוטער, — האָט מיט אַ הויכער שטימע אויסגעציקלט אַ גרויסער פּאָפּ און נישט אויפגעהערט אָנצוטאַפּן מיט אַ רויטן פינגער דאָס אָנגעשוואָלענע לעפּעלע פון אויער, וואָס איז באַהאַלטן געווען אין פרעכטיקע האָר.

— הייליקע גאָטסמוטער, דערבאַרעם זיך איבער או—ונז, — האָבן מיד געזונגען די מאָנאַכן.

כ'האָב די גאָטסמוטער ליב געהאַט; לויט דער באָבעס דערציילונגען, זייט זי דאָס אויף דער ערד, אַלס טרייסט פאַר די אָרימע מענטשן, אַלע בלומען, אַלע פריידן — אַלדאָס גוטע

*) דער שראַנק, אין וועלכער עס געפינען זיך די הייליקע בילדער. (איב.)

און שיינע. און ווען מ׳האָט געדאַרפט אַ קוש טאָן איר האַנט, האָב איך נישט באַמערקנדיק, ווי עס קושן זי די דערוואַקסענע אַ קוש געטאָן די איקאָנע אין פּנים, אין די ליפּן.

עמיץ האָט מיך מיט אַ מעכטיקער האַנט אַ שליידער געטאָן צום שוועל, אין ווינקל. כ׳געדענק נישט, ווי עס זענען אַוועקגעגאַנגען די מאַנאַכן, אַוועקטראָגנדיק די איקאָנע, אָבער כ׳געדענק זייער גוט: כ׳בין געזעסן אויפן דיל, און די באַלעבאַטים, אַרומרינגלענדיק מיך, האָבן מיט גרויס שרעק און זאָרג אַרומגערעדט — וואָסזשע וועט איצט זיין מיט מיר?

— מ׳דאַרף זיך אַדורכשמועסן מיט אַ פּאָפּ, אָבער מיט אַ געלערנטן, — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס, און אָן כעס מיך געזידלט:

— עם־הארץ, ווי אַזוי פאַרשטייסטו דאָס נישט, אַז אין די ליפּן טאָר מען נישט קושן? און דאָס איז נאָך... אין שולע געגאַנגען...

עטלעכע טעג האָב איך געוואַרט ווי אַ טויט־פאַרמשפּטער — וואָס וועט זיין? כ׳האָב אָנגעכאַפּט דעם קיאָט מיט שמוציקע הענט, אַ קוש געטאָן אומגעזעצלעך, — ניין, דאָס וועט מיר גלאַטיק נישט אָפּגיין, ס׳וועט נישט אָפּגיין גלאַטיק!

אבער, ווייזט אויס, אַז גאָטס־מוטער האָט מוחל געווען די אומגערנווילִיקע זינד, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אויפריכטיקער ליבע. אָדער — איר שטראָף איז געווען אַזוי לייכט, אַז כ׳האָב זי נישט באַמערקט צווישן די אָפטע שטראָפן, וועלכע כ׳בין אויסגעשטאַנען פון גוטע מענטשן.

אַמאָל, כדי צו ערגערן די אַלטע באַלעבאָסטע, פלעג איך איר זאָגן מיט אַ צעבראָכן האַרץ:

— גאָטסמוטער, ווייזט אויס, האָט פאַרגעסן מיך צו באַשטראָפן...

— האָב נאָר געדולד, — פלעגט די אַלטע פאַרזיכערן מיט בייזע רשעות, — מיר וועלן נאָך זען...

...באַצירנדיק די דאַך־בעלקעס פון בוידים מיט מוסטערן פון ראָזן טיי־פּאַפּיר, מיט בויגעלעך בליי־פּאַפּיר, מיט בלעטער

פון בוימער מיט וואָס איר ווילט גאָר, פלעג איך אויסזינגען אויף צערקווע-ניגונים אַלץ, וואָס פלעגט מיר קומען אין קאָפּ אַריין, ווי דאָס טוען די קאַלמיקן אין וועג:

— אויפן בוידים זיץ איך מיר,
מיט אַ שער און פּאַפּיר.
כ'שער דאָס פּאַפּיר, כ'שער...
מיר, דעם עם-הארץ איז לאַנגווייליק!
וואָלט איך זיין אַ הונט —
כ'וואָלט געלאָפן אומעטום,
און איצט שרייט אויף מיר אַ ליאַדע ווער,
זיץ, און שווייג, דו פּומפּעריק,
כּל זמן די הויט איז גאַנץ, שטום!

באַטראַכטנדיק מיין אַרבעט פלעגט די אַלטע אונטער-שמייכלען, שאָקלען מיטן קאָפּ.

— וואָלסטו כאָטש אָט אַזוי די קיך פּאַרצירט...

איינמאָל איז אויפן בוידים אַרויפגעקומען דער באַלעבאָס, באַטראַכט מיין אַרבעט, אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— אַ געלעכטער מיט דיר, פּעשקאָוו, דער רוח ווייסט דיר... אַ פאָקוסניק וועט אויסוואַקסן פון דיר, צי וואָס? ס'איז שווער צו זאָגן...

ער האָט מיר געגעבן אַ גרויסן ניקאָלאַיעווער צענער.

כ'האָב די מטבע צוגעפּעסטיקט מיט לאַפּקעס פון דינעם דראָט און זי אויפגעהאָנגען, ווי אַ מעדאַל, אויפן אויבנאָן צווישן מיינע בונטע אַרבעטן.

אָבער אין אַ טאָג אַרום איז די מטבע פאַרשוווּנדן געוואָרן, צוזאַמען מיט די לאַפּקעס, — כ'בין זיכער, אַז דאָס האָט זי צוגעלקחנט די אַלטע!

V

פֿרילינג־צייט בין איך פֿונדעסטוועגן אַנטלאָפֿן: כ׳בין אין דער פֿרי אַראָפּ אין קרעמל נאָך ברויט צום טיי, און דער קרעמער, נישט איבעררייסנדיק אין מיין קעגנוואַרט די קריגערײַ מיט דעם ווייב, האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן איבערן שטערן מיט אַ געוויכט; זי איז אַרויסגעלאָפֿן אויפֿן גאַס און דאָרט אַנידערגעפֿאַלן; גלייך האָבן זיך פֿאַרזאַמלט מענטשן, די פֿרוי האָט מען אַרייַנגעזעצט אין אַ דראָזשקע און אָפּגעפֿירט אין שפּיטאָל אַריין; איך בין געלאָפֿן ברענגען די דראָזשקע. און דערנאָך אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין, האָב איך זיך דערזען אין פֿאָרט פֿון וואָלגע מיט אַ פֿערציקער אין האַנט.

ס׳האָט מילד געגלאַנצט דער פֿרילינגדיקער טאָג, די וואָלגע האָט זיך ברייט פֿאַנאַנדערגעגאָסן, אויף דער ערד איז געווען טומלדיק, רחבותדיק, — און איך האָב געלעבט ביזן הייַנטיקן טאָג, ווי אַ מייזל אין קעלער. און איך האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז כ׳וועל זיך נישט אומקערן צו מיינע באַלעבאַטים און וועל נישט גיין צו דער באָבען קיין קונאַווין, — כ׳האָב נישט געהאַלטן קיין וואָרט, כ׳האָב זיך געשעמט איר קוקן אין די אויגן, און דער זיידע וואָלט געזען אין מיר אַ נקמה.

אַ טאָג צוויי־דריי האָב איך זיך אַרומגעדרייט איבערן פֿאָרט, דערנערנדיק זיך אַרום די גוטמוטיקע משא־טרעגערס, נעכטיקנדיק מיט זיי אויף די שיף־סטאַציעס; דערנאָך האָט איינער פֿון זיי מיר געזאָגט:

— דו, בחורל, דרייסט זיך דאָ אומזיסט אַרום, ווי איך

זע! גיי נאָר אַריבער אויף דעם „דאָברי". דאָרט איז נויטיק אַ געפּעס-וואַשער...

כ'בין אַוועק אַהין; אַ הויכער בערדיקער בופעטניק, אין אַ שוואַרץ, זיידן היטעלע אָן אַ דאַשעק, האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר דורך די ברילן מיט טריבע אויגן און שטיל געזאָגט:

— צוויי רובל אַ חודש. דעם פּאַס.

קיין פּאַס האָב איך נישט געהאַט, האָט דער בופעטניק זיך פאַרטראַכט און פאַרגעלייגט:

— ברענג צו פירן די מוטער.

כ'בין אַוועקגעלאָפן צו דער באָבען. זי האָט זיך גוט באַצויגן צו מיין האַנדלונג, איבערגערעדט דעם זיידן אַריבער-צוגיין אין האַנטווערקער-אַמט נאָך אַ פּאַס פאַר מיר, און אַליין איז זי אַוועק מיט מיר אויפן דאַמפער.

— גוט, — האָט דער בופעטניק געזאָגט, אַקוק טוענדיק אויף אונז. — קום.

ער האָט מיך אַוועקגעפירט צום הינטערשטן טייל שיף, ווו ביי אַ טישל, טרינקנדיק טיי און גלייכצייטיק רויכערנדיק אַ דיקן פּאַפּיראָס, איז געזעסן אַ ריזיקער קוכער אין אַ ווייס מיצל. דער בופעטניק האָט מיך אַ שטויס געטאָן צו אים.

— אַ געפּעס-וואַשער.

און גלייך אַוועקגעגאַנגען. און דער קוכער, אַ פאַרסקע טוענדיק מיט דער נאָז, האָט אָנגעשפּיזט די שוואַרצע וואָנסעס און אים נאָכגעזאָגט:

— איר נעמט אָן יעדע צרה, אבי ביליק...

ער האָט מיט כעס פאַרוואָרפן דעם גרויסן קאָפּ מיט די שוואַרצע, קורץ-געשוירענע האָר, אויסגעגלאָצט די טונקעלע אויגן, זיך אָנגעשטרענגט, אָנגעבלאָזן און הילכיק אַ געשריי געטאָן:

— ווער ביסטו, ווער?

מיר איז דערדאָזיקער מענטש שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן, — איינגאַנצן אין ווייסן, האָט ער פונדעסטוועגן אויס-

געזען שמוציק, זיינע פינגער זענען געווען באַוואַקסן, פון די גרויסע אויערן האָבן אַרויסגעקוקט האָר.

— כ׳וויל עסן, האָב איך אים געזאָגט.

ער האָט אַ פינטל געטאָן מיטן אויג, און פלוצלינג האָט אַ ברייטער שמייכל פאַרענדערט זיין אַכזריותדיק פּנים, די גראָבע, אָפּגעבראָכענע באַקן זענען ווי אַ כוואַליע אָפּגעלאָפן צו די אויערן, אָפּדעקנדיק גרויסע פערדישע ציין, די וואָנסעס האָבן זיך ווייך אַראָפּגעלאָזן: ער איז ענלעך געוואָרן אויף אַ גראָבער גוטער פרוי.

אוועקגיסנדיק איבערן בארט דעם טיי פון זיין גלאָז, האָט ער אָנגעגאָסן פרישן, צוגערוקט צו מיר נישט קיין אָנגעהויבענעם פּראָוויזישן זעמל, און אַ גרויס שטיק וורשט.

— רייב! טאַטע־מאַמע זענען דאָ? גנבענען קענסטו? נו, האָב נישט קיין מורא. דאָ זענען אַלע גנבים — מ׳וועט אויסלערנען!

געוועדט האָט ער, ווי ער זאָל בילן. זיין גרויס, ביז בלאָקייט אויסגעגאָלט פּנים איז אַרום נאָז באַדעקט געווען מיט אַ געדיכטער נעץ רויטע אָדערלעך, די צוגעשוואָלענע רויטע נאָז האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די וואָנסעס, די אונטערשטע ליפּ איז שווער און מיט עקל אָפּגעהאָנגען, אין מויל־ווינקל האָט זיך צוגעקלעפּט אַ זיך רויכערנדיקער פּאַפּיראָס. ער איז ווייזט אויס, נאָרוואָס געקומען פון באָד — ס׳האָט געשמעקט פון אים מיט בעריאָזענעם בעזימל און פעפער־בראָנפן, אויף די שלייפן און אויפן האַלז האָט געגלאַנצט אַ שטאַרקער שוויים.

ווען כ׳האָב זיך שוין געהאַט אָנגעטרונקען מיט טיי, האָט ער מיר אַריינגערוקט אין האַנט אַ רובלדיקן פּאַפּירל.

— גיי, קויף זיך צוויי פאַרטוכער מיט הערצלעך. וואַרט, — כ׳וועל אַליין קויפן!

ער האָט פאַרריכט דאָס מיצל און גענומען גיין, שווער און וואַקלענדיק, טאַפּנדיק מיט די פיס דעם דעק, ווי אַ בער.

... נאַכט, די לבנה שיינט העל, אוועקלויפנדיק פון דאַמפּער

לינקס, צו די לאַנקעס. דער אַלטינקער געלער דאַמפּער, מיט אַ
ווייסן שטרייף אויפן קוימען, שליאָפּעט נישט געאיילט און נישט
סימעטריש איבערן זילבערנעם וואַסער, טונקעלע ברעגעס שווימען
אים שטילינקערהייט אַנטקעגן, אַוועקלייגנדיק אויפן וואַסער שאָטנס,
איבער זיי לויכטן זיך רויט די פענסטער פון די שטיבלעך, אין
דאָרף זינגט מען, — די מוידן טאַנצן אַ קאַראַהאָד און דער צו־
זאַנג „אַי־ליולי” קלינגט ווי הללויה...

הינטערן דאַמפּער שלעפּט זיך אויף אַ לאַנגן בוקסיר אַ באַרזשע־
אויך אַ געלע; איר דעק איז צוגעדעקט מיט אַ אייזערנע שטייג, אין
שטייג — אַרעסטאַנטן, פאַרמשפּטע אויף פאַרשיקונג און קאַטאָרגע־
אויפן נאָז פון דער באַרזשע, גלאַנצט, ווי אַ ליכט, דער באַגנעט
פון וואַך־זעלנער; די דראָבנע שטערנס אין בלאָען הימל ברענען
אויך, ווי ליכט. אויף דער באַרזשע איז שטיל, זי איז שפּעדיק
באַגאָסן מיט לבנה־ליכט, הינטער דער שוואַרצער נעץ פון די איי־
זערנע קראַטעס זעען זיך אומקלאָר קיילעכדיקע גראָע פלעקן, —
דאָס קוקן די אַרעסטאַנטן אויף דער וואָלגע. דאָס וואַסער גיט אָפּט
אַ כליפּע, צי וויינט עס, צי לאַכט עס נישט־דרייסט? אַלץ אַרום
איז עפּעס ווי אין צערקווע, און עס שמעקט מיט אייל נישט וויב־
ציקער שטאַרק, ווי אין איר.

כ׳קוק אויף דער באַרזשע און כ׳דערמאָן זיך די פרייע קינד־
הייט, דעם וועג פון אַסטראַכאַן קיין ניזשני, דאָס אייזערנע פּנים
פון דער מאַמען און דער באָבען — דעם מענטשן, וועלכער האָט
מיך אַריינגעפירט אין דעמדאָזיקן אינטערעסאַנטן כאָטש שווערן
לעבן, צווישן מענטשן. און דערמאַן איך זיך אָן דער באָבען פאַר־
שווינדט פון מיר אַלדאָס שלעכטע, באַליידיקנדיקע, אַלץ ווערט
פאַרענדערט, אינטערעסאַנטער, אַנגענעמער, די מענטשן זענען בע־
סער און ליבער...

כמעט ביז טרערן רעגט מיך אויף די שיינקייט פון דער
נאַכט, דידאָזיקע באַרזשע, — זי איז ענלעך אויף אַ טרומנע און
איז אַזוי איבעריק אויף דער רחבות פון דעם ברייט־צעגאָסענעם
טייך, אין דער מעלאַנכאָלישער שטילקייט פון דער וואַרעמער
נאַכט. די נישט גלייכע ליניע פון ברעג, וואָס דאָ הויבט זי זיך

אויף, דאָ לאָזט זי זיך אַראָפּ, באַומרויקט אַ אנגענעם דאָס האַרץ, — מיר ווילט זיך זיין גוט, נוצלעך פאַר מענטשן.

די מענטשן אויף אונזער דאַמפער זענען מאָדנע, זיי אַלע — אַלט און יונג, מענער און פרויען — זענען אין מיינע אויגן איין-און-דיזעלבע. אונזער דאַמפער גייט פּאַמעלעך, געשעפטס-מענטשן פאָרן מיט די פּאָטשט-דאַמפערס, און צו אונז פארקלייבן זיך אַלץ עפּעס אַזעלכע שטילע פּוסט-און-פּאַסניקעס.

פון פרי ביז נאַכט טרינקען זיי און עסן, מאַכן איין אַ סך געפעס, מעסערס, גאָפּלען, לעפלען; מיין אַרבעט איז צו וואַשן דאָס געפעס, רייניקן די גאָפּלען און מעסערס, כ׳פּאַרגעם זיך דערמיט פון זעקס אינדערפרי און כמעט ביז האַלבער נאַכט. ביי-טאָג, צווישן צוויי און זעקס, און אָוונטצייט, פון צען ביז צוועלף האָב איך ווייניקער אַרבעט, — די פּאַסאַזשירן, אָפּרועענדיק פון עסן, טרינקען בלויז טיי, ביר, בראָנפן. אין דידאָזיקע שעהן איז פריי די גאַנצע בופעט-דינערשאַפט — מיין אויבערשטע מאַכט.

ביים טיש לעבן אָפּגוס טרינקען טיי דער קוכער ס מ ו ר י זיין געהילף יאַקאָוו איוואַניטש, דער קיך-געפעס-וואַשער מאַקסים און דער קעלנער פאַר די דעק-פּאַסאַזשירן סערגיי, אַ הויקער, מיט אַ סקוליקן פּנים, צעגראָבן פון פּאָקן, מיט בוימלדיקע אויגן. יאַקאָוו איוואַניטש רעדט נבול-פּה, לאַכנדיק, דאַביי מיט אַ כליפּנדיק גע-לעכטערל, ווייזנדיק גרינע, פאַרפוילטע ציין. סערגיי צעציט ביז די אויערן זיין זשאַבישן מויל, דער אָנגעכמורעטער מאַקסים שווייגט, קוקנדיק אויף זיי מיט שטרענגע אויגן פון אומבאַשטימטן קאָליר.

— אַז — זיאַטן! מאָרד־דוואַ! *) זאָגט פון צייט צו צייט דער עלטסער קוכער מיט אַ הילכיקן קול.

די דאָזיקע מענטשן געפעלן מיר נישט. דער דיקער, פּליי-כעוואַטער יאַקאָוו איוואַניטש רעדט בלויז וועגן פרויען און תמיד שמוציק. דאָס פּנים זיינס איז אַ פּוסטס, אין גראָע פלעקן, אויף איין באַק אַ בראָדעווקע מיט אַ פרענזעלע געלע האָר, וועלכער דרייט צענויף אין אַ נאָדל. ווען אויפן דאַמפער באַווייזט זיך אַ נאָכגיביקע, ווילערישע פּאַסאַזשירין, גייט ער אום אַרום איר

*) אַזאַ פּאַלק. (איב.)

עפּעס מאָדנע נישט-דרייסט און שרעקעוודיק, ווי אַ בעטלער, רעדט מיט איר לאַקריץ-זיס און געבעכדיק, אויף זיינע ליפּן באַווייזט זיך אַ זייפיקע שוים, יעדע רגע לעקט ער זי אָפּ מיט אַ שנעלער באַוועגונג פון דער אומרײַנער צונג. כ'ווייס נישט פאַרוואָס מיר דאַכט זיך, אַז אַט אַזעלכע פּעטינקע דאַרפן זיין תּלינים.

— אַ פרוי דאַרף מען וויסן ווי אָנצוגליען, — לערנט ער סערגייען און מאַקסימען; זיי הערן אים אויס אויפמערקזאַם און בלאָזן זיך אָן, ווערן רויט.

— אַזיאַטן, — שיסט סמורי אַרויס מיט עקל, הויבט זיך שווער אויף און באַפעלט מיר:

— פּעשקאָוו — מאַרש!

ביי זיך אין קאַיוטע רוקט ער מיר אַריין אין האַנט אַ ביכל אין אַ לעדערנעם איינבאַנד און לייגט זיך אַוועק אויפן בעטל, ביי דער וואַנט פון אייז-קעלער.

— לייען!

כ'זעץ זיך אַנידער אויף אַ קאַסטן מאַקאַראָנעס און לייען געוויסנהאַפט:

„— דער אומבראַקול, אַ באַזעצטער מיט שטערנס, באַדייט אַ באַקוועמע פאַרבינדונג מיטן הימל, וועלכן זיי באַקומען דורך באַפרייען זיך פון פּראָפאַנען און שלעכטע מידות"...

סמורי פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, פּאָרסקעט אַרויס מיט רויך און בורטשעט:

— קעמלען! אָנגעשריבן אַ ביסל...

— „די אַנטבלויזונג פון דער לינקער ברוסט באַדייט אַן אומשולדיק האַרץ"...

— ביי וועמען — די אַנטבלויזונג?

— עס שטייט נישט.

— הייסט עס — ביי פרויען... ע, נואפים.

ער מאַכט צו די אויגן און ליגט, פאַרוואַרפנדיק די הענט אונטערן קאָפּ, דער פּאַפּיראָס רויכערט זיך קוים, צוגעקלעפּט צום ווינקל פון מויל, ער פאַרריכט אים מיט דער צונג, פאַרציט אַזוי, אַז אין ברוסט ביי אים גיט עפּעס אַ פּייף, און זיין גרויס פּנים

פאַרזינקט אין אַ וואָלקן רויך. אַמאָל דוכט זיך מיר, אַז ער איז איינגעלאָפּן, הער איך אויף צו לייענען און באַטראַכט דאָס פאַר־שאָלטענע בוך — עס האָט מיר דערעסן ביז חלשות.

אָבער ער כריפּעט אַרויס:

— לייען!

„וועגערזאַבל ענטפערט: גיב אַ קוק, מיין ליבער פרעד *) סיוווערימאַן"...

— סעווערימאַן...

— עס שטייט — סיוווערימאַן...

— נו? כאַפּט עס דער רוח! דאָרט צום סוף איז מיט פערזן געשריבן, פאַר פון דאָרטן...

— כ'„פאַר":

— „פראָפאַגען, וואָס איר זענט נייגעריק צו וויסן אונזערע ענינים —

קיינמאָל וועלן זיי די שוואַכע אויגן אייערע נישט דערזען.

אפילו דאָס וועט איר זיך נישט דערוויסן, וויאַזוי עס זינ־גען די פּרערן".

— וואַרט, — זאָגט סמורי, — דאָס זענען דאָך גאָרנישט קיין פערזן! גיב אַהער דאָס בוך...

ער בלעטערט מיט כעס די דיקע, בלאָע זייטן און רוקט אַרונ־טער דאָס בוך אונטערן שעניק.

— נעם אַ צווייטס.

צו מיין אומגליק, פאַרמאָגט ער אין שוואַרצן, מיט אייזן באַשלאָגענעם קופערט, אַ סך ביכער, למשל: „אָמירס לערע", „אַרטילערישע דערינערונגען", „די בריוו פון לאָרד סעדענגאַלי", „וועגן וואַנצן, דעם שעדלעכן אינזעקט, און אויך וועגן דער פאַר־ניכטונג פון דעמזעלבן, מיט אַ צוגאָב פון עצות קעגן די, וואָס קומען מיט אים צוזאַמען"; עס זענען געווען ביכער אָן אַ אָנהויב און אָן אַ סוף. אַמאָל פלעגט מיך דער קוכער צווינגען איבער־קלויבן דידאַזיקע ביכער, אָנרופן זייערע אַלע נעמען, — איך פלעג לייענען, און ער פלעגט בייז בורטשען:

*) ברודער (איב.)

— אָנגעשריבן אַביסל, אויסוווּרפן... ווי איבער די ציין דערלאַנגט. און פאַרוואָס — קען מען נישט פאַרשטיין, גערוואַלט! כ'דאַרף אים האָבן אויף כפרות, דעמדאָזיקן גערוואַלט! אומבראַקול...

די מאָדנע ווערטער. די אומבאַקאַנטע נעמען זענען זלידנע צוגעשטאַנען צו מיין זכרון, געביסן די צונג, יעדע מינוט האָט זיך געוואָלט זיי איבערחזרן, — ווער ווייס, אפשר וועט דורך די קלאַנגען אַנטפּלעקט ווערן זייער זין? און הינטערן פענסטער האָט אָן אויפהער געזונגען און געפּליעסקעט דאָס וואַסער. ס'וואָלט גוט געווען אַוועקצוגיין אויף דער הינטערשטער טייל, שיף, — דאָרט, צווישן די קאַסטנס סחורה, קלויבן זיך צונויף מאַט־ראָסן, הייצערס, געווינען ביי די פּאַסאַזשירן אין קאָרטן, זינגען לידער, דערציילן אינטערעסאַנטע געשיכטעס. ס'איז גוט צו זיצן מיט זיי און, הערנדיק דאָס פּשוטע, פאַרשטענדלעכע, קוקן אויף די ברעגעס פון דער קאַמע, אויף די סאָסנעס, אויסגעצויגענע, ווי קופּערנע סטרונעס אויף די לאָנקעס, וווּ עס זענען געבליבן פון געוויסער קליינינקע יעזשערעס און זיי ליגן ווי שטיקלעך פון אַ צעבראָכענעם שפּיגל, אָפּשפּיגלענדיק דעם בלאָען הימל. אונזער דאַמפער איז אָפּגעטיילט פון דער ערד, ער אַנטלויפט פון איר, און אין דער שטילקייט פון פאַרמאַטערטן טאָג, דערטראָגט זיך אַ געקלאַנג פון אַ אומגעזעענעם גלאָקנטורעם, דערמאָנענדיק וועגן דערפער, וועגן מענטשן. אויף א כוואַליע וויגט זיך דאָס שיפל פון אַ פי־שער, ענלעך אויף אַ ראָזשאַק פון ברויט; אָט באַווייזט זיך אויפן ברעג אַ דערפל, אַ כאָפּטע יאַטלעך פּליעסקען זיך אין טייך, איבער דער געלער סטענגע פון זאַמד גייט אַ פּויער אין אַ רויט העמדל פונדערווייטנס, פון טייך, זעט אַלץ אויס אנגענעם, אַלץ — ווי אַ שפּילצייג, קאָמיש דראָבנע און בונט. עס ווילט זיך אַ געשריי ט אָן צום ברעג עפּעס פריינטלעכע, גוטע ווערטער — אויפן ברע און אויף דער באַרזשע.

דידאָזיקע געלע באַרזשע האָט מיך זייער באַשעפטיקט, אַ גאַנצע שעה פלעג איך קענען נישט אָפּרייסנדיק זיך, קוקן, ווי זי גראָבט מיט דער טעמפּער נאָז דאָס מוטנע וואַסער. דער דאַמפער האָט זי געשלעפּט, ווי אַ חזיר; נאָכלאָזנדיק פלעגט דער בוקסיר

שמייסן איבערן וואסער, דערנאָך ווידער זיך אָנשפּאַנען, לאָזנדיק פאַלן אַ פולע טראַפּנס, און אַ צי טאָן די באַרושע פאַר דער נאָז. מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט זען די פּנימער פון די מענטשן. וועלכע זענען געזעסן ווי חיות אין דער אייזערנער שטייג. אין פּעזם, ווען מ׳האָט זיי אַראָפּגעפירט אויפן ברעג, האָב איך זיך דורכגעקליבן איבער דער אַראָפּשטייג-ברעט פון דער באַרושע; פאַרביי מיר זענען דורך צענטליקער גראָע מענטש לעך, קלאַפּנדיק הילכיק מיט די פיס, קלינגענדיק מיט די ריגגען פון די קייטן, איינגעבויגן אונטער דער משא פון קלומעקעס; עס זענען געגאַנ-גען פרויען און מענער, אַלטע און יונגע, שיינע און מיאוסע, אָבער לחלוטין דיזעלבע, ווי אַלע מענטשן, בלויז אַנדערש אָנגע-טוענע און מיאוס געוואָרענע דורכן גאָלן. פאַרשטייט זיך, דאָס זענען — מערדער, אָבער די באָבע האָט אַזויפיל גוטס אָנגערעדט וועגן די מערדער.

סמורי, וועלכער איז מער פאַר אַנדערע ענלעך געווען אויף אַן אכזריותדיקן מערדער, האָט געבורטשעט, קוקנדיק אַגגעכמורעט אויף דער באַרושע:

— זאָל גאָט באַשירעמען פון אַזאַ גורל!

איינמאָל האָב איך אים געפרעגט:

— פאַרוואָס עפּעס קאָכט איר, און די אַנדערע הרגענען, רויבן?

— איך קאָך נישט, נאָר מאַך צערעכט: קאָכן — קאָכן פרויען, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל; נאָכדענקנדיק, האָט ער צוגעגעבן: — דער חלוק צווישן מענטשן באַשטייט אין נאַ-רישקייט. איינער איז קליגער, דער צווייטער — ווינציקער, דער דריטער איז גאָר אַ שוטה. און כדי קליגער צו ווערן, דאַרף מען לייענען ריכטיקע ביכער, די שוואַרצע מאגיע און — וואָס נאָך דאָרט? אַלע ביכער דאַרף מען לייענען, דאַן וועסטו געפינען די ריכטיקע...

ער פלעגט כסדר אַריינריידן אין מיר:

— לייען! וועסט נישט פאַרשטיין אַ בוך, — לייען איבער

זיבן מאָל, וועסטו ביים זיבעטן נישט פאַרשטיין, — לייען איבער צוועלף מאָל...

מיט אַלעמען אויפן דאַמפּער, נישט אויסשליסנדיק דעם שווייגנדיקן בופּעטניק, האָט סמורי גערעדט אָפּגעהאַקט, מיט עקל אַראָפּלאָזנדיק די אונטערשטע ליפּ, אָנשפּיזנדיק די וואָנסעס, ווי ער וואָלט געוואָרפן שטיינער אין די מענטשן. צו מיר האָט ער זיך באַצויגן ווייך און אויפמערקזאַם, אָבער אין דערדאָזיקער אויפמערקזאַמקייט איז געלעגן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיך אַ ביסל געשראָקן; אַמאָל פלעגט מיר דער קוכער פאַרקומען ווי האַלב-מטורף, ווי דער באָבעס שוועסטער.

אַמאָל פלעגט ער זאָגן צו מיר:

— וואַרט אויף מיטן לייענען...

און ליגט לאַנג, מיט פאַרמאַכטע אויגן, סאָפּענדיק מיט דער נאָז; עס באַוועגט זיך זיין גרויסער בויך, עס באַוועגן זיך זיינע אָפּגעבברענטע, האָריקע פינגער פון די הענט, וועלכע זענען איינגעלייגט אויף דער ברוסט, ווי ביי אַ בר-מינן און שטריקן מיט אומגעזעענע שפּיזלען אַן אומגעזעענעם זאַק.

און פלוצלינג הויבט ער אָן צו בורטשען:

— יאָ, אָט האָסטו — שכל, גיי און לעב! אָבער שכל איז געגעבן געוואָרן קאַרג און נישט אַלעמען גלייך. ווען אַלע וואָלטן כאָטש געווען גלייך שכלדיק, איז אָבער — ניין... אייבער פאַרשטייט, דער צווייטער פאַרשטייט נישט, און עס זענען דאָ אַזעלכע, וועלכע ווילן שוין בכלל נישט פאַרשטיין, אַ!

זיך שטרויכלענדיק אויף ווערטער, פלעגט ער דערציילן געשיכטעס פון זיין זעלנער-לעבן, — דעם זין פון די דאָזיקע געשיכטעס האָב איך נישט געקענט באַגרייפן, זיי זענען מיר פאַרגעקומען נישט אינטערעסאַנט, און חוצדעם פלעגט ער נישט דערציילן פון אָ-הויב, נאָר דאָס, וואָס פלעגט אים קומען אויפן זכרון.

— רופט צו דער פּולק-קאָמאַנדיר יענעם זעלנער און פרעגט: וואָס האָט דיר געזאָגט דער פּאַרוטשיק? ענטפערט ער אַלץ, ווי ס'איז געווען, — אַ זעלנער מוז זאָגן דעם אמת. און דער פּאַרוטשיק האָט אַ קוק

געטאַן אויף אים, ווי אויך געוואָנט, און זיך אָפּגעקערט, אַראָפּ־געלאָזן דעם קאָפּ. יאָ...

דער קוכער כּעסט זיך, אָטעמט מיט רויך און בורטשעט:

— צי דען ווייס איך, וואָס מ'מעג ריידן און וואָס — נישט? דע־נאָך האָט מען דעם פּאָרוטשיק פּאַרמשפּט אויף פעסטונג, און זיין מוטער זאָגט... אַך, גאָט מיינער! כ'האָב דאָך גאָרנישט נישט נישט געלערנט...

ס'איז הייס. אַרום און אַרום טרייסלט זיך אַלץ שטיל, הוד־יעט, הינטער דעם אייזערנעם ווענטל פון דער קאַיוטע פּליוסקעט דאָס וואַסער און ס'קלאַפּט דער ראָד פון דאַמפער, פאַרביי דעם איליומינאַטאָר פליסט מיט אַ ברייטן פּאַס דער טייך, סונדערוויטנס זעט זיך אַ שטרייפל פון לאָנקע־ברעג, עס ציטערן פאַרביי בוי־מער. דאָס געהער איז צוגעוווינט צו אַלע קלאַנגען. — עס דאַכט זיך, אַז אַרום איז שטיל, כאָטש אויף דער נאָז פון דאַמפער וואָ־יעט טרויעריק אַ מאַטראָס:

—זי—יבן, זי—יבן...

עס ווילט זיך נישט אָנטיילנעמען אין קיין איין זאַך נישט, עס ווילט זיך נישט הערן, אַרבעטן, אַבי נאָר זיצן ערגיץ־ווו אין שאָטן, ווו ס'איז נישטאָ דער פּעטער, הייסער גערוך פון קיך, זיצן און קוקן האַלב־פאַרשלאָפן, ווי אַזוי עס גליטשט זיך איבערן וואַסער דאָסדאָזיקע שטילינקע, איינגעמאַטערטע לעבן.

— לייען! — באַפעלט בייז דער קוכער.

עס ציטערן פאַר אים אפילו די קלאָסן־קעלנערס, און דער רוי־קער, וואָרטקאַרגער בופעטניק, וואָס איז ענלעך אויף אַ סענדאָק, האָט אויך, ווייזט אויס, מורא פאַר סמורין.

— עי, דו, חזיר! — שרייט ער אויף בופעט־דינערשאַפט. — קום אַהער, גנב! אַזיאַטן... אומבראַקול...

די מאַטראָסן און הייצערס באַציען זיך צו אים מיט דרך־ארץ, חניפהדיק, — ער פלעגט זיי געבן דאָס אויסגעקאָכטע זופּן־פלייש, אויספרעגנדיק וועגן דאָרף, וועגן די פאַמיליעס. די דורכ־געפעצטע און דורכגעקאָפּטשעטע הייצערס ווייס־רוסן האָבן זיך אויפן דאַמפער גערעכנט פאַר נידעריקע מענטשן, מ'האָט זיי־

בערופן מיט איין אלגעמיינעם נאמען — יאקוטן, און זיך גע-רייצט מיט זיי...

ווען סמורי פלעגט דאס הערן, פלעגט ער. זיך אנשפיזלען, אנגיסן מיט בלוט, און ריטשען צום הייצער:

— פארוואס לאזטו חוזק מאכן איבער, זיך, דו הינטישער לעבער? גיב דעם קאצאפ אין די ציין!

איינמאל האט דער באצמאן, א שיינער און בייזער פויער, אים געזאגט:

— א יאקוט און א כאכאל זענען פון איין גלויבן

דער קוכער האט אים אנגעכאפט פארן קאלנער, פארן גארטל, אויפגעהויבן אינדערלופטן און געגומען טרייסלען, פרעגנ-דיק:

— ווילסט — כ'וועל דיך צעניזוקן?

קריגן פלעגט מען זיך אפט, אמאל ביז א געשלעג, אבער סמורין האט מען נישט געשלאגן, — ער האט פארמאגט אן אי-בער מענטשלעכע קראפט, און חוצדעם פלעגט מיט אים אפט און פריינטלעך שמועסן דעם קאפיטאנס ווייב, א הויכע, שטאטלעכע פרוי מיט א מאנסבילש פנים און מיט גלאטע, ווי ביי א יינגל אפגעשארענע האר.

ער פלעגט טרינקען מוראדיק פיל בראנפן, אבער קיינמאל נישט שיכור ווערן. אנהויבן טרינקען פלעגט ער אינדערפרי, אויס-טרינקנדיק א פלעשל אין פיר זופן, און ביזן אוונט כסדר געזויגן ביר. זיין פנים פלעגט ביסלעכווייז ברוין ווערן. די טונקעלע אויגן פלעגן זיך פארחידושט צעעפענען.

ס'פלעגט טרעפן, אוונטצייט זעצט ער זיך אוועק ביים אפגוס, א ריזיקער, א ווייסער און זיצט שעהנווייז שטילשווייגנדיק, קוקנ-דיק פינסטער אין דער פליסנדיקער ווייטקייט. אין אזעלכע שעהן פלעגן זיך אלע באזונדערס שרעקן פאר אים, און איך האב רחמ-נות געהאט.

ס'פלעגט ארויסקומען פון קיך יאקאוו איוואנאוויטש, א שווייסיקער, א צעגליטער; פלעגט שטיין, זיך קראצנדיק אין פלי-

כעוואַטן שאַרבן און, אַ מאַך-טוענדיק מיט דער האַנט, פאַרשווינדן, אָדער זאָגן פון דערווייטנס:

— דער סטערלעט איז טויט אָפּגעגאַנגען...

— נו, איז אין זאַלץ-וואַסער.

— און אויב מ׳וועט אַ פיש-יויך באַשטעלן, אָדער געדעמפטע?

— מאַך צערעכס. מ׳וועט אויפעסן.

אַמאָל פלעג איך וואָגן צוצוגיין צו אים, ער פלעגט שווער אי-בערפירן אויף מיר די אויגן.

— וואָס?

— גאָרנישט.

— גוט...

פונדעסטוועגן האָב איך אַ מאָל געפרעגט אין איינער פון די-דאָזיקע שעהן:

— צוואָס שרעקט איר אַלעמען, איר זענט דאָך אַ גוטער? קעגן מיין דערוואַרטונג, איז ער נישט אין כעס געוואָרן.

— דאָס בין איך נאָר צו דיר גוט.

אָבער ער האָט גלייך צוגעגעבן, אָפנהאַרציק און פאַר-טראַכט:

— און, אפשר ביסטו גערעכט, כ׳בין צו אַלעמען גוט. נאָר כ׳ווייז דאָס נישט אַרויס, דאָס טאָר מען נישט אַרויסווייזן פאַר מענטשן, זיי וועלן מיט די ביינער אויפעסן. אויף אַ גוטן קריכט יעדער איינער, ווי אויף אַ בערגל אין אַ זומפּ... און זיי וועלן צעדעפּטשען. גיי, ברענג ביר...

אויסגעטרונקען די פלאַש, אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז, האָט ער אָפּגעלעקט די וואָנסעס און געזאָגט:

— וואָלסטו, פויגל, אַ ביסל גרעסער געווען, וואָלט איך דיך אַ סך זאַכן אויסגעלערנט. כ׳האָב וואָס צו זאָגן אַ מענטשן, כ׳בין נישט קיין נאַר... דו לייען ביכער, אין זיי דאַרף זיין אַלץ, וואָס נויטיק איז. דאָס איז נישט קיין קלייניקייט, ביכער! ווילסט ביר?

— כ׳האָב נישט ליב.

— גוט. איך טרינק טאַקע נישט. שכרות — איז אַן אומ-גליק. בראָנפן איז דעם טייוולס אַ זאַך. וואָלט איך זיין רייך,

וואָלט איך דיך אוועקגעטריבן לערנען זיך. אַן עם הארץ איז דיר אַן אָקס, שפּאַן אים אין יאָך. קוילע אויף פליישׁ — ער פּאַכעט בלויז מיטן וויידל...

די קאַפּיטאַנשע האָט אים געגעבן גאַגאָלס אַ באַנד, איך האָב איבערגעלייענט „די שרעקלעכע נקמה", מיר איז דאָס שטאַרק געפעלן געוואָרן, אָבער סמורי האָט בייז אַ געשריי געטאָן:

— נאַרישקייטן, אַ בבא־מעשה! כ׳וויים, עס זענען דאָ אַנדערע ביכער...

ער האָט אָפּגענומען ביי מיר דאָס בוך, געבראַכט פון דער קאַפּיטאַנשע אַ צווייטס און אַ אָנגעכמורעטער באַפוילן:

— לייען טאַראַסן... ווי הייסט ער דאָרט? זוך אויס. זי זאָגט — ס׳איז גוט... פאַר וועמען — גוט? פאַר איר איז גוט, און פאַר מיר, קען זיין, איז נישט גוט? די האָר האָט זי זיך אָפּגעשוירן, נאַדיר גאָר! פאַרוואָס זשע האָט זי די אויערן נישט אָפּגעשוירן?

ווען טאַראַס האָט אַרויסגערופן אָסטאַפּן אויף אַ געשלעג, האָט זיך דער קוכער צעגאָסן מיט אַ גערדיכט געלעכטער.

— נישקשה! וואָס דען? דו ביסט געלערנט, און איך בין שטאַרק! וואָס געדרוקט אַלץ! קעמלען...

ער האָט זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם, אָבער אָפט געבורטשעט:

— אַ, בבא־מעשיות! מ׳קען נישט אַ מענטשן איבערהאַקן פון פלייצע ביזן געזעס, מ׳קען נישט! און אויך אויף דער פּיקע קען מען נישט אויפהויבן — די פּיקע וועט זיך איבערברעכן! כ׳בין דאָך אַליין אַ זעלנער...

אַנדריס בגידה האָט אַרויסגערופן ביי אים אַן עקל.

— אַ נידערטרעכטיקער זון, אַ? צוליב אַ נקבה! טפו...

ווען טאַראַס האָט אָבער דערשאָסן דעם זון, האָט דער קוכער, אַראָפּלאָזנדיק די פיס פון בעטל, זיך אָנגעשפּאַרט אין אים מיט די הענט, זיך איינגעבויגן און זיך פאַנאַנדערגעוויינט, פאַמעלעך זענען איבער די באַקן געראָנען טרערן, קאַפּענדיק אויפן דעק פון שיף; ער האָט געסאַפּעט און געמורמלט:

— אַך, גאָט מיינער... גאָט מיינער...

און פּלוצלינג אַ ריטשע געטאָן אויף מיר:

— זאָלסט לייענען, דו הינטיש געביין!

ער האָט זיך ווידער פאַנאַנדערגעוויינט און נאָך שטאַרקער און ביטערער, ווען אָסטאַפּ האָט אַ געשריי געטאָן פאַרן טויט: „באַטקאָ, צי הערסטו מיך?"

— אַלץ איז געענדיקט, — האָט סמורי געבליפּעט, — אַלץ, אַך! שוין דער סוף? עך, פאַרשאָלטן זאָל דאָס ווערן! עס זענען געווען מענטשן. טאַראַס דערדאָזיקער — אַ? יאָ—אָ, דאָס זענען מענטשן...

ער האָט מיר אַרויסגענומען פון האַנט דאָס בוך און אויפמערקזאַם עס באַטראַכט, פאַרגיסנדיק דעם אײַנבאַנד מיט טרערן.

— אַ גוט בוך! אַן אמתער יום-טוב!

דערנאָך האָבן מיר געלייענט „איוואַנגאָע", — סמורין איז שטאַרק געפעלן געוואָרן ריכאַרד פּלאַנטאַגענעט.

— אָט דאָס איז אַן אמתער קייסער! — האָט ער געזאָגט מיט איבערצייגונג. פאַר מיר איז דאָס בוך געווען לאַנגווייליק.

בכלל זענען זיך אונזערע געשמאַקן נישט צונויפגעקומען, — מיך האָט שטאַרק פאַרכאַפּט „די געשיכטע וועגן טאָמאַס יאָנעס" — אַן אַלטע איבערזעצונג פון „טאָם דזשאָנס, דעם אונטערגעוואָרפענעם קינד", און סמורי האָט געבורטשעט:

— אַ נאַרישקייט! וואָס גייט ער מיך אָן דער טאָמאַס? אויף וואָס דאַרף איך אים האָבן? עס מוז זיין אַנדערע ביכער...

איינמאָל, האָב איך אים געזאָגט, אַז ווי מיר איז באַקאַנט — זענען דאָ אַנדערע ביכער, אומלעגאַלע, פאַרבאָטענע; מ'מעג זיי לייענען בלויז בײַנאַכט, אין קעלערס.

ער האָט אויסגעגלאָצט די אויגן, זיך אָנגעשפּיזלט.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? וואָס פּלוידערסטו?

— כ'פּלוידער נישט, מיך האָט דער פּאָפּ געפרעגט וועגן זיי בעתן וידוי, און פריער נאָך האָב איך אַליין געזען, ווי מע לייענט זיי און מ'וויינט...

דער קוכער, קוקנדיק אָנגעכמורעט אין מיין פּנים האָט געפרעגט:

— ווער וויינט?

— די פריצטע, וועלכע האָט צוגעהערט. און די צווייטע איז אַזש אַנטלאָפן פון שרעק...

— כאַפּ זיך אויף, רעדסט פון היץ, — האָט סמורי געזאָגט, צומאַכנדיק פאַמעלעך די אויגן און, שווייגנדיק אַ ווייל, גענומען פּורמלען:

— פאַרשטייט זיך, ערגעץ־ווו איז דאָ... עפּעס פאַרבאָר־גענעס, עס איז אוממעגלעך עס זאָל נישט זיין... כ'בין שוין אָבער נישט אין די יאָרן, און מיין כאַראַקטער איז חוצדעם אויך... נו, און פונדעסטוועגן...

אַזוי שיין־בערעוודיק האָט ער געקענט ריידן אַ גאַנצע שעה...

אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, האָב איך זיך צוגעוווינט צו לייענען און פלעג מיט פאַרגעניגן נעמען אַ בוך; דאָס, וועגן וואָס די ביכער פלעגן דערציילן, האָט זיך אָנגענעם אונטערשיידט פון לעבן, — וועלכעס איז געוואָרן אַלץ שווערער.

סמורי, וועלכער איז אויך אַלץ מער פאַרכאַפּט געוואָרן פון לייענען, פלעגט מיך אָפּט אָפּרייסן פון דער אַרבעט.

— פּעשקאָוו, גיי לייען.

— כ'האָב נאָך אַ סך נישט צעוואַשענע געפעס.

— מאַקסים וועט צעוואַשן.

ער האָט דעם עלסטן געפעס־וועשער גראָב געטריבן צו מיין אַרבעט, יענער פלעגט פון כעס ברעכן גלעזער, און דער בופעט־ניק פלעגט מיך געלאָסן וואָרענען:

— כ'וועל דיך אַראָפּזעצן פון דאַמפּער.

איינמאָל האָט מאַקסים אומישנע אַריינגעלייגט אין בעקן מיט שמוציקן וואַסער און רעשטלעך טיי עטלעכע גלעזער, און ווען איך האָב אויסגעגאָסן דאָס וואַסער איבערן באָרט, זענען די גלעזער אויך געפלויגן אַהין.

— דאָס איז מיין שולד! — האָט סמורי געזאָגט צום בו־פעטניק, — פאַרשרייבט אויף מיין חשבון.

די בופעט־דינערשאַפט האָט גענומען קוקן אויף מיר קרום, ו'פלעגט זאָגן צו מיר:

— עי, דו, בוך־לייענער! פאַרוואָס באַקומסטו געלט?

און זיי האָבן זיך באמת צו פאַרשאַפן מיר וואָס מער אַרבעט, איינמאַכנדיק אומגויטיקערהייד כלים. איך האָב פאַרשטאַנען, אז דאָס אַלץ וועט זיך שלעכט ענדיקן פאַר מיר, און כ'האָב קיין טעות נישט געהאַט.

איינמאָל אַרום אָוונטצייט איז אויף אונזער דאַמפער אַרויף פון עפּעס אַ קליינינקער סטאַציע אַ רויט־פּנימדיקע פויערטע מיט אַ מיידל אין אַ געל טיכל און אַ נייער ראָזער בלוזע. ביידע זענען זיי געווען שיכּורלעך, — די פויערטע האָט געשמייכלט, זיך געבייגט פאַר אַלעמען און גערעדט אויפן אָ, ווי אַ דיאַקאָן:

— זייט מוחל, טייערינקע, כ'האָב געמאַכט אַ כּוסה אַ קליינע! מ'האָט מיך געמשפּט, באַפרייט, נו, האָב איך אַ ביסל געטרונקען פאַר שמחה...

דאָס מיידל האָט אויך געלאַכט, קוקנדיק אויף די מענטשן מיט טריבע אויגן, און געשטויסן דער פויערטע.

— און דו גיי זיך, צרה איינע, גיי, זאָגט מען דיר...

זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט לעבן דער וואַנט פון צווייטן קלאַס, קעגנאיבער דער קאַיוטע, וווּ ס'האָבן געשלאָפן יאַקאָוו איוואַנאָוויטש און סערגיי. די פויערטע איז גיך ערגיץ־וווּהין פאַרשוווּנדן, און צום מיידל האָט זיך צוגעזעצט סערגיי, מיט אַ גירזיק צעצויגענעם זשאַבישן מויל.

ביינאַכט, ווען כ'האָב ענדיקנדיק די אַרבעט, זיך געלייגט שלאָפן אויפן טיש, איז סערגיי צוגעגאַנגען צו מיר און אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

— קום, מיר מאַכן דיך חתונה...

ער איז געווען שיכּור. כ'האָב פּרובירט אַרויסרייסן מיין האַנט, ער האָט מיך אָבער אַ קלאַפּ געטאָן.

— קו — ום!

ס'איז צוגעלאָפן מאַקסים. אויך אַ שיכּורער, און זאַלבע־

צווייט האָבן זיי מיך געגומען שלעפּן איבערן דעק צו זייער קאַיוטע, פאַרביי די שלאָפנדיקע פּאַסאַזשירן. אָבער ביי די טירן פון דער קאַיוטע איז געשטאַנען סמורי, אין טיר, זיך אָנהאַלטנדיק אין די אושאַקעס, — יאַקאָוו איוואַניטש, און דאָס מיידל האָט אים געקלאַפּט מיט די פויסטן איבער דער פּלייצע און מיט אַ שיכור קול געשריגן:

— לאָזט מיך...

סמורי האָט מיך אַרויסגעריסן פון סערגייס און מאַקסימס הענט, זיי אָנגעכאַפּט פאַר די האָר און, אָנקלאַפּנדיק זייערע קעפּ איינעם אָן צווייטן, אָפּגעוואָרפן פון זיך — זיי זענען ביידע אומגעפאַלן.

— אַזיאַט! — האָט געזאָגט יאַקאָוו פאַרהאַקנדיק די טיר אונטער זיין סאַמע נאָז, און זיך צעהודיעט, שטויסנדיק מיך:

— אַוועק זאָלסטו גיין!

כ׳בין אַנטלאָפן אויף דער הינטערשטער טייל שיף. די נאַכט איז געווען אַ וואָלקנדיקע, דער טייך — אַ שוואַרצער; הינטערן דאַמפער האָבן געקאָכט צוויי גראָע שטעגלעך, צעגייענדיק זיך צו אומגעזעענע ברעגעס; צווישן דידאָזיקע שטעגלעך האָט זיך געשלעפּט די באַרזשע. דאָ פון רעכטס, דאָ פון לינקס באַווייזן זיך רויטע פלעקן פון פייערן און נישט באַלויכטנדיק גאָרנישט, פאַרשווינדן זיי הינטער אומגעריכטע אויסבויגן פון ברעג; נאָך זיי ווערט נאָכמער פינסטער און פאַרדראָסיק.

ס׳איז צוגעקומען דער קוכער, זיך געזעצט נעבן מיר, שווער אָפּגעזיפצט און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— זיי האָבן דיך געשלעפּט צו דערדאָזיקער? אָט, מנוולים! אָבער איך האָב געהערט, ווי זיי האָבן זיך צוזאַמענגערעדט...

— איר האָט זי אָפּגענומען ביי זיי?

— זי? — ער האָט גראָב אויסגעזידלט דאָס מיידל און ווייטער גערעדט מיט אַ שווער קול: — דאָ זענען אַלע אויס-

וורפן! דאָסדאָזיקע דאַמפּערל איז ערגער פּאַר אַ דאָרף. האָסט געלעבט אין אַ דאָרף?

— ניין.

— דאָס דאָרף — איז איין גרויסע צרה! באַזונדערס ווינטער...

אַרויסוואַרפנדיק דעם קערטל איבערן באָרט, האָט ער געשוויגן אַ ווײַלע און ווײַטער גערעדט:

— ווערסט אומקומען צווישן די חזירים, מיר איז אַ רחמנות אויף דיר, דו הינטעלע. און אויף אַלעמען איז אַ רחמנות. ס'טרעפט, אַז כ'ווייס ממש נישט וואָס צו טאָן.. כ'וואָלט אפילו אויף די קני זיך געשטעלט און געפרעגט: וואָס טוט איר, הינטישע לעבערס, אַ? וואָס זענט איר, בלינד? קעמלען...

דער דאַמפּער האָט צעצויגן אַ פּייף געטאָן, דער בוקסיר האָט זיך אַ פּליוך געטאָן אין וואַסער; אין דער געדיכטער פינסטערניש האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אַ לאַמטערן-פייער, אָנ-ווייזנדיק, ווו די סטאַציע איז, פון חושך האָבן זיך אַראָפּגע-לאָזן נאָך פייערן.

— פּיאַני באָר,*) — האָט געבורטשעט דער קוכער, — אויך אַ טײַך איז דאָ — פּיאַנאַיאַ. ס'איז געווען אַ קאַפּיטע-נאָרמוס**) — פּיאַנקאָוו. און אַ שרײַבער — זאַפּיוואָכין***)... און הוצדעם נאָך אַ קאַפּיטאַן ניעפּעי פּיוגו****) כ'וועל אַראָפּ אויפן ברעג...

די וווקסיקע קאַמער-פּרויען און מוידן האָבן געשלעפּט פון ברעג האָלץ אויף לאַנגע טראַגעס. זיך אויסבויגנדיק אונ-טער די אַקסל-רימענס, עלאַסטיש אונטערציטערנדיק, זענען זיי אַפּאָר נאָך אַ פּאָר געגאַנגען צום אונטערדעק פון קעסל-רוים

---

*) שכורער וואַלד — אַ נאָמען פון אַ דאָרף (איב.)

**) וואַכנאוויפּזעער. (איב.)

***) דער שכור. (איב.)

****) נישט קיין ביר טרינק. (איב.)

און אראָפּגעוואָרפן אַ האַלבן קלאַפּטער פּאַלעניצעס אין דער שוואַרצער גרוב, אויסשרייענדיק הילכיק:

— ? טרושאַ!

— ווען זיי זענען געגאַנגען מיט דעם האָלץ, פלעגן זיי די מאַטראָסן אָנכאַפּן ביי די ברוסט, פאַר די פיס, די פרויען האָבן געקוויטשעט, געשפּיגן אויף די מאַנסבילן; זיך אומקערנ־דיק, פלעגן זיי זיך באַשיצן פון קניפּן און שטויסן, שלאָגנדיק מיט די טראַגעס די אָנפאַלער. כ'האָב דאָס צוגעזען צענטליקער מאָל אויף יעדער רייזע: אויף אַלע סטאַנציעס, ווו מ'האָט גע־לאָדעוועט האָלץ, איז פאָרגעקומען דאָסזעלבע.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין אַ אַלטער, כ'לעב אויפן דאָזיקן דאַמפער אַכך מיט יאָרן און כ'ווייס אַלץ, וואָס עס קען פאָרקומען אויף אים מאָרגן, אין אַ וואָך אַרום, אין האַרבסט, אין קומענדיקן יאָר.

ס'האָט שוין געטאָגט. אויפן זאַמדיקן שפּיץ איבער דער סטאַנציע האָט זיך אָנגעמערקט אַ מעכטיקער סאָסנע־וואַלד. באַרג־אַרויף צום וואַלד צו זענען געגאַנגען פרויען, געלאַכט און געזונגען, אונטערוואָיענדיק; באַוואָפנטע מיט לאַנגע טראַגעס זענען זיי ענלעך געווען אויף זעלנער.

ס'האָט זיך געוואָלט וויינען, די טרערן האָבן געזידט אין ברוסט, דאָס האַרץ האָט זיך ווי געקאָכט אין זיי; דאָס איז געווען ווייטאָגדיק.

אָבער וויינען איז אַ חרפה, און כ'האָב גענומען העלפן דעם מאַטראָס בליאָכין צו וואַשן דעם דעק.

עס איז געווען אַן אומבאַמערקטער מענטשעלע, דער בליאָכין אינגאַנצן עפּעס אַן אָפּגעקראָכענער, אַ פאַרוועלקטער, פלעגט ער זיך כסדר אויסבאַהאַלטן אין די ווינקלען, אַרויס־בלישטשענדיק פון דאָרטן מיט קליינינקע אויגעלעך.

— מיין אמתער נאָמען איז נישט בליאָכין, נאָר... ווייל, זעסטו, — מיין מוטער האָט געפירט אַן אויסגעלאַסן לעבן. — אַ שוועסטער האָב איך, איז די שוועסטער אויך. ס'איז שוין, ווייזט אויס, אַ גורל אַזאַ באַשטימט געווען פאַר ביידע. דער

גורל, ברודערל האַרציקער, איז פֿאַר אונז אַלע, ווי אַ שטיין אויפֿן האַלז. וואָלסט בעסער אַוועקגעגאַנגען, אָדער — וואַרט אויף...

און איצט, שאַרנדיק מיטן וויכאַזש איבערן דעק, האָט ער גערעדט צו מיר שטיל:

— האָסט געזען, ווי מ'באַליידיקט די ווייבער? אָט דאָס איז דאָס! אַז מ'ציגדט אונטער לאַנג אַ פּייכטן האַלץ, וועט זיך עס אויך אָנכאַפּן! כ'האָב דאָס נישט ליב, ברודערל האַרציקער, ס'געפעלט מיר נישט. ווען כ'זאָל געבוירן ווערן אַ פרוי — וואָלט איך זיך דערטרונקען אין שוואַרצן אָפּגרונט, ווי דער הייליקער כריסטוס איז אַן עדות!.. אַזוי האָט שוין אויך קיי־נער קיין פרייהייט נישט, און דאָ ציגט מען נאָך אונטער! אָט די סקאָפּצעס*), זעסטו, זענען קיין נאַראָנים נישט. האָסט גע־הערט וועגן די סקאָפּצעס? אַ קלוג פֿאָלק, עס איז געפֿאַלן אויף אַ גלייכן געדאַנק: באַזייטיק אַלע קליינע זאַכעלעך, און דין גאָט, אין ריינקייט...

פֿאַרביי אונז איז אַדורך איבער די לעצטע קאַלוזשעס די קאַפּיטאַנשע, הויך אויפהויבנדיק די קליידלעך; זי פלעגט תּמיד אויפשטיין פרי. אַ הויכע, אַ שלאַנקע, און זי האָט אַזאַ פּשוט, ליכטיק פּנים... ס'האָט זיך פֿאַרוואָלט זי נאָכלויפן און בעטן פון גאַנצן האַרצן:

— זאָגט מיר עפּעס, זאָגט מיר!..

דער דאַמפער איז פּאַמעלעך אָפּגעגאַנגען פון דער סטאַציע, און בליאַכין האָט געזאָגט, זיך צלמענדיק

— אָפּגעפֿאָרן...

*) אַ סעקטע אַזאַ אין רוסלאַנד, וואָס אַ־רע גלויביקע קאַסטרירן זיך אַליין. (איב.)

VI

אין סאַראַפּול האָט מאַקסים פאַרלאָזט דעם דאַמפער — ער איז אַוועק שווייגנדיק, זיך נישט געזעגנט מיט קיינעם, אַן ערנסטער און רויקער. נאָך אים שמייכלענדיק, איז אַראָפּ די פריילעכע פּויערטע, און נאָך איר — דאָס מיידל, אַ צעקבייטשטע מיט אָנגעשוואָלענע אויגן. און סערגיי איז לאַנג געשטאַנען אויף די קני פאַר דעם קאַפּיטאַנס קאַיוטע, געקושט דאָס ברעטל פון טיר, געקלאַפּט אין איר מיטן שטערן און זיך געבעטן:

— זייט מיר מוחל, איך בין נישט שולדיק! אַלץ מאַקסימקע...

די מאַטראָסן, די בופעט־דינערשאַפט, אפילו אייניקע פּאַסאַזשירן האָבן געוווסט, אַז ער זאָגט ליגנט, אָבער אונטערגעגעבן מוט, געצעהט:

— בעט, בעט — ער וועט מוחל זיין!

דער קאַפּיטאַן האָט אים געטריבן פון זיך, אפילו אַ שטויס געטאָן מיט דעם פוס אַזוי, אַז סערגיי האָט זיך איבערגעקערט, און פונדעסטוועגן מוחל געווען. און סערגיי האָט תיכף גענומען לויפן איבערן דעק, צעטראָגנדיק די טעצלעך מיט געפעס צום טיי, פאַרקוקנדיק די מענטשן אין די אויגן מיט הינטישער קריכערישקייט.

אויף מאַקסימס אָרט האָט מען גענומען פון ברעג אַ וויאַטקער זעלנערל, אַ ביינערדיקן מיט אַ קליין קעפּעלע און געלע אויגן. דער געהילף־קוכער האָט אים תיכף געשיקט קוילען הינער; דאָס זעלנערל האָט אַ פּאָר געקוילעט, און די איב־

דיקע האָט ער אָפּגעלאָזן איבערן דעק; די פּאַסאַזשירן האָבן זיי גענומען כאַפּן, — דריי הינער זענען אַריבערגעפלויגן אויף יענער זייט באָרט. דאַן האָט זיך דאָס זעלנערל אַוועקגעזעצט אויף דעם האָלץ לעבן קיך און ביטער זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— וואָס וויינסטו, שוטה? — האָט אים סמורי געפרעגט פאַרחידושט. — זעלנער וויינען דען?

— איך בין נישט קיין פראָנט-זעלנער, — האָט שטיל געזאָגט דאָס זעלנערל.

דאָס האָט אים אַוועקגעקוילעט, — אין אַ האַלבע שעה אַרום האָבן אַלע מענטשן אויפן דאַמפער געלאַכט פון אים; זיי גייען צו האַרט צו אים, שטעלן אָן די אויגן גלייך אין פּנים אַריין און פרעגן:

— דער איז דאָס?

און נעמען זיך וואַרפן אין קאָנוולסיע פון אַ באַליידיקנדיקן, אומזיניקן געלעכטער.

דער זעלנער האָט צוערשט נישט באַמערקט קיין מענטשן, נישט געהערט דאָס געלעכטער; צעגויפקלייבנדיק פון פּנים די טרערן מיטן אַרבל פון אַ ציצענעם אַלטן העמד, האָט ער זיי ווי באַהאַלטן אין אַרבל. אָבער אינגיכן האָבן זיך זיינע געלע אויגעלעך צאָרנדיק פאַנאַנדערגעברענט, און ער האָט גענומען ריידן אויפן וויאַטקער אופן, שנעל ווי אַ סראָקע.

— וואָס האָט איר אויסגעשטעלט אויף מיר די אויגעגעס? אָי, צעריסן זאָלט איר ווערן אויף פיצע-פיצעלעך...

דאָס האָט נאָך מער פריילעך געמאַכט דעם עולם, דעם זעלנער האָט מען גענומען שטופּן מיט די פינגער, צופּן פאַרן העמד, פאַרן פאַרטוך, שפּילן מיט אים, ווי מיט אַ באָק, און אַזוי האָט מען אים געמאַטערט ביז מיטאָג, און אָפּעסנדיק, האָט עמיץ אַרויפגעטאָן אויפן הענטל פון הילצערנעם לעפל אַ שטיקל אויסגעדריקטן ציטרין און צוגעבונדן הינטערן זעלנערס פּלייצע צו די בענדלעך פון זיין פאַרטוך; דער זעלנער גייט, די לעפל שאָקלט זיך הינטער אים, אַלע לאַכן, און ער —

שמייעט אַרום, ווי אַ געכאַפּט מייזעלע, נישט ווילנדיק, אַז ער רופּט אַרויס געלעכטער.

סמורי קוקט אים נאָך שווייגנדיק, ערנסט, דעם קוכערס פּנים איז געוואָרן ווייבעריש.

מיר האָט אָנגענומען אַ רחמנות אויפן זעלנער, האָב איך געפרעגט דעם קוכער:

— מ׳מעג אים זאָגן וועגן לעפל?

ער האָט שווייגנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

ווען איך האָב אויפגעקלערט דעם זעלנער, איבער וואָס מ׳לאַכט האָט ער שנעל אָנגעטאַפּט די לעפל, זי אָפּגעריסן, אַ וואָרף געטאָן אויפן דיל, צעטראָטן מיטן פוס און זיך איינגע־קלאַמערט אין מיינע האָר מיטביידע הענט; מיר האָבן זיך גענומען שלאָגן, צו דער גרויסער פרייד פון עולם, וועלכער האָט אונז גלייך אַרומגערינגלט.

סמורי האָט צעשליידערט די צוקוקער, אונז צענומען, און אָנרייסנדיק פאַר די אויערן צוערשט מיר, אָנגעכאַפּט דעם זעלנערס אויער. ווען דער עולם האָט דערזען, ווי אַזוי דאָס דאָזיקע קליין מענטשעלע טרייסלט מיטן קאָפּ און טאַנצט אונ־טערן קוכערס האַנט, האָט ער ווילד גענומען שרייען, פייפן, טופען מיט די פיס, פלאַצנדיק פון געלעכטער.

— אורא, גאַרניזאָן! דערלאַנג דעם קוכער מיטן קאָפּ אין בויך אַריין!

דידאָזיקע ווילדע פרייד פון דער טשערעדע מענטשן האָט געוועקט אין מיר אַ פאַרלאַנג זיך וואַרפן אויף זיי און שלאָגן איבער די שמוציקע קעפּ מיט אַ פּאַלעניצע.

סמורי האָט אָפּגעלאָזן דעם זעלנער און, פאַרלייגנדיק די הענט אויף דער פּלייצע, זיך אָנגערוקט אויפן עולם ווי אַן עבער, מיט אָנגעשפּיזלטע האָר, מיט שרעקלעך אויסגע־שטשירעטע ציין.

— אויף די ערטער — מאַרש! אַז—זיאַטן..

דער זעלנער האָט זיך ווידער געוואָרפן אויף מיר, אָבער סמורי האָט אים מיט איין האַנט אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרים

אוועקגעטראָגן צום אָפּגוס און גענומען פּאָמפּען וואַסער, באַ-גיסנדיק דעם זעלנערס קאָפּ, דרייענדיק זיין שוואַכענקן קער-פּער, ווי אַ ליאַלקע פון שמאַטעס.

עס זענען אָנגעלאָפן די מאַטראָסן, דער באָצמאַן, דער געהילף פון קאַפּיטאַן, ס'האָט זיך ווידער פאַרזאַמלט אַן עולם; מיט אַ קאָפּ העכער פאַר אַלעמען איז געשטאַנען דער בופעט-ניק, אַ שטילער און שטומער ווי תּמיד.

זיך צוזעצנדיק אויף דעם האַלץ לעבן קיך האָט דער זעלנער מיט ציטערדיקע הענט אַראָפּגעצויגן די שטיוול און גענומען אָפּוויקלען די אָניטשעס, זיי זענען אָבער געווען טרוקן, און פון זיינע שיטערע הערעלעך האָט געקאַפּעט דאָס וואַסער, — דאָס האָט ווידער אַרויסגערופן אַ געלעכטער ביים עולם.

— אַלץ איינס, האָט דער זעלנער געזאָגט מיט אַ דין און הויך קול, — כ'וועל ממיתן דאָס יינגל!

צוהאַלטנדיק מיך ביים אַקסל האָט סמורי עפּעס גערעדט צום געהילף-קאַפּיטאַן, די מאַטראָסן האָבן פאַנאַנדערגעטריבן דעם עולם, און ווען אַלע זענען זיך שוין צעגאַנגען, האָט דער קוכער געפרעגט דעם זעלנער:

— וואָס זשע מאַכט מען מיט דיר

יענער האָט נישט געענטפערט, קוקנדיק אויף מיר מיט ווילדע אויגן און עפּעס מאָדנע געצוקט מיטן גאַנצן קערפּער.

— רו—ויק, באַנומענער! — האָט סמורי געזאָגט.

דער זעלנער האָט אָפּגעענטפערט:

— אַ נעכטיקער טאָג, דאָ איז דיר נישט די ראָטע.

כ'האָב געזען, אַז דער קוכער האָט זיך פאַרלאָרן, זיי-נע אָנגעבלאָזענע באַקן זענען פאַרוועלקט איינגעפאַלן, ער האָט אויסגעשפּיגן און אַוועקגעגאַנגען, מיך אַוועקפירנדיק מיט זיך; אַ צעמישטער, האָב איך געשפּרייזט נאָך אים און כסדר זיך אומגעקוקט אויפן זעלנער. און סמורי האָט פאַרלאָרן געמורמלט:

— ע, אַ שיינע פרי, אַ? וואָס זאָגט איר צו אים...

סערגיי האָט אונז אָנגעיאָגט און עפּעס שטיל געזאָגט:

— ער וויל זיך קוילענען!

— ווו? — האָט סמורי אַ ריטשע געטאָן און זיך גע־לאָזט לויפן.

דער זעלנער איז געשטאַנען אין דער טיר פון דער קאַיוטע פאַר דער דינערשאַפט, מיט אַ גרויסן מעסער אין האַנט, — מיטן דאָזיקן מעסער פלעגט מען אָפּהאַקן די קעפּ פון הינער און אָנהאַקן האָלץ אויף אײַנצוהייצן. ער איז גע־ווען טעמפּ און אויסגעשטשירבעט, ווי אַ זעג. פאַר דער קאַיו־טע איז געשטאַנען אַן עולם, באַטראַכטנדיק דאָס קליין, קאָ־מיש מענטשעלע, מיטן נאַסן קאָפּ; זײַן פּנים מיטן פּאַריסענעם נעזל האָט געציטערט, ווי אַ זשעלע, דאָס מויל האָט זיך מיד אויפגעעפנט, די ליפּן זענען געשפּרונגען. ער האָט געברומט:

— פייניקער... פייני—יקער...

אַרויפשפּרינגנדיק אויף עפּעס, האָב איך געקוקט איבער די קעפּ פון די מענטשן און זייערע פּנימער, — די מענטשן האָבן געשמייכלט, געלאַכט, גערעדט איינער צום צווייטן:

— זע נאָר, זע...

ווען ער האָט מיט אַ טרוקענער, קינדישער הענטל גע־נומען אַרײַנמאַכן אין די הויזן דאָס אַרויסגעקראָכענע העמד, האָט אַ שיינער פויער, אָפּזיפצנדיק געזאָגט לעבן מיר:

— שטאַרבן האָט ער זיך געקליבן, און די הויזן פאַר־ריכט ער...

דער עולם האָט זיך העכער פאַנאַנדערגעלאַכט. ס'איז קלאָר געווען: קיינער גלויבט נישט, אַז דער זעלנער איז פעיק זיך איבערצושניידן דעם האַלז, — אויך איך האָב נישט גע־גלויבט, און סמורי, שנעל אַ קוק טוענדיק אויף אים האָט גע־נומען צעשטופּן די מענטשן מיט זײַן בויך, רעדנדיק דערבײַ:

— טראָג זיך אָפּ פונדאַנעט, דו שוטה!

ער פלעגט אָנרופן „שוטה” אַ סך מיטאַמאָל, — ער גייט זיך צו צו אַ גאַנצער גרופּע מענטשן און שרייט אָן אויף זיי:

— אויף די ערטער, שוטה!

אויך דאָס איז געווען קאָמיש, פונדעסטוועגן האָט ער אויס־

געזען צו זיין אמת: היינט פון אינדערפרי זענען אלע מענטשן — איין גרויסער שוטה.

צעיאָגנדיק דעם עולם, איז ער צו צום זעלנער, אויסגע־צויגן די האַנט:

— גיב אַהער דעם מעסער...

— אַלץ איינס, — האָט דער זעלנער געזאָגט, דערלאַנגנדיק דעם מעסער מיטן שפּיץ; דער קוכער האָט מיר דערלאַנגט דעם מעסער און אַריינגעשטויסן דעם זעלנער אין קאַיוטע אַריין.

— לייג זיך און שלאָף! וואָס טוט זיך מיט דיר, אַ?

דער זעלנער האָט זיך שווייגנדיק געזעצט אויפן בעטל.

— ער וועט דיר ברענגען עסן און בראָנפן, טרינקסט בראָנפן?

— אַ ביסל טרינק — איך...

— אָבער היט זיך, טשעפּע אים נישט, דאָס האָט נישט ער אָפּגעלאַכט פון דיר. הערסט? איך זאָג דיר — נישט ער...

— און פאַרוואָס האָט מען מיך געפּייניקט? — האָט שטיל געפרעגט דער זעלנער.

סמורי האָט זיך אָפּגערופן נישט באַלד און אָנגעכמורעט

— נו, און איך ווייס, מיינסטו?

גייענדיק מיט מיר אין קיך אַריין, האָט ער געמורמלט:

— ב־נאַ... אינדעראמתן, זיך צוגעטשעפּעט צו אַן אָרי־מענטשן! זעסט, ווי אַזוי? אַט דאָס טענה איך דאָך! מענטשן, לי־בינקער, קענען צו משוגעת דערפירן, זיי קענען... עסן זיך איין, ווי וואַנצן, און — אַן עק! וואָס זאָג איך וואַנצן! ערגער פאַר וואַנצן...

ווען כ׳האָב דעם זעלנער געבראַכט ברויט, פליייש און בראָנפן, איז ער געזעסן אויפן בעטל, זיך געוויגט הין און צוריק און שטיל געוויינט, כליפּנדיק, ווי אַ באַבע. אַרויפשטעלנדיק דעם טעלער אויפן טישל, האָב איך געזאָגט:

— עס..

— מאַך צו די טיר.

— ס׳וועט זיין פינסטער

— מאַך צו, אַ נישט וועלן זיי ווידער אָנקריכן...

כ׳בין אַוועק. דער זעלנער איז מיר נישט געווען אנגענעם, ער האָט נישט אַרויסגערופן ביי מיר קיין מיטגעפיל און רחמנות. כ׳האָב זיך נישט גוט געפילט, — די באָבע האָט מיך נישט איינ-מאָל געלערנט:

— אויף מענטשן דאַרף מען רחמנות האָבן, אַלע זענען אומגליקלעך, אַלעמען איז שווער...

— אַוועקגעטראָגן? — האָט מיר דער קוכער געפרעגט. — נו, וואָס טוט ער דאָרט

— וויינט.

— אָט... אַ שמאַטע! וואָס פאַראַ זעלנער איז ער?

— כ׳האָב נישט קיין רחמנות אויף אים.

— נו? איז וואָס?

— אויף מענטשן דאַרף מען רחמנות האָבן...

סמורי האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט, צוגעצויגן צו זיך און איבערצייגנדיק געזאָגט:

— מיט געוואַלט וועסטו קיין רחמנות נישט האָבן, און זאָגן ליגן איז נישט גוט, — פאַרשטאַנען? געוווין זיך נישט איין צו זיין צעבראָכן, קען זיך אַליין...

און מיך אָפּשטויסנדיק, צוגעגעבן אַן אָנגעכמורעטער:

— ס׳איז דאָ פאַר דיר קיין אָרט נישט! נאַ, פאַררויכער...

כ׳בין טיף געווען אויפגערודערט, אינגאַנצן צעבראָכן פון דער אויפפירונג פון די פּאַסאַזשירן, שפירנדיק עפּעס אומאויס-דריקלעך באַליידיקנדיקס און דערדריקנדיקס אין דעם, ווי אַזוי זיי האָבן פאַרפאָלגט דעם זעלנער, ווי פריידיק זיי האָבן געלאַכט, ווען סמורי האָט אים געריסן פאַרן אויער. ווי אַזוי האָט זיי געקענט געפעלן ווערן דאָס דאָזיקע גאַנצע עקלדיקע און נעבעכדיקע, וואָס אַזוינס האָט דאָ אַרויסגערופן ביי זיי אַזאַ פריידיקן געלעכטער?

אָט האָבן זיי זיך ווידער צעזעצט, צעלייגט אונטערן נידע-ריקן דאַך, — טרינקען, קייען, שפּילן אין קאָרטן, שמועסן פריד-לעך און סאָליד, קוקן אויפן טייך, ריכטיק ווי נישט זיי האָבן דאָס געפייפט און געהעצט מיט אַ שעה צוריק. אַלע זענען זיי

דיזעלבע שטילע און פוילע, ווי תמיד; פון פרי ביז שפעט אין אָוונט טומלען זיי זיך פּאַמעלעך אַרום אויפן דאַמפּער, ווי מוקן אָדער שטויבעלעך אין די שטראַלן פון דער זון. אָט פאַרלאָזט דעם דאַמפּער אַ צענדליק מענטשן, זיך שטוינדיק ביי די בריקלעך און צלמענדיק זיך, און גייט אַראָפּ אויף דער סטאַציע, און פון דער סטאַציע קריכן גלייך אויף זיי אויך דיזעלבע מענטשן, אויך מיט אַזעלכע איינגעבויגענע פּלייצעס אונטער דער משא פון די קלומעקלעך און קופערטעס, אויך אַזוי אָנגעטאָן...

די דאָזיקע פּסדרדיקע טוישונג פון מענטשן: ענדערט לחלוטין גאָרנישט אין לעבן פון דאַמפּער, — די נייע פּאַסאַזשירן וועלן ריידן וועגן דעם זעלבן, וועגן וואָס עס האָבן גערעדט די אַראָפּגעגאַנגענע: וועגן ערד, אַרבעט, גאָט, ווייבער, און מיט דיזעלבע ווערטער.

— דער אויבערשטער האָט באַשטימט צו ליידן, טאָ לייד, מענטש! ס׳העלפן נישט קיין חכמות, אַזוי איז אונזער גורל...

ס׳איז לאַנגווייליק צו הערן דידאָזיקע ווערטער, און זיי רעגן אויף: כ׳פאַרטראָג נישט קיין שמוץ, כ׳וויל נישט פאַרטראָגן די שלעכטע, אומגערעכטע, באַליידיקנדיקע־באַציאונג צו מיר; כ׳פיל, כ׳ווייס אויף זיכער, אַז כ׳האָב נישט פאַרדינט אַזאַ באַציאונג. אויך דער זעלנער האָט נישט פאַרדינט, ווער ווייס, אפשר וויל ער אַליין זיין לעכערלעך...

מ׳האָט פאַרטריבן פון דאַמפּער מאַקסימען — דאָס איז געווען אַן ערנסטער, גוטער בחור, און סערגייען, אַ מענטשן אַ נידערטרעכטיקן, האָט מען איבערגעלאָזן! קיין זאַך איז נישט ווי מ׳דאַרף. און דידאָזיקע מענטשן, וועלכע זענען פעיק צו פאַרפייניקן אַ מענטשן, דערפירן אים כמעט ביז משוגעת, פאַרוואָס וואַרפן זיי זיך תמיד הכנעהדיק אונטער די בייזע געשרייען פון די מאַטראָסן, הערן אויס רויק זידלערייען?

— וואָס האָט איר זיך אָנגעוואָרפן אויפן באָרט? — שרייט דער באָצמאַן, פאַרזשמורנדיק די שיינע, אָבער בייזע אויגן. — דעם דאַמפּער האָבן זיי אויסגעבויגן, גייט זיך פאַנאַנדער טייוואָלים אויסגעשטאָפּטע.

די טייוואַלים וואַרפֿן זיך געדולדיק אַריבער אויפֿן צווייטן באָרט, און פֿון דאָרטן טרייבט מען זיי ווידער, ווי באַראַנעס.

— אַ פֿאַרשאָלטענע...

אין די הייסע נעכט, איז אונטערן אייזערנעם דאַך. פֿאַרן טאָג אָנגעברענטן, שטיקנדיק; די פּאַסאַזשירן צעקריכן זיך ווי די פֿרייסן איבערן גאַנצן דעק, לייגן זיך, וואו עס מאַכט זיך; פֿאַר דער סטאַציע שטויסן די מאַטראָסן און וועקן זיי אויף.

— עי, וואָס האָט איר זיך אויסגעצויגן אויפֿן וועג! טראָגט זיך פֿונדאַנעט אָפּ, אויף די ערטער...

שטייען זיי אויף און גייען פֿאַרשלאָפֿענע אַהין, וווהין מ׳שטופּט זיי.

די מאַטראָסן זענען דיזעלבע, וואָס, זיי בלויז אַנדערש אָנגעטאָן, אָבער זיי קאָמאַנדעווען מיט זיי ווי פּאָליציאַנטן

דאָס שטילע, שרעקעוודיקע און טרויעריק-הכנעהדיקע באַמערקט מען אין מענטשן פֿריער פֿאַר אַלץ, און ס׳איז אַזוי מאָדנע, שרעקלעך, ווען דורך דערדאָזיקער קאָרע פֿון הכנעה רייסט זיך פּלוצלינג דורך דאָס אכזריותדיקע, אומזיניקע און כמעט תמיד נישט פֿריילעכע הפקרות. מיר דאַכט זיך, אַז מענטשן ווייסן נישט וווהין מ׳פֿירט זיי; זיי איז אַלץ איינס, ווו מ׳וועט זיי אַראָפּזעצן פֿון דאַמפֿער. ווו זיי זאָלן נישט אַראָפּגיין אויפֿן ברעג, וועלן זיי זיך זעצן אויף אַ ווײַלע און ווידער אַרויפֿקומען אויפֿן דאַזיקן, אָדער אַ צווייטן דאַמפֿער. וועלן ווידער ערגעץ-וווהין פֿאָרן. אַלע זענען זיי עפּעס אַזעלכע פֿאַרבלאָנדזשעטע, פֿאַריתומט-עלנטע, די גאַנצע ערד איז פֿרעמד פֿאַר זיי. און אַלע זענען זיי פּחדנותדיק ביז שגעון.

איינמאָל, נאָך האַלבער נאַכט האָט עפּעס געפּלאַצט אין מאַשין, אויסשיסנדיק, ווי פֿון אַ האַרמאַט. דער דעק איז תּיכּף איינגעהילט געוואָרן אין אַ ווייסן וואָלקנדאַמף, וועלכער האָט געדיכט אַרויסגעשלאָגן פֿון מאַשינען-רוים, זיך געדויכערט אין אַלע שפּאַלטן; עמיץ אַן אומגעזעענער האָט באַטויבנדיק געשריגן:

— גאָווריל, בליי-אַקסיד, פֿילץ...

ך בין געשלאָפֿן לעבן מאַשינען-רוים, אויף אַ טיש, אויף

וועלכן כ׳פלעג וואַשן דאָס געפעס, און ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפט פון שאָס און פון דער אויפטרייסלונג, איז אויפן דעק געווען שטיל, אין דער מאַשין האָט הייס געשיפעט דער דאַמף, אָפט האָבן געקלאַפט העמערלעך. אָבער אין אַ מינוט אַרום האָבן אַלע דעק־פאַסאַזשירן פאַרשידנקולותדיק זיך צעוואָיעט, צעקוויטשעט, און תיכף איז אָנגעפאַלן אַ אימה.

אין ווייסן נעפל — וועלכער איז שנעל שיטערער געוואָרן — האָבן זיך געוואָרפן, אומוואַרפנדיק איינער דעם צווייטן, פרויען מיטן בלויזן קאָפ, צעשויבערטע מענער מיט קיילעכדיקע ווי ביי פיש אויגן, אַלע האָבן ערגעץ־ווּהין געשלעפט פעקלעך, זעק קופערס, שטרויכלענדיק זיך און פאַלנדיק, רופנדיק צו הילף גאָט, ניקאָלאַ דעם הייליקן, האָבן געשלאָגן איינער דעם צווייטן; דאָס איז געווען זייער שרעקלעך, אָבער גלייכצייטיק אינטערעסאַנט; כ׳בין נאָכגעלאָפן די מענטשן און כסדר זיך צוגעקוקט — וואָס אַזוינס טוען זיי?

צום ערשטן מאָל האָב איך געזען אַ נאַכט־בהלה און תיכף־ומיד באַגריפן, אַז די מענטשן האָבן דאָס געמאַכט על פי טעות: דער דאַמפער איז געגאַנגען, נישט פאַרקלענערנדיק זיין באַוועגונג, אויף יענער זייט רעכטן באָרט. זייער נאָנט, האָבן געברענט די פייערן, וואָס די היי־שניטער, קאָסאַרעס לייגן פאַנאַנדער, די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, הויך אין הימל איז געשטאַנען אַ פולע לבנה.

און די מענטשן זענען אַלץ גיכער אַרומגעלאָפן איבערן דעק, ס׳זענען אַרויסגעשפרונגען די קלאַסן־פאַסאַזשירן, עמיץ איז אַראָפגעשפרונגען הינטערן באָרט, נאָך אים — אַ צווייטער, און נאָך; צוויי פויערים און אַ מאָנאַך האָבן געריסן מיט קלאַניצעס אַ באַנק, וועלכע איז געווען צוגעשרויפט צום דעק; פון שיף־עק האָט מען אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַ גרויסע שטייג מיט עופות, אינמיטן דעק, לעבן די שטיגן אויפן קאַפיטאַנס בריקל איז אויף די קני געשטאַנען אַ פויער און, פאַרנייגנדיק זיך צו די לויפנדיקע פאַרביי אים, האָט ער געוואָיעט ווי אַ וואָלף:

— פראַוואָסלאַוונע, כ׳בין זינדיק...

— אַ שיפל גיט, שדים! האָט געשריגן אַ דיקער פריץ,

בלויז אין הויזן, אָן אַ העמד, און זיך געשלאָגן אין ברוסט מיטן פויסט.

מאַטראָסן זענען געלאָפן, געכאַפּט מענטשן פאַר די קאָלנערס געשלאָגן איבער די קעפּ, געשליידערט אויפן דעק. שווער איז ארומגעגאַנגען סמורי, אָנגעטאָן אין אַ פאַלטן אויף די אונטערשטע וועש, און מיט אַן אַפּהילכנדיקער שטום אַלעמען באַרויקט:

— שעמט זיך כאָטש! וואָס טוט זיך מיט אייך, מטורף געוואָרן? דער דאַמפּער שטייט דאָך, זיך געשטעלט, נו! אָט איז דער ברעג! די נאַראָנים, וועלכע האָבן אַראָפּגעשפרונגען אין וואַסער, האָבן די קאָסאַרעס געכאַפּט, אַרויסגעצויגן, אָט זענען זיי, — איר זעט, צוויי שיפלעך?

און די מענטשן פון דריטן קלאַס האָט ער געשלאָגן מיט די פויסטן איבער די קעפּ, פון אויבן אַראָפּ, און זיי זענען שווייגנדיק ווי זעקלעך, געפאַלן אויפן דעק.

די בהלה האָט זיך נאָכנישט געהאט איינגעשטילט, ווען אויף סמורין איז אָנגעפלויגן אַ דאַמע אין אַ טאַלמע, מיט אַן עס-לעפל אין האַנט, און פאָכנדיק מיטן לעפל אונטער זיין נאָז, גענומען שרייען:

— ווי אַזוי וואַגסטו?

אַ נאַסער הער האָט זי אָפּגעהאַלטן, אָפּגעלעקט די וואָנסעס און מיט פאַרדראָס געזאָגט:

— לאָז אים צורו, דעם שוטה...

צעפּירנדיק מיט די הענט, האָט סמורי פאַרלאָרן געפינטלט מיט די אויגן און מיך געפרעגט:

— וואָס טוט זיך דאָ, אַ? פאַרוואָס קומט דאָס מיר? אַ גוט מאָרגן אייך! כ'זע דאָך זי דאָס ערשטע מאָל אין לעבן!..

און עפּעס אַ פויערל האָט כסדר געשריגן, שנייצנדיק די נאָז מיט בלוט:

— נו, מענטשן? נו, מערדערס!..

אין משך פון זומער האָב איך צוויי מאָל צוגעזען אַ בהלה אויפן דאַמפּער, און ביידע מאָל איז זי אַרויסגערופן געוואָרן נישט דורך אַ דירעקטער סכנה, נאָר דורך דער שרעק פאַר איר מעג-

לעכקייט. דאָס דריטע מאָל האָבן די פּאַסאַזשירן געכאַפּט צווייּ גנבים, — איינער פון זיי איז געווען איבערגעטאָן פאַר אַ פּילּ־ גרים — האָט מען זיי געשלאָגן, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון די מאַטראָסן, כּמעט ווי אַ גאַנצע שעה. און ווען די מאַטראָסן האָבן אָפּגעגעּמען פון זיי די גנבים, האָט דער עולם זיי געגומען זידלען:

— איין גנב נעמט זיך אָן פאַרן אַנדערן, אַ באַקאַנטע זאַך!

— איר זענט אַליין זשוליקעס, האָט איר איינזען פאַר זשוליקעס.

די זשוליקעס זענען אַזוי צעשלאָגן געוואָרן, אַז זיי האָבן פאַרלאָרן דאָס באַוווסטזיין, זיי האָבן נישט געקענט איינשטיין אויף די פיס, ווען מ'האָט זיי איבערגעגעבן אויף אַ סטאַציע אין די הענט פון דער פּאָליציי...

און ס'איז געווען אַ סך אַזעלכעס, וואָס האָט טיף אויפגערו־ דערט און נישט געלאָזט פאַרשטיין די מענטשן: זענען זיי גוטע, צי שלעכטע? רואיקע, אָדער שלעגער? און פאַרוואָס אַזוי אכזריות־ דיק, גיריק בייז, אַזוי שנעלער רואיק?

כ'האָב וועגן דעם געפרעגט דעם קוכער, אָבער, איינהילנ־ דיק זיין פּנים אין אַ פּאַפּיראָסן רויך, פלעגט ער אָפט ריידן מיט פאַרדרוס:

— עך, וואָס בייסט דיך? מענטשן, נו, און מענטשן... איינער איז אַ קלוגער, דער צווייטער — אַ שוטה. דו לייען ביכ־ לעך, און פּלוידער נישט. אין די ביכלעך, אויב זיי זענען די ריכטיקע, דאַרף זיך אַלץ געפינען...

רעליגיעזע ביכער און לעבנס־באַשרייבונגען פון הייליקע האָט ער נישט ליב געהאַט.

— נו, דאָס איז גוט פאַר פּאָפּעס, פאַר קינדער פּאָפּישע...

מיר האָט זיך פאַרוואָלט אים פאַרשאַפן אַ פאַרגעניגן — געבן אַ מתּנה אַ בוך. אין קאַזאַן, אויף דער שיף־סטאַציע, האָב איך פאַר אַ צוואַנציקער געקויפט „די געשיכטע וועגן דעם, ווי אַ זעל־ נער האָט געראַטעוועט פּעטער דעם גרויסן”, אָבער גראָד דאַן איז דער קוכער געווען שכּור, בייז, האָב איך נישט געוואַגט אים איבערצוגעבן די מתּנה און צוערשט אַליין איבערגעלייענט „די

געשיכטע". זי איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן, — אַלץ איז אַזוי פּשוט, פאַרשטענדלעך, אינטערעסאַנט און קורץ. כ'בין זיכער געווען, אַז דאַסדאָזיקע בוך וועט פאַרשאַפן פאַרגעניגן מיין לערער.

אָבער ווען כ'האָב אים אונטערגעטראָגן דאָס בוך, האָט ער עס שווייגנדיק צעגליפּגעקנייטש מיט די דלאָניעס אין אַ קויל און אַרויסגעוואָרפן איבערן באָרט.

— אָט האָסטו דיין בוך, שוטה! — האָט ער געזאָגט אָנגעכמורעט. איך לערן דיך, ווי אַ הונט, און דו ווילסט נאָך אַלץ זיך אָנפרעסן מיט נאַרישקייטן. אַ ?

ער האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס און זיך פאַנאַנדערגעשריגן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ בוך ? כ'האָב שוין אַלע נאַרישקייטן דורכגעלייענט ! וואָס איז אין אים אָנגעשריבן — דער אמת ? נו, רייד !

— כ'ווייס נישט.

— אָבער איך ווייס ! ווען מ'האַקט אָפּ אַ מענטשן דעם קאָפּ פאַלט ער אַראָפּ פון לייטער אויף דער ערד, און די אַנדערע וועלן שוין נישט קריכן אויפן היי-בוידעם — זעלנער זענען נישט קיין נאַראָנים ! זיי וואָלטן אונטערגעצונדן דאָס היי און — אַן עק ! פאַרשטאַנען ?

— פאַרשטאַנען ?

— טאָ געדענק זשע ! איך ווייס וועגן פּעטער דעם גרויסן ; דאָס איז מיט אים נישט געשען ! טראָג זיך אָפּ פונדאַנעט...

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דער קוכער איז גערעכט, אָבער דאָס ביכל איז מיר פונדעסטוועגן געפעלן געווען ; כ'האָב געקויפט נאָך אַמאָל „די געשיכטע", און איבערלייענענדיק זי נאָכאַמאָל, מיט פאַרוואונדערונג זיך איבערצייגט, אַז דאָס ביכל איז באמת אַ שלעכטס. דאָס האָט מיך צעטומלט און כ'האָב זיך אָנגעהויבן באַציען צום קוכער נאָך מיט מער אויפמערקזאַמקייט און צוטרוי, און ער פלעגט אַלץ אָפטער זאָגן מיט אַלץ אַ גרעסערן פאַרדרוס:

— עך, וואָלט מען דיך געדאַרפט לערנען ! דאָ איז פאַר דיר קיין אָרט נישט...

אויך איך האָב געפילט, אַז ס'איז קיין אָרט נישט. סערגיי האָט זיך באַצויגן צו מיר עקלהאַפט! כ'האָב עטלעכע מאָל באַמערקט, אַז ער שלעפּט ביי מיר פון טיש טיי־געפּעס און דערלאַנגט זיי די פּאַסאַזשירן אין געהיים פון בופעטניק, כ'האָב געוווסט, אַז דאָס רעכנט זיך פאַר גנבה, — סמורי האָט מיך נישט איינמאָל געוואָרנט:

— היט זיך, גיב נישט די קעלנערס קיין טיי־געפּעס פון דיין טישל.

חוצדעם איז געווען נאָך אַסך שלעכטס פאַר מיר, אָפט פלעגט זיך פאַרגלוסטן אַנטלויפן פון דאַמפּער אויף דער ערשטער בעסטער סטאַנציע, אַוועקגיין אין וואַלד אַריין. אָבער סמורי האָט מיך אָפּגעהאַלטן: ער האָט זיך באַצויגן צו מיר אַלץ מילדער, — און מיך האָט חוצדעם שרעקלעך פאַרצויבערט די אומאויפהערלעכע באַוועגונג פון דאַמפּער. ס'איז געווען אומאַנגענעם, ווען ער פלעגט בלייבן שטיין ביי אַ סטאַנציע, און איך האָב אַלץ געוואַרט — אָט וועט עפּעס געשען, און מיר וועלן נעמען שווימען פון קאַמע אין דער בעלאַיאַ, אין דער וויאַטקע, אָדער גאָר — איבער דער וואָלגע, כ'וועל דערזען ניַיע ברעגעס, שטעט, נייע מענטשן.

דאָס איז אָבער נישט געשען: מיין לעבן אויפן דאַמפּער האָט זיך איבערגעריסן פּלוצלינג און מיט גרויס בזיון פאַר מיר. איינאָוונט, ווען מיר זענען געפאָרן פון קאַזאַן קיין ניזשני, האָט מיך דער בופעטניק אַריינגערופן צו זיך, איך בין אַריין, ער האָט צוגעמאַכט הינטער מיר די טיר און געזאָגט צו סמורין, וועלכער איז אַן אָנגעכמורעטער געזעסן אויף אַ טאַבורעטקע:

— אָט איז ער.

סמורי האָט מיך גראָב געפרעגט:

— דו גיסט סעריאָשקען טיי־געפּעס?

— ער נעמט אַליין, ווען איך זע נישט.

דער בופעטניק האָט שטיל געזאָגט:

— ער זעט נישט און ווייסט.

סמורי האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער קני מיט

אַ פויסט, דערנאָך האָט ער אַ קראַץ געטאָן די קני, זאָגנדיק:
— האָט געדולד, איר וועט נאָך באַווייזן...
און זיך פאַרטראַכט. איך האָב געקוקט אויפן בופּעטניק, ער — אויף מיר, עס האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז הינטער זיינע ברילן זענען נישטאָ קיין אויגן.
ער האָט געלעבט שטיל, איז געגאַנגען אָן אַ רויש, גערעדט מיט אַ נידעריקן קול. פון צייט צו צייט פלעגן זיין אָפּגעשאָסענע באָרד און זיינע פּוסטע אויגן זיך אַרויסרוקן פון ערגעץ־ווו הינטער אַ ווינקל און גלייך פאַרשווונדן. פאַרן שלאָף פלעגט ער לאַנג שטיין אין בופעט אויף די קני פאַרן הייליקן בילד מיט אַ נר־תּמיד, — כ'פלעג אים זען דורך דער טירלעכעלע, וואָס איז ענלעך געווען אויף אַ טויז שעל, מיר איז אָבער נישט געלונגען צו זען, ווי דער בופּעטניק טוט תּפלה: ער איז פּשוט געשטאַנען און געקוקט אויף דער איקאָנע און אויפן לעמפּל, אָפּזיפצנדיק, גלעטנדיק די באָרד.
שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט סמורי געפרעגט:
— סעריאָזשקע פלעגט דיר געבן געלט?
— ניין.
— קיינמאָל נישט?
— קיינמאָל נישט.
— ער וועט נישט זאָגן קיין ליגנט, — האָט סמורי געזאָגט צום בופּעטניק, און יענער האָט נישט הויך אָפּגעענטפערט:
— אַלץ איינס. זייט מוחל.
— קום! — האָט דער קוכער אַ געשריי געטאָן אויף מיר, צוגעגאַנגען צו מיין טיש און לייכט אַ פּיק געטאָן מיטן פינגער אין קאָפּ. — שוטה! אויך איך בין אַ שוטה! כ'האָב אויף דיר געדאַרפט האָבן אַן אויג...
אין ניזשני האָט מיך דער בופּעטניק אָפּגעזאָגט: כ'האָב באַקומען אַרום אַכט רובל — די ערשטע גרויסע סומע, וועלכע כ'האָב פאַרדינט.
זיך זעגענדיק מיט מיר, האָט סמורי אָנגעכמורעט געזאָגט:

— נו, אָט... איצט גיב גוט אַכטונג, — פאַרשטייסט? מ'טאָר נישט גענעצן...

ער האָט מיר אַריינגערוקט אין האַנט אַ בונטן, מיט דזשעט געשטיקטן טאַבאַק־בייטל.

— נאַ, נעם דאָס! דאָס איז גוטע האַנטאַרבעט, דאָס האָט מיר מיין טויף־טאָכטער אויסגענייט... נו, זיי געזונט! לייען ביכער — דאָס איז דאָס בעסטע!

ער האָט מיך אָנגענומען אונטער די אָרימס, אונטערגע־הויבן, אַ קוש געטאָן און פעסט אַוועקגעשטעלט אויף דעם דעק פון דער סטאַציע. מיך האָט באַהערשט אַ רחמנות־געפיל סיי צו אים, סיי צו זיך. כ'האָב זיך שיר נישט פאַנדערגעוויינט אויפן קול, זעענדיק, ווי ער קערט זיך אום צום דאַמפער, פאַנאַנדערשטויסנדיק די לאַסט־טרעגערס, אַ גרויסער, אַ שווערער, אַן איינזאַמער...

דערנאָך האָב איך געטראָפן אַסך אַזעלכע גוטע, איינזאַמע און לעבן אָפּגעשפּאָלטענע מענטשן...

דער זיידע מיט דער באָבען זענען ווידער אַריבערגע־פאָרן אין שטאָט אַריין. כ׳בין געקומען צו זיי, בייז און קרי־נעריש געשטימט, אויפן האַרץ איז געווען שווער, — פאַרוואָס האָט מען מיך געהאַלטן פאַר אַ גנב?

די באָבע האָט מיך באַגעגנט פריינטלעך און איז גלייך אַוועק שטעלן דעם סאַמאָוואַר; דער זיידע האָט, ווי תמיד, געפרעגט מיט חוזק:

— האָסט אַסך גאָלד אָנגעזאַמלט?

— וויפל ס׳איז דאָ — איז אַלץ מיינס, — האָב איך געענטפערט, זעצנדיק זיך ביים טיש. כ׳האָב פּייערלעך אַרויס־גענומען פון קעשענע אַ קעסטל פּאַפּיראָסן און מיט גאווה פאַררויכערט.

— אַזו — וי, — האָט דער זיידע געזאָגט, זיך איינ־קוקנדיק שאַרף אין מיינע האַנדלונגען, — אַזוי גאָר. די שדישע פלאַנץ רויכערסטו? איז דען נאָכנישט צו פרי?

— מ׳האָט מיר אפילו אַ טאַבאַק־בייטל געשענקט, — האָב איך זיך אויסגעפיינט.

— אַ טאַבאַק־בייטל! — האָט דער זיידעשי אַ קוויטש געטאָן. — וואָס, דו רייצט זיך מיט מיר?

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיר, אויסציענדיק די דינע, שטאַרקע הענט, בליצנדיק מיט די גרינע אויגן; כ׳בין אויפגעשפּרונגען, אים דערלאַנגט מיט דעם קאָפּ אין בויך אַריין, — דער אַלטער האָט זיך געזעצט אויפן דיל און עט־לעכע שווערע רגעס געקוקט אויף מיר, פאַרחידושט פינטלענדיק

מיט די אויגן, אויפפּעפּנדיק דעם טונקעלן מויל, דערנאָך האָט ער רויק געפרעגט:

— דאָס האָסטו מיך אַ שטויס געטאָן, דעם זיידן? דיין מוטערס לייבלעכן טאַטן?

— איר האָט מיך שוין גענוג געשלאָגן, — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט, באַגרייפנדיק, אַז כ'האָב עקלהאַפט געהאַנדלט.

אַ טרוקענער און אַ לייכטער, איז דער זיידע אויפגעשטאַנען פון דיל, זיך געזעצט נעבן מיר, פלינק אַרויסגעריסן ביי מיר דעם פּאַפּיראָס, אים אַרויסגעוואָרפן דורכן פענסטער און געזאָגט מיט אַ דערשראָקן קול:

— דו היץ־קאָפּ. פאַרשטייסטו כאָטש, אַז גאָט וועט דיר דאָס קיינמאָל נישט מוחל זיין, דיין גאַנץ לעבן נישט? מוטער, — האָט ער זיך געווענדעט צו דער באָבען, — גיב נאָר אַ קוק, ער האָט מיר דאָך אַ קלאַפּ געטאָן. ער? אַ קלאַפּ געטון. פרעג אים.

זי האָט נישט געפרעגט, נאָר פּשוט צוגעגאַנגען צו מיר אָנגעכאַפּט פאַר די האָר גענומען רייסן, רעדנדיק דערביי:

— און דערפאַר קומט אים אָט אַזוי, אָט אַזוי...

ס'האָט נישט וויי געטאָן, אָבער ס'איז געווען אומדערטרעגלעך באַליידיקנדיק, און באַזונדערס האָט באַליידיקט דעם זיידנס בייז־צופרידענער געלעכטער, — ער האָט אונטערגעשפּרונגען אויפן שטול, קלאַפּנדיק זיך מיט די דלאָניעס איבער די קני, און געקראַקעט פון געלעכטער

— אַזו — וי, אַזו — וי...

כ'האָב זיך אַרויסגעריסן, אַרויסגעשפּרונגען אין פאַר הויז זיך דאָרט געלייגט אין ווינקל, אַ דערדריקטער, אַ פאַרוויסטער, הערנדיק ווי עס זינגט דער סאַמאָוואַר.

ס'איז צוגעקומען די באָבע, זיך אַריבערגעבויגן איבער מיר און קוים צום הערן אַריינגעשעפּטשעט:

— זיי מיר מוחל, כ'האָב דאָך דיך נישט שטאַרק אָנגעריסן, כ'האָב דאָך דאָס אומישנע! אַנדערש קען מען נישט, — דער זיידע איז אַלט, מ'דאַרף דורך ארץ האָבן פאַר אים, אויך זיינע ביינדעלעך זענען אויסגעבראָכן, אויך ער האָט דאָך אַ

זיך געטאָן פון ביטערן כּוס מיטן פולן אָטעם, — באַליידיקן אים דאַרף מען נישט. ביסט שוין נישט קיין קליינינקער, וועסט דאָס פאַרשטיין... אַליאָשאַ, מ׳דאַרף קענען פאַרשטיין! ער איז אויך אַ קינד, נישט מער ווי דאָס...

אירע ווערטער האָבן מיך אַרומגעוואַשן, ווי מיט הייס וואַסער, פון דאָזיקן חברישן שעפּטשען איז געוואָרן לייכט און גלייכצייטיק האָט אַרומגעכאַפּט אַ חרפּה, כ׳האָב זי שטאַרק אַרומגענומען, מיר האָבן זיך צעקושט.

— גיי צו אים צו, גיי, ס׳מאַכט נישט אויס! נאָר רויכער נישט מיטאַמאָל. פאַר אים אין די אויגן, לאָז אים זיך צו־געוווינען...

כ׳בין אַריין אין צימער, אַ קוק געטאָן אויפן זיידן און זיך קוים איינגעהאַלטן פון געלעכטער: ער איז באמת געווען צופרידן, ווי אַ קינד, ער האָט אינגאַנצן געשיינט, געוואָרפן מיט די פיס און געקלאַפּט איבערן טיש מיט די לאַפּקעלעך אין געלע האָר.

— וואָס, באָק? ביסט ווידער געקומען זיך באַדיען? אָך, דו, מערדער: אינגאַנצן אין טאַטן אַריינגעראָטן! פאַרמאַזאָן*) דו אַריינגעקומען אין שטוב — זיך נישט איבערגעצלמט און גלייך צום רויכערן, אָך, דו, באָנאַפּאַרט, אַ קאָפּיקע־דער־וערט!

כ׳האָב געשוויגן. ער איז אויסגערונען מיט ווערטער און איך מיד אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער ביים טיי האָט ער מיך גענומען לערנען:

— דעם מענטשן איז נויטיק די מורא פאַר גאָט, ווי אַ פערד — אַ צוים. מיר האָבן נישט קיין פריינט, אַחוץ גאָט! אַ מענטש פאַר אַ מענטשן — איז אַ שונא, אַן אכזרי!

אַז מענטשן זענען זיך שונאים, אין דעם האָב איך גע־שפּירט עפּעס אַן אמת, און אַלדאָס איבעריקע איז מיר נישט אָנגעגאַנגען.

— און איצט גיי ווידער צו דער מומע מאַטרענע, און

*) פאַרדאָרבן פון פראַנק־מאַסאָן, — פריימויערער. אַזוי רופט דאָס רוסישע פאָלק אַן פריידענקער, אפּיקורסים. (איב.

פרילינגצייט — אויפן דאמפער. דעם ווינטער כאַטש לעב דורך ביי זיי. אָבער דערצייל נישט, אַז אין פרילינג וועסטו אוועק פון זיי...

— נו, צוואָס אָפּנאַרן מענטשן? — האָט די באָבע געזאָגט, נאַרוואָס אָפּנאַרנדיק דעם ייִדן מיט די כלומרשטע קלעפּ, וועלכע זי האָט מיר געגעבן.

— אָן גענאַרעריי וועסטו נישט דורכקומען, — האָט זיך דער זיידע געהאַלטן ביי זיינס, — אדרבה, זאָג, ווער לעבט אָן גענאַרעריי?

אינאָוונט, ווען דער זיידע האָט זיך געזעצט זאָגן תהלים, בין איך מיט דער באָבען אַרויס פאַרן טויער, אין פעלד; די קליינינקע, צווי-פענסטערדיקע ליים־שטיבעלע, אין וועלכער דער זיידע האָט געלעבט, איז געשטאַנען אין עק שטאָט, „אויף דער הינטערזייט" פון קאַנאַטנער גאַס, וווּ דער זיידע האָט אַמאָל געהאַט אַן אייגן הויז.

— אָט וווהין מיר זענען פאַרפאָרן! — האָט די באָבע גערעדט מיט אַ געלעכטער. — דער אַלטער קען זיך קיין אָרט נישט געפינען, וואָס זאָל אים זיין צום האַרצן, האַלט אין איין אַריבער־פאָרן. אויך דאָ איז אים נישט גוט, און מיר איז גוט.

פאַר אונז האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט אויף אַ וויאָרסט דריי אַן אָרים גראָז־פעלד, צעשניטן מיט גראָבנס, באַגרענעצט מיטן וואַלד-זוים מיט אַ ליניע פון בעריאָזעס פון קאַזאַנער טראַקט. פון די גראָבנס שטעקן אַרויס ווי ריטער די צווייגן פון קוסטעס, די שטראַלן פון אַ קאַלטן זון פאַרגאַנג האָבן זיי באַפאַרבט מיט בלוט. דער שטילער אָוונט־ווינט האָט געוויגט די גראָע גראָזן; הינטערן נאָנטסטן גראָבן האָבן זיך באַוועגט, — אויך, ווי גראָזן, — די טונקעלע פיגורן פון די שטאָטישע בחורים און מיידלעך. פונדערווייטנס, רעכטס, איז געשטאַנען אַ רויטע וואַנט פון סטאַראָווערישן *) בית־עולם, מ'האָט אים גערופן „בוגראָווסקי סקיט". לינקס, איבערן גראָבן, האָט זיך אויפגעהויבן פון פעלד אַ טונקע־

*) סטאַראָווערן — אַ רעליגיעזע סעקטע.

לע גרופּע בוימער, דאָרט איז דער יידישער בית-עלמין. אַלץ אַרום איז אָרים, אַלץ האָט זיך שטום צוגעטוליעט צו דער צעוווּנדעטער ערד. די קליינע שטיבעלעך פון עק שטאָט האָבן דערשראָקן געקוקט מיט די פענסטערס אויפן שטויביקן וועג, איבערן וועג קריכן אַרום קליינע, שלעכט-גענערטע עופות. ביים „דעוויטשי מאָנאַסטיר" גייט אַ טשערעדע, עס ברילן די קי; פון לאַגער דערטראָגט זיך מיליטער-מוזיק — עס רעווען און שרייען די מעשענע טראָמייטן.

עס גייט אַ שיכורער, אָן-רחמנות צעציענדיק די האַרמאָניקע, שטרויכלט זיך און בורטשעט:

— כ'וועל דיר פּאַקן... אומבאַדינגט...

— נאַרעלע, — זאָגט די באָבע, זשמורענדיק די אויגן אויף דער רויטער זון, — וווּהין וועסטו דערגיין? וועסט באַלד פאַלן איינשלאָפן, און אין שלאָף וועט מען דיך באַגנבענען... אויך די האַרמאָניקע, דיין טרייסט, וועט נעלם ווערן...

כ'דערצייל איר, ווי כ'האָב געלעבט אויפן דאַמפער, און קוק זיך אַרום.

נאָך דעם, וואָס איך האָב געזען, איז מיר דאָ אומעטיק. כ'פיל זיך ווי אַ יערש אויף אַ פּאַטעלניע. די באָבע הערט אויס שטילשווייגנדיק און אויפמערקזאַם, פּונקט אַזוי, ווי איך האָב איר ליב אויסצוהערן. און ווען איך האָב דערציילט וועגן סמורין, האָט זי געזאָגט, זיך ערנסט איבערצלמענדיק:

— אַ גוטער מענטש, העלף אים, גאָטסמוטער, א גוטער! זע, פאַרגעס נישט אָן אים! דאָס גוטע זאָלסטו שטענדיק גוט געדענקען, און דאָס, וואָס שלעכט — פאַרגעס פּשוט...

מיר איז זייער שווער געווען איר דערציילן, פאַרוואָס מ'האָט מיך אָפּגעזאָגט, אָבער זיך מאַכנדיק האַרץ, האָב איך דערציילט. דאָס האָט אויף איר נישט געמאַכט דעם מינדסטן רושם, זי האָט בלויז גלייכגילטיק באַמערקט:

— ביסט נאָך יונג, קענסט נאָך נישט לעבן...

— אַט אַלע זאָגן איינער דעם צווייטן: קענסט נישט לעבן, —

די פויערים, די מאַטראָסן, די מומע מאַטרענע צום זון; אָבער וואָס דאַרף מען קענען?

פאַרציִענדיק די ליפּן, האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דאָס זעסטו, ווייס איך שוין נישט!

— אָבי דו רעדסט!

— פאַרוואָס נישט זאָגן? — האָט די באָבע רויק אַרויסגערעדט. — באַליידיק זיך נישט, ביסט נאָך אַ קליינינקער, דו דאַרפסט נאָך נישט קענען. און ווער קען דען יאָ? בלויז די אויסוווּרפן. אָט, דער זיידע, למשל, איז קלוג און אַ קענער, און האָט אויך גאָרנישט געקענט...

— און דו אַליין האָסט גוט געלעבט?

— איך? גוט. און אויך שלעכט געלעבט — פאַרשידן...

פאַרביי אונז זענען דורכגעגאַנגען, נישט געאיילט, מענטשן, שלעפּנדיק נאָך זיך לאַנגע שאָטנס, ווי אַ רויך האָט זיך אויפגעהויבן דער שטויב פון אונטער די פיס, באַגראָבנדיק דידאָזיקע שאָטנס. דער אָוונט-אומעט איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן, פון די פענסטער האָט זיך געגאָסן דעם זיידנס וואָרטשענדיקער קול:

— אָ גאָט, משפּט מיך נישט אין דיין צאָרן, און אין דיין גרימצאָרן טו מיך נישט שטראָפן.

די באָבע האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— האָט ער דאָס שוין אַביסל דערעסן גאָט, מסתמא! יעדן אָוונט וואָיעט ער, און פרעג וועגן וואָס? שוין אַן אַלטיטשקער, דאַכט זיך, דאַרף קיין זאַך נישט, און קלאָגט זיך כסדר, קען זיך נישט באַרויקן... און גאָט, מסתמא, הערט זיך צו צו די אָוונט-קולות, און טוט אַ שמייכל: וואַסילי קאַשירין פּויקט שוין ווידער!.. לאָמיר גיין שלאָפן...

* *
*

כ'האָב באַשלאָסן זיך פאַרנעמען מיט כאַפּן זינג-פויגלען; מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס וועט געבן פיינע חיונה: איך וועל כאַפּן, און די באָבע — פאַרקויפן. כ'האָב געקויפט אַ נעץ, אַ רייף-נעץ, פּאַסטקעס, פאַרטיק געמאַכט שטייגן, און אָט זיץ איך,

פאַרטאָג, אין גראָבן, צווישן די קוסטעס, און די באָבע גייט אַרום איבערן וואַלד מיט אַ קאשיק און אַ זאַק, צענויפקלייבנדיק די לעצטע שוואָמען, קאַלינע, ניס.

נאָרוואָס האָט זיך אויפגעהויבן די מידע סעפטעמבער-זון; אירע ווייסע שטראַלן — דאָ לעשן זיי זיך אין די וואָלקנס, דאָ פאַלן זיי ווי אַ זילבערנער בעכער צו מיר אין גראָבן. אויפן דעק פון גראבן איז נאָך טונקל, פון דאָרט שטייגט אַרויף אַ ווייסלעכער נעפל; די שטילע, ליימיקע וואַנט פון גראבן איז פינס-ער און נאַקעט, און די צווייטע זייט, מער שפּועדיק, איז באַדעקט מיט אָפּגעקראָכן גראָז, מיט געדיכטע קוסטעס אין געלע, העלברוינע און רויטע בלעטער; אַ פרישער ווינט רייסט זיי אַראָפּ און שליידערט זיי אַרום איבערן גראָבן.

אויפן דעק, צווישן די קוסטעס, שרייען די שטיגליצן; צווישן די גראָע קודלעס פון סטעפּ-גראָז זע איך די בלוט-רויטע הייבלעך אויף די זשוואַווע פויגלשע קעפּעלעך. אַרום מיר טרילערן די נייגעריקע בלוי-פייגלען; קאָמיש אָנבלאָזנדיק די ווייסע באַקן, טומלען זיי און שמייען ווי די יונגע קונאַווינער „מעש-טשאַנקעס" אין אַ יום-טוב; פלינקע, קלוגינקע, בייזע, ווילן זיי אַלץ וויסן, אַלץ אָנרירן, און פאַלן אַריין אין פּאסטקע איינע נאָך דער צווייטער, אַ רחמנות צוצוזען, ווי זיי צאַפּלען זיך, אָבער מיין זאַך איז אַ סוחרישע, אַ שטרענגע; כ'זעץ איבער די פייגלען אין צוגעגרייטע שטייגן און באַהאַלט אין זאַק, — אין דער פינסטער זיצן זיי רויק.

אויף אַ קוסט פון ווייס-דאָרן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ מחנה טשיזשיקעס, דער קוסט איז באַגאָסן מיט זון, די טשיזשיקעס פרייען זיך מיט דער זון און צווּיטשערן נאָך פריילעכער; לויטן האַלטן זיך זענען זיי ענלעך אויף יינגלעך-שילער. דער גיריקער ווערגער, האָט פאַ-שפּעטיקט אַ-ועקצופליען אין די וואַרימע לענדער, זיצט ער אויף אַ בויגעוודיקן צווייג פון אַ ווילדן רויזן-קוסט, רייניקט מיט דער נאָז די פעדערן פון פליגל און קוקט שאַרף אויס רויק מיט די שוואַרצע אויגן. אַ שוועב געטאָן אין דער הויך ווי אַ לערכע, געכאַפּט אַ ערדבין, פאַרזיכטיק אים

אַרויפגעשטעקט אויף אַ דאָרן און זיצט זיך ווידער, וואַרפנדיק אין אַלע זייטן זיין גראָ, גנביש קעפל. אָן אַ גערויש איז פאַר־בייגעפלויגן דער קלוגער פויגל סאָסנע-גאָמפל, דער אָביעקט פון מיינע גיריקע פאַ־לאָנגען, — אַך ווען איך כאַפּ אים! אַ גימפל וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון דער מחנה, זיצט אויף אַ אָלכע, אַ רויטער, אַ חשובער, ווי אַ גענעראַל, און סקריפּעט אונטער בייז, שאָקלענדיק די שוואַרצע נאָז.

וואָס העכער עס הויבט זיך די זון, אַלץ מער פויגלען זענען דאָ, און אַלץ פריילעכ׳ער איז זייער צוויטשערן. דער גאַנצער גראָבן ווערט פול מיט מוזיק, איר לייט-מאָטיוו איז די אומאויפהערלעכע שאָרכעריי פון די קוסטעס אונטערן ווינט; די היציקע קולות פון די פויגלען זענען נישט בכח צו פאַרטויבן דעמדאָזיקן שטילן, זיס-אומעטיקן גערויש, — כ׳הער אין אים די געזעגנונס-ליד פון זומער, ער רוימט מיר איין עפּעס אַזעלכע מאָדנע ווערטער, און פון זיך אַליין לייגן זיי זיך צענויף אין אַ ליד. און גלייכצייטיק, קעגן מיין ווילן, לעבן אויף אין מיין זכרון די איבערגעלעבטע בילדער.

פון ערגעץ-ווו אינדערהויך שרייט די באָבע:

— ווו ביסטו?

זי זיצט אויפן ראַנד פון גראָבן, אויסגעשפּרייט אַ טיכל, צעלייגט אויף אים ברויט, אוגערקעס, רעטעך, עפּל; צווישן דער-דאָזיקער גאַנצער שפע שטייט, בלאַנקנדיק אויף דער זון, אַ קליינע, זייער אַ שיינע געשליפענע קאַראַפקע, מיט אַ קריסטאַלענעם פּראָפּן — נאַפּאָלעאָנס קאָפּ, אין קאַראַפקע — אַ שקאָליק בראָנפן, אָנגעשטאָנען אויף איזאָפּ.

— אַך, ווי גוט עס איז, גאָטעניו! — זאָגט די באָבע מיט דאַנקבאַרקייט.

— און איך האָב אַ ליד צונויפגעלייגט!

— וואָס דו זאָגסט?

כ׳זאָג איר עפּעס. ענלעכעס אויף פערזן:

— אַלץ נענטער דער ווינטער, אַלץ אומעטיקער.
זיי געזונט, מיין זון, דו זומערדיקע...

אָבער נישט אויסהערנדיק ביזן סוף, רייסט זי מיך איבער:
— אַזאַ ליד — איז דאָ, זי איז אָבער בעסער!
און זאָגט האַלב-זינגנדיק:

אָי, ס'גייט אַוועק די זון די זומערדיקע
אין פינסטערע נעכט, הינטער ווייטע וועלדער!
בין איך, אָרים מיידל, געבליבן
אָן מיין פרילינג-פרייד, איינע אַליין...
גיי — איך אַרויס פרימאָרגנס הינטערן דאָרף.
דערמאָן איך זיך מיינע מאַי-הוליאַנקעס, —
קוקט דאָס פעלד דאָס נאַקעטע אַזוי אומעטיק, —
כ'האָב מיין יוגנט פאַרלאָרן אין אים.
אָי, חברטעס. מיינע ליבינקע!
ווער נאָר אויספאַלן דער ערשטער לייכטער שניי, —
נעמט אַרויס מיין האַרץ פון דער ווייסער ברוסט,
און מיין האַרץ אין שניי טוט באַגראָבן!..

מיין מחברשע אייגנליבע ליידט קיין האָר נישט, מיר געפעלט שטאַרק דאָס ליד און איך האָב גרויס רחמנות אויפן מיידל.
און די באָבע זאָגט:

— אָט ווי דער אומגליק זינגט! דאָס, זעסטו, האָט דאָס מיידל צונויפגעלייגט: זי האָט געהוליעט פרילינג-צייט, און צו ווינטער צו האָט זי איר האַרציקער-ליבער אַוועקגעוואָרפן, אפשר צו אַ צווייטער אַוועק, האָט זי זיך צעוויינט פון באַליידיקטן האַרצן... וואָס דו וועסט אַליין נישט איבערלעבן — וועגן דעם וועסטו גוט-ריכטיק נישט זאָגן, און זי, זעסטו, האָט אַזוי גוט צונויפגעלייגט דאָס ליד!

ווען די באָבע האָט דאָס ערשטע מאָל פאַרקויפט פויגלען פאַר פערציק קאָפּיקעס, איז זי שטאַרק דערשטוינט געוואָרן.
— וואָס זאָגסטו דערצו! כ'האָב געמיינט — אַ פוסטער ענין, אַ יינגלשע שפּיל, און ס'האָט זיך גאָר אָט ווי אויסגעלאָזן!
— האָסט נאָך ביליק פאַרקויפט...
וואָס דו זאָגסט?
אין מאַרק-טעג פלעגט זי פאַרקויפן אויף אַ רובל און מער,

און נישט אויפגעהערט זיך צו וווּנדערן: סאַראַ סך מ'קען פאַר־דינען מיט נאַרישקייטן!

— און אַ פרוי וואַשט אַ גאַנצן טאָג וועש, אָדער דיילן פּאַר אַ פערטעלע אַ טאָג, היינט גיי ווייס! און ס'איז דאָך נישט רעכט! איך האַלט פויגלען אין שטייגן איז נישט גוט. וואַרף דאָס אַוועק, אַליאָשאַ!

אָבער איך האָב זיך שטאַרק אַריינגעלאָזן אין כאַפּן פויגלען, דאָס איז מיר געפעלן געוואָרן, איך בין געווען פון קיינעם נישט אָפּהענגיק, קיינעם האָט עס נישט פאַרשאַפט אומבאַקוועמלעכקייט, אַחוץ די פויגלען. כ'האָב זיך פאַרשאַפט גוטע נעצן; די שמועסן מיט אַלטע פויגל־כאַפּער האָבן מיר אַ סך אויסגעלערנט, — איינער אַליין פלעג איך גיין כאַפּן פויגלען פאַר דרייסיק וויאָרסט, אין קסטאָווישז וואַלד, אויפן ברעג וואָלגע, ווו צווישן מאַסטבוים־סאָסנעס האָבן זיך געפונען די צלם־שנאָבלען און לאַנג־עקלעך — לאַנג־ווײַדלדיקע ווייסע פויגעלעך פון זעלטענער שיינקייט, וועלכע ליבהאָבער שאַצן זייער הויך.

ס'פלעגט טרעפן גייסט אַרויס אָוונט־צייט און שלאָפסט זיך אַ גאַנצע נאַכט איבערן קאַזאַנער טראַקט, אַמאָל — אונטער אַ האַרבסטיקן רעגן, איבער טיפע בלאָטעס. אויפן פּלייצע — אַ זאַק, באַנייט מיט צעראַטע, אין אים — כאַפּ־שטייגלעך און די שטייג־לעך מיט דעם לאָק־פויגל, אין דער האַנט — אַ סאָלידער נוס־שטעקן. ס'איז קאַלטלעך און אימהדיק אין האַרבסטיקן חושך, זייער אימהדיק!.. אויף בײדע זייטן וועג שטייען אַלטע, דורך דונערס צעקלאַפּטע בעריאָזעס, אויסשפּרייטנדיק איבער מיין קאָפּ פייכטע צווייגן; לינקס, אונטערן באַרג, איבער דער שוואַרצער וואָלגע, שווימען, ווי אין אַ ענדלאָזן תהום אַריין, איינזאַמע פייערלעך אויף די מאַסטבוימער פון לעצטע דאַמפּערס און באַרזשעס, עס פליוכען די רעדער איבערן וואַסער, עס הודיען די פייף־סיגנאַלן.

פון דער טשוקונענער ערד הויבן זיך אויף די כאַטקעס פון די דערבייאיקע דערפלעך, עס קייקלען זיך צו אונטער די פיס בייזע, הונגעריקע הינט, דער נאַכט־שומר קלאַפּט אין דער וואַך־ברעט און שרייט מיט שרעק:

— ווער גייט? ווען מען טראָגן אַן די שדים — נישט אַקעגן נאַכט צו דערמאָנען?

כ'האָב שטאַרק מורא געהאַט, מ'זאָל ביי מיר נישט אָפּנעמען די פּאַסטקעס, און כ'פלעג מיטנעמען מיט זיך פאַר די נאַכט-שומרים צענערס. אין דאָרף פּאָקינאַ האָט דער נאַכט-שומר געשלאָסן גוט-פריינטשאַפט מיט מיר און נישט אויפגעהערט צו קרעכצן:

— גייסט שוין ווידער? אַך, דו, מוטיקער, אומרויקער נאַכט-ווינער, אַ?

גערופן האָט מען אים ניפּאָנט; ער איז געווען אַ קליינינקער, אַ גראָענקער, אַן ענלעכער אויף אַ הייליקן, אָפט פלעגט ער אַרויסנעמען פון בוזים אַ רעטעך, אַן עפל, אַ הויפן אַרבעס און עס מיר שטעקן אין האַנט אַריין, זאָגנדיק:

— נאַ, נעם, ברודערל, כ'האָב פאַר דיר אַ געשאַנק באַהאַלטן, עס געזונטערהייד.

און פלעגט מיך אַרויסבאַגלייטן ביז הינטערן דאָרף.

— היידאַ, מיט גאָטס הילף!

אין וואַלד פלעג איך אָנקומען מיטן באַגינען, כ'פלעג צו-רעדט מאַכן די פּאַסטקעס, צעהענגען די לאָקונגען, זיך לייגן אויפן ראַנד פון וואַלד און וואַרטן אויפן אָנקום פון טאָג. שטיל-שלאָף; אַלץ אַרום איז פאַרגליווערט געוואָרן אין שטאַרקן, האַרבסטיקן שלאָף; דורך דער גראָלעכער פינסטערניש זעען זיך קוים אונטערן באַרג די ברייטע לאָנקעס; די וואָלגע האָט זיי צעשניטן, זיי האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן איבער איר און צעשווימען געוואָרן, צעגאַנגען אין די נעפּלען. פונדערווייטנס, הינטער די וועלדער פון דער לאָנקעס-זייט, הויבט זיך אויף, נישט געאיילט, די העלער-געוואַ-פייערן, אויף די שוואַרצע גריוועס פון די וועלדער בליצן אויף-רירט די נשמה: אַלץ שנעלער הויבט זיך אויף אַ נעפּל פון די פייערן, און ס'הויבט זיך אָן אַן אויסטערלישע באַוועגונג, וואָס לאָנקעס און זילבערט זיך אין זוניקן שטראַל, און נאָך אים הויבן זיך אויף פון דער ערד קוסטעס, ביימער, סטויגן היי, די לאָנקעס — ריכטיק ווי זיי וואָלטן צעגיין אונטער דער זון — פליסן אין אַלע זייטן, גאָלדיק-געלע. אָט באַרירט די זון דעם שטילן וואַסער

ביים ברעג, — עס דוכט זיך, אַז דער גאַנצער טייך האָט זיך צוגערוקט, זיך אַצי געטאָן דאָרט־אַהין, ווי ס'האָט זיך אָפּגעטוקט די זון. זיך אויפהויבנדיק אַ פריידיקע, אַלץ העכער, בענטשט זי, וואַרעמט זי די נאַקעטע, דורכגעפרוירענע ערד, און די ערד שמעקט מיט די זיסע ריחות פון האַרבסט. די דורכזיכטיקע לופט ווייזט מיר די ערד אַ גרויסע, אומענדלעך זי צעשפּרייטנדיק. אַלץ שווימט אין דער ווייטקייט אַריין און לאָקט צוצוגיין ביז די בלאָע ראַנדן פון דער ערד. אין דאָזיקן אָרט האָב איך געזען דעם זון־אויפגאַנג צענטליקער מאָל, און יעדעסמאָל פלעגט געבוירן ווערן פאַר מיר אַ נייע וועלט, אויף אַ נייעם אופן — שיין...

כ'האָב ליב די זון מיט עפּעס אַ באַזונדער מין ליבע, מיר געפעלט איר נאָמען גופא, די זיסע קלאַנגען פון נאָמען, דעם געקלאַנג, וואָס איז אין זיי פאַרבאָרגן; כ'האָב ליב צוצומאַכן די אויגן, און אונטערשטעלן דעם פּנים אונטערן הייסן שטראַל, אים כאַפּן אויף דער דלאָניע, ווען ער גייט דורך ווי אַ שווערד דורך אַ שפּאַלט פון פּלויט, אָדער צווישן צווייגן. דער זיידע האַלט שטאַרק פון „פירשט מיכאַיל טשערניגאָווסקי און פון באָיאַרין פעאָדאָר, וועלכע האָבן זיך נישט געבוקט צו דער זון”, — דידאָזיקע מענטשן קומען מיר פאָר שוואַרץ, ווי די ציגיינערס, אָנגעכמורעטע, בייזע, און זיי האָבן תמיד קראַנקע אויגן, ווי ביי דער אָרימער מאָרדוואַ. ווען די זון הויבט זיך אויף איבער די לאָנקעס, שמייכל איך נישט ווילנדיק פון פרייד.

איבער מיר רוישט אַ נאָדל־וואַלד, אָפּשאָקלענדיק פון די גרינע לאַפּעס טראָפּנס טוי; אין שאָטן, אונטער די ביימער, אויף די געמוסטערטע בלעטער פון פּאַפּערעט בלאַנקט מיט אַ זילבערנער האַפּט דער פרימאָרגן־פראָסט. די געלגעוואָרענע גראָז איז צעקנייטשט פון די רעגנס, די שטענגלעך, געבויגענע צו דער ערד, זענען אומבאַוועגלעך, אָבער ווען עס פאַלט אויף זיי אַ העלער שטראַל, איז צו מערקן אין גראָז אַ לייכטער ציטער, ווער ווייס, אפשר די לעצטע אָנשטרענגונג פון לעבן. די פויגלען האָבן זיך אויפגעכאַפּט; די גראָע טענענ־

מייז פאַלן פון צווייג צו צווייג ווי פּוכיקע קיילעכלעך, די פייערדיקע צלם־שנאָבלס ברעקלען מיט די קרומע נעזער די שישקעס אויף די סאָסנע־שפּיצן, אויפן סוף פון אַ סאָסנע־לאַפּע וויגט זיך אַ ווייסער לאַנג־עקל, פּאָכנדיק מיט די לאַנגע רודער־פעדערן, דאָס שוואַרצע פּערל־אויגעלע קוקט קרום מיט אומ־צוטרוי אויף דער נעץ, וועלכע כ'האָב אויסגעשפּרייט. און פּלוצלינג דערהערסטו, אַז דער גאַנצער וואַלד, נאָך מיט אַ מינוט פריער אַ ערנסט־פּאַרטראַכטער, האָט זיך שוין אָנגעגאָסן מיט הונדערטער פויגלשע שטימעס, איז פול מיטן האַוועץ פון לעבעדיקע ברואים, די ריינסטע אויף דער וועלט, — וואָס לויט זייער געשטאַלט האָט דער מענטש, דער פּאָטער פון דער ער־דישער שיינקייט, געשאַפן פאַר זיין טרייסט די עלפן, כּרובים, שׂרפים און די גאַנצע מלאכימשע יעראַרכיע.

מיר איז אַביסל אַ רחמנות צו כאַפּן די פויגעלעך, ס'איז אומבאַקוועם פאַרן אייגענעם געוויסן אַריינצוזעצן זיי אין שטייגן, כ'האָב מער הנאה צו קוקן אויף זיי, אָבער די יעגערשע ליידנ־שאַפט און דער פאַרלאַנג צו פאַרדינען געלט זענען גובר דעם רחמנות־געפיל.

די פויגלען פאַרווײַלן מיך מיט זייערע כיטרעקייטן: די תכלתדיקע בלויפייגל האָט אויפמערקזאַם און געניי באַטראַכט די פּאַסטקע, פאַרשטאַנען, מיט וואָס זי דראָט איר, און, פאַר־גייענדיק פון אַ זייט, שלעפּט זי געשיקט אַרויס די קערנער אָן סכנה דורך די שטאַכעטלעך פון דער פּאַסטקע. די בלוי־פייגלען זענען זייער קלוג, זיי זענען אָבער צו שטאַרק ביי־געריק, און דאָס איז זייער אומגליק. די חשובע גימפּלען זענען נאַרעשעוואַטע: זיי גייען אין נעץ מחנות־ווייז, ווי זאַטע קליין־בירגער אין צערקווע; און ווען מ'דעקט זיי איבער, זענען זיי שטאַרק פאַרוונדערט, גלאָצן אויס די אויגן און קנייפּן די פינגער מיט די גראָבע שנאָבלען. דער צלם־שנאָבל גייט אין פּאַסטקע רויק און טאָליד; דער שפּערט, אַן אומבאַקאַנטער פויגל, וואָס איז אויף קיינעם נישט געראָטן, זיצט לאַנג פאַר דער נעץ, אַרומפּירנדיק מיטן לאַנגן נאָז, זיך אָנשפּאַרנדיק

אויפן דיקן ווײדל; ער לויפט אַרום איבער די בוימער־שטאַמען ווי אַ פּיק האָלץ, באַגלייטנדיק תּמיד די בלויפייגלען אין דעמ־דאָזיקן רויק־פאַרביקן פויגעלע איז דאָ עפּעס שרעקעדיקס, זי זעט אויס צו זײַן אײַנזאַם, קײנער האָט זי נישט ליב און זי — קײנעם נישט, ווי אַ סאָראָקע האָט זי ליב צו גנבענען און באַהאַלטן קלײנע בלישטשענדיקע זאַכן.

אַרום האַלבן טאָג ענדיק איך מײַן פויגל־פאַנג, כ׳גײ אַהײם דורך וואַלד און פעלדער, — אויב כ׳וועל גײן מיטן ברייטן טראַקט, דורך די דערפער, ווען די ייִנגלעך און יונגען צונעמען די שטײגן, צערײַסן און צעברעכן די נעצן און די פאַסטקעס, — דאָס האָב איך שוין געוווּסט פון אײגענער דערפאַרונג.

כ׳קום אַהײם אַרום אָוונטצײַט אַ מידער, אַ הונגעריקער, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז פאַרן טאָג בין איך אויסגעוואַקסן, זיך דערוווּסט עפּעס נײַעס, שטאַרקער געוואָרן. דידאָזיקע נײַע קראַפט גיט מיר די מעגלעכקײט אויסצוהערן רויק, אָן כעס דעם זײדנס בײזע שטעכווערטלעך; דער זײדע, באַמערקנדיק דאָס, פלעגט גענומען רעדן צו דער זאַך, ערנסט:

— וואַרף אַוועק די נאַרישקײטן, וואַרף דאָס אַוועק! דורך פויגלען איז נאָך קײנער קײן לײַט נישט געוואָרן, ס׳איז נאָך אַזוינס נישט פאַרלאָפן, כ׳ווייס! קלײַב זיך צו אַן אָרט און לאָז וואַקסן אויף אים דײַן שכל. אַ מענטש לעבט נישט צוליב נאַרישקײטן, גאָטס זאָמען איז ער, ער דאַרף געבן פון זיך אַ זאַנג גוטע קערנער! אַ מענטש איז געגליכן צו אַ רובל: זיך איבערגעדרייט אויף דער ריכטיקער זײַט — און געוואָרן דריי! מײנסט, ס׳איז גרינג צו לעבן? נײן, שוין גאָרנישט לײַכט! די וועלט איז פאַרן מענטשן — אַ פינסטערע נאַכט, יעדער אײנער דאַרף זיך אַלײן צולײַכטן. יעדן אײנעם איז געגעבן געוואָרן צו צענדליק פינגער, און יעדער וויל וואָס מער גענעמען מיט די אײגענע הענט. מ׳דאַרף אַרויסווײַזן קראַפט, און איז קײן קראַפט נישטאָ — טאָ כיטרעקײט; ווער עס איז קלײן און שוואַך, וועט נישט אַרײַן נישט אין גיהנום, און נישט

זין גן עדן! לעב פֿלומרשט מיט אַלע, אָבער געדענקט: ביסט — אַליין; הער אויס אַלעמען, אָבער גלויב נישט קיינעם; ווענ[ד]ט זיך אויפֿן אויג פֿאַרלאָזן, וועסטו קרום אָפּמעסטן. שווייג וואָס מער, הייזער און שטעט בויט מען נישט מיט דער צונג, נאָר מיטן רובל און האַק. ביסט נישט קיין באַשקירעץ, נישט קיין קאַלמיק, וואָס זייער גאַנץ עשירות באַשטייט פֿון לייז און ע[illegible]סן...

מיט דידאָזיקע ווערטעלעך האָט ער געקענט אָפּרעדן אַ גאַנצן אָוונט, און איך האָב זיי געקענט אויף אויסנווייניק. די ווערטער האָבן אויסגענומען ביי מיר, אָבער צו זייער אינהאַלט האָב איך זיך באַציוגן אָן צוטרוי. פֿון זיינע ווערטער איז געווען קלאָר, אַז דעם מענטשן שטערן צו לעבן, אַזיווי ער וויל, צוויי כּחות; גאָט און מענטשן.

זיצנדיק ביים פֿענסטער האָט די באָבע צעגויפּגעדרייט פֿעדים פֿאַר איר שפּיצן־געוועב; דער שפּינדל האָט געזשומעט אין אירע געשיקטע הענט, זי האָט לאַנג, זיך שווייגנדיק צוגעהערט צום זיידנס רייד און פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן:

— אַלץ וועט זיין אַזוי, ווי גאָטסמוטער וועט אַ שמייכל טאָן.

— וואָס ווילסטו? — האָט דער זיידע געשריגן. — גאָט! כ׳האָב וועגן גאָט נישט פֿאַרגעסן, איך קען גאָט! אַלטער נאַר, צי דען האָט גאָט פֿאַרזייט אויף דער ערד נאַראָנים, וואָס?

* * *

... מיר האָט זיך געדוכט, אַז לייכטער ווי אַלע לעבן אויף דער וועלט קאָזאַקן און זעלנער; דאָס לעבן זייערס איז אַ לייכטס און פֿריילעכס. אין אַ שיינעם וועטער פֿלעגן זיי זיך גאַנץ פֿ״י באַווייזן קעגנאיבער אונזער שטוב, הינטערן גראָבן, באַזייענדיק דאָס נאַקעטע פֿעלד ווי מיט ווייסע שוואָמען, און פֿלעגן אָנהויבן אַ קאָמפּליצירטע, אינטערעסאַנטע שפּיל; פֿלינקע שטאַרקע, אין ווייסע העמדלעך, פֿלעגן זיי פֿריילעך אַרומלויפֿן איבערן פֿעלד מיט די ביקסן אין די הענט, פֿלעגן פֿאַרשווונדן

אין גראָבן און פּלוצלינג לויטן רוף פון טרומייט, ווידער זיך אַ שאָט טאָן אויפן פעלד מיט „הורא"-געשרייען, אַ נטער דער אימהדיקער קלאַפּעריי פון פויקן, פלעגן לויפן גלייך אויף אונזער הויז, מיט אָנגעשפּיזטע באַגנעטן, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אָט אין איין רגע וועלן זיי אַראָפּקראַצן פון דער ערד אונזער הויז, עס צעטראָגן, ווי אַ סטויג היי.

איך פלעג אויך שרייען „הורא" און פאַרגעסנדיק וועגן אַלץ אין דער וועלט — לויפן צוזאַמען מיט זיי; דער בייזער טרעל פון פויק פלעגט ביי מיר אַרויסרופן אַ ברענענדיקן פאַרלאַנג צו צעשטערן עפּעס, צעברעכן אַ פּלויט, שלאָגן די יינגלעך.

אין דער אָפּרו-צייט פלעגן מיר די זעלנער מכבד זיין מיט מאַכאָרקע, ווייזן די שווערע ביקסן, און אַמאָל פלעגט דער אָדער יענער אָנשטעלן אויף מיין בויך אַ באַגנעט און בכיון שרייען ווילד:

— שטעך דעם פּריס!

דער באַגנעט האָט געבלאַנקט; ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אַ לעבעדיקער, ער דרייט זיך אויס, ווי אַ שלאַנג, און וויל אַ ביס טאָן — דאָס איז אַ ביסל געווען אימהדיק, אָבער נאָכמער — אָנגענעם.

דער פויקער — אַ מאָרדווין — האָט מיר געלערנט קלאַפּן מיט די שטעקעלעך אין לעדער פון פויק; צוערשט פלעגט ער אָננעמען מיינע הענט-וואָרצלען, און, זיי אויסקנעטנדיק ביז ווייטאָק, מיר שטופּן די שטעקלעך אין די אָנגעריבענע פינגער.

— קלאַפּ — ראַס — דוואַ (איינס-צוויי), ראַס — דוואַ! טראַם — טאַ — טאַ — טאַם! קלאַפּ אים — לינקער — שטיל, רעכטער — שנעל, טראַם — טאַ — טאַ — טראַם! — פלעגט ער שטרענג שרייען, צעשפּרייטנדיק די פויגלשע אויגן.

כ׳פלעג אַרומלויפן איבערן פעלד מיט די זעלנער ביז זיי פלעגן ענדיקן די לערע און דערנאָך פלעג איך זיי באַגלייטן איבער דער גאַנצער שטאָט ביז די קאַזאַרמעס, הערנדיק הויכע לידער, באַטראַכנדיק די גוטע פּנימער, אַלע אַזעלכע נייענקע, פּונקט ווי נאָר וואָס אָפּגעלאַפּטע צענערלעך.

די געדיכטע מאַסע פון מענטשן, ענלעך איינער צום צווייטן, האָט פריילעך געשוווּמען איבער דער גאַס מיט אַ קראַפט, וואָס האָט געוועקט אַ פריינטלעכן געפיל צו איר, אַ פאַרלאַנג צו פאַר־טיפן זיך אין איר, ווי אין אַ טייך, אריינגיין אין איר, ווי אין אַ וואַלד. דידאָזיקע מענטשן האָבן פאַר קיין זאַך קיין מורא נישט, אויף אַלץ קוקן זיי דרייסט, אַלץ קענען זיי גובר זיין, זיי וועלן דערגרייכן אַלץ, וואָס זיי וועלן נאָר וועלן, און, דערעיקר, — זיי זענען אַלע פשוטע, גוטע.

אָבער איינמאָל, בעתן אָפּרו, האָט אַ יונגער אונטער־אָפיציר מיר געגעבן אַ גראָבן פאַפּיראָס. — נאַ, רויכער! ער איז ביי מיר — אַ דאָסיקער, קיינעם וואָלט איך אים נישט געגעבן, אָבער דו, בחורל, ביסט אַזאַ ווילער!

כ׳האָב פאַררויכערט. ער האָט זיך אָפּגערוקט אויף אַ טריט, און פלוצלינג האָט אַ רויטער פלאַם מיך פאַרבלענדט, מיר אָפּ־געבריט די פינגער, די נאָז, די ברעמען; אַ גראָער געזאַלצענער רויך האָט געצווונגען צו ניסן און הוסטן; אַ בלינדער, אַ דער־שראָקענער, האָב איך זיך געטאַפּטשעט אויף איין אָרט, און די זעלנער, מיך אַרומרינגלענדיק מיט אַ שטייפן רינג, האָבן הויך און פריילעך געלאַכט. כ׳בין אַוועק אַ היים, — אַ פייפערייַ און אַ געלעכטער האָבן מיך נאָכגעיאָגט, עפּעס האָט געקנאַלט ווי אַ פּאַסטוכס בייטש, די אָפּגעברענטע פינגער האָבן ווייַ געטאָן, די הויט אויפן פנים האָט געריסן, פון די אויגן זענען געגאַנגען טרערן, אָבער נישט דער ווייטאָק האָט מיך דערדריקט, נאָר אַ שווערע, טעמפּע פאַרווונדערונג: פאַרוואָס האָט מען מיר דאָס אָפּגעטאָן? פאַרוואָס ווילט דאָס די גוטע יונגען?

אינדערהיים בין איך פאַרקראָכן אויפן בוידעם און לאַנג דאָרט געזעסן, דערמאָנענדיק זיך דאָס גאַנצע אומדערקלערלעכע אכזריות, וואָס כ׳האָב מיט אַזאַ שפע באַגעגנט אויף מיין לעבנס־וועג. באַזונדערס בולט און לעבעדיק האָט זיך מיר דערמאָנט אַ קליין זעלנערל פון סאַראַפּול — ער שטייט פאַר מיר און פרעגט ווי אַ לעבעדיקער:

— נו, וואָס? פאַרשטאַנען?

אינגיכן איז מיר אויסגעקומען איבערצולעבן עפעס נאָך שווערערס און דערשטויגלעכעס.

כ'האָב גענומען לויפן אין די קאָזאַקישע קאַזאַרמעס, — זיי האָבן זיך געפונען לעבן דעם פעטשערסקן ישוב. די קאָזאַקן האָבן אויסגעזען צו זיין אַנדערע, ווי די זעלנער, און נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבן געשיקט געריטן אויף פערד און געווען שענער אָנגעטאָן, — זיי האָבן אַנדערש גערעדט, געזונגען אַנדערע לידער און זייער שיין געטאַנצט. ס'פלעגט טרעפן, אין די אָוונטן, נאָכן אויספוצן די פערד, קלייבן זיי זיך צעגויף אין אַ קרייז לעבן די פערד-שטאַלן, און אַ קליינער געלער קאָזאַק גיט אַ טרייסל מיט די קוטשמעס און נעמט זינגען מיט אַ הויכער שטים, ווי אַ מעשענע טרומייט; שטיל, זיך אויסציענדיק מיט אָנשטרענגונג, נעמט ער זינגען אַן אומעטיק ליד וועגן שטילן דאָן, וועגן בלאָעם דונאַי. זיינע אויגן זענען פאַרמאַכט, ווי עס פאַרמאַכט זיי דאָס רויטקעלכל, וועלכע זינגט אָפט אַזוי לאַנג, ביז זי פאַלט אַראָפּ פון צווייגל אויף דער ערד אַ טויטע. דער קאָלנער פון קאָזאַקס העמדל איז אָפּגעשפּילעט, עס זעען זיך די שליכל-ביינער, ווי קופערנע צוימען, און דער דאָזיקער גאַנצער מענטש איז בכלל — אַ געגאָסענער, אַ קופערנער, זיך וויגנדיק אויף די דינע פיס, ווי די ערד וואָלט זיך אונטער אים געוואַקלט, צעפירנדיק מיט די הענט, אַ בלינדער און קלינגנדיקער, האָט ער ווי אויפגעהערט צו זיין אַ מענטש, און געוואָרן א טרומייט פון אַ האָרנבלאָזער, אַ פייפיאל פון אַ פאַסטוך. אַמאָל פלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז ער וועט אַ פאַל טאָן מיט דער פלייצע צו דער ערד און — שטאַ־בן, ווי דאָס רויטקעלכל, — ווייל ער האָט פאַרשווענדט אויף דאָס ליד זיין גאַנצע נשמה, איר גאַנצע קראַפט.

פאַרבאַהאַלטנדיק די הענט אין די קעשענעס און הינטער די ברייטע פלייצעס, רינגלען אַרום מיט אַ קראַנץ זיינע חברים, קוקן שטרענג אויף זיין קופערנעם פנים, פאָלגן נאָך די באַוועגונגען פון דער האַנט, וואָס שווימט שטיל אינדערלופטן, און זינגען מיט חשיבות, רויק ווי אין צערקווע אויפן קלירויאָס. זיי אַלע — סיי די בערדיקע און סיי אָן בערד — זענען אין דער-

דאָזיקער מינוט ענלעך געווען אויף איקאָנעס: אויך אַזעלכע שטרענגע און דערווייטערטע פון מענטשן. דאָס ליד איז לאַנג, ווי אַ גרויסער וועג, עס איז אויך אַזאַ גלייכס, ברייטס און קלוגס; הערסטו עס, פאַרגעסטו, צי ס'איז טאָג אויף דער ערד, אָדער נאַכט, צי בין איך אַ יינגל, אָדער שוין אַ זקן, אַלץ פאַרגעסטו! שטאַרבן אָפּ די שטימעס פון די זינגער, — הערט מען, ווי די פערד זיפּצן אָפּ, בענקענדיק נאָך דער פרייהייט פון די סטעפּעס, ווי עס רוקט זיך אָן פון פעלד שטיל און אומפאַרמיידלעך די האַרבסטיקע נאַכט; און דאָס האַרץ וואַקסט אָן און וויל זיך צערייסן פון דער פולקייט פון עפּעס אויסערגעוויינלעכע געפילן און פון אַ גרויסער, שטומער ליבע צו מענטשן, צו דער ערד.

דער קליינינקער, קופּערנער קאָזאַק האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין נישט קיין מענטש, נאָר עפּעס וויכטיקערס — אַ לעגענדאַר וועזן, וואָס איז בעסער און העכער פאַר אַלע מענטשן. כ'האָב נישט געקענטריידן מיט אים. ווען ער פלעגט מיך פרעגן וועגן עפּעס, פלעג איך, אַ גליקלעכער, שמייכלען, און שווייגן צעטומלט. כ'בין גרייט געווען אים נאָכצוגיין שווייגנדיק און אונטערטעניק, ווי אַ הונט. אַבי וואָס אָפטער אים זען און הערן, ווי ער זינגט.

איינמאָל האָב איך אים געזען שטייענדיק אין ווינקל פון פערד-שטאַל, מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט צום פּנים, ווי ער באַטראַכט אויף זיין פינגער אַ גלאַטן זילבערנעם רינגעלע; זיינע שיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, די קליינינקע גערינקע וואָנסעס האָבן געציטערט, דאָס פּנים איז געווען אומעטיק, באַליידיקט.

אָבער אין איינעם אַ טונקעלן אָוונט בין איך געקומען מיט מיינע שטייגלעך אין אַ שענק אויפן אַלטן היי-פּלאַץ — דער שענקער האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט זינג-פויגלען און פלעגט זיי אָפט קויפן ביי מיר.

דער קאָזאַק איז געזעסן לעבן שענק-טיש. אין ווינקל, צווישן אויוון און דער וואַנט; מיט אים איז געזעסן אַ גרויסע פרויענצימער, כמעט טאָפּלט אַזוי גרויס ווי ער, איר קיילעכדיק פּנים האָט געגלאַנצט, ווי סאַפיאַן-לעדער, זי האָט אויף אים

געקוקט מיט מילדע מוטערלעכע אויגן, אביסל אומרויק; ער איז געווען שכור, געשארפט מיט די אויסגעצויגענע פיס איבערן דיל און, ווי זעט אויס, ווייטאקדיק פארטשעפעט דער פרויס פיס — זי פלעגט אויפציטערן, קנייטשן דאס פנים. האט זיך געבעטן ביי אים שטילינקערהייט:

— לאזט אפ!...

דער קאזאק פלעגט מיט גרויס מי אויפהויבן די ברעמען, אבער זיי פלעגן זיך נאכלעסיק ווידער אראפלאזן. אים איז הייס געווען, ער האט אפגעשפיליעט דעם מונדיר און דאס העמד, אפדעקנדיק דעם האלז. די פרוי האט אראפגעלאזן דאס טיכל פון קאפ אויף די אקסלען, ארויפגעלייגט אויפן טיש די פעסטע ווייסע הענט, פארפלעכטנדיק די פינגער ביז רויטקייט. וואס מער כ'האב אויף זיי געקוקט, אלץ מער האט ער מיר אויסגעזען צו זיין א פארשולדיקטער זון פון א גוטער מוטער; זי האט אים עפעס פריינטלעך און מיט פארוווּרף גערעדט, און ער האט פארשעמט געשוויגן, — ס'איז נישט געווען וואס צו ענטפערן אויף די פארדינטע פארוווּרפן.

פלוצלינג איז ער אויפגעשטאנען, ווי מ'וואלט אים א שטאך געטאן, נישט ריכטיק — נידעריק אויפן שטערן — אנגעטאן דאס היטל, עס צוגעקלאפט מיט דער דלאניע און, נישט פארשפיליענדיק זיך, געגומען גיין צו ד ר טיר; די פרוי האט זיך אויך אויפגעהויבן, זאגנדיק צום שענקער:

— קוזמיטש, מיר וועלן זיך באלד אומקערן...

די מענטשן האבן זיי באגלייט מיט געלעכטער, מיטן וויצן. עמיץ האט געזאגט שטרענג און געדיכט:

— דער לאדמאן וועט צוריק קומען, — וועט ער איר שוין ווייזן!

כ'בין אוועק גלייך נאך זיי; זיי זענען געגאנגען פאר מיר אויף א צען טריט, זיך באוועגנדיק אין דער פינסטער, שרעג איבער דעם פלאץ, איינגאנצן אין בלאטע, צום שפוע, צום הויכן ברעג וואלגע. כ'האב געזען, ווי די פרוי וואקלט זיך, אונטערהאלטנדיק דעם קאזאק. כ'האב געהערט, ווי עס כליופעט די

בלאָטע אונטער זייערע פיס; די פרוי האָט שטיל, פּחנונימדיק געפרעגט:

— ווי-זשע גייט איר? נו, וווהין-זשע?

כ׳בין אַוועק נאָך זיי איבער דער בלאָטע, כאָטש דאָס איז נישט געווען מיין וועג. ווען זיי זענען דערגאַנגען ביזן טראָטואַר פון שפּוע, האָט זיך דער קאָזאַק אָפּגעשטעלט, אָפּגעגאַנגען פון דער פרוי אויף אַ טריט און פלוצלינג זי אַ קלאַפּ געטאָן אין פּנים; זי האָט אַ געשריי געטאָן מיט פאַרוווּנדערונג און שרעק:

— אָ, פאַרוואָס קומט דאָס מיר?

אויך איך האָב זיך דערשראָקן, צוגעלאָפן האַרט צו זיי, אָבער דער קאָזאַק האָט אַ כאַפּ געטאָן די פרוי אינמיטן קערפּער, זי אַריבערגעוואָרפן איבערן פאָרענטש באַרג-אַראָפּ, אַ שפּרונג געטאָן נאָך איר, און ביידע האָבן זיי זיך גענומען קייקלען אַרונטער, איבערן גראָז פון שפּוע, ווי אַ שוואַרצער הויפן. כ׳בין פאַרשטאַרט געוואָרן, אָפּגעשטאַרבן, הערנדיק, ווי דאָרט, אונטן, רייסן זיך קליידער, ריטשעט דער קאָזאַק, און אַ נידעריקער איבערגעהאַקטער קול פון אַ פרוי מורמלט:

— כ׳וועל אַ געשריי טאָן... כ׳וועל אַ געשריי טאָן...

זי האָט הויך קרענקלעך אַ קרעכץ געטאָן, און ס׳איז געוואָרן שטיל. כ׳האָב דערטאַפּט אַ שטיין, אים אַראָפּגעלאָזן אונטן, — דאָס גראָז האָט אַ שורשע געטאָן. אויפן פלאַץ האָט אַ קלאַפּ געטאָן די גלעזערנע טיר פון אַ שענק, עמיץ האָט אַ קוויטש געטאָן וויזט אויס אומגעפאַלן, און ווידער אַ שטילקייט, גרייט יעדע מינוט מיט עפּעס איבערצושרעקן.

אונטערן באַרג האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער ווייסער הויפן; סאַפּנדיק און כליפּנדיק, הויבט ער זיך אומזיכער און שטיל אויף אינדערהויך, — כ׳דערקען די פרוי. זי קריכט אויף אַלע פיר ווי אַ שעפּס, איך זע, אַז זי איז ביזן פּאַס נאַקעט, עס הענגען אַראָפּ אירע גרויסע בריסטן, און ס׳דוכט זיך, אַז זי האָט דריי פּנימער. אָט האָט זי זיך דערקליבן ביזן פאָרענטש, זיך געזעצט אויף אים כמעט דערלעבן מיר, אָטעמט, ווי אַ דערהיצט פערד, צורעכטמאַכנדיק די צעוואָרפענע האָר; אויף דער ווייסקייט פון

איר קערפער זענען בולט די טונקעלע פלעקן פון בלאָטע; זי וויינט, ווישט אָפּ די טרערן פון די באַקן מיט באַוועגונגען פון אַ קאַץ, וואָס וואַשט זיך, דערזעט מיך און רופט שטיל אויס:

— גאָט מיינער — ווער איז דאָס? אַוועק, אומפאַרשעמטערן

כ׳קען נישט אַוועקגיין, כ׳בין פאַרשטיינערט פון פאַרווּנדע-רונג און פון אַ ביטערן, נאָגנדיקן געפיל — כ׳דערמאָן זיך די ווערטער פון דער באָבעס שוועסטער:

— די פרוי איז אַ קראַפּט, חוה האָט גאָט אַליין אָפּגענאַרט...

די פרוי איז אויפגעשטאַנען, און פאַרדעקנדיק די ברוסט מיט די צעריסענע קליידער־שטיקער, אָפּדעקנדיק די פיס, גענו-מען שנעל אַוועקגיין, און פון אונטערן באַרג האָט זיך אויפגע-הויבן דער קאָזאַק, גענומען פּאָכן אינדערלופטן מיט ווייסע שמאַט-קעס, שטיל אַ פייף געטאָן, זיך צוגעהערט און גענומען ריידן מיט אַ פריילעכן קול:

— דאַריאַ! נו, וואָס? אַ קאָזאַק וועט תמיד נעמען, וואָס מ׳דאַרף... האָסט געמיינט — אַ שכּורער? נ—ניין, דאָס האָב איך זיך נאָר געמאַכט אַזוי... דאַריאַ!

ער שטייט פעסט, זיין קול קלינגט ניכטער און חוזקדיק זיך איינבויגנדיק, האָט ער אָפּגעווישט מיט די שמאַטקעס זיינע שטיוול און ווידער גענומען ריידן:

— עי, נעם די בלוזקע... דאַשק! מאַך נישט קיין שטיק...

און דער קאָזאַק האָט הויך אַרויסגערעדט אַ וואָרט, וואָס איז שענדלעך פאַר אַ פרוי.

כ׳זיץ אויף אַ הויפן דזשוויר, זיך צוהערנדיק צום דאָזיקן קול, וואָס איז איינזאַם אין דער נאַכטיקער שטילקייט און — אַזוי דערדריקנדיק־הערשעריש.

פאַר די אויגן טאַנצן די לאַמטערן־פייערן אויפן פלאַץ; רעכטס, צווישן דער שוואַרצער בוימער־מאַסע, הויבט זיך אויף דער ווייטער אינסטיטוט פאַר אַדעליקע טעכטער. פויל אָנשטעכנ-דיק שמוציקע ווערטער איינס אויף דאָס צווייטע, גייט דער קאָ-זאַק איבער דעם פלאַץ, פּאָכענדיק מיט די ווייסע שמאַטקעס, און ענדלעך פאַרשווינדט ער, ווי אַ בייזער חלום.

אונטן, אונטערן שפּוע, סאָפּעט אויף דער וואַסערלייטונג אַ דאַמף־רערל, איבערן וועג קייקלט זיך אַ דראָזשקע. אַרום — קיין לעבעדיקער נפש. אַ פאַרסמטער גיי איך לענגאויס דעם שפּוע, דריקנדיק אין האַנט אַ קאַלטן שטיין, — איך האָב נישט באַוויזן צו וואַרפן אים אין קאָזאַק. לעבן דער צערקווע פון געאָרגי פּאָ־ביעדענאָסעץ (זיגער) האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ נאַכט־שומר, מיט כעס אויספּרעגנדיק, ווער בין איך, וואָס טראָג איך אין זאַק הינ־טערן פּלייצע.

כ׳האָב געגנוי דערציילט וועגן קאָזאַק — ער האָט גענומען לאַכן, שרייענדיק:

— פלינק! די קאָזאַקן, ברודערל, זענען אַ געשיקט פאָלק, זיי זענען צו אונז נישט געגליכן! און דאָס ווייבעלע איז אַ צויג...

ער האָט זיך געוואָרגן פון געלעכטער, און איך בין אַוועק ווייטער, נישט באַגרייפנדיק — פון וואָס לאַכט ער דאָס?

און כ׳האָב געטראַכט מיט שרעק: און וואָס, אויב אַזוינס וואָלט געטראָפן מיט מיין מוטער, מיט דער באָבען?

VIII

ווען ס'איז אויסגעפאַלן אַ שניי, האָט מיך דער זיידע ווי־דער אָוועקגעפירט צו דער באָבעס שוועסטער:

— דאָס איז נישט שלעכט פאַר דיר, נישט שלעכט, — האָט ער מיר געזאָגט.

מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פאַרן זומער האָב איך דורכגע־לעבט שרעקלעך פיל, בין עלטער און קליגער געוואָרן, און ביי מיינע באַלעבאַטים איז פאַר דער צייט די לאַנגווייליקייט געדיכ־טער געוואָרן. זיי קרענקען נאָך אַלץ אַזוי אָפט, זיך קאַליע מאַכנ־דיק די מאָגנס פון צו פיל עסן, זיי דערציילן נאָך אַלץ איינער דעם צווייטן געגנוי דעם גאַנג פון די קראַנקהייטן, די אַלטע איז נאָך אַלץ אַזוי שרעקלעך און ביז מתפלל צו גאָט. די יונגע באַ־לעבאָסטע איז נאָכן קינפעט מאָגערער געוואָרן, פאַרנעמט ווינ־ציקער שטח, אָבער זי באַוועגט זיך נאָך אַלץ אַזוי גאוהדיק און פאַמעלעך, ווי מעוברתערהייד. ווען זי נייט פאַר די קינדער וועש, זינגט זי שטיל אונטער איין-און־דאָסזעלבע ליד:

— ספּיריאַ, ספּיריאַ, ספּירידאָן, —
ספּיריאַ, ברודערל דו מיינס;
כ'זעץ מיך אַריין אין שליטעלע,
און ספּירען — אויף דער
הינטערבערעט...

גיי איך אַריין אין צימער, הערט זי גלייך אויף צו זינגען און שרייט מיט כעס:

— וואָס דאַרפסטו?

כ'בין זיכער, אַז אַ חוץ דעמדאָזיקן, האָט זי נישט געקענט קיין איין לידל.

אינגאַנצן רופן מיך די באַלעבאַטים אַריין אין צימער און באַפּוילן:

— אַנו, דערצייל נאָר, ווי האָסטו געלעבט אויפן דאַמפּער

כ'זעץ מיך אַנידער אויף אַ שטול לעבן דער קלאָזעט-טיר און דערצייל; מיר איז אָנגעגנעם זיך צו דערמאָנען וועגן אַ צווייטן אָרט לעבן אין דאָזיקן וווהין מ'האָט מיך אַריינגערוקט קעגן מיין ווילן. כ'גיי אַריין אין ברען, כ'פאַרגעס וועגן די צוהערער, אָבער נישט אויף לאַנג; די פרויען זענען נאָך קיינמאָל נישט געפאָרן אויף אַ דאַמפּער און פרעגן מיך:

— און פונדעסטוועגן איז, מסתמא אַ מורא?

כ'פאַרשטיי נישט — וואָס איז דאָ מורא צו האָבן?

— און טאָמער פאַרנעמט ער זיך אויף אַ טיף אָרט, און דערטרינקט זיך!

דער באַלעבאָס לאַכט, און איך, — כאָטש כ'ווייס, אַז דאַמפּערס ווערן נישט דערטרונקען אין טיפע ערטער, — קען נישט איבערצייגן אין דעם די פרויען, די אַלטע איז זיכער, אַז דער דאַמפּער שווימט נישט איבערן וואַסער, נאָר — גייט, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די רעדער אין דעק פון טייך, ווי אַ פור איבער דער ערד.

— אַז ער איז פון אייזן, טאָ ווי אַזוי שווימט ער? נישקשה, אַ האַק שווימט נישט...

— אַ קוואָרט ווערט דאָך אויך נישט דערטרונקען אין וואַסער?

— אַ פאַרגלייך אַביסל! די קוואָרט איז אַ קליינע, אַ ליידיקע...

ווען איך רעד וועגן סמורין און זיינע ביכער, קוקן זיי אויף מיר מיט חשד; די אַלטע זאָגט, אַז ביכער שרייבן נאַראָנים און אפיקורסים.

— און דעם תהלים? און דוד המלך?

— תהלים איז אַ הייליקע שריפט, און דאָס אויך האָט דוד המלך געבעטן ביי גאָט מחילה פאַרן תהלים

— ווו שטייט דאָס?

— אויף דער דלאָניע ביי מיר, — כ'וועל דיר אַ כמאַל טאָן איבערן קאַרק. וועסטו שוין וויסן — ווו!

זי ווייס אַלץ, וועגן אַלץ רעדט זי זיכער און תמיד — ווילד.

— אין פעטשאָרקע איז אַ טאָטער געשטאָרבן, האָט זיך די נשמה ביי אים פון האַלז אַרויסגעגאָסן, אַ שוואַרצע, ווי דזשעגעכץ!

— די נשמה איז אַ גייסט, — זאָג איך — אָבער זי שרייט מיט פאַראַכטונג.

— וואָס, ביי אַ טאָטער? שוטה!

די יונגע באַלעבאָסטע האָט אויך מורא פאַר ביכער.

— דאָס לייענען ביכער איז זייער שעדלעך, בפרט — אין די יונגע יאָרן, — זאָגט זי. — ביי אונז אין גרובעשאָק האָט איינע אַ מיידל פון אַ פיינער משפחה געלייענט-געלייענט, און זיך פאַרליבט אין אַ דיאַקאָן. האָט איר דעם דיאַקאָנס ווייב אַזוי פאַר-שעמט — אַ שרעק — אויפן גאַס, פאַר מענטשן...

אַמאָל פלעג איך באַנוצן ווערטער פון סמוריס ביכער; אין איינעם פון זיי, — אָן אַ אָנהויב און אָן אַ סוף, — איז געשטאַ-נען: „אייגנטלעך, האָט קיינער נישט דערפונדן קיין פולווער; ווי תמיד, האָט ער זיך באַוויזן צום סוף פון אַ לאַנגער קייט קליינע באַאָבאַכטונגען און אַנטדעקונגען."

כ'ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר מיר איז פעסט געבליבן אין זכרון דידאָזיקע פראַזע, באַזונדערס האָט נושא חן געווען ביי מיר די פאַרבינדונג פון די צוויי ווערטער: „סאָבסטווענאָ גאָוואָ-ריאַ" (אייגנטלעך); כ'האָב אין זיי געפילט אַ קראַפט, — זיי האָבן מיר פאַרשאַפט, אַ סך ליידן, קאָמישע ליידן. פאַראַן אַזוינס.

איינמאָל, ווען די באַלעבאַטים האָבן מיר פאָרגעלייגט זיי דערציילן נאָך עפעס וועגן דאַמפער, האָב איך געענטפערט:

— אייגנטלעך האָב איך שוין מער נישט וואָס צו דערציילן...

דאָס האָט זיי פאַרוואונדערט, זיי האָבן זיך צעלאָזן:

— ווי? ווי האָסטו געזאָגט?

און אַלע פיר, ווי איינער, האָבן גענומען לאַכן, איבער־חזרנדיק:

— אייגנטלעך, אָ, — מאַמעלעך!

אפילו דער באַלעבאָס האָט מיר געזאָגט:

— האָסט שלעכט צוגעטראַכט, שגעון!

פון דאַן אָן האָבן זיי מיך אַ לאַנגע צייט גערופן:

— עי, אייגנטלעך! קום נאָר, וויש אויס דעם דיל נאָכן קינד, אייגנטלעך...

דאָסדאָזיקע זינלאָזע אָפּהוזקן האָט מיך נישט באַליידיקט נאָר שטאַרק פאַרוווּנדערט.

כ׳האָב געלעבט אין געפּל פון א טעמפּ־מאַכנדיקער לאַנג־ווייליקייט און כדי זי גובר צו זיין, האָב איך זיך באַמיט וואָס מער צו אַרבעטן. קיין מאַנגל אין אַרבעט איז נישט געווען, — אין שטוב זענען געווען צוויי פּיצלעך קינדער, פון די ניאַנקעס זענען די באַלעבאַטים נישט צופרידן געווען, מ׳האָט זיי כסדר געביטן; איך האָב געמוזט זיך פּאָרען אַרום די קינדער, כ׳האָב יעדן טאָג געוואַשן ווינדעלעך און איינמאָל אַ וואָך געגאַנגען צום זשאַנדאַרמישן קוואַל איבערשווענקען די וועש, — דאָרט פלעגן מיך די וועשינס אויסלאַכן.

— וואָס האָסטו זיך עפּ־ס גענומען פאַר אַ ווייבערשער מלאכה?

אַמאָל פלעגן זיי מיך ברענגען דערצו, אַז איך זאָל זיי כמאַליען מיט די פלאַכטעס נאַסע וועש, און זיי פלעגן מיר אָפּ־צאָלן מיט דערזעלבער מטבע, אָבער ס׳איז פריילעך געווען מיט זיי, אינטערעסאַנט.

דער זשאַנדאַרמישער קוואַל איז געפלאָסן אויפן דעק פון אַ טיפן גראָבן, אַריינפאַלנדיק אין דער אקע, ד ר גראָבן האָט אָפּגעשניטן פון שטאָט אַ פעלד, וועלכעס איז אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען פון אורעלטן גאָט — יאַרילאָ. אויפן דאָזיקן פעלד פלעגט די שטאָטישע „מעשטשאַנסטוואָ״ איינאָרדנען אין די סעמיקעס *) אַ פאַרווײַלונג; די באָבע האָט מיר דערציילט, אַז

אין איר יוגנט האָט דאָס פאָלק נאָך געגלויבט אין יאַרילאָן און אים ברענגען קרבנות; מ'פלעגט נעמען אַ ראָד, עס אַרומוויקלען מיט סמאָליקע פאַקלעס, אַרונטערלאָזן באַרג־אַראָפּ און מיט געשרייען, מיט לידער נאָכפאָלגן, צי דאָס פייערדיקע ראָד וועט זיך דערקייקלען ביז דער אַקע. וועט עס זיך דערקייקלען, איז אַ סימן, אַז גאָט יאַרילאָ האָט אָנגענומען דעם קרבן: דער זומער וועט זיין אַ זוניקער און גליקלעכער.

דאָס רוב ווערשינס האָבן געשטאַמט פון יאַרילער פעלד, אַלע לעבעדיקע, פיסקוואַטע ווייבער; זיי האָבן געוווּסט וועגן לעבן פון דער גאַנצער שטאָט און ס'איז זייער אינטערעסאַנט געווען צו הערן זייערע דערציילונגען וועגן סוחרים, באַאמטע, אָפיצירן, פאַר וועלכע זיי האָבן געאַרבעט. שווענקען וועש ווינטער, אינם אייז־קאַלטן וואַסער פון טייכל — איז אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט; ביי אַלע פרויען פלעגן די הענט אַזוי פרירן, אַז די הויט פלעגט פּלאַצן. איינגעבויגן איבערן טייכל, וואָס איז איינגעפּאַסט געווען אין אַ הילצערנעם בעט, אונטער אַ אַלטענקן, שפּאַרוניקן דעכל, וועלכער האָט נישט געשיצט פאַר שניי און ווינט, האָבן די ווייבער געשווענקט וועש; זייערע פנימער זענען אָנגעגאָסן מיט בלוט, אָנגעקניפּט פון פראָסט; דער פראָסט ברענט די נאַסע פינגער, זיי בויגן זיך נישט, פון די אויגן רינען טרערן, און די פרויען הערן נישט אויף צו פּלוידערן, איבערגעבנדיק איינע דער אַנדערער פאַרשידענע געשיכטעס, זיך באַציענדיק צו אַלץ און צו אַלעמען מיט עפּעס אַ באַזונדער מין דרייסטקייט.

בעסער פאַר אַלע פלעגט דערציילן נאַטאַליאַ קאָזלאָווסקאַיאַ, אַ פרוי פון איבער דרייסיק, אַ פרישע, אַ פעסטע, מיט שפּאָטישע אויגן, מיט עפּעס אַ באַזונדערס בויגעוודיקער און שאַרפער צונג. אַלע אירע חברטעס האָבן זיך באַצויגן צו איר מיט אויפמערקזאַמקייט, מיט איר האָט מען זיך אַן עצה געהאַלטן וועגן פאַרשידענע זאַכן און זי געשעצט פאַר איר געשיקטקייט אין דער אַרבעט, פאַר דער אויפגעפּאַסטער הלבשה, דערפאַר ווייל

*) סעמיק — דער זיבעטער דאָנערשטאָג נאָך פסחא — וועלכן דאָס רוסישע פאָלק פייערט מיט אַלערליי פאַרווײַלונגען. (איב.)

זי האָט אָפּגעגעבן דער טאָכטער אין גימנאַזיע, ווען זי פלעגט, בויגנדיק זיך אונטער דער משא פון צוויי קערב מיט נאַסן וועש, זיך אַראָפּלאָזן פון באַרג איבער דעם גליטשיקן שטעג, פלעגט מען זי באַגעגענען מיט פרייד, באַזאָרגט זיך נאָכפרעגן

— און וואָס מאַכט דאָס טעכטערל?

— נישקשה, אַ דאַנק, לערנט זיך, אַ לויב צו גאָט!

— אַהאַ — אַ פריצטע וועט זי זיין?

— טאָ צוּוואָס דען לערן איך, פונוואַנעט די פריצים, די געקעכלטע צורות? אַלץ פון אונז, פון דער שוואַרצער ערד, פונוואַנעט דען־זשע? וואָס מער געלערנט, אַלץ לענגער זענען די הענט, וועלן זיי נעמען מער; און האָט ווער אַ סך געלט, איז ער גערעכט ווי די וועלט... גאָט שיקט אונז אַראָפּ אויף דער וועלט אַלס נאַרישע קינדער, און פאָדערט צוריק אַלס קלוגע זקנים, הייסט עס — מ׳דאַרף לערנען!

ווען זי האָט גערעדט פלעגן אַלע שווייגן, אויפמערקזאַם אויסהערן די זיכערע, שיינע רייד. מ׳פלעגט זי לויבן אין די אויגן און אונטער די אויגן, מ׳פלעגט באַוווּנדערן איר אויסהאַל־טעוודיקייט, איר שכל, אָבער קיינער האָט זי נישט נאָכגעטאָן, זי האָט אַרומגענייט די אַרבל פון איר בלוזע מיט געלן לעדער פון אַ שטיוול־כאָלעווע, — דאָס האָט איר געגעבן די מעגלעכ־קייט נישט אָפּצודעקן די הענט ביז איבער די עלנבויגנס, נישט איינבעצן די אַרבל. אַלע האָבן געזאָגט, אַז זי האָט גוט צוגע־טראַכט. אָבער קיין איינע האָט עס נישט נאָכגעטאָן, און ווען איך האָב דאָס געטאָן — האָט מען מיך אויסגעלאַכט.

— עך, דו, ביי אַ פרוי לערנסטו זיך שכל!

וועגן איר טאָכטער פלעגן זיי זאָגן:

— אַ וואַזשנע מציאה! נו, וועט זיין מיט אַ פריצטע מער, איז וואָס? און ווער ווייס, זי וועט זיך נאָך אפשר נישט דער־לערנען, וועט שטאַרבן...

— נישט אַלע געלערנטע האָבן אַ לייכט לעבן: אָט ביי באַכילאָוון האָט די טאָכטער געלערנט־געלערנט, און אַליין גע־וואָרן אַ לערערקע, הייסט עס — ביזן גראָען צאָפּ...

— פאַרשטייט זיך! פאַר אַ ווייב נעמט מען אויך אָן בילדונג אַ פרוי, זאָל נאָר זיין פאַר וואָס צו נעמען...

— דער ווייבערשער שכל ליגט נישט אין קאָפּ...

ס'איז געווען מאָדנע און אומבאַקוועם צו הערן, ווי זיי ריידן וועגן זיך אַליין אַזוי אומפאַרשעמט. כ'האָב געוווסט, ווי אַזוי עס ריידן וועגן פרויען מאַטראָסן, זעלנער, ערד-גראָבער, כ'האָב געזען, אַז מענער באַרימען זיך תמיד איינער פאַרן צווייטן מיט זייער געשיקטקייט אין אָפּנאַרן די פרויען, מיט זייער אויסהאַלטעוודיקייט אין זייערע באַציונגען מיט זיי; כ'האָב געשפירט אַז זיי באַציען זיך צו די „נקבות" פיינטלעך, אָבער אין די מענערשע דערציילונגען וועגן זייערע נצחונות האָט כמעט תמיד צוזאַמען מיט דער באַרימעריי אויך געקלינגען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיר געגעבן אַ גרונט צו מיינען, אַז אין דידאָזיקע דערציילונגען איז דאָ מער באַרימעריי און אויסטראַכטעניש, ווי אמת.

די וועשינס פלעגן איינע דער צווייטער נישט דערציילן וועגן זייערע ליבע-אַוואַנטורעס, אָבער אין אַלץ וואָס זיי האָבן גערעדט וועגן מענער, האָב איך אַרויסגעהערט אַ בייז און שפּאָטיש געפיל און כ'האָב געטראַכט, אַז ס'איז, ווייזט אויס, אמת: די פרוי איז אַ קראַפט!

— ווי דו זאָלסט זיך נישט דרייען, מיט וועמען דו זאָלסט זיך נישט פרייען, וועסטו קומען צו דער פרוי, וועסט נישט אויסמיידן, — האָט איינמאָל געזאָגט נאַטאַליאַ, און איינע אַן אַלטע האָט איר צוגעשריגן מיט אַ פאַרקילט קול:

— וווהין זשע דען? פון גאָט אפילו גייט מען אויך צו אונז אַוועק, די מאָנאַכן, אָט די, די נזירים אָט די...

די דאָזיקע שמועסן ביי דער ווייַנענדיקער וואַסער-פּלעסקעריי, ביים שליאָפּען פון נאַסע שמאַטעס, אויפן דעק פון גראָבן, אין אַ שמוציקער שפּאַרונע, וועלכע דער ווינטערדיקער שניי אפילו האָט נישט געקענט צודעקן מיט זיין ריינעם צודעק, דידאָזיקע אומפאַרשעמטע, בייזע שמועסן וועגן דעם פאַרבאָרגענעם, וועגן דעם, פונוואַנעט עס שטאַמען אָפּ אַלע פעלקער און שבטים, פלעגן אַרויסרופן ביי מיר אַ שרעקעוודיקן

עקל, אָפּשטויסנדיק דעם געדאַנק און געפּיל ווייטער פון די „ראָמאַנען", וואָס האָבן מיך אַזוי זלידנע אַרומגערינגלט; מיטן באַגריף וועגן „ראָמאַן" האָט זיך ביי מיר פעסט צענויפגעבונדן די פאָרשטעלונג וועגן אַ שמוציקער, אויסגעלאָסענער געשיכטע.

און פונדעסטוועגן איז אין גראָבן, צווישן די וועשינס, אין די קיכן ביי די „דענשטשיקעס", אין קעלער ביי די אַר־בעטער־ערדגראָבער געווען נישט אַן ערך אינטערעסאַנטער, ווי אין שטוב, ווו די פאַרגליווערטע אייבטאָניקייט פון די רייד, באַגריפן און געשעענישן האָבן אַרויסגערופן בלויז אַ שווערע און בייזע לאַנגווייליקייט. די באַלעבאַטים האָבן געלעבט אין אַ פאַרכשופטן קרייז פון עסן, קראַנקהייטן, שלאָף, האָוועדיקע צוגרייטונגען צום עסן, צום שלאָף; זיי האָבן גערעדט וועגן זינד, וועגן טויט, שטאַרק געציטערט פאַר אים. זיי האָבן זיך געשטויסן, ווי קערנער אַרום מילשטיין, וואַרטנדיק תמיד, אַז אָט צעמאָלט ער זיי.

אין די פרייע שעהן פלעג איך אַוועקגיין אין שטאַל האַקן האָלץ, ווילנדיק זיין אַ ביסל מיט זיך אַליין, דאָס פלעגט זיך אָבער זעלטן איינגעבן, — ס'פלעגן קומען די דענשטשיקעס און דערציילן וועגן לעבן אויפן הויף.

אָפטער פון אַלע פלעגן מיך באַזוכן אין שטאַל יערגאָכין און סודאָראָוו, דער ערשטער אַ לאַנגער, איינגעבויגענער קאַלוגער *), איינגאַנצן אַ צענויפגעפלאָכטענער פון דיקע און פעס־טע אָדערן, מיט אַ קליין קעפּעלע, מיט טריבע אויגן. ער איז געווען פויל. פאַרדראָסיק־נאַריש, האָט זיך לאַנגזאַם, אומגע־לומפּערט באַוועגט, און האָט ער דערזען אַ פרוי, פלעגט ער מרוקען און זיך אויסבויגן פאַראויס, ווי ער וואָלט וועלן פאַלן איר צו די פיס. אַלעמען אויפן הויף האָט געוווּנדערט די שנעלקייט פון זיינע נצחונות איבער די קעכינס און שטוב־מיידלעך, מען האָט אים מקנא געווען, מורא געהאַט פאַר זיין בע־רישן כח. סידאָראָוו, אַ שוואַכער און ביינערדיקער טולער **).

---

*) קאַלוגאַ — אַ רוסישע שטאָט (איב.)

**) טולאַ — אַ רוסישע שטאָט. (איב.)

איז תמיד געווען אומעטיק, שטיל גערעדט, פאַרזיכטיק געהוסט, זיינע אויגן האָבן שרעקעוודיק געברענט, ער האָט זייער ליב געהאַט צו קוקן אין פינסטערע ווינקלען; צי ער דערציילט עפּעס מיט אַ נידעריקער שטים, אָדער ער זיצט שווייגנדיק — תמיד קוקט ער אין יענעם ווינקל, וווּ ס'איז פינסטערער.

— אויף וואָס קוקסטו?

— און אפשר וועט אַ מייזל אַרויסלויפן... כ'האָב ליב מייז, אַזעלכע, קייקלען זיך, שטילינקע...

כ'פלעג שרייבן פאַר דענעשטשיקעס בריוו אין די דערפער, צעטעלעך צו געליבטע, דאָס איז מיר געפעלן געוואָרן; אָבער שרייבן פאַר סידאָראָוון בריוו איז געווען אָנגענעמער, ווי פאַר אַנדערע, — ער פלעגט פּינקטלעך יעדן שבת שיקן אַ בריוו צו זיין שוועסטער אין טולע.

מיך איינלאַדנדיק צו זיך אין קיך, פלעגט ער זיך זעצן ביים טיש לעבן מיר, פעסט איינרייבן מיט די דלאָניעס דעם אָפּגעשוירענעם קאָפּ און מיר איינרוימען אין אויער אַריין:

— נו, זאָל גיין אַ גאַנג! צווערשט — ווי ס'געהער צו זיין: מיין ליבסטע שוועסטער, אַ געזונט אייך אויף אַ סך יאָרן — ווי ס'געהער צו זיין! איצט שרייב: דעם רובל האָב איך באַקומען, אָבער מ'דאַרף דאָס נישט און כ'דאַנק. כ'נויטיק זיך אין קיין זאַך נישט, מיר לעבן גוט, — מיר לעבן שוין גראָד נישט גוט, ווי די הינט, נו, אָבער דו שרייב נישט וועגן דעם, נאָר שרייב — גוט! זי איז אַ קליינינקע, זי איז אינגאַנצן אַלט פערצן יאָר — צוואָס זאָל זי דאָס וויסן? איצט שרייב אַליין, ווי מ'האָט דיך געלערנט...

ער פלעגט זיך אָנלייגן אויף מיר פון דער לינקער זייט, פלעגט הייס און ריחותדיק מיר אָטעמען אין אויער אַריין און עקשנותדיק געמורמלט:

— זי זאָל נישט לאָזן די בחורים זי אַרומנעמען און טשעפען פאַר די ברוסט און קיין זאַך נישט! שרייב: אויב עמיץ רעדט פריינטלעך, גלויב אים נישט, דאָס וויל ער אייך אָפּנאַרן, איבערפירן...

פון דער אָנשטרענגונג איינצוהאַלטן דעם הוסט, פלעגט זיך זיין פּנים אָנגיסן מיט בלוט, — ער פלעגט אָנבלאָזן די באַקן, אויף די אויגן פלעגן זיך באַווייזן טרערן, ער פלעגט זיך דרייען אויפן שטול און מיך טורקען.

— דו שטערסט!

— ס'מאַכט נישט, שרייב!.. מער פאַר אַלץ גלויב נישט די פריצים, זיי נאַרן אָפּ אַ מיידל אין איין מאָל. ער ווייסט זיך זיי־נע ווערטער און קען אַלץ זאָגן, אָבער ווי נאָר דו האָסט אים געגלויבט, — שיקט מען דיך אין אַ שאַנד־הויז. און אַז דו וועסט אָפּקלייבן אַ רובל, טאָ גיב אָפּ דעם פּאָפּ, ער וועט עס אָפּהיטן, אויב ער איז אַ גוטער מענטש. אָבער בעסער פאַרגראָב אין דער ערד, און קיינער זאָל נישט זען, און געדענק — ווו...

ס'איז זייער אומעטיק געווען צו הערן דעמדאָזיקן געמורמל, וואָס ווערט פאַרהילכט דורך דער קוויטשעריי פון בלעכענעם ווענ־טילאַטאָר אין דער פאָרטקע. כ'קוק זיך אַרום אויף דעם פאַררוי־כערטן קאָפּ פון אויוון, אויף דער שאַפע מיט די כלים, וואָס איז פאַרטינופט פון פליגן, — די קיך איז אומגלויבלעך שמוציק, רייך מיט וואַנצן, דורכגענומען מיטן ביטערן ריח פון געפּרעגלטן פוטער, נאַפט, רויך. אויפן אויוון, אינם קין, רוישן די פּרייסן, און אומעט גיסט זיך אַריין אין דער נשמה, ביז טרערן כמעט איז מיר אַ רחמנות אויפן זעלנער, אויף ז״ן שוועסטער. צי דען מעג מען, צי דען איז גוט אַזוי צו לעבן?

כ'שרייב עפּעס, שוין נישט הערנדיק סידראָווס שעפּטשען, כ'שרייב וועגן דעם, ווי לאַנגווייליק און באַליידיקנדיק עס איז צו לעבן, און ער זאָגט מיר, אָפּזיפצנדיק:

— שרייבסט אַ סך, אַ דאַנק! איצט וועט זי שוין וויסן, פאַר וואָס מ'דאַרף מורא האָבן...

— פאַר קיין זאַך דאַרף מען נישט מורא האָבן, — זאָג איך מיט כעס, כאָטש אַליין האָב איך אויך מורא פאַר אַ סך זאַכן.

דער זעלנער לאַכט, אונטערהוסנדיק:

— נאַרעלע! ווי אַזוי זאָל מען נישט מורא האָבן? און — די פּריצים, און — גאָט? און מאַלע וואָס!

באַקומענדיק אַ בריוו פון דער שוועסטער, פלעגט ער אומרויִק בעטן:

— לייען, זיי אַזוי גוט, גיכער...

און פלעגט מיך צווינגען איבערצולייענען דעם באַליידיקנדיק קורצן און פוסטן בריוו, וואָס איז געשריבן געווען מיט קאַטשערעס, אַ מאָל דריי.

ער איז געווען אַ גוטער, אַ ווייכער, אָבער צו פרויען האָט ער זיך באַצויגן אַזוי ווי אַלע — הינטיש־גראָב און פשוט. ווילנדיק און אומווילנדיק פלעג איך זיך צוקוקן צו דידאָזיקע באַציונגען, וועלכע פלעגן זיך אָפט אָפּוויקלען פאַר מיינע אויגן פון אָנהויב ביזן סוף מיט אַ דערשטוינלעכער און עקלדיקער שנעלקייט, און זען, ווי סידאָראָוו וועקט אויף ביי דער פרוי אַ גוט געפיל מיטן באַקלאָגן זיך אויף זיין זעלנעריש לעבן, ווי ער פאַרשכורט זי מיט פריינטלעכע ליגנס און נאָך אַלעמען, דערציילנדיק יעראַמאַכינען וועגן זיין נצחון, קנייטשט ער מיט פאַראַכטונג דעם שטערן און שפּייט אויס, ווי ער וואָלט איינגענומען אַ ביטערע רפואה. דאָס פלעגט מיך אַ זעץ טאָן אין האַרצן, כ׳פלעג מיט כעס פרעגן דעם זעלנער — פאַרוואָס זיי נאַרן אַלע אָפּ די פרויען, פליאַדערן זיי אָן, און דערנאָך, טרייבנדיק קאַטאָוועס מיט דער פרוי, גיבן זיי זי איבער איינער דעם צווייטן און אָפּט — שלאָגן זיי זי?

ער האָט בלויז שטיל אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— דו דאַרפסט זיך נישט פאַרנעמען מיט דידאָזיקע זאַכן, דאָס אַלץ איז שלעכט, דאָס איז — אַ זינד! דו ביסט אַ קליינינקער, נאָך פרי פאַר דיר...

איינמאָל אָבער האָב איך זיך דערשלאָגן אַ מער קאָנקרעטן ענטפער, וועלכער האָט זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון.

— מיינסט — זי ווייסט נישט, אַז כ׳נאַר זי אָפּ? — האָט ער געזאָגט — אונטערווינקנדיק און הוסטנדיק. — זי — ווײ—ייס! זי אַליין וויל מ׳זאָל אָפּנאַרן. אַלע זאָגן ליגן ביי דעראָזיקער זאַך, דאָס איז שוין אַ זאַך אַזאַ, אַלעמען איז אַ חרפה קיינער האָט קיינעם נישט ליב, נאָר פשוט — צעלאָזנקייט! ס׳איז אַ

גרויסע בושה, אָט, וואַרט צו, וועסט אַליין זען! ס'איז נויטיק, עס זאָל זיין ביינאַכט, און בייטאָג — אין דער פינסטער, אין אַ קאַמער, יאָ! צוליב דעם האָט גאָט פון גן-עדן פאַרטריבן, צוליב דעם זענען אַלע אומגליקלעך...

ער האָט גערעדט אַזוי גוט, אַזוי טרויעריק, מיט אַ תשובה-טאָן, אַז דאָס האָט מיר אַביסל שלום געמאַכט מיט זיינע ראָמאַנען; כ'האָב זיך באַצויגן צו אים מער פריינטלעך, ווי צו יערמאָכינען, וועלכן כ'האָב פיינט געהאַט און מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך באַמיט אים אויסצולאַכן, צערייצן, — דאָס פלעגט זיך מיר איינגעבן, און אָפט פלעגט ער זיך יאָגן נאָך מיר איבערן הויף מיט שלעכטע כוונות, וועלכע פלעגן זיך אים איינגעבן בלויז זעלטן צוליב זיין אומגעשיקטקייט.

— דאָס איז פאַרבאָטן, — פלעגט סידאָראָוו זאָגן.

אַז ס'איז פאַרבאָטן — האָב איך געוווסט, אָבער אַז צוליב דעם זענען מענטשן אומגליקלעך — האָט זיך נישט געגלויבט דעם כ'האָב אפילו געזען, אַז זיי זענען אומגליקלעך, אָבער כ'האָב נישט געגלויבט דערפאַר, ווייל כ'האָב אָפט זיך צוגעקוקט צו דעם אויסערגעוויינלעכן אויסדרוק אין די אויגן פון פאַרליבטע מענטשן, כ'האָב געפילט די אייגנאַרטיקע גוטסקייט פון פאַרליבטע; צוזען דעמדאָזיקן יום-טוב פון האַרצן איז תמיד געווען אָנגענעם.

אָבער דאָס לעבן, געדענק איך, איז מיר פאָרגעקומען אַלץ מער לאַנגווייליק, אכזריותדיק, אומדערשיטערלעך איינמאָל-אויף-אַלעמאָל איינגעשטעלט אין יענע פאָרמען און באַציִונגען, ווי כ'האָב עס געזען טאָג-טעגלעך. ס'האָט זיך גאָרנישט געקלערט וועגן דער מעגלעכקייט פון עפּעס בעסערס, ווי דאָס, וואָס איז דאָ, וואָס וואָס שטייט אומפאַרמיידלעך פאַר די אויגן יעדן טאָג.

אָבער איינמאָל האָבן מיר די זעלנער דערציילט אַ געשיכטע, וואָס האָט מיך שטאַרק אויפגערודערט: אין איינער פון די דירות האָט געוווינט דער צושניידער פון בעסטן שניידער אין שטאָט, אַ שטילער, אַ באַשיידענער, נישט קיין רוסישער מענטש. ער האָט געהאַט אַ קליינינקע, קינדערלאָזע ווייב, וועלכע האָט טאָג ווי נאַכט געלייענט ביכער. אויפן טומלדיקן הויף, אין שטיבער, ענג

אָנגעפּראָפּטע מיט שכּורע מענטשן, האָבן דידאָזיקע צוויי געלעבט אומבאַמערקבאַר און שווייגנדיק. קיין געסט פלעגן נישט קומען צו זיי, אַליין פלעגן זיי אין ערגעץ נישט גיין, בלויז אין יום־טובים אין טעאַטער.

דער מאַן איז פון פרי ביזן שפּעטן אָוונט געווען אויף זיין שטעלע, דאָס ווייב, ענלעך אויף אַ האַלב־דערוואַקסן מיידל, פלעגט אַ צוויי מאָל אין דער וואָך גיין בייטאָג אין ביבליאָטעק. כ'האָב אָפט געזען ווי זי גייט מיט דראָבנענקע טריט איבערן טראָטואַר, זיך וויגנדיק אין גאַנג, ווי זי וואָלט אונטערהינקען, מיט די ביכער אין פּאַקעס, ווי אַ גימנאַזיסטקע, אַ פּשוטע, אַן אָנגענעמע, אַ נייע, אַ ריינע, אין הענטשקעס אויף די קליינע הענט. דאָס פּנים ביי איר איז אַ פויגלשס, מיט שאַרפע אויגעלעך, איינגאַנצן איז זי אַ שיינינקע, ווי אַ פּאָרצעלייען פיגורל אויפן שפּיגל־טיש. די זעלנער האָבן געזאָגט, אַז איר פעלט אַ ריפּ אין רעכטן זייט, דעריבער טאַקע וויגט זי זיך אַזוי מאָדנע אין גאַנג, אָבער מיר איז דאָס געווען אַנגענעם, ס'האָט זי תיכּף אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע דאַמען אויפן הויף — פון די אָפיצירישע ווייבער; נישט געקוקט אויף זייערע שטאַרקע שטימען, בונטער קליידונג און הויכע פריזורן, האָבן דידאָזיקע לעצטע אויסגעזען ווי אָפּגענוצטע, ריכטיק ווי זיי וואָלטן לאַנג געלעגן פאַרגעסענע אין אַ פינסטערן קעמערל, צווישן פאַר־שידענע אומנוציקע זאַכן.

די קליינינקע צושניידערקע האָט מען אין הויף געהאַלטן פאַר האַלב־משוגע, מ'האָט געשמועסט, אַז זי האָט פאַרלאָרן דעם פאַרשטאַנד אין די ביכער, אַז זי איז דערגאַנגען דערצו, דאָס זי קען זיך נישט פאַרנעמען מיט דער באַלעבאַטישקייט, איר מאַן גייט אַליין אויפן מאַרק נאָך פּראָדוקטן, באַשטעלט אַליין מיטאָג און אָוונטברויט ביי דער קעכין, אַ הויכע, נישט־רוסישע פרוי, אַן אָנגעכמורעטע, מיט איין רויטן אויג, וואָס איז תמיד פייכט, און מיט אַ שמאָלינקן, ראָזן שפּעלטעלע אויפן אָרט פון צווייטן. און די מאַדאַם אַליין — האָט מען געשמועסט וועגן איר — קען נישט אונטערשיידן צווישן סכאַב

און קעלבערנס און איינמאָל האָט זי שענדלעך געקויפט אָנשטאָט פּעטרושקע — כריין!

שטעלט זיך נאָר פאָר, סאַראַ שרעק!

אַלע דריי זענען געווען פרעמדע אין הויז, ווי זיי וואָלטן צופעליק אַריינגעפאַלן אין איינער פון די שטייגן פון דאָזיקן גרויסן שעדעלע פאַר הינער, דערמאָנענדיק מייזן, וועלכע פליען אַריין דורך דער פאָרטקע אין דער שטיקנדיקער און שמוציקער ווינוונג פון מענטשן, זיך ראַטעווענדיק פון פראָסט.

און מיטאַמאָל דערציילן מיר די דענשטשיקעס, אַז די הערן אָפיצירן האָבן גענומען שפּילן מיט דער קליינער צושניי־דערין אַ שענדלעכע און בייזע שפּיל: כמעט טעגלעך גיבן זיי איר איבער — דאָ איינער, דאָ דער צווייטער — צעטעלעך, אין וועלכע זיי שרייבן וועגן ליבע צו איר, וועגן זייערעליידן, וועגן איר שיינקייט. זי ענטפערט זיי, בעט מ׳זאָל זי לאָזן צורו, באַדויערט, וואָס זי פאַרשאַפט ליידן, בעט גאָט, ער זאָל זיי העלפן זי אויפהערן ליב צו האָבן. באַקומענדיק אַזאַ צעטל, לייענען אים די אָפיצירן אַלע צוזאַמען, לאַכן איבער דער פרוי און שטעלן צוזאַמען צענויף אַ בריוו צו איר אין נאָמען פון איינעם פון זיי.

דערציילנדיק מיר דידאָזיקע געשיכטע האָבן די דענטשי־קעס אויך געלאַכט, געזידלט די צושניידערין.

— אַ נאַר אַן אומגליקלעכער, אַן אָנשטעל־מאַכערין, — פלעגט יערמאָכין זאָגן מיט אַ באַס, און סידאָראָוו פלעגט אים שטיל אונטערהאַלטן:

— יעדע פרוי וויל, מ׳זאָל זי אָפּנאַרן. זי ווייס אַלץ...

איך האָב נישט געקענט גלויבן, אַז די צושניידערין ווייס, ווי מ׳לאַכט אָפּ פון איר, און כ׳האָב גלייך באַשלאָסן איר צו דערציילן וועגן דעם. אויסשפּירנדיק, ווען איר קעכין איז אַראָפּ אין קעלער, בין איך אַרויפגעלאָפן איבער די הינ־טערשטע שטיגן אין דער דירה פון דער קליינינקער פרוי, זיך אַריינגערוקט אין קיך — דאָרט איז געווען ליידיק, כ׳בין אַריין אין די צימערן — די צושניידערין איז געזעסן ביים טיש,

אין איין האַנט האַלט זי אַ שווערן באַגילט טעפּעלע, אין דער צווייטער — אַן אָפן בוך. זי האָט זיך איבערגעשראָקן, צוגע־דריקט דאָס בוך צו דער ברוסט און גענומען נישט הויך שרייען:

— ווער איז דאָס? אַווגוסטאַ! דאָס ביסטו?

כ׳האָב איר גענומען שנעל און פאַרפּלאָנטערט דערציילן, דערוואַרטענדיק, אַז זי וועט אַ שליידער טאָן אין מיר דאָס בוך, אָדער דעם טעפּעלע. זי איז געזעסן אין אַ גרויסן פאָטעל פון מאַלינע־פאַרב, אָנגעטאָן אין אַ בלאָען קאַפּאָט מיט אויס־נייעכץ ביים אונטערשטן קאַנט, מיט שפּיצן אויפן קראַגן און אַרבל, איבער אירע פּלייצעס האָבן זיך צעשאָטן די בלאָנדע, געלאָקטע האָר. זי איז ענלעך געווען אויף אַ מלאך פון די הייליקע טירלעך. זיך צודריקענדיק צום ווענטל פון פאָטעל, האָט זי געקוקט אויף מיר מיט קיילעכדיקע אויגן, צוערשט בייז, דערנאָך — דערשטוינט, מיט אַ שמייכל.

ווען איך האָב שוין אַרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס כ׳האָב גע־וואָלט. און, פאַרלירנדיק דעם מוט, זיך אומגעדרייט צו דער טיר, האָט זי אַ געשריי געטאָן צו מיר:

— וואַרט!

זי האָט האַסטיק אַ שטעל געטאָן דאָס טעפּעלע אויפן טאַץ, אַ וואָרף געטאָן דעם בוך אויפן טיש און, צענויפלייגנ־דיק די דלאָניעלעך, גענומען רעדן מיט אַ געדיכטן קול פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן:

— סאַראַ מאָדנער יינגל דו ביסט... קום אַהער נענטער!

כ׳האָב זיך זייער פאָרזיכטיק צוגערוקט, זי האָט אָנגענו־מען מיין האַנט און, גלעטנדיק זי מיט די קליינינקע, קאַלטע פינגער, געפרעגט:

— קיינער האָט דיך נישט געלערנט מיר דאָס צו זאָגן, ניין? נו, גוט, כ׳זע, כ׳גלויב — האָסט עס אַליין צוגעטראַכט...

אַרויסלאָזנדיק מיין האַנט, האָט זי צוגעמאַכט די אויגן און שטיל, צעצויגן געזאָגט:

— ס׳רעדן הייסט עס וועגן דעם די שמוציקע זעלנער!

— איר וואָלט זיך בעסער אַרויסגעצויגן פון דער דירה, — האָב איך איר סאָליד געעצהט.

— צוואָס?

— זיי וועלן אייך גובר זיין.

זי האָט זיך אנגענעם צעלאַכט, דערנאָך געפרעגט:

— האָסט זיך געלערנט? ליינען ביכער האָסטו ליב?

— כ'האָב נישט ווען צו ליינען.

— וואָלסטו ליב געהאַט, וואָלט זיך שוין צייט געפונען נו — אַ דאַנק דיר!

זי האָט מיר צוגעטראָגן עטלעכע צענויפגעלייגטע פינגער און אין זיי — אַ זילבערנע מטבע, — ס'איז מיר געווען אַ חרפה צו נעמען דידאָזיקע קאַלטע זאַך, כ'האָב אָבער נישט געוואַגט זיך אָפּצוזאָגן פון איר און אַוועקגייענדיק, זי אַוועקגעלייגט אויפן סלופּיק פון דעם שטיגן-פּאַרענטש.

כ'האָב פון דערדאָזיקער פרוי מיטגענומען אַ טיפן איינדרוק, וואָס איז ביי געווען פאַר מיר; ווי אַ פרימאָרגן-שטערן זאָל האָבן אויפגעשיינט פאַר מיר, האָב איך עטלעכע טעג געלעבט אין פרייד. דערמאָנענדיק זיך דעם רחבותדיקן צימער און אין אים די צושניידערין, אָנגעטאָן אין בלאָען, ענלעך אויף אַ מלאך. אַרום איז אַלץ געווען אומבאַקאַנט שיין, אַ פּרעכטיקער גאָלדיקער טעפּיך איז געלעגן אונטער אירע פיס, דורך די זילבערנע פענצטער-שויבן האָט אַריינגעקוקט דער ווינטער-טאָג, זיך וואַרעמענדיק לעבן איר.

מיר האָט זיך געוואָלט נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויף איר — וואָס וועט זיין, אויב איך וועל גיין און בעטן ביי איר אַ ביכל?

כ'האָב אַזוי געטאָן און זי ווידער געזען אויפן זעלבן אָרט, ווייטער מיט אַ ביכל אין די הענט, אָבער איר באַק איז פאַרבונדן געווען מיט עפּעס אַ געל טיכל, דאָס אויג איז פאַרלאָפן געווען. געבנדיק מיר אַ בוך אין אַ שוואַרצן באַנד, האָט די צושניידערין עפּעס אומדייטלעך אַרויסגעברומט. כ'בין אַוועק אַ טרויעריקער, מיטנעמענדיק דאָס בוך, פון וועלכעס ס'האָט

געשמעקט מיט קרעָזאַט און אַניסאָווע טראָפּנס. דאָס בוך האָב איך באַהאַלטן אויפן בוידים, אײנבינדנדיק עס אין אַ ריין העמדל און פּאַפּיר, מורא האָבנדיק, די באַלעבאַטים זאָלן עס נישט אָפּנעמען, נישט באַשעדיקן.

מײַנע באַלעבאַטים פּלעגן באַקומען די „ניוואַ" *) צוליב אירע פּרעמיעס און — צושנייד־מאָדעלן, זיי פּלעגן זי נישט לייענען, בלויז איבערקוקן די בילדער און אַרויפלייגן אויפן שאַפּע און שלאָפצימער, און סוף יאָר פּלעגן זיי עס אײַנבינדן און באַהאַלטן אונטערן בעט, ווו עס זענען שוין געלעגן דריי בענד „זשיוואָפּיסנאַיע אָבאָזרעניע". ביים וואַשן דעם דיל אין שלאָפצימער, פּלעגט אונטער דידאָזיקע ביכער אַרונטעררינען שמוציק וואַסער. דער באַלעבאָס פּלעגט אויסשרייבן די צייטונג „רוסקי קוריער" און אין די אָוונטן, לייענענדיק זי, זיך זידלען:

— דער טייוול ווייס זיי, צוואָס זיי שרייבן דאָס אַלץ! ווי לאַנגווייליק דאָס איז...

שבת, צעהענגענדיק אויפן בוידים וועש, האָב איך זיך דערמאָנט וועגן בוך, עס אַרויסגענומען, אויפגעעפנט און דורכ־געלייענט די ערשטע שורה: „הייזער זענען ווי מענטשן: יעדעס האָט זײַן אייגענע פּרצוף". דער דאָזיקער זאַץ האָט מיך איבערראַשט מיט זײַן אמתדיקייט, — כ'האָב גענומען לייענען ווייטער, שטייענדיק ביים דאַך־פענסטערל, און געלייענט ביז כ'בין נישט דורכגעפרוירן געוואָרן, און אינאָוונט, ווען די באַ־לעבאַטים זענען אוועק צו דער שבת־באַנאַכטיקער תּפלה, האָב איך אַראָפּגעטראָגן דאָס בוך אין קיך און פאַרזונקען געוואָרן אין די געלבלעכע, אָפּגעניצטע זייטלעך, ענלעכע צו האַרבסט־בלעטער; — זיי האָבן מיך לייכט אַוועקגעפירט אין אַ אַנדער לעבן, צו נייע נעמען און באַציונגען, מיר געוויזן גוטע העלדן, פינסטערע אויסוורפן, נישט ענלעכע אויף די מענטשן, וועלכע האָבן מיר שוין דערעסן. דאָס איז געווען אַ ראָמאַן פון קסאַוויע

*) אַ באַקאַנטער רוסישער זשורנאַל, וואָס פלעגט צושטעלן לייען־שטאָף פאַר אַלע רוסישע פריילנס פון די פּראָווינצן. (איב)

דע-מאַטעפּען, אַ לאַנגער, ווי אַלע זיינע ראָמאַנען, אַן אָנגע-
פּיקעוועטער מיט מענטשן און געשעענישן, וואָס האָט געשיל-
דערט אַן אומבאַקאַנט, שטראָמיק לעבן. אין דאָזיקן ראָמאַן
איז אַלץ געווען וווּנדערלעך פּשוט און קלאָר, ריכטיק ווי
עפּעס אַ ליכט, וואָס איז באַהאַלטן צווישן די שורות, האָט
באַלויכטן דאָס גוטע און שלעכטע, העלפנדיק ליב האָבן און
פיינט האָבן, צווינגנדיק מיט געשפּאַנטקייט נאָכצופאָלגן דעם
גורל פון די מענטשן, וועלכע זענען צעגויפגעפלאָנטערט אין
אַ ענגן קנויל. ס'איז תּיכּף אויסגעוואַקסן אַן עקשנותדיקער
פאַרלאַנג צו העלפן דעם, צו שטערן יענעם, ס'האָט זיך פאַר-
געסן, אַז דאָס דאָזיקע גאַנצע, אומגעריכט אַנטפּלעקטע לעבן
איז דורך און דורך אַ פאַפּירנס; אַלץ איז פאַרגעסן געוואָרן
אין די וואַקלענישן פון קאַמף, אַלץ איז פאַרשלונגען געוואָרן
דורכן פרייד-געפיל — אויף איין זייטל, דורכן פאַרדרוס-
געפיל — אויפן צווייטן.

כ'בין אויף אַזוי ווייט אַריינגעצויגן געוואָרן אין לייע-
נען, אַז ווען כ'האָב דערהערט דעם קלונג פון גלעקל ביים
פראָנט אַריינגאַנג, האָב איך נישט גלייך פאַרשטאַנען, ווער עס
קלינגט און צוואָס.

דאָס ליכט האָט שוין כמעט אויסגעברענט אינגאַנצן,
דער לייכטער, וועלכן כ'האָב יענעם פרימאָרגן אויסגעפּוצט,
איז פאַרגאָסן געווען מיט חלב; דער קנויט פון לעמפּל, אויף
וועלכן כ'האָב געדאַרפט אַכטונג געבן, האָט זיך אַרויסגעגלימשט
פון האַלטער און פאַרלאָשן געוואָרן. כ'האָב זיך גענומען
וואַרפן איבערן קיך, זיך באַמיענדיק צו אָפּווישן די שפּורן
פון מיינע פאַרברעכנס, כ'האָב אַריינגערוקט דאָס בוך אין אַש-
אויוועלע און גענומען צורעכט מאַכן דאָס לעמפּל. פון די
צימערן איז אַרויסגעשפּרונגען די ניאַנע..

— ביסט טויב? מ'קלינגט!

כ'בין געלאָפן עפענען די טיר.

— געפּאָפן? — האָט שטרענג געפרעגט דער באַלעבאָס;
זיין ווייב, שווער אַרויפגייענדיק איבער די שטיגן, האָט זיך

באַקלאָגט, אַז כ'האָב זי פאַרקילט, די אַלטע האָט זיך געזידלט, אין קיך האָט זי גלייך באַמערקט דאָס עויסגעברענטע ליכט און מיך גענומען אויספרעגן, וואָס כ'האָב געטאָן.

כ'האָב געשוויגן, ווי כ'וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון ערגעץ ווו אין דער הויך, איינגאַנצן אַ צעבראָכענער, אין איין שרעק, זי זאָל נישט געפינען דאָס בוך, און זי האָט געשריגן, אַז כ'וועל אונטערצינדן די שטוב. ווען דער באַלעבאָס מיטן ווייב זענען געקומען עסן אָונטברויט, 'האָט זיך די אַלטע פאַרקלאָגט פאַר זיי:

— אדרבה, זעט, דאָס גאַנצע ליכט האָט ער אויסגעברענט, און די שטוב וועט ער פאַרברענען...

ביים עסן האָבן זיי מיך אַלע פיר געטאַטשטעט מיט זייערע צינגער, דערמאָנענדיק די בפיונדיקע און אומגערנוויליקע זינד מיינע, דראָענדיק מיר מיט אַ ווייסטן סוף, אָבער איך האָב שוין געוווסט, אַז דאָס אַלץ רעדן זיי נישט פון שלעכטסקייט און נישט פון גוטע כוונות, נאָר פשוט פון לאַנגווייליקייט. און ס'איז מאָדנע געווען צו זען, ס'אַרג פוסטע און לעכערלעכע זיי זענען אין פאַרגלייך מיט די מענטשן פון בוך.

אָט האָבן זיי געענדיקט עסן, שווער געוואָרן, מיד זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען שלאָפן; די אַלטע האָט באַאומרויקט גאָט מיט בייזע באַקלאָגערייען, זיך פאַרקליבן אויפן אויוון און שטיל געוואָרן. דאַן בין איך אויפגעשטאַנען, אַרויסגענומען דאָס בוך פון אַש-אויוועלע, צוגעגאַנגען צום פענסטער; די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, די לבנה האָט אַריינגעקוקט גלייך אין פענסטער, אָבער די אותיות זענען געווען צו קליין פאַרן אויג. אָבער לייענען האָט זיך געוואָלט אַ שרעק. כ'האָב גענומען פון פאָליצע אַ קופערנע פענדל, אָפּגעשפּיגלט דורך איר דאָס לבנה-ליכט אויפן בוך — איז געוואָרן נאָך ערגער, טונקעלער. דאַן האָב איך זיך פאַרקליבן אויפן באַנק, אין ווינקל, צו די הייליקע בילדער און גענומען לייענען שטייענדיקערהייד, ביים ליכט פון נר תמיד, און אַ פאַרמאַטערטער בין איך איינ=

נעשלאָפֿן, אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף דער באַנק, און זיך אויס־געכאַפּט פֿון דער אַלטערס געשריי און פֿון אירע קלעפּ. האַלטנ־דיק, דאָס בוך אין די הענט, האָט זי מיט אים ווייטאָגדיק געשלאָגן איבער מײַנע אַקסלען, אַ רויטע פֿון כּעס, מיט גרימ־צאָרן, פֿאַרוואַרפֿנדיק דעם געלן קאָפּ, אַ באַרוויסע, אין איין העמד. פֿון די פּאַלאַטיען האָט געוואָיעט וויקטאָר:

— מאַמע, אָבער ריטשעט נישט! לעבן לאָזט מען נישט...

„אַ סוף מיטן בוך, מ׳וועט עס צערײַסן", — האָב איך געטראַכט.

ביים פֿרימאָרגן־טיי האָט מען מיך געמשפּט. דער באַלע־באָס האָט שטרענג געפֿרעגט:

— ווו האָסטו גענומען דאָס בוך?

די פֿרויען האָבן געשריגן, אַרײַנפֿאַלנדיק איינער דער צווייטער אין די רייד, וויקטאָר האָט מיט חשד געשמעקט די זײַטלעך און גערעדט:

— עס שמעקט מיט פּאַרפֿומע, ווי איר זעט מיך אַ לע־בעדיקן...

זיך דערוויסנדיק, אַז דאָס בוך געהערט דעם פּאָפּ, האָבן זיי עס אַלע נאָך אַמאָל באַטראַכט, פֿאַרווונדערטע און אויפֿ־געבראַכטע, וואָס דער פּאָפּ לייענט ראָמאַנען, אָבער דאָס האָט זיי פֿונדעסטוועגן אַביסעלע באַרויקט, כאָטש דער באַלעבאָס האָט נאָך לאַנג אַרײַנגעטענהט אין מיר, אַז לייענען איז שעדלעך און געפֿערלעך.

— אָט זיי, די לייענער, האָבן אַ אײַזנבאַן אויפֿגעריסן, גע־וואָלט הרגענען...

די באַלעבאָסטע האָט בייז און דערשראָקן אַ געשריי געטאָן צום מאַן:

— ביסט מטורף! וואָס אַזוינס דערציילסטו...

כ׳האָב אָפּגעטראָגן מאָנטעפּענען דעם זעלנער, אים דער־ציילט, אין וואָס עס גייט, — האָט סידאָראָוו גענומען דאָס בוך, שווייגנדיק אויפֿגעעפֿנט אַ קליין קופֿערטל, אַרויסגענו־

צן אַ רייגעם האַנטוך, און איינגוויקלנדיק אין אים דעם ראָמאַן, באַהאַלטן אין קופערט, זאָגנדיק צו מיר:

— פאָלג זיי נישט — קום צו מיר און לייען, כ׳וועל קיינעם נישט דערציילן. און אויב דו וועסט קומען — און איך בין נישטאָ, הענגט דער שליסל הינטערן הייליקן בילד, עפן אויף דעם קופערט און לייען...

די באַציאונג פון די באַלעבאַטים צום בוך האָבן אים גלייך דערהויבן אין מיינע אויגן צו דער הויך פון אַ וויכטיקער און שרעקלעכער געהיימניש. דאָס, וואָס עפּעס געוויסע „לייענער" האָבן ערגעץ ווו אויפגעריסן אַן אייזנבאַן, וועלנדיק עמיצן הרגענען, האָט מיך נישט פאַראינטערעסירט, כ׳האָב זיך אָבער דערמאָנט דעם פּאָפּס פראַגע ביים וידוי, דעם גימנאַזיסטס לייענען אין קעלער, סמוריס ווערטער וועגן „ריכטיקע ביכער" און מיר זענען אויך געקומען אין זכרון דעם זיידנס דערציילונגען וועגן די שוואַרץ-מאַגיקער-פאַרמאַזאָנען:

— און אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער פּאַווליטש דעם געבענטשטן האָבן די פּריצימלעך, פאַרפירט פון דער שוואַרצער מאַגיע און פאַרמאַזאָנסטווע, פאַרטראַכט איבערצוגעבן דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק דעם רוימישן פּויפּסט, די יעזואיטן! דאָ האָט זיי אַראַקטשעעוו דער גענעראַל געכאַפּט אויף דער הייסער מינוט און, נישט געקוקט אויף די טיטולן און ראַנגען — אַלעמען קיין סיביר, אויף קאַטאָרגע, דאָרט זענען זיי טאַקע פאַרטיליקט געוואָרן, ווי די מאָל...

ס׳האָט זיך דערמאָנט דער „אומבראַקול, באַזעצט מיט שטערן", „גערוואַסי" און די פייערלעכע, שפּאָטישע ווערטער:

„פּראָפאַנען, וואָס איר זענט נייגעריק צו וויסן אונזערע ענינים — קיינמאָל וועלן זיי די שוואַכע אויגן אייערע נישט דערזען".

כ׳האָב געהאַט אַ געפיל, ווי כ׳זאָל זיך געפינען אויף די שוועל פון עפּעס גרויסע סודות און — געלעבט ווי אַ צעמישטער. ס׳האָט זיך געוואָלט דערלייענען דאָס בוך ביזן סוף, כ׳האָב מורא געהאַט, עס זאָל נישט פאַרלאָרן גיין ביים זעל-

נער, אָדער ער זאָל עס נישט באַשעדיקן. וואָס וועל איך דעמאָלט זאָגן דער צושניידערקע?

און די אַלטע, גוט אַכטונג געבנדיק איך זאָל נישט לויפן צום „דענשטשיק", האָט מיך געיאַדעט:

— ביפער-וואָרים! געדענק, די ביכלעך לערנען אויסגעלאַסנקייט. אָט צו וואָס זי איז דערגאַנגען, די בוך-לייענערין — אויפן מאַרק קען זי אַליין נישט גיין, נאָר עסקים האָט זי מיט די אָפיצירן, בייטאָג נעמט זי זיי אויף, כ'ווײ—ייס!

ס'האָט זיך געוואָלט אַ געשריי טאָן:

— דאָס איז נישט אמת! זי האָט קיין עסקים...

כ'האָב אָבער מורא געהאַט צו פאַרטיידיקן די צושניידערקע — טאָמער וועט זיך די אַלטע אָנשטויסן, אַז דאָס בוך איז אירס?

עטלעכע טעג האָט זיך מיר געלעבט געפערלעך-שלעכט; כ'בין געוואָרן צעשטרייט, ס'האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַן אומרויקע בענקעניש, כ'האָב נישט געקענט שלאָפן אויס מורא פאַר מאָנטעפּענס גורל און אָט, איינמאָל, האָט מיך דער צושניידערקעס קעכין אָפּגעשטעלט אויפן הויף און געזאָגט:

— ברענג אָפּ דאָס בוך!

כ'האָב אויסגעקליבן אַ צייט נאָך מיטאָג, ווען די באַלעבאַטים האָבן זיך צוגעשפּאַרט אָפּרוען, און כ'בין געקומען צו דער צושניידערקע, א פאַרשעמטער, אַ נידערשלאָגענער.

זי האָט מיך באַגעגנט פּונקט די זעלבע, ווי כ'האָב זי געזען דאָס ערשטע מאָל, בלויז אַנדערש אָנגעטאָן: אין אַ גראָעם ראָק, אין אַ שוואַרצער סאַמעטענע בלוזע, מיט אַ טירקיס-קרייץ אויפן בלויזן האַלז. זי איז ענלעך געווען אויף אַ זי פון דער פויגעלע, וואָס הייסט גימפּל.

ווען כ'האָב איר געזאָגט, אַז כ'האָב נישט באַוויזן איבערצולייענען דאָס בוך און אַז מ'פאַרווערט מיר צו לייענען, האָבן זיך מיר די אויגן אָנגעגאָסן מיט טרערן פון באַליידיקונג און פון פרייד צו זען דידאָזיקע פרוי.

— פּ—פוּ, סאַראַ נאַרישע לייט! — האָט זי געזאָגט,

צענויפדריקנדיק די דינע ברעמען, — און דיין באַלעבאָס האָט נאָך אַזאַ אינטערעסאַנט פּנים. אָבער נעם זיך נישט צום האַרצן, כ'וועל אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, כ'וועל אים אָנשרייבן!

דאָס האָט מיך איבערגעשראָקן, כ'האָב איר דערקלערט, אַז כ'האָב מיינע באַלעבאַטים געזאָגט אַ ליגן, אַז דעם בוך האָב איך גענומען נישט ביי איר, נאָר ביים פּאָפּ.

— מ'דאַרף נישט, שרייבט נישט! — האָב איך זיך געבעטן ביי איר. — זיי וועלן אָפּלאַכן פון אייך, זידלען אייך. קיינער אויפן הויף האָט אייך דאָך נישט ליב, אַלע חוזקן אָפּ, זאָגן, אַז איר זענט אַ נאַרעלע און אייך פעלט אַ ריפּ...

אַרויסגעשאָסן דאָס אַלץ, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז כ'האָב גערעדט איבעריקס און באַליידיקנדיקס פאַר איר — זי האָט פאַרביסן די אויבערשטע ליפּ און זיך אַ קלאַפּ געטאָן איבערן היפט, ווי זי זאָל זיצן רייטנדיק אויף אַ פערד. כ'האָב פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, ווינשנדיק די ערד זאָל מיך איינשלינגען, אָבער די צושניידערקע האָט אַ פאַל געטאָן אויפן שטול און זיך פריילעך פאַנאַנדערגעלאַכט, איבערחזרנדיק:

— אָי, ווי נאַריש... ווי נאַריש! אָבער וואָס קען מען טאָן? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט, שאַרף מיך אָנקוקנדיק, און דערנאָך, אָפּזיפצנדיק, געזאָגט: — ביסט זייער אַ מאָדנער יינגל, זייער...

אַ קוק טוענדיק אין שפּיגל וואָס לעבן איר, האָב איך דערזען אַ ברייט-נאָזיק פּנים מיט אַרויסשטאַרצנדיקע באַקנביינער מיט אַ גרויסן בלאָען צייכן אויפן שטערן, לאַנג נישט-געשאָרענע האָר האָבן געשטאַרטשעט אין אַלע זייטן פּאַטלעס-ווייז — אָט דאָס רופט מען אָן „זייער אַ מאָדנער יינגל?".. דאָס מאָדנע יינגל איז נישט ענלעך אויף דער פּאָרצעלאַיענער דינער פיגורל...

— האָסטו אַנומלטן נישט גענומען דעם גראָשן, וועלכן כ'האָב דיר געגעבן, פאַרוואָס?

— כ'דאַרף דאָס נישט.

זי האָט אָפּגעזיפצט.

— נו, וואָס קען מאַכן! אייב מ׳האָט דיר דערלויבן צו לייענען, קום אַרויף, כ׳וועל דיר געבן ביכער...

אויפן שפּיגל־טישל זענען געלעגן דריי ביכער; יענע, וועלכעס כ׳האָב אָפּגעבראַכט, איז געווען דאָס גרעבסטע. כ׳האָב אויף אים געקוקט מיט טרויער. די צושניידערקע האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ קליינע ראָזע האַנט.

— נו, זיי געזונט!

כ׳האָב זיך פּאַרזיכטיק צוגערירט צו איר האַנט און שנעל אַוועק.

ווער ווייס, אפשר איז ריכטיק, וואָס מ׳זאָגט וועגן איר, אַז זי ווייסט גאָרנישט, אָט, אַ פּערציקער האָט זי אָנגערופן — גראָשן, פּונקט ווי אַ קינד. דאָס איז מיר אָבער געפעלן געוואָרן...

IX

ס'איז אי טרויעריק, אי קאָמיש צו דערמאָנען, וויפל שווערע באַליידיקונגען, דערנידערונגען און צערודערונגען עס האָט מיר געבראַכט די ליידנשאַפט צו לייענען, וועלכע האָט שנעל אויפגעפלאַקערט אין מיר!

די צושניידערקעס ביכער האָבן מיר געשיינט צו זיין שרעקלעך טייער און מורא האָבנדיק, אַז די אַלטע באַלעבאָסטע וועט זיי פאַרברענען אין אויוון, האָב איך זיך באַמיט נישט טראַכטן וועגן זיי, און אָנגעהויבן נעמען אין קרעמל, וווּ כ'פלעג איינדערפרי קויפן ברויט צום טיי, קליינינקע, בונטע ביכלעך.

דער קרעמער איז געווען זייער נישט קיין אָנגענעמער בחור, מיט גראָבע ליפן, אַ שווייסיקער, מיט אַ ווייסן פאַרוועלקטן פנים, מיט שקראָפעלעזע שראַמען און פלעקן, מיט ווייסע אויגן און קורצינקע, אומגעשיקטע פינגער אויף די פוכקע הענט. זיין קרעמל האָט אין די אָוונטן געדינט אַלס פאַרזאַמלונגס־אָרט פאַר האַלב־דערוואַקסענע יונגען און לייכטזיניקע מיידלעך פון דער גאַס; מיין באַלעבאָס ברודער פלעגט אויך כמעט יעדן אָוונט גיין צו אים טרינקען ביר און שפילן אין קאָרטן. מיך פלעגט מען אָפט שיקן אים רופן צום אָוונטעסן, און נישט איינמאָל האָב איך געזען אין ענגן, קליינינקן צימערל הינטער דער קרעמל דעם קרעמערס נאַרעשעוואַטע רויטע ווייב, וועלכע איז געזעסן אויף די קני ביי וויקטאָרושקען אָדער ביי אַן אַנדער בחור. ווייזט אויס, אַז דאָס האָט דעם קרעמער נישט באַליידיקט, ער פלעגט זיך אויך נישט

באַליידיקן דאַן אפילו, ווען די משוררים, די זעלנער און אַלע, ווער ס׳האָט נאָר חשק געהאַט, פלעגט שטאַרק אַרומנעמען זיין שוועסטער, וועלכע האָט אים צוגעהאָלפן אין קראָם. סחורה איז אין קרעמעלע געווען ווינציק, ער האָט דאָס דערקלערט מיט דעם, וואָס דאָס געשעפט איז אַ נייס, — ער האָט נאָך נישט באַוויזן עס איינצוּאָרדנען, כאָטש די קרעמל איז נאָך געעפנט געוואָרן האַרבסט־צייט. ער פלעגט ווייזן די געסט און קונים שמוציקע בילדלעך, פלעגט געבן בעלנים אָפּצושרייבן שענדלעכע לידער.

כ׳האָב געליענט די פּוסטע שמירערייען פון מישאַ יעווסטיגנעיעוו, און געצאָלט צו קאָפּיקע פאַר דורכלייענען יעדן ביכל; דאָס איז געווען טייער, און די ביכלעך האָבן מיר נישט פאַרשאַפט דעם מינדסטן פאַרגעניגן. „גואק אָדער די אומבאַזיגבאַרע טריישאַפט״, „פראַנציל ווענעציאַן״, „די שלאַכט פון די רוסן מיט די קאַבאַרדינער, אָדער די שיינע מאַכמעדאַנקע, וועלכע שטאַרבט אויף דער טרומנע פון איר מאַן״ און די גאַנצע ליטעראַטור פון דאַזיקן מין האָט מיר אויך נישט באַפרידיקט, אָפט דערוועקנדיק אין מיר אַ בייזן פאַרדרוס: ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס ביכל מאַכט חוזק פון מיר, ווי פון אַ נאַרעלע, דערציילנדיק מיט שווערע ווערטער אומגלויבלעכע זאַכן.

„די שיסער״, „יורי מילאָסלאַווסקי״, „דער געהיימניספולער מאָנאַך״, „אַפּאַנטשאַ, דער טאָטערישער רייטער״ און ענלעכע ביכער זענען מיר שוין מער געפעלן געווען — פון זיי פלעגט עפּעס בלייבן, אָבער נאָך מער פלעגן מיך פאַרכאַפּן די לעבנס־באַשרייבונגען פון די הייליקע, — דאָ איז געווען עפּעס ערנסטערס, אין וואָס ס׳האָט זיך געגלייבט און וואָס האָט צייטנווייז — טיף גערירט. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר אַלע מאַרטירער האָבן מיר דערמאָנט די „שיינע זאַך״, די מאַרטירערינס — די באָבע, און די הייליקע — דעם זיידן, אין זיינע גוטע שעהן.

לייענען פלעג איך אין שטאַל, אוועקגייענדיק אָנהאַקן

האַלץ, אָדער אויפן בוידעם, אין ביידע ערטער איז געווען אומבאַקוועם, קאַלט. אַמאָל, ווען דאָס בוך פלעגט מיך אינטערעסירן אָדער מ׳האָט עס געדאַרפט גיכער איבערלייענען, פלעג איך אויפשטיין ביינאַכט און אָנצינדן אַ ליכט. אָבער די אַלטע באַלעבאָסטע האָט באַמערקט, אַז די ליכט ווערן קלענער דורך די נעכט און אָנגעהויבן זיי אויסצומעסטן מיט אַ קינעלע און ערגעץ ווו באַהאַלטן די מאָסן. אויב אינדערפרי פלעגט פעלן פון ליכט אַ ווערשאָק, אָדער אויב איך פלעג, געפינענדיק דאָס קינעלע, עס נישט אָפּברעכן לויטן אָפּגעברענטן שטיקל ליכט, פלעגט זיך אין קיך אָנהויבן אַ צאָרנדיקער געשריי, און איינמאָל האָט וויקטאָרושקע אויפגעבראַכט אַראָפּגעשריגן פון די פּאַלאַטיען:

— הערט שוין אויף צו שרייען, מאַמע! לעבן לאָזט מען נישט! אודאי ברענט ער ליכט, ווייל ער לייענט ביכלעך, ביים קרעמער נעמט ער, כ׳ווייס! גיט אַ קוק ביי אים אויפן בוידעם...

די אַלטע איז אַרויפגעלאָפן אויפן בוידעם, געפונען עפּעס אַ ביכל און עס צעריסן אויף פיץ-פּיצלעך.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט מיך געקרענקט, אָבער דער פאַרלאַנג צו לייענען איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ווען אין דאָזיקן הויז וועט קומען אַ הייליקער, — וועלן אים די באַלעבאַטים נעמען לערנען, איבערמאַכן אויף זייער שטייגער; זיי וועלן דאָס טאָן פון לאַנגווייליקייט. אויב זיי וועלן אויפהערן צו משפּטן מענטשן, צו שרייען, אָפּחוזקן פון זיי, — וועלן זיי פאַרגעסן ווי מ׳רעדט, זיי וועלן שטום ווערן, זיי וועלן זיך אַליין אויפהערן צו באַמערקן כדי דער מענטש זאָל זיך אַליין פילן, איז נויטיק, אַז ער זאָל זיך אויף אַ וואָסער נישט איז אופן באַציִען צו מענטשן. מיינע באַלעבאַטים האָבן זיך געקענט באַציִען צו די מענטשן נישט אַנדערש ווי שטראָפנדיק, מיט פאַראורטיילונג, און אַז מ׳זאָל נעמען לעבן פּונקט ווי זיי — פּונקט אַזוי טראַכטן, פילן, — אַלץ איינס — וואָלטן זיי פאַראורטיילט אויך דערפאַר. שוין מענטשן אַזעלכע.

כ'האָב זיך אויף אַלערליי אופנים געקליגט צו לייענען, די אַלטע האָט עטלעכע מאָל צעריסן די ביכלעך, און מיטאַמאָל בין איך געוואָרן א בעל־חוב דעם קרעמער אויף אַ גרויסע סומע פון זיבנאונפערציק קאָפּיקעס! ער האָט געפאָדערט דאָס געלט און גע-דראָט, אַז ער וועט אָפּנעמען פאַרן חוב פון מיינע באַלעבאַטימס געלט, ווען איך וועל קומען אין קרעמל איינקויפן.

— און וואָס וועט דעמאָלט זיין? — פלעגט ער מיר פרעגן אָפּשפּאָטנדיק.

ער האָט געוועקט אין מיר אַן אומדערטרעגלעכן עקל און ווייזט אויס, פילנדיק דאָס האָט ער מיך מיט אַ באַזונדערע הנאה געמאַטערט מיט פאַרשידענע דראָונגען: ווען כ'פלעג אַריינקומען אין קרעמל, פלעגט זיך זיין געפלעקט פנים צעגיסן, און ער פלעגט פריינטלעך פרעגן!

— דעם חוב האסטו געבראַכט?

— ניין.

דאָס פלעגט אים שרעקן, ער פלעגט זיך אָנכמורען.

— וואָס הייסט? וואָסזשע זאָל איך טאָן, אָנגעבן אין גע-ריכט אויף דיר, וואָס? מ'זאָל דיר אָפּשרייבן, און — אין קאָלאָניע?

כ'האָב נישט געהאַט פונוואַנעט צו נעמען געלט — מיין געהאַלט האָט מען געצאָלט דעם זיידן, כ'האָב זיך געפילט פאַר-לוירן, נישט ווויסנדיק — וואָס זאָל איך טאָן? און אַלס ענטפער אויף מיין בקשה אָפּצוואַרטן מיטן חוב, האָט מיר דער קרעמער אונטערגערוקט זיין — פעטע, ווי אַ פּאַמפּושקע, פּוכקע האַנט, און געזאָגט:

— גיב אַ קוש — וועל איך וואַרטן!

אָבער ווען כ'האָב אַ כאַפּ געטאָן פון טובאַנק אַ געוויכט און זיך פאַרמאָסטן אויף אים, האָט ער, אַרונטערזעצנדיק זיך, אַ געשריי געטאָן:

—וואָס, וואָס טוט זיך מיט דיר, וואָס טוט זיך מיט דיר,—כ'שפּאַסן

פאַרשטייענדיק גאַנץ גוט, אַז ער שפּאַסט נישט, האָב איך באַשלאָסן צו גנבענען געלט, כדי זיך צו באַפרייען פון אים. אין

די פרימאָרגנס, ווען כ'פלעג פוצן דעם באַלעבאָס בגדים, פלעגן אין זיינע הויזן-קעשענעס קלינגען מטבעות, אַמאָל פלעגן זיי אַרויס-שפּרינגען פון קעשענע און זיך קייקלען איבערן דיל, איינמאָל איז איינע אַריינגעפאַלן אין אַ שפּאַלט אונטער די שטיגן, אין האַלך-קעמערל; כ'האָב פאַרגעסן צו דערציילן וועגן דעם, און ערשט אין עטלעכע טעג אַרום, ווען כ'האָב געפונען דעם פּערציקער צווישן דעם האַלך, האָב איך זיך דערמאָנט. ווען כ'האָב אים אָפּ-געגעבן דעם באַלעבאָס, האָט אים דאָס ווייב געזאָגט:

— זעסט? געלט דאַרף מען ציילן, ווען מ'לאָזט עס איבער אין די קעשענעס.

אָבער דער באַלעבאָס האָט געזאָגט, שמייכלענדיק צו מיר:

— ער וועט נישט גנבענען, כ'ווייס!

איצט באַשליסנדיק צו גנבענען, האָב איך זיך דערמאָנט דידאָזיקע ווערטער, זיין צוטרויִלעכן שמייכל און דערשפּירט, ווי שווער מיר וועט זיין צו גנבענען. אייניקע מאָל האָב איך אַרויס-גענומען פון קעשענע זילבערנע מטבעות, זיי געציילט און זיך נישט געקענט אַנטשליסן צו נעמען. דריי טעג האָט דאָס מיך גע-מאַטערט. און מיטאַמאָל האָט זיך אַלץ געענדיקט שנעל און פּשוט; דער באַלעבאָס האָט מיך פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ביסטו עפּעס, פּעשקאָוו, אַזאַ אומעטיקער, ביסט אפשר נישט געזונט, צי וואָס?

כ'האָב אים אָפנהאַרציק דערציילט מיינע אַלע דאגות, ער האָט זיך אָנגעכמורעט.

— אָט, זעסטו, צוואָס זיי דערפירן, די ביכלעך דידאָזיקע! פון זיי — אַזוי צי אַנדערש — איז תמיד אַן אומגליק...

ער האָט מיר געגעבן אַ האַלבן רובל און שטרענג גע-עצהט:

— אָבער היט זיך, פּלוידער נישט אויס דעם ווייב; אָדער דער מוטער — אַ טומל וועט זיין!

דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל;

— ביסט אַן עקשן, דער רוח זאָל דיך כאַפּן! נישקשה דאָס

איז גוט. פונדעסטוועגן – די ביכלעך ווארף אוועק! פון ניי-יאָר וועל איך אויסשרייבן אַ גוטע צייטונג, אָט דעמאָלט לייען...

און אָט, אין די אָוונטן, פון טיי ביזן אָוונט עסן לייען איך פאַר די באַלעבאַטים אויפן קול דעם „מאָסקאָווסקי ליסטאָק“, — די ראָמאַנען פון וואַשקאָוו, ראָקשאַנין, רודניקאָווסקי און די אי-בעריקע ליטעראַטור, וואָס איז באַשטימט פאַר די פאַרדייאונגס-אָרגאַנען פון מענטשן, וועלכע די לאַנגווייליקייט קאָן דערהרגענען צום טויט.

דאָס לייענען אויפן קול געפעלט מיר נישט, דאָס שטערט מיר צו פאַרשטיין דאָס געלייענטע; אָבער מיינע באַלעבאַטים הערן זיך צו אויפמערקזאַם, מיט אַ געוויסער כמעט יראת-הכבודיקער גיריקייט, שטויגען איבער די פאַרברעכנס פון די העלדן, און זאָגן איינער צום צווייטן מיט שטאָלץ:

— און מיר לעבן זיך — שטיל, רויק, מיר ווייסן ווענן גאָרנישט, אַ לויב דיר, גאָטעניו!

זיי פּלאָנטערן די געשעענישן, שרייבן צו די מעשים פון באַרימטן גזלן טשורקין דעם קוטשער פאָמאַ קרוטשין, פאַרביטן די נעמען, — איך בעסער אויס די פּלאָנטערן פון די צוהערער, — דאָס וווּנדערט זיי שטאַרק.

— נו, אַ זכרון אַ ביסל!

גאַנץ אָפט טרעפן זיך אין „מאָסקאָווסקי ליסטאָק“ לידער פון לעאָניד גראַוועוו, זיי געפעלן מיר זייער, איינינקע פון זיי שרייב איך אָפּ אין אַ העפטל, אָבער די באַלעבאַטים ריידן וועגן אים:

— שוין אַ אַלטער דאַכט זיך, און שרייבט לידער.

— אַ שכור, אַ האַלב-משוגענער, אים איז אַלץ איינס...

— מיר געפעלן סטרוזשקינס לידער, דעם גראַפס מעמענטאָ-מאָרי, און די פּרויען, סיי די אַלטע, סיי די יונגע, פאַרזיכערן, אַז לידער זענען — אַ ליצנות.

— בלויז לצים און אַקטיאָרן ריידן מיט פערזן.

שווער זענען פאַר מיר געווען די דאָזיקע ווינטערדיקע אָוונטן אויף די אויגן פון די באַלעבאַטים, אין קליינעם, ענגן צימער. הינטערן פענסטער — אַ טויטע נאַכט; פון צייט צו צייט גיט אַ

קנאַק דער פֿראָסט, מענטשן זיצן ביים טיש און שווייגן, ווי פֿאַרפֿרוירענע פֿיש. אָדער — די זאַווערוכע שאַרט איבער די שויבן און איבער די ווענט, הודיעט אין קוימען, קלאַפּט מיט די שיבערס; אין קינדער־צימער וויינען די פּיצלעך, ס׳ווילט זיך אַוועקזעצן אין אַ פֿינסטערן ווינקל און זיך צונויפֿקאָרטשנדיק, וואָיען ווי אַ וואָלף.

ביי איין עק טיש זיצן די פֿרויען, נייען אָדער שטריקן זאָקן; ביים צווייטן — וויקטאָרושקאַ, אויסבויגנדיק די פּלייצע קאָפּירט ער, אָן חשק פּלאָנטען און שרייט פֿון צייט צו צייט:

— טרייסלט נישט דעם טיש! לעבן לאָזט מען נישט, טשוועקעס־טרומפֿן, הינט אויף מייז...

אין אַ זייט, ביי אַ קאַלאָסאַלן טאַמבורעק, זיצט דער באַלעבאָס, נייט אויס אויף אַ לייוונט מיט צלם־שטעך אַ טישטוך, פֿון אונטער זיינע פֿינגער באַווייזן זיך רויטע קרעבסן, בלאָע פֿיש, געלע פֿלאַטערלעך און רויטלעכע האַרבסט־בלעטער. ער אַליין האָט צונויפֿגעשטעלט דעם אויסניי־מוסטער און שוין אין דריטן ווינטער זיצט ער ביי דערדאָזיקער אַרבעט, זי האָט אים שוין נישקשהדיק דערעסן און אָפֿט, בייטאָג, ווען איך בין פֿריי, זאָגט ער צו מיר:

— אַ נו, פּעשקאָוו, זעץ זיך צום טישטוך, רודער!

כ׳זעץ זיך אַוועק און כ׳אַרבעט מיט דער דיקער נאָדל, — מיר איז אַ רחמנות אויפֿן באַלעבאָס אוו תמיד, אין אַלץ, ווילט זיך אים צוהעלפֿן, לויט די כּחות נאָך. מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז מיטאַמאָל וועט ער אַוועקוואַרפֿן צייכנען, נייען, שפּילן אין קאָרטן און וועט אָנהויבן טאָן עפּעס אַנדערש, אינטערעסאַנטס, וועגן וואָס ער טראַכט אָפֿט, וואַרפֿנדיק פּלוצלינג די אַרבעט און קוקנדיק אויף איר אומבאַוועגלעך מיט פֿאַרוווּנדערטע אויגן, ווי אויף עפּעס אומבאַקאַנטס פֿאַר אים; זיינע האָר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויפֿן שטערן און אויף די באַקן, ער איז ענלעך אויף אַ קלויסטער־ברודער.

— וועגן וואָס טראַכסטו דאָס? — פֿרעגט אים דאָס ווייב.

— אַזוי, — ענטפֿערט ער, זיך נעמענדיק פֿאַר דער אַרבעט.

כ׳וווּנדער זיך שווייגנדיקערהייד: צי דען קען מען פֿרעגן,

וועגן וואָס אַ מענטש טראַכט? און מ׳קען אויף דערדאָזיקער פראַגע נישט ענטפערן, — שטענדיק טראַכט זיך פאַראַמאָל וועגן אַ סך זאַכן: וועגן אַלץ, וואָס פאַר די אויגן, וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געזען נעכטן און מיט אַ יאָר צוריק; דאָס אַלץ איז פאַרפּלאָנטערט נישט אָנצוטאַפּן, אַלץ באַוועגט זיך, ענדערט זיך.

די פּעליעטאָנען פון „מאָסקאָווסקי ליסטאָק" האָבן נישט געקענט אויספילן דעם אָוונט, האָב איך פאַרגעלייגט צו לייענען די זשורנאַלן, וועלכע זענען געלעגן אין שלאָף-צימער אונטערן בעט; די יונגע באַלעבאָסטע האָט מיט חשד אַ זאָג געטון:

— וואָס איז דאָרט דאָ צו לייענען? דאָרט זענען בלויז בילדלעך...

אָבער אחוץ דער „זשיוואָפּיסנאָיע אָבאָזרעניע" האָט זיך נאָך אונטערן בעט אָפּגעפונען דער „אָקאָניאָק", און אָט לייענען מיר סאַליאַס „גראַף טיאַטין-באַלטיסקי". דעם באַלעבאָס געפעלט שטאַרק דער נאַרעשעוואַטער העלד פון דער דערציילונג, אומברחמנותדיק און ביז טרערן לאַכט ער איבער די טרויעריקע פאַרלויפענישן פון פּריצל און שרייט:

— מ׳קען שטאַרבן, דאָס איז אַ פיינע מעשה!

— אַ פּליאַדערייִ, מסתמא, — זאָגט די באַלעבאָסטע, כדי צו באַווייזן די זעלבסטשטענדיקייט פון איר שכל.

די ליטעראַטור פון אונטערן בעט האָט מיר געטאָן אַ גרויסע טובה: כ׳האָב זיך דערוואָרבן דאָס רעכט צו נעמען זשורנאַלן אין קיך אַרײַן און באַקומען די מעגלעכקייט צו לייענען דורך די נעכט.

צו מיין גליק איז די אַלטע אַריבער שלאָפן אין קינדער-צימער, — די ניאַנקע האָט געשיכּורט אָן אויפהער. וויקטאָרושקאַ האָט מיר נישט געשטערט. ווען אַלע אין שטוב פלעגן איינשלאָפן, פלעגט ער זיך שטילינקערהייד אָנטאָן און ערגיץ-ווו פאַרשווונדן ביזן פרימאָרגן. קיין באַלויכטונג האָט מען מיר נישט געגעבן, די ליכט פלעגט מען אַוועקנעמען אין די צימערן, קיין געלט אויף קויפן ליכט האָב איך נישט געהאַט; האָב איך אָנגעהויבן, אין גע-היים צו קלייבן דעם חלב פון די לייכטערס, אים אָפּגעלייגט אין אַ בלעכערנער פּושקע פון סאַרדינקעס, צוגעגאָסן אַהין אַביסל בוימל

פון נר־תמיד, און צונויפדרייענדיק פון פאָדים אַ קנויט, אָנגעצונדן דורך די נעכט אויפן אויוון אַ קליין פייערל.

ווען איך פלעג איבערקערן אַ זייטל פון ריזיקן באַנד, — פלעגט דאָס רויטע צינגל פון קנויט ציטערן, דראָענדיק זיך אויסצולעשן, דער קנויט פלעגט יעדע מינוט זיך אָפּטוקן אין דער צעגאַנגענער שמעקעדיקער פליסיקייט, דער רויך האָט געגעסן די אויגן, אָבער דידאָזיקע אַלע אומבאַקוועמלעכקייטן פלעגן פאַרשווינדן אין גענוס, מיט וועלכן כ׳פלעג באַטראַכטן די אילוסטראַציעס און לייענען די דערקלערונגען צו זיי.

דידאָזיקע אילוסטראַציעס האָבן אַלץ ברייטער און ברייטער פאַנאַנדערגערוקט פאַר מיר די ערד, באַצירנדיק זי מיט לעגענדאַרע שטעט, ווייזנדיק מיר די הויכע בערג, שיינע ים־ברעגעס. דאָס לעבן האט זיך ווונדערלעך פאַנאַנדערגעוואָקסן, די ערד איז געוואָרן אַלץ צוציענדיקער, רייכער אין מענטשן, גרעסער מיט שטעט און בכלל פאַרשידנאַרטיקער. איצט, קוקנדיק אין די ווייטעגישן איבער יענער זייט וואָלגע, האָב איך שוין געוווּסט, אַז דאָרט איז נישטאָ קיין פוסטקייט, און פריער, פלעגט טרעפן, קוקסטו איבער דער וואָלגע און ס׳ווערט אַזוי מאָדנע לאַנגווייליק: פלאַטשיק ליגן די לאָנקעס, אין די שוואַרצע לאַטעס פון די קוסטעס, ביים סוף פון די לאָנקעס אַ ציינדלדיקע שוואַרצע וואַנט פון וואַלד, איבער די לאָנקעס — אַ טריבע, קאַלטע בלאָקייט. ס׳איז פוסט אויף דער ערד, איינזאַם. און אויך דאָס האַרץ ווערט פוסט, אַ שטילער טרויעריקער קיצלט אים, אַלע פאַרלאַנגען פאַרשווינדן, טראַכטן איז נישטאָ וועגן וואָס, ס׳ווילט זיך צומאַכן די אויגן. די טרויעריקע פוסטקייט זאָגט גאָרנישט צו, אויסזויגנדיק פון האַרץ אַלץ, וואָס דאָרט געפינט זיך.

די דערקלערונגען צו די אילוסטראַציעס האָבן מיט פאַר שטענדלעכע ווערטער דערציילט וועגן אַנדערע לענדער, אַנדערע מענטשן, גערעדט וועגן פאַרשידענע געשעענישן אין דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט; אַסך זאַכן קען איך נישט פאַרשטיין און דאָס מאַטערט מיך. אַמאָל שטעכן זיך אַריין אין מח עפּעס אַזעלכע מאָדנע ווערטער — „מעטאַפיזיק", „כיליאַזם", „טשאַר-

טיסט" — זיי באַומרויקן מיך אומדערטרעגלעך, וואַקסן אויס מוראדיק-גרויס, פאַרשטעלן אַלץ און מיר דאַכט זיך, אַז כ'וועל קיינמאָל גאָרנישט פאַרשטיין, אויב מיר וועט נישט געלונגען אויפֿצודעקן דעם זין פון דידאַזיקע ווערטער, — גראָד זיי שטייען ווי שומרים אויפן שוועל פון אַלע סודות. אָפט לעבן לאַנג אין זכרון גאַנצע פראַזן, ווי אַ פאַרשטעכעכץ אין אַ פינגער, שטערנדיק מיר צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש.

כ'געדענק, כ'האָב איבערגעלייענט מאָדנע פערזן:

— אין שטאָל געשמידט, דורך וויסטענישן,
שטום און פינסטער, ווי אַ קבר,
פאָרט אטילאַ, דער הונען-מלך,
הינטער אים גייען ווי אַ שוואַרצע כמאַרע די זעלנער און שרייען:

— ווי-זשע איז רוים, די מעכטיקע רוים?

רוים איז אַ שטאָט, דאָס האָב איך שוין געוווסט, אָבער ווער זענען דאָס די הונען? דאָס מוז מען וויסן.

אויסקלויבנדיק אַ גוטע מינוט, פרעג איך דעם באַלעבאָס:

— די הונען? — חזרט ער איבער פאַרוווּנדערט. — דער רוח ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס! נאַרישקייטן, אודאי...

און שאָקלט מיטן קאָפּ אומצופרידן:

— דיין קאָפּ איז אָנגעשטאָפּט מיט נאַרישקייט, דאָס איז נישט גוט, פּעשקאָוו!

גוט, צי שלעכט, אָבער כ'וויל וויסן.

מיר דאַכט זיך, אַז דער מיליטער-גייסטלעכער סאָלאָוויאָוו דאַרף וויסן, וואָס אַזוינס זענען הונען, און כאַפּנדיק אים אויפן הויף, פרעג איך.

אַ בלייכער, אַ קראַנקער און תמיד אַ בייזער, מיט רויטע אויגן, אָן ברעמען מיט אַ געל בערדל זאָגט ער צו מיר, טורקענדיק אין דער ערד מיטן שוואַרצן שטעקן.

— און דיר וואָס אינטערעסירט דאָס עפּעס?

דער פּאָרוטשניק נעסטעראָוו האָט אויף מיין פראַגע מיטכעס געענטפערט

— וו-אָס?

דאַן האָב איך באַשלאָסן, אַז וועגן די הונען דאַרף מען פֿרעגן אין אַפּטייק ביים פּראָוויזאָר: ער קוקט אויף מיר תּמיד פֿריינטלעך, ער האָט אַ קלוג פּנים, גאָלדענע ברילן אויף דער גרויסער נאָז.

— די הונען, — האָט מיר געזאָגט דער פּראָוויזאָר פּאַוועל גאָלדבערג, — זענען געווען אַ וואַנדער-פֿאָלק, ווי די קירגיזן אַ שטייגער. דאָס דאָזיקע פֿאָלק עקזיסטירט שוין נישט מער, עס איז אינגאַנצן אויסגעשטאָרבן.

מיך האָט אָנגעכאַפּט אַן אומעט און אַ פֿאַרדרוס — נישט דערפֿאַר, וואָס די הונען זענען אויסגעשטאָרבן, נאָר דערפֿאַר, וואָס דער זין פֿונעם וואָרט, וועלכעס האָט מיך אַזוי לאַנג געקוועלט, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזאַ איינפֿאַכער און האָט מיר גאָרנישט געגעבן.

אָבער איך בין זייער דאַנקבאַר די הונען, — נאָכן צוזאַמענשטויס מיט זיי, האָבן מיך די ווערטער אויפֿגעהערט אַזוי שטאַרק צו באַאומרויקן, און אַ דאַנק אַטיללען האָב איך זיך באַקאַנט מיטן פּראָוויזאָר גאָלדבערג.

דערדאָזיקער מענטש האָט געוווּסט דעם פּשוטן זין פֿון אַלע קלוגע ווערטער, ביי אים זענען געלעגן די שליסלען צו אַלע סודות. פֿאַרריכטנדיק די ברילן מיט צוויי פֿינגער, פֿלעגט ער מיר שאַרף קוקן אין די אויגן אַריין דורך די גראָבע גלעזלעך און ריידן, ווי ער וואָלט אַריינגעקלאַפּט אין מיין שטערן קליינע טשוועקלעך.

— ווערטער, פֿריינט מיינער, זענען ווי בלעטער אויפֿן בוים און כּדי צו וויסן, פֿאַרוואָס איז די בלאַט אַזאַ און נישט קיין אַנדערע, דאַרף מען וויסן, ווי אַזוי עס וואַקסט אַ בוים — מ׳דאַרף זיך לערנען! אַ בוך, פֿריינט מיינער, איז ווי אַ גוטער גאָרטן, ווו אַלץ איז דאָ: אי אָנגענעמעס, אי נוצלעכעס...

כ׳פֿלעג אָפֿט לויפֿן צו אים אין אַפּטייק נאָך זאָדע און מאַגנעזיע פֿאַר די דערוואַקסענע, וועלכע האָבן תּמיד געליטן פֿון אַ „ברענעניש אויפֿן האַרצן”, און נאָך לאַרבער-שמיראַכץ און אָפּפֿירונגס-מיטלען פֿאַר די קינדער, דעם פּראָוויזאָרס קורצע לעק-

ציעס האָבן איינגעפלאַנצט אין מיר אַלץ אַן ערנסטערע באַציאונג צו ביכער און אומבאַמערקבאַר זענען זיי מיר געוואָרן נויטווענדיק, ווי בראָנפן פאַר אַ שכּור.

זיי האָבן מיר געוויזן אַן צנדער מין לעבן — אַ לעבן פון גרויסע געפילן און פאַרלאַנגען, וועלכע האָבן דערפירט צו העלדנמעשים און פאַרברעכנס. כ׳האָב געזען, אַז די מענטשן, וועלכע רינגלען מיך אַרום, זענען נישט פעיק אויף קיין העלדנמעשים און פאַרברעכנס, זיי לעבן ערגיץ אין אַ זייט פון אַלץ, וועגן וואָס עס שרייבן די ביכער, און ס׳איז שווער צו פאַרשטיין — ווו איז דאָס אינטערעסאַנטע אין זייער לעבן? כ׳וויל נישט לעבן מיט אַזאַ לעבן... דאָס איז מיר קלאָר, — כ׳וויל נישט...

פון די דערקלערונגען צו די בילדער האָב איך געוווּסט, אַז אין פּראָג, לאָנדאָן און פּאַריז זענען נישטאָ אינמיטן שטאָט קיין גראָבנס און שמוציקע דאַמבעס פון מיסט, דאָרט זענען גלייכע ברייטע גאַסן, אַנדערע שטיבער און צערקוועס. דאָרט איז נישטאָ קיין זעקסחדשימדיקער ווינטער, וועלכע פאַרשפּאַרט די מענטשן אין די הייזער, נישטאָ קיין גרויסער תּענית, ווען מ׳מעג עסן בלויז געזויערטן קרויט, געזאַלצענע שוואָמען, מעל-ברײַ און קאַרטאָפל, מיטן עקלהאַפטן לײַנען-אייל. אין גרויסן תּענית טאָר מען ניט לייענען קיין ביכער, מ׳האָט אָפּגענומען בײַ מיר די „זשיוואָפּיס-נאָיע אָבאָזרעניע“, און דאָסדאָזיק פּוסט, פאַסטנע לעבן איז ווידער צוגעקומען נאָנט צו מיר. איצט, ווען כ׳האָב עס געקענט פאַרגלייכן מיט דעם, וואָס מיר איז באַקאַנט געווען פון ביכער, איז עס מיר פאָרגעקומען נאָך אָרימער און העסלעכער. לייענענדיק האָב איך זיך געפילט געזונטער, שטאַרקער, כ׳האָב געאַרבעט שנעל און פלינק, כ׳האָב געהאַט אַ ציל: וואָס גיכער כ׳וועל ענדיקן, אַלץ מער צייט וועט מיר בלייבן צו לייענען. באַרויבט פון ביכער, בין איך געוואָרן אָפּגעלאָזן, פויל, מיך האָט אָנגעהויבן גובר צו זיין אַ קרענקלעכע צעשטרייטקייט, וועלכע כ׳האָב פריער נישט געקענט.

כ׳געדענק, אַז גראָד אין דידאָזיקע פּוסטע טעג איז געשען עפּעס געהיימני. פולס: איינמאָל אינאָוונט, ווען אַלע האָבן זיך

נעלייגט שלאָפן, האָט פּלוצלינג הילכיק אָפּגעקלונגען אַ קלאַפּ פון סאָבאָר-גלאָק. ער האָט גלייך אויפגעטרייסלט אַלעמען אין שטוב, האַלב-אויסגעטועגע מענטשן האָבן זיך געוואָרפן צו די פענסטער, פרעגנדיק איינער דעם צווייטן:

— אַ שׂרפה? אַן אַליאַרם?

מ׳האָט געהערט, אַז אויך אין די אַנדערע דירות טומלט זיך, מ׳קלאַפּט מיט טירן; עמיץ איז געלאָפן איבערן הויף שלעפנדיק אַ פערד פאַרן צוים. די אַלטע באַלעבאָסטע האָט געשריגן, אַז מ׳האָט באַגנבעט דעם סאָבאָר, דער באַלעבאָס האָט זי אָפּגעהאַלטן:

— וואָס רעדט איר, מאַמע, מ׳הערט דאָך, אַז ס׳איז נישט קיין אַליאַרם!

— טאָ אויב אַזוי, איז דער אַרכיערעי געשטאָרבן...

וויקטאָרושקאַ איז אַראָפּגעקראָכן פון די פּאַלאַטיען, זיך גענומען אָנטאָן און געבורטשעט:

— און איך וויים, וואָס עס איז געשען, כ׳וויים!

דער באַלעבאָס האָט מיר געשיקט אויפן בוידים אַ קוק טאָן, צי זעט מען נישט קיין שׂרפה אָפּשיין, כ׳בין אַוועקגעלאָפן, אַרויסגעקראָכן דורך אַ דאַך-פענסטערל אויפן דאַך, — קיין שׂרפה-אָפּשיין האָט זיך נישט געזען; אין דער שטילער פראָסטיקער לופט האָט נישט איילנדיק געבורכערט דער גלאָק; די שטאָט האָט זיך פאַרשלעפערט צוגעטוליעט צו דער ערד; אין דער פינסטער זענען געלאָפן, סקריפּענדיק אויפן שניי, אומגעזעענע מענטשן, עס האָבן געקוויטשעט די שליטנלייסטן און אַלץ אימהדיקער האָט געוואָיעט דער גלאָק. כ׳האָב זיך אומגעקערט אין צימער.

— קיין שׂרפה־אָפּשיין זעט מען נישט.

— אַן אָנשיקעניש, גאָטעניו! — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס, אָנגעטאָן אין פּאַלטן און אין היטל, האָט אויפגעשטעלט דעם קראַגן און אומאַנטשלאָסן גענומען אַריינשטעקן די פיס אין די קאַלאָשן. די באַלעבאָסטע האָט זיך ביי אים געבעטן:

— גיי נישט! נו, כ׳בעט דיך גיי נישט...

— נאַרישקייטן!

וויקטאָרושקאַ, אויך אָנגעטאָן, האָט זיך מיט אַלעמען גע־רייצט:

— און איך ווייס...

ווען די ברידער זענען אַרויס אין גאַס, האָבן מיר די פרויען געהייסן שטעלן דעם סאַמאָוואַר און אַליין זיך געוואָרפן צו די פענסטערס, אָבער כמעט תּיכף האָט פון גאַס אָנגעקלונגען דער באַלעבאָס, שווייגנדיק אַרויפגעלאָפן אויף די שטיגן און אויפּעפנ־דיק די טיר אין קאָרידאָר מיט אַ גראָבער שטים געזאָגט

— דעם קייסער האָט מען דערהרגעט!

— פּאָרט דערהרגעט, — האָט אויסגעשריגן די אַלטע.

— דערהרגעט, אַן אָפיציר האָט מיר געזאָגט... וואָס זשע וועט איצטער זיין?

וויקטאָרושקאַ האָט אָנגעקלונגען און, זיך אויסטוענדיק נישט געהערן, בייז געזאָגט:

— און איך האָב געמיינט — אַ מלחמה!

דערנאָך האָבן זיי זיך אַלע געזעצט טרינקען טיי, גערעדט רויק, אָבער שטילערהייד און פאָרזיכטיק. אויך אויפן גאַס איז שטיל געוואָרן, דער גלאָק האָט שוין נישט געהודיעט. צוויי טעג האָבן זיי זיך געהיימניספול געסודעט, געגאַנגען ערגעץ־ווו, צו זיי זענען אויך געקומען געסט און עפּעס געגנבט דערציילט. כ'האָב זיך שטאַרק באַמיט צו פאַרשטיין — וואָס אַזוינס איז געשען? אָבער די באַלעבאַטים האָבן באַהאַלטן פאַר מיר די צייטונג, און ווען כ'האָב געפרעגט סידאָראָוון — פאַרוואָס האָט מען געהרגעט דעם קייסער, האָט ער שטילינקערהייד געענטפערט:

— וועגן דעם איז פאַרווערט צו ריידן...

אָבער דאָס אַלץ האָט זיך גיך אָפּגעריבן, פאַרצויגן געוואָרן מיט טאָג־טעגלעכע נאַרישקייטן, און אינגיכן האָב איך איבערגע־לעבט זייער אַן אומאָנגענעמע געשיכטע.

איינמאָל אין אַ זונטאָג, ווען די באַלעבאַטים זענען אַוועק צו דער פרימאָרגן־תּפֿלה, און איך אָנשטעלנדיק דעם סאַמאָוואַר, בין אַוועק אויפראַמען די צימערן, — האָט זיך דער עלטערער יינגעלע פאַרקליבן אין קיך, אַרויסגעצויגן דעם קראַן פון סאַמאָוואַר

און זיך אָוועקגעזעצט אונטערן טיש שפּילן זיך מיט קראַן. קוילן איז אין סאַמאָוואַר-רער געווען אַסך, און ווען דאָס וואַסער איז פון אים אַרויסגערונען, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלייט. כ׳האָב נאָך אין די צימערן דערהערט, אַז דער סאַמאָוואַר הודיעט אומנאַטיר־לעך צאָרנדיק, און אַריינקומענדיק אין קיך האָב איך מיט שרעק דערזען, אַז ער איז אינגאַנצן בלאָ געוואָרן און ציטערט אינגאַנצן, ווי ער זאָל וועלן אונטערשפּרינגען פון דיל. דער אָפּגעלייטער קראַן־הענטל האָט זיך טרויעריק אַראָפּגעלאָזט, דער דעקל איז אַראָפּגעפאָרן אויף אַ זייט, פון אונטער די הענטלעך זענען אַרונ־טערגערונען טראָפּנס בליי, — דער לילאַ־בלאָער סאַמאָוואַר האָט אויסגעזען לוט־שיכור. כ׳האָב אים באַגאָסן מיט וואַסער, ער האָט אַ שיפּע געטאָן און טרויעריק זיך אויסגעלייגט אויפן דיל.

פון פּאַראַדנעם אַריינגאַנג האָט זיך דערהערט אַ קלונג, כ׳האָב אויפגעעפנט די טיר, און אויף דער אַלטערס פראַגע — צי דער סאַמאָוואַר איז פאַרטיק, האָב איך קורץ געענטפערט:

— פאַרטיק!

דאָסדאָזיקע וואָרט, וועלכעס כ׳האָב מסתמא, געזאָגט פון פאַרלעגנהייט און מורא, איז אויסגעטייטשט געוואָרן אַלס חוזק און פאַרגרעסערט די שטראָף. מ׳האָט מיך אָנגעהרגעט. די אַלטע האָט געאַרבעט מיט אַ בינטל סאָסנע־קין, דאָס איז נישט געווען אַזוי ווייטאָקדיק, נאָר עס האָט איבערגעלאָזן אונטער דער הויט פון דער פּלייצע אַסך פאַרשטעכעכץ, אָוונטצייט איז מיין פּלייצע אויפגעלאָפן ווי אַ קישן, און אַרום מיטאָג־צייט פון צווייטן טאָג האָט מיר דער באַלעבאָס געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל אַריין.

ווען דער דאָקטאָר, אַ קאָמיש הויכער און מאָגערער, האָט מיך באַטראַכט, האָט ער רויק געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטן באַס:

— דאָ דאַרף מען צענויפשטעלן אַ פּראָטאָקאָל וועגן פייניקן.

דער באַלעבאָס איז רויט געוואָרן, גענומען שאַרן מיט די פיס און עפּעס שטיל גענומען רעדן צום דאָקטאָר, און יענער קוקנ־דיק איבער זיין קאָפּ, האָט קורץ געענטפערט

— כ׳קען נישט. מ׳טאָר נישט.

אָבער דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט:

— ווילסט זיך קלאָגן?

מיר האָט ווי געטאָן, כ׳האָב אָבער געזאָגט:

— כ׳וויל נישט, היילט גיכער...

מען האָט מיך אָפּגעפירט אין אַ צווייט צימער אוועקגעלייגט אויף אַ טיש, דער דאָקטאָר האָט אַרויסגעצויגן די פאַרשטעכעכץ מיט צען אָנגענעם-קאַלטע צוועגעלע און געטריבן ליצנות:

— מ׳האָט דיר אויסגעצייכנט באַארבעט די פעל, מיין פריינט, איצט וועט דיך שוין קיין וואַסער נישט דורכנעצן...

ווען ער האָט געענדיקט די אַרבעט, וואָס האָט מיך אומדערטרעגלעך געקיצלט, האָט ער געזאָגט:

— צוויי־און־פערציק שפּענדלעך האָט מען אַרויסגעצויגן מיין פריינט, האַלט קאָפּ, וועסט זיך קענען באַרימען! מאָרגן אין דער זעלבער צייט קום, וועט מען דיר איבערלייגן די ווונדן. מ׳שלאָגט אָפט?

כ׳האָב זיך פאַרטראַכט און געענטפערט:

— פריער — האָט מען אָפטער געשלאָגן..

דער דאָקטאָר האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ באַס.

— אַלץ גייט צו בעסער, מיין פריינט, אַלץ!

ווען ער האָט מיך אַרויסגעפירט צום באַלעבאָס, האָט ער געזאָגט צו אים:

— זייט מוחל נעמט צו, שוין פאַרריכט! שיקט אים מאָרגן צו, מיר וועלן אים איבערבינדן. אויף אייער גליק איז ער אַ קאָמיקער ביי אייך...

זיצנדיק אויף דער דראָזשקע האָט דער באַלעבאָס גערעדט צו מיר:

— אויך מיך, פּעשקאָוו, האָט מען געשלאָגן — וואָס קען מען מאַכן? מ׳האָט געשלאָגן, ברודערל! און אויף דיר, ווי נישט ווי, האָב איך כאָטש רחמנות, און איך האָב גאָר קיינעם נישט געהאַט, וועט עס זאָל רחמנות האבן אויף מיר! מענטשן זענען אומעטום — דערשטיקט צו ווערן, און אויף רחמנות האָבן — איז נישטאָ קיין איין הינטישער זון! עך, הינער־חיות...

דעם גאַנצן וועג האָט ער זיך געזידלט, כ׳האָב רחמנות גע-

האָט אויף אים, און כ'בין אים זייער דאַנקבאַר געווען, וואָס ער רעדט מיט מיר מענטשלעך.

אין שטוב האָט מען מיך באַגעגנט ווי אַ בעל-שמחה, די פרויען האָבן מיך געצווונגען צו דערציילן מיט אַלע פּרטים, ווי אַזוי דער דאָקטאָר האָט מיך געהיילט, וואָס ער האָט געז[illegible]ז, — געהערט און געקרעכצט, זיס צושמאַטשקענדיק, רונצלענדיק דעם שטערן. מיך האָט געוווּנדערט זייער געשפּאַנטער אינטערעס צו קראַנקהייטן, צו ווייטאָק און צו אַלץ, וואָס איז אומאַנגענעם?

כ'האָב געזען, ווי זיי זענען צופרידן פון מיר, וואָס כ'האָב זיך אָפּגעזאָגט פון קלאָגן זיך אויף זיי, און עס אויסגענוצט, כדי אויסצובעטן ביי זיי אַ דערלויבעניש צו נעמען ביכער ביי דער צו-שניידערקע, זיי האָבן קיין האַרץ נישט געהאַט מיר אָפּצוזאָגן, בלויז די אַלטע האָט פאַרווונדערט אויסגעשריגן:

— נו, אַ שד אַביסל!

אין אַ טאָג אַרום בין איך געשטאַנען פאַר דער צושניידערקע, און זי האָט פריינטלעך גערעדט צו מיר:

— און מיר האָט מען געזאָגט, אַז דו ביסט קראַנק, ליגסט אין שפּיטאָל, — זעסט, ווי נישט ריכטיק מ'רעדט?

כ'האָב פאַרשוויגן. ס'איז מיר אַ בושה געווען צו זאָגן דעם אמת — צוואָס זאָל זי וויסן דאָס גראָבע און טרויעריקע? ס'איז אַזוי גוט, וואָס זי איז נישט געראָטן אויף אַנדערע מענטשן.

ווידער לייען איך די גראָבע ביכער פון דיומאַ-פאַטער, פּאָנ-סאָן דע-טעראַיל, מאָנטעפּען, זאַקאָנגע, גאַבאָריאָ, עמאַר, בואַ-גאָבע, — כ'שלינג די דאָזיקע ביכער שנעל, איינס נאָך דאָס צווייטע און מיר איז — פריילעך. כ'פיל מיך באַטייליקט אין אַ אויסער-געוויינטלעך לעבן, עס רעגט זיס אויף, אויפוועקנדיק די מונטער-קייט, ווידער קאָפּטשעט מיין היימיש לעמפּל, כ'לייען גאַנצע נעכט, ביז אינדערפרי, ביסלעכווייז ווערן ביי מיר קראַנק די אויגן און די אַלטע באַלעבאָסטע זאָגט מיר העפלעך:

— וואַרט, דו ביכער-פרעסער, די אויגענעס וועלן דיר פּלאַצן וועסט בלינד ווערן!

אָבער גאָר אינגיכן האָב איך באַגריפן, אַז נישט געקוקט

אויף דער פאַרשידנאַרטיקייט פון די געשעענישן, אויף די פאַר־שידענע לענדער און שטעט, רעדט זיך אין דידאַזיקע אַלע אינ־טערעסאַנט־פאַרפּלאָנטערטע ביכער וועגן איינס: גוטע מענטשן זענען אומגליקלעך און ווערן פאַרפאָלגט דורך שלעכטע, די שלעכטע זענען תמיד מער מזלדיק און קלוג, ווי די גוטע, אָבער, סוף־כּל־סוף, באַזיגט עפּעס אומבאַמערקבאַרס די שלעכטע מענטשן און די גוטע טריומפירן אומבאַדינגט. ס׳האָט דערעסן די „ליבע", וועגן וועלכער אַלע מענער און פרויען האָבן גערעדט מיט דיזעלבע ווערטער. דידאָזיקע אייגנאַרטיקייט איז נישט נאָר לאַנגווייליק גע־וואָרן, נאָר עס האָט אויך געוועקט אומקלאָרע חשדים.

עס טרעפט, שוין גלייך פון די ערשטע זייטלעך נעמסטו טרעפן, ווער עס וועט זיגן, ווער עס וועט באַזיגט ווערן, און ווי באַר עס ווערט קלאָר דער קנופּ פון די געשעענישן, באַמיסטו זיך אים אויפצובינדן מיט דער קראַפט פון דיין פאַנטאַזיע. הערט מען אויף צו לייענען דאָס בוך, טראַכסטו וועגן דעם, ווי וועגן אַן אויפגאַבע פון אַ רעכנבוך, און אַלץ אָפטער גיט זיך איין ריכטיק פאַראויסצוזאָגן, ווער פון די העלדן וועט אַריינגיין אין גן־עדן פון אַלערליי ווילטאָגן, און ווער עס וועט אַריינגעשליידערט ווערן אין תפיסה.

אָבער הינטער דעם אַלעם באַמערק איך אַ שימער פון אַ לע־בעדיקן און פאַר מיר וויכטיקן אמת, די שטריכן פון אַ אַנדער לעבן, אַנדערע באַציאונגען. מיר איז קלאָר, אַז אין פּאַריז זע־נען די פורמאַנעס, אַרבעטער, זעלנער און בכלל דאָס גאַנצע „שוואַרצע פאָלק" נישט אַזאַ, ווי אין ניזשני, אין קאַזאַן, אין פּערם, — עס רעדט דרייסטער מיט די פּריצים, עס האַלט זיך לגבי זיי פּשוטער און אומאָפּהענגיקער. אָט איז אַ זעלנער, ער איז אָבער נישט ענלעך אויף קיין איינעם פון די, וועלכע איך קען, נישט אויף סידאָראָוון, נישט אויפן וויאַטקער פון דאַמפער, און אויף יערמאָכינען אוודאי און אוודאי נישט; ער איז — מער מענטש פאַר זיי אַלע. ער האָט אין זיך עפּעס געמיינזאַמעס מיט סמורין, ער איז אָבער נישט אַזוי חיהש און גראָב. אָט איז אַ קרעמער, אָבער אויך ער איז בעסער פאַר אַלע קרעמערס, וועלכע כ׳קען. אויף די

גייסטלעכע פֿון די ביכער זענען נישט אַזעלכע, ווי כ׳קען, — זיי זענען האַרציקער, גייען מער אַריין אין דער לאַגע פֿון מענטשן, בכלל, דאָס גאַנצע לעבן אין אויסלאַנד, ווי עס דערציילן וועגן אים די ביכער, איז אינטערעסאַנטער, לייכטער, בעסער פֿאַר דעם לעבן, וועלכעס איך קען: אין אויסלאַנד שלאָגט מען זיך נישט אַזוי אָפֿט און אַכזריותדיק, מ׳מאַכט נישט חוזק אַזוי פֿייגלעך פֿון אַ מענטשן, ווי מ׳האָט חוזק געמאַכט איבערן וויאַטקער זעלנער׳ מ׳איז נישט מתפלל צו גאָט מיט אַזאַ גרימצאָרן, ווי עס איז מתפלל די אַלטע באַלעבאָסטע.

באַזונדערס וואַרפֿט זיך אין די אויגן, אַז, דערציילנדיק וועגן פֿאַרברעכער, מענטשן גיריקע און נידערטרעכטיקע, ווייזן נישט די ביכער אין זיי יענע אומבאַגרייפֿלעכע אַכזריות, יענעם דראַנג חוזק צו מאַכן איבערן מענטשן, וועלכע זענען מיר אַזוי גוט באַקאַנט, צו וועלכע כ׳האָב אַזוי אָפֿט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צוצוקוקן. דער בוך־גזלן איז אַכזריותדיק „צו דער זאַך“, כמעט תמיד קאָן מען פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס ער איז אַכזריותדיק, און איך זע אַן אַכזריות אַ ציללאָזע, אַן אומזיניקע, מיט וועלכער דער מענטש ווילט זיך בלויז, נישט דערוואַרטנדיק פֿון איר קיין נוצן.

מיט יעדן נייעם בוך טרעט אַרויס פֿאַר מיר אַלץ בולטער די דאָזיקע נישט־ענלעכקייט פֿון רוסישן לעבן מיטן לעבן פֿון אַנדערע לענדער, און דאָס וועקט אויף אַן אומקלאָרן פֿאַרדרוס, פֿאַרשטאַרקנדיק דעם חשד אין דער אמתדיקייט פֿון די געלע אויסגעלעזענע בלעטער מיט די שמוציקע קאַנטן.

און פּלוצלינג איז מיר אַריינגעפֿאַלן אין האַנט גאָנקורס ראָמאַן „די ברידער זעמגאַנאָ“, כ׳האָב אים דורכגעלייענט פֿאַר איינמאָל, אין איין נאַכט, און פֿאַרוווּנדערט דורך עפּעס אַזוינס, וואָס כ׳האָב ביז דאַן נישט געהאַט איבערגעלעבט, האָב איך ווידער גענומען לייענען די פּשוטע, טרויעריקע געשיכטע. ס׳איז נישט געווען אין איר קיין שום פֿאַרפּלאָנטערס, קיין שום אויסערלעך־אינטערעסאַנטס, גלייך פֿון די ערשטע זייטלעך איז זי פֿאָרגעקומען ערנסט און טרוקן, ווי די לעבנס־באַשרייבונגען פֿון די הייליקע. איר שפּראַך, אַזאַ פּינקטלעכע און אָן מליצה, האָט

מיך צוערשט אומאָנגענעם פאַרווונדערט, אָבער די קאַרגע ווערטער די פעסטגעבויטע פראַזן האָבן זיך אַזוי גוט געלייגט אויפן האַרצן, אַזוי איבערציַיגנדיק דערציילט וועגן דער דראַמע פון די ברידער־אַקראָבאַטן, אַז די הענט האָבן ביי מיר געציטערט פון געגוס צו לייענען דאָסדאָזיקע בוך. כ׳האָב געוויינט מיט ביטערע טרערן, לייענענדיק, ווי דער אומגליקלעכער אַרטיסט קריכט אַרויף מיט צעבראָכענע פיס אויפן בוידעם, ווו זיין ברודער פאַרנעמט זיך אין געהיים מיט דער געליבטער קונסט.

אָפּגעבנדיק דאָסדאָזיקע הערלעך בוך דער צושניידערקע, האָב איך איר געבעטן זי זאָל מיר געבן נאָך איינס אַזאַ.

— וואָס הייסט אַזאַ?—האָט זי געפרעגט, אונטערשמייכלענדיק.

דערדאָזיקער שמייכל האָט מיך צעטומלט, און כ׳האָב נישט געקענט דערקלערן, וואָס מיר ווילט זיך, און זי האָט גערעדט.

— דאָס איז — אַ לאַנגווייליק בוך, אָט, וואַרט נאָר, כ׳וועל דיר ברענגען אַ צווייטס, אינטערעסאַנטער אַביסל...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זי מיר געגעבן גרינוואודס, „אמתע געשיכטע פון אַ קליינעם שלעפּער״, — דאָס קעפּל פון בוך האָט מיך אַ ביסל אַ שטאָך געטאָן, אבער שוין גלייך דאָס ערשטע זייטל האָט אַרויסגערופן אין דער נשמה אַ שמייכל פון באַגייסטערונג, און מיטן דאָזיקן שמייכל האָב איך שוין געלעזן דאָס גאַנצע בוך ביזן סוף, איבערלייענענדיק פאַרשידענע זייטלעך צו צוויי און צו דריי מאָל.

אַזוי גאָר, אָט ווי שלעכט און שווער עס לעבט זיך אַמאָל יינגלעך אַפילו אין אויסלאַנד! נו, מיר איז גאָרנישט אַזוי שלעכט, הייסט עס — נאָר נישט געזאָרגט.

גרינוואוד האָט מיר געשאָנקען אַ סך מוט, און אַ קורצע צייט נאָך אים איז מיר אַריינגעפאַלן שוין אַן אמת „ריכטיק״ בוך — „יעווגעניע גראַנדע״.

דער אַלטער גראַנדע האָט מיר דערמאָנט דעם זיידן ווי אַ־לעבעדיקן, ס׳איז געווען פאַרדראָסיק, וואָס דאָס ביכל איז אַזוי קליין, און סהאָט פאַרוונדערט, סאַרא סך אמת עס פאַרמאָגט.

דעמדאָזיקן אמת, וועלכן כ׳האָב זייער גוט געקענט און וועלכער האָט מיר דערעהלט אין לעבן, האָט דאָס בוך געוויזן אין אַ גאַנץ בייעם — רויקן, נישט פאַרביסענעם ליכט. אַלע ביכער, וועלכע כ׳האָב פריער געהאַט דורכגעלייענט, אַ חוץ גאָנקורן, האָבן געמשפט מענטשן נישט ווינציקער שטרענג און שרייאיק, ווי מיינע באַלע־באַטים. אָפטמאָל פלעגן זיי אַרויסרופן אַ סימפּאַטיע צום פאַר־ברעכער און אַ געפיל פון פאַרדרוס אויף די רעכטפאַרטיקע מענטשן. ס׳איז תמיד טרויעריק געווען צו זען, אַז נישט געקוקט אויף דער גרויסער פאַרשווענדונג פון שכל און ווילן, קען דער מענטש פאָרט נישט דערגרייכן דאָס געווונשטע, — די רעכטפאַרטיקע מענטשן שטייען פאַר אים פון דעם ערשטן ביז דעם לעצטן זייטל אומ־דערשיטערלעך, ווי שטיינערנע סלופּעס. אמת, אָן דידאָזיקע סלופּעס צעשלאָגן זיך אומפאַרמיידלעך אַלע בייזע כוונות פון שלעכטס, אָבער שטיינער רופן נישט אַרויס קיין סימפּאַטיעס. וואָרום ווי שיין און פעסט עס זאָל נישט זיין אַ וואַנט, קען מען זיך נישט אַנטציקן מיט איר — ווען מ׳וויל אָפּרייסן אַן עפּל פון אַ עפּלבוים הינטער דער דאָזיקער וואַנט. און מיר האָט זיך שוין דעמאָלט געדאַכט, אַז דאָס ווערטפולסטע און לעבעדיקע איז באַהאַלטן ערגיץ־ווו הינטער דער רעכטפאַרטיקייט...

ביי גאָנקורן, גרינוודן, באַלזאַקן — זענען נישט געווען קיין פאַרברעכער, זענען נישט געווען קיין גוטע נשמות, עס זענען פשוט געווען מענטשן, ווונדערלעך לעבעדיקע; זיי האָבן נישט דערלאָזט דעם מינדסטן ספק, אַז אַלץ, וואָס זיי זאָגן און טוען, איז געזאָגט און געטאָן געוואָרן פונקט אַזוי און, אַנדערש האָט דאָס נישט געקענט געטאָן ווערן.

אַזוי אַרום האָב איך פאַרשטאַנען, סאַראַ גרויסער יום־טוב ס׳איז; „אַ גוט, ריכטיק" בוך. אָבער ווי געפינט מען עס? די צושניידערקע האָט מיר דערביי נישט געקענט העלפן.

— אָט איז אַ גוט בוך, — פלעגט זי זאָגן, מיר פאַרלייגנ־דיק ארסען גוססע. „הענט פול מיט רויזן, גאָלד און בלוט", די ראָמאַנען פון בעלאָ, פאלדע־קאָק, פאָל פעוואל, אָבער כ׳פלעג זיי שוין לייענען מיט אָנשטרענגונג.

איר זענען געפעלן געווען מאַריעטס און ווערנערס ראָמאַנען, פאַר מיר זענען זיי געווען לאַנגווײַליק. אויך שפּילהאָגען האָט נישט פאַרשאַפט קיין נחת-רוח, אָבער אויערבאַכס דערציילונגען זע־נען מיר שטאַרק געפעלן געווען. סיז און הוגאָ האָבן מיר אויך נישט אַזוי שטאַרק פאַרכאַפּט, וואַלטער סקאַט איז מיר געווען מער צום האַרצן. מיר האָט זיך געוואָלט האָבן ביכער, וועלכע זאָלן אויפרודערן און פרייען, ווי דער וווּנדערלעכער באַלזאַק, די פאַר־צעלאַיענע פרוי איז מיר אויף אַלץ ווינציקער געפעלן געווען.

גייענדיק צו איר, פלעג איך אָנטאָן אַ ריין העמד, זיך צו־קעמען, טאָן אַלץ כדי צו האָבן אַן אָנשטענדיקן אויסזען — דאָס איז מיר, מסתמא, נישט געלונגען, אָבער איך האָב אַלץ געוואַרט, אַז זי, באַמערקנדיק מיין אָנשטענדיקייט, וועט נעמען רעדן מיט מיר פשוטער און פריינטלעכער, אין דעמדאָזיקן פישינעם שמייכל אויפן ריינעם, תמיד יום-טובדיקן פנים. אָבער זי פרעגט, שמייכ־לענדיק מיט אַ מידן און זיסן קול:

— דורכגעלייענט? געפעלן געוואָרן?

— ניין.

קוים אויפהויבנדיק די דינע ברעמען, פלעגט זי קוקן אויף מיר און, אָפּזיפצנדיק, אויפן באַקאַנטן אופן רעדן אונטערן נאָז:

— אָבער פאַרוואָס?

— כ׳האָב שוין וועגן דעם געלייענט

— וועגן וואָס, וועגן דעם?

— וועגן ליבע...

פאַרזשמורענדיק די אויגן, האָט זי געלאַכט מיט אַ צוקערדיק געלעכטערל.

— אַך, אָבער אין אַלע ביכער שרייבט מען דאָך וועגן ליבע;

זיצנדיק אין גרויסן פאָטעל, שאָקלט זי מיט די קליינינקע פיסלעך אין פוטערנע פאַנטאָפל, געניצט צו, וויקלט זיך אין אַ בלאָען כאַלאַטל און קלאַפּט מיט ראָזע פינגער איבערן אײַנבאַנד פון בוך אויף אירע קני.

מיר ווילט זיך פרעגן;

— פאַרוואָס-זשע קלייבט איר זיך נישט אַרויס פון דער

דירה? די אָפּיצירן הערן דאָך אייך נישט אויף צו שרייבן צעטע-
לעך, לאָכן אָפּ פון אייך...

אָבער עס פעלט מיר אויס מוט איר דאָס צו זאָגן און כ׳גיי אַוועק מיטנעמענדיק דאָס דיקע בוך וועגן „ליבע" און אַ טרויעריקע אַנטוישונג אין הארצן.

אויפן הויף רעדט מען וועגן דערדאָזיקער פרוי, אַלץ ערגער, שפּאָטישער און בייזער. מיר קרענקט זייער צו הערן דידאָזיקע שמוציקע און, זיכער, פאַלשע גערעדערייען! אונטער די אויגן האָב איך רחמנות אויף דער פרוי, כ׳שרעק מיך פאַר איר. אָבער ווען כ׳קום צו איר און כ׳זע אירע שאַרפע אויגעלעך, די קעצישע בויגעוודיקייט פון קליינינקן קערפּער און דאָסדאָזיקע יום-טובדיק פנים, — פאַרשווינדן ווי אַ רויך דער רחמנות און דער שרעק.

אין פרילינג צייט איז זי פלוצלינג ערגעץ-וווהין אַוועקגע-פאָרן, און אין עטלעכע טעג אַרום האָט אויך איר מאַן איבערגע-ביטן די דירה.

ווען די צימערן זענען געשטאַנען ליידיק, וואַרטנדיק אויף נייע שכנים, בין איך אַקוק טאָן אויף די נאַקעטע ווענט מיט קוואַדראַטיקע פלעקן אויף די ערטער, וווּ עס זענען געהאָנ-גען די בילדער, מיט אויסגעקרומטע טשוועקעס און ווונדן פון טשוועקעס. איבערן געפאַרבטן דיל זענען צעוואָרפן געווען פאַר-שידנפאַרביקע שמאַטקעס, שטיקלעך פאַפּיר, צעבראָכענע אַפּטייק-פודעלעך פלעשעלעך פון פאַרפומע און ס׳האָט געבלישטשעט אַ גרויסע מעשענע שפּילקע.

מיר איז אומעטיק געוואָרן, ס׳האָט זיך פאַרוואָלט נאָכאַמאָל זען די קליינינקע צושנײדערקע, — זאָגן, ווי טיף איך בין איר דאַנקבאַר...

א

נאָך פאַר דעם, ווי די צושניידערקע איז אַרויסגעפאָרן, האָט זיך אונטער דער דירה פון מײַנע באַלעבאַטים אַרײַנגעצויגן אַ שוואַרץ-אויגיקע יונגע דאַמע מיט אַ מיידעלע און אַ מוטער. אַ גראָאינקע אַלטיטשקע, וואָס האָט אָן אויפהער גערויכערט פּאַפּיראָסן פון אַ בורשטינענעם מונדשטוק. די דאַמע איז געווען זייער אַ שיינע; אַ הערשערישע, אַ שטאָלצע, האָט זי גערעדט מיט אַ גע־דיכטן אָנגענעמען קול, געקוקט אויף אַלעמען, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ, קוים-קוים פאַרזשמורענדיק די אויגן, ריכטיק ווי די מענטשן זענען זייער ווייט פון איר און זי זעט זיי שלעכט. כמעט יעדן טאָג פלעגט דער שוואַרצער זעלנער טיופּיאַעוו צופירן צום בריקל פון איר דירה אַ דינפּיסיקן רויטלעכן פערד, די דאַמע פלעגט אַרויסגיין אויפן בריקל אין אַ לאַנגן, שטאָל-קאָלירענעם סאַמעטע־נעם קלייד, אין ווייסע הענטשקעס מיט מאַנזשעטן, אין געלע שטיוול. האַלטנדיק אין איין האַנט די שלעפּע און אַ בייטשל מיט אַ לילאַ-שטיין אין הענטל, פלעגט זי גלעטן מיטן קליינעם האַנט די פריינטלעך-אויסגעשטשירעטע מאָרדע פון פערד, וואָס האָט גע־קוקט אויף איר פון אַ זייט מיט אַ פייערדיקן אויג, אינגאַנצן גע־ציטערט און שטיל געשלאָגן מיט דער קאָפּעטע איבער דער איינ־געטראַמפּעווטער ערד.

— ראָבער, ראָ — אָבער, — פלעגט זי נישט הויך רעדן און שטאַרק קלאַפּן דעם פערד איבער דעם פיין-אויסגעבויגענעם האַלדז.

דערנאָך פלעגט די דאַמע אַרויפשטעלן אַ פוס אויף טיופּיאַעווס קני, פלינק אַרײַנשפּרינגען אין זאָטל, און דאָס פערד פלעגט גיין

איבער דער גאַס שטאָלץ טאַנצנדיק; זי איז געזעסן אין זאָטל אַזוי געשיקט, ווי זי וואָלט צוגעוואַקסן צו אים.

זי איז געווען שיין מיט יענער זעלטענער שיינקייט, וועלכע קומט תמיד פאַר ווי ניי, פריש און פילט תמיד אָן דאָס האַרץ מיט אַ פאַרשיכּורנדיקע פרייד. קוקנדיק אויף איר האָב איך מיר געטראַכט, אַז אָט אַזעלכע זענען געווען דיאַנאַ פּואַטיע, די מלכּה מאַרגאָ, דאָס מיידל לאַ־וואַליער און די אַנדערע שענהייטן, די העלדינס פון היסטאָרישע ראָמאַנען.

זי איז תמיד אַרומגערינגלט געווען מיט די אָפיצירן פון דער דיוויזיע, וועלכע איז געשטאַנען אין שטאָט, און די אָוונטן האָט מען ביי איר געשפּילט אויפן פּאָרטעפּיאַן און אויף אַ פידל, אויף גיטאַרעס, מ'האָט געטאַנצט און געזונגען. אָפטער פאַר אַלע האָט זיך אַרום איר געדרייט אויף קורצינקע פיסעלעך דער מאַיאָר אַלעסקאָוו, אַ דיקער, רויט־פּנימדיקער, אַ גראָער און פאַרפּעצטער ווי אַ מאַשיניסט פון אַ דאַמפער. ער האָט גוט געשפּילט גיטאַרע און זיך אויפגעפירט ווי אַ הכנעהדיקער, איבערגעגעבענער דינער פון דער דאַמע.

אויך דאָס פינף־יאָריקע מיידעלע, אַ געלאָקטע, אַ פּולינקע, איז געווען אַזוי גליקלעך־שיין, ווי די מוטער. אירע גרויסע, בלאַ־לעכע אויגן האָבן געקוקט ערנסט, מיט אַ רויק־אָפּוואַרטנדיקן בליק און געווען איז אין דאָזיקן מיידעלע עפּעס נישט קינדיש פאַרטראַכטס.

די באָבע איז פון פרי ביזן אָוונט פאַרנומען מיט דער באַ־לעבאַטישקייט צוזאַמען מיט טיופיאַעוון, אַ אָנגעכמורעט־שט מען, און דער דיקער, קאַסאָקער שטוב־מיידל; קיין ניאַנע האָט דאָס קינד נישט געהאַט, דאָס מיידעלע האָט געלעבט כּמעט אָן אַ אויפזיכט, שפּילנדיק גאַנצע טעג אויפן גאַניק אָדער אויף אַ הויפן ברעטער קעגנאיבער אים. אין די אָוונטן פלעג איך אָפט אַרויס־גיין זיך שפּילן מיט איר און האָב זייער ליב באַקומען דאָס מיי־דעלע, און זי האָט זיך שנעל צוגעבונדן צו מיר און פלעגט איינ־שלאָפן ביי מיר אויף די הענט, ווען כ'פלעג איר דערציילן אַ מעשהלע. זי ווערט איינגעשלאָפן און איך טראָג זי אָפּ אויף די

העגט אין בעטל. איינגיבּן איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיך לייגנדיק שלאָפן, האָט זי אומבאַדינגט געפאָדערט, איך זאָל זיך קומען זע־גענען מיט איר, כ'פלעג קומען, זי פלעגט מיר מיט אַ וויכטיקער מינע דערלאַנגען אַ פוכקע הענטעלע און זאָגן:

— זייַ געזונט ביז מאָרגן! באָבע, ווי דאַרף מען זאָגן?

— זאָל דיך גאָט באַשירעמען, — פלעגט די באָבע זאָגן, אַרויסלאָזנדיק פון מויל און פון שפּיציקן נאָז גראָע שטראָמען רויך.

— זאַי*) דיך גאָט באַשירעמען ביז מאָרגן, און איך וועל שוין ש־אָפן, — פלעגט דאָס מיידעלע איבערחזרן, זיך וויקלענ־דיק אין קאָלדרע, אַ באַנייטע מיט שפּיצן.

די באָבע פלעגט איר לערנען:

— נישט ביז מאָרגן, נאָר — אויף תּמיד!

— צי דען איז נישט תּמיד, מאָרגן?

זי האָט ליב געהאַט דאָס וואָרט „מאָרגן” און אַלץ, וואָס איז איר געפעלן, פלעגט זי אַריבערטראָגן אין דער צוקונפט; זי שטעקט אַריין אין דער ערד אָנגעריסענע בלומען, צעבראָכענע צווייַגן און זאָגט:

— מאָרגן וועט עס זיין אַ גאָרטן...

— אַמאָי מאָרגן וועי איך זיך קויפן אַ פערד און וועי פאָרן רייטנדיק, ווי די מאַמע...

זי איז געווען אַ קלוגינקע, אָבער נישט גאָר קיין פריילעכע, אָפטמאָל אינמיטן אַן אויפגעלעבטע שפּיל פאַרטראַכט זי זיך פלוצ־לינג און פרעגט אומגעריכט:

— צוואָס טראָגן די פּאָפּעס האָר, ווי די פרויען?

זי האָט זיך אָפּגעבריט מיט קראָפּעווע, דראָט זי איר מיטן פינגער און זאָגט:

— וואַרט, כ'וועי טאָן תּפילה צו גאָט וועט ער דיר מאַכן זייער שעכט. גאָט קען איעמען מאַכן שעכט — אַפיצ דער מאַמען קען ער באַשטראָפן...

אַמאָל פלעגט אַראָפּנידערן אויף איר אַ שטילער, ערנסטער

*) זאָל.

אומעט; זיך טוליענדיק צו מיר, קוקנדיק אויפן הימל מיט בלאָע, דערוואַרטנדיקע אויגן, פלעגט זי זאָגן:

— די באָבע איז אַמאָל אין פּעס, און די מאַמע קיינמאָל נישט, זי יאַכט נאָר. איך האָבן זי ייב, ווי זי האָט קיינמאָל נישט קיין צייט, כּסדר קומען געסט, געסט, און קוקן אויף איר, ווי זי איז אַ שיינע. זי איז אַ ייבינקע, די מאַמע. אויך אַעסאָוו זאָגט אַזוי: ייבינקע מאַמע!

מיר איז שרעקלעך געפעלן געוועזן צו הערן דאָס מיידעלע, — עס האָט דערציילט וועגן א וועלט, אַן אומבאַקאַנטע פאַר מיר. וועגן איר מוטער האָט זי תּמיד גערעדט גערן און אַסך, — שטיל פלעגט זיך פאַר מיר עפענען אַ נייַ לעבן, ווידער פלעגט זיך מיר דערמאָנען די מלכּה מאַרגאָ, דאָס האָט נאָכמער פאַרטיפט דעם צוטרוי צו ביכער, און אויך דעם אינטערעס צום לעבן.

איינמאָל אינאָוונט, ווען איך בין געזעסן אויפן גאַניק, אָפּ־וואַרטנדיק די באָלעבאַטים, וועלכע זענען אַוועק שפּאַצירן אויפן הויכן ברעג, און דאָס מיידעלע האָט געדרעמלט ביי מיר אויף די הענט, איז צוגעפאָרן רייטנדיק איר מוטער, לייכט אַראָפּגע־שפּרונגען אויף דער ערד און, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ, געפרעגט:

— וואָס טוט זי — שלאָפט?

— יאָ.

— אַזוי גאָר..

ס׳איז אַרויסגעשפּרונגען דער זעלנער טיופיאַעוו, צוגענומען דאָס פערד, די דאַמע האָט אַריינגעשטעקט דעם בייטשל הינטערן גאַרטל און געזאָגט, אויסציענדיק די הענט:

— גיב מיר זי!

— כוועל אַליין אַוועקטראָגן.

— נו! — האָט די דאַמע אַ געשריי געטאָן אויף מיר, ווי אויף אַ פערד, און אַ טופּע געטאָן מיטן פוס אָן טרעפּל פון גאַניק.

דאָס מיידעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט, פינטלענדיק מיט די אויגן אַקוק געטאָן אויף דער מוטער און אויך אויסגעצויגן צו איר די הענט, זיי זענען אַוועק.

כ'בין געווינט געווען מ'זאָל שרייַען אויף מיר, אָבער ס'איז געווען אומאָנגענעם, וואָס אויך דידאָזיקע דאַמע שרייַט, — יעדער וועט איר פאָלגן, ווען זי וועט אפילו שטיל באַפעלן.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מיך געשיקט רופן די קאָסאָקע שטובמיידל, — דאָס מיידעלע קאַפּריזיוועט, זי וויל נישט גיין שלאָפן, ביז זי וועט זיך נישט זעגענען מיט מיר.

כ'בין אַרייַן אין גאַסטצימער, נישט אָן שטאָלץ לגבי דער מוטער. דאָס מיידעלע איז געזעסן אויף דער מוטערס קני, די דאַמע האָט זי מיט געשיקטע הענט אויסגעטאָן.

— נו, שוין, — האָט זי געזאָגט, — אָט איז דאָ, דאָס־דאָזיקע פּאַרזענעניש!

— דאָס איז נישט קיין פּאַרזענעניש, נאָר מייַן ייִנגל...

— אַזוי גאָר? זייער גוט. טאָ קום, לאָמיר עפּעס שענקען דייַן ייִנגל. ווילסט?

— יאָ, כ'וויל!

— זייער גוט, כ'וועל דאָס טאָן, און דו גיי שלאָפן.

— זיי געזונט ביז מאָרגן, — האָט דאָס מיידעלע געזאָגט, אויסציִענדיק צו מיר אַ האַנט, — זאָל דיך גאָט באַשירעמען ביז מאָרגן...

די דאַמע האָט פאַרוווּנדערט אויסגערופן:

— ווער האָט דיר דאָס אויסגעלערנט — די באָבע?

— יאָ־אָ...

ווען דאָס קינד איז אַוועק, האָט מיר די דאַמע צוגערופן מיט אַ פינגער.

— וואָס זשע זאָל איך דיר שענקען?

כ'האָב געזאָגט, אַז מ'דאַרף מיר גאָרנישט שענקען, אָבער — אפשר וועט זי מיר געבן עפּעס אַ ביכל?

זי האָט אויפגעהויבן מייַן גאָמבע מיט הייסע שמעקעדיקע פינגער און געפרעגט מיט אַן אָנגענעמען שמייכל:

— אָט וואָס, האָסט ליב צו לייענען, יאָ? וועלכע ביכער האָסטו שוין געלייענט?

שמייכלענדיק איז זי געוואָרן נאָך שענער; כ'האָב פאַר־שעמטערהייד איר אָנגערופן עטלעכע ראָמאַנען.

— וואָס זשע געפעלט דיר אין זיי? — האָט זי געפרעגט, אַרויפלייגנדיק די הענט אויפן טיש און באַוועגנדיק שטיל מיט די פינגער.

ס'האָט געטראָגן פון איר אַ זיסער, שטאַרקער ריח פון עפּעס אַ מין בלומען, מיט וועלכן ס'האָט זיך מאָדנע צענויפגעגאָסן דער ריח פון פערדישן שוויס. זי האָט אויף מיר געקוקט פון אונטער די לאַנגע ווייעס פאַרטראַכט־ערנסט, — ביזן דאָזיקן מאָמענט האָט נאָך קיינער אַזוי נישט געקוקט אויף מיר.

צוליב דער סך ווייכן און שיינעם מעבל איז אין צימער געווען ענג, ווי אין אַ פויגלשן נעסט; די פענסטער האָט פאַרשטעלט די געדיכטע גרינס פון בלומען, אין דער טונקלקייט האָבן זיך געלויכטן די שניי־ווייסע קאַכלעס פון אויוון, דערלעבן האָט גע־גלאַנצט דער שוואַרצער פּאַרטעפּיאַן, און אין מאַטן גאָלד פון די ראַמען האָבן אַראָפּגעקוקט פון די ווענט עפּעס טונקעלע אַדלס־בריוו, קרום באַשאָטענע מיט גרויסע אותיות פון סלאַוויאַנישן דרוק־שריפט, און אונטער יעדער אַדלס־בריוו איז געהאָנגען אויף אַ שנור אַ טונקעלער, גרויסער שטעמפּל. אַלע זאַכן האָבן געקוקט אויף דער דאָזיקער פרוי פּונקט אַזוי אונטערטעניק און נישט־דרייסט, ווי איך.

כ'האָב איר דערקלערט, אויף וויפל כ'האָב געקענט, אַז ס'לעבן איז זייער שווער און לאַנגווייליק, און ווען מ'לייענט ביכער, פאַרגעסט זיך וועגן דעם.

— יאָ—אָ, אַזוי גאָר? — האָט זי געזאָגט, זיך אויפ־שטעלענדיק. — דאָס איז — נישט שלעכט, און ווער ווייס, אפשר ריכטיק. . נו, מילא, כ'וועל דיר געבן ביכער, אָבער איצט האָב איך נישט... אָבער, וואַרט נאָר, נעם אָט דאָס...

זי האָט גענומען פון דיוואַן אַ צעטרייבערט ביכל אין אַ געלן איינבאַנד.

— ווען דורכלייענען, וועל איך דיר געבן די צווייטע טייל, פיר זענען דאָ...

כ׳בין אװעק, מיטנעמענדיק מיט זיך „די סודות פון פעטערבורג״ פון פירשט מעשטשערסקי, און גענומען לייענען דאָסדאָזיקע בוך מיט גרויס אויפמערזאַמקייט, אָבער שוין גלייך פון די ערשטע זייטלעך איז מיר קלאָר געװאָרן, אַז די פעטערבורגער „סודות״ זענען נישט דער ערך לאַנגװײַליקער פאַר די מאַדרידער, לאָנדאָנער און פאַריזער. אינטערעסאַנט איז מיר בלויז פאָרגעקומען דער משל װעגן דער פרייהייט און דעם שטעקן.

„איך בין העכער פאַר דיר, — האָט געזאָגט די פרייהייט, — דערפאַר, װייל איך בין קליגער״.

„ניין, איך בין העכער פאַר דיר, װייל איך — בין שטאַרקער פאַר דיר״.

האָט מען זיך געאַמפּערט, געאַמפּערט און זיך צעשלאָגן; דער שטעקן האָט אָנגעבראָכן די ביינער דער פרייהייט און די פרייהייט — אויף װיפל איך געדענק — איז געשטאָרבן פון די קלעפּ אין שפּיטאָל.

אין בוך האָט זיך גערעדט װעגן אַ ניהיליסט. כ׳געדענק, אַז לויטן פירשט מעשטשערסקי איז אַ ניהיליסט אַזאַ גיפטיקער מענטש, אַז פון זיין בליק פּגרן הינער. דאָס װאָרט ניהיליסט איז מיר פאָרגעקומען אַלס באַליידיקנדיקס און אומאַנשטענדיקס, אָבער מער האָב איך גאָרנישט פאַרשטאַנען און אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה; װייזט אויס, אַז קיין גוטע ביכער קען איך נישט פאַרשטיין! אַז דאָס בוך איז אַ גוטס, אין דעם בין איך געװען זיכער: אַזאַ חשובע און שיינע דאַמע װעט דאָך נישט לייענען קיין שלעכטע!

— נו, װאָס, ס׳איז דיר געפעלן געװאָרן? — האָט זי געפרעגט, װען כ׳האָב איר אומגעקערט מעשטשערסקיס געלן ראָמאַן.

מיר איז זייער שװער געװען צו ענטפערן — ניין, כ׳האָב געמיינט, אַז זי װעט װערן אין כּעס.

אָבער זי האָט בלויז זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, אַװעק הינטער דער פאָרטיערע, װי ס׳האָט זיך געפונען איר שלאָפצימער,

און אַרויסגעבראַכט פון דאָרטן אַ קליינינקן באַנד, געבונדן אין בלאָען סאַפיאַן-לעדער.

— דאָס וועט דיר געפעלן ווערן, אָבער פאַרשמוץ נישט!

דאָס זענען געווען פּושקינס פּאָעמעס. כ׳האָב זיי אַלע איבערגעלייענט פאַראַמאָל, פאַרכאַפּט פון יענעם גיריקן געפיל, וועלכן מ׳לעבט איבער, אַריינפאַלנדיק אין אַ אויסערגעוויינלעך-שיינעם אָרט — תמיד נעמט אַרום אַ פאַרלאַנג אים אַרומצוּלויפן פאַר איינמאָל. אַזוי קומט פאָר יעדעסמאָל, ווען מ׳גייט לאַנג איבער די מאָכיקע בערגלעך פון אַ זומפּיקן וואַלד און מיטאַמאָל גיט זיך אַ שפּרייט אויס פאַר דיר אַ טרוקענע וואַלד-לאָנקע, איינגאַנצן אין בלומען און זון. איין מינוט קוקסטו אויף איר אַ באַצויבערטער, און דערנאָך לויפסטו זי דורך אינגאַנצן, אַ גליקלעכער, און יעדע באַרירונג פון פוס צו די ווייכע גראָזן פון דער פרוכטבאַרער ערד פילט אָן מיט אַ שטילער פרייד.

פּושקין האָט מיך אַזוי שטאַרק פאַרוואונדערט מיט דער פּשוטקייט און מוזיקאַלישקייט פון פערז, אַז אַ לאַנגע צייט איר מיר פּראָזע פאָרגעקומען ווי געקינסטלט און ס׳איז זי אומבאַקוועם געווען צו לייענען. דער פּראָלאָג צו „רוסלאַנד" האָט מיר דערמאָנט דער באָבעס בעסטע מעשהלעך, צענויפּ-דריקנדיק זיי אויף אַ וווּנדערלעכן אופן אין איינער, און אייניקע שורות האָבן אַרויסגערופן ביי מיר שטוינונג מיט זייער אָפּגעטאָקטער אמתדיקייט.

— דאָרט אויף וועגן אומבאַקאַנטע
שפּורן פון פאַרבאָרגענע חיות —

כ׳האָב איבערגעחזרט אין געדאַנק די וווּנדערלעכע שורות און געזען דידאָזיקע פאַר מיר, זייער גוט באַקאַנטע, קוים באַמערקבאַרע שטעגן, כ׳האָב געזען די געהיימע שפּורן, דורך וועלכע ס׳איז צעטראָטן דאָס גראָז, וואָס האָט נאָך נישט אָפּ-געשאָקלט פון זיך די טראָפּנס טוי, שווערע ווי קוועקזילבער. די פול-קלינגנדיקע פערזן-שורות האָבן זיך וווּנדערלעך-לייכט געדענקט, באַצירנדיק מיט יום-טובדיקייט אַלץ, וועגן וואָס זיי

האָבן גערעדט, דאָס האָט מיך גליקלעך געמאַכט, מיין לעבן איז געוואָרן לייכט און אָנגענעם, די פּערזן האָבן געקלונגען, ווי אַ בשורה פון אַ ניי לעבן. סאַראַ גליק דאָס איז — קענען לייענען!

מער פאַר אַלץ זענען מיר נאָנט און פאַרשטענדלעך געווען פּושקינס פּרעכטיקע מעשהלעך; כ׳האָב זיי דורכגעלייענט עטלעכע מאָל און שוין געקענט אויף אויסנווייניק; כ׳לייג זיך שלאָפן און כ׳שעפּטשע די פּערזן, מיט צוגעמאַכטע אויגן, ביז כ׳ווער אַנטשלאָפן. נישט זעלטן פלעג איך דידאָזיקע מעשהלעך איבערדערציילן די דענשטשיקעס; זיי הערן און לאַכן, זידלען זיך פריינטלעך, סידאָראָוו גלעט מיר איבערן קאָפּ און רעדט שטיל:

— אָט אַ מחיה, אַ? אַך, גאָטעניו...

די אויפרעגונג, וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט, איז באַמערקט געוואָרן דורך די באַלעבאַטים, די אַלטע האָט זיך געזידלט:

— זיך פאַרלייענט, דער טויגעניכטס, און דעם סאַמאָוואַר שוין דעם פערטן טאָג נישט געפּוצט! אָט וועל איך נעמען דעם וואַלגערהאָלץ...

וואָס — אַ וואַלגערהאָלץ? כ׳האָב זיך פאַרטיידיקט קעגן איר מיט פּערזן:

— מיט דער שוואַרצער נשמה ליבנדיק שלעכטס,
האָט די אַלטע מכשפה...

די דאַמע איז נאָך העכער אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן, — אָט סאַראַ ביכער זי לייענט! דאָס איז נישט די פאַרצעלאַיענע צושניידערקע...

ווען כ׳האָב איר געבראַכט דאָס בוך און מיט טרויער אָפּגעגעבן, האָט זי מיט זיכערקייט געזאָגט:

— דאָס איז דיר געפעלן געוואָרן? האָסט געהערט וועגן פּושקינען?

כ׳האָב שוין עפּעס געהאַט געלייענט וועגן דיכטער אין איינעם אַ זשורנאַל, מיר האָט זיך אָבער געוואָלט, אַז זי זאָל אַליין דערציילן וועגן אים, און געזאָגט, אַז כ׳האָב נישט געהערט.

זי האָט מיר קורץ דערציילט וועגן פּושקינס לעבן און

טויט און אַ פּרעג געטאָן, שמייכלענדיק ווי אַ פּרילינג טאָג:

— זעסט, ווי געפּערלעך עס איז צו האָבן פּרויען?

לויט אַלע ביכער, וועלכע כ'האָב דורכגעלייענט, האָב איך געוווּסט, אַז דאָס איז, באמת, — געפּערלעך, אָבער אויך — גוט. כ'האָב געזאָגט:

— געפּערלעך, און אַלע האָבן ליב פּונדעסטוועגן! און אויך די פּרויען פֿייניקן זיך דאָך דערפֿון...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, ווי זי האָט געקוקט אויף אַלץ, דורך די ווייעס און ערנסט געזאָגט:

— אַזוי גאָר? דו פֿאַרשטייסט עס? אויב אַזוי ווינטש איך דיר — זאָלסט עס נישט פֿאַרגעסן!

און גענומען אויספּרעגן, וועלכע לידער עס זענען מיר געפֿעלן געוואָרן.

כ'האָב עפּעס גענומען ריידן, פֿאָכענדיק מיט די הענט, לייענענדיק אויף אויסווייניק. זי האָט מיר אויסגעהערט שווייגנדיק און ערנסט, דערנאָך איז זי אויפֿגעשטאַנען, זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, און גערעדט פֿאַרטראַכטערהייד:

— לערנען וואָלסטו זיך געדאַרפֿט, דו ליבלעכע חיה! כ'וועל וועגן דעם אַ טראַכט טאָן... דײַנע באַלעבאַטים קערן זיך דיר אָן קרובים?

און ווען כ'האָב געענטפֿערט, אַז יאָ, האָט זי אויסגעשריגן:

— אָ! — ווי זי וואָלט מיך פֿאַראורטיילט.

זי האָט מיר געגעבן „בעראַנזשעס לידער", אַ פּרעכטיקע אויסגאַבע, מיט איליוסטראַציעס, מיט אַ גאָלדענעם קאַנט און אַ רויטן לעדערנעם אײַנבאַנד. דידאָזיקע לידער האָבן מיך לגמרי אַראָפּגעפֿירט פֿון זינען מיט זייער אויסטערליש-ענגער פֿאַרבינדונג פֿון פֿאַרביטערטן טרויער מיט הפקרדיקער פֿריילעכקייט.

מיט אַ קעלט אין ברוסט האָב איך געלייענט די ביטערע ווערטער פֿון „אַלטן אָרעמאַן":

— אַ וואָרים אַ היימלאָזער — באַאומרויִק איך אייך?

צעטרעט מיך מיט די פיס און טאַקע גלייך!
צו וואָס רחמנות האָבן? צעקוועטשט — און אויס.
פאַרוואָס האָט איר מיר נישט געלערנט לעבן,
מיין קראַפט קיין אויסגאַנג נישט געגעבן?
פון וואָרים וואָלט אפשר אַ מוראַשקע אַרויס!
ביים שטאַרבן וואָלט איך מיינע ברידער בענטשן,
איצט אָבער, ווען כ'גיי אַלס אַלטער בעטלער אויס,
וויל איך אַ נקמה זען אויף אַלע מענטשן.

און גלייך נאָכדעם האָב איך געלאַכט ביז טרערן, ליי-ענענדיק דעם „וויינענדיקן מאַן". און באַזונדערס זענען מיר אַריין אין זכרון בעראַנזשעס ווערטער:

— די לערע פון פריילעכן לעבן
איז פאַר די פשוטע נישט שווער!...

בעראַנזשע האָט נישט איינמאָל געוועקט אין מיר אַ פריי-לעכקייט, אַ פאַרלאַנג צו הפקר-מעשים, צו זאָגן אַלע מענטשן עזותדיקע, שאַרפע ווערטער, און אין גאַר אַ קורצער צייט האָב איך געהאַט אַ גרויסע פעולה אין דעם. אויך זיינע לידער האָב איך אויסגעלערנט אויף אויסווייניק און מיט גרויס באַגייס-טערונג זיי פאָרגעלייענט די דענשטשיקעס, אַריינלויפנדיק צו זיי אין די קיכן אויף געציילטע מינוטן.

אָבער אינגיכן האָב איך זיך געמוזט אָפּזאָגן דערפון, ווייל די שורות:

און אַ זיבצניאָריק מיידל —
וועלכעס היטל וועט נישט קליידן! —

האָבן אַרויסגערופן אַן עקלהאַפטן שמועס וועגן מיידלעך, דאָס האָט מיך באַליידיקט ביז ווילדקייט און כ'האָב אַ קלאַפּ גע-טאָן דעם זעלבנער יערמאָכין מיט אַ פענדל איבערן קאָפּ. סי-דאָראָוו און אַנדערע דענשטשיקעס האָבן מיך אַרויסגעריסן פון זיינע אומגעשיקטע הענט, אָבער פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין נישט געקענט פועלן ביי זיך צו לויפן איבער די אָפּי-צירישע קיכן.

שפּאַצירן אויפן גאַס האָט מען מיך נישט אַרויסגעלאָזן,

אָגב איז קיין צייט נישט געווען צו שפּאַצירן, די אַרבעט איז אַלץ געוואַקסן; אַ חוץ דער געוויינלעכער אַרבעט פאַר דער שטובמיידל, פּאַרן סטרוזש און אַ „שיק-יינגל", האָב איך איצט יעדן טאָג געדאַרפט אָנשלאָגן מיט טשוועקעס אויף ברייטע ברעטער אַ לייוונט, אָנקלעפּן אויף איר פּלענער, אי-בערשרייבן די ביודזשעטן פון באַלעבאָס, בוי-אַרבעטן, קאָנ-טראָלירן די רעכנונגען פון די אונטערנעמערס, — דער באַ-לעבאָס האָט געאַרבעט פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט, ווי אַ מאַשין.

אין יענער צייט זענען די רעגירונגס-געביידעס פון מאַרק איבערגעגאַנגען צו די הענדלער אַלס פּריוואַט-אייגנטום; די האַלעס האָבן זיך אייליק איבערגעבויט, מיין באַלעבאָס האָט אָנגענומען פּאָדריאַדן אויף רעמאָנטירן די קרעמלעך און אויף בויען נייע. ער פלעגט צענויפשטעלן פּלענער „אויף איבער-מאַכן די געוועלבן, עפענען אין דאַך אַ פענסטערל" א. א. וו.; איך פלעג דידאָזיקע פּלענער טראָגן צום אַלטינקן אַרכיטעק-טאָר, צוזאַמען מיט אַ קופּערט, וווּ עס פלעגט זיין באַהאַלטן אַ פינף-און-צוואַנציקער — דער אַרכיטעקטאָר פלעגט נעמען דאָס געלט און אונטערשרייבן: „דער פּלאַן איז אין הסכם מיטן אָריגינאַל און דעם אויפזיכט איבער די אַרבעטן האָט איבערגענומען דער און דער". פאַרשטייט זיך, דעם אָריגינאַל האָט ער נישט געזען און דעם אויפזיכט איבער די אַרבעטן האָט ער נישט געקענט איבערנעמען, ווייל צוליב זיין קראַנק-הייט פלעגט ער לגמרי נישט פאַרלאָזן די שטוב.

איך פלעג אויך צוטראָגן כאַבאַר דעם אויפזעער פון מאַרק און נאָך געוויסע נויטיקע מענטשן, באַקומענדיק פון זיי „דערלויבניש-פּאַפּירלעך אויף אַלערליי אומגעזעצלעכקייטן", ווי דער באַלעבאָס האָט אָנגערופן דידאָזיקע דאָקומענטן. פאַר דאָס אַלץ, האָב איך באַקומען דאָס רעכט אָפּצוואַרטן די באַלעבאַ-טים ביים טיר, אויפן גאַניק, ווען זיי פלעגן אינאָוונט אַוועק-גיין אין געסט. דאָס פלעגט זיך טרעפן נישט אָפט, אָבער זיי פלעגן זיך אומקערן אַ היים נאָך האַלבער נאַכט, און כ'פלעג עטלעכע שעה זיצן אויפן גאַנעק, אָדער אויף אַ הויפן ברעטער קעגנ-

איבער, קוקנדיק אין די פענסטער פון מיין דאַמעס דירה, גיריק צוהערנדיק זיך צו די פריילעכע שמועסן און מוזיק.

די פענסטער זענען אָפן. דורך די פאָרהאַנגען און די בלומען־נעצן האָב איך געזען, ווי עס באַוועגן זיך איבער די צימערן די שלאַנקע פיגורן פון די אָפיצירן, ווי עס קייקלט זיך דער קיילעכדיקער מאַיאָר, ווי זי שווימט אַרום, אָנגעטאָן ווונדערלעך פשוט, שיין.

כ׳האָב זי פאַר זיך אַליין אָנגערופן — די מלכּה מאַרגאָ.

„אָט איז דאָס זעלבע פריילעכע לעבן, וועגן וועלכעס מען שרייבט אין די פראַנצייזישע ראָמאַנען”, — האָב איך געטראַכט, קוקנדיק אין די פענסטער. און תּמיד איז מיר געווען אַביסל טרויעריק, — מײַן קינדערשער אייפערזוכט האָט ווי געטאָן צו זען אַרום דער מלכּה מאַרגאָ מענער, — זיי האָבן זיך געדרייט אַרום איר, ווי ערדבינען אַרום אַ בלום.

זעלטענער פאַר די אַנדערע פלעגט איר באַזוכן אַ הויכער, נישט־פריילעכער אָפיציר, מיט אַ צעהאַקטן שטערן און טיף־באַהאַלטענע אויגן, ער פלעגט תּמיד מיטברענגען מיט זיך אַ פידל און ווונדערלעך שפּילן, — שפּילן אַזוי, אַז הינטער די פענסטער פלעגן בלייבן שטיין די דורכגייער, אויף די בעלקעס פלעגט זיך צענויפזאַמלען דער עולם פון גאַנצן גאַס, אפילו מיינע באַלעבאַטים — אויב זיי זענען געווען אין שטוב — פלעגן צעעפענען די פענסטער און, צוהערנדיק, לויבן דעם מוזיקאַנט.

כ׳געדענק נישט, זיי זאָלן האָבן געלויבט נאָך וועמען נישט איז, אַ חוץ דעם פּראָטאָדיאַקאָן פון סאָבאָר, און כ׳ווייס אויך, אַז אַ „פּיראָג” מיט פיש־פּעטס איז זיי, פונדעסטוועגן, געפעלן געווען בעסער, ווי מוזיק.

אַמאָל פלעגט דער אָפיציר זינגען און לייענען לידער מיט אַ פאַרשטיקטן קול, מאָדנע פאַרלירנדיק דעם אָטעם, צודריקנדיק די דלאָניע צום שטערן, איינמאָל, ווען איך האָב זיך געשפּילט הינטערן פענסטער מיט דעם מיידעלע און די

מלכה מאַרגאַ האָט אים געבעטן ער זאָל זינגען, האָט ער זיך לאַנג אָפּגעזאָגט, דערנאָך דייטלעך געזאָגט:

בלויז דעם ליד איז נויטיק שיינקייט,

דער שיינקייט איז אויך דאָס ליד נישט נויטיק.

די דאָזיקע פערזן זענען מיר זייער געפעלן געוואָרן און כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר מיר האָט אָנגענומען אַ רחמנות אויפן אָפּיציר.

מיר איז געווען אָנגענעמער צו קוקן אויף מיין דאַמע, ווען זי איז געזעסן ביים פּאָרטעפּיאַן, איינע אַליין אין צי־מער, און געשפּילט. די מוזיק פלעגט מיך פאַרשכורן, כ׳פלעג גאָרנישט זען, אחוץ דעם פענסטער און הינטער אים, אין געלן ליכט פון לאָמפּ, אַ שלאַנקע פרויען־פיגור, דעם שטאָלצן פּראָ־פיל פון איר פּנים און ווייסע הענט, וואָס פליען ווי פויגל איבער די קלאַווישן.

כ׳האָב געקוקט אויף איר, געהערט די טרויעריקע מוזיק און געטרוימט: כ׳וועל ערגיץ־ווו געפינען אַן אוצר און אינ־גאַנצן אָפּגעבן איר — זאָל זי זיין רייך! ווען איך זאָל זיין סקאָבעלעוו, וואָלט איך ווידער דערקלערט מלחמה די טערקן, גענומען אויסלייז־געלט, כ׳וואָלט אויסגעבויט אויפן הויכן וואָלגע ברעג, דעם בעסטן אָרט אין שטאָט, — אַ הויז און אים אַוועקגעשאָנקען איר — אַבי זי זאָל אַרויספאָרן פון דער־דאָזיקער גאַס, פון דאָזיקן הויז, ווו אַלע ריידן וועגן איר באַליידיקנדיק און עקלהאַפט.

סיי די שכנים, סיי די גאַנצע דינערשאַפט פון אונזער הויף, — און באַזונדערס מיינע באַלעבאַטים, — אַלע האָבן גערעדט וועגן דער מלכה מאַרגאַ פּונקט אַזוי שלעכט און בייז, ווי וועגן דער צושניידערקע, נאָר גערעדט האָבן זיי מיט מער פאָרזיכטיקייט, מיט אַ נידעריקן קול, זיך אַרומקוקנדיק.

מורא געהאַט פאַר איר האָט מען, מסתמא, דערפאַר, ווייל זי איז געווען אַן אלמנה פון זייער אַ באַרימטן מענטשן — די אַדלס־בריוו אויף די ווענט פון איר צימער זענען גע־שאָנקען געוואָרן איר מאַנס זיידעס דורך די אַלטע רוסישע

קיסרים: גאָדונאָוו אַלעקסעי און פּיאָטר דעם גרויסן, — דאָס האָט מיר דערציילט דער זעלנער טיופּיאַעוו, אַ מענטש וואָס קען לעזן־שרייבן, וועלכער האָט תּמיד געלייענט די עוואַנגעליע. ס׳קען אויך זיין, אַז מען האָט מורא געהאַט, זי זאָל נישט אָפּשמייסן מיט איר בייטשל מיטן לילאַ שטיין אין הענטל, — מ׳האָט דערציילט, אַז זי האָט שוין מכבד געווען מיט שמיץ עפּעס איינעם אַ וויכטיקן באַאַמטן.

אָבער די וועכטער אינדערשטיל זענען נישט געווען בעסער פון די הויך־אַרויסגעזאָגטע ווערטער; מיין דאַמע האָט געלעבט אין אַטמאָספער פון שנאה צו איר, פון אַ שנאה, וואָס איז געווען פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך און האָט מיך געמאַטערט. וויקטאָרושקאַ האָט דערציילט, אַז צוריקקומענדיק אהיים נאָך האַלבער נאַכט, האָט ער אַריינגעקוקט אין פענסטער פון דער מלכּה מאַרגאָס שלאָפצימער און דערזען, אַז זי זיצט אין איין העמד אויף דער סאָפע, און דער מאַיאָר שטייט אויף די קני און שערט די נעגל אויף אירע פיס און ווישט זיי אָפּ מיט אַ שוואָם.

די אַלטע האָט דערביי געשפּיגן, געזידלט זיך, די יונגע באַלעבאָסטע האָט געקוויטשעט, רויט־ווערנדיק:

— וויקטאָר, פע! סאַראַ אומפאַרשעמטער! אַך, סאַראַ פּאַסקודניאַקעס די דאָזיקע פּריצים זענען!

דער באַלעבאָס האָט געשוויגן, אונטערגעשמייכלט, — כ׳בין אים זייער דאַנקבאַר געווען דערפאַר, וואָס ער שווייגט, אָבער כ׳האָב געוואַרט מיט שרעק, אַז אויך ער וועט מיטפילנדיק צושטיין צום טומל און געוואַיעריי. קוויטשענדיק און אָכענדיק האָבן די פרויען געענוי אויסגעפרעגט וויקטאָרושקען, ווי אַזוי די דאַמע איז געזעסן, ווי אַזוי דער מאַיאָר איז געשטאַנען אויף די קני — וויקטאָר האָט צוגעגעבן אַלץ נייע פּרטים:

— די צורה — רויט, דער צונג — אַרויסגעשטעקט:

כ׳האָב קיין שום שענדלעכס נישט געזען אין דעם, וואָס דער מאַיאָר שערט דער דאַמע די נעגל, כ׳האָב אָבער נישט

געגלויבט, אַז ער האָט אַרויסגעשטעקט אַ צונג, דאָס איז מיר פאָרגעקומען אַ שענדלעכער ליגן און כ'האָב געזאָגט וויקטאָ־רושקען:

— אויב דאָס איז שלעכט, טאָ פאַרוואָס האָט איר אַריינ־געקוקט אין פענסטער? איר זענט נישט קיין קליינינקער...

מ'האָט מיך, פאַרשטייט זיך, אויסגעזידלט, אָבער די זיד־לערייען האָט מיך נישט באַליידיקט, מיר האָט זיך געוואָלט בלויז איינס — אַרונטערלויפן אונטן, זיך שטעלן אויף די קני פאַר דער דאַמע, ווי דער מאַיאָר איז געשטאַנען, און זיך בעטן ביי איר:

— זייט אַזוי גוט, ציט זיך אַרויס פון דאָזיקן הויז!

איצט, ווען איך האָב געוווסט, אַז ס'איז דאָ אַן אַנדער לעבן, אַנדערע מענטשן, געפילן, געדאַנקען, האָט דאָס דאָזיקע הויז, מיט אַלע זיינע איינוווינער, אַרויסגערופן ביי מיר אַלץ אַ שווערערן עקל. עס איז איינגאַנצן אַרומגעפלאָכטן געווען מיט אַ שמוציקער נעץ שענדלעכע רכילותן, ס'איז נישט גע־ווען אין אים קיין אייניציקער מענטש, וועגן וועלכן מ'זאָל נישט ריידן ביידזוויליק, דער מיליטער־פּאָפּ, אַ קראַנקער, אַן אומגליקלעכער האָט באַקומען אַ שם פון אַ שכּור און נואף; די אָפיצירן און זייערע ווייבער האָבן, לויט די דערציילונגען פון מיינע באַלעבאַטים, געלעבט אין זנות; ס'האָט מיך גע־עקלט פון די אייניאָניקע שמועסן פון די זעלנער וועגן פרויען און מער פאַר אַלץ זענען מיר דערעסן געוואָרן מיינע באַלע־באַטים — כ'האָב צו גוט געוווסט דעם אמתן ווערט פון זייע־רע געליבטע, אומברחמנותדיקע אורטיילן וועגן מענטשן. זיך צוקוקן צו די פעלערן פון מענטשן איז די אייניציקע פאַר־ווייליונג, מיט וועלכער מ'קען זיך באַנוצן אומזיסט. מיינע באַ־לעבאַטים האָבן זיך בלויז געווײלט, פייניקנדיק די אַרומיקע מענטשן מיט רייד, ריכטיק ווי זיי וואָלטן זיך אין אַלעמען נוקם געווען דערפאַר, וואָס זיי אַליין לעבן אַזוי גאָטספאָרכ־טיק, שווער און לאַנגווייליק.

האָט מען וועגן דער מלכּה מאַרגאָ גערעדט שמוציק

פלעג איך איבערלעבן קאָנוולסיווע אָנפֿאַלן פֿון נישט קיין קינדערשע געפֿילן, מיין האַרץ פֿלעגט פֿול ווערן מיט שנאה צו די רכילותניקעס, ס׳פֿלעגט מיך אַרומכאַפּן אַן אומבאַזיגלעכער פֿאַרלאַנג צו רייצן אַלעמען, אָפּטאָן שטיקלעך, און אַמאָל פֿלעג איך איבערלעבן אַ פּיינלעכן צופֿלוס פֿון רחמנות־געפֿיל צו זיך און צו אַלע מענטשן, — דערדאָזיקער שטומער רחמנות איז נאָך שווערער געווען פֿאַר דער שנאה.

איך האָב וועגן דער מלכה געוווסט מער, ווי זיי האָבן געוווסט, און כ׳האָב מורא געהאַט, זיי זאָלן זיך נישט דערוויסן דאָס, וואָס איך ווייס.

אין די יום־טובים, ווען די באַלעבאַטים פֿלעגן אַוועקגיין אין סאָבאָר אַריין צו דער שפּעטער נאָכמיטאָג־תּפֿלה, פֿלעג איך אַריינגיין צו איר אין דער פֿרי, זי פֿלעגט מיך אַריינרופֿן צו זיך אין שלאָפֿצימער. איך פֿלעג זיך זעצן אויף אַ קליינעם, מיט גאָלדיקן זיידנס באַשלאָגענעם פֿאָטעל, דאָס מיידעלע פֿלעגט אַרויסקריכן אויף מיינע קני, איך פֿלעג דער מוטער דערציילן וועגן די דורכגעלייענטע ביכער. זי איז געלעגן אויף אַ ברייטער בעט, האַלטנדיק אונטערן באַק די קליינע, צוזאַמענגעלייגטע דלאָניעלעך, איר קערפּער איז באַהאַלטן אונטערן צודעק, וואָס איז אויך אַזוי גאָלדיק, ווי אַלץ אין שלאָפֿצימער, די טונקעלע האָר, פֿאַרפֿלאָכטענע אין אַ צאָפּ וואָס איז אַריבערגעוואָרפֿן געווען איבער אַ ברוינעם אַקסל, זענען איר געלעגן פֿון פֿאָרנט, אַמאָל אַראָפּהענגענדיק פֿון בעט אויפֿן דיל.

מיך אויסהערנדיק, קוקט זי אין מיין פּנים מיט ווייכע אויגן און שמייכלענדיק, קוים צו באַמערקן, רעדט זי:

— אַזוי גאָר?

אפֿילו איר קינציקער שמייכל איז אין מיינע אויגן בלויז געווען אַ גנאָד־שמייכל פֿון אַ מלכה. זי האָט גערעדט מיט אַ געדיכט, גלעטנדיק קול און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי רעדט תּמיד דאָסזעלבע:

— כ׳ווייס, אַז איך בין אָן אַ שיר בעסער, ריינער פֿאַר אַלע מענטשן און כ׳נויטיק זיך נישט אין קיינעם פֿון זיי.

אַמאָל פלעג איך זי טרעפן פאַרן שפּיגל, זי איז געזעסן אויף אַ נידעריקן פאָטעל, פאַרקעמענדיק די האָר, זייערע עקן זענען געלעגן אויף אירע קני, אויף די פאָטעל־הענטלעך, זיך אַראָפּגעלאָזן איבער זיין ווענטל כמעט ביזן דיל — די האָר אירע זענען געווען פונקט אַזוי לאַנג און געדיכט, ווי ביי דער באָבען. כ׳האָב געזען אין שפּיגל אירע ברוינע, שטייפע בריסט, זי פלעגט אָנטאָן אין מיין קעגנוואַרט דעם ליף, די זאָקן, אָבער איר ריינע נאַקעטקייט האָט נישט געוועקט אין מיר קיין שענדלעכע געפילן, נאָר בלויז אַ פריידיקן שטאָלץ געפיל פאַר איר. שטענדיק האָט פון איר געשטראָמט אַ ריח פון בלומען, וועלכער האָט זי געשיצט פאַר שלעכטע געדאַנקען וועגן איר.

איך בין געווען געזונט, שטאַרק, כ׳האָב גוט געוווּסט די סודות פון פרוי און מענער באַציאונג, אָבער די מענטשן האָבן אין מיין קעגנוואַרט גערעדט וועגן דידאָזיקע סודות מיט אַזאַ געפיללאָזער בייזוויליקייט, מיט אַזאַ אכזריות, אַזוי שמוציק, אַז כ׳האָב זיך נישט געקענט פאָרשטעלן דידאָזיקע פרוי אין די אָרימס פון אַ מאַנסביל, מיר איז שווער געווען דער גע־דאַנק, אַז עמיץ האָט דאָס רעכט זיך צו צורירן צו איר העזהדיק און אומפאַרשעמט, מיט אַ האַנט פון אַ באַלעבאָס איבער איר קערפּער, כ׳בין זיכער געווען, אַז די ליבע פון די קיכן און קעמערלעך איז פרעמד דער מלכה מאַרגאָ, זי ווייס וועגן אַנדערע, העכער פריידן, וועגן אַן אַנדערע ליבע.

אָבער איינמאָל, אַרום אָוונטצייט, אַריינקומענדיק אין גאַסט־צימער, האָב איך דערהערט הינטער דער פּאָרטיערע פון שלאָפצימער דעם קלינגנדיקן געלעכטער פון דער דאַמע פון מיין האַרצן און אַ מענער־קול, וועלכער האָט געבעטן:

— וואַרט אונטער... גאָט מיינער! כ׳גלויב נישט.

כ׳האָב געדאַפט אַוועקגיין, כ׳האָב דאָס פאַרשטאַנען, כ׳האָב אָבער נישט געקענט אַוועקגיין...

— ווער איז דאָרט? — האָט זי געפרעגט. דו? קום אַריין...

אין שלאָפצימער איז די לופט געווען געשטיקט פון

בלומען־ריחות; טונקל, די פענסטער זענען געווען פאַרהאָנ־גען... די מלכּה מאַרגאָ איז געלעגן אויפן בעט, איבערגע־דעקט ביז דער גאָמבע מיט דער דעקע, און לעבן איר, ביים וואַנט, איז געזעסן אין איין העמד, מיט אַן אָפענער ברוסט, דער פידלער־אָפּיצער, — אויך אויף זיין ברוסט איז געווען אַ שראַם, ער איז געצויגן ווי אַ רויטער פּאַס פון רעכטן אַקסל ביז דער ברוסט־וואָרצעלע און איז געווען אַזוי העל־רויט, אַז אַפילו אין דער טונקלקייט האָב איך אים געזען. דעם אָפּיצירס האָר זענען געווען קאָמיש צעשויבערט, און צום ערשטן מאָל האָב איך געזען אַ שמייכל אויף זיין טרויעריקן, צעשניטענעם פּנים, — מאָדנע האָט ער געשמייכלט. און זיינע גרויסע, פּרויאישע אויגן האָבן געקוקט אויף דער מלכּה אַזוי, ריכטיק ווי ער וואָלט ערשט איצט צום ערשטן מאָל באַמערקט איר שיינקייט.

— דאָס איז מיין פריינט, — האָט געזאָגט די מלכּה מאַרגאָ, כ׳ווייס נישט, — צו מיר, אָדער צו אים.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי איבערגעשראָקן? — האָב איך ווי פון דערווייטנס דערהערט איר קול. — קום אַהער...

ווען איך בין צוגעגאַנגען, האָט זי מיך אַרומגענומען פאַרן האַלז מיט דער נאַקעטער, הייסער האַנט און געזאָגט:

— וועסט אויסוואַקסן — וועסטו אויך זיין גליקלעך... גיי...

כ׳האָב אַוועקגעלייגט דאָס בוך אויף דער פּאָליצע, גע־נומען אַ צווייטס און אַוועק, אַזוי ווי כ׳בין אריין.

אין האַרצן ביי מיר האָט עפּעס געפּלאַצט. פאַרשטייט זיך, כ׳האָב אויף קיין איין מינוט נישט צוגעלאָזן דעם גע־דאַנק, אַז מיין מלכּה האָט ליב, ווי אַלע פרויען, און אויך דער אָפּיציר האָט נישט דערלאָזן צום דאָזיקן געדאַנק. כ׳האָב געזען פאַר זיך זיין פּנים, דעם שמייכל, — ער האָט געשמייכלט פריידיק, ווי עס שמייכלט אַ קינד, וואָס ווערט אומגעריכט פאַרווונדערט, זיין טרויעריק פּנים איז וווּנדערלעך באַנייט גע־וואָרן. ער האָט זי געמוזט ליב האָבן — צי דען קען מען

זי נישט ליב האָבן? און אויך זי האָט אים געקענט מיט אַ ברייטער האַנט באַשענקען מיט איר ליבע — ער האָט אַזוי ווונדערלעך געשפּילט, אַזוי האַרציק געלייענט לידער...

אָבער שוין דאָס אַליין, וואָס איך האָב געדאַרפט געפינען דידאָזיקע טרייסט־געדאַנקען, האָט פאַר מיר קלאָר געמאַכט, אַז נישט אַלץ איז גוט, נישט אַלץ איז ריכטיק און מיין באַציאונג צו דעם, וואָס כ'האָב געזען, און צו דער מלכּה מאַרגאָ אַליין. כ'האָב זיך געפילט אַזוי, ווי כ'וואָלט עפּעס פאַרלאָרן און עטלעכע טעג האָב איך געלעבט אין טיפן טרויער.

...איינמאָל האָב איך ווילד און בלינד זיך צעשטיפט, און ווען כ'בין געקומען צו דער דאַמע נאָך אַ ביכל, האָט זי מיר זייער שטרענג געזאָגט:

— נישקשה, ביסט אַ געפערלעכער שטיפער, ווי כ'האָב געהערט! כ'האָב זיך נישט געריכט אויף דעם...

כ'האָב נישט אויסגעהאַלטן און גענומען דערציילן, ווי נודנע ס'איז מיר צו לעבן, ווי שווער עס איז צו הערן, ווען מ'רעדט וועגן איר שלעכטס. שטייענדיק קעגנאיבער מיר, אַרויפלייגנדיק אַ האַנט אויף מיין אַקסל, האָט זי צוערשט מיך אויסגעהערט אויפמערקזאַם, ערנסט, אָבער אינגיכן האָט זי זיך צעלאַכט און מיך שטיל אָפּגעשטויסן.

— גענוג, כ'ווייס דאָס אַלץ — פאַרשטייסט? כ'ווייס!

דערנאָך האָט זי מיך אָנגענומען פאַר ביידע הענט און געזאָגט מיט גרויס פריינטלעכקייט:

— וואָס ווינציקער דו וועסט לייגן אַכט אויף דידאָזיקע אַלע שווינערייען, אַלץ בעסער איז פאַר דיר... און די הענט וואַשטו שלעכט...

נו, דאָס האָט זי געמעגט נישט זאָגן; ווען זי וואָלט געשייערט קופּער, געוואַשן דילן און ווינדעלעך, בין איך זיכער, אַז אירע הענט וואָלטן אויך נישט געווען בעסער פאַר מיינע.

— ווייס אַ מענטש ווי צו לעבן — איז מען אין כּעס אויף אים, מ'איז אים מקנא; ווייס ער נישט ווי — פאַראַכ-

טעט מען אים, — האָט זי פאַרטראַכט גערעדט, מיך אויפ־הויבנדיק, צוציענדיק צו זיך און מיט אַ שמייכל פאַרקוקנדיק מיר אין די אויגן. — האָסט מיך ליב?

— יאָ.

— שטאַרק?

— יאָ.

— און — ווי?

— כ'ווייס נישט.

— אַ דאַנק, ביסט אַ ווילער! כ'האָב ליב, ווען מען האָט מיך ליב...

זי האָט אַ שמייכל געטאָן, עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער, אָפּזיפצנדיק, לאַנג געשוויגן, נישט אַרויסלאָזנדיק מיך פון אירע הענט.

— קום אַריין צו מיר אָפּטער; ווי נאָר דו קענסט, קום גלייך אַריין...

כ'האָב זיך באַנוצט מיט דעם און אַ סך גוטעס באַקומען פון איר. נאָך מיטאָג פלעגן זיך מיינע באַלעבאַטים צוליגן שלאָפן, און איך פלעג אַרונטערלויפן אונטן און, אויב זי איז געווען אין שטוב, זיצן ביי איר אַ שעה, אַפילו מער.

— לייענען דאַרף מען רוסישע ביכער. מ'דאַרף קענען דאָס אייגענע, דאָס רוסישע לעבן, — פלעגט זי מיך לערנען, אַריינשטעקנדיק אין אירע שמעקעדיקע האָר האָרנאָדלען מיט די געשיקטע ראָזע פינגער.

און אויסרעכענענדיק נעמען פון רוסישע שרייבערס פלעגט זי פרעגן:

— וועסט געדענקען?

זי פלעגט אָפט ריידן פאַרטראַכטערהייד און מיט אַ לייכטן פאַרדרוס:

— דו דאַרפסט זיך לערנען, לערנען, און איך פאַרגעס פסדר וועגן דעם! אַך, גאָט מיינער...

אָפּזיצנדיק ביי איר, פלעג איך אַרויפלויפן אין דער

הויך מיט אַ נייעם בוך אין די הענט און ריכטיק ווי אויס־געוואַשן פון אינעווייניק.

כ'האָב שוין געהאַט דורכגעלייענט אַקסאַקאָווס „פאַמיליען־כראָניק"; די פּרעכטיקע רוסישע פּאָעמע — „אין די וועלדער"; די ווונדערלעכע „נאָטיצן פון אַ יעגער"; עטלעכע בענדלעך פון גרעבענקאָ און סאָלאָגוב; לידער פון ווענעווי־טינאָוו, אָדאָיעווסקי, טיוטטשעוו. דידאָזיקע ביכער האָבן אויס־געוואַשן מיין נשמה, אָפּגערייניקט זי פון דער איינדרוקן־שאָ־לעכטס פון דער אָרעמער און ביטערערווירקלעכקייט, כ'האָב דערפילט, וואָס אַזוינס עס איז אַ גוט בוך, און כ'האָב דער־שפּירט איר נויטווענדיקייט פאַר מיר. פון דידאָזיקע ביכער איז אין דער נשמה רויק אויסגעוואַקסן אַ פעסטע זיכערקייט: כ'בין נישט איינזאַם אויף דער ערד און — כ'וועל נישט אומקומען!

ס'פלעגט קומען די באָבע, כ'פלעג איר מיט באַגייסטע־רונג דערציילן וועגן דער מלכּה מאַרגאָ — די באָבע פלעגט געשמאַק שמעקן טאַבאַקע און זאָגן זיכער:

— נו, נו, אָט דאָס איז גוט! גוטע מענטשן זענען דאָך דאָ אַ סך, מ'דאַרף בלויז אַ זוך טאָן, — וועסט געפינען!

און איינמאָל האָט זי פאַרגעלייגט:

— אפשר זאָל איך אַראָפּגיין צו איר, זאָגן אַ דאַנק פאַר דיר?

— ניין, מ'דאַרף נישט...

— נו, איז נישט... גאָטעניו, גאָטעניו, — ווי גוט עס איז אַלץ! לעבן בין איך מסכּים — אויף אייביקע יאָרן!

דער מלכּה מאַרגאָ איז נישט אויסגעקומען צו זאָרגן וועגן דעם, איך זאָל זיך לערנען, — צו טראָיצע*) צו האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ עקלהאַפטע געשיכטע און מיך שיר נישט אומגעבראַכט.

קורץ פאַר די יום־טובים זענען ביי מיר שרעקלעך גע־שוואָלן געוואָרן די וויעס און די אויגן האָבן זיך אינגאַנצן

*) דער קריסטלעכער שבועות (איב.).

צוגעמאַכט; די באַלעבאַטים האָבן זיך דערשראָקן, איך זאָל נישט בלינד ווערן, און אויך איך האָב זיך איבערגעשראָקן. מ'האָט מיך אָפּגעפירט צו אַ באַקאַנטן דאָקטאָר־אָקושאָר געני־ריק ראָדזעוויטש, ער האָט מיר דורכגעשניטן די וויעס פון איבעווייניק, עטלעכע טעג בין איך געלעגן מיט אַ בינדער אויף די אויגן, אין אַ פינצטערער, שוואַרצער לאַנגווייליקייט. ערב טראָיצע האָט מען די בינדע אַראָפּגענומען און איך האָב זיך ווידער געשטעלט אויף די פיס, ווי כ'זאָל אויפשטיין פון קבר ווהין מ'האָט מיך אַריינגעלייגט לעבעדיקערהייט. קיין שום זאַך קען נישט זיין שרעקלעכער, ווי פאַרלירן די ראיה; דאָס איז אַן אומבאַשרייבלעכע צרה, זי נעמט צו ביי אַ מענטשן זיין צענטל פון דער וועלט.

אַלס קראַנקער בין איך אין פרייטיקן טראָיצע־טאָג פון נאָכמיטאָג אָן באַפרייט געוואָרן פון אַלע מיינע פליכטן און כ'בין געגאַנגען איבער די קיכן, באַזוכנדיק די דענשטיקעס. אַלע, אַ חוץ דעם שטרענגן טיופּיאַעוו, זענען געווען שכּור; אַרום אָוונט צייט האָט יערמאָכין אַ קלאַפּ געטאָן סידאָראָווין איבערן קאָפּ מיט אַ שייטל האָלץ, סידאָראָוו איז אָן באַוווּסט־זיין אומגעפאַלן אין פאָרהויז, און דער איבערגעשראָקענער יערמאָכין איז אַנטלאָפן אין גראָבן.

איבערן הויף האָט זיך שנעל צעטראָגן אַן אומרויקע געמורמל, אַז סידאָראָוו איז דערהרגעט. אַרום גאַניק האָבן זיך צענויפגעקליבן מענטשן, געקוקט אויפן זעלנער, וועלכער האָט זיך אומבאַוועגלעך אויסגעצויגן איבערן שוועל, מיטן קאָפּ פון קיך אין פאָרהויז; מ'האָט געמורמלט, אַז מ'דאַרף רופן פּאָלי־ציי, אָבער קיינער האָט נישט גערופן און קיינער האָט נישט געוואַגט זיך צוצורירן צום זעלנער.

ס'איז אַראָפּגעקומען די וועשין נאַטאַליאַ קאָזלאָווסקאַיאַ, אין אַ ניי בעז־פאַרביק קלייד, מיט אַ ווייסן טיכל אויף די אַקסלען, מיט פּעס צעשטופּט די מענטשן, אריין אין פאָרהויז, זיך אַרונטערגעזעצט און הויך געזאָגט:

— נאַראָנים — ער לעבט! וואַסער גיט...

מ'האָט זי גענומען איינרעדן.

— מיש זיך נישט בעסער אין פרעמדע עסקים!

— וואָסער, זאָג איך! — האָט זי אַ געשריי געטאָן, ווי אויף אַ שׂרפה; אויפהויבנדיק איר נײַ קלייד העכער פון די קני, האָט זי אָפּגעצויגן דאָס אונטערקלייד און אַוועקגעלייגט דעם זעלנערס פאַרבלוטיקטן קאָפּ צו זיך אויפן קני.

דער עולם איז זיך אומפּרייענטלעך און שרעקעוודיק פאַנאַנדערגעגאַנגען; אין דער טונקלקייט פון פאַרהויז האָב איך געזען, ווי ביין עס פינקלען אויף דער ווײַסינס קיילעכדיקן, ווײַסן פּנים די אויגן, אָנגעפּולטע מיט טרערן. כ'האָב געבראַכט אַן עמער וואַסער, זי האָט געהייסן גיסן דאָס וואַסער אויף סידאָראָווס קאָפּ, אויף זײַן ברוסט, און געוואָרנט:

— מיך גיס נישט אָפּ, — כ'דאַרף גיין צו גאַסט...

דער זעלנער האָט זיך אויפגעכאַפּט, געעפנט די טעמפּע אויגן, אַ קרעכץ געטאָן.

— הויב אויף, — האָט נאַטאַליאַ געזאָגט, נעמענדיק אים אונטער די אָרעמס און האַלטנדיק אים אויף די אויסגעצויגענע הענט, כּדי נישט איינצומאַכן דאָס קלייד. מיר האָבן דעם זעלנער אַרײַנגעטראָגן אין קיך, אַוועקגעלייגט אויף דער בעט, זי האָט אים אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט אַ פייכטער שמאַטקע, און אַליין אַוועקגעגאַנגען, זאָגנדיק:

— נעץ איין די שמאַטקע אין וואַסער און האַלט אויפן קאָפּ, און איך וועל גיין אָפּזוכן יענעם שוטה. שדים, וועסט נאָך זען, ביז קאַטאָרגע וועלן זיי זיך דערשפּורן.

און איז אַוועק, אַרונטערלאָזנדיק פון די פיס אויפן דיל און אָועקשלײַדערנדיק אין ווינקל אַרײַן די אײַנגעמאַכטע אונטערקלייד, זאָרגעוודיק צורעכטמאַכנדיק דאָס רוישנדיקע, צעקנייטשטע קלייד.

ציענדיק זיך האָט סידאָראָוו געשלוקערצט, געקרעכצט, פון זײַן קאָפּ איז געפאַלן אויף מײַן באָרוויסן פוס וואַרעמע טראָפּנס שווערע בלוט, — דאָס איז געווען אומאָנגענעם, אָבער פון שרעק האָב איך זיך נישט דערוועגט אָפּצורוקן דעם פוס.

ס'איז געווען ביטער; אויפן הויף שיינט אַ יום־טובדיקער טאָג, דער גאַניק פון הויז, די טויערן זענען באַצירט מיט יונגע בעריאָזקעס; צו יעדער פריזבע זענען צוגעבונדן פרישע אָפּגעהאַקטע צווייגן פון קליאָן, ריאַבינע; די גאַנצע גאַס איז פריילעך גרין געוואָרן, אַלץ איז אַזוי יונג, ניי, פרימאָרגנס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער פרילינגס־יום־טוב איז געקומען אויף לאַנג, און פון דאָזיקן טאָג אָן וועט דאָס לעבן אַוועק ריינער, ליכטיקער, פריילעכער.

דער זעלנער האָט אָפּגעבראָכן, אַ שטיקנדיקער גערוך פון וואַרעמען בראָנפן און גרינע ציבעלע האָט אָנגעפילט די קיך. צו די פענסטער־שויבן קלעפּן זיך צו פון צייט צו צייט עפּעס אַזעלכע טריבע, ברייטע צורות, מיט צעקוועטשטע נעזער, די דלאָניעס, וועלכע זענען צוגעלייגט צו די באַקן! גיבן צו די דאָזיקע צורות העסלעך לאַנגע אויערן.

דער זעלנער האָט געמורמלט, דערמאָנענדיק זיך:

— וואָס איז מיט מיר? כ'בין אומגעפאַלן? יערמאָכין? נישקשה פון אַ חבר...

דערנאָך האָט ער גענומען הוסטן, זיך צעוויינט מיט שכורע טרערן און גענומען וואָיען:

— שוועסטערל מיינע... שוועסטערקע...

ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, אַ גליטשיקער, אַ נאַסער און שטינקנדיקער, זיך אַ וואַקל געטאָן און, אַ פאַל טוענדיק אויפן בעטל, געזאָגט, מאָדנע דרייענדיק מיט די אויגן:

— שוין אינגאַנצן דערהרגעט...

ס'האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ געלעכטער.

— צו אַלדע רוחות, ווער לאַכט? — האָט דער זעלנער געפרעגט, טעמפּ קוקנדיק אויף מיר. — ווי אַזוי לאַכסטו דאָס? מיך האָט מען אויף אייביק דערהרגעט...

ער האָט מיך גענומען אָפּשטויסן מיטביידע הענט און געבורטשעט:

— דער ערשטער טערמין — אליהו הנביא, דער צוויי־

ער — יעגאָרי אויפן פערד, און דער דריטער — קום גיכער צו צו מיר! טראָג זיך פון דאַנעט, וואָלף...

כ׳האָב אים געזאָגט:

— מאַך נישט קיין שטיק.

ער איז זינלאָז אין כעס געוואָרן, זיך צעריטשעט, גענומען שאַרן מיט די פיס.

— מ׳האָט מיך דערהרגעט, און דו...

און מיט דער שלאַפער, שמוציקער האַנט האָט ער מיך שווער אַ קלאַפּ געטאָן איבער די אויגן, כ׳האָב אַ ריטשע געטאָן פון ווייטאָג, בלינד געוואָרן און קוים אַרויסגעשפּרונגען אויפן הויף. נאַטאַליען אַנטקעגן; זי האָט געפירט יערמאָכינען פאַרן האַנט און געשריגן:

גיי, פערד! וואָס לויפסטו? — האָט זי געפרעגט, מיך אָנכאַפּנדיק.

— ער שלאָגט זיך...

— ער שלאָ—אָגט זיך? — האָט נאַטאַליאַ אויסגעצויגן מיט פאַרוווּנדערונג, און, אַ צי טוענדיק יערמאָכינען פאַרן אָרבל, אים געזאָגט:

— נו, שד איינער, מעגסט לויבן דיין גאָט!

כ׳האָב מיר אויסגעוואַשן די אויגן מיט וואַסער און, קוקנדיק פון פאָרהויז אין טיר, געזען, ווי די זעלנער האָבן שלום געמאַכט, זיך אַרומגענומען און געוויינט, דערנאָך האָבן בײדע גענומען אַרומנעמען נאַטאַליאַן, און זי האָט זיי געכמאַליעט איבער די הענט, שרייענדיק:

— נעמט צו די הענט, הינט! וואָס בין איך אייך — אַ נקבה פון אייערע? לייגט זיך אַוועק פּאַפּן, כל זמן אייערע הערן זענען אינדערהיים נישטאָ — נו, לעבעדיק, אַנישט וועט איר האָבן אַ וויסטן סוף!

זי האָט זיי געלייגט שלאָפן, ווי קליינע קינדער, איינעם — אויפן דיל, דעם צווייטן אויפן בעטל, און ווען זיי האָבן גענומען כראָפּען — אַרויס אין פאָרהויז.

— כ׳האָב זיך אויסגעשמירט איינגאַנצן, און — צו געסט

זיך געקליבן. ער האָט דיך אַ קלאַפּ געטאָן?.. סאַראַ שוטה דאָס איז! אָט דאָס הייסט דאָס בראָנפּעלע. טרינק נישט, בחורל, קיינמאָל זאָלסטו נישט טרינקען...

דערנאָך בין איך מיט איר געזעסן ביים טויער אויף אַ באַנק און געפרעגט, — ווי אַזוי האָט זי דאָס קיין מורא נישט פאַר שיכורע?

— פאַר קיין ניכטערע האָב איך אויך קיין מורא נישט, איך האַלט זיי — אָט ווו! — זי האָט געוויזן אַ פעסט פאַר־קוועטשטן, רויטן פויסט. — מיין מאַנעלע, דער געשטאָרבענער פלעגט אויך ביטער שכורן, טאָ פלעג איך אים אָפּט, דעם שכורל, בינדן די הענט מיט די פיס, און ווי נאָר ער שלאָפט זיך אויס, — אַז איך שלעפּ דאָס אַראָפּ פון אים די הויזן, און שמייס אים אָפּ מיט געזונטע ריטער — טרינק נישט, שכור נישט, האָסטו חתונה געהאַט — איז די ווייב דיין פאַרוויילונג, און נישט דאָס בראָנפן! יאָ, כ׳פלעג אַריינטשאָכטשען ביז מיד־קייט, אָבער דערנאָך פלעגט ער זיין ביי מיר, ווי וואַקס...

— אַ שטאַרקע זענט איר, — האָב איך געזאָגט, דערמאָ־נענדיק זיך וועגן דער פרוי חוה, וועלכע האָט אפילו גאָט אליין אָפּגענאַרט.

נאַטאַליא האָט, אָפּזיפצנדיק, אַ זאָג געטאָן:

— אַ פרוי דאַרף מער כח, ווי אַ מאַן, פאַר צווייען האַלט זי געדאַרפט האָבן כחות, און גאָט האָט זי פאַרטיילט! דער מאַנסביל איז אַ מענטש — נישט קיין זיכערער.

זי האָט גערעדט רויק, אָן כּעס, געגעסן מיט פאַרלייג־טע הענט אויף דער גרויסער ברוסט, אָנגעשפּאַרט מיט דער פּליי־צע אין פּאַרקאַן, טרויעריק גלאָצנדיק אויף דעם שמוציקן, מיט שטיינדלעך באַשאָטענעם וועג. כ׳בין אינגאַנצן פאַרנומען געווען מיט הערן אירע קלוגע רייד, פאַרגעסן אָן דער צייט און פּלוצלינג דערזען ביים סוף וועג די באַלעבאָסטע אונ־טערן אָרים מיטן באַלעבאָס; זיי זענען געגאַנגען פּאַמעלעך, מיט חשיבות, ווי אַ האָן מיט אַ הון, און שאַרף געקוקט אויף אונז, ריידנדיק עפּעס איינער צום צווייטן.

כ'בין געלאָפן עפענען די טיר פון פראָנט־אריינגאַנג אויפגעעפנט, אַרויפגייענדיק אויף די טרעפ, האָט מיר די באַלעבאָסטע גיפטיק אַ זאָג געטאָן:

— מיט וועשינס מאַכסטו קוטשעניו־מוטשעניו? האָסט זיך אויסגעלערנט מאַניערן ביי דער אונטערשטער פריצטע?

דאָס איז געווען אַזוי נאַריש, אַז ס'האָט מיך אפילו קיין האר נישט באַליידיקט; אַ סך באַליידיקנדיקער איז געווען, וואָס דער באַלעבאָס האָט, אַ שמייכל טוענדיק, געזאָגט:

— וואָס ווילסטו — שוין צייט!..

אויף צומאָרגנס אינדערפרי. אַראָפּגייענדיק אין שטאַל, נאָך האָלץ, האָב איך אין קוואַדראַטיקן אויסשניט פאַר קעץ און שטאַל־טיר, געפונען אַ ליידיק בייטעלע, כ'האָב אים צענדליקער מאָל געזען אין סידאָראָווס הענט און כ'האָב עס אים גלייך אָפּגעטראָגן.

— און ווו איז דאָס געלט? האָט ער געפרעגט, אויספאָרשנדיק מיטן פינגער דעם אינעווייניק פון בייטעלע, — אַ רובל מיט דרייסיק. גיב אַהער!

אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ טיורמאַן פון אַ האַנטוך; אַ געלער, אַן אָפּגעצערטער, האָט ער בייז געפינטעלט מיט די אָנגעשוואָלענע אויגן און נישט געגלויבט, אַז כ'האָב דאָס בייטעלע געפונען אַ ליידיקס.

ס'איז געקומען יערמאַכין און אים גענומען איינרעדן, ווינקנדיק אויף מיר:

— דאָס האָט ער צוגעגנבעט, ער, פיר אים צו די באַלעבאַטים! אַ זעלנער ביי אַ זעלנער וועט נישט גנבענען!

דידאָזיקע ווערטער האָבן מיר אונטערגעזאָגט, אַז דווקא ער איז דער גנב, אַז ער האָט דאָס אויך אונטערגעוואָרפן דאָס בייטעלע צו מיר אין שטאַל, האָב איך גלייך אַ געשריי געטאָן אים אין די אויגן:

— אַ ליגן, דו האָסט געגנבעט!

און כ'האָב זיך איבערצייגט, אַז כ'האָב רעכט מיט מיין חשד: זיין דעמבענער פנים האָט זיך צעקרימט פון שרעק און

צאָרן, ער האָט זיך גענומען דרייען אין אַלע זייטן און דין זיך צעוואָיעט:
דערוויין!
ט וואָס האָב איך געקענט דערווייזן! יערמאָכין האָט מיך מיט אַ געשריי אַרויסגעשלעפּט אויפן הויף, סידאָראָוו איז אונז נאָכגעגאַנגען און אויך עפּעס געשריגן, פון די פענסטער האָבן זיך אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון פאַרשידענע מענטשן, רויק רויכערנדיק האָט געקוקט די מוטער פון דער מלכּה מאַרגאָ. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז כ'בין פאַרלאָרן אין די אויגן פון מיין דאַמע און — בין ווילד געוואָרן.
כ'געדענק — די זעלנער האָבן מיך געהאַלטן פאַר די הענט, און די באַלעבאַטים זענען געשטאַנען קעגנאיבער זיי, מיטפילנדיק צובאַמקענדיק איינער דער צווייטן, הערן אויס די אָנקלאַגעס, און די באַלעבאָסטע זאָגט מיט זיכערקייט:
— געוויס, דאָס איז זיין אַרבעט! נישט אומזיסט האָט ער נעכטן ביים טויער געמאַכט קוטשעניו-מוטשעניו מיט דער וועשין, ס'איז געווען געלט, הייסט עס, ביי איר וועסט גאָר־נישט נעמען אָן געלט...
— טאַק טאָטשנאָ! *) — האָט געשריגן יערמאָכין.
דער דיל האָט זיך אונטער מיר אַ וואַקל געטאָן, ס'האָט מיך אַ ברען געטאָן אַ ווילדער צאָרן, כ'האָב אַ ריטשע געטאָן אויף דער באַלעבאָסטע און באַקומען גוט אָנגעבראָכן די ביינער.
אָבער געמאַטערט האָבן מיך נישט אַזוי די קלעפּ, ווי דער געדאַנק וועגן דעם, וואָס טראַכט איצט וועגן מיר די מלכּה מאַרגאָ? ווי וועל איך זיך ריינוואַשן פאַר איר? ס'איז מיר געווען ביטער אין דידאָזיקע ערגסטע שעהן. כ'האָב זיך נישט אויפגעהאָנגען בלויז דערפאַר, ווייל כ'האָב דאָס, ווייזט אויס, נישט באַוויזן צו טאָן.
צו מיין גליק האָבן די זעלנער שנעל צעטראָגן דידאָ־זיקע געשיכטע איבערן גאַנצן הויף, איבער דער גאַנצער גאַס

*) ריכטיק.

און אינאָוונט, ליגנדיק אויפֿן בוידים, האָב איך אונטן דער־הערט נאַטאַליאַ קאָזלאָווסקאַיאַס געשריי:

— ניין, צוואָס עפּעס זאָל איך שווייגן! ניין, מיין לי־בינקער, גיי נאָר, גיי! כ'זאָג דאָך — גיי! אַנישט וועל איך גיין צום פּריץ, ער וועט דיך צווינגען...

כ'האָב תּיכּף דערפֿילט, אַז דערדאָזוקער טומל האָט אַ שייכות צו מיר. געשריגן האָט זי לעבן אונזער גאַניק, איר קול האָט געקלינגען אַלץ העכער און טריומפירנדיקער.

— וויפֿל געלט האָסטו מיר נעכטן געוויזן? פֿופֿצעט האָסטו עס — זאָג.

זיך שטיקנדיק פֿון פֿרייד, האָב איך געהערט ווי סידאָ־ראָווו ציט מיט טרויער:

— אי—יאַי, יערמאָכין...

— און אויפֿן ייִנגל האָט מען געמאַכט אַ שם־רע, אים צעשלאָגן, אַ?

מיר האָט זיך געוואָלט אַרונטערלויפֿן אונטן אויפֿן הויף טאַנצן פֿון פֿרייד, פֿון דאַנקבאַרקייט קושן די וועשין, אָבער אין דערדאָזיקער צייט, — ווייזט אויס, דורכן פֿענסטער, — האָט גענומען שרייען מיין באַלעבאָסטע:

— דעם ייִנגל האָט מען דערפֿאַר געשלאָגן, וואָס ער זידלט זיך, און אַז ער איז אַ גנבֿ — איז קיינעם גאָרנישט איינגעפֿאַלן, אַ חוץ דיר, חוצפּה!

— איר אַליין, מאַדאַם, זענט אַ חוצפּה, קו איר איינע, דערלויבט מיר אייך צו זאָגן.

כ'האָב דידאָזיקע זידלעריי אויסגעהערט ווי מוזיק, מיין האַרץ האָבן ווייטאָקדיק געברענט די הייסע טרערן פֿון דער עולה און פֿון דאַנקבאַרקייט צו נאַטאַליען. כ'האָב זיך געשטיקט פֿון אָנשטרענגונג זיי איינצוהאַלטן.

דערנאָך איז אויפֿן בוידים פּאַמעלעך אַרויפֿגעגאַנגען דער באַלעבאָס, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פֿאַרבינדונגס־בעלעק לעבן מיר און, צורעכטמאַכנדיק די האָר, געזאָגט.

— וואָס, ברודערל פּעשקאָוו, עס גייט דיר נישט?

כ'האָב זיך שווייגנדיק אָפּגעקערט פון אים.

— און פונדעסטוועגן זידלסטו זיך העסלעך, — האָט ער ווייטער גערעדט, און איך האָב אים שטיל מודיע געווען:

— ווען כ'וועל זיך אויפהויבן — גיי איך אוועק פון אייך...

ער איז אַ ווײַלע געזעסן, צוגעשוויגן, רויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, און, אויפמערקזאַם באַטראַכטנדיק זיין שפּיץ, נישט הויך געזאָגט:

— נו, וואָס? ס'איז דיין זאַך! ביסט שוין נישט קיין קליינינקער, באַטראַכט אַליין, ווי ס'איז גלייכער פאַר דיר...

און אַוועק. ווי תּמיד — איז געווען אַ רחמנות אויף אים.

אויפן פערטן מעת לעת נאָך דערדאָזיקער געשעעניש — האָב איך פאַרלאָזן די שטוב. מיר האָט זיך אומדערטרעגלעך געוואָלט געזעגנען מיט דער מלכּה מאַרגאָ, כ'האָב אָבער נישט געהאַט די דרייסטקייט גיין צו איר, און כ'בין זיך מודה — כ'האָב געוואַרט, אַז זי אַליין וועט מיך רופן צו זיך.

זיך געזעגענענדיק מיט דעם מיידעלע, האָב איך געבעטן:

— זאָג דער מאַמען, אַז כ'דאַנק איר זייער שטאַרק. זייער! וועסט זאָגן?

— כ'וועל זאָגן, — האָט זי צוגעזאָגט. שמייכלענדיק פריינטלעך און צאַרט. — זיי געזונט ביז מאָרגן, יאָ?

כ'האָב זי געטראָפן אין אַ יאָר צוואַנציק אַרום, אַלס ווייב פון אַ זשאַנדאַרם-אָפיציר...

XI

כ׳בין ווידער א געפעס=וואשער אויפן דאמפער „פערם“ א ווייסן, ווי א שוואן, א רחבותדיקן און שנעלן. איצט בין איך א „שווארצער“ געפעס-וואשער, אדער א „קיך-פויער“, כ׳באקום זיבן רובל א חודש, מיין פליכט איז צו העלפן די קוכערס.

דער בופעטניק, א קיילעכדיקער און אנגעבלאזענער מיט גאוה, איז פליכצוואטע, ווי א פילקע; מיט פארלייגטע הענט הינטערן פלייצע, גייט ער גאנצענע טעג ארום מיט שווערע טריט איבערן דעק, ווי א ווילדער חזיר — זוכט אין א הייסן טאג א שאטנדיקן ווינקל. ביים בופעט שיינט זיין ווייב, א דאמע איבער די פערציקער, א שיינע, אבער א צעקנייטשטע, אנגעפודערט אזוי שטארק, אז פון די באקן פאלט אויף איר העלן קלייד א ווייסער, קלעפיקער שטויב.

אין קיך הערשט דער טייערער קוכער איוואן איוואנאוויטש, מיטן צונאמען מעדוועזשאנאק *), א קליינער, א פויליקער, מיט א שפארבער=נאז און שפאטישע אויגן.

ער איז א פראנט, טראגט שטייפע קעלנערלעך, ראזירט זיך יעדן טאג, זיינע בעקלעך זענען בלא, די טונקעלע וואנסעס — פארדרייט אינדערהויך; אין די פרייע מינוטן הערט ער נישט אויף צו באאומרויקן די וואנסעס, פארריכטנדיק זיי מיט אפגעבראטענע רויטע פינגער, און האלט אין איין קוקן אויף זיי אין א קיילעכדיקן האנט=שפיגעלע.

דער אינטערעסאנטסטער מענטש אויפן דאמפער — איז דער הייצער יאקאוו שומאוו, א ברייט=ברוסטיקער, קוואדראטי=

*) בערעלע

קער מאַנסביל. זיין פּנים מיטן פּאַריסענעם נעזל איז פּלאַך, ווי אַ לאָפּעטע, די בערישע אויגעלעך זענען באַהאַלטן אונטער געדיכטע ברעמען, די באַקן — אין דראָבנע האָר־רינגעלעך, ענלעכע אויף זומפּ־מאָך, אויפן קאָפּ האָבן זיך דידאָזיקע האָר אַ לייג געטאָן ווי אַ פּעסטע היטל, מיט מי רוקט ער אַריין אין זיי די קרומע פינגער.

ער האָט געשיקט געשפּילט אין קאָרטן אויף געלט און אַלעמען פאַרוווּנדערט מיט זיין פרעסעריי; ווי אַ הונגעריקער הונט, האָט ער זיך כסדר געדרייט אַרום דער קיך, אויסבעטנדיק שטיקלעך פלייש, ביינער, און אין די אָוונטן געטרונקען טיי מיטן מעדוועזשאַנאַק און דערציילט וועגן זיך ווונדערלעכע געשיכטעס.

אין דער יוגנט איז ער געווען אַ געהילף ביי אַ שטאָטישן פּאַסטוך אין ריאַזאַן, דערנאָך האָט אים אַ דורכגייענדיקער מאָנאַך פאַרלאָקט אין אַ מאָנאַסטיר; דאָרט האָט ער זיך פיר יאָר געגרייט צו ווערן אַ מאָנאַך.

— און כ׳וואָלט געוואָרן אַ מאָנאַך, גאָטס אַ שוואַרצער שטערן — האָט ער שנעל געפּלוידערט, — איז אָבער געקומען צו אונדז אין מאָנאַסטיר אַ פּילגרימקע פון פּענזע — אַ קאָמישע אַזאַ, און האָט מיך אַראָפּגעפירט פון וועג: ווי שיין דו ביסט, ווי שטאַרק, און איך, זאָגט זי, בין אַן ערלעכע אַלמנה, אַן איינזאַמע, און וואָלסט בעסער געגאַנגען צו מיר אַלס הויף־שומר, איך, זאָגט זי האָב אַ שטיבל אַן אייגנס, און האַנדלען האַנדל איך מיט פויגלשן פּוך און פעדערן...

— גו—וט, זי מיר — אַלס הויף־שומר, איך צו איר — אַלס געליבטער, און געלעבט פון איר וואַרעמען ברויט אַ דריי יאָר צייט...

— דרייסט פּליאַדערסטו, — רייסט אים איבער מעדוועזשאַנאַק, באַטראַכטנדיק מיט זאָרג די פּרישטשיקלעך אויף זיין נאָז. — ווען מ׳זאָל פאַר ליגנס געלט צאָלן — וואָלסטו אין גאָלד געגאַנגען!

יאַקאָוו קייט, איבער זיין בלינדן פּנים באַוועגן זיך גראָע

רינגעלעך האָר, — באַוועגן זיך האָריקע אויערן; אויסגעהערט די באַמערקונג פון קוכער, דערציילט ער ווייטער גלייכמעסיק און שנעל ווי פריער:

— זי איז געווען עלטער פאַר מיר, איז מיר געוואָרן לאַנגווייליק מיט איר, מיר איז געוואָרן נודנע, האָב איך זיך פאַרבונדן מיט דער פלימעניצע מיט אירער, און זי האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, און געגעבן איבערן קאַרק, אַרויסגע־וואָרפן פון הויף...

— אָט האָסטו דיר דערפאַר, דעם בעסטן שכר, — זאָגט דער קוכער אויך אַזוי לייכט און סגראַבנע, ווי יאַקאָב.

דער הייצער דערציילט ווייטער, פאַררוקנדיק הינטער דער באַק אַ שטיקל צוקער.

— אַ שטיקל צייט האָב איך זיך אַרומגעוואַלגערט נישט אַהין און נישט אַהער און זיך צוגעשפּאַנט צו אַן אַלטיטשקן וואָלאַדימערער, אַ פעדלער, און מיר זענען אויסגעגאַנגען בײַדע די גאַנצע ערד: אויף די באַלקאַן־בערג געווען, צו די טערקן אַליין, צו די רומענער אויך, צו די גרעקן, צו עסטרײַ־כער פאַרשידענע — אַלע פעלקער אַרומגעגאַנגען, בײַ דעם — געקויפט, יענעם — פאַרקויפט...

— און געגנבעט? — פרעגט ערנסט דער קוכער.

— דער אַלטיטשקער — אַ נעכטיקער טאָג! אויך מיר האָט ער געזאָגט. אויף פרעמדער ערד גײ ערלעך, דאָ, הייסט עס, איז אַזאַ אָרדנונג, אַז פאַר נאַרישקייטן רײַסט מען אָפּ דעם קאָפּ. גנבענען — אמת — האָב איך פּרובירט, אָבער — אַרויסגעקומען איז קלאָגעדיק: כ׳האָב געוואָלט בײַ אַ סוחר אַרויספירן אַ פערד פון הויף, נו — האָב איך נישט געקענט, מ׳האָט געכאַפּט, געגומען, פאַרשטייט זיך, שלאָגן, האָט מען געשלאָגן־געשלאָגן — אין פּאָליצײַ אָוועקגעשלעפּט. און געווען זענען מיר צװײַ, איינער אַן אמתער, ריכטיקער פערד־גנב, און איך אַזוי זיך, מער פון נײַגעריקייט. און בײַם סוחר דעמדאָזיקן האָב איך געאַרבעט, אַן אויוון געשטעלט אין דער נײַער באָד, און דער סוחר האָט געגומען קרענקען, און דאָ בין איך

צו אים שלעכט געקומען צו חלום, האָט ער זיך דערשראָקן און געגומען זיך בעטן ביי דער מאַכט: לאָזט אים אָפּ — מיך, הייסט עס, — לאָזט אים אָפּ, אַנישט קומט ער צו חלום: ווען אים נישט מוחל זיין, זאָגט ער, וועסטו נישט געגעזן, אַ כשופמאַכער, זעט אויס, איז ער, דאָס — בין איך, הייסט עס, אַ כשופמאַכער! נ—נו, און דער סוחר איז אַ חשובער, האָט מען מיך אָפּגעלאָזן...

— נישט אָפּלאָזן האָט מען דיך געדאַרפט, נאָר אין וואַסער אַראָפּלאָזן אויף אַ טאָג דריי, עס זאָל פון דיר די נאַרישקייט אַרויסווייקן, — האָט אַריינגעוואָרפן דער קוכער, יאַקאָוו האָט גלייך אונטערגעכאַפּט זיינע ווערטער:

— ריכטיק, נאַרישקייטן פאַרמאָג איך אַ סך, מ'קען זאָגן — נאַרישקייטן איז אין מיר אויף אַ גאַנצן דאָרף...

אַריינלאָזנדיק אַ פינגער הינטערן ענגן קעלנערל, ציט אים דער קוכער אָפּ מיט כעס, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און באַקלאָגנדיק זיך מיט פאַרדרוס:

— סאַראַ אומזין! אָט לעבט זיך אויף דער וועלט אַזאַ אַרעסטאַנט, פרעסט, טרינקט, שלעפּט זיך אַרום, און פרעג — צו וואָס? נו, זאָג, צו וואָס לעבסטו?

דער הייצער ענטפערט קייענדיק:

— דאָס ווייס איך נישט. כ'לעב, לעב איך. איינער — ליגט, אַ צווייטער — גייט אַרום; דער „טשינאָווניק" ווערט צעזעצט זיצנדיק, און עסן — דאַרף יעדערער.

דער קוכער ווערט נאָך מער אין כעס.

— ביסט אַזאַ חזיר, אַז נישטאָ קיין ווערטער עס צו זאָגן! ממש — אַ חזירשע פּאַשע...

— וואָס זידלסטו זיך? — וווּנדערט זיך יאַקאָוו. — פּויערים — זענען אַלע חזיר-ניס פון איין בוים. דו — זידל זיך נישט, כ'וועל דאָך דערפון בעסער נישט ווערן.

דערדאָזיקער מענטש האָט מיך מיט אַמאָל און שטאַרק צוגעבונדן צו זיך; כ'האָב געקוקט אויף אים מיט אַן אומבאַצווינגבאַרער פאַרווונדערונג, געהערט מיט אַ צעעפנט מויל. ער

האָט פאַרמאָגט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, עפּעס אַ מין איי־גענע, שטאַרקע קענטניש פון לעבן. ער האָט אַלעמען געזאָגט „דו", געקוקט אויף אַלעמען פון אונטער זיינע געדיכטע ברע־מען מיט דערזועלבער אָפנקייט און אומאָפּהענגיקייט, און אַלע־מען — דעם קאַפּיטאַן, דעם בופעטניק, די חשובע פּאַסאַזשירן פון ערשטן קלאַס — אַזוי ווי אויסגעגלייכט אין איין שורה מיט זיך אַליין, מיט די מאַטראָסן, מיט דער בופעט־דינער־שאַפט און די דעק־פּאַסאַזשירן.

ס׳פלעגט טרעפן, ער שטייט פאַרן קאַפּיטאַן, אָדער פאַרן מאַשיניסט, פאַרלייגנדיק הינטער דער פּלייצע זיינע לאַנגע מאַל־פּישע הענט, און הערט שווייגנדיק, ווי מ׳זידלט אים פאַר זיין פוילקייט, אָדער דערפאַר, וואָס ער האָט זאָרגלאָז אַרומגענו־מען אַ מענטשן אין קאָרטן, ער שטייט, — און מ׳זעט, אַז די זידלעריי ווירקט נישט אויף אים, אַז די דראָונגען אַראָפּצו־זעצן אים פון דאַמפער אויף דער ערשטער סטאַציע שרעקן אים נישט.

ער פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַלעמען פרעמד — ווי דאָס איז געווען אין דער „שיינער זאַך", און ס׳איז קענ־טיק, אַז ער אַליין איז זיכער אין זיין באַזונדערקייט, אין דעם, אַז מענטשן קענען אים נישט פאַרשטיין.

כ׳האָב קיינמאָל נישט באַמערקט דערדאָזיקער מענטש זאָל זיך פילן באַליידיקט, ער זאָל זיך פאַרטראַכטן. כ׳געדענק נישט ער זאָל לאַנג האָבן געשוויגן — פון זיין האָריקן מויל האָבן תמיד, און אַזוי ווי קעגן זיין פאַרלאַנג, געפלאָסן ווער־טער אין אַן אומאויפהערלעכן שטראָם. ווען מ׳זידלט אים, אָדער ער הערט עמיצנס אַן אינטערעסאַנטע דערציילונג, באַוועגן זיך זיינע ליפּן, ריכטיק ווי ער חזרט איבער פאַר זיך דאָס, וואָס ער הערט, אָדער ער רעדט זיך ווייטער אינדערשטיל דאָס זיי־ניקע. יעדן טאָג, ענדיקנדיק די וואַכט, פלעגט ער אַרויסקריכן פון ליוק, פון קעסל־רוים אַ באָרוויסער, אַ שווייסיקער, אויסגע־שמירט מיט נאַפט, אין אַ פייכטער העמד אָן אַ גאַרטל, מיט אַן אָפענער ברוסט אין אַ געדיכטער געקרייזלטער וואָל, און

גלייך פלעגט זיך צעגיסן איבערן דעק זיין גלייכגעוויכטיק, איינ־טאָניק, הייזעריקלעך קול, עס זענען געפאַלן די ווערטער, ווי טראָפּנס רעגן.

— א גאָט העלף, מוטער! וווהין פאָרסטו? קיין טשיסטאָ־פאָל? כ'ווייס, כ'בין דאָרט געווען, ביי אַ רייכן טאַטער אַלס אַרבעטער געלעבט. און גערופן האָט מען דעם טאַטער אוסאַן גובאַידולין, דריי ווייבער האָט ער געהאַט דער אַלטער, אַ קערנ־דיקער אַזאַ, די צורה — אַ רויטע. און איינע פון די יונגע ווייב־לעך, אַ קאָ — אָמישע טאַטערקעלע געווען, כ'האָב מיט איר אַ זינד געהאַט...

ער איז אומעטום געווען, מיט אַלע פּרויען אויף זיין וועג געהאַט אַ זינד; ער האָט וועגן אַלץ דערציילט גוטמוטיק, רויק, ריכטיק ווי ער וואָלט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט איבערגעלעבט נישט קיין עולה, נישט קיין דערנידערונג. אין אַ מינוט אַרום האָבן שוין זיינע רייד געקלונגען ערגיץ אויפן הינטער־טייל פון שיף.

— עי, מענטשן ערלעכע, ווער פון אייך שפּילט אין קאָרטן! אין קלאַפּ־שפּיל, אין דריי קאָרטן, אין פאַסיק־שפּיל, עי! אַ דער־קוויקלעכע זאַך — קאָרטן, זיצנדיק קען מען געלט נעמען, אַ סוחרישע אַרבעט...

כ'האָב באַמערקט, אַז ער זאָגט זעלטן: גוט, שלעכט, העסלעך, אָבער כמעט תמיד: קאָמיש, דערקוויקלעך, אינטערעסאַנט. אַ שיינע פרוי איז פאַר אים אַ קאָמיש ווייבעלע, אַ גוטער זונען־טאָג — אַ דערקוויקלעכער טאָג. און אָפטער פאַר אַלץ פלעגט ער זאָגן:

— כ'שפּיי אויף דעם!

אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פוילן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער טוט זיין שווערע אַרבעט פאַרן אויוון, אין דער גיהנומשער שטיקנדיקער היץ, נישט ווינציקער געוויסנהאַפט, ווי אַלע, אָבער איך געדענק נישט, ער זאָל זיך אַמאָל האָבן באַקלאָגט אויף מידקייט, ווי ס'פלעגן זיך באַקלאָגן די איבעריקע הייצערס.

איינמאָל האָט עמיץ ביי אַן אַלטיטשקער פאַסאַזשערקע אַרויסגעשלעפּט אַ טייסטער מיט געלט; דאָס איז געשען אין אַ

קלאָרן, רויקן אָוונט, אַלע מענטשן האָבן זיך געפילט גוטמוטיק און פרידלעך. דער קאַפּיטאַן האָט דער אַלטער געגעבן פינף רובל, די פּאַסאַזשירן האָבן אויך אויפגעמאַכט צווישן זיך אַ געוויסע סומע; ווען מ׳האָט דאָס געלט אָפּגעגעבן דער אַלטער האָט זי צלמענדיק זיך און נייגנדיק זיך פאַר די מענטשן ביזן גאַרטל, געזאָגט:

— ליבינקע, דאָ איז דריי קערבלעך מיט אַ צוואַנציקער איבעריקע אַקעגן מיין געלט!

עמיץ האָט פרייל׳עך אַ געשריי געטאָן:

— נעם אַלץ, באַבעשי, צוואָס פלוידערן אומזיסט? אַ דרייערל איז קיינמאָל נישט איבריק...

עמיץ חאָט שיין געזאָגט:

— געלט — דאָס איז נישט קיין מענטשן, עס וועט איבעריק נישט זיין...

און יאַקאָוו איז צוגעגאַנגען צו דער אַלטער און ערנסט פאַרגעלייגט:

— גיב מיר אָוועק דאָס איבעריקע, כ׳וועל אין קאָרטן שפּילן!

דער עולם האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, מיינענדיק, אַז דער הייצער וויצלט זיך, ער אָבער האָט גענומען צריינרעדן אין דער צעטומלטער אַלטיטשקער:

— גיב אַהער באָבעשי! אויף וואָס דאַרפסטו געלט? ביסט שוין מיט אַ פוס אין קבר...

מ׳האָט אים אָפּגעטריבן, גוט אויסזידלענדיק; שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, האָט ער גערעדט צו מיר מיט פאַרוווּנדערונג:

— סאַראַ מאָדנע ברואים! וואָס מישן זיי זיך אין פרעמדע געשעפטן? זי האָט דאָך אַליין דערקלערט — דאָס געלט איז איר איבעריק! און מיך וואָלט דער דרייערל דערקוויקט...

ווייזט אויס, אַז דאָס געלט האָט אים זייער פאַרנומען מיט זיין אויסערלעכקייט — רעדנדיק, האָט ער ליב געהאַט צו פוצן זילבערנע און קופּערנע מטבעות אָן די הויזן, און אויספּוצנדיק די מטבע ביז אַ גלאַנץ, האָט ער זי באַטראַכט, באַוועגנדיק מיט

די ברעמען און האַלטנדיק זי אין די קרומע פינגער פאַרן פנים מיטן פאַריסענעם נאָז. ער איז נישט געווען גייציק נאָך געלט.

איינמאָל האָט ער מיר פאַרגעלייגט צו שפּילן מיט אים אין קלאַפּשפּיל, כ׳האָב נישט געקענט.

— קענסט נישט? — האָט ער זיך פאַרווּנדערט. — ווי קומט עס? און קען נאָך לעזן־שרייבן! מ׳דאַרף דיך אויסלערנען. קום שפּילן אויף צו פלייסן, אויף צוקער...

ער האָט אָפּגעווונען ביי מיר אַ האַלב פונט הארטן צוקער און כסדר באַהאַלטן די שטיקלעך אונטער דער האָריקער באַק. דערנאָך, איינגעפּינעבדיק, אַז כ׳קען שוין שפּילן, האָט ער פאַר־געלייגט:

— איצט לאָמיר שפּילן אויף אַן ערנסט, אויף געלט! האָסט געלט?

— כ׳האָב פינף רובל.

— און איך האָב צוויי מיט אַ סמיטשיק.

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט איינס און צוויי מיך אַרומגע־נומען. ווע־נדיק אָפּגעווינען, האָב איך געשטעלט אין קאָן דעם קאַפּטן פאַר פינף רובל און—פאַרשפּילט, כ׳האָב געשטעלט נייע שטיוול פאַר אַ דריירל — אויך פאַרשפּילט, דאַן האָט מיר יאַקאָוו געזאָגט אומצופרידן, כמעט מיט כעס:

— ניין, דו קענסט נישט שפּילן, ביסט צו היציק — גלייך דעם קאַפּטן אַראָפּגעוואָרפן, די שטיוול! דאָס דאַרף איך נישט האָבן. אָט האָסטו דיר, נעם צוריק דיינע בגדים און דאָס געלט נעם, פיר קערבלעך, און אַ רובל מיר — פאַרן אויסלערנען... גוט?

כ׳בין אים זייער דאַנקבאַר געווען.

— כ׳שפּיי אויף דעם, — האָט ער געזאָגט, אַלס ענטפער אויף מיין דאַנק, — אַ שפּיל — איז אַ שפּיל, אַ פאַרווייַלונג, הייסט עס, און דו — ווי דו וואָלסט אין אַ געשלעג געקראָכן. אויך אין אַ געשלעג דאַרף מען זיך נישט היצן — שלאָג מיט אַ אויס־רעכנונג! צוואָס זיך קאָכן? ביסט יונג, דאַרפסט זיך האַלטן פעסט. איינמאָל זיך נישט איינגעגעבן, פינף — נישט איינגעגעבן זיך,

זיבן — שפיי אויף דעם! גיי אָפּ. ווערסט זיך אָפּקילן — ווידער צום עסק! דאָס איז — אַ שפּיל!

ער איז מיר אַלץ מער געפעלן און נישט געפעלן געווען. אַמאָל פלעגן זײַנע דער צײַלונגען דערמאָנען אָן דער באָבען. ער האָט פאַרמאָגט אין זיך אַסך פון עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיך צוגעצויגן צו אים, אָבער עס האָט מיך שאַרף אָפּגעשטויסן זײַן גערידטע, ווײַזט אויס אויפן גאַנצן לעבן אײַנגעשטעלטע גלײַכגילטיקייט צו מענטשן.

איינמאָל, ביים זון-אונטערגאַנג, איז אַ שכורער פּאַסאַזשיר פון צווייטן קלאַס, אַ געזונטיקער פּערמער סוחר אַרונטערגעפאַלן פון באָרט און, צאַפּלענדיק זיך, גענומען שווימען איבער דעם רויט-גאָלדיקן וואַסערוועג. די מאַשין האָט מען גלײַך אָפּגעשטעלט דער דאַמפּער איז געבליבן שטיין, אַרויסלאָזנדיק פון אונטער די רעדער אַ וואָלקן שוים, די רויטע שטראַלן פון זון-פאַרגאַנג האָבן אים פאַרבלוטיקט; אין דאָזיקן קאָכיקן בלוט, שוין ווייט הינטער דעם הינטער-טייל האָט זיך געפליוכעט אַ טונקעלע פיגור, האָט זיך געטראָגן איבערן טייך אַ ווילדער געשריי, וואָס האָט צעריסן דאָס האַרץ. די פּאַסאַזשירן האָבן אויך געקוויטשעט, שטויסנדיק זיך, זיך אָנלייגנדיק אויף די באָרטן, צענויפקנוילנדיק זיך אויפן הינטער-טייל. דער חבר פון דעם, וואָס האָט זיך געטרינקען, אויך אַ שכורער, אַ רויטער און פליכעוואַטער — האָט אַלעמען געשלאָגן מיט די פויסטן, זיך דורכשלאָגנדיק אַ וועג צום באָרט און געדיטשעט:

— אַוועק! כ'וועל אים גלײַך אָניאָגן...

צוויי מאַטראָסן האָבן זיך שוין געוואָרפן אין וואַסער און מיט קלאַפּטער-באַוועגונגען געשווימען צום טרינקעדיקן, פון הינטער-טייל האָט מען אַראָפּגעלאָזן אַ שיפל, און צווישן דעם געשריי פון דער קאָמאַנדע, דער קוויטשערײַ פון די פרויען, איז זיך געפלאָסן מיט אַ רויקן און גלײַכמעסיקן וואַסער-שטראַל יאַקאָווס הייזעריקלעך קול:

— ער וועט דערטרו — ונקען ווערן, סיי ווי דערטרונקען ווערן, ווייל — ער טראָגט אַ קאַפּטן! אין אַ לאַנגן בגד — וועסטו

זיכער דערטרונקען ווערן. למשל — ווייבער, פאַרוואָס ווערן זיי־
שנעלער דערטרונקען פאַר אַ מאַנסביל? צוליב די קליידער. אַ פרוי
פאַלט זי נאָר אַריין אין וואַסער, איז גלייך צום גרונט, ווי אַ
געוויכט אַ פודיקס... זעט נאָר — אָט איז ער שוין דערטרונקען,
כ'וועל סתּם אין דער וועלט אַריין נישט רעדן...

דער סוחר איז באמת דערטרונקען געוואָרן, מ'האָט אים גע־
זוכט אַ שעה צוויי און נישט געפונען. זיין חבר, זיך אויסניכ־
טערנדיק, איז געזעסן אויפן הינטער-טייל און, שווער אָפּאָטעמענ־
דיק, נעבעכדיק געבורטשעט:

— נו, שוין, דערפּאָ — אָרן! וואָס וועל איך איצט טאָן,
אָ? וואָס וועל איך איצט די היימישע זאָגן, אַ? משפּחה האָט ער...

יאַקאָוו האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר אים, באַהאַלטנדיק די
הענט הינטערן פלייצע און גענומען טרייסטן:

— דאגה נישט, סוחר! קיינער ווייסט דאָך נישט, ווו אים
איז באַשערט צו שטאַרבן, איינער עסט זיך אָן מיט שוואָמען, און
מיטאַמאָל — געשטאָרבן! טויזנט מענטשן עסן שוואָמען צום גע־
זונט, און איינער — אויף טויט! און וואָס זענען שוואָמען?

אַ ברייטער, אַ פעסטער, איז ער ווי אַ מילשטיין געשטאַנען
פאַרן סוחר און געשאָטן אויף אים מיט ווערטער, ווי קלייען. צו־
ערשט האָט דער סוחר שווייגנדיק געוויינט, אָפּווישנדיק פון באָרד
די טרערן מיט ברייטע דלאָניעס, אָבער, זיך צוהערנדיק, אַ וואָיע
געטאָן:

— שד איינער! וואָס ציסטו אַרויס פון מיר די נשמה?
פּראַוואָסלאַוונע, נעמט אים צו פון מיר, אַנישט — וועט אַ זינד
געשען!

רויק אָפּגייענדיק האָט יאַקאָוו געזאָגט:

— אַ טשעקאַווער עולם: גייסט צו צו אים מיט גוטן, און
ער בריקעוועט זיך...

אַמאָל אָבער פלעגט מיר דער הייצער פאָרקומען ווי אַ
נאַרעלע, אָבער אָפטער פלעג איך קלערן, אַז ער מאַכט זיך אומישנע
נאַריש. כ'האָב געהאַט אַן עקשנותדיקן פאַרלאַנג אים אויסצופרעגן
וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט אַרומגעוואַנדערט איבער דער ערד,

וואָס ער האָט געזען, דאָס איז מיר אָבער שלעכט געלונגען; פאַר־רייסנדיק דעם קאָפּ אינדערהויך, קוים צעעפנדיק די בערישע טונקעלע אויגן, פלעגט ער גלעטן מיטן האַנט זיין מאָכיק פּנים און ציען דערמאַנענדיק זיך:

— און מענטשן, ברודערל, זענען אומעטום, ווי די מוראַשקעס! אי דאָרט זענען מענטשן, אי דאָ, — אַ הו־האַ, זאָג איך דיר! מער פאַר אַלץ, פאַרשטייט זיך, פּויערים — די ערד איז ממש באַשאָטן מיטן פּויער, ווי מיט האַרבסטיקע בלעטער, לאָמיר זאָגן. באָלגאַרן? כ'האָב געזען באָלגאַרן, און גרעקן אויך, אָדער — סערבן, רומענער אויך און צלערליי ציגיינער, אַ סך זענען זיי, פאַרשידענע! וואָס פאַראַ מענטשן? וועגדעט זיך — וועלכע? אין די שטעט — אַ שטאָטישער עולם, אין די דערפער — אַ דאָרפישער, אַקוראַט ווי ביי אונז. אַ סך ענלעכקייט, אַנדערע ריידן אַפילו אויף אונזער לשון, נאָר שלעכט, ווי די טאָטערן, למשל, אָדער די מאָרדווע. די גרעקן קענען נישט אונזער לשון, זיי בראָקן ווי עס מאַכט זיך, זיי ריידן דאַכט זיך ווערטער, אָבער וואָס טייטש — קען מען נישט פאַרשטיין. מיט זיי מוז מען ריידן אויף די פינגער. און מיין אַלטיטשקער — ער פלעגט מאַכן אַן אָנשטעל, ריכטיק ווי ער פאַרשטייט אויך די גרעקן, בורטשעט — קאַראַמאַרא און קאַלימערא. אַ כיטרער אַלטיטשקער געווען, פלעגט זיי געזונט אָפּסמאַליען!... פרעגסט ווידער — וואָסערע? ביסט אַ מאָדנער, וואָסערע מענטשן קענען דען זיין? נו, פאַרשטייט זיך, שוואַרץ זענען זיי, אויך די רומענער זענען שוואַרץ, דאָס איז איין גלויבן. באַלגאַרן זענען אויך שוואַרצע, נו, די דאזיקע גלויבן אויף אונזער שטייגער. און די גרעקן — דאָס איז אומגעפער ווי די טערקן...

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער רעדט נישט אַלץ, וואָס ער ווייס; ער פאַרמאָגט נאָך עפּעס, וועגן וואָס ער וויל נישט דערציילן

לויט די בילדער פון די זשורנאַלן האָב איך געוווסט, אַז די הויפּט־שטאָט פון גריכנלאַנד אפיניען — איז אַן אוראַלטע און זייער אַ שיינע שטאָט, אָבער יאַקאָוו תאָט געלייקנט, שאָקלענדיק מיט דעם קאָפּ מיט אומצוטרוי:

— דאָס האָט מען דיר אָנגעפּליאָדערט, ברודערל, קיין צפּינעס זענען נישטאָ, ס'איז דאָ — אַפּאָן, אָבער נישט קיין שטאָט, נאָר אַ באַרג, און אויף אים — אַ קלויסטער. מער גאָרנישט. ער רופט זיך אָן: דער הייליקער באַרג אַפּאָן, בילדער אַזעלכע זענען דאָ, דער אַלטער האָט געהאַנדלט מיט זיי. ס'איז דאָ אַ שטאָט בעלגאָראָד, שטייט אויף דעם דונאַי-טייך, ווי יאַראָסלאַוול אַ שטייגער, אָדער ניזשני. די שטעט ביי זיי זענען נישט אַזאַ אי—אַי, אָבער די דערפער דערפאַר — שוין גאָר אַן אַנדער זאַך! אויך די פרויען, נו, די פרויען זענען ממש קאָמיש — שטאַרבן קען מען. צוליב איינער בין איך דאָרט שיר נישט פאַרבליבן: — אַי, ווי אַזוי האָט מען זי גערופן?

ער רייבט שטאַרק מיט די דלאָניעס דאָס בלינדע געזיכט, די האַרטע האָר קנאַקן שטיל, אין גאָרגל ביי אים, ערגיץ ווי טיף, קלינגט אַ געלעכטער, דערמאָנענדיק דעם געקלאַנג פון אַ צעבראָכענעם גלעקל.

— אַ מענטש פאַרגעסט! אָבער, ווי איך פלעג דאָס מיט איר... ביים געזעגענען זיך האָט זי געוויינט. איך אפילו האָב געוויינט, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן...

מיט אַ רויקער אומפאַרשעמקייט האָט ער מיך גענומען לערנען, ווי אַזוי מ'דאַרף זיך באַגיין מיט פרויען.

מיר זיצן אויפן הינטער-טייל פון דאַמפער, אַ וואַרימע לבנה-נאַכט שווימט אונדז אַנטקעגן, דער פלאַכער ברעג זעט זיך קוים הינטער דעם זילבערנעם וואַסער, פון באַרגיקן — ווינקען געלע פייערלעך, עפעס אַ מין שטערן — געפאַנגענע דורך דער ערד. אַלץ אַרום באַוועגט זיך, צאַפּלט זיך וואַכעדיק, לעבט מיט אַ שטילן, אָבער עקשנותדיקן לעבן. אין דער ליבער, טרויעריקער שטילקייט פאַלן הייזעריקלעכע ווערטער:

— ס'פלעגט טרעפן, זי צעוואַרפט די הענט, ציט זיך אויס...

יאַקאָווס דערציילונג איז אומפאַרשעמט, אָבער נישט אָפּ-שטויסנדיק, נישטאָ אין איר קיין באַרימעריי, נישטאָ אין איר קיין אכזריות, נאָר ס'קלינגט עפעס אָפנהאַרציקס און אַ ביסעלע — טרויער. די לבנה אין הימל איז אויך אַזוי אומפאַרשעמט נאַקעט

און רעגט אויך אזוי אויף, צווינגנדיק צו בענקען וועגן עפּעס. עס דערמאָנט זיך בלויז גוטעס, דאָס בעסטע — די מלכּה מאַרגאָ און די פּערזן, וואָס זענען אומפאַרגעסלעך מיט זייער אמת:

בלויז דעם ליד איז נויטיק שיינקייט,

דער שיינקייט איז אויך דאָס ליד נישט נויטיק...

כ'טרייסל אָפּ פון זיך די דאָזיקע פאַרטרוימטע שטימונג, ווי אַ לייכטן דרימל. און כ'פרעג ווידער אויס דעם הייצער וועגן זיין לעבן, וועגן דעם, וואָס ער האָט געזען.

— ביסט אַ מאָדנער, — רעדט ער, — וואָס־זשע זאָל איך דיר זאָגן? כ'האָב אַלץ געזען. פרעג: קלויסטערס האָסטו געזען? געזען. און שענקען? אויך געזען. דאָס פריצישע לעבן האָב איך געזען און דאָס פויערישע. געלעבט זאַט, געלעבט אויך הונגעריק...

פּאַמעלעך, ווי אַריבערגייענדיק אַ טיפן טייכל איבער אַ וואַקלדיקן, סכּנהדיקן בריק, דערמאָנט ער זיך:

— אָט, למשל, כ'זיץ אין צירקל, פאַר אַ פערד־גנבה — אויף סיביר וועל איך אַוועק, טראַכט איך! און דער פּאָליציי־אויפזעער — ער זידלט זיך, די אויוונס רויכערן ביי אים אין ביי'עם הויז, כ'זאָג: דידאָזיקע זאַך, וואַשע בלאַהאָראָדיע*), קען איך פאַרריכטן. ער — אויף מיר: שווייגן! דאָ, זאָגט ער, האָט דער בעסטער מייסטער גאָרנישט געקענט... און איך צו אים: עס טרעפט, אַז אַ פּאַסטוך איז קליגער פאַר אַ גענעראַל — כ'בין דאַן זייער דרייסט געוואָרן צו אַלץ, סיי ווי — סיביר שטייט פאַר! זאָגט ער: נו, פאַרקאַשער די אַרבל, זאָגט ער, אויב ס'וועט נאָך ערגער זיין — וועל איך דיר די ביינער אויף מאָן צעשטויסן. אין צוויי מעת־לעת האָב איך אַלץ אין אָרדענונג געבראַכט — דער פּאָליציי־אויפזעער וווּנדערט זיך, שרייט: אַך, דו, נאַר, שוטה! אַ מייסטער ביסטו דאָך און דו גנבעסט פערד, ווי אַזוי זשע? זאָג איך אים: דאָס איז, וואַשע בלאַהאָראָדיע, פּשוט אַ נאַרישקייט. ריכטיק, זאָגט ער, אַ נאַרישקייט, מיר איז, זאָגט ער, אַ רחמנות אויף דיר! יאָ, אַ רחמנות, הייסט עס. האָסט געזען? אַ פּאָליציאַנט איז אַ מענטש

*) אייער וווילגעבוירן.

לויט זיין אמת אן אומבררחמנותדיקער, און יענער האָט רחמנות געהאַט...

— נו, איז וואָס-זשע? — פרעג איך.

— גאָרנישט. האָט רחמנות געהאַט. וואָס נאָך ווילסטו?

— צוּוואָס אויף דיר רחמנות האָבן, ביסט דאָך אַזאַ שטיין!

יאַקאָוו לאַכט גוטמוטיק:

— טשודאַק*)! אַ שטיין, זאָגט ער, אַ? און דו לערן זיך אויס אויך אויף אַ שטיין רחמנות האָבן, אַ שטיין דינט אויך אויף זיין פּלאַץ, מיט שטיינער ברוקירט מען גאַסן. אויף יעדער מאַטעריאַל דאַרף מען רחמנות האָבן, אומזיסט ליגט קיין זאַך נישט. וואָס איז זאַמד? און אויך אויף אים וואַקסן גרעזעלעך...

ווען דער הייצער רעדט אַזוי, ווערט מיר באַזונדערס קלאָר, אַז ער ווייס עפּעס אומבאַגרייפלעכעס פאַר מיר.

— וואָס טראַכסטו — וועגן קוכער? — פרעג איך.

— וועגן דעם מעדוועזשאַנאַק? — פרעגט יאַקאָוו גלייכגילטיק. — וואָס זאָל איך טראַכטן וועגן אים? דאָ איז נישטאָ וואָס צו טראַכטן.

דאָס איז ריכטיק. איוואַן איוואַנאָוויטש איז אַזאַ שטרענגריכטיקער, גלאַטיקער, אַז דער געדאַנק קען זיך נישט פאַרטשעפּען אָן אים. בלויז איינס איז אין אים אינטערעסאַנט: ער האָט נישט ליב דעם הייצער, זידלט אים תמיד און לאַדט אים תמיד איין צו טרינקען טיי.

איינמאָל האָט ער אים געזאָגט:

— ווען עס זאָל נאָך הערשן פּאַנשטשיזנע, און איך זאָל זיין דיין פּריץ, — וואָלט איך דיך, דו פּוסט-און-פּאַסניק, געשמיסן זיבן מאָל אַ וואָך!

יאַקאָוו האָט ערנסט באַמערקט:

— זיבן מאָל — צו פיל אַביסעלע!

זידלענדיק דעם הייצער, קאָרמעט אים פונדעסטוועגן דער קוכער מיט אַלעם מעגלעכן; ער שטעקט אים גראָב אַריין עפּעס אַ ביסן און זאָגט:

*) אַ מאָדנער

— פרעס!

יאַקאָוו קייט נישט געאײַלט און זאָגט:

— איוואַן איוואַנאָוויטש, אַסך כּחות וועל איך אָנקלייבן צו דאַנק דיר!

— און צוואָס, פּוילאַק איינער, דאַרפסטו כּחות?

— וואָס הייסט צוואָס? כ׳וועל לעבן לאַנג...

— אָבער צוואָס דאַרפסטו לעבן, שד איינער!

— אויך אַ שד לעבט. אפשר וועסטו זאָגן, אַז ס׳איז נישט אנגענעם צו לעבן? צו לעבן, איוואַן איוואַנאָוויטש, איז זייער דערקוויקלעך...

— סאַראַ יעדיאָט!

— וואָס אַזוינס?

— יעדיאָט.

— ס׳געהערט אַ וואָרט, — ווונדערט זיך יאַקאָוו, און מעד-ווערשאַנאַק רעדט צו מיר:

— אדרבה, באַקלער נאָר: פון אונז צאַפּט זיך דאָס בלוט, מיר טריקענען די ביינער אין דער גיהנומשער היץ ביי דער פּליטע, און ער — אָט זע, קייט זיך, ווי אַ חזיר!

— יעדן — זיין גורל, — זאָגט דער הייצער, צעקייענדיק די שפּייז.

כ׳ווייס, אַז ביים קעסל איז שווערער און הייסער צו אַרבעטן, ווי ביי דער פּליטע, עטלעכע מאָל, דורך די נעכט, האָב איך פּרובירט „דעזשורן" צוזאַמען מיט יאַקאָוון. און ווונדער זיך, וואָס ער וויל נישט צוליב עפּעס אָנווייזן דעם קוכער אויף דער שווער-קייט פון זיין אַרבעט. ניין, דערדאָזיקער מענטש ווייסט עפּעס אויסערגעוויינלעכס...

אַלע האָבן אים געזידלט — דער קאַפּיטאַן, דער מאַשיניסט, דער באָצמאַן — אַלע, ווער ס׳האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרצן, און ס׳איז געווען אַ חידוש; פאַרוואָס זאָגט מען אים נישט אָפּ? די הייצערס האָבן זיך באַציגן צו אים נישט דער ערך בעסער פון אַנדערע מענטשן, כאָטש זיי פלעגן אָפּלאַכן פון אים פאַר זיין פּלוידערן, פאַר זיין שפּילן אין קאָרטן. כ׳פלעג זיי פרעגן:

— יאַקאָוו איז אַ גוטער מענטש?

— יאַקאָוו? נישקשה. ער האָט נישט קיין גאַל, וואָס דו ווילסט מאַכסטו פֿון אים, כאָטש לייג אים שטיינער אָנגעגליטע אין בוזים...

נישט געקוקט אויף זיין שווערער אַרבעט ביי די קעסלען און זיין פֿערדישן אַפּעטיט, פֿלעגט דער הייצער שלאָפֿן זייער ווייניק — נאָך דער וואַכט-צייט פֿלעגט ער זיך אָפֿט נישט איבער־טאָן, און אַ שווייסיקער, אַ שמוציקער, זיצט ער די גאַנצע נאַכט אויפֿן הינטער-טייל פֿון דאַמפֿער, שמועסט מיט די פּאַסאַזשירן אָדער שפּילט אין קאָרטן.

ער איז געשטאַנען פֿאַר מיר, ווי אַ פֿאַרשלאָסענער קופֿערט, אין וועלכן, ווי כ'האָב געפֿילט, ס'איז באַהאַלטן עפּעס נויטווענדיקס פֿאַר מיר, און כ'האָב עקשנותדיק געזוכט דעם שליסל, וועלכער זאָל אים אויפֿעפֿענען.

— אין וואָס, ברודערל, גייט דיר, קען איך נישט פֿאַר־שטיין? — פֿלעגט ער פֿרעגן, באַטראַכטנדיק מיך מיט אויגן, וואָס האָבן זיך נישט אַרויסגעזען פֿון אונטער די ברעמען. — נו גוט, די ערד, נו, אמת, אַז כ'האָב זי אַסך אַרומגעגאַנגען, און וואָס נאָך? טשודאַק! כ'וועל דיר, אָט הער זיך בעסער איין, דערציילן, וואָס עס איז אַמאָל פֿאַרלאָפֿן מיט מיר.

און ער דערציילט: האָט זיך געלעבט אַמאָל אין אַ קרייז־שטאָט אַ יונגער ריכטער, אַ לונגענקראַנקער, און אַ ווייב האָט ער געהאַט אַ דייטשקע, אַ געזונטע, אָן עקרה. האָט זיך די דייטשקע פֿאַרליבט אין אַ גאַלאַנטעריי-סוחר; דער סוחר איז באַווייבטער, די ווייב — אַ שיינע, דריי קינדער. אַז דער סוחר האָט באַמערקט, אַז די דייטשקע האָט זיך פֿאַרליבט אין אים, האָט זיך אים פֿאַר־וואָלט אַ חוזק טאָן פֿון איר: האָט ער זי פֿאַררופֿן צו זיך אין גאָרטן אויף ביינאַכט, און אַליין האָט ער פֿאַרבעטן צוויי פֿריינט און זיי באַהאַלטן אין גאָרטן, צווישן די קוסטעס.

— אויסגעצייכנט! נו, איז געקומען די דייטשקע, אַהין־אַהער, איך — אָט איז זי, הייסט עס, מיט אַלעמען! און ער זאָגט איר: איך, האַרינטע, קען דיר נישט ענטפֿערן, אין בין

אַ בּאַווייבּטער, כ'האָב אָבּער צוגעגרייט פאַר דיר צוויי פריינט: איז איינער פון זיי אַן אַלמן, דער צווייטער — אַ בחור, די דייטשקע — אַך! און אַז זי פאַרפאַרט אים דאָס אין דער צורה, און ער — קערט זיך איבּער איבּערן באַנק, און זי דערלאַנגט אים אין פּיסק, מיטן שוך, און מיטן אָפּצאַס! און איך האָב זי באַגלייט, — כ'בּין געווען אַ הויף־שומר בּיים ריכטער; כ'קוק אַריין אין שפּאַרונע, דורכן פאַרקאַן — זע איך די קאַשע אין פאַרקאָכט. דאָ זענען אַרויסגעשפּרונגען אויף איר די פריינט, און — פאַר די צעפּ, און איך בּין אַריבּערגעשפּרינגען דעם פאַר־קאַן, זיי צעשטופּט, — אַזוי, זאָג איך, טאָר מען נישט, הערן סוחרים! די האַרינטע איז צו אים מיטן גאַנצן האַרצן, און ער האָט שענדלעך צוגעטראַכט. כ'האָב זי אַוועקגעפירט, און זיי האָבן מיר די קאָפּ מיט אַ ציגל צעקלאַפּט... זי איז פאַראומערט גע־וואָרן, גייט אַרום איבּערן הויף אַ צעטראָגענע און רעדט צו מיר: יאַקאָוו, כ'וועל אַוועקפאָרן צו מיינע, צו די דייטשן, ווי נאָר דער מאַן וועט שטאַרבּן — פאַר איך אַוועק! איך זאָג איר: אַודאי דאַרף מען אַוועקפאָרן! דער ריכטער איז געשטאָרבּן, און זי איז אַוועקגעפאָרן. אַ פריינטלעכע געווען, א פאַרשטענדיקע אַזאַ. און דער ריכטער איז אויך געווען אַ פריינטלעכער, די ערד זאָל אים לייכט זיין...

נישט באַגרייפנדיק, נישט פאַרשטייענדיק דעם זין פון דער דאָזיקער געשיכטע, שוויַיג איך. כ'שפּיר אין דעם עפּעס באַקאַנטס, אכזריותדיקס, אומזיניקס, אָבּער וואָס זאָל איך זאָגן?

— אַ שיינע געשיכטע? — פרעגט יאַקאָוו.

כ'רעד עפּעס, אַן אויפגעבּראַכטער זידל איך זיך, ער אָבּער דערקלערט רויק:

— זאַטע מענטשן זענען מיט אַלץ צופרידן; נו, איז אַמאָל ווילט זיך אַ שטיף טאָן, און ס'קומט נישט אַרויס קיין שפּאַס, זיי קענען נישט ווייזט אויס. מענטשן ערנסטע, סוחרישע, פאַרשטייט זיך. דער מסחר פאָדערט נישט ווינציק שכל; מיטן שכל צו לעבּן איז, מסתמא, לאַנגווייליק, נו איז פאַרווילט זיך אַ שטיף טאָן.

הינטערן דאַמפּער פליסט שנעל דער טייך, איינגאַנצן אין

שוים, עס הערט זיך דאָס קאָכן פון לויפנדיקן וואַסער, דער שוואַרצער ברעג באַגלייט אים פאַמעלעך. אויפן דעק כראָפּען די פּאַסאַזשירן, צווישן די בענק, — צווישן שלאָפנדיקע קערפּערס, — באַוועגט זיך שטיל, זיך דערנענטערנדיק צו אונז, אַ הויכע, טרו־קענע פרוי אין אַ שוואַרצן קלייד, מיט אַ אַנטבלויזטן גראָען קאָפּ, — דער הייצער רעדט שטיל, מיך אַ שטויס טוענדיק מיטן אַקסל:

— זע — איר איז אומעטיק...

און מיר דאַכט זיך, אַז פרעמדער אומעט פאַרווילדט אים.

דערציילן פלעגט ער אַ סך, כ'פלעג אים הערן גיריק, כ'גע־דענק גוט אַלע זיינע דערציילונגען, אָבער כ'געדענק נישט קיין איין פריילעכע. ער האָט גערעדט רויקער, ווי די ביכער, — אין די ביכער פלעג איך אָפט הערן דעם שרייבערס געפיל, זיין צאָרן, פרייד, זיין טרויער, שפּאָט. דער הייצער האָט נישט געלאַכט, נישט פאַראורטיילט, קיין זאַך האָט אים נישט באַליידיקט און נישט געפרייט אויף אַ קאָנטיקן אופן; ער האָט גערעדט ווי אַ גלייכגיל־טיקער עדות פאַרן ריכטער, ווי אַ מענטש, וועלכן עס זענען גלייך פרעמד די באַשולדיקטע, די באַשולדיקער, די ריכטער... די דאָזיקע גלייכגילטיקייט האָט אַלץ מער אַרויסגערופן ביי מיר אַ בייזן אומעט, עס האָט געוועקט אַ געפיל פון בייזער שנאה צו יאַקאָוון.

דאָס לעבן האָט געברענט פאַר אים, ווי אַ פייער אין אויוון אונטער די קעסלען, ער איז געשטאַנען פאַרן אויוון מיט אַ הילצערנעם האַמער אין דער קרומער בערישער לאַפּע און שטיל גע־קלאַפּט איבערן קראַן צוגעבנדיק אָדער פאַרמינערנדיק דעם הייצמאַטעריאַל.

— מ'האָט דיך באַליידיקט?

— ווער וועט מיך באַליידיקן? כ'בין דאָך אַ שטאַרקער, אַז כ'וועל דערלאַנגען איין מאָל!...

— כ'מיין נישט נישט קלעפּ, אָבער די נשמה האָט מען באַליידיקט?

— די נשמה קען מען נישט באַליידיקן, די נשמה נעמט נישט אָן קיין באַליידיקונג, — רעדט ער, — צו דער מענטש־

לעכער נשמה וועסטו זיך נישט צורירן, מיט קיין זאַך נישט...

די דעק־פּאַסאַזשירן, די מאַטראָסן, אַלע מענטשן האָבן גערעדט וועגן דער נשמה נישט ווינציקער פּיל און אָפט, ווי וועגן ערד, אַרבעט, ברויט און פרויען. די נשמה איז יעדעס צענטע וואָרט אין די רייד פון פּשוטע מענטשן, אַ וואָרט אַ גאַנגבאַרס, ווי אַ קופּערנער צענער. מיר געפעלט נישט, וואָס דאָסדאָזיק וואָרט האָט זיך אַזוי איינגעלעבט אויף דו גליטשיקע מענטשישע צינגער, און ווען די מאַנסבילן זידלען אין דער מאַמען אַריין, בייז און פריינטלעך, פאַראומרייניקנדיק די נשמה, — גיט עס מיר אַ קלאַפּ אין האַרצן.

כ׳געדענק זייער גוט, ווי פאָרזיכטיק די באָבע פלעגט ריידן וועגן דער נשמה, דעמדאָזיקן געהיימניספולן וווינאָרט פון ליבע, שיינקייט, פרייד, כ׳האָב געגלויבט, אַז נאָכן טויט פון אַ גוטן מענטשן טראָגן ווייסע מלאכים אַוועק זיין נשמה אין בלויען הימל אַריין, צום גוטן גאָט פון מיין באָבען, און ער באַגעגנט זי פריינטלעך:

— נו, וואָס, מיין טייערע, וואָס, מיין ריינע — זיך אָנגעליטן, זיך אָנגעקווועלט?

און ער גיט דער נשמה שרפים־פליגלען — זעקס ווייסע פליגלען.

יאַקאָוו שומאָוו רעדט וועגן דער נשמה אויך אַזוי פאָרזיכטיק קנאַפּ און אומגערן, ווי די באָבע פלעגט ריידן וועגן איר. זידלענדיק זיך פלעגט ער נישט פאַרטשעפּען די נשמה, און ווען אַנדערע פלעגן ריידן וועגן איר, פלעגט ער שווייגן, איינבויגנדיק די רויטע, אָקסענע האַלז. ווען איך פרעג אים, וואָס איז אַזוינס די נשמה, — ענטפערט ער:

— אַ גייסט, גאָטס אָטעם...

מיר איז דאָס ווינציק, כ׳פרעג נאָך וועגן עפּעס, דאַן רעדט דער הייצער מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ:

— וועגן דער נשמה, ברודערל, פאַרשטייען אויך די פּאָפּעס גאַנץ ווייניק, דאָס איז אַ זאַך אַ פאַרבאָרגענע...

ער באַשעפטיקט אַן אויפהער מיין געדאַנק, כ׳געפין זיך אין

אַ עקשנותדיקער אָנשטרענגונג אים צו פאַרשטיין, אָבער דידאָזיקע אָנשטרענגונג איז אָן דערפאָלג. חוצדעם, זע איך קיין שום זאַך נישט, ער פאַרשטעלט אַלץ פון מיר מיט זיין ברייטער פיגור.

די בופעטניצע באַציט זיך צו מיר פאַרדעכטיק-פריינטלעך,— אינדערפרי דאַרף איך איר דערלאַנגען זיך ארומוואַשן, כאָטש דאָס איז די פליכט פון ליושאַן, דער באַדינערין פון צווייטן קלאַס, אַ ריינינקע און פרייליכע מיידל. ווען איך שטיי אין דער ענגער קאַיוטע, לעבן דער בופעטניצע, אַ נאַקעטער ביזן גאַרטל, און כ'זע איר געל לייב, וואָס איז צעקראָכן ווי איבערגעזויערט טייג, דערמאָנט זיך מיר דער געגאָסענער, ברוינער קערפּער פון דער מלכה מאַרגאָ און מיך עקלט. און די בופעטניצע הערט נישט אויף צו ריידן ווען עפּעס, דאָ רחמנותדיק און בייז, דאָ אין כעס און שפּאָטיש.

דער זין פון אירע רייד דערגייט נישט צו מיר, כאָטש כ'שטויס זיך אָן וועגן אים ווי פונדערווייטנס, — דאָס איז אַ נע-בעכדיקער, בעטלערישער, שענדלעכער זין. אָבער כ'ווער נישט אויפגעבראַכט, — כ'לעב ווייט פון דער בופעטניצע און פון אַלץ, וואָס עס טוט זיך אויפן דאַמפּער, כ'געפין זיך — הינטערן גרויסן, מאָכיקן שטיין, ער באַהאַלט פון מיר דידאָזיקע גאַנצע וועלט, וואָס שווימט ערגיץ-וווהין טאָג ווי נאַכט.

— אונזער גאַוורילאָוונאַ האָט זיך נישקשהדיק פאַרליבט אין דיר, — הער איך ווי דורכן שלאָף ליושאַס שפּאָטישע ווערטער.— צעעפן דאָס מויל, כאַפּ דעם גליק...

נישט נאָר זי שפּאָט אָפּ פון מיר, די גאַנצע בופעט-דינער-שאַפט וויים וועגן דער באַלעבאָסטעס שוואַכקייט, און דער קוכער רעדט, קנייטשנדיק דעם שטערן:

— דאָס ווייבל האָט שוין אַלץ פאַרזוכט — האָט זיך איר אַ טשאַסטע פאַרוואָלט, מיט קרעם! נ—נו, אַ פאָלק... זע, פּעש-קאָוו, היט זיך, גיב גוט אַכטונג...

און יאַקאָוו רעדט אויך אַריין אין מיר פאָטערלעך-גע-שעפטמעסיק:

— פאַרשטייט זיך, וואָלסטו געווען אויף אַ יאָר צוויי על-

טער, נו, וואָלט איך דיר גאָר עפּעס אַנדערש געזאָגט, אָבער איצט, אין דיינע יאָרן — איז אפשר בעסער, גיב זיך נישט אונטער! אָבער — ווי דו ווילסט...

— לאָז צו רו, — זאָג איך. - ס'עקלט...

— אודאי...

און גלייך נאָכדעם, באַמיענדיק זיך צו צעשויבערן מיט די פינגער די אָנגעוואָליעטע האָר אויפן קאָפּ, זייט ער זיינע קיילעכדיקע ווערטער:

— נו, אויך איר ענין דאַרף מען פאַרשטיין, דאָס איז אַן ענין אַ מאָגערער, אַן ענין אַ ווינטערדיקער... איך אַ הונט האָט ליב, מ'זאָל אים גלעטן, בפרט נאָך — אַ מענטש! אַ פרוי לעבט מיט דער צערטלעכקייט, ווי אַ שוואָם מיט פייכטקייט. איר אַליין איז, מסתמא, אַ בושה, אָבער וואָס זאָל זי טאָן? דער קערפּער וויל תענוגים, און ווייטער גאָר...

מיט אָנשטרענגונג פאַרקוקנדיק אין זיינע אומדערווישלעכע אויגן, פרעג איך אים:

— האָסט רחמנות אויף איר?

— ווער, איך? אַ מוטער איז זי מיינע, וואָס? אויף קיין מוטערס האָט מען קיין רחמנות נישט, און דו... טשודאַק.

ער לאַכט נישט הויך, מיט אַ צעבראָכן גלעקעלע.

אַמאָל קוקנדיק אויף אים, פאַל איך ווי אַריין אין אַ שטומער פוסטקייט, אין אַ ענדלאָזע גרוב, אין חושך.

— אַט אַלע האָבן חתונה, און דו, יאַקאָוו, פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה?

— צוואָס? אַ פרוי וועל איך אַזוי אויך צו יעדער צייט באַקומען, דאָס איז, אַ לויב צו גאָט, גאַנץ פשוט... אַ באַווייבטער דאַרף לעבן אויף אַן אָרט, מיט פויערשער ווירטשאַפט זיך פאַרנעמען, און ערד האָב איך שלעכטע, און דערצו נאָך ווינציק, און אויך דידאָזיקע האָט דער פעטער צוגענומען. דער יינגערער ברודער האָט זיך אומגעקערט פון זעלנעריי, און גלייך מיטן פעטער זיך קריגן גענומען, זיך לאָדן, און — מיט אַ פלאָקן איבערן קאָפּ... בלוט האָט ער פאַרגאָסן. דערפאַר האָט מען אים —

אין תפיסה אויף אַנדערטהאַלבן יאָר, און פון תפיסה איז איין וועג, — ווידער אין תפיסה. און זיין ווייב, אַ דערקוויקלעכע ווייבעלע געווען... אָבער צו וואָס טויגן די רייד! האָסט חתונה געהאַט, טאָ זיץ, הייסט עס, ביי דיין בודע אַלס באַלעבאָס, און אַ זעלנער איז אויף זיין לעבן נישט קיין באַלעבאָס.

— דו טוסט תפילה צו גאָט?

— טש—טשודאַק! אַוודאי טו איך תפילה...

— אָבער ווי?

— פאַרשידן.

— וועלכע תפילות זאָגסטו?

— קיין תפילות קען איך נישט. ביי מיר ברודעל, איז פּשוט: יעזוס מיין האַר, — אויפן לעבעדיקן — דערבאַרים זיך, דעם טויטן-שענק רו, היט אָפּ, גאָטעניו, פון קראַנקהייטן... נו, און נאָך עפּעס זאָג איך...

— וואָס?

— אָט אַזוי! וואָס דו זאָלסט נישט זאָגן, אַלץ דערגייט צו א י ם!

ער באַציט זיך צו מיר פריינטלעך, מיט נייגעריקייט, ווי צו אַ נישט-באַרישן הינטעלע, וועלכער קען באַווייזן פריילעכע שטיק. עס טרעפט, זיצסט מיט אים ביינאַכט, עס שמעקט פון אים מיט נאַפט, קאָפּעטש, ציבעלעס, — ער האָט ליב געהאַט ציבעלעס און געגריזשעט רויע ציבעלעך, ווי עפּל, מיטאַמאָל גיט ער אַ פרעג:

— אַ נו, אַליאָכאַ, קרייזיקער-לייזיקער, זאָג אַ לידל!

כ'קען אַ סך לידער אויף אויסנווייניק, חוצדעם האָב איך אַ דיקן העפט, וווּ ס'איז פאַרשריבן דאָס באַליבטע פון מיר. כ'לייען אים „רוסלאַנען", ער הערט זיך צו אומבאַוועגלעך, אַ בלינדער און שטומער, איינהאַלטנדיק זיין כריפּעדיקן אָטעם, דער-נאָך רעדט ער נישט הויך:

— אַ דערקוויקלעכע, פיינע מעשהלע! וואָס, האָסט עס אַליין צוגעטראַכט? פּושקין? ס'אי דאָ אַזאַ פריץ מוכין-פּושקין, כ'האָב אים געזען...

— נישט דער, יענעם האָט מען שוין פון לאַנג דערהרגעט!
— פאַרוואָס?

כ׳דערצייל מיט יענע קורצע ווערטער, ווי ס׳האָט מיר דערציילט די מלכּה מאַרגאָ. יאַקאָוו הערט, דערנאָך רעדט ער רויק:

— אַ שפּאָר ביסל מענטשן קומען אום צוליב ווייבער...

אָפּטמאָל דערצייל איך אים פאַרשידענע געשיכטעס, וועלכע כ׳האָב אויסגעלייענט פון ביכער; זיי האָבן זיך אַלע צענויפגעפלאָנטערט, צענויפגעגאָסן ביי מיר אין איין לאַנגע־לאַנגע געשיכטע פון אַ אומרויקן, שיינעם לעבן, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט מיט פייערדיקע ליידנשאַפטן, מיט משוגע־ווילדע העלדנמעשׂים, מיט פּורפּורנער אַדלקייט, לעגענדאַרע דערפאָלגן, דועלן און טויטן, איידעלע ווערטער און נידערטרעכטיקע האַנדלונגען. ראָקאַמבאָל האָט אָנגענומען ביי מיר די ריטערלעכע שטריכן פון ליאַ־מאָל, פון אַניבאַל קאָקאָן; לודוויק XI די שטריכן פון פאָטער גראַנדע; דער קאָרנעט אָטלעטאַיעוו גיסט זיך צענויף מיט הענריק IV. די־דאָזיקע געשיכטע, אין וועלכער כ׳פלעג לויט אינספּיראַציע, ענדערן די כאַראַקטערן פון די מענטשן, האָט איבערגערוקט געשעענישן, איז געווען פאַר מיר אַ וועלט, ווי כ׳בין געווען פריי, ווי דעם זיידנס גאָט, — אויך ער שפּילט מיט אַלץ, אַזוי ווי ער וויל. דער־דאָזיקער בוך־כאַאָס האָט מיר נישט געשטערט צו זען די ווירקלעכקייט אַזוי ווי זי איז, ער האָט נישט אָפּגעקילט מיין פאַרלאַנג צו באַגרייפן די לעבעדיקע מענטשן, ער האָט מיך אָבער איבערגעדעקט מיט אַ דורכזיכטיקן, אָבער נישט דורכדרינגלעכן וואָלקן, וואָס האָט נישט צוגעלאָזט צו מיר אַסך קלעפּיקן שמוץ, דעם לעבנס גיפטיקע סמען.

די ביכער האָבן מיך געמאַכט אומפאַרוווּנדלעך פאַר אַסך זאַכן: ווויסנדיק, ווי אַזוי מ׳האָט ליב און מ׳ליידט, קען מען נישט גיין אין אַ שאַנד־הויז; דער גראָשענער זנות האָט אַרויסגערופן אַן עקל צו אים און אַ רחמנות־געפיל צו די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געקוויקט מיט אים. ראָקאַמבאָל האָט מיך געלערנט צו זיין פעסט, זיך נישט אונטערגעבן דער קראַפט פון באַדינגונגען,

דיומאַס העלדן האָבן געוועקט אַ פאַרלאַנג זיך אָפּצוגעבן עפּעס אַ וויכטיקער, גרויסער זאַך. מיין ליבלינגס־העלד איז געווען דער פּריילעכער קעניג הענריק IV. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז וועגן אים טאָקע זאָגט בעראַנזשעס פּרעכטיק ליד:

דער קעניג האָט דעם פאָלק געשענקט,
פרייהייטן גאָר גרויסע;
און טאָקע דערפאַר, ווייל ס'איז גליקלעך דאָס פאָלק,
ליב געהאַט מאַכן אַ כּוסה.

די ראָמאַנען האָבן געשילדערט הענריק IV אַלס גוטן מענטש, אַ נאָנטן צו זיין פאָלק; אַ קלאָרער, ווי די זון, האָט ער אין מיר איינגעפלאַנצט די איבערצייגונג, אַז פראַנקרייך איז דאָס שענסטע לאַנד פון דער גאַנצער ערד, אַ לאַנד פון ריטערס, וואָס זענען גלייך אַדעליק סיי אין דער מאַנטיע פון אַ קיסר, סיי אין די בגדים פון אַ פּויער: אַנזש פּיטו איז דערזעלבער ריטער, ווי דאַרטאַניאַן. ווען מ'האָט הענריכן דערהרגעט, האָב איך ווילד זיך פאַנאַנדערגעוויינט און געקריטשעט מיט די ציין פון שנאה צו ראַוואַליאַקן. דערדאָזיקער קעניג האָט כּמעט תּמיד פיגורירט אַלס הויפּט־העלד אין מיינע דערציילונגען פאַרן הייצער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך יאַקאָוו האָט ליב באַקומען פראַנקרייך און „הענריקן".

— אַ גוטער מענטש געווען דער קעניג כּענריק — מיט אים קענסטו אפילו פון איין טעפּל עסן, אַלץ, וואָס דו ווילסט, — פלעגט ער זאָגן.

ער האָט זיך נישט באַגייסטערט, נישט איבערגעשלאָגן מיינע דערציילונגען מיט פראַגן, ער האָט געהערט שווייגנדיק, מיט אַראָפּגעלאָזענע ברעמען, מיט אַן אומבאַוועגלעך פּנים, — אַן אַלטער שטיין, אַ באַדעקטער מיט שימל. אָבער ווען איך פלעג צוליב עפּעס איבעררייסן די דערציילונג, פלעגט ער זיך גלייך נאָכפרעגן:

— שוין דער סוף?
— נאָכנישט.
— טאָ בלייב נישט שטיין!

וועגן די פראַנצויזן פלעגט ער זאָגן:

— זיי לעבן אין ווילטאָג...

— וואָס הייסט?

— אָט מיר ביידע לעבן אין היץ, אין אַרבעט — און זיי — אין ווילטאָג. און פון קיין שום געשעפטן ווייסן זיי נישט, בלויז זיי טרינקען און שפּאַצירן, — אַ דערקוויקלעך לעבן!

— זיי אַרבעטן אויך.

עפּעס זעט זיך דאָס נישט לויט דיינע דערציילונגען, — האָט דער הייצער באַמערקט מיט רעכט, און מיר איז פּלוצלינג קלאָר געוואָרן, אַז די גרעסטע מערהייט ביכער, וועלכע כ׳האָב דורכגעלייענט, דערציילט נישט כמעט ווי אַזוי מ׳אַרבעט, פון וואָסער פּראַצע עס לעבן די אַדעליקע העלדן.

— נו, כ׳וועל אַביסל אַ שלאָף טאָן, — פלעגט יאַקאָוו זאָגן, אויספאַלנדיק אויפן פלייצע דאָרט, ווו ער איז געזעסן, און אין אַ מינוט אַרום שוין גלייכמעסיק געפייפט מיט דער נאָז.

האַרבסטצייט, ווען די ברעגעס פון דער קאַמע זענען געל, די בלעטער — גאָלדיק געוואָרן, און די קרומע שטראַלן פון דער זון האָבן גענומען ווייס ווערן, — האָט יאַקאָוו אומגעריכט פאַרלאָזן דעם דאַמפער. נאָך מיט אַן אָוונט פריער האָט ער מיר געזאָגט:

— איבערמאָרגן וועלן מיר, קרייזיקער-לייזיקער, אָנקומען קיין פּערם, וועל איך מיט דיר אַריבערגיין אין באָד, זיך אויספּרייען אויף וואָס די וועלט שטייט, און פון דאָרט — גלייך אין אַ שענק מיט מוזיק, — אַ מחיה! כ׳האָב ליב צו זען, ווי די מאַשין שפּילט.

אָבער אין סאַראַפּול איז אַרויף אויפן דאַמפער אַ דיקער מאַנספּערשוין, מיט אַ צעקראָכן, ווייבעריש פּנים אָן אַ באָרד און אָן וואָנסעס. אַ וואַרעמע לאַנגע קאַפּאָטע און אַ היטל מיט אויערן פון פוקסן-פעל האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין ענלעכקייט צו אַ פרוי. ער האָט גלייך פאַרנומען אַ טישל לעבן קיך, ווו עס איז וואַרעמער געווען, באַשטעלט טיי און גענומען טרינקען דאָס געלע־ווּדיקע וואַסער, נישט צעשפּילענדיק די קאַפּאָטע, נישט אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל, געשמאַק שוויצנדיק.

די האַרבסטיקע וואָלקנס האָבן נישט אויפגעהערט צו שריפן מיט אַ דראָבנעם רעגן, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ווען דערדאַ־זיקער מענטש ווישט אָפּ מיטן געקעסטלטן טיכל דעם שווייס פון פנים, הויבט אָן דער רעגן צו גיין פּאַמעלעכער, און ווי נאָר דער מענטש הויבט ווידער אָן צו שוויצן — ווערט אויך דער רעגן שטאַרקער.

אינגיכן האָט זיך לעבן אים געפונען יאַקאָוו, און זיי האָבן גענומען באַטראַכטן די מאַפּע אין קאַלענדאַר — דער פּאַסאַזשיר האָט געפירט איבער איר מיטן פינגער, און דער הייצער האָט רויק גערעדט:

— מילא! קיין בייז נישט. כ'שפּיי אויף דעם...

— איז גוט, — האָט מיט אַ דינינקן קול געזאָגט דער פּאַ־סאַזשיר, אַריינרוקנדיק דעם קאַלענדאַר אין אַ האַלב־אָפּענעם לע־דערנעם זאַק לעבן זיינע פיס. שטיל שמייכלענדיק, האָבן זיי גענומען טרינקען טיי.

איידער יאַקאָוו איז אַוועק אויף וואַכט, האָב איך אים גע־פרעגט, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז. ער האָט געענטפערט, אונ־טערשמייכלענדיק:

— לויטן אויסזען, דאַכט זיך אַ טויב, אַ סקאָפּעץ, הייסט עס. פון סיביר, ווי — ייט! אַ קאָמישער, לויט אַ פּלאַן לעבט ער...

ער איז אַוועק פון מיר טרעטנדיק איבערן דעק מיט די שוואַרצע פּיענטעס, האַרטע, ווי קאָפּיטעס, ער איז אָבער ווידער געבליבן שטיין, קראַצנדיק די זייט.

— כ'האָב זיך אָנגעדונגען ביי אים אַלס אַרבעטער; ווי נאָר מיר וועלן אָנקומען קיין פּערם, וועל איך אַראָפּקריכן פון דאַמפּער, זיי געזונט, קרייזיקער־לייזיקער! מיט דער אייזנבאַן דאַרף מען פאָרן, דערנאָך — מיטן טייך, און מיט פערד אויך; פינף וואָכן, דאַכט זיך, דאַרף מען פאָרן, אָט ווי אַ מענטש איז פאַרוואָרפן געוואָרן...

— קענסט אים? — האָב איך געפרעגט, פאַרוווּנדערט פון יאַקאָווס אומגעריכטן באַשלוס.

— פונוואַנעט? כ'האָב אים קיינמאָל פאַר די אויגן נישט אָנגעצזען, כ'האָב דאָך אין זיינע מקומות נישט געלעבט...

אויף צומאָרגנס, אָנגעטאָן אין אַ קורצן, דורכגעפּעצטן שאָפּן־פּעלצל, אין צעריסענע שטיוול אויף די באָרוועסע פיס, אין מעד־וועזשאָנאָק אַ צעבראָכענעם שטרויענעם קאַפּעליוש, אָן אַ ראַנד, האָט יאַקאָוו געדריקט מיין האַנט מיט אייזערנע פינגער און גערעדט:

— קום מיט מיר, וואָס? אויף דיך וועט ער נעמען, די טויב, אויב כ'וועל אים זאָגן; ווילסט — כ'וועל זאָגן? מ'וועט דיר אָפּשניידן דאָס איבעריקע, געלט וועט מען דיר געבן. פאַר זיי איז דאָס אַ יום־טוב, אַ מענטשן צו פאַרקריפּלען, זיי וועלן דערפאַר אַ שכר געבן...

דער סקאָפּעץ איז געשטאַנען ביים בארט מיט אַ ווייסינקן קלומעקל אונטערן אָרים, עקשנותדיק געקוקט אויף יאַקאָוון מיט טויטע אויגן, אַ שווערער, אָן אויפגעלאָפּענער, ווי אַ דערטרונקע־נער. כ'האָב אים נישט הויך אויסגעזידלט, דער הייצער האָט נאָך אַמאָל אַ דריק געטאָן מיין דלאָניע.

— לאָז אים צורו, שפּיי אויף דעם! יעדער טוט תפילה צו זיין גאָט, און אונז — וואָס גייט עס אָן, נו, זיי געזונט! לעב גליקלעך!

און יאַקאָוו שומאָוו איז אַוועק, זיך קאַטשענדיק פון איין פוס אויף דער צווייטער, ווי אַ בער, איבערלאָזנדיק אין האַרצן ביי מיר אַ שווער, קאָמפּליצירט געפיל, — ס'איז אַ רחמנות געווען אויפן הייצער און ס'האָט פאַרדראָסן אויף אים, און אויף וויפל כ'געדענק, בין איך אים אַביסל מקנא געווען, און אומרויק האָט זיך געטראַכט: צו וואָס איז אַ מענטש אַוועק נישט וויסנדיק וווהין? וואָס זשע פאַראַ מענטש איז ער, דער יאַקאָוו שומאָוו?

XII

שפּעט אין האַרבסט, ווען דער דאַמפּער האָט אויפגעהערט צו קורסירן, בין איך אָנגעקומען אויף דער לערע אין אַ ווארשטאַט פון איקאָנעס־מאַלעריי, אָבער אין אַ טאָג אַרום האָט מיר מיין באַלעבאָסטע, אַ ווייכע און שפּורלעכע אַלטינקע, דערקלערט מיט אַ וולאַדימירער אַקצענט:

— די טעג זענען איצט קורצינקע, די אָוונטן — לאַנגע, וועסטו פון פרימאָרגן גיין אין געוועלב, וועסט דאָרט שטיין אַלס שיק־יינגל, און אין די אָוונטן — לערן זיך!

און זי האָט מיך איבערגעגעבן אין רשות פון אַ קליינעם, פלינקפּיסיקן משרת, אַ יונגן בחור מיט אַ שיינינקן, לאַקריץ־זיסן פּנים. אין די פרימאָרגנס גיי איך מיט אים אין קאַלטן טונקל פון באַגינען דורך דער גאַנצער שטאָט איבער דער פאַרשלאָפענער סוחרישער גאַס איליאַנקאַ אויפן ניזשני מאַרק; דאָרט, אויפן צווייטן שטאָק פון די האַלעס, געפינט זיך דאָס געוועלב. אײַבערגעמאַכט פון אַ קעמערל, אַ פינסטערס, מיט אַן אייזערנער טיר און מיט איין־איינציקן קליינינקן פענסטער, וואָס קומט אַרויס אויף דער טעראַסע, אַ באַדעקטע מיט אייזן, איז די קרעמל געווען ענג אָנגעפּראָפּט מיט איקאָנעס פון פאַרשידענע גרויסן, מיט קיאָטן, גלאַטע און מיט „ווײַנטרויבן“, מיט ביכער אין צערקאָווע־סלאַוויאַנישן שריפט, אין אײַנבענד פון געלן לעדער. אַ טיר אין אַ טיר מיט אונזער קרעמל האָט זיך געפונען אַ צווייטע, אין איר האָט אויך געהאַנדלט מיט איקאָנעס און ביכער אַ שוואַרצבערדיקער סוחר, אַ קרוב פון אַלטגלויביקן פּרעדיקער, וועלכער שמט הינטער דער וואָלגע, אין די קערזשענער קאַנטן; דעם

סוחר העלפט אין קראָם אַ טרוקענער און לעבעדיקער ייִנגל אין מיין עלטער, מיט אַ קליינינקן פּנימל פון אַ אַלטן, מיט אומרויִקע אויגן פון אַ מייזעלע.

נאָכן עפענען די קרעמל האָב איך געדאַרפט אַ לויף טאָן נאָך געקאָכט וואַסער אין שענק; נאָכן אָנטרינקען זיך מיט טיי — אויפראַמען די קראָם, אָפּווישן דעם שטויב פון דער סחורה און דערנאָך — נישט אָפּטרעטן פון דער טעראַסע, גוט אַכטונג געבן, די קונים זאָלן נישט אַריינגיין אין שכנס קראָם.

— דער קונה איז אַ שוטה, — האָט מיר מיט זיכערקייט געזאָגט דער אָנגעשטעלטער. — אים איז אַלץ איינס, וווּ צו קויפן, אַבי וואָלוול, און אויף סחורה פאַרשטייט ער זיך נישט!

שנעל קנאַקנדיק מיט די ברעטעלעך פון די איקאָנעס, באַרימענדיק זיך מיט זיין פיינער קענטעניש פון געשעפט, האָט ער מיר געלערנט:

— אַ פיינע אַרבעט — אַ ביליקע סחורה, דריי ווערשאָק אויף פיר — קאָסט זיך אַליין... זעקס ווערשאָק אויף זיבן — קאָסט זיך אַליין... די הייליקע קענסטו? געדענק: וואָניפאַטי — פון שכרות; וואַרוואַראַ די גרויסמערטירערין — פון ציין־ווייטאָק, פון אַ פּלוצלינגען טויט; וואַסילי דער גליקזעליקער — פון קדחת, הרץ־קרענק... די גאָטסמוטערס קענסטו? זע: די טרויערנדיקע, די דרייהענטיקע, אַבאַלאַצקער־דערשיינונג, באַקלאָג מיך נישט מוטער, שטיל מיין טרויער, די קאַזאַנער, די פּאָקראָווער, די זיבן־פייליקע...

כ'האָב גיך איינגעחזרט די פרייזן פון די איקאָנעס לויט די גרויסן און לויט דער אַרבעט, כ'האָב געדענקט די אונטערשיידן אין די איקאָנעס פון דער גאָטסמוטער, אָבער געדענקען די באַדייטונג פון די הייליקע איז נישט געווען אַזוי לייכט.

ס'טרעפט, כ'פאַרטראַכט זיך וועגן עפּעס, שטייענדיק ביי דער טיר פון קראָם, און דער משרת הויבט פּלוצלינג אָן צו קאָנטראָלירן מיינע ידיעות:

— ווער העלפט ביי אַ שווער געווינען?

ווען איך האָב אַ טעות, פרעגט ער מיט פאַראַכטונג:

— צו וואָס האָסטו אַ קאָפּ?

נאָך שווערער איז געווען אַריינצורופן קונים; די העס־לעך געמאָלטע איקאָנעס זענען מיר נישט געפעלן געווען, ס'איז אומאָנגענעם געווען זיי צו פאַרקויפן. לויט דער באָבעס דערציילונגען האָב איך זיך פאָרגעשטעלט די גאָטסמוטער אַ יונגע, אַ שיינע, אַ גוטע; אַזאַ איז זי אויך געווען אויף די בילדער פון זשורנאַלן, אָבער די איקאָנעס האָבן זי פאַר־געשטעלט אַן אַלטע, אַ שטרענגע, מיט אַ לאַנגער, קרומער נאָז און הילצערנע הענטלעך.

אין די מאַרק־טעג, מיטוואָך און פרייטאָג, איז דער האַנדל געגאַנגען גוט, אויף דער טערראַסע פלעגן זיך יעדע מינוט באַווייזן פויערים און זקנות, אַמאָל גאַנצע משפחות, אַלץ — אַלטגלויביקע פון זאַוואָלזשע, אַן אומצוטרויליכעס און אָנגע־כמורעטעס וואַלד־פאָלק. פּלוצלינג דערזעסטו אַמאָל, ווי איבער דער גאַלעריי שפּאַנט פּאַמעלעך, ווי מורא האָבנדיק איינצו־זינקען, אַ שווערער מענטש, איינגעוויקלט אין אַ שעפּסן־פּעלץ און אין גראָבעס, היימיש־געוואַלקטעס טוך, — ס'ווערט אומ־באַקוועם פאַר אים, ס'נעמט אַן אַ בושה. מיט גרויס מי שטעלסטו זיך אויף זיין וועג, דרייסט זיך אונטער זיינע פיס אין פּודי־קע שטיוול און זינגסט ווי אַ מוק:

— וואָס דאַרפט איר האָבן, חשובער? תהילימס קאַנ־טראַלירטע און מיט אַ פירוש, יעפרעם סירינס ביכער, מיט קי־ריל־שריפט, מיט אוסטאַוו־שריפט, געבעט־ביכער — זייט אַזוי גוט, טוט אַ קוק! איקאָנעס אַלערליי, וועלכע איר ווילט נאָר אין פאַרשידענע פּרייזן, די בעסטע אַרבעט, טונקעלע פאַרבן! אויף באַשטעלונגען מאָלן מיר וועמען איר ווילט נאָר, אַלע הייליקע און די גאָטסמוטערס! אַ נאָמענטלעכע ווילט איר אפשר באַשטעלן, אַ משפּחהדיקע? דער בעסטער וואַרשטאַט אין רוסלאַנד! דאָס ערשטע געשעפט אין שטאָט!

דער אומדורכדרינגלעכער און אומפאַרשטענדלעכער קונה שווייגט לאַנג, קוקנדיק אויף מיר, ווי אויף אַ הונט, און פּלוצ־

לינג, מיך אָפּשטויסנדיק אין אַ זייט מיט דער הילצערנער האַנט, גייט ער אַריין אין שכנס קראָם, און מיין פּאַרקויפער רייבט זיך די גרויסע אויערן און בורטשעט מיט כּעס:

— דורכגעלאָזן, אויך מיר אַ סוח—חר...

אין שכנס קראָם הודיעט אַ ווייכער, זיסער קול עס פליסן פאַרשכּורנדיקע רייד:

— מיר, מיין ליבינקער, האַנדלען נישט מיט קיין שעפּסן-פעל, נישט מיט שטיוול, נאָר מיט גאָטס גבאָד, וואָס שטייט העכער פאַר גאָלד און זילבער, און נישטאָ גאָר קיין פּרייז פאַר אים...

— אַ שד דאָס איז! — מורמלט מיין פאַרקויפער מיט קנאה און אַנטציקונג. — ער שיט דעם פויער נישקשהדיק זאַמד אין די אויגן. לערן זיך! לערן זיך!

כ'האָב זיך געלערנט געוויסנהאַפט, — יעדע אַרבעט דאַרף מען טאָן גוט, אויב דו האָסט זיך שוין גענומען צו איר. כ'האָב אָבער געהאַט ווינציק דערפאָלג אין פאַרנאַרן קונים און אין מסחר; — די דאָזיקע אָנגעכמורעטע פויערים, קאַרגע אויף ווערטער, די זקנות, ענלעכע אויף שטשורעס, תמיד דורך עפּעס אָנגעשראָקענע, נידערגעשלאָגענע האָבן אַרויסגערופן ביי מיר אַ רחמנות-געפיל צו זיי, ס'האָט זיך אינדערשטיל געוואָלט זאָגן דעם קונה דעם אמתן פּרייז פון דער איקאָנע, נישט איבערבעטנדיק קיין איבעריקן פּערציקער. אַלע זענען זיי מיר פאָרגעקומען אָרימע, הונגעריקע און ס'איז מאָדנע געווען צו זען, אַז דידאָזיקע מענטשן צאָלן צו דריי מיט אַ האַלבן רובל פאַר אַ תהילים — דעם בוך, וועלכעס זיי פלעגן קויפן אָפטער פאַר אַלע.

זיי האָבן מיך פאַרוואונדערט מיט זייער מבינות אויף ביכער, מיט די מעלות פון דער מאַלעריי אויף די איקאָנעס, און איינמאָל האָט מיר אַ גראָעטשקער אַלטינקער, וועלכן כ'האָב געטריבן אין קראָם אַריין, מילד געזאָגט:

— ס'איז נישט אמת, קליינער, אַז אייער ווארשטאַט פון איקאָנעס איז דער בעסטער אין רוסלאַנד, דער בעסטער איז ראָגאָזשינס, אין מאָסקווע!

פאַרשעמט, האָב איך זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, און ער

איז זיך שטיל אַוועק ווייטער, נישט אַריינגייענדיק אויך אין שכנס קרעמל.

— געלייזט? — האָט בייזוויליק מיר געפרעגט דער פאַר־קויפער.

— איר האָט מיר נישט דערציילט וועגן ראַגאָזשינס וואַרשטאַט...

ער האָט זיך גענומען זידלען:

— ס'שלעפּן זיך אַרום אַט אַזעלכע שטילינקע און אַלץ ווייסן זיי, די פאַרשאָלטענע, אַלץ פאַרשטייען זיי, הינט אַלטע.

אַ שייבינקער, אַ זאַטער און אַ כבוד־גיריקער, האָט ער פיינט געהאַט די פּויערים און אין גוטע מינוטן פלעגט ער זיך באַקלאָגן פאַר מיר:

— איך בין אַ קלוגער, כ'האָב ליב ריינקייט, גוטע ריחות — קטרת, אַדעקאָלאָן, און ביי דידאָזיקע מעלות מיינע דאַרף איך זיך בוקן ביזן גאַרטל פאַרן שטינקנדיקן פּויער, כדי ער זאָל דער באַלעבאָסטע אַ צענערל ריוח געבן! איז דאָס מיר גוט? וואָס איז דען אַ פּויער? אַ זויערע הויט, אַן ערדישע לויז, און פונ־דעסטוועגן...

ער פלעגט פאַרדראָסיק אַנטשוויגן ווערן.

מיר זענען די פּויערים געפעלן געווען, אין יעדן פון זיי האָט זיך געשפירט עפּעס געהיימניספולעס, ווי אין יאַקאָוון.

ס'טרעפט, אין קרעמל קריכט אַריין אַ שווערע פיגור אין אַ לאַנגן ראָק, וואָס איז אַנגעטאָן איבערן קורצן שאָפּנפּעלצל, נעמט אַראָפּ דאָס האָריקע היטל, צלמט זיך איבער מיט צוויי פינגער, קוקנדיק אין ווינקל, וווּ עס פינקלט אַ נר־תמיד, באַמיענדיק זיך נישט צו פאַרטשעפּען מיטן אויג די נישט געהייליקטע איקאָנעס, דערנאָך טאַפּט ער שווייגנדיק אַרום מיטן בליק אַרום זיך און זאָגט:

— גיב נאָר אַ תהלים מיט אַ פּירוש!

פאַרקאַשערנדיק די אַרבל פון לאַנגן אויבער־ראָק, לייענט ער לאַנג דאָס שער־בלאַט, באַוועגנדיק מיט די ערד־פאַרביקע, ביז בלוט צעהאַקטע ליפּן.

— נאָך עלטער איז נישטאָ?

— די אַלטע קאָסטן טויזנטער קערבלעך, ווי איר ווייסט...

— מיר ווייסן.

אײַנבעצנדיק דעם פינגער מיט שפּייעכץ, קערט דער פּויער איבער דאָס זייטל. — דאָרט, וווּ ער האָט עס אָנגעריהרט, בלײַבט איבער אַ טונקעלער פינגער-אָפּדרוק. דער פּאַרקויפער קוקט אויפן פויערס הינטער־קאָפּ מיט אַ בייזן בליק און זאָגט:

— די הייליקע שריפט איז תמיד פון דערזעלבער אַלטקייט. גאָט האָט זיין וואָרט נישט געענדערט...

— מיר ווייסן, שוין געהערט! גאָט האָט נישט געענדערט, אָבער ניקאָן האָט געענדערט.

און צומאַכנדיק דאָס בוך, גייט דער קונה שווייגענדי אַוועק.

אַמאָל פלעגן דידאָזיקע וואַלד-מענטשן זיך אַמפּערן מיטן פאַרקויפער, און מיר איז קלאָר געוועזן, אַז זיי קענען די הייליקע שריפט בעסער פאַר אים.

— געטשנדינערס זומפיקע, — פלעגט בורטשען דער פּאַר־קויפער.

כ'האָב אויך באַמערקט, אַז נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס נייע בוך איז דעם פּויער נישט צום האַרצן, קוקט ער אויף אים מיט אַכטונג, רירט זיך צו צו אים פאָרזיכטיק, ווי דאָס בוך וואָלט פעיק געוועזן אַרויסצופליען פון זיין הענט ווי אַ פויגל. דאָס איז זייער אָנגענעם געווען צוצוזען, ווייל אויך פאַר מיר איז דאָס בוך — אַ וווּנדער, עס שליסט איין אין זיך די נשמה פון דעם, וואָס האָט אים געשריבן; עפענענדיק דאָס בוך, באַפריי איך דידאָזיקע נשמה און געהיימניספול רעדט זי מיט מיר.

גאַנץ אָפט פלעגן זקנים און זקינות ברענגען צו פאַרקויפן פאַרצייטיק־געדרוקטע ביכער פון פאַר-ניקאָנשע צייטן אָדער קאָפּיעס פון אַזעלכע ביכער, שיין אויסגעאַרבעטע דורך די פּרושטעס אויפן אירגיז און קערזשענעץ; קאָפּיעס פון ריטואַל־ביכער, נישט אויסגעבעסערטע דורך דמיטרי ראָסטאָווער; איקאָנעס פון אַלטער מאַלעריי-אַרבעט, צלמים און קופּערנע טאָוועלעך, מיט הייליקע

בילדער באַדעקטע מיט עמאַל, געגאָסענע ביים ים-ברעג, זילבער־נע קריג, געשאָנקענע דורך די מאָסקווער פירשטן די בראָנפֿן־פֿאַרקויפֿער; דאָס אַלץ פֿלעגט פֿאָרגעלייגט ווערן געהיימנישפֿול, זיך אַרומקוקנדיק, פֿון אונטער דער פֿאָלע.

סיי דער קראָם-משרת, סיי אונזער שכן האָבן גוט אַכטונג געגעבן אויף אַזעלכע פֿאַרקויפֿערס, באַמיענדיק זיך איבערצוכאַפּן זיי איינער ביים צווייטן; קויפֿנדיק אַלטערטימלעכקייטן פֿאַר רובלס און צענער־רובלס, פֿלעגן זיי זיי פֿאַרקויפֿן אויפֿן יאַריד די רייכע אַלטגלויביקע פֿאַר הונדערטערס.

דער פֿאַרקויפֿער האָט מיך געלערנט:

— גיב אַכטונג אויף דידאָזיקע וואַלד-שדים, אויף די מכשפֿות, מיט טויזנט אויגן גיב אַכטונג אויף זיי! זיי ברענגען גליק מיט זיך.

פֿלעגט אַראָפּקומען אַזאַ פֿאַרקויפֿער, פֿלעגט מיך דער משרת שיקן נאָכן פֿרעדיקער פּיאָטר וואַסיליטש. אַ גרויסער מבֿין אויף פֿאַרצייטיק-געדרוקטע ביכער, איקאָנעס און אַלערליי אַלטערטים־לעכקייטן.

דאָס איז געווען אַ הויכער אַלטער, מיט דער לאַנגער באָרד פֿון וואַסילי דעם גליקזעליקן, מיט קלוגע אויגן אויפֿן אָנגענעמען פּנים. איין פֿוסטריט איז געווען ביי אים אָראָפּגעהאַקט, ער איז געגאַנגען צוהינקנדיק, מיט אַ גרויסן שטעקן אין האַנט, סיי ווינ־טער סיי זומער אין אַ לייכטן, דינעם קאַפּטן, אַ ענלעכן אויף אַ גלחישן אויבער־בגד, אין אַ סאַמעטענעם היטל פֿון אַ משונה־דיקער פֿאָרם, אַן ענלעכעס אויף אַ פֿענדל. אַ מונטערער, אַ גליי־כער, פֿלעגט ער ביים אַריינקומען אין קראָם אַראָפּלאָזן די אַקס־לען, אויסבייגן די פּלייצע, שטיל אונטערזיפֿצן, אָפּט זיך צלמען מיט צוויי פֿינגער און נישט אויפֿהערן צו בורטשען תּפֿילות, קאַ־פּיטלעך תּהילים. דידאָזיקע גאָטספֿאָרכטיקייט און זקנישע שוואַכקייט פֿלעגט גלייך איינפֿלאַנצן אינם פֿאַרקויפֿער אַ צוטרוי צום פֿרעדיקער

— מיט וועלכע נאַרישקייטן פֿאַרנעמט איר זיך? — פֿלעגט דער אַלטער פֿרעגן

— אָט, אַן איקאָנע פאַרקויפט זיך, אַ מענטש האָט געבראַכט, אַ סטראָגאַנאָווער, זאָגט ער.

— אַ וואָסערע?

— אַ סטראָגאַנאָווער.

— אַהאַ... כ'הער שלעכט, גאָט האָט פאַרצאָמט מיין אויער פאַר די עקלדיקע ניקאָניאַנער ווערטער...

אַראָפנעמענדיק דאָס היטל, האַלט ער די איקאָנע האָריזאָנטאַל, קוקט לענג אויס דער מאַלעריי, פון אַ זייט, גלייך, באַטראַכט די קווער-לייסט אין ברעטל, פאַרקוועטשנדיק די אויגן און מורמלט:

— די גאָטלאָזע ניקאָניאַנער, באַמערקנדיק די ליבע אונזערע צו דער פאַרצייטיקער שיינקייט און דורכן טייוול לוסטיק אויסגעלערנט צו מאַכן פאַרשידענע פאַלשקייטן — מאַכן שוין היינט פלינק נאָך אויך הייליקע בילדער, אָי, מאַכן זיי גוט נאָך! פון אויבנאויף איז דאַכט זיך אַז דאָס בילד טאַקע פון סטראָגאַנאָווער אָדער אוסטיוזשינער מאָלעריי. אָדער פון סוזדאַלער, אָבער אַז דו קוקסט זיך צו מיט אַן אינערלעכן אויג — איז עס 'גאָר פאַלש!

אויב ער זאָגט „פאַלש", הייסט עס, אַז די איקאָנע איז אַ טייערע און זעלטענע. אַ גאַנצע ריי אָפּגערעדטע אויסדרוקן גיבן צו וויסן דעם קראָם-פאַרקויפער, וויפל מ'קען געבן פאַר דער איקאָנע, פאַרן בוך; איך ווייס, אַז די ווערטער „מוטלאָזיקייט און קומער" באַדייטן — צען רובל, „ניקאָן-טיגער" — פינפאונצוואנציק; מיר איז אַ חרפה צוצוזען, ווי מ'נאַרט אָפּ דעם פאַרקויפער, כ'ווער פאַרכאַפּט פון פרעדיקערס געשיקטע שפיל.

— די ניקאָניאַנער דידאָזיקע, די שוואַרצע קינדער פון ניקאָנטינער, קענען אַלץ מאַכן, געשטיצט דורכן טייוול, — אָט, למשל, דער לצווקאַס *) דאַכט זיך איז אַן עכטער, און די קליידער זענען פון איין האַנט געמאָלט. אָבער דאָס פּנים, זע, — נישט דערזעלבער פענזל, נישט דערזעלבער; די אַלטע מייסטער, ווי, למשל, פימען אושאַקאָוו, — כאָטש ער איז געווען אַן אפיקורס, — האָט אַליין די גאַנצע איקאָנע געמאָלט, אי די קליידער, אי דאָס פּנים, פלעגט

*) אַזאַ קיט פון קרייד און ליים, וועלכן עס באַנוצן מאָלער. (איב.)

אליין דאָס איקאָנע־ברעטל העבלעווען, און מיטן לעווקאָס אַליין פאַרציען, און די גאָטלאָזע מענטשן פון אונזער צייט קענען דאָס נישט! פריער איז די איקאָנעס-מאָלעריי געווען אַ הייליקע זאַך, אָבער היינט — אַ מאַלעריי-קונסט בלויז, אָט אַזוי איז דאָס, גאָטסקינדער!

ענדלעך לייגט ער פאָרזיכטיק אַוועק די איקאָנע אויפן טו-באַנק, און, אָנטוענדיק דאָס היטל, זאָגט ער:

— זינד.

דאָס באַדייט — קויף!

דערטרונקען אין טייך פון די זיסע ווערטער, דערשטוינט פון אַלטנס ידיעות, פרעגט דער פאַרקויפער מיט דרך ארץ:

— און וואָס איז, חשובער, מיט דער איקאָנע?

— די איקאָנע איז פון אַ ניקאָניאַנער האַנט.

— דאָס קען נישט זיין! די זיידעס, די עלטערזיידעס זענען מתפלל געווען צו איר...

— ניקאָן האָט געלעבט אַביסל פריער פאַר דיין עלטערזיידן.

דער אַלטער טראָגט אונטער די איקאָנע צום פאַרקויפערס פנים און זאָגט שטרענג:

— גיב נאָר אַקוק, סאַראַ פריילעכע זי איז, צי דען איז דאָס אַן איקאָנע? אַ בילד איז דאָס, אַ בלינדע מאַלעריי-אַרבעט, אַ ניקאָניאַנישע פאַרוויילונג, — אין דערדאָזיקער זאַך איז קיין גייסט נישטאָ! וועל איך דען זאָגן נישט ריכטיק? אַ מענטש בין איך אַן אַלטער, פאַרן אמת אַ גערודפטער, איבגיכן דאַרף איך זיך פאַר גאָט שטעלן, פאַלשעווען לוינט נישט פאַר מיר!

ער גייט אַרויס פון קראָם אויף דער טעראַסע, שטאַרבנדיק פון עלטער־שוואַכקייט, באַליידיקט פון אומצוטרוי צו זיין אָפּשאַ-צונג. דער קראָם־פאַרקויפער צאָלט פאַר דער איקאָנע עטלעכע רובל, דער פאַרקויפער גייט אַוועק, טיף פאַרנייגנדיק זיך פאַר פיאָטר וואַסיליטשן; מיך שיקט מען אַוועק אין שענק נאָך וואַסער אויף טיי, זיך אומקערנדיק, געפין איך דעם פרעדיקער אַ מונטערן, אַ פריילעכן; באַטראַכטנדי'ק מיט ליבשאַפט די קניה, לערנט ער דעם פאַרקויפער:

— זע: די איקאָנע איז אַ שטרענגע, פיין געמאָלט, מיט באַטספּאַרכטיקייט, דאָס מענטשלעכע איז פאַרוואָרפן אין איר...

— און וועמעס מאַלערייִ? — פרעגט דער פאַרקויפער, שיי־נענדיק און אונטערשפרינגענדיק.

— נאָך צו פרי פאַר דיר צו וויסן.

— און וויפל וועלן געבן די מבינים?

— דאָס ווייס איך נישט. גיב, כ׳וועל עמיצן ווייזן...

— אָך, פיאָטר וואַסיליטש...

— און וועל איך פאַרקויפן — איז דיר אַ האַלבע מאה, און וואָס מער — א׳ז מיינס!

— אָך...

— הער אויף צו אָכען...

זיי טרינקען טיי, אומפאַרשעמט זיך דינגנדיק קוקנדיק איינער אויפן צווייטן מיט אויגן פון זשוליקעס. דער פאַרקויפער געפינט זיך אינגאַנצן אין דעם אַלטנס הענט, דאָס איז קלאָר! און ווען דער אַלטער גייט אַוועק, זאָגט ער צו מיר:

— זע, היט זיך, פּלוידער נישט אויס דער באַלעבאָסטע וועגן דערדאָזיקער קניה!

דורכקומענדיק וועגן פאַרקויפן די איקאָנע, פרעגט דער פאַרקויפער:

— און וואָס הערט זיך עפּעס נייעס אין שטאָט, פיאָטר וואַסיליטש?

צורעכטמאַכנדיק די באָרד מיט דער געלער האַנט, אָפּדעקנ־דיק די פעטע ליפּן, דערציילט דער אַלטער וועגן לעבן פון די רייכע סוחרים: וועגן מזל־ברכהדיקע געשעפטן, וועגן הוליאַנקעס, קראַנקהייטן, חתונות, וועגן אומטריישאַפט פון ווייבער און מענער. ער באַקט דידאָזיקע פעטע דערציילונגען גיך און פלינק, ווי אַ גוטע קעכין בלינטשעס, און באַגיסט זיי מיט אַ שיפעדיקן געלעכ־טער. דעם פאַרקויפערס קיילעכדיק פּנימל ווערט ברוין פון קנאה און אַנטציקונג, די אויגן זענען פאַרצויגן מיט אַ טרוימערישן שלייער; אָפּזיפצנדיק, זאָגט ער מיט אַ נעבעך־קול:

— מענטשן לעבן! און איך, אָט...

— יעדן זיין גורל, — הודיעט דעם פרעדיקערס באַסעלע. — איינעמס גורל שמידן די מלאכים אויס מיט זילבערנע העמערלעך, און אַ צווייטנס — דער טייוול מיטן פלאַט־זייט פון אַ האַק...

דערדאָזיקער פעסטער, מוסקוליעזער אַלטער ווייס אַלץ — דאָס גאַנצע לעבן פון שטאָט, אַלע סודות פון די סוחרים, באַאַמטע, פּאַפּעס, מיעשצאַנעס. זיין אויג איז שאַרף ווי ביי אַ רויב־פויגל, און אים האָט זיך אויסגעמישט צפּעס וועלפּישעס און פוקסישעס; תמיד ווילט זיך מיר אים אַריינברענגען אין כעס, ער אָבער קוקט אויף מיר פונדערוויטנס און ריכטיק ווי דורך אַ נעפּל. מיר דאַכט זיך, אַז ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ ענדלאָזער פּוסטקייט; אויב כ׳וועל צוגיין צו אים נעענטער — וועל איך ערגיץ ווו פאַרזינקען. און איך פיל אין אים עפּעס קרובהשעס צום הייצער שומאָוו.

כאָטש דער פאַרקויפער אַנטציקט זיך מיט זיין שכל סיי אין די אויגן און סיי אונטער די אויגן, טרעפן אָבער מאָמענטן, ווען אויך אים ווילט זיך, ווי מיר, אַריינברענגען אין כעס דעם אַלטן, אים באַליידיקן.

— ביסט דאָך אַן אָפּנאַרער פאַר מענטשן, — זאָגט ער פלוצים, קוקנדיק מיט אַרויספאָדערונג אין אַלטנס פּנים.

דער אַלטער רופט זיך אָפּ, פויל שמייכלענדיק:

— איין גאָט איז אָן גענאַרעריי, און מיר לעבן ווי שוטים; אויב מ׳זאָל נישט אָפּנאַרן קיין נאַר, טאָ וואָס פאַר אַ נוצן איז פון אים?

דער פאַרקויפער היצט זיך:

— נישט אַלע פויערים זענען דאָך נאַראָנים, די סוחרים קומען דאָך פון די פויערים אַרויס!

— נישט וועגן די סוחרים רעדן מיר דאָ. נאַראָנים לעבן נישט פון שווינדלעריי. דער נאַר איז גוט און פרום, ווייל דער שכל איז ביי אים אַ בעל־מום...

דער אַלטער רעדט אַלץ פוילער, און דאָס רייצט שטאַרק אויף. מיר דאַכט זיך, אַז ער שטייט אויף אַ בערגעלע און אַרום אים איז אַ זומפּ. דערצערענען אים איז אוממעגלעך, ער איז נישט דערגרייכלעך פאַרן צאָרן אָדער ער קען אים טיף אויסבאַהאַלטן.

אָבער אָפּט פּלעגט טרעפן, אַז ער אַליין פּלעגט זיך נעמען צוטשעפּען צו מיר — ער גייט צו גאָר נאָענט און, שמייכלענדיק אונטער די וואָנסעס, גיט ער אַ פרעג:

— ווי אַזוי רופסטו דאָרטן דעם פראַנצויזישן מחבר — פּאָנאָס *)

דידאַקטיק עקלהאַפטע אַרט צו פאַרדרייען נעמען ערגערט מיך ביז גאָר, אָבער זיך איינהאַלטנדיק דערוויילט, ענטפער איך:

— פּאָנסאָן — דע־טערראַיל.

— ווי פאַרלירט ער? **)

— מאַכט זיך נישט נאַריש, איר זענט נישט קיין קליינינ־קער.

— ריכטיק, נישט קיין קליינינקער, וואָס לייענסטו איצט?

— יעפּרעם סירינען.

— און ווער שרייבט בעסער: דיינע ציווילע, אָדער דער־דאָזיקער?

כ׳שווייג.

— וועגן וואָס שרייבן זיי מערסטנטיילס די ציווילע דיי־נע? — טרעט ער נישט אָפּ.

— וועגן אַלץ וואָס קומט פאָר אין לעבן.

— הייסט עס וועגן הינט, וועגן פערד, — און אַז זיי פאָרן זיך. *)

דער פאַרקויפער לאַכט, איך קאָך זיך. מיר איז זייער שווער, אומאנגענעם, אָבער, זאָל איך נאָר מאַכן אַ פּרווו אַוועקצוגיין פון זיי, וועט מיך דער פאַרקויפער אָפּהאַלטן:

— וווהין?

---

*) פּאָנאָס הייסט אויף רוסיש — שלשול (איב.)

**) אַ וואָרט-שפּיל, וואָס לאָזט זיך נישט איבערגעבן אין יידיש. פאַר־לירן הייסט אין רוסיש „טעריאַט״, וואָס קלינגט ענלעך צו טעראַיל, (איב,)

*) אַ וואָרט־שפּיל, וואָס לאָזט זיך אין יידיש נישט איבערגעבן. סלו־טשאטסיאַ איז אין רוסיש זיך טרעפן און זיך פאָרן. (איב.)

און דער אַלטער מאַטערט מיך:

— אַנו, קענער מיינער, צעקיי די אויפגאַבע: עס שטייען פאַר דיר טויזנט נאַקעטע מענטשן, פינפהונדערט פרויען, פינפהונדערט מענער, און צווישן זיי אדם און חוה, ווי אַזוי וועסטו דערקענען אדמען און חוהן?

ער פרעגט מיך לאַנג אויס און ענדלעך דערקלערט ער מיט טריאומף:

— נאַ־עלע, זיי זענען דאָך גישט געבוירן געוואָרן, נאָר מ'האָט זיי באַשאַפן, הייסט עס, אַז זיי האָבן נישט קיין פופיקס!

דער אַלטער ווייסט אַן אומבאַגרעניצטע צאָל אַזעלכע „אויפגאַבעס", ער קען פאַרפייניקן מיט זיי.

די ערשטע צייט פון מיין דעזשורירן אין קראָם פלעג איך דערציילן דעם פאַרקויפער דעם אינהאַלט פון אייניקע ביכער, וועלכע כ'האָב דורכגעלייענט, איצט האָבן מיר דידאַזיקע דערציילונגען נישט געטאָן קיין טובה: דער פאַרקויפער האָט בפיון זיי פאַלש איבערדערציילט פיאָטר וואסיליעוויטשן, שמוציק פאַרדרייענדיק זייער אינהאַלט. דער אַלטער האָט אים אין דעם געשיקט צוגעהאָלפן דורך אומפאַרשעמטע פראַגן; זייערע קלעפיקע צינגער האָבן פאַרוואָרפן מיט שעדלעכע ווערטער יעוועניע גראַנדע, ליודמילען, העינריק IV.

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי טוען דאָס נישט פון שלעכטס, נאָר פון לאַנגווייליקייט, אָבער מיר איז דערפון נישט לייכטער געוואָרן. שאַפנדיק דעם שמוץ, האָבן זיי זיך געוואַיעט אין אים, ווי חזירים, און געכרוקעט פון הנאה צו פאַרשמירן און איינריכטן דאָס שיינע, — דאָס פרעמדע, אומפאַרשטענדלעכע און לעכערלעכע פאַר זיי.

די גאַנצע האָלעס, זייערע אַלע איינוווינער, די סוחרים און משרתים, האָבן געלעבט מיט אַ משונהדיק לעבן, אַ פולס מיט קינדעריש־נאַרישע, אָבער תמיד שלעכטע פאַרווילונגען. ווען אַ צוגעפאָרענער פויער פלעגט פרעגן, ווי אַזוי נענטער צוצוקומען אין דער אָדער יענער טייל שטאָט, פלעגט מען אים תמיד אָנווייזן אַ פאַלשע ריכטונג, — דאָס האָט זיך אויף אזוי ווייט איינגעוואָרצלט

אין אַלעמענס געוויינהייטן, אַז דאָס האָט שוין מער נישט פֿאַרשאַפֿט קיין פֿאַרגעניגן די אַפּנאַרער. כאַפּנדיק אַ פּאָר שוואַרצע, פֿלעגט מען זיי צוזאַמענבינדן מיט די וויידלעך, אָפּלאָזן אויפֿן וועג און זיך קוויקן דערמיט, ווי אַזוי רייסן זיך אין פֿאַרשידענע זייטן, בייסן איינער דעם צווייטן, און אַמאָל פֿלעגט מען אָפּגיסן אַ שטשור מיט נאַפֿט און אים אונטערצינדן. מ׳פֿלעגט אָנבינדן אַ הונט אויפֿן וויידל אַ צעבראָכענעם אייזערנעם האַמער; דער הונט פֿלעגט פֿון טויט־שרעק, מיט אַ געוואָיעריי און טראַסקעריי ערגיץ ווו פֿליען, די מענטשן פֿלעגן קוקן און לאַכן.

עס זענען געווען אַ סך אַזעלכע ענלעכע פֿאַרווײַלונגען, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע מענטשן — באַזונדערס די דאָרפֿישע — עקזיסטירן אויסשליסלעך צוליב די פֿאַרווײַלונגען פֿון די האַ־עס. אין דער באַציאונג צום מענטשן האָט זיך געשפּירט אַ כּסדרדיקער פֿאַרלאַנג אָפּצוחוזקן פֿון אים, אים פֿאַרשאַפֿן ווייטאָק, אומבאַקוועמקייט. און ס׳איז געווען מאָדנע, וואָס די ביכער, וועלכע כ׳האָב דורכגעלייענט, שווייגן וועגן דאָזיקן כּסדרדיקן אָנגעשטרענגטן דראַנג פֿון די מענטשן צו איזדעקעווען זיך איינער איבער צווייטן.

באַזונדערס באַליידיקנדיק און עקלהאַפֿט איז מיר פֿאַרגעקומען איינע פֿון דידאָזיקע האַלעס־פֿאַרווײַלונגען.

אונטן, הינטער אונזער קרעמל, איז ביים סוחר פֿון וואָל און וואָילאַקעס געווען אַ פֿאַרקויפֿער, וועלכער האָט פֿאַרוווּנדערט דעם גאַנצן ניזשני מאַרק מיט זיין פֿרעסעריי; זיין באַלעבאָס האָט זיך געריהמט מיט דערדאָזיקער פֿעיקייט פֿון זיין אַרבעטער, ווי מ׳רימט זיך מיט אַ בייזן הונט אָדער מיט דער קראַפֿט פֿון אַ פֿערד. נישט זעלטן פֿלעגט ער אַרויסרופֿן זיינע האַנדלס־שכנים אויף אַ געוועט:

— ווער גייט אויף צען קערבלעך? כ׳וועט זיך, אַז מישקע וועט אויפֿפֿרעסן אין צוויי שעה צייט צען פֿונט שינקע!

אָבער אַלע האָבן געוווּסט, אַז מישקע איז דאָס בכּח צו טאָן, און האָבן געזאָגט:

— ווערן וועטן מיר זיך נישט, אָבער שינקע קען מען קויפן, לאָז ער פרעסן, מיר וועלן זיך צוקוקן.

— אָבער זאָל מען געבן ווייַנעם פלייש, אָן ביינער!

מ'אַמפּערט זיך אַביסל און פויל, און אָט קריכט אַרויס פון אַ פינסטערן קעמערל אַ מאָגערער, אָן-בערדיקער בחור מיט אַרויס-געשטאַרצטע באַקן-ביינער אין אַ לאַנגן דראַפּ-פּאַלטאַ, אונטערגע-גאַרטלט מיט אַ רויטן גאַרטל, איינגעגאַנצן אַרומגעקלעפּט מיט שטיק-לעך וואָל. דורך-אַרצדיק אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל פון קליינעם קאָפּ, קוקט ער שווייגנ־יק מיט אַ טריבן בליק פון טיף איינגע-פאַלענע אויגן אין באַלעבאָס קיילעכדיקן פנים, וואָס איז אָנגע-גאָסן מיט רויטן בלוט, אַ באַוואַקסנס מיט גראָבע הארטע האָר.

— אַ באַטמאַן *) שינקע וועסטו אויפפרעסן?

— אין וויפל צייט? — פרעגט מישקע געשעפטסמעסיק מיט אַ דינעם קול.

— אין צוויי שעה.

— שווערלאַך!

— נאָך אַ נייעס — שווערלאַך!

— דערלויבט אַ פּאָר פלאַש ביר!

— אָן עק, — זאָגט דער באַלעבאָס און באַרימט זיך: — מיינט נישט, אַז ער איז אויפן ניכטערנעם הארצן, ניין, איינדער-פרי האָט ער אָפּגעגעסן אַ פונט צוויי קוילעטש, און אַרום האַלבן טאָג האָט ער מיטאָג געגעסן, ווי ס'געהערט צו זיין...

מ'ברענגט שינקע, עס קלייבן זיך צענויף צוקוקער, אַלץ ריזיקע סוחרים, שטייף-איינגעוויקלט אין שווערע פוטערס, עטלע-כע אויף גרויסע געוויכטן; מענטשן מיט גרויסע בייכער, און די אויגן זענען ביי אַלע קליינינקע, אין פעטס-געשווילעכצן און פאַר-צויגן מיט אַ שלעפעריקן שלייער פון אומבאַצווינגבאַרער לאַנג-ווייליקייט.

מיט אַ ענגן קרייז, פאַררוקנדיק די הענט אין די אַרבל, רינגלען זיי אַרום דעם עסער, וועלכער איז באַוואָפנט מיט אַ

*) אַ צען-פונטיק געוויכט. איב.

מעסער אין אגרויסע שטיק ראזעווע ברויט; ער צלמט זיך געלאסן איבער, זעצט זיך אויף אבאל וואָל, לייגט אוועק די שינקען־שטיק אויף אקאסטן, לעבן זיך, מעסט אים אויס מיט ליידיקע אויגן.

אָפשניידנדיק אדיגעם פעניץ ברויט און אדיקן — פלייש, לייגט זיי דער עסער צענויף פינקטלעך צוזאמען, טראָגט זיי אונטער מיט ביידע הענט צום מויל, — זיינע ליפן ציטערן, ער באַלעקט זיי מיט אלאנגן הינטישן צונג, עס זעען זיך קליינע שארפע ציין, — און אויף אהינטישן שטייגער בויגט ער איין די מאָרדע איבערן פלייש.

— ער האָט אָנגעהויבן!

— גיט אקוק אויפן זייגער.

אלעמענס אויגן זענען ערנסט געווענדט אויפן עסערס פנים, אויף זיין אונטערשטער קין־באַק, אויף די קיילעכדיקע ביילן ארום די אויערן; מ'קוקט, ווי די שארפע גאָמבע הויבט אויף און פאלט אראָפּ רעגלמעסיק, מ'טיילט זיך פויל מיט די געדאנקען:

— ממש — ווי אבער וואָלט געריבן!

— און דו האָסט געזען אבער ביים עסן?

— צי דען לעב איך אין אוואלד? דאָס רעדט זיך אזוי — ער פרעסט, ווי אבער.

— מ'זאָגט — ווי אחזיר.

— איין חזיר עסט נישט דעם צווייטן...

מ'לאכט אומגערן, און גלייך פארריכט עמיץ אמומחה:

— אחזיר פרעסט אַלץ — אי חזירימלעך, אי זיין ברודער...

דעם עסערס פנים ווערט כסדר ברוינער, די אויערן ווערן גראָ־בלאָ, די איינגעפאלענע אויגן קריכן ארויס פון די ביינערדיקע גריבער, ער אָטעמט שווער, אָבער זיין גאָמבע באוועגט זיך נאָך אַלץ אזוי רעגלמעסיק.

— גארטל זיך אונטער, מיכאילא, די צייט! — מונטערט מען אים צו. אומרויק מעסט ער אויס מיט די אויגן דעם

רעשטל פלייש, טרינקט ביר און קייט ווידער. צווישן עולם ווערט לעבעדיקער, אַלץ אָפטער קוקנדיק אויפן זייגער, וואָס אין די הענט פון מישקעס באַלעבאָס, וואָרענען זיך די מענטשן קעגנזײַטיק:

— זאָל ער נאָר נישט איבערדרוקן דעם זייגער אויף צו־ריק — נעמט צו ביי אים!

— אויף מישקען האַלט אַן אויג: זאָל ער נאָר נישט אַראָפּלאָזן קיין שטיקער אין אַרבל!

— ער וועט נישט אויפפרעסן צו דער צייט!

מישקעס באַלעבאָס שרייט אַרויס אָדערנדיק:

— כ׳וועט זיך אויף אַ פינף־און־צוואַנציקער! מישקע, פיר נישט אונטער!

דער עולם רייצט אונטער דעם באַלעבאָס, אָבער קיי־נער נעמט נישט אָן דעם געוועט.

און מישקע קייט און קייט כּסדר, זיין פּנים איז ענלעך געוואָרן אויף שינקע, דער שאַרפער כראַמשקער נאָז פייפט נעבעכדיק. ס׳איז שרעקלעך צו קוקן אויף אים, מיר דאַכט זיך, אַז אָט וועט ער באַלד אַ געשריי טאָן, נעמען וויינען:

— דערבאַרימט זיך...

אָדער — ער וועט זיך אָנשלינגען מיטן פלייש ביזן האַלז, וועט אַ פאַל טאָן מיטן קאָפּ צו די פיס פון די צוקו־קערס און שטאַרבן.

ענדלעך האָט ער אַלץ אויפגעגעסן, אויסגעגלאָצט די שכּורע אויגן און כריפּעט מיד:

— טרינקען גיט מיר...

און זיין באַלעבאָס קוקט אויפן זייגער און בורטשעט:

— ט׳פאַרזאַמט. דער אויסוואורף, אויף פיר מינוט...

דער עולם רייצט זיך מיט אים:

— אַ שאָד, וואָס מיר האָבן זיך נישט פאַרוועט, וואָלסט פאַרשפּילט!

— און פונדעסטוועגן — אַ חיה אַ בחור!

— נ־יאָ, כאָמש שיק אים אין צירק...

— ווי גאָט קען דאָס פאַרקריפּלען אַ מענטשן, אַ?

— מיר וועלן גיין טיי טרינקען, וואָס?

און זיי שווימען, ווי די באַרזשעס, אין שענק אַריין.

כ'וויל פאַרשטיין, וואָס האָט צענויפגעפירט דידאָזיקע שווערע, אייזערנע מענטשן אַרום אַן אומגליקלעכן בחור, פאַר־וואָס ווילט זיי זיין קרענקלעכע פרעסעריי?

ס'איז טונקל און אומעטיק אין דער שמאָלער גאַלערייע, וואָס איז ענג פאַרוואָרפן מיט וואָל, שעפסן־פעל, פאַקעלעס, קאַנאַטן, וואָילאַקעס. רימען־סחורות. פון טראָטואַר טיילן זי אָפּ ציגלנע זיילן; אומגעלומפּערט גראָבע, זענען זיי אָפּגעגריזשעט פון דער צייט, צעפרעסן דורך דעם גאַסן־שמוץ. אַלע ציגל און שפּאַלטן צווישן זיי, אַלע ווונדן פון אָפּגעשפּרונגענעם טינק, זיי זענען זיכער איבערגעציילט געוואָרן אין געדאַנק טויזנטער מאָל און האָבן זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין זכרון מיט דער נעץ פון זייערע העסלעכע מוסטערן.

איבערן טראָטואַר גייען נישט געאיילט פוסגייער; אי־בערן גאַס באַוועגן זיך נישט געאיילט דראָזשקעס, שליטלעך מיט סחורה; אויף יענער זייט גאַס, אין רויטן ציגלנעם קוואַד־ראַט פון די צווייסטאָקיקע קראָמען — איז אַ פּלאַץ, אַ פאַר־לייגטער מיט קעסטלעך, שטרוי, צעקנייטשן פּאַק־פּאַפיר, באַ־דעקט מיט שמוציקן, צעטראָטענעם שניי.

דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט די מענטשן און פערד, איז דאָרט זיך אומבאַוועגלעך, נישט געקוקט אויף דער באַוועגונג, עס דרייט זיך פויל אויף איין אָרט, צוגעפעסטיקט צו אים מיט אומגעזעענע פעדים. מיטאַמאָל דערפילסטו, אַז דאָס דאָ־זיקע לעבן איז כמעט קלאַנגלאָז, ביז שטומקייט אָרים אין קלאַנגען. עס סקריפּען די שליטן־לייסטן, עס טראַסקען די גע־שעפט־טירן, עס שרייען די הענדלער מיט פּיראָגן, סביטען *), אָבער די מענטשלעכע שטימען קלינגען נישט פריילעך, אומ־גערן, זיי זענען איינטאָניק, ווערסט גיך צוגעוווינט צו זיי און הערסט זיי אויף צו באַמערקן.

*) אַזאַ געטראַנק פון וואַסער, האָניק און געווירצן. (איב).

לויהדיק הודיען די גלאָקן פון די צערקוועס, — דערדאָזיקער טרויעריקער קלאַנג איז תמיד אין זכרון פון אויער. עס דאַכט זיך, אַז ער שווימט כסדר אין דער לופטן איבערן מאַרק, פון פרי ביז נאַכט, ער דרינגט אַדורך אַלע געדאַנקען, געפילן, לייגט זיך מיט אַ דערדריקנדיקן קופּערנעם אָפּזאַץ איבער אַלע איינדרוקן.

אַ לאַנגווייל, אַ קאַלטער און נודנער, אָטעמט פון אומעטום: פון דער ערד, וועלכע איז צוגעדעקט מיט שמוציקן שניי, פון די גראָע שניי־בערג אויף די דעכער, פון די פליישקאָליריקע ציגל פון די בנינים; דער לאַנגווייל הויבט זיך אויף פון די קוימענס מיט אַ גראָעם רויך און קריכט אין גראָענקן, נידעריקן, פּוסטן הימל; מיט לאַנגווייל דאַמפן די פערד, אָטעמען די מענטשן. ער האָט זיין אייגענעם ריח — אַ שווערער און טעמפּער ריח פון שווייס, פעטס, קאָנאָפּלעסאייל, זויערע פּיראָגן און רויך; דערדאָזיקער ריח דריקט דעם קאָפּ, ווי אַ וואַרים, ענג היטל, און, אַריינדרינגנדיק אין ברוסט, רופט ער אַרויס אַ מאָדנע פאַרשכורטקייט, אַ טונקעלן פאַרלאַנג צו פאַרמאַכן די אויגן, פאַרצווייפלט אַ געשריי געטאָן און ערגיץ־וווהין לויפן און אינמיטן לויפן זיך אָנקלאַפּן מיטן קאָפּ אין דער ערשטער בעסטער וואַנט.

כ׳קוק זיך איין אין די פּנימער פון די סוחרים, וואָס זענען אָפּגעפּאַשעט, שטייף אָנגעגאָסן מיט אַ געדיכטן, פעטן בלוט, אָנגעקניפּטע פון פראָסט און אומבאַוועגלעכע, ווי אין חלום. די מענטשן געניצן אָפט, צעשפּרייטנדיק די מיילער, ווי פיש, אַרויסגעוואָרפענע אויפן טריקענעם זאַמד.

ווינטערצייט גייען די געשעפטן שוואַך, און אין די קרעמערשע אויגן איז נישטאָ יענער אָנגעשפּיצטער, רויבגיריקער שיין, וואָס מאַכט זיי אַביסל שענער, וואָס באַלעבט זיי זומערזייט. די שווערע פוטערס, שטערנדיק די באַוועגונג, דריקן צו די מענטשן צו דער ערד; די סוחרים ריידן פויל, און זענען זיי אין כעס — אַמפּערן זיי זיך; כ׳מיין, אַז זיי טוען עס

בכּיון, נאָר כּדי צו דערווייזן איינער דעם צווייטן — מיר לעבן גאָך!

מיר איז זייער קלאָר, אַז דער לאַנגווייל שטיקט און טויט זיי, און בלויז מיט דעם דערפּאָלגלאָזן קאַמף קעגן איר אַלץ־פאַרשלינגנדיקער קראַפט קען איך זיך דערקלערן די אכזריותדיקע און נישט קלוגע פאַרווייִלונגען פון די מענטשן.

אַמאָל שמועס איך ווענן דעם מיט פּיאָטר וואַסיליעוויטשן. כאָטש אין אַלגעמיין באַציט ער זיך צו מיר מיט שפּאָט מיט אָפּלאַכעריי, געפעלט אים אָבער מיין ליידנשאַפטלעכע ליבע צו ביכער, און צייטנווייז דערלויבט ער זיך צו ריידן מיט מיר באַלערנדיק, ערנסט.

— עס געפעלט מיר נישט, ווי די סוחרים לעבן, — זאָג איך.

אָנוויקלענדיק אַ פּאַסמע פון זיין באָרד אויפן לאַנגן פינגער, פרעגט ער:

— און פונדאַנעט ווייסטו, ווי אַזוי זיי לעבן? צי דען גייסטו אָפּט צו זיי אין געסט? דאָ בחורל, איז אַ גאַס, און אויפן גאַס לעבן נישט קיין מענשטן, אויפן גאַס האַנדלען זיי, אָדער — זי שנעל דורכגעגאַנגען, און — ווידער אין שטוב! אויפן גאַס גייען מענטשן אַרויס אין אָנטועכץ, און אונטער די קליידער ווייס מען נישט ווי זיי זעען אויס; אָפן לעבט אַ מענטש ביי זיך אין שטוב, אין זיינע פיר ווענט, און ווי אַזוי ער לעבט דאָרט — דאָס ווייסטו נישט!

— אָבער די געדאַנקען זייערע זענען דאָך דיזעלבע סיי דאָ, סיי אין שטוב?

— און ווער קען דען וויסן, וועלכע געדאַנקען עס פאַרמאָגט דער שכן? — רעדט דער אַלטער מיט אַ וואָגיקן באַס, שטרענג פאַרקיילעכנדיק די אויגן, — געדאַנקען זענען ווי ליין, וועסט זיי נישט איבערציילן, — זאָגן די אַלטע לייט. ווער ווייס, קומענדיק אַהיים, וועט אפשר דער מענטש פאַלן אויף די קני און זיך פאַרנאַנדערוויינען, בעטנדיק ביי גאָט: פאַרגיב, גאָטעניו, כ'האָב געזינדיקט אין דיין הייליקן טאָג!

ווער ווייס, אפשר איז אים זיין היים — אַ קלויסטער, און ער לעבט דאָרטן בלויז מיט גאָט? אָט וואָס! יעדער שפּין — האָב דיין ווינקל אין זין, וועב אַ שפּינוועבס, אָבער קען אָפּ־שאַצן דיין וואָג, זי, די שפּינוועבס זאָל דיך אויסהאַלטן...

ווען ער רעדט ערנסט, קלינגט זיין קול נאָך נידעריקער, באַסאָוועער, ווי ער וואָלט מיטטיילן וויכטיקע סודות.

— דו אורטיילסט שוין, אָבער אורטיילן איז נאָך פרי פאַר דיר, אין דיינע יאָרן לעבט מען נישט מיטן שכל — מיט די אויגן! קוק הייכט עס, געדענק, און שווייג זיך. דער שכל איז אויף צו האַנדלען, און פאַר דער נשמה — דער גלויבן! וואָס דו לייענסט ביכער, איז גוט, אָבער אין אַלץ דאַרף מען וויסן אַ מאָס: אַנדערע דערלייענען זיך ביז משוגעת, ביז גאָטלאָזיקייט...

ער איז מיר פאָרגעקומען אומשטערבלעך. — ס׳איז זיך שווער געווען פאָרצושטעלן, אַז ער דאַרף אַלט ווערן, זיך ענ־דערן. ער האָט הנאה געהאַט צו דערציילן געשיכטעס וועגן סוחרים, גזלנים, געלטפעלשער, וועלכע זענען געוואָרן באַרימ־טע מענטשן; כ׳האָב שוין אַ סך אַזעלכע מעשיות געהאַט גע־הערט פון זיידן, און דער זיידע האָט דערציילט בעסער פאַרן פּרעדיקער. אָבער דער זין פון די דערציילונגען איז געווען דערזעלבער: רייכטום ווערט תּמיד דערוואָרבן דורך זינד קעגן מענטשן און גאָט. פּיאָטר וואַסיליעוו האָט אויף קיין מענטשן נישט רחמנות געהאַט, אָבער וועגן גאָט פלעגט ער ריידן מיט אַ וואַרים געפיל, אָפּזיפצנדיק און באַהאַלטנדיק די אויגן.

— אָט אַזוי־אָ נאַרט מען אָן גאָט, און ער, דער פאָ־טערל יעזוס, זעט אַלץ און וויינט: מענטשן מיינע, מענטשן, באַקימערטע מענטשן, דער גיהנום איז פאַר אייך אָנגעברייט!

איינמאָל האָב איך געוואַגט אים צו דערמאָנען:

— איר אַליין נאַרט דאָך אויך אָפּ די פּויערים...

דאָס האָט אים נישט באַליידיקט.

— וואָס פאַר אַ ווערדע האָט דאָס! — האָט ער מו־

וואָגט. — כ'כאַפּ אַריין אַ דריידל, אַ פינפערל — און מיט דעם ענדיקט זיך עס.

טרעפנדיק מיך ביים לייענען, פלעגט ער נעמען פון מיינע הענט דאָס בוך, קפּדנוסדיק אויספרעגן וועגן איבערגע־לייענטן און, מיט אומצופרידנקייט זיך וווּנדערנדיק, זאָגן צום פּאַר־קויפער:

— גיב נאָר אַ קוק, — ער פאַרשטייט ביכער, די שעלמע!

און געמוסרט זאַכלעך, אַזוי אַז עס איז געבליבן אין זכרון:

— הער מיינע ווערטער, דאָס וועט דיר צונוץ קומען! קיריִלן — זענען צוויי געווען, ביידע — יעפּיסקאָפּן; איינער — פון אַלעקסאַנדריע, דער צווייטער — פון ירושלים. דער ערש־טער האָט געקעמפט קעגן דעם פאַרשאָלטענעם אַפּיקורס נעס־טאָרי, וועלכער האָט שענדלעך געלערנט, אַז גאָטסמוטער איז אַ מענטש, און דעריבער האָט זי נישט געקענט קיין גאָט גע־בוירן, נאָר זי האָט געבוירן אויך אַ מענטשן, מיטן נאָמען און מיט די מעשים פון קריסטוס, נעמלעך — דעם גואל פון דער וועלט; הייסט עס, אַז מ'דאַרף זי אָנרופן נישט גאָטסמוטער, נאָר קריסטוסמוטער, — פאַרשטאַנען? דאָס ווערט גערופן — אַפּיקור־סות! און דער ירושלימער קירול האָט געקעמפט קעגן דעם אַפּיקורס אַרי...

מיך האָט שטאַרק אַנטציקט זיין קענטעניש פון דער קירכ־לעכער געשיכטע, און ער, ציפּנדיק די באָרד מיט דער גע־כאָליעטער פּאַפּעשער האַנט, רימט זיך:

— אין דאָזיקן ענין בין איך — אַ גענעראַל; צו מראַ־איצע צו בין איך קיין מאָסקווע געפאָרן אויף אַ דיספּוט מיט די גיפטיקע געלערנטע ניקאָניאַנער, מיט פּאָפּעס און ציווילע; איך, קליינער, האָב מיט פּראָפעסאָרן געשמועסט, יאָ! איין פּאָפּ האָב איך אַזוי פאַרפאָלגט מיטן וואָרט בייטש, אַז בלוט האָט אים אַזש געגאָסן גיין פון נאָז — אָט וואָס!

זיינע באַקן פלעגן זיך רויטלען, די אויגן — זיך צע־בליִען.

דאָס בלוטרינען פון קעגנערס נאָז האָט ער, ווי ס'שיינט, באַטראַכט פאַרן העכסטן פונקט פון זיין דערפאָלג, פאַרן בלוט־רויטסטן רובין אין גאָלדענעם קראַנץ פון זיין רום, און ער פלעגט וועגן דעם ליידנשאַפטלעך דערציילן:

אַ שיין־נער פּאַפּאַילע, אַ מויערדיקער! ער שטייט פאַרן אַנאַלאָי, און פון דער נאָז — קאַפּ, קאַפּ! און זעט נישט זיין חרפּה. ווילד איז ער געווען דער פּאָפּ, ווי אַ לייב פון דער וויסטע, אַ שטים — ווי אַ גלאָק! און איך באַארבעט אים שטיל, אָבער כּסדר אין דער נשמה, און צווישן אירע ריפּן שטעק איך אַריין מיינע ווערטער, ווי די אָלן!... און ער, ממש ווי אַן אויוון אַ הייסער, ווערט אָנגעגליט מיט אפּיקור־סישע בייזקייט... עד, ס'איז אַמאָל געווען אַ לעבן!

נישט זעלטן פלעגן קומען אויך אַנדערע פּרעדיקער: פּאַכאָמי, אַ מענטש מיט אַ גרויסן בויך, אין אַ פאַרפעצטן קאַפטן, בלינד אויף איין אויג, אַן אויפגעלאָפענער, אַ כּרו־קענדיקער; לוקיאַן, אַ קלייניטשקער אַלטיטשקער, אַ גלאַטער ווי אַ מויז, אַ פריינטלעכער און זשוואווער, און מיט איט אַ גרוי־סער, אָנגעכמורעטער מענטש, אַן ענלעכער אויף אַ קוטשער, מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט אַ טויטן, אומאָנגענעמען, שיינעם פּנים, מיט אומבאַוועגלעכע אויגן.

כּמעט תּמיד פלעגן זיי ברענגען צום פאַרקויפן פּאַרציי־טיקע ביכער, איקאָנעס, קטרת־פּאַנען, אַזעלכע מינים בעכערס; אַמאָל פלעגן זיי מיטברענגען פאַרקויפערס — אַ זקנה אָדער אַ זקן פון הינטער דער וואָלגע. נאָכן פאַרענדיקן די עסקים פלעגן זיי זיך אויסזעצן ביים טובאַנק, ווי קראָען אויף אַ פעלד־וועג, טרינקען טיי מיט קוילעטשעס און פאַסטנעם צוקער און פלעגן זיך דערציילן וועגן די פאַרפאָלגונגען מצד דער ניקאָניאַנער צערקווע: דאָרט — האָט מען געמאַכט אַ רעוויז־יע, צוגענומען די גאָטעסדינסט־ביכער; דאָ — האָט די פּאָליציי פאַרמאַכט אַ געבעט־הויז און צוגעצויגן זיינע באַלעבאַטים צום געריכט לויטן אַרטיקל 103. דערדאָזיקער 103 אַרטיקל איז געווען די אָפטסטע טעמע פון זייערע שמועסן, זיי האָבן אָבער

גערעדט וועגן אים רויק, ווי וועגן עפעס אומפּאַרמיידלעכעס, ווי, למשל, פרעסט אין ווינטער.

די ווערטער — פּאָליציי, רעוויזיע, תּפיסה, געריכט, סיביר, — ווערטער, וועלכע פלעגן תּמיד קלינגען אין זייערע שמועסן וועגן די פאַרפאָלגונגען פאַרן גלויבן, זענען געפאַלן אויף מיין נשמה, ווי הייסע קוילן, צעפלאַקערנדיק די סימפּאַטיע און דעם מיטגעפיל צו דידאָזיקע אַלטע לייט; די דורכגעלייענטע ביכער האָבן מיך אויסגעלערנט זיך צו באַציען מיט אַכטונג צו מענטשן, וועלכע זענען עקשנותדיק ביים דערגרייכן זייערע צילן, צו שעצן גייסטיקע פעסטקייט.

כ׳פלעג פאַרגעסן דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס כ׳פלעג זען אין דידאָזיקע לערערס פון לעבן, כ׳האָב בלויז געשפּירט זייערע רויקע עקשנות, הינטער וועלכער — האָט זיך מיר געדאַכט עס איז באַהאַלטן אַן אומדערשיטערלעכער גלויבן פון די לערערס אין זייער אמת, אַ גרייטקייט צו גיין פאַרן אמת אויף דער גרעסטער פּיין.

אין אַ צייט אַרום, ווען מיר איז געלונגען צו זען אַ סך אַזעלכע און ענלעכע היטער פון אַן אַלטן גלויבן, סיי צווישן פאָלק, סיי צווישן דער אינטעליגענץ, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דידאָזיקע עקשנות איז די מזרחדיקע פּאַסיוויטעט פון מענטשן, וועלכע האָבן נישט וווּה׳ין צו גיין פון יענעם אָרט, ווו זיי שטייען, און חוצדעם ווילן זיי אין ערגיץ נישט גיין, ווייל, פעסט געבינדן דורך די שטריק פון אַלטע ווערטער און אויסגעוועבטע באַגריפן, זענען זיי פערשטיינערט געוואָרן אין דידאָזיקע ווערטער און באַגריפן. זייער ווילן איז אומבאַוועגלעך, ער איז נישט פעיק זיך צו אַנטוויקלען אין דער ריכטונג צו דער צוקונפט, און ווען אַ וואָסער נישט איז קלאַפּ פון דרויסן וואַרפט זיי אַראָפּ פון אָרט, צו וועלכן זיי זענען צוגעווינט, קייקלען זיי זיך מעכאַניש אַרונטער, ווי אַ שטיין פון אַ באַרג. זיי האַלטן זיך אויף זייערע פּאָסטנס ביים בית-עולם פון אָפּגעלעבטע אמתן, אַ דאַנק דער טויטע קראַפט פון דערינערונגען וועגן דעם פאַרגאַנגענעם און דורך זייער

קרענקלעכער ליבע צום ליידן, צו אונטערדריקט־זיין, אָבער נעמט נאָר צו ביי זיי די מעגלעכקייט צו ליידן, ווערן זיי, אויסגעליידיקטע, פאַרשווינדן, ווי וואָלקנס אין אַ פרישן ווינטיקן טאָג.

דער גלויבן, פאַר וועלכן זיי זענען גרייט צו ליידן מיט פאַרגעניגן און מיט גרויס זעלבסט־באַוווּנדערונג, איז, אָן ספק, אַ פעסטער גלויבן, אָבער ער דערמאָנט אַן אָפּגעטראָגענעם בגד, — דורכגעפּעצט מיט אַלערליי שמוץ, איז ער בלויז אַ דאַנק דעם כמעט נישט צוטריטלעך פאַר דער צעשטערערישער אַרבעט פון דער צייט. דער געדאַנק און דער געפיל זענען צוגעווינט צו דער ענגער, שווערער הילע פון פאָראורטיילן און דאָגמעס, און כאָטש מ׳האָט זיי אָפּגעשאָרן די פליגלען, פאַרקריפּלט, אָבער זיי לעבן באַקוועם, געמיטלעך.

דערדאָזיקער גלויבן פון געוווינהייט — איז איינע פון די טרויעריקסטע און שעדלעכסטע דערשיינונגען פון אונזער לעבן; אין געביט פון דאָזיקן גלויבן וואַקסט אַלדאָס נייע, ווי אין שאָטן פון אַ שטיינערנער וואַנט, פאַמעלעך, פאַרקריפּלט, וואַקסט אויס אָרים אין זאַפטן. אין דאָזיקן טונקעלן גלויבן איז צו ווינציק ליבע־שטראַלן, צו פיל באַליידיקונג, פאַרביטערטקייט און קנאה, וועלכע איז תמיד באַפריינדעט מיט שנאה. דער פייער פון דאזיקן גלויבן — דאָס איז אַ פאספארישער שיין פון פוילעניש.

אָבער כדי זיך איבערצוצייגן אין דעם, איז מיר אויסגעקומען איבערצולעבן אַ סך שווערע יאָרן, אַ סך צו צעברעכן אין מיין נשמה, אַרויסוואַרפן פון זכרון. אין יענער צייט, ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל געטראָפן די לערער פון לעבן אינמיטן דער לאַנגווייליקער און געוויסנסלאָזער ווירקלעכקייט, — האָבן זיי מיר זיך אויסגעוויזן פאַר מענטשן פון אַ גרויסער גייסטיקער קראַפט, פאַר די בעסטע מענטשן פון דער ערד. כמעט יעדער פון זיי האָט געהאַט אויסצושטיין אַ געריכט, געזעסן אין תפיסה, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פאַרשידענע שטעט, האָט אַרומגעוואַנדערט איבער די עטאַפּ־פונקטן מיט

אַרעסטאַנטן; אַלע האָבן זיי געלעבט פאָרזיכטיק, אַלע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן.

פונדעסטוועגן האָב איך באַמערקט, אַז באַקלאָגנדיק זיך אויף דער „אונטערדריקונג פון גייסט" דורך די ניקאָניאַנער, אונטערדריקן די זקנים אַליין איינער דעם צווייטן גאַנץ גערן, אפילו מיט פאַרגניגן.

דער איינאויגיקער פּאַכאָמי, האָט בגילופין ליב געהאַט זיך צו רימען מיט זיין באמת וווּנדערלעכן זכרון, — אייניקע ביכער האָט ער געקענט „פון פינגער" — ווי אַ יידישער ישיבה־מאַן קען דעם תּלמוד; ער גיט אַ שטעל דעם פינגער אין אַ וואָסער נישט איז זייטל, און פון דעם וואָרט, אויף וועלכן ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דער פינגער, הויבט פּאַכאָמי אָן צו לייענען ווייטער אויף אויסנווייניק, מיט אַ ווייכינקער, פאַנפעוואַטער שטימעלע. ער קוקט תּמיד אויפן דיל, און זיין איין־איינציק אויג לויפט אַרום איבערן דיל אַזוי אומרויק, ווי עס זאָל זוכן עפּעס פאַרלאָרענעס, זייער וויכטיקעס. צום אָפטסטן פלעגט ער דעמאָנסטרירן דעמדאָזיקן פאָקוס אויפן בוך פון פירשט מישעצקי „רוסישע ווייַנטרויבן", — באַזונדערס גוט האָט ער געקענט „די שווערגעפּרוווטע און מוטיקע ליידן פון די וווּנדערלעכע און העלדישע מאַרטירער", און פּיאָטר וואַסיליעוו האָט זיך כּסדר באַמיט אים כאַפּן ביי גרייזן.

— אַ ליגן! דאָס איז נישט געווען מיט קיפּריאַן יוראָדיווי, נאָר מיט דעניס דעם צניעותדיקן.

— וואָס פאַראַ דעניס? דיאָניסי הייסט ער...

— כאַפּ זיך נישט אָן אין ווערטער!

— און דו לערן מיך נישט!

אין אַ מינוט אַרום, צעפלאַקערטע פון צאָרן, קוקן זיך ביידע אָן אויג אין אויג און ריידן:

— אַ קישקע־דינער ביסטו, דו אומפאַרשעמטע צורה, אָט סאַראַ בויך דו האָסט זיך אָנגעפּרעסן...

פּאַכאָמי ענטפערט, ווי ער וואָלט אויף רעכנביינדלעך געציילט:

— און דו ביסט אַ בעל־תאוהניק, אַ באָק, א ווייבערשע נאָכשלעפּעניש.

דער פאַרקויפער, די הענט אין די אַרבל, שמייכלט ביידזיליק, העצט אונטער די היטער פון פאַרצייטיקער גאָטס־פאָרכטיקייט, ווי יינגלעך:

— אָט אַזוי־וי קומט אים, אַנו, נאָך!

איינמאָל האָבן זיך די אַלטע צעשלאָגן. פּיאָטר וואַסי־ליעוו האָט מיט אַן אומגעריכטער פלינקייט אויסגעפּאַטשט זיין חבר, אים פאַריאָגט, און, מיד אָפּווישנדיק דעם שווייס פון פּנים, נאָכגעשריגן דעם אַנטלויפנדיקן:

— הער — אויף דיר די עבירה! דו פאַרשאָלטענער, האָסט מיין האַנט געבראַכט צו אַ זינד, אַ טפו אויף דיר!

באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט פאָרצוואַרפן אַלע זיי־נע חברים, אַז זיי זענען נישט גענוג פעסט אין גלויבן, און אַז אַלע פאַלן זיי אַריין אין „נעטאָוושטשינע" *).

— אַלעקסאַשאַ פירט דאָס אייך אַראָפּ פון וועג, — וואָס זאָגט איר דאָס צו אים? אַ גאַנצער האָן!

די נעטאָוושטשינע האָט אים געהייצט און, קאָנטיק, אויך געשראָקן, אָבער אויף דער פראַגע: אין וואָס באַשטייט דידאָ־זיקע לערע? — פלעגט ער ענטפערן נישט זייער פאַרשטענדלעך:

— נעטאָוושטשינע — דאָס איז די ביטערסטע אפּיקור־סות, זי איז אינגאַנצן — בלויז שכל, און קיין גאָט האָט זי נישט! אָט נעם די קאָזאַקן, קיין זאַך איז שוין ביי זיי נישט הייליק, אַ חוץ דער ביבל, און די ביבל נעמט זיך פון די סאַראַטאָווער געגנטן, — פון ליוטערן, וועגן וועלכן ס'איז גע־זאָגט געוואָרן: „אַ נאָמען האָט ער זיך צוגעקליבן אַ פּאַסיקן: וואָרים אינדערעמתן — ליוטאָר. ווייל ליוט **) איז זיין נאָ־מען, ער איז גרויזאַם!" נעטאָוצעס רופט מען אַן צודרייטע,

---

*) אַ רוסישע סעקטע, וועלכע האַלט, אַז זייט ניקאָניען הערשט איבער דער וועלט דער אַנטיכריסט. (איב).

**) אַ וואָרט־שפּיל, וואָס לאָזט זיך נישט איבערזעצן: ליוט — ליו־טאָ הייסט אין רוסישן אַ גרויזאַמער, גרויזאַמקייט. (איב).

און אויך שטונדיסטן *), און אַלץ קומט דאָס פֿון מערב, פֿון די אפּיקורסים די דאָרטיקע.

צוטופּנדיק מיט דעם פֿאַרקריפּלטן פֿוס, פֿלעגט ער ריידן קאַלט און וואָגיק.

— אָט וועמען די ניי־גלויביקע צערקווע דאַרף פֿאַר־פֿאָלגן, אָט וועמען פֿאַרטיליקן און ברענען! אָבער נישט אונז, מיר זענען דאָס קדמונימדיקע רוסלאַנד, אונזער גלויבן איז אַן אמתער, אַ מזרחדיקער, דער וואָרצלדיקער רוסישער גלויבן, און דאָס אַלץ איז — מערב, פֿאַרקריפּלטע גאָטלאָזיקייט! פֿון די דייטשן, פֿון די פֿראַנצויזן — וואָסער גוטס קען מען דער־וואַרטן? אָט האָבן זיי אין צוועלפֿטן יאָר...

פֿאַרכאַפּט פֿון די אייגענע ווערטער, פֿלעגט ער פֿאַרגעסן, אַז פֿאַר אים געפֿינט זיך אַ יינגל, און פֿלעגט מיך מיט אַ פֿעסטער האַנט אָננעמען פֿאַרן גאַרטל און דאָ מיך צוציענדיק צו זיך, דאָ מיך אָפּשטויסנדיק, אַן אויפֿגערעגטער נעמען ריידן שיין, הייס און יונג.

— ס׳באַלאַנדזשעט דעם מענטשנס שכל אין די פֿאַרוואָק־סענע טיפֿענישן פֿון זיינע אויסטראַכטענישן, ווי אַ גרויזאַמער וואָלף באַלאָנדזשעט ער, דעם טייוול אונטערטעניק, פּייניקנדיק די נשמהלע די מענטשלעכע, גאָטס מתּנה! וואָס האָבן צוגע־טראַכט, די דינער די טייוולשע? די באָגאָמילן, **) פֿון וועלכע ס׳הויבט זיך אָן די גאַנצע נעטאָוושטשינע, האָבן געלערנט: דער שטן איז דאָך גאָטס אַ זון, אַן עלטערער ברודער פֿון יעזוס קריסט, — אָט צו וואָס זיי זענען דערגאַנגען! אויך האָבן זיי געלערנט: דער מאַכט — נישט פֿאָלגן, קיין אַר־בעט — נישט טאָן, די ווייבער און קינדער — אַוועקוואַרפֿן; — דער מענטש, הייסט עס, דאַרף קיין זאַך נישט האָבן, קיין שום אָרדנונג, זאָל זיך דער מענטש לעבן ווי אים ווילט זיך.

---

*) דער נאָמען פֿון אַ לוטער אַ נזירינדיקער סעקטע אין רוסלאַנד. (איב.)

**) אַ סעקטע אַזאַ, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פֿון איר גרינדער, דעם בולגאַרישן גייסטלעכן באָגומיל. דער הויפּט־עיקר פֿון דערדאָזיקער סעקטע איז דער גלויבן אין צוויי רשויות: פֿון גוטס און שלעכטס.

ווי דער טייוול וועט אים אָנלערנען, און דאָ האָט זיך ווידער באַוויזן אַלעקסאַשקאַ דערדאָזיקער, אָ, ווערים...

ס'פּלעגט טרעפן, אַז גראָד דאַן פּלעגט מיר דער פּאַר-קויפער עפּעס הייסן טאָן, כ'פלעג אָפּגיין פון אַלטן, אָבער ער, בלייבנדיק איינער אַליין אויף דער גאַלעריע, פלעגט נישט אויפהערן ריידן אין פּוסטן חלל אַרום זיך:

— אָ, נשמות אָן פליגלען, אָ, קעצעלעך בלינדגעבאָרע-נע, — וווהין אַנטלויפט מען פון אייך?

און דערנאָך, דעם קאָפּ פאַרוואַרפן, די הענט אָנגע-שפּאַרט אין די קני, פלעגט ער לאַנג שווייגן, קוקנדיק שאַרף און אומבאַוועגלעך אין ווינטערדיקן, גראָען הימל.

ער האָט זיך אָנגעהויבן באַציען צו מיר אויפמערקזאַ-מער און פריינטלעכער, טרעפנדיק מיך ביי אַ בוך, פלעגט ער מיך גלעטן איבער דער פּלייצע און ריידן:

— לייען, קליינער, לייען, ס'קומט צונוץ! פאַרשטאַנד, זעט אויס, האָסטו; אָבער אַ שאָד — פאַר קיין עלטערע האָס-טו קיין דרך ארץ נישט, מיט אַלעמען טען אויף טען, ווי מיינסטו — ווו וועט דיך דערפירן דידאָזיקע חוצפּה? דאָס, קליינער, וועט דיך דערפירן נישט ערגיץ אַנדערש, ווי אין די אַרעסטאַנטישע ראָטעס. ביכער לייען, אָבער געדענק — דאָס בוך איז זיך בוך, און מיטן אייגענעם שכל דענק! אָט איז ביי די כליסטן*) געווען אַ לערער דאַנילאָ, נו איז ער דערגאַנגען צום געדאַנק, אַז נישט קיין אַלטע, נישט קיין נייע ביכער זענען נישט נויטיק, האָט ער זיי צונויפגענומען אין אַ זאַק, און — אין וואַסער! יאָ... דאָס, פאַרשטייט זיך, איז אויך אַ שטות! און אויך אַלעקסאַשאַ, דער הינטישער קאָפּ, העצעט...

אַלץ אָפטער פלעגט ער דערמאָנען דעמדאָזיקן אַלעק-סאַשאַ און איינמאָל, קומענדיק אין קראָם אַ פאַרזאָרגטער, אַ שטרענגער, האָט ער געמאָלדן דעם פּאַרקויפער:

---

*) איינע פון די פיל רוסישע סעקטעס, וואָס גלויבט, אַז דורך סיגופים און מעשים־טובים קען יעדער מענטש ווערן אַ יעזוס קריסט. (איב.)

— אַלעקסאַנדראַ וואַסיליעוו איז דאָ, אין שטאָט, נעכטן געקומען! כ'האָב אים געזוכט, געזוכט — נישט געפונען. ער באַהאַלט זיך אויס! כ'וועל אונטערוואַרטן, ער וועט מסתמא אַריינגיין אַ העד...

דער פאַרקויפער האָט זיך נישט פריינטלעך אָפּגערופן:

— כ'ווייס גאָרנישט, קיינעם נישט געזעען!

אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ, האָט דער אַלטער געזאָגט:

— אַזוי דאַרף זיין: פאַר דיר זענען אַלע קויפער און פאַרקויפער, און קיין אַנדערע זענען נישטאָ! זיי מכבד מיט טיי...

ווען כ'האָב געבראַכט אַ גרויסן קופערנעם טשייניק מיט זודיקן וואַסער, האָב איך אין קראָם געטראָפן געסט: דער אַלטיטשקער לוקיאַן, מיט אַ פריילעכן שמייכל, און הינטער דער טיר, אין טונקעלן ווינקל, איז געזעסן אַ נייער מענטש, אָנגעטאָן אין אַ וואַרימען פאַלטן און הויכע וואַלאַק-שטיוול, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ גרינעם גאַרטל, אין אַ היטל, וואָס איז אומגעשיקט אָנגערוקט געווען אויף די ברעמען. זיין פּנים האָט זיך נישט געוואָרפן אין די אויגן, ער האָט אויסגעוויזן צו זיין אַ שטילער, אַ באַשיידענער. ער איז ענלעך געווען אויף אַ קראָם-משרת, וועלכער האָט נאָר וואָס פאַרלאָרן זיין אָרט און איז זייער נידערשלאָגן דערפון.

פּיאָטר וואַסיליעוו האָט עפּעס שטרענג און וואָגיק גערעדט, נישט קוקנדיק אין זיין זייט, און יענער האָט מיט אַ קאָנווולסיווער באַוועגונג כסדר אַוועקגערוקט דאָס היטל: ער הייבט אויף די האַנט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן איבעצלמען, און גיט אַ רוק דאָס היטל אינדערהויך, דערנאָך — ווידער און ווידער, און אַוועקרוקנדיק עס כמעט ביז אויפן הינטער-קאָפּ, פלעגט ער ווידער פעסט און אומגעשיקט עס אָנציען ביז איבער די ברעמען. דידאָזיקע קאָנווולסיווע באַוועגונג האָט מיך געצוווּנגען זיך דערמאָנען דעם נאַרעלע איגאָשאַ — „אַ טויט אין קעשענע".

— אין אונזער מוטנעם טייכל שווימען אַרום פאַרשידע-

נע אָלרויפן און מאַכן אַלץ מוטנער דאָס וואַסער, — האָט גערעדט פּיאָטר וואַסיליעוו.

דער מענטש, דער ענלעכער אויף אַ קראָם-משרת, האָט שטיל און רויק געפרעגט:

— דאָס רעדסטו — וועגן מיר, וואָס?

— זאָל זיין אַז וועגן דיר...

דאַן האָט דער מענטש ווידער געפרעגט, נישט הויך, אָבער זייער האַרציק:

— נו, און וועגן זיך ווי וועסטו זאָגן, מענטש?

— וועגן זיך וועל איך נאָר גאָט זאָגן — דאָס איז מיין זאַך...

— ניין, מענטש, אויך מיינע, — האָט דער נייער פּיי-ערלעך און שטאַרק געזאָגט. — ווענד נישט אָפּ דיין פּנים פון אמת, פאַרבלענד זיך נישט בכיון, דאָס איז אַ גרויסע זינד לגבי גאָט און מענטשן!

מיר איז געפעלן געווען, וואָס ער רופט אָן פּיאָטר וואַסיליעוון מענטש — און מיך האָט אויפגערודערט זיין שטילער, פייערלעכער קול. ער האָט גערעדט אַזוי, ווי גוטע פּאָפּעס לייענען: „גאָטעניו, הערשער פון לעבן מיינעם", און זיך אָן אויפהער איינגעבויגן פאָרויס, אַראָפּפאַרנדיק פון שטול, פאַכענ-דיק מיט דער האַנט פאַר זיין פּנים...

— פאַראורטייל מיך נישט, כ'בין נישט שמוציקער פאַר דיר אין זינד...

— דער סאַמאָוואַר האָט גענומען קאָכן, ער זידט שוין, — האָט מיט גרינגשעצונג אַרויסגערעדט דער אַלטער פרעמדער, און יענער האָט ווייטער גערעדט, זיך נישט אָפּשטעלנדיק אויף זיינע ווערטער:

— בלויז גאָט ווייסט, ווער עס מאַכט מוטנער די קוואַלן פון הייליקן גייסט, ווער ווייסט, אפשר איז עס אייער זינד; ביכער דיקע — זענען פאַפּירענע מענטשן, און איך בין נישט קיין ביכערדיקער, און נישט קיין פאַפּירענער, איך בין — אַ פּשוטער, אַ לעבעדיקער מענטש...

— כ׳קען דיין פשוטקייט, שוין געווג זיך אָנגעהערט!

— דאָס פאַרטומלט איר די מענטשן, איר ברעכט די גלייכע געדאַנקען, איר, די קוצו-של-יודניקעס און פאַריסייער...

איך — וואָס רעד איך דען, — זאָג?

— אפיקורסות! — האָט פּיאָטר וואַסיליעוו גיזאָגט, און דער מענטש, באַוועגנדיק די דלאָניע פאַר זיין פּנים, ווי ער וואָלט לייענען עפּעס אָנגעשריבענעס אויף איר, האָט מיט היץ גערעדט:

— איר מיינט: איבערטרייבנדיק די מענטשן פון איין שטאָל אין דער צווייטער, — וועט איר זיי מאַכן בעסער? און איך זאָג — ניין! איך זאָג — באַפריי זיך, מענטש! צוואָס איז דאָס הויז, דאָס ווייב און אַלדאָס דיינס פאַר גאָט? באַפריי זיך, מענטש, פון אַלץ, פאַר וואָס מענטשן שלאָגן און שעכטן איינער דעם צווייטן, — פון גאָלד, זילבער און פון יעדן פאַרמעגן, ווייל פוילעניש און עקל איז דאָס! נישט די ערדישע פעלדער איז די גאולה פון דער נשמה, נאָר אין די גן-עדן-טאָלן! רייסט זיך אָפּ פון אַלץ, זאָג איך. רייסט איבער אַלע באַנדן, שטריק. פאַרשפּליקט די נעץ פון עולם-הזה — דאָס איז דאָס געפלעכט פון אַנטיכריסט... איך גיי מיט אַ גלייכן וועג, איך דריי נישט מיט דער נשמה, די פינסטערע וועלט וועל איך נישט אָננעמען...

— און ברויט, וואַסער, בגדים — וועסטו אָננעמען? זאָג נאָר, דאָס איז דאָך וועלטישעס! — האָט דער אַלטער בייזווילִיק געזאָגט.

אָבער אויך דידאַזיקע ווערטער האָבן נישט איינגערייצט אַלעקסאַנדראַן, ער האָט נישט אויפגעהערט ריידן אַלץ מער הארציק און כאָטש זיין קול האָט געקלונגען נישט הויך, האָט זיך געדאַכט, אַז ער בלאָזט אין אַ מעשענעם טראָמפּייט.

— וואָס איז דיר טייער, מענטש? בלויז איין גאָט איז טייער; טאָ שטעל זיך פאַר אים, — אַ ריינער פון אַלץ, רייס אַראָפּ די ערדישע קייטן פון דיין נשמה און גאָט וועט דערזען: דו ביסט — איינער, ער — איינער! אַזוי וועסטו זיך

דערגענטערן צו גאָט, דאָס איז — דער איינציקער וועג צו אים; אָט אין וואָס עס איז אָנגעוויזן די דערלייזונג — טאַטע־מאַמע וואַרף אַוועק, איז אָנגעוויזן, אַלץ וואַרף אַוועק און אַפילו דאָס אויג, וואָס שטעלט דיך פאַר אַ נסיון — רייס אַרויס! גאָט צוליב פאַרטיליק זיך אין די זאַכן און היט זיך אויף אין גייסט, און דיין נשמה וועט אויפפלאַקערן לעולם ועד...

— אַ, זאָלן דיר שוין הינט שטינקנדיקע, — האָט פּיאָטר וואַסיליעוו געזאָגט, אויפשטייענדיק. — אַבי כ'האָב געמיינט, אַז פון פאַראיאָרן ביסטו קלוגער געוואָרן, און דו ביסט גאָר ערגער ווי דאַן...

און וויגנדיק זיך איז דער אַלטער אַרויס פון קראָם אויף דער טעראַסע; דאָס האָט באַאומרויקט אַלעקסאַנדערן, ער האָט פאַרוואונדערט און איילִיק געפרעגט:

— גייסט אַוועק? אָבער... ווי זשע?

אָבער דער פריינטלעכער לוקיאַן האָט באַרויקנדיק אַווינק געטאָן און געזאָגט:

— ס'מאַכט נישט אויס... ס'מאַכט נישט...

דאַן האָט זיך אַלעקסאַנדער אַרויפגעוואָרפן אויף אים:

— אָט אויך דו, הוי־האָוועניק ערדישער, זייסט אַלט־וואַרג־ווערטער, און — וואָס קומט אַרויס דערפון? נו — אַ דרייפאַכע הלוויה, נו — אַ צווייפאַכע...

לוקיאַן האָט אַ שמייכל געטאָן צו אים און איז אויך אַוועק אויף דער טעראַסע, און ער, ווענדנדיק זיך צום פאַרקויפער, האָט זיכער געזאָגט:

— זיי קענען מיין גייסט נישט פאַרטראָגן, זיי קענען נישט! זיי פאַרשווינדן, ווי אַ רויך פאַרן פייער...

דער פאַרקויפער האָט קרום אַ קוק געטאָן אויף אים און טרוקן באַמערקט:

— אין דידאָזיקע זאַכן דרינג איך נישט אַריין.

דער מענטש האָט זיך פאַרשעמט, אָנגערוקט דאָס היטל, אַרויסגעשטאַמלט:

— ווי זשע קען מען נישט אַריינדרינגען? דאָס זענען אַזעלכע זאַכן... זיי פאָדערן, מ׳זאָל אַריינדרינגען...

אַן ערך אַ מינוט איז ער געזעסן שטיל, מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ; דערנאָך האָבן אים די אַלטע אַוועקגערופן, און אַלע דריי זענען זיי אַוועק, נישט געזעגנענדיק זיך.

דערדאָזיקער מענטש האָט אויפגעפלאַקערט פאַר מיר, ווי אַ העל פייער אין מיטן דער נאַכט, העל אונטערגעברענט אַ ביסל און אויסגעלאָשן געוואָרן. צווינגנדיק מיך צו שפּירן עפּעס אַ שטיקל אמת אין זיין פאַרלייקענען דאָס לעבן.

אינאָוונט, אויסקלייבנדיק אַ צייט, האָב איך מיט היץ דערציילט וועגן אים דעם עלטסטן מייסטער פון איקאָנעס-וואַרשטאַט. דעם שטילן און פריינטלעכן איוואַן לאַריאָנאָוויטשן; ער האָט מיך אויסגעהערט און דערקלערט:

— אַ ביעגון,*) זעט אויס, ס׳זענען דאָ אַזעלכע סעקטאַנטן — האַלטן פון גאָרנישט.

— ווי אַזוי-זשע לעבן זיי?

— לעבן אין לויפעניש, וואַנדערן כסדר איבער דער ערד, דעריבער האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבן — ביעגוני. די ערד און אַלץ וואָס צו איר איז פרעמד פאַר אונז, זאָגן זיי, און די פּאָליציי האַלט זיי פאַר שעדלעכע, כאַפּט זיי...

כאָטש מיר האָט זיך געלעבט ביטער, פונדעסטוועגן האָב איך נישט פאַרשטאַנען: ווי אַזוי קען מען דאָס לויפן פון אַלץ? אינם לעבן, וואָס האָט מיך צו יענער צייט אַרומגערינגלט, איז געווען אַ סך אינטערעסאַנטס, טייערס פאַר מיר, און אַלעקסאַנדער וואַסיליעוו איז אינגיכן בלאַס געוואָרן אין מיין זכרון.

אָבער פון צייט צו צייט, אין די שווערע שעהן, פלעגט ער זיך באַווייזן פאַר מיר: ער גייט מיטן פעלד, איבערן גראָעם וועג, צום וואַלד, שטופּט פאָרויס דעם שטעקן מיט דער

---

*) דער נאָמען פון אַ רוסישער סעקטע. דאָס וואָרט באַטייט — אַ לויפער. (איבּ.)

קאָנוווּלסיווער באַוועגונג פון דער ווייסער האַנט פון אַ נישט־
אַרבעטער און בורטשעט:

— איך גיי מיט אַ ריכטיקן וועג, כ'וועל קיין זאַך נישט אַנגעמען! די באַנדן צעררייס...

לעבן אים פלעגט זיך דערמאָנען דער פאָטער, ווי די באָבע האָט אים געזען אין חלום: מיט אַ נוס־שטעקעלע אין האַנט, און הינטער אים לויפט נאָך אַ בונטער הונט, טרייסלט מיט דער צונג...

XIII

דער וואַרשטאַט פון איקאָנעס־מאָלעריי האָט זיך געפונען אין צוויי צימערן פון אַ גרויסן האַלב־שטיינערנעם הויז; איין צי־מער מיט דריי פענסטער צום הויף און צוויי — אין גאָרטן אַריין; דער צווייטער — מיט איין פענסטער אין גאָרטן, מיטן צווייטן צום גאַס. די פענסטער — קליינינקע, קוואַדראַטיקע זייערע שויבן, רעגנבויגנדיק פון אַלטקייט, לאָזן אומגערן דורך אין וואַרשטאַט אַריין דעם אָרעמען, שיטערן ליכט פון די ווינטער־טעג.

ביידע צימערן זענען ענג פאַרשטעלט מיט טישן, ביי יעדן טיש זיצט איינגעבויגן אַ הייליקן־מאָלער, ביי אַנדערע — צו צוויי. פון פולאָפּ לאָזן זיך אַראָפּ אויף שטריקלעך גלע־זערנע קויקן; אָנגעגאָסענע מיט וואַסער, קלייבן זיי צענויף דאָס ליכט פון לאָמפּ, אָפּוואַרפנדיק אים אויף דעם קוואַדראַ־טיקן איקאָנע־ברעטעלע מיט אַ ווייסן, קאַלטן שטראַל.

אין וואַרשטאַט איז הייס און שטינקנדיק; עס אַרבעטן ביי אַ צוואַנציק פּערזאָן „גאָטשמירערס" פון פּאַלעך, כאָלוי, מסטער; אַלע זיצן אין סיצענע העמדער מיט צעשפּילעטע קאָל־נערס, אין טיקענע גאַטקעס, באָרוועסע אָדער אין אַלטע, צע־ריסענע שיך. איבער די קעפּ פון די מייסטערס שוועבט אַ גראָ־בלאָער צודעק פון פאַרברענטער מאַכאָרקע, שטייט אַ גע־דיכטער ריח פון גלאַנץ־אייל, לאַק, פאַרשטונקענע אייער. פּאַ־מעלעך, ווי סמאָלע, פליסט אַ טרויעריק וולאַדימירער ליד:

— אַך, ווי געוויסנלאָז איז היינט דאָס פאָלק געוואָרן —
פאַר מענטשן האָט אַ יונג פאַרפירט אַ מיידל...

מ'זינגט אויך אַנדערע לידער, אויך נישט קיין פריילעכע, אָבער דאָסדאָזיקע — אָפּטער פאַר אַלע. איר צעצויגענער מאָ־טיוו שטערט נישט צו טראַכטן, שטערט נישט צו פירן מיט דינעם פּענזעליקל פון גאַרנאַסטאַ־האָר איבער דעם איקאָנע־געמעל, פאַרפאַרבנדיק די פאַלדן פון דער „באַקליידונג", אַרויפלייגנדיק אויף די ביינערדיקע פּנימער פון די הייליקע דינע קנייטשלעך פון ליידן. הינטער די פענסטער קלאַפּט מיטן העמערל דער סיזעלירער גאַגאַלעוו — אַ שיכּורער זקן, מיט אַ ריזיקער בלאָער נאָז; אין פוילן שטראָם פון ליד רייסט זיך אָן אויפהער אַריין דער טרוקענער קלאַפּ פון העמערל — ריכטיק ווי אַ וואָרים פרעסט האָלץ.

די איקאָנעס־מאַלעריי פאַרכאַפּט קיינעם נישט; עפּעס אַ שלעכטער חכם האָט צעברעקלט די אַרבעט אויף אַ לאַנגער קייט האַנדלונגען, וועלכע פאַרמאָגן נישט קיין שיינקייט, וואָס זענען נישט פעאיק צו וועקן ליבע צו דער אַרבעט, אָן אינ־טערעס צו איר. דער קאַסאָקער סטאָליאַר פּאַנפּיל, אַ שלעכטער און בייז־כיטרער, ברענגט צוטראָגן די דורך אים אויסגעהעבל־טע לעוועטע און צונויפגעקלעפּטע ציפּרעסענע און ליפּענע ברעט־לעך פון פאַרשידענע גרויס; דער שווינדזוכטיקער בחור דאַווי־דאָוו באַדעקט זיי מיט דער גרונט־פאַרב; זיין חבר סאָראָקין לייגט דעם „לעווקאַס", מיליאַשין נעמט אַראָפּ מיטן בליישטיפט די צייכנונג פון אָריגינאַל; דער אַלטער קאָקאָלער באַקילט און סיזעלירט אויפן גאָלד דעם מוסטער; די באַקליידונגס־מאַלערס מאָלן דעם פּייזאַזש און די קליידונג פון דער איקאָנע, דערנאָך שטייט זי ביי דער וואַנט אָן אַ פּנים און הענט, וואַרטנדיק אויף די פּנימער־מאַלערס.

ס'איז זייער נישט אָנגענעם צו זען די גרויסע איקאָנעס פאַר די איקאָנאָסטאַסן און אַלטאַרטירלעך, ווען זיי שטייען ביי דער וואַנט אָן פּנימער, הענט און פיס, — בלויז מיט די רי־זעס אָדער פּאַנצערס און מיט די קורצינקע העמדעלעך פון די מלאכים. פון דידאָזיקע בונט באַמאָלטע ברעטלעך טראָגט מיט טויטס; דאָס, וואָס דאַרף זיי באַלעבן, פעלט, אָבער ס'דוכט

יך, אַז דאָס איז שוין געווען און אויף אַ ווּנדערלעכן אופן פאַרשוווּנדן, איבערלאָזנדיק בלויז די שווערע ריזעס.

ווען דער פּנים־מאָלער האָט שוין אויסגעמאָלט דאָס „לייב", גיט מען די איקאָנע איבער דעם מייסטער, וועלכער פאַרציט דעם סיזעלור־מוסטער מיט „עמאַל"; די אויפשריפטן שרייבט אויך אַ באַזונדערער מייסטער, און מיט לאַק באַדעקט דער וואַרשטאַט־פאַרוואַלטער אַליין, איוואַן לאַריאָניטש, אַ שטילער מענטש.

דאָס פּנים ביי אים איז גראָ, דאָס בערדל אויף אַ גראָעס, פון דינע זיידענע האָר, די גראָע אויגן זענען עפּעס מאָדנע טיף און טרויעריק. ער שמייכלט גוט, אָבער צו אים ווענדט ניט אַ שמייכל טאָן, ס'איז עפּעס אומבאַקוועם. ער איז ענלעך אויף דער איקאָנע פון סימעאָן סטאָלפּניק — אויך אַזאַ טרוקענער, אויסגעצערטער און זיינע אומבאַוועגלעכע אויגן קוקן אויך אַזוי אַבסטראַקט ערגעץ־ווו ווייט, דורך מענטשן און ווענט.

אין עטלעכע טעג נאָכדעם, ווי כ'בין אָנגעקומען אין וואַרשטאַט, איז דער מייסטער אויף קרייץ־פענער, דער דאָנער קאָזאַק קאַפּענדיוכין, אַ שיינער און אַ גיבור, געקומען שכור און פעסט פאַרשטשימענדיק די ציין, פאַרזשמורענדיק די זיסע פרויִשע אויגן, שווייגנדיק גענומען אַלעמען שלאָגן מיט די אייזערנע פויסטן. נישט קיין הויכער און אַ שלאַנקער, האָט ער זיך געוואָרפן איבערן וואַרשטאַט, ווי אַ קאָטער אין אַ קעלער צווישן שטשורעס; די צעטומלטע מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן פון אים אין די ווינקלען און פון דאָרט אַרויסגעשריגן איינער צום צווייטן:

— שלאָג!

דעם פּנים־מאָלער יעווגעני סיטאַנאָוו איז געלונגען צו באַטויבן דעם צווילדעוועטן שלעגער מיט אַ קלאַפּ פון אַ טאַבורעט איבערן קאָפּ, דער קאָזאַק האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דעם דיל, מ'האָט אים תיכף אומגעוואָרפן און געבונדן מיט האַנטוכער, האָט ער זיי גענומען גריזשען און רייסן מיט די

ציין פון אַ חיה. דאַן איז יעווגעני אַרויס פון די כּלים, — ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ טיש און צודריקנדיק די עלנ־בויגנס צו די זייטן, זיך געגרייט אַ שפּרינג טאָן אויפן קאָזאַק; אַ הויכער, אַ מוסקוליעזער, וואָלט ער זיכער צעקוועטשט מיט זיין שפּרונג קאַפּעגדיוכינס ברוסט־קאַסטן, אָבער אין דער מינוט איז לעבן אים אויסגעוואַקסן לאַריאָנישש אין פּאַלטן און היטל, געמאַכט צו סיטאַנאָוון מיטן פינגער און שטיל, געשעפּטמעסיק געזאָגט די מייסטערס:

— אַרויסטראָגן אים אין פּאָרהויז, זאָל ער זיך אויס־ניכטערן...

דעם קאָזאַק האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון וואַרשטאַט, מ׳האָט צעשטעלט די טישן, די שטולן און זיך ווידער געזעצט צו דער אַרבעט, איבערוואַרפנדיק זיך מיט קורצע באַמערקונ־גען וועגן חברס קראַפט, אַז מ׳וועט אים נאָכאַמאָל דערהרגענען אין אַ געשלעג.

— דערהרגענען אים איז שווער, — האָט סיטאַנאָוו גע־זאָגט זייער רויק, ווי מ׳רעדט וועגן אַ ענין, וואָס איז גוט באַקאַנט.

כ׳האָב געקוקט אויף לאַריאָנישן, טראַכטנדיק דערשטוינט: פאַרוואָס וואַרפן זיך אים אַזוי לייכט אונטער דידאָזיקע שטאַרקע, הפקרדדיקע מענטשן?

ער האָט אַלעמען געוויזן, ווי אַזוי מ׳דאַרף אַרבעטן, אפילו די בעסטע מייסטערס האָבן גערן געהערט זיינע עצות; קאַפּעגדיוכינען האָט ער געלערנט מער און באַרעדוודיקער, ווי אַנדערע.

— דו, קאַפּעגדיוכין, רופסט זיך אָן אַ מאָלער, דאָס הייסט, אַז דו דאַרפסט לעבעדיק מאָלן*), אויפן איטאַליענישן שטייגער. אייל־מאָלעריי פאָדערט די אייניקייט פון וואַרעמע פאַרבן, און דו האָסט צוגעמישט צופיל ווייסן שמינק, זענען

*) אַ וואָרט־שפּיל, וואָס לאָזט זיך נישט איבערזעצן. אויף רוסיש הייסט אַ מאָלער זשיוואָפּיסעץ, אַ צענויפלייג פון די צוויי ווערטער זשיוואָ (לעבעדיק) פּיסאַט (מאָלן). איב.

דער גאָטסמוטערס אויגעלעך אַרויסגעגומען קאַלט, ווינטערדיק, די בעקלעך זענען געמאָלט רויט, ווי די עפּעלעך, און די אויגעלעך — זענען פרעמד צו זיי. חוצדעם זענען זיי נישט ריכטיק אָוועקגעשטעלט — איינער כאַפּט אַ קוק אין נאָז־וואָרצל, דער צווייטער איז אָפּגערוקט אויפן שלייף, און דאָס פּנימל איז אַרויסגעקומען נישט הייליק־ריין, נאָר כיטרע, ערדיש. די טראַכסט נישט וועגן דער אַרבעט, קאַפּענדיוכין.

דער קאָזאַק הערט, קרימט דאָס פּנים, דערנאָך אומפּאַר־שעמט שמייכלענדיק מיט די ווייבערשע אויגן, רעדט ער מיט אַן אנגענעמען קול, אַביסל אַ הייזעריקן פון שכרות:

— עך, פּאָטערל, איוואַן לאַריאָניטש, — דאָס איז נישט מיין זאַך. איך בין אַ מוזיקאַנט אַ געבוירענער, האָט מען מיך גאָר געמאַכט — פאַר אַ מאָנאַך:

— מיט פלייס קען מען יעדע זאַך גובר זיין.

— ניין, וואָס בין איך אַזוינער? אַ פורמאַן וואָלט איך באַדאַרפט זיין, און אַ פייערדיקע טראָיקע *), הע...

און אויסבויגנדיק דעם גאָרגל, הויבט ער אָן ווילד צו זינגען:

הע, אי — אַך, אַ טראָיקע פייערדיקע.
טונקל־ברוינע פערד שפּאַן איך איין,
— אָך, און כ׳וועל פליען אין אַ פראָסטיק נעכטל,
און גלייך — אָי, גלייך צו דער ליבסטער מיין!

איוואַן לאַריאָנאָוויטש שמייכלט הכנעדיק, פאַרריכט די ברילן אויף דער גראָער, אומעטיקער נאָז און גייט אַוועק און אַ צענטליק שטימעס כאַפּן אונטער, ווי איינער, דאָס ליד, זיך צוזאַמענגיסנדיק אין אַ מעכטיקן שטראָם, און ריכטיק ווי אויפ־הויבנדיק אינדערלופטן דעם גאַנצן וואַרשטאַט, וויגן זיי אים מיט רעגלמעסיקע שטויסן.

און די פערד ווייסן גוט,
צו דער האַרינע דעם וועג...

דער שילער פּאַשקאַ אָדינצאָוו וואַרפט אַוועק אָפּצוגיסן

*) אַ נאַציאָנאַל רוסישער געשפּאַן פון דריי פערד. (איב.)

די געלעכלעך פון די אייער, האַלט אין ביידע הענט די שאַלעכטס, און העלפט אונטער מיט אַ פּראַקטישן דיסקאַנט.

פאַרשפּורט פון די קלאַנגען. זענען אַלע באַרויִשט, — אַלע אָטעמען מיט איין ברוסט, לעבן מיט איין געפיל, קוקנדיק שיף אויפן קאַזאַק, ווען ער פלעגט זינגען, פלעגט אים דער וואַרשטאַט אָנערקענען פאַר זיין הערשער; אַלע האָבן זיך געצויגן צו אים, אַכטונג געבנדיק אויף די ברייטע באַוועגונגען פון זיינע הענט — ער פלעגט צענעמען די הענט, ווי ער זאָלט זיך קלויבן פליען. כ׳בין זיכער, ווען ער זאָל פּלוצלונג איבעררייסן דאָס ליד און אַ געשריי טאָן: „שלאָג, ברעך אַלץ!" — וואָלטן אַלע, אפילו די סאַמע געזעצטע מייסטערס, אין איינציקע מינוט צעטראָגן דעם וואַרשטאַט אויף שפּענדלעך.

געזונגען האָט ער זעלטן, אָבער די מאַכט פון זיינע הפקרדיק-ווילדע לידער איז תּמיד געווען אומבאַצווינגבאַר און נצחונדיק; ווי שווער די מענטשן זאָלן נישט זיין געשטימט, פלעגט ער זיי אויפהויבן און אָנצינדן, אַלע פלעגן אָנגעשפּאַנט ווערן, פאַרוואַנדלענדיק זיך אין הייסן צוזאַמענגוס פון די כחות — אין אַ מעכטיקן אָרגעל.

ביי מיר פלעגן די לידער אַרויסרופן אַ ברייענדיקן קנאה-געפיל צום זינגער, צו זיין שיינער מאַכט איבער מענטשן; עפּעס אימהדיק-אויפרעגנדיקס פלעגט זיך אַריינגיסן אין האַרצן, צעשפּרייטנדיק ביז ווייטאָק, ס׳האָט זיך געוואָלט וויינען און שרייען צו די זינגנדיקע מענטשן:

— כ׳האָב אייך ליב!

דער שווינדזיכטיקער, געלער דאַווידאָוו, איינגעצאַנקט אין פּאַסמעס האָר, פלעגט אויך עפענען דאָס מויל, מאָדנע ענלעך אויף אַ גאַווועלע, וואָס האָט זיך נאָר-וואָס אויסגעפּיקט פון דער איי.

פריילעכע, הפקרדיקע לידער פלעגן געזונגען ווערן נאָר דאַן, ווען דער קאָזאַק פלעגט זיי פאַרציען, אָבער אָפטער פלעגט מען זינגען אומעטיקע און צעצויגענע וועגן „געוויסנ-לאָזן עולם", „ווי נאָך אונטערן וואַלד-וועלדעלע", און וועגן

אלעקסאַנדר I טויט: „איז אונזער לעקסאַנדרא געפאָרן די אַרמיי זיינע באַטראַכטן".

אמאָל, לויטן פאַרשלאַג פון בעסטן פנים-מאלער אין אונזער וואַרשטאַט — זשיכאַרעוו, פלעגט מען פרובירן זינגען עפּעס קירכלעכס, אָבער זעלטן פלעגט דאָס געלונגען. זשיכאַרעוו פלעגט תמיד שטרעבן צו דערגרייכן עפּעס אַן אייגנאַרטיקע, בלויז אים אַליין פאַרשטענדלעכע האַרמאָניע. און אַלעמען שטערן צו זינגען.

דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר פינפאונפערציק, אַ טרוקענער, אַ פליכצוואַטער, אין אַ האַלב-קראַנץ פון שוואַרצע, געקרייזלט-ציגיינערישע האָר, מיט גרויסע, ווי וואָנסעס, שוואַרצע ברעמען. אַ שאַרף, געדיכט בערדל האָט זייער באַשיינט זיין פיין, פאַרברוינט נישט-רוסיש געזיכט, אָבער אונטער דער הויקערדיקער נאָז האָבן אַרויסגעשטאַרצט האַרטע וואָנסעס, אַשעריקע ביי זיינע ברעמען. זיינע בלאָע אויגן זענען געווען פאַרשידענע: דער לינקער — קאָנטיק גרעסער פאַרן רעכטן.

— פּאַשקאַ! — פלעגט ער מיט אַ טענאָר-שטימע שרייען צו מיין חבר, דעם לער-ייִנגל, — אָנו, הויב אָן: „לויבט! עולם, הערט זיך איין!

אָפּווישנדיק די הענט אין פאַרטוך, פלעגט פּאַשקאַ אָנהויבן:

— לוי—ויבט...

— גאָ—אָטס נאָמען, — פלעגן אונטערכאַפּן עטלעכע שטימען, און זשיכאַרעוו פלעגט אומרואיק שרייען:

— יעוווגעני — נידעריקער! לאָז אַרונטער דעם קול אין די טיפענישן פון דער נשמה...

סיטאַנאָוו רופט אויס פאַרשטיקט, ווי אין אַ פאַס אַריין:

— ג—גאָטס קנעכט...

— נישט אַזוי! דאָ דאַרף מען אַזוי אַ נעם טאָן און פון זיך אַליין זאָלן זיך צעעפענען די טירן, פענסטערס!

זשיכאַרעוו פלעגט זיך אינגאַנצן צאַפּלען אין אומפאַר-שטענדלעכע אויפרעגונג, זיינע וואונדערלעכע ברעמען באַוועגן

זיך איבערן שטערן ארויף און אראפ, זיין קול רייסט זיך איבער, און די פינגער שפילן אויף אומגעזעענע גוסלעס*)

— גאטס קנעכט — פארשטייסט? — רעדט ער פילבאַ־דייטנדיק. — דאס דארף מען דערשפירן ביזן קערן, דורך דער גאנצער שאלעכטס. ק—קנעכט, לויבט גאט! ווי אזוי זשע, עולם לעבעדיקער, פארשטייט איר דאס נישט?

— דאס קומט ביי אונז קיינמאל נישט ארויס, ווי איר ווייסט, — זאגט סיטאַנאָוו העפלעך.

— נו, לאמיר דאס לאזן!

זשיכאַרעוו נעמט זיך באַליידיקט צו דער אַרבעט. ער איז דער בעסטער מייסטער, ער קען מאלן פנימער אויפן ביזאַנטישן אופן, אויפן פריאַזישן און לעבעדיק, אויפן איטאַל־יענישן שטייגער. אַננעמענדיק באַשטעלונגען אויף איקאָנאָסטאַסן, באראט זיך לאַריאָניטש מיט אים, — ער איז אַ פיינער קענער פון די אָריגינעלע איקאָנעס, אַלע טייערע קאָפּיעס פון די וואונדער־טוענדיקע איקאָנעס — דער פעאָדאָראָווער, סמאָלענס־קער, קאַזאַנער און אַנדערע — גייען דורך זיינע הענט. אָבער, נישטערנדיק אין די אָריגינאַלן, בורטשעט ער אויפן קול:

— האָבן אונז דאס געבונדן די אָריגינאַלטשיקעס דידאַ־זיקע... מ'דארף פשוט זאָגן: געבונדן!..

נישט געקוקט אויף זיין חשובער לאַגע אין ווארשטאַט, איז ער פאַריסן ביי זיך ווינציקער פאַר אַנדערע, באַציט זיך פריינטלעך צו די לער־ייִנגלעך — צו מיר און פאַוולען; ער וויל אונז אויסלערנען די מלאכה — מיט דעם פאַרנעמט זיך קיינער נישט, אַ חוץ אים.

אים איז שווער צו פאַרשטיין; בכלל — אַ נישט־פריי־לעכער מענטש, אַרבעט ער אַמאָל אַ גאַנצע וואָך שווייַגנדיק, ווי אַ שטומער; קוקט אויף אַלעמען פאַרוואונדערט און פרעמד, ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל געזען באַקאַנטע מענטשן, און כאָטש ער האָט זייער ליב געזאַנג, זינגט ער נישט אין אַזעלכע טעג און ריכטיק ווי ער וואָלט אפילו נישט הערן די לידער.

---

*) אַזאַ מין האַרפע. (איב.)

אַלע קוקן אים נאָך, ווינקנדיק אויף אים אײנער צום צווייטן. ער האָט זיך איינגעבויגן איבער אַ שיף־אָוועקגעשטעלטער איקאָנע, איר ברעטל שטייט אויף זײַנע קני, איר מיטן שפּאַרט זיך אָן אויפן ברעג טיש, זײַן דינער פּענזל צייכנט אָן מיט גרויס אָפּגעהיטקייט אַ טונקל, פֿרעמד־ווייט פּנים, און אַליין איז ער אויך אַ טונקעלער און פֿאַרפֿרעמטער.

מיטאַמאָל זאָגט ער, דײַטלעך און באַליידיקט:

— פּרעדטעטשאַ*) — וואָס איז דאָס אַזוינס? טעטש, אויפֿן פּאַרצייטישן לשון, הייסט — גיין. פּרעדטעטשאַ — אַ פֿאָרגענגער, און נישט עפּעס אַנדערש...

אין וואַרשטאַט ווערט שטיל, אַלע וואַרפֿן זײַטיקע בליקן אין זשיכאַרעווס זײַט, שמייכלענדיק, און אין דער שטילקייט קלינגען מאָדנע ווערטער:

— נישט אין אַ שעפּסן־פּעלץ דאַרף מען אים מאָלן, נאָר מיט פֿליגלען...

— מיט וועמען רעדסטו דאָס? — פֿרעגט מען אים.

ער שווייגט, הערט נישט די פֿראַגע אָדער וויל נישט ענטפֿערן, דערנאָך — פֿאַלן ווידער אין דער דערוואַרטנדיקער שטילקייט זײַנע ווערטער:

— די לעבנס־באַשרײַבונגען פֿון די הייליקע דאַרף מען קענען, און ווער קען זיי דען? וואָס ווייסן מיר? מיר לעבן נישט קיין באַפֿליגלטע... וואו איז — די נשמה? די נשמה וואו איז? די אָריגינאַלטשיקעס... יאָ! — זענען דאָ. און קיין האַרץ — איז נישטאָ...

דידאָזיקע געדאַנקען איינדערהויך רופֿן אַרויס בײַ אַלע־מען, אַ חוץ סיטאַנאָוו, שפּאָטישע שמייכלען; כמעט תּמיד מורמלט עמעץ בייזוויליק־פֿריידיק:

— שבת וועט ער נעמען שכורן...

דער לאַנגער מוסקולעזער סיטאַנאָוו, אַ בחור פֿון צוויי־און־צוואַנציק יאָר, מיט אַ קײַלעכדיק פּנים אָן וואָנסעס און ברעמען, קוקט טרויעריק און ערנסט אין ווינקל.

---

*) דער פֿאָרגענגער, דער מבשר. (איב.)

כ׳געדענק, פאַרענדיקנדיק די קאָפּיע פון דער פּעאָדאַ־ראָווער גאטסמוטער, דאַכט זיך, אין קונגור, האָט זשיכאַרעוו אַוועקגעלייגט די איקאָנע אויפן טיש און געזאָגט, הויך, צע־רודערט:

— פאַרענדיקט דאָס מוטערל! ווי אַ שאָל ביסטו, — אַ שאָל אָן אַ דעק, אין וועלכער ס׳וועלן זיך נעמען גיסן איצט ביטערע, האַרציקע טרערן פון דער וועלט דער מענטשלעכער...

און אַרויפוואַרפנדיק אויף די אַקסלען עמיצנס אַ פּאַלטן, איז ער אַוועק — אין שענק אַריין. דאָס יונגוואַרג האָט זיך צעלאַכט, צעפּייפט; עלטערע אַביסל האָבן אים מיט קנאה נאָכגעשיקט אַ זיפץ, און סיטאַנאָוו איז צוגעגאַנגען צו דער אַרבעט, אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף איר און דערקלערט:

— אודאי וועט איר נעמען שכורן, ווייל ס׳איז אים אַ שאָד די אַרבעט אָפּצוגעבן. דערדאָזיקער רחמנות־געפיל איז נישט אַלעמען צוגענגלעך...

זשיכאַרעוו פלעגט נעמען שכורן תמיד אום שבת. ס׳קען זיין, אַז דאָס איז נישט געווען קיין געווענלעכע קראַנקהייט פון אַ בעל־מלאכה אַן אַלקאהאָליק; דאָס פלעגט זיך אָנהויבן אַזוי: אינדערפרי פלעגט ער שרייבן אַ צעטעלע און עס אַוועקשיקן ערגעץ וואו מיט פּאַוולען, און פאַר מיטאָג פלעגט ער זאָגן לאַריאָניטשן:

— כ׳גיי היינט — אין באָד!

— אויף לאַנג?

— נו, גאָט מיינער...

— כ׳בעט אייך, כאָטש נישט לענגער ווי ביז דינסטאָג!

זשיכאַרעוו האָט מסכים געווען דורך צושאָקלען מיט זיין באַקעטן שאַרבן, זיינע ברעמען האָבן געציטערט.

צוריקקומענדיק פון באָד, פלעגט ער זיך אויספּראַנטעווען, פלעגט אָנטאָן אַ מאַנישקע, אַ האַלז־טיכל, אַרויסלאָזן איבער דער אטלאסנער וועסט אַ לאַנגע זילבערנע קייט און שווייגנדיק אַוועקפאָרן, אָנזאָגנדיק מיר און פּאַוולען:

— אַרום אָוונט-צייט רוימט צו דעם וואַרשטאַט אַביסל ריינער; דעם גרויסן טיש — אויסוואַשן, אָפּשייערן!

אַלעמען פּלעגט אַרומנעמען אַ יום-טובדיקע שטימונג, אַלע פּלעגן זיך אויסגלייכן, ריייניקן, לויפן אין באָד אַריין, אויף גיך אָפּעסן אָוונטברויט; און נאָך אָוונטברויט פּלעגט אַראָפּקומען זשיכאַרעוו, מיט פּעקלעך צובייסעכץ, מיט ביר און וויין, און נאָך אים — אַ פרוי, אַ פאַרגרעסערטע אין אַלע דימענסיעס ביז העסלעכקייט. אַ וואוקס האָט זי געהאַט פון צוועלף ווערשקעס איבער צוויי אַרשין, אונזערע אַלע שטולן און טאַבורעטן פּלעגן אויסזען אַקעגן איר ווי שפּילצייג, אפילו דער לאַנגער סטאַנאָוו איז אַ בישט-דערוואַקסן ייִנגל אין פאַרגלייך מיט איר, זי איז זייער שלאַנק, אָבער איר ברוסט הויבט זיך אויף ווי אַ בערגל צו דער גאָמבע, די באַוועגונגען זענען פּאַמעלעכע, אומגעלומפּערטע. זי איז איבער די פערציקער, אָבער איר קיילעכדיקער, אומבאַוועגלעך פּנים, מיט גרויסע אויגן פון אַ פערד, איז פריש און גלאַט, דער קלייניקער מויל זעט אויס ווי אַן אָנגעמאָלטער, ווי ביי אַ ביליקע ליאַלקע. די פרוי האָט געשמייכלט, אַלעמען געררוקט אַ ברייטע וואַרעמע דלאָניע און גערעדט אומנויטיקע ווערטער:

— אַ גוטן אָוונט. ס'איז פּראָסטיק הייַנט. ווי געדיכט עס שפּירט זיך ביי איַיך. דאָס שפּירט זיך פאַרב. אַ גוטן אָוונט.

קוקן אויף איר, אויף דער רואיקער און שטאַרקער, ווי אַ גרויס, פולוואַסערדיק טייך, איז אַנגענעם, אין אירע רייד אָבער איז עפּעס פאַרשלעפערנדיקס, זיי זענען אַלע אומנויטיקע און פאַרמאַטערן. איידער זי פּלעגט זאָגן אַ וואָרט, פּלעגט זי זיך אָנבלאָזן, נאָך מער פאַרקיילעכדיקט אירע כמעט בלוט-רויטע באַקן.

דאָס יונגוואַרג צעגיסט זיך אין שמייכלען, שעפּטשען:

— אָט אַ מאַשין!

— אַ גלאָקן-טורעם!

צונויפלייגנדיק די ליפּן אין אַ שנירעלע, און די הענט אונטער די ברוסטן, זיצט זי זיך ביים געדעקטן טיש, צום

סאַמאָוואַר, און קוקט אויף אַלע נאָך דער ריי נאָך מיט אַ גוטן קוק פון די פּערדישע אויגן.

אַלע באַציִען זיך צו איר מיט דרך־ארץ, דאָס יונגוואַרג האָט אפילו אַביסל מורא פאַר איר, — אַ יונגער בחור קוקט אויף דעמדאָזיקן גרויסן קערפּער מיט גיריקע אויגן, אָבער ווען זיין בליק באַגעגנט איר ענג־אַרומנעמענדיקן בליק, לאָזט דער בחור פאַרשעמט אַראָפּ זיינע אויגן, זשיכאַרעוו איז אויך העפלעך צו זיין גאַסט, רעדט מיט איר אויף „איר”, רופט איר „קומושקאַ”*); איז ער איר מכבד, פאַרגייגט ער זיך נידעריק.

— באַמיט זיך נישט, — ציט זי זיס, — ס'אַרא אומרו־איקער איר זענט, בנאמנות!

אַליין לעבט זי נישט־געאיילט, אירע הענט באַוועגן זיך בלויז פון די עלנבויגנס ביז די האַנט־וואָרצלען, און די עלנ־בויגנס זענען פעסט צוגעדריקט צו די זייטן. עס טראָגט פון איר מיטן ספּירט־ריח פון הייסן ברויט.

דער אַלטער גאַגאַלעוו, פאַראיקנדיק זיך פון אַנטציקונג, לויבט דער פרויס שיינקייט, — ווי אַ דיאַטשאַק**) ליינט דעם אַקאַפיסט, זי הערט זיך צו, שמייכלענדיק גנעדיק, און ווען ער נעמט זיך פּלאָנטערן אין ווערטער, זאָגט זי וועגן זיך:

— אַלס מיידל זענען מיר גאָר קיין שיינע נישט געווען, דאָס איז אונז אַלץ פון ווייבערשן לעבן צוגעקומען. צו דריי־סיק יאָר זענען מיר געוואָרן אַזאַ מערקווירדיקע, אַז אפילו פּריצים האָבן זיך אינטערעסירט, איין קרייז־מאַרשאַלעק האָבן אַ קאַטש מיט אַ פּאָר פערד צוגעזאָגט...

קאַפּענדיוכין, אַ בגילופנדיקער, אַ צעשויבערטער, קוקט אויף איר מיט אַ בליק פול שנאה און פרעגט גראָב

— פאַרוואָס האָט ער עס צוגעזאָגט?

— פאַר אונזער ליבע, פאַרשטייט זיך, — דערקלערט דער גאַסט.

---

*) קומושקאַ — קום, קומאַ — אַ טויף־פּאַרטנער אָדער פּאַרטנערין. ווערט אויך באַנוצט אַלס ליבלינגס, גאָנטקייט־באַצייכנונג. (איב.)

**) אַ קירכן־געזאַנג לכבוד מריא. (איב.)

— ליבע, — מורמלט קאַפּענדיוכין, זיך פאַרלירנדיק, — וואָס פאַרא ליבע?

— איר, אַזאַ שיינער יונג, ווייסט זייער גוט וועגן ליבע,— זאָגט פּשוט די פרוי.

דער וואַרשטאַט טרייסלט זיך פון געלעכטער, און סיטאַנאָוו בורטשעט קאַפּענדיוכינען:

— אַ נאַר, אויב נישט נאָך ערגערס! אָט אַזאַ קען מען ליב האָבן בלויז פון גרויס אומעט, ווי ס'איז אַלעמען באַקאַנט...

ער ווערט בלייך פון ווייַן, אויף זיינע שלייפן האָט מיט פּערל-ען אַרויסגעשלאָגן אַ שווייס, די קלוגע אויגן ברענען אומרואיק. און דער אַלטער גאַגאַלעוו שאָקלט מיט דער העסלעכער נאָז, ווישט אָפּ די טרערן פון די אויגן מיט די פינגער און פרעגט:

— וויפל קינדער האָסטו געהאַט?

— אַ קינד האָבן מיר געהאַט בלויז איינס...

איבערן טיש הענגט אַ לאָמפּ, הינטערן ווינקל פון אויוון אַ צווייטער. זיי גיבן ווינציק ליכט. אין די ווינקלען פון וואַרשטאַט זענען זיך צעזויפגעקומען געדיכטע שאָטנס, עס קוקן אַרויס פון דאָרט נישט-דערמאָלטע, געקעפּטע פיגורן. אין די פלאַכע גראָע פלעקן, אויפן אָרט פון הענט און קעפּ, שטעלט זיך פאָר עפּעס אימהדיקס, מער ווי יעדער מאָל דאַכט זיך, אַז די קערפּערס פון די הייליקע זענען געהיימניספול פאַרשוואונדן פון די אויסגעמאַלטע בגדים, פון דאַזיקע קעלער. די גלעזערנע קויקן זענען אויפגעהויבן צום סאַמע פּולאָפּ, זיי הענגען דאָרט אויף האַקעס, אין אַ וואָלקנדל רויך און בלישטשען אונטער בלאָלעך.

זשיכאַרעוו גייט אומרואיק אַרום אַרום טיש, איז אַלעמען מכבד, זיין פליכעוואַטער שאַרבן בויגט זיך אָן דאָ צו איינעם, דאָ צום צווייטן, די דינע פינגער שפּילן זיך די גאַנצע צייט. ער איז אָפּגעצערט געוואָרן, זיין רויבערישער נאָז איז געוואָרן נאָך שאַרפער; ווען ער שטייט מיט דער זייט צום פייער, לייגט זיך אויף זיין באַק אַ שוואַרצער שאָטן פון נאָז.

— עסט, טרינקט, פריינט, — רעדט ער מיט אַ הילכיקן טענאָר.

און די פרוי זינגט מעשה־באַלעבאָסטע:

— וואָס באַאומרואיקט איר זיך, בומאַניאַק? יעדעס האָט זיך זיין אייגענע האַנט, זיין אייגענעם אַפּעטיט; מער, וויפל ס'ווילט זיך, קען קיינער נישט עסן!

— עולם, רו זיך אָפּ! — שרייט זשיכאַרעוו אויפגערעגט. — פריינט מיינע, אַלע זענען מיר גאָטס קנעכט קומט, לאָמיר זינגען „לויבט דעם נאָמען"...

דער געזאַנג גיט זיך נישט איין; אַלע זענען שוין צע־קראָכן, שכור פון עסן און בראָנפן... אין קאָפּענדיוכינס הענט — אַ צווייצייליקע האַרמאָניקע, דער יונגער וויקטאָר סאַלאַאוטין, אַ שוואַרצער און ערנסטער, ווי אַ קראָעלע, האָט גענומען אַ פייקל, פירט איבער דעם אָנגעצויגענעם לעדער מיטן פינגער, דאָס לעדער הודיעט פאַרשטיקט, וואָוילֿיונגעריש קלינ־גען די גלעקעלעך.

— אַ רוסישס! — קאָמאַנדעוועט זשיכאַרעוו. — קומושקאַ זייט מוחל!

— אַך, — זינגט די פרוי, זיך אויפשטעלנדיק, — ווי איר באַאומרואיקט זיך!

זי גייט אַרויס אויף אַ פרייען אָרט און שטייט אויף איס פעסט, ווי אַ קליינע קירכע. זי טראָגט אַ ברייט ברוין קלייד, אַ געלע, באַטיסטענע בלוזע און אַ רויטן טיכל אויפן קאָפּ.

וואָוילֿיונגעריש קוויטשעט די האַרמאָניקע, עס קלינגען אירע גלעקעלעך; דאָס לעדער פון פייקל גיט אַרויס אַ שווערן קלאַנג, אַ פאַרשטיקט אָפּזיפצנדיקן; דאָס איז אומאָנגענעם צו הערן: ריכטיק ווי אַ מענטש וואָלט אַראָפּ פון זינען און, אָכצנ־דיק, שלוכצנדיק, שלאָגט ער זיך מיטן שטערן אין וואַנט.

זשיכאַרעוו קען נישט טאַנצן, ער וואַרפט בלויז מיט די פיס, צוטופנדיק מיט די אָפּצאַסן פון די גלאַנציק אָפּגעפוצטע שטיוול, שפרינגט ווי אַ באָק און כסדר נישט אין טאַקט צו

דער באַרוישנדיקער מוזיק. די פיס זענען ביי אים, ווי פרעמדע. דער קערפער דרייט זיך אין אַלע זייטן נישט שיין, ער צאַפּלט זיך, ווי אַן ערדבין אין אַ שפּינוועבס און אַ פיש אין נעץ,— דאָס איז אומהיימלעך. אָבער אַלע, אַפילו די שכורע, קוקן אויף זיינע קאָנוואולסיעס אויפמערקזאַם, אַלע קוקן זיך שווייגנדיק צו צו זיין פּנים און הענט. זשיכארעווס פּנים שפּילט דערשטוינלעך, דאָ ווערט עס פרייטלעך און פאַרשעמט, דאָ מיטאַמאָל שטאָלץ און כמורעט זיך שטרענג; אָט האָט אים עפּעס פאַרוואונדערט, ער האָט אַ קרעכץ געטאָן, פאַרמאַכט אויף אַ רגע די אויגן, און עפּענענדיק זיי,—אומעטיק געוואָרן. צונויפדריקנדיק די פויסטן גנבעט ער זיך צו דער פרוי און מיטאַמאָל, אַ טופּע-טוענדיק מיט דער פוס, פאַלט ער אויף די קני פאַר איר, ברייט צעוואַרפנדיק די הענט, אויפהויפנדיק די ברעמען, האַרציק שמייכלנדיק. זי קוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ מיט אַ גנעדיקן שמייכל און וואָרנט רויק:

— איר וועט מיד ווערן, קומאַניאָק!

זי באַמיט זיך צוצומאַכן ליבלעך די אויגן, אָבער דידאָזיקע אויגן, גרויס ווי אַ דריי-קאָפּעקענע, פאַרמאַכן זיך נישט, און איר פּנים, צעקנייטשטע ווערנדיק, נעמט אָן אַן אומאָנגענעמען אויסדרוק.

אויך זי קען נישט טאַנצן, זי וויגט בלויז פאַמעלעך איר ריזיקן קערפּער און רוקט אים איבער גערוישלאָז פון איין אָרט אויפן צווייטן, אין דער לינקער האַנט האַלט זי אַ טיכל, זי פאָכעט מיט אים פויל; די רעכטע האַנט איז אָנגעשפּאַרט אין זייט, דאָס מאַכט זי ענלעך אויף אַ ריזיקן קרוג.

און זשיכארעוו גייט אַרום דערדאָזיקער שטיינערנער פרוי, ענדערנדיק סתּירותדיק דעם פּנים, — עס דאַכט זיך, אַז דאָס טאַנצט נישט איין מענטש, נאָר צען מענטשן, אַלע פאַרשיידענע: איינער—אַ שטילער, אַ הכנעהדיקער; דער צווייטער—אַ בייזער, אַ שרעקנדיקער; דער דריטער האָט אַליין פאַר עפּעס מורא און שטיל קרעכצנדיק, ווייל ער אומבאַמערקט אוועקגיין פון דער גרויסער אומאָנגענעמער פרוי. אָן האָט זיך באַוויזן

באַך איינער, — אויפגעשטשירעט די ציין און בויגט זיך קאָנ־וואולסיוו אויס, ווי אַ פאַרוואונדעטער הונט. דערדאָזיקער דאַגג־ווייליקער, נישט שיינער טאַנץ רופט אַרויס ביי מיר אַ שווערן טרויער, ער וועקט נישט קיין גוטע דערינערונגען וועגן די זעלנער, וועשינס און קעכינס, וועגן די היגטישע חתונות.

אין זכרון זענען דאָ סיטאַנאָווס שטילע ווערטער:

— אין דערדאָזיקער זאַך זאָגן אַלע ליגנט, דאָס איז שוין אַ זאַך אַזאַ—אַלעמען איז אַ בושה, קיינער האָט קיינעם נישט ליב, נאָר פשוט—צעלאָזנקייט...

כ'וויל נישט גלויבן, אַז „אַלע זאָגן ליגנט אין דערדאָ־זיקער זאַך,"—און וואו איז די מלכה מאַרגאָ? אויך זשיכאַרעוו זאָגט נישט קיין ליגן, געוויס. איך ווייס, אַז סיטאַנאָוו האָט זיך פאַרליבט אין אַן אויסגעלאַסן מיידל, און זי האָט אים אָנגעשטעקט מיט אַ שענדלעכער קראַנקהייט, אָבער ער שלאָגט זי נישט דערפאַר, ווי עס עצהן אים די חברים, נאָר ער האָט איר געדונגען אַ צימער, היילט דאָס מיידל און רעדט שטענ־דיק וועגן איר עפּעס באַזונדער פריינטלעך, פאַרשעמט.

די גרויסע פרוי וויגט זיך כסדר, שמייכלט טויט, פאָכעט מיטן טייכל; זשיכאַרעוו שפרינגט קאָנוואולסיוו אַרום איר, איך קוק זיך צו און טראַכט: צי דען איז חוה, וועלכע האָט אָפּ־גענאַרט גאָט, ענלעך געווען אויף דעמדאָזיקן פערד? אין מיר הויבט זיך אָן צו וועקן אַ געפיל פון שנאה צו איר.

די אָן־פּנימדיקע איקאָנעס קוקן אַראָפּ פון די טונקעלע ווענט, צו די פענסטער־שויבן האָט זיך צוגעטוליעט די פינ־סטערע נאַכט. די לאָמפּן ברענען טונקל אין דער געשטיקטער לופט פון וואַרשטאַט; הערסט זיך צו, און—דורכן שווערן טופּען, אין רעש פון די קולות טיילט זיך אויס דער אייליקער פאַלן פון וואַסערטראָפּנס פון קופּערנעם האַנטפאַס אין דער פּאָמוניצע.

ווי נישט ענלעך דאָס איז אַלץ אויפן לעבן, וועגן וועלכן כ'האָב געלייענט אין די ביכער! אימהדיק נישט ענלעך. ענדלעך איז אַלעמען לאַנגווייליק געוואָרן. קאַפּענדיוכין רוקט אין סאַלאַאוטינס הענט די האַרמאָניקע און שרייט:

— מאַך! אַ רויך זאָל גיין!

ער טאַנצט ווי וואַנקאַ ציגיינער—ווי ער זאָל פליען אינ־דערלופטן; דערנאָך טאַנצט פלינק און וואויליונגעריש פאַוועל אַדינצאָוו, סאַראָקין; דער שווינדזוכטיקער דאַווידאָוו באַוועגט אויך איבערן דיל מיט די פיס און הוסט פון שטויב, רויך, פון שטאַרקן בראָנפן־ריח און פון געפרעגלטן וואורשט, וועלכער שפירט זיך תמיד מיט געגאַרבטן לעדער.

זיי טאַנצן, זינגען, שרייען, אָבער יעדער געדענקט, אַז ער—פרייט זיך, און אַלע—ריכטיק ווי זיי וואָלטן עקזאַמען גע־האַלטן איינער פאַרן אַנדערן — אַן עקזאַמען אויף געשיקטקייט און אומדערמידלעכקייט.

דער בגילופינדיקער סיטאַנאָוו פרעגט דאָ דעם, דאָ יענעם.

— צי דען קען מען ליב האָבן אַזאַ פרוי, אַ?

עס דאַכט זיך, אַז ער וועט זיך באַלד פאַנאַנדערוויינען.

אויפהויבנדיק די שאַרפע אַקסלביינער ענטפערט אים לאַריאָנישש:

— אַ פרוי ווי אַלע פרויען, וואָס דאַרפסטו נאָך?

די, וועגן וועלכע מ׳רעדט, זענען אומבאַמערקט פאַר־שוווּנדן. זשיכאַרעוו וועט אַראָפקומען אין וואַרשטאַט אין אַ טאָג צוויי־דריי אַרום, וועט גיין אין באָד אַריין און אַ וואָכן צוויי וועט ער אַרבעטן אין זיין ווינקל שווייגנדיק, אַ חשובער, פאַר אַלעמען אַ פרעמדער.

— זיי זענען אַוועק? — פרעגט סיטאַנאָוו זיך אַליין, באַ־טראַכטנדיק דעם וואַרשטאַט מיט טרויעריקע, בלאָלעך־גראָע אויגן. זיין פנים איז נישט קיין שיינס, עפעס אַן אַלטס, אָבער די אויגן זענען קלאָרע און גוטע.

סיטאַנאָוו באַציט זיך צו מיר חבריש,—דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין גראָבן העפט, אין וועלכן עס זענען פאַר־שריבן לידער. ער גלויבט נישט אין גאָט, אָבער ס׳איז זייער שווער צו פאַרשטיין — ווער, אַ חוץ לאַריאָנישש, האָט אין וואַרשטאַט ליב גאָט און גלויבט אין אים: אַלע רעדן וועגן אים לייכטזיניק, שפּאַטיש, פונקט אַזוי, ווי זיי האָבן ליב צו

רעדן וועגן דער באַלעבאָסטע. און פונדעסטוועגן, זעצט מען זיך עסן מיטאָג אָדער אָוונטברויט — צלמען זיך אַלע, לייגט מען זיך שלאָפן — זענען זיי מתפּלל, גייען אין יום-טוב אין צערקווע.

סיטאַנאָוו טוט דאָס נישט אַלץ און מ'האַלט אים פאַר אַן אַפּיקורס.

— נישטאָ קיין גאָט,—זאָגט ער.

— טאָ פונוואַנעט נעמט זיך אַלץ?

— כ'ווייס נישט...

ווען כ'האָב אים געפרעגט: וואָס הייסט — נישטאָ קיין גאָט? — האָט ער דערקלערט:

— זעסטו: גאָט איז די הויך!

און האָט אויפגעהויבן אַ לאַנגע האַנט איבער זיין קאָפּ, און דערנאָך זי אַראָפּגעלאָזן אויף אַן אַרשין פון דיל און געזאָגט:

— דער מענטש איז — די נידעריקייט! ריכטיק? און ס'שטייט: „דער מענטש איז באַשאַפן לויטן צלם אלקים", ווי דיר איז באַקאַנט! און צו וואָס איז ענלעך גאָגאָלעוו?

דאָס צעשמעטערט מיך: דער שמוציקער און שיכורער אַלטער גאָגאָלעוו זינדיקט נישט געקוקט אויף זיינע יאָרן, מיט אוננס זינד; כ'דערמאָן זיך דעם וויאַטקער זעלנערל יערמאָכין, דער באָבעס שוועסטער,—וואָס איז אין זיי גאָטענלעכעס?

— מענטשן זענען חזירים, ווי דאָס איז באַקאַנט, — זאָגט סיטאַנאָוו און נעמט מיך גלייך טרייסטן:

— נישקשה, מאַקסימיטש, אויך גוטע זענען דאָ, ס'זע-נען דאָ!

ס'איז לייכט געווען מיט אים, פּשוט. האָט ער עפּעס נישט געוואוסט, פלעגט ער אָפנהערציק זאָגן:

— כ'ווייס נישט, כ'האָב וועגן דעם נישט געטראַכט!

זויך דאָס איז אומגעווייגלעך: ביז כ'האָב אים געטראָפן האָב איך בלויז געזען מענטשן, וועלכע האָבן אַלץ געוואוסט, וועגן אַלץ גערעדט.

מיר איז געווען מאָדנע צו זען אין זיין העפטל לעבן גוטע לידער, וועלכע האָבן געצירט די נשמה, א סך שמוציקע לידער, וועלכע האָבן בלויז אַרויסגערופן אַ בושה-געפיל. ווען כ׳האָב מיט אים גערעדט וועגן פושקינען, פלעגט ער אָנווייזן אויף דער „גאַווריליאדע״, וועלכע איז געווען איבערגעשריבן אין זיין העפטל...

— וואָס איז פושקין? פשוט א ליץ, אָבער בענעדיקטאָוו, אויף דעם, מאַקסימיטש, לוינט זיך אומצוקוקן!

און פאַרמאַכנדיק די אויגן, האָט ער שטיל געלייענט:

זע: אָט איז דער פרוי דער שיינערס
די באַצויבערנדיקע ברוסט...

און פלעגט, כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, באַזונדערס אויס-טיילן דריי שורות, לייענענדיק זיי מיט שטאָלצער פרייד:

נאָר אויך דעם אָדלערס שאַרפע בליקן
קענען נישט איר האַרץ דערבליקן
הינטער די הייסע ברוסטן-טירן...

— פאַרשטייסט?

מיר איז זייער אומבאַקוועם געווען זיך מודה זיין, אַז כ׳פאַרשטיי נישט מיט וואָס ער פרייט זיך.

XIV

מײַנע פּליכטן אין װאַרשטאַט זענען געװען אײנפֿאַכע: אינדערפֿרי, װען אַלע שלאָפֿן נאָך, האָב איך געדאַרפֿט צוגרייטן פֿאַר די מײַסטערס דעם סאַמאָװאַר, און בעת זײ האָבן געטרונקען טײ אין קיך, פֿלעג איך מיט פֿאַװאָלען צוראַמען דעם װאַרשטאַט, מיר פֿלעגן אָפּטײלן פֿאַר די פֿאַרבן די געלעכלעך פֿון די װײַסלעך, דערנאָך פֿלעג איך אַװעקגיין אין קראָם, אינאָװנט פֿלעגט מען מיך צװינגען צו צערײַבן די פֿאַרבן און „זיך צוקוקן" צו דער מלאכה. צוערשט האָב איך זיך „צוגעקוקט" מיט גרויס אינטערעס, אָבער אינגיכן האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז כּמעט אַלע, װאָס זענען פֿאַרנומען מיט דערדאָזיקער צעבראָקלטער מלאכה, האָבן זי נישט ליב און לײַדן פֿון אַ פּײַנלעכער לאַנגװײַליקייט.

מײַנע אָװנטן זענען געװען פֿרײַ, כ'פֿלעג דערצײלן די מענטשן װעגן לעבן אויפֿן דאַמפּער, כ'פֿלעג דערצײלן פֿאַרשידענע געשיכטעס פֿון ביכער און, אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַלײן, האָב איך פֿאַרנומען אין װאַרשטאַט עפּעס אַ באַזונדער אָרט פֿון אַ דערצײלער און פֿאָרלײענער.

כ'האָב אינגיכן פֿאַרשטאַנען, אַז דידאָזיקע אַלע מענטשן האָבן געזען און װײסן װײניקער פֿאַר מיר; כּמעט יעדער פֿון זײ איז פֿון קינדװײַז אָן אַרײַנגעזעצט געװאָרן אין דער ענגער שטײג פֿון זײַן מלאכה און ער זיצט אין איר פֿון דאַן אָן.

פון גאַנצן וואַרשטאַט איז בלויז זשיכאַרעוו געווען אין מאָס־קווע, וועגן וועלכער ער האָט גערעדט איבערצייגנדיק און אָנ־געכמורעט:

— מאַסקווע גלויבט נישט קיין טרערן, דאָרט דאַרפסטו קוקן אויף ביידע אויגן!

אַלע אַנדערע זענען בלויז געווען אין שוּא, וולאַדימיר; האָט מען גערעדט וועגן קאַזאַקן, פלעגט מען מיך פרעגן:

— און רוסן זענען דאָרט אַ סך? און צערקוועס זע־נען דאָ?

פּערו איז פאַר זיי געווען אין סיביר; זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז סיביר איז—הינטערן אוראַל.

אוראַלער צאַנדערס און שטערס ברענגט מען פון דאָרט, פון קאַספּישן ים? הייסט עס — אוראַל איז אויפן ים!

אַמאָל פלעג איך טראַכטן, אַז זיי חוזקן פון מיר, ווען זיי, פאַרזיכערן, אַז ענגלאַנד איז הינטערן ים־אוקינוס, און באָ־נאַפּאַרט שטאַמט אָפּ פון די קאַלוגער פּריצים. ווען כ'פלעג זיי דערציילן וועגן דעם, וואָס כ'האָב אַליין געזען, האָבן זיי מיר שוואַך געגלויבט, אָבער אַלע האָבן ליב געהאַט שרעקלעכע מעשיות פאַרפּלאָנטערטע געשיכטעס; אַפילו באַיאָרטע מענטשן האָבן בולט ליבער געהאַט אויסגעטראַכטס, ווי אמתדיקס; כ'האָב גוט געזען, אַז וואָס אומגלויבלעכער עס זענען די געשעענישן, וואָס מער פאַנטאַזיע עס פאַרמאָגט אַ דערציילונג, אַלץ אויפ־מערקזאַמער הערן מיך די מענטשן אויס. בכלל האָט זיי די ווירקלעכקייט נישט אינטערעסירט, און אַן אויפהער האָבן זיי אַלע טרוימעריש פאַרקוקט אין דער צוקונפט, נישט וועלנדיק זען די אָרימקייט און העסלעכקייט פון דעם איצט.

דאָס האָט מיר נאָך מער פאַרוואונדערט דערפאַר. ווייל כ'האָב שוין גענוג שאַרף געפילט די סתירות צווישן לעבן און דעם בוך; אָט האָב איך פאַר זיך לעבעדיקע מענטשן, און אין די ביכער זענען אַזעלכע נישטאָ: נישטאָ קיין סמורי, קיין היי־

צער יאַקאָוו, קיין בעגון אַלעקסאַנדר וואַסיליעוו, קיין זשיכאַרעוו, קיין וועשין נאַטאַליאַ...

אין דאַווידאָווס קופערט האָבן זיך אָפּגעפונען גאַליצינסקיס צעריסענע דערציילונגען, בולגאַרינס „איוואַן וויזשיגין", דעם באַראָן בראַמבעאוס, אַ בענדל; כ'האָב דאָס אַלץ דורכגעליינט אויפן קול, אַלעמען איז דאָס געפעלן געווען, און לאַריאָנישש האָט געזאָגט:

— דאָס לייענען באַזייטיקט די קריגערייען און דעם טומל — דאָס איז גוט!

כ'האָב פלייסיק גענומען זוכן ביכער, פלעג זיי געפינען און כמעט יעדן אָוונט לייענען. דאָס זענען געווען גוטע אָוונטן; אין וואַרשטאַט איז שטיל, ווי ביינאַכט, איבער די טישן הענגען גלעזערנע קויקן — ווייסע, קאַלטע שטערנס, זייערע שטראַלן באַלויכטן צעשויבערטע און פליכעוואַטע קעפּ, אָנגעבויגענע צו די טישן; כ'זע רואיקע, פאַרקלערטע פנימער, אַמאָל דערהערט זיך אַן אויסרוף פון לויב פאַרן מחבר פון בוך אָדער פאַרן העלד. די מענטשן זענען אויפמערקזאַם און מילד גאָר נישט ענלעך אויף זיך אַליין; כ'האָב זיי שטאַרק ליב אין דיזאָזיקע שעהן, און אויך זיי באַציִען זיך גוט צו מיר. כ'האָב זיך געשפּירט אויפן ריכטיקן אָרט.

מיט די ביכער איז געוואָרן ביי אונז ווי אין פרילינג, ווען מ'נעמט אַראָפּ די טאָפּלטע ראַמען און מ'צעעפנט צום ערשטן מאָל די פענסטער, — האָט סיטאַנאָוו איינמאָל געזאָגט.

ס'איז שווער געווען צו באַקומען ביכער; איינצושרייבן זיך אין אַ ביבליאָטעק איז נישט איינגעפאַלן, אָבער פונדעסטוועגן פלעג איך זיך קליגן און באַקומען ביכלעך, אויסבעטלענדיק זיי אומעטום, ווי אַ נדבה. איינמאָל האָט מיר דער בראַנדמייסטער פון די פייערלעשער געגעבן לערמאָנטאָווס אַ באַנד, און דאָ האָב איך דערשפּירט די קראַפט פון דיכטונג, איר מעכטיקע השפעה אויף מענטשן.

כ'געדענק, שוין ביי די ערשטע שורות פון „דעמאָן" האָט סיטאַנאָוו פאַרקוקט אין בוך, דערנאָך — אין מיין פנים,

אוועקגעלייגט דעם פענזל אויפן טיש און, אריינשטעקנדיק די לאַנגע האַנט צווישן די קני, זיך גענומען שאָקלען, שמייכלענדיק. דער שטול אונטער אים האָט אַ סקריפּ געטאָן.

— רואיק, ברידער, — האָט געזאָגט לאַריאָניטש און, אויך וואַרפנדיק די אַרבעט, צוגעגאַנגען צו סיטאַנאָווס טיש, בײַ וועלכן איך האָב געלייענט. די פּאָעמע האָט מיך פײַנלעך און זיס אויפגערעגט, די שטימע האָט זיך מיר איבערגעהאַקט, כ׳האָב שלעכט געזען די שורות פון די לידער, טרערן זענען אַרויסגעטראָטן אויף די אויגן. אָבער נאָך מער האָט אויפגערעגט די פאַרשטיקטע, פּאָרזיכטיקע באַוועגונג אין וואַרשטאַט, ער האָט זיך איינגאַנצן שווער געדרייט, און ווי אַ מאַגנעט וואָלט געצויגן צו מיר די מענטשן. ווען כ׳האָב געענדיקט די ערשטע טייל, זענען כמעט אַלע געשטאַנען אַרום טיש, ענג צוגעדריקט איינער צום צווייטן, אַרומגענומען, אָנגעכמורעט, אי שמייכלענדיק.

— לייען, לייען, — האָט זשיכאַרעוו געזאָגט, איינבויגנדיק מיין קאָפּ איבערן בוך.

כ׳האָב געענדיקט לייענען, ער האָט גענומען דאָס בוך, אַ קוק געטאָן אויף זיין נאָמען און, אַרונטערנעמענדיק עס אונטערן אָרים, דערקלערט:

— דאָס דאַרף מען נאָכאַמאָל דורכלייענען! מאָרגן וועסטו עס ווידער איבערלייענען. דאָס בוך וועל איך באַהאַלטן.

ער איז אָפּגעגאַנגען, פאַרשלאָסן לערמאָנטאָוון אין שופלאָד פון זיין טיש און זיך גענומען צו דער אַרבעט. אין וואַרשטאַט איז געווען שטיל, די מענטשן זענען זיך פּאָרזיכטיק פונאַנדערגעגאַנגען צו זייערע טישן; סיטאַנאָוו איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, זיך אָנגעשפּאַרט מיטן שטערן צו דער שויב און פאַרגליווערט געוואָרן, און זשיכאַרעוו האָט ווידער אָפּגעלייגט דעם פענזל און געזאָגט מיט אַ שטרענגן קול:

— אָט דאָס איז — אַ הייליקן-לעבן, גאָטס קנעכט... יאָ!

האָט אונטערגעהויבן די אַקסלען, באַהאַלטן דעם קאָפּ און ווייטער גערעדט:

— דעם דעימאַן קען איך אַפילו אָפּמאָלן: מיטן גוף שוואַרץ און האָריק, די פליגלען — פייער־רויטע — מיט מעניג־פאַרב, און דאָס פּנימל, די הענטלעך, די פיסלעך—ביז בלאָקייט ווייס, ווי דער שניי, אַשטייגער, אין אַ לבנה־נאַכט.

ביזן סאַמע אָוונטברויט האָט ער זיך אומרואיק און גאָר־נישט ווי זיין שטייגער גערדייט אויפן טאַבורעט, געשפּילט זיך מיט די פינגער און אומפאַרשטענדלעך גערעדט וועגן דעמאַן, וועגן פרויען און חוהן, וועגן גן־עדן און וועגן דעם, ווי ס׳האָבן געזינדיקט, די הייליקע.

— דאָס איז אַלץ אמת! — האָט ער פאַרזיכערט. — אויב הייליקע זינדיקן מיט זינדיקע פרויען איז דער דעמאָן, פאַר־שטייט זיך, אנגענעם צו זינדיקן מיט אַ ריינער נשמה...

מ׳האָט אים אויסגעהערט שטילשווייגנדיק; ווייזט אויס, אַז קיינעם, אַזוי ווי מיר, האָט זיך נישט געוואָלט רעדן. מ׳האָט געאַרבעט אָן חשק, קוקנדיק כּסדר אויפן זייגער, און ווען ס׳האָט אויסגעשלאָגן ניין האָבן אַלע ווי איינער געוואָרפן די אַרבעט.

סיטאַנאָוו און זשיכאַרעוו זענען אַרויס אויפן הויף, איך בין מיטגעגאַנגען מיט זיי. דאָרט, קוקנדיק אויף די שטערנס, האָט סיטאַנאָוו געזאָגט:

וואַנדערנדיקע קאַראַוואַנען
פון זונען געשליידערטע אין רוים...
דאָס וועסטו נישט צוטראַכטן!

כ׳געדענק נישט קיין שום ווערטער,—האָט זשיכאַרעוו באַ־מערקט, שוידערנדיק אויף דער שאַרפער קעלט.—כ׳געדענק גאָר־נישט, און אים זע איך. ס׳איז מאָדנע — אַ מענטש האָט גע־צווונגען רחמנות האָבן אויפן טייוול? ס׳איז דאָך אַ רחמנות אויף אים, אַ?

— אַ רחמנות,—האָט סיטאַנאָוו מסכּים געווען.

— אָט וואָס אַ מענטש באַדייט! — האָט וואָגיק אויסגע־שריען זשיכאַרעוו.

אין פאָרהויז האָט ער מיך געוואָרנט

— דו, מאַקסימיטש, זאָג קיינעם נישט אין קראָם וועגן דאָזיקן בוך: עס איז, געוויס, אַ פֿאַרבאָטנס!

כ'האָב זיך דערפֿרייט: אָט וועגן וועלכע ביכער דער פּאָפּ האָט מיך געפֿרעגט ביים ווידוי!

אָוונטברויט האָט מען געגעסן אָן חשק, אָן דעם געוויינ־לעכן טומל און געדערעדריי, ריכטיק ווי מיט אַלעמען זאָל האָבן פּאַסירט עפּעס וויכטיקס, וועגן וואָס מ'דאַרף עקשנותדיק אַ טראַכט טאָן, און נאָכן אָוונטברויט, ווען אַלע האָבן זיך גע־לייגט שלאָפֿן, האָט זשיכאַרעוו געזאָגט צו מיר, אַרויסנעמענדיק דאָס בוך:

— זיי אַזוי גוט, לייען דאָס איבער נאָכאַמאָל! לאַנגזאַמער, אייל זיך נישט...

עטלעכע פּערזאָן האָבן זיך שווייגנדיק אויפֿגעהויבן פֿון די בעטן, זענען צוגעגאַנגען צום טיש און זיך אַרומגעזעצט אַרום אים אויסגעטועטע, פֿאַרלייגנדיק אונטער זיך די פֿיס.

און ווען איך האָב געענדיקט לייענען האָט זשיכאַרעוו ווידער געזאָגט, אונטערקלאַפּנדיק מיט די פֿינגער איבערן טיש:

— דאָס איז — אַ לעבנסבאַשרייבונג פֿון אַ הייליקן! — אָך, דעמאָן, דעמאָן... אָט אַזוי, ברודער, אַ?

סיטאַנאָוו האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער מיין אַקסל, עפּעס דורכגעלייענט און זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט, זאָגנדיק:

— כ'וועל איבערשרייבן אין מיין העפֿט...

זשיכאַרעוו האָט זיך אויפֿגעהויבן און גענומען טראָגן דאָס בוך צו זיין טיש, איז אָבער שטיין געבליבן און פּלוצלונג גענומען רעדן באַליידיקט, מיט אַ ציטערדיקער שטים:

— מיר לעבן ווי די בלינדע הינטלעך, מיר ווייסן נישט פֿונדאַנען אַהער, נישט גאָט, נישט דער דעמאָן דאַרף אונדז נישט האָבן! וואָס פֿאַרא גאָטס קנעכט זענען מיר? איוב איז אַ קנעכט, און גאָט אַליין האָט מיט אים גערעדט! מיט משהן

אויך! משהן האָט ער אַפילו אַ נאָמען געגעבן: מאָי סעי *), הייסט: גאָטס אַ מענטש. און מיר וועמעס זענען?..

ער האָט צוגעמאַכט דאָס בוך און זיך גענומען אָנטאָן, פרעגנדיק סיטאַנאָוון:

— גייסט אין שענק?

— כ'וועל גיין צו מיינער, — האָט סיטאַנאָוו שטיל געענטפערט.

ווען זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, האָב איך זיך געלייגט בײַ דער טיר אויפן דיל, לעבן פּאַוול אָדינצאָוו. ער האָט זיך לאַנג געדרייט, געסאַפּעט און פּלוצלונג שטיל זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— וואָס איז דיר?

— מיר איז אויף אַלעמען אַ ביטערער רחמנות, — האָט ער געזאָגט, — כ'לעב דאָך מיט זיי דעם פערטן יאָר, אַלעמען קען איך...

אויך מיר איז אַ רחמנות געווען אויף דידאָזיקע מענטשן; מיר זענען לאַנג נישט איינגעשלאָפן, שמועסנדיק וועגן זיי שטילערהייט, געפינענדיק אין יעדן גוטע ווילע שטריכן און אין אַלע עפּעס אַזוינס, וואָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אונזער קינדישן רחמנות.

מיט פּאַוול אָדינצאָוו האָב איך געלעבט אין גרויס פריינטשאַפט; שפּעטער איז ער געוואָרן אַ גוטער בעל־מלאכה, ער האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעצויגן, צו דרייסיק יאָר האָט ער אָנגעהויבן ווילד שכורן, דערנאָך האָב איך אים געטראָפן אויפן כיטראָווער מאַרק אין מאָסקווע אַלס „באָסיאַק" און נישט לאַנג האָב איך געהערט, אַז ער איז געשטאָרבן פון אַ טיפוס. ס'איז אימהדיק זיך צו דערמאָנען, וויפל גוטע מענטשן עס זענען זינלאָז אוקגעקומען בײַ מיין לעבן! אַלע מענטשן נוצן זיך אָפּ און קומען אום, דאָס איז נאַטירלעך; אָבער ערגעץ־

*) אַ אינטערעסאַנטע ווערטער־שפּיל, וואָס לאָזט זיך נישט איבערגעבן אין יידיש. משה איז אויף רוסיש מאָיסעי, און מאָי סעי הייסט אין רוסיש דערדאָזיקער איז מיינער. (איב.)

ניִשט נוצן זיי זיך ניִשט אָפּ אַזוי שרעקלעך שנעל, אַזוי זינ־לאָז, ווי ביי אונז, אין רוסלאַנד...

דאַן איז ער געווען אַ רונדקעפּלדיק יינגל, מיט אַ יאָר צוויי עלטער פאַר מיר; אַ לעבעדיקער, אַ קלוגינקער און אָרנטלעכער, ער איז געווען באַגאַבט: ער האָט גוט געצייכנט פויגלען, קעץ און הינט און אויסערגעוויינלעך געשיקט געמאַכט קאַריקאַטורעס אויף די מייסטערס, תּמיד מאָלנדיק זיי אַלס פויגלען. סיטאַנאָוון אַלס טרויעריקן וואַסערלויפער אויף איין פוס, זשיכאַרעוון אַלס — האָן, מיט אַן אָראָפּגעריסענעם קאַם, אָן פעדערן אויפן הינטער־קאָפּ, דעם קראַנקן דאַווידאָוו — אַלס אימהדיקע קיביץ. אָבער בעסער פאַר אַלץ פלעגט זיך אים איינגעבן דער אַלטער סיזעלירער גאָגאָלעוו, אין דער געשטאַלט פון אַ פלעדערמויז מיט גרויסע אויערן, אַ איראָנישער נאָז און קליינע פיסעלעך מיט זעקס נעגל אויף יעדער איינער. פון קיילעכדיקן, טונקעלן פנים האָבן אַראָפּגעקוקט די ווייסע אויגן קייקעלעך, די שוואַרצאַפּלען זענען ענלעך געווען אויף ליג־זעלעך און זענען געשטאַנען קווער אין די אויגן, — דאָס האָט צוגעגעבן דעם פנים אַ לעבעדיקן און זייער עקלהאַפטן אויסדרוק.

די מייסטערס פלעגן זיך ניִשט באַליידיקן, ווען פּאַוול פלעגט ווייזן די קאַריקאַטורעס, אָבער גאָגאָלעווס קאַריקאַטור האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן אַן אומאָנגענעמען איינדרוק, און מ׳האָט שטרענג געעצהט דעם קינסטלער:

— בעסער צערייס עס, אַניִשט וועט דער אַלטער דערזען, וועט ער דיך ממיתן!

אַ שמוציקער און פאַרפוילטער, תּמיד אַ שכורער, איז דער אַלטער געווען זלידנע גאָטספאָרכטיק, אומדערמידלעך בייז און געמסרט אויף דעם גאַנצן וואַרשטאַט פאַרן פאַרקויפער, וועלכן די באַלעבאָסטע האָט זיך געקליבן חתונה מאַכן מיט איר פלימעניצע, און וועלכער האָט זיך שוין דעריבער געפילט פאַר אַ באַלעבאָס איבערן גאַנצן הויז און די מענטשן. דער גאַנצער וואַרשטאַט האָט אים פיינט געהאַט, אָבער זיך גע־

שראָקן פאַר אים, און דעריבער אויך מורא געהאַט פ ר גאַנגאָלעוון.

פאַוול איז אויף אַלערליי ווילדע אופנים דערגאַנגען די יאָרן דעם סיזעלירער, ריכטיק ווי ער וואָלט זיך געשטעלט אַלס ציל נישט לאָזן גאַנגאָלעוון קיין פרייע מינוט. אויך איך האָב אים לויט די כוחות בייגעהאָלפן אין דעם, דער וואַר-שטאַט האָט הנאה געהאַט פון אונזערע שפיצלעך, וואָס זענען תמיד געווען אכזריותדיק גראָב, אָבער אונז געוואָרנט:

— איר וועט זיך אָנרייסן, חברה! קוזקאַ-זשוקל וועט אייך ממיתן!

קוזקאַ-זשוקל איז דעם פאַרקויפערס צונאָמען, וועלכן דער וואַרשטאַט האָט אים טרעפלעך געגעבן.

די וואָרנונגען האָבן אונז נישט געשראָקן, מיר פלעגן אָפּפאַרבן דעם שלאָפנדיקן סיזעלירער דאָס פנים; איינמאָל, ווען ער איז געשלאָפן אַ שכורערן האָבן מיר אים באַגילדט די נאָז, אַ דריי מעת-לעת האָט ער נישט געקענט אַרויסקריגן דאָס גאָלד פון די גריבעלעך פון דער שוואַמיקער נאָז. אָבער יעדעסמאָל, ווען אונז פלעגט געלונגען צו דערצאָרענען דעם אַלטן, פלעג איך זיך דערמאָנען דעם דאַמפּער, דעם קלייניקן וויאטקער זעלנער, און מיר פלעגט קאָלעמוטנע ווערן אויף דער נשמה. נישט געקוקט אויף זיין עלטער, איז גאַנגאָלעוו פונדעסטוועגן געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער פלעגט אונז אָפט צעשלאָגן, אָנפאַלנדיק אומגעריכט; פלעגט צעשלאָגן, און דער-נאָך זיך באַקלאָגן פאַר דער באַלעבאָסטע.

זי, — אויך אַ שכורע יעדן טאָג און דעריבער תמיד אַ גוטע, אַ פריילעכע — האָט זיך באַמיט אונז אָנשרעקן, פלעגט קלאַפּן מיט די אָנגעשוואָלענע הענט איבערן טיש און שרייען:

— שדים, שוין ווידער מאַכט איר אייערע שטיק? ער איז אַן אַלטיטשקער, מ׳דאַרף דרך-ארץ האָבן פאַר אים! ווער

האָט עס אים אין קעלישעק אָנשטאָט ווייַן — פּאָטאָגען*) אָנגעגאָסן ?

— דאָס האָבן מיר...

די באָלעבאָסטע פּלעגט שטויבען :

— אַך, מאַמעלעך, און זיי זעגען זיך נאָך מודה ! אַך, פאַרשאָלטענע... פאַר אַלטע דאַרף מען דרך־ארץ האָבן !

זי פּלעגט אונז אַרויסטרייבן, און אינאָוונט פּלעגט זי זיך באַקלאָגן פאַרן פאַרקויפער, און ער פּלעגט מיר זאָגן מיט כעס :

— וואָס טוט זיך מיט דיר : ביכלעך לייענסטו, אפילו די הייליקע שריפט, און אַזאַ צעלאָזנקייט, אַ ? היט זיך ברודערל !

די באַלעבאָסטע איז געווען איינזאַם און רירנד גענעבדיק; ס'פלעגט טרעפן, זי טרינקט זיך אָן מיט זיסע פרוכט־ליקערן, זעצט זיך ביים פענסטער און זינגט :

קיינער טוט מיך נישט באַדויערן,
און קיין רחמנות האָט קיינער נישט,
קיינער ווייס ווי איך טו טרויערן,
פאַר ווע‏מען אויסגיסן מיין שווער געמיט ?
און כליפּענדיק, ציט זי מיטן זקנישן ציטערדיקן קול :
—יו—יו—יו...

איינמאָל האָב איך געזען ווי זי האָט גענומען אין די הענט אַ טעפּל געבריטע מילך און צוגעגאַנגען צו די שטיגן, אָבער פלוצלונג האָבן זיך אירע פיס אונטערגעבויגן, זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און גענומען אַראָפּפאָרן פון די שטיגן, שווער, מיט אַ הילך פאַלנדיק פון טרעפּל צו טרעפּל און נישט אַרויסלאָזנדיק דעם טעפּל פון די הענט. די מילך האָט זיך איר געכלאַפּעט אויפן קלייד, און זי, אויסציענדיק די הענט האָט מיט כעס געשריגן צום טעפּל :

— וואָס טוסטו, שד איינער ? וואוהין לויפסטו ?

נישט קיין דיקע, אָבער אַ ווייכע ביז צעקראָכנקייט, איז

*) אַ פליסיקייט, וועלכע באַקומט זיך פון טאָרף און שטיינקוילן און חצרט באַנוצט אַלס נאַפט. (איב.)

זי ענלעך געווען אויף אַן אַלטער קאַץ, וועלכע קען שוין נישט כאַפּן קיין מייז און שווער פון זאַטקייט, מורטשעט זי בלויז, מיט הנאה זיך דערמאָנענדיק וועגן אירע נצחונות און פאַרגעניגנס.

— אַט, — פלעגט זאָגן סיטאַנאָוו, פּאַרטראַכט־אַנגעכמורעט,— ס'איז געווען אַ גרויס געשעפט, אַ גוטער וואַרשטאַט, אַ קלוגער מענטש האָט געהאָרעוועט איבערן דאָזיקן געשעפט, און איצט גייט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ, אַלץ פאַלט אַריין אין קוזקעס לאַפּעס! געאַרבעט־געאַרבעט, און אַלץ אויף א פרעמדן פעטער! גיסטו אַ טראַכט וועגן דעם, פּלאַצט פּלוצלינג אין קאָפּ עפּעס אַ פּרוזשינקע — ס'ווילט זיך נישט קיין שום זאַך, ס'ווילט זיך אַ שפּיי טאָן אויף דער גאַנצער אַרבעט, זיך אויסציען אויפן דאַך און ליגן אַ גאַנצן זומער, קוקנדיק אין הימל...

אויך פּאַוול אָדינצאָוו האָט איבערגענומען סיטאַנאָווס דאָזיקע געדאַנקען און, רויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס אויפן מאַניער פון אַ דערוואַקסענעם, פילאָזאָפירט וועגן גאָט, שכרות, פרויען און וועגן דעם, אַז יעדע אַרבעט פאַרשווינדט, איינע טוען עפּעס, און די אַנדערע צעשטערן דאָס געשאַפענע, נישט שעצנדיק און נישט באַגרייפנדיק עס.

אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט זיך זיין שאַרף, ליבלעך פּנים צעקנייטשן, אַלט ווערן, ער פלעגט זיך צוזעצן אויפן בעט אויפן דיל, אַרומכאַפּנדיק די קני, און פלעגט לאַנג קוקן אין די בלאָע קוואַדראַטן פון די פענסטער, אויפן דאַך פון שטאַל, וואָס ווערט דערדריקט אונטער די בערג שניי, אויף די שטערנס פון ווינטער־הימל.

די מייסטערס כראָפּען, מרוקען פון שלאָף, עמעץ רעדט פון שלאָף, זיך פאַרכליניענדיק מיט ווערטער, אויף די פּאָ־לאַטען הוסט דאַווידאָוו אויס די רעשטלעך פון זיין לעבן. אין ווינקל, אַ גוף צו אַ גוף וואַלגערן זיך געשמידטע פון שלאָף און שכרות „גאָטס קנעכט“ קאַפּענדיוכין, סאָראָקין, פערשין; פון די ווענט קוקן אַראָפּ איקאָנעס אָן פּנימער,

אָן הענט און פּיס, עס שטיקט דער געדיכטער ריח פון לאַק־
אייל, פאַרשטונקענע אייער, שמוץ, וואָס איז דורכגעזייערט
געוואָרן אין די שפּאַרעס פון דיל.

— ווי שטאַרק מיר איז אַ רחמנות אויף אַלע! — מורמלט
פּאַוול. — גאָטעניו!

דערדאָזיקער רחמנות צו מענטשן באַאומרואיקט אויך מיר
אַלץ מער. אונז ביידן, ווי כ׳האָב שוין געזאָגט, האָבן זיך אַלע־
מייסטערס אויסגעוויזן ווי גוטע מענטשן, און דאָס לעבן איז גע־
ווען שלעכט, איז זיי נישט ווערט געווען, אומדערטרעגלעך לאַנג־
ווייליק. אין טעג פון ווינטערדיקע זאַווערוכעס, ווען אַלץ אויף דער
ערד — די הייזער, בוימער — האָט זיך געטרייסלט, געוואָיעט, גע־
וויינט, און ס׳האָבן גרויס־תענותדיק געקלונגען די טרויעריקע
גלאָקן, — אין אַזעלכע טעג פלעגט זיך דער לאַנגווייל אַריינגיסן אין
וואַרשטאַט מיט אַ כוואַליע, וואָס איז שווער געווען ווי בליי,
האָט געשטיקט די מענטשן, אַפּטויטנדיק אין זיי אַלדאָס לע־
בעדיקע, אַרויסשלעפּנדיק אין שענק אַריין, צו פרויען, וועלכע
האָבן געדינט אַלס דערזעלבער באַטויבונגס־מיטל, ווי בראָנפן.

אין אַזעלכע אָוונטן פלעגן די ביכער נישט העלפן, און
דאַן פלעגן מיר, איך מיט פּאַוולען, זיך באַמיען צו צושטרייען
די מענטשן מיט אייגענע מיטלען: מיר פלעגן זיך אויסשמירן
די צורות מיט סאַזשע, פאַרבן, זיך באַצירן מיט פּאַקלעס און,
שפּילענדיק פאַרשידענע קאָמעדיעס, פון אייגענער פאַרפאַסונג,
האָבן מיר העלדיש געקעמפט מיטן לאַנגווייל, צווינגענדיק די
מענטשן צו לאַכן. דערמאָנענדיק זיך די „לעגענדע וועגן דעם,
ווי אַזוי דער זעלנער האָט געראַטעוועט פעטר דעם גרויסן”,
האָב איך איבערגעגעבן דאָסדאָזיקע ביכל אין אַ געשפּרעך־פאָרם,
מיר פלעגן אַרויפקריכן אויף די פּאַלאַטען צו דאַווידאָוון און
דאָרט פאָרשטעלן, פריילעך אָראָפּהאַקנדיק די קעפּ די אויסגע־
טראַכטע שוועדן; דער עולם האָט געלאַכט.

באַזונדערס האָט אויסגענומען די לעגענדע וועגן כינע־
זישן טייוול ציִנג־יו־טאָנג. פּאַשקאַ האָט פאָרגעשטעלט דעם
אומגליקלעכן טייוול, וועלכן ס׳איז איינגעפאַלן צו טאָן אַ

גוטע זאַך, און איך — אַלדאָס איבעריקע: מענטשן פון ביידע געשלעכטן, געגנשטאַנדן, דעם גוטן גייסט און אפילו דעם שטיין, אויף וועלכן עס האָט זיך אָפּגערוט דער כינעזישער טייוול אין גרויס טרויער, נאָך יעדער איינער פון זיינע אומגעלונגענע פּרוּוון צו שאַפן גוטס.

דער עולם האָט געלאַכט. און איך האָב געשטוינט, ווי לייכט מ'האָט אים געקענט ברענגען צו געלעכטער, — דידאָזיקע לייכטקייט האָט מיך אומאָנגענעם באַליידיקט.

— אַך, לצים! — האָט מען צו אונז געשריגן. — אַך, שדים!

אָבער וואָס ווייטער, אַלץ צודרינגלעכער איז געוואָרן דער געדאַנק, אַז טרויער איז נענטער דער נשמה פון דידאָזיקע מענטשן, ווי פרייד.

פריילעכקייט לעבט קיינמאָל נישט ביי אונז און ווערט נישט געשעצט פאַר זיך אַליין, נאָר מ'הויבט איר מיט אַ כיוון אויף פון אירע טיפענישן, ווי אַ מיטל צו מעסיקן די רוסישע פאַרשלעפערנדיקע לאַנגווייליקייט. ס'איז פאַרדעכטיק די אינערלעכע קראַפט פון פרייד, וועלכע לעבט נישט פאַר זיך אַליין, נישט דערפאַר, ווייל זי וויל לעבן, נאָר דערשיינט בלויז לויט דער אַרויספאָדערונג פון די טרויעריקע טעג.

און זייער אָפט גייט די רוסישע פריילעכקייט אומגעריכט און אומבאַמערקט אַריבער אין אַ שווערע דראַמע. אַ מענטש טאַנצט, ריכטיק ווי ער זאָל קייטן צעררייסן, וועלכע האָבן אים געבונדן, און פלוצלינג, באַפרייענדיק אין זיך די אכזריות-דיקסטע חיה, וואַרפט ער זיך אויף אַלעמען און אויף אַלץ אין אַ חיהשן אומעט, רייסט, בייסט, צעשטערט...

דידאָזיקע אָנגעשטרענגטע פריילעכקייט, וואָס ווערט אויפגעוועקט דורך שטויסן פון דרויסן, פלעגט מיך אויפרעגן און גערייצט ביז זעלבסטפאַרגעסנקייט, פלעג איך נעמען דער-ציילן און שפּילן מיטאַמאָל געשאַפענע פאַנטאַזיעס. — שוין צו שטאַרק האָט זיך מיר געוואָלט אַרויסרופן אַן אמתע, פרייע און לייכטע פרייד ביי מענטשן! עפּעס פלעגט מיר געלונגען,

מ׳האָט מיך געליבט, מ׳האָט זיך געחידושט אויף מיר, אָבער די לאַנגווײַליקייט, וועלכע מיר פלעגט כלומרשט געלונגען צו צעטרייסלען, פלעגט לאַנגזאַם ווידער געדיכט און שטאַרק ווערן, דערדריקנדיק די מענטשן.

דער גראָער לאַריאַניטש פלעגט פרײַנטלעך זאָגן:

— נו, ביסטו דאָס אַ לץ אַ ביסל, ווייס דיר דער גוט יאָר!

— אַ טרייסטער, — פלעגט אים אונטערהאַלטן זשיכאַרעוו, — דו, מאַקסימיטש, פאַרקירעווע אין צירק, אָדער אין טעאַטער פון דיר דאַרף אַרויסקומען אַ גוטער קלאָון!

פון גאַנצן וואַרשטאַט פלעגן בלויז צוויי — קאַפּענדיוכין און סיטאַנאָוו — גיין אין טעאַטער, אין דער קריסט-וואָך און אין דער וואָך פאַרן גרויסן תענית; די עלטערע מײַסטערס פלעגן זיי ערנסט עצהן אַראָפּוואַשן דידאָזיקע זינד דורך אויסבאָדן זיך אין דער טבילה-איַיז-לאָך אויפן ירדן*). סיטאַנאָוו פלעגט מיר באַזונדערס אָפּט אײַנרעדן:

— וואַרף אַלץ, לערן זיך פאַר אַן אַקטיאָר!

און פלעגט אַן אויפגערעגטער דערציילן דאָס טרויעריקע „לעבן פון אַקטיאָר יאַקאָוולעוו".

— אָט וואָס עס קען געשען!

ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן וועגן דער מלכּה מאַריאַ סטיואַרט, אָנרופנדיק זי „שעלמע", און באַזונדערס פלעגט ער אַנטציקט ווערן פון „שפּאַנישן אַדלמאַן".

דאָן סעזאַר דע באַזאַן, דאָס איז, מאַקסימיטש, דער נאָבלסטער מענטש! אַ וואונדערלעכער!

אין אים אַליין איז געווען עפּעס פון „שפּאַנישן אדלמאַן": אויפן פּלאַץ פאַרן שטאָט-זייגער, האָבן איינמאָל דריי פייער-לעשער פון הנאה וועגן געשלאָגן אַ פּויער; אַן עולם פון אַ מאַן פערציק האָט געקוקט אויף דער הריגה און גע-לויבט די זעלנער. סיטאַנאָוו האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין גע-

*) דער אָרט בײַ אַ טײַך וואו מ׳ריכט אָפּ דעם ירדן: יום-טוב פון 6 יאַנואַר. (איב.)

שלעג, מיט שטאַרקע קלעפּ פון די לאַנגע הענט אַוועקגעלייגט די פייערלעשער, אויפגעהויבן דעם פויער און אים אַ שטופּ געטאָן צו די מענטשן, אַ געשריי טוענדיק:

— פירט אַוועק!

און אַליין געבליבן איינער קעגן דריי; דער פייערלעשער־הויף איז געווען אין אַ צען טריט, די זעלנער האָבן געקענט רופן הילף און מ׳וואָלט סיטואַציאָון צעממיתט, אָבער אויף זיין גליק האָבן זיך די פייערלעשער דערשראָקן און אַנטלאָפן אין הויף אַריין.

— הינט! — האָט ער זיי נאָכגעשריגן.

אין די זונטאָגן פלעגט דאָס יונגוואַרג גיין אויף די פויסט־געשלעגן צו די געהילף־פלעצער הינטער דעם פּעטראָ־פּאַוולאָווסקן בית־עולם, וואו זיי פלעגן זיך צענויפקומען שלאָגן זיך קעגן די אַרבעטער פון די אָרגאַניזאַציע־פורן און די פויערים פון די אַרומיקע דערפער. די אָרגאַניזאַציע־אַרבעטער פלעגן אַרויסשטעלן קעגן דער שטאָט אַ באַרימטן שלעגער—אַ מאָרד־ווינער ריז מיט אַ קליינינקן קאָפּ און קראַנקע אויגן, תמיד פאַרטרערטע. אָפּווישנדיק די טרערן מיטן שמוציקן אַרבל פון קורצן קאַפטן, פלעגט ער שטיין אין פראָנט פון זיין צד, ברייט צעשטעלנדיק די פיס, און פלעגט גוטמוטיק אַרויסרופן:

— גייט שוין אַרויס, וואָס, אַנישט איז קאַלטלעך:

פון אונזער זייט פלעגט קעגן אים אַרויסטרעטן קאַפּעני־דיוכין, און תמיד פלעגט אים דער מאַרדווין שלאָגן. אָבער אַ צעבלוטיקטער, אָן אָטעם פלעגט דער קאָזאַק רעדן:

— לעבן וויל איך נישט, אָבער כ׳וועל בייקומען די מאַרדווא!

דאָס איז ענדלעך געוואָרן דער ציל פון זיין לעבן, ער האָט זיך אַפילו אָפּגעזאָגט פון טרינקען בראָנפן, פאַרן שלאָף פלעגט ער איינרייבן דעם קערפּער מיט שניי, האָט געגעסן אַ סך פלייש און, אַנטוויקלענדיק די מוסקולן, יעדן אָוונט אַ סך מאָל זיך געצלמט מיט אַ צוויי־פּודיק געוויכט. אָבער אויך דאָס

האָט אים נישט געהאָלפן. דאַן האָט ער פאַרנייט אין די הענטשקעס שטיקלעך בליי און זיך באַרימט פאַר סיטאַנאָוון:

— איצט א סוף דער מארדווא!

סיטאַנאָוו האָט אים שטרענג געוואָרנט:

— לאָז צורו, אַנישט וועל איך דיך אַרויסגעבן פאַרן קאַמף!

קאַפּענדיוכין האָט אים נישט געגלויבט, ווען מ׳איז אָבער געקומען צום קאַמף, האָט סיטאַנאָוו פּלוצלינג געזאָגט דעם מארדווין:

— רוק זיך אָפּ, וואסילו איוואַניטש, צוערשט וועל איך זיך פאַרמעסטן מיט קאַפּענדיוכינען!

דער קאָזאַק איז רויט געוואָרן ווי בלוט און זיך צע־קוויטשעט:

— מיט דיר וועל איך נישט, אַוועק!

— וועסט יאָ,—האָט סיטאַנאָוו געזאָגט און גענומען גיין אויף אים, קוקנדיק דער קאָזאַק אין פּנים אַריין מיט אַ דער־דריקנדיקן בליק. קאַפּענדיוכין האָט זיך גענומען טאַפּטשען אויפן אָרט, אַראָפּגעריסן די הענטשקעס פון די הענט, זיי אַריינגערוקט אין בוזעם און שנעל אַוועק פון קאַמף־פּלאַץ.

סיי אונזער סיי דער שונאס צד זענען אומאָנגענעם פאַרוואונדערט געווען, עפּעס אַ בכבודיקער מענטש האָט גע־זאָגט מיט כּעס צו סיטאַנאָוון:

— דאָס, מיין ליבער, איז גאָרנישט רעכט, מ׳זאָל היימישע זאַכן דערליידיקן אויף אַ קהלשן קאַמף!

אויף סיטאַנאָוון איז מען געקראָכן פון אַלע זייטן, זידי־לענדיק אים, ער האָט לאַנג געשוויגן, אָבער, ענדלעך, האָט ער געזאָגט צום בכבודיקן מענטשן:

— און וואָס, אויב איך האָב פון אַ מאָרד פּאַרהיט?

דער בכבודיקער מענטש האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן און אפילו דאָס היטל אַראָפּגענומען, זאָגנדיק:

— דאַן איז אַ דאַנק דיר פון אונזער זייט!

— אָבער דו, פעטער, טרומייטער נישט!

— צו וואָס? קאַפּענדיוכין איז אַ זעלטענער קעמפער,

און מפּלות ערגערן אַ מענטשן, מיר פאַרשטייען! אָבער די הענטשקעלעך זיינע וועלן מיר שוין פון איצט אָן באַטראַכטן פאַרן קאַמף!

— אייער זאַך!

ווען דער בכּבודיקער מענטש איז אָפּגעגאַנגען, האָט אונזער צד געגומען זידלען סיטאַנאָוון:

— ס'האָט דיר אָנגעשפּאַרט, אגלאַבלע איינע! דער קאָזאַק וואָלט צעשלאָגן, און איצט אָ וועלן מיר אַרומגיין געשלאָגענע...

מ'האָט געזידלט לאַנג, זלידנע מיט פאַרגעניגן. סיטאַנאָוו האָט אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— אַך, איר, קאָרטאָרזשאַנעס...

און אומגעריכט פאַר אַלעמען האָט ער אַרויסגערופן דעם מאָרדווין אויף אַ צוויי-קאַמף, יענער האָט זיך געשטעלט אין אַ פּאָזיציע, פריילעך פאָכנדיק מיט די פויסטן און טרייבנדיק לצנות:

מיר וועלן זען אַ שלאָג טאָן, אַ וואַרעם טאָן...

עטלעכע מענטשן האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר די הענט, אַ פּאַל געטאָן מיט די פּלייצעס אויף די, וואָס הינטן, — איז געוואָרן אַ ברייטער, רחבותדיקער קרייז.

די קעמפער האָבן זיך שאַרף צוגעקוקט איינער צום צווייטן, בייטנדיק די פיס, מיט די רעכטע הענט פאָרויס, די לינקע — ביי די ברוסט. דערפאַרענע מענטשן האָבן גלייך באַמערקט, אַז סיטאַנאָווס האַנט איז לענגער, ווי דעם מאָרדווינס. ס'איז שטיל געוואָרן, אונטער די פיס פון די קעמפער האָט לעסקריפּעט דער שניי. עמעץ האָט נישט אויסגעהאַלטן די שפּאַנונג, אַרויסגעשעפּטשעט נעבעכדיק און גיריק:

— וואָלטן זיי שוין אָנגעהויבן...

סיטאַנאָוו האָט זיך פאַרמאַכוועט מיט דער רעכטער האַנט, דער מאָרדווין האָט אויפגעהויבן די לינקע אויף צו שיצן זיך און באַקומען אַ גלייכן קלאַפּ אונטערן לעפעלע פון

סיטאַנאָווס לינקער האַנט, אַ קראַקע געטאָן, אָפּגעטרעטן און מיט הנאה געזאָגט:

— יונג, און נישט קיין נאַר!

זיי האָבן גענומען שפּרינגען איינער אויפן צווייטן, וואַרפנדיק איינער דעם צווייטן אין ברוסט שווערע פויסטן; אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן סיי די אייגענע סיי די פרעמדע אויפגערעגט געשריען:

— פלינקער, גאַטשמירער! מאַלעווע אים אָפּ, שמיר אויס!

דער מאָרדווין איז געווען אַ סך שטאַרקער פאַר סיטאַ-באָוון, אָבער נישט דער ערך שווערער פאַר אים, ער האָט נישט געקענט שלאָגן אַזוי גיך און פלעגט באַקומען צוויי און דריי קלעפּ פאַר איינעם. אָבער דעם מאָרדווינס געשלאָגענער גוף האָט, ווייזט אויס, ווינדיק געליטן. ער האָט נישט אויפ-געהערט צו אוכען, געלאַכט און פלוצלינג, מיט אַ שווערן קלאַפּ אינדערהויך, אונטערן אָרעם, אַרויסגעקלאַפּט סיטאַנאָווס רעכטע האַנט פון פּלייצע.

— צענעם — קיינעמס נישט! — האָבן תיכף אַ געשריי געטאָן עטלעכע קולות און צעבּרעכנדיק דעם קרייז, האָבן די מענטשן צענומען די קעמפער.

דער מאָרדווין האָט גוטמוטיק גערעדט:

— נישט גאָר שטאַרק, אָבער פלינק, דער גאַטשמירער! ר'וועט אַ גוטער קעמפער זיין, דאָס זאָג איך פאַרן גאַנצן עולם.

דאָס יונגוואַרג האָבן אָנגעהויבן אַ‌לגעמיינעם קאַמף, און איך האָב אַוועקגעפירט סיטאַנאָוון צו אַ פעלטשער אַ ביין-איינשטעלע; זיין האַנדלונג האָט אים נאָך מער אויפגעהויבן אין מיינע אויגן, פאַרגרעסערט די סימפּאַטיע און די אַכטונג צו אים.

ער איז בכלל געווען זייער אויפריכטיק, ערלעך און האָט דאָס באַטראַכט ווי זיין פליכט, אָבער דער וואוילייונגערישער קאַפּענדיוכין פלעגט אים געשיקט אויסלאַכן:

— עך, זשעניאַ, פאַרן דרויסן לעבסטו! אויסגעפּוצט די בשמה, ווי אַ סאַמאָוואַר ערב יום-טוב, און באַרימסט זיך — אַט

ווי העל עס גלאַנצט! אָבער די נשמה דיינע איז אַ קופּערנע, און ס'איז זייער לאַנגווייליק מיט דיר...

סיטאַנאָוו האָט רויק געשוויגן, פלייסיק אַרבעטנדיק אָדער איבערשרייבנדיק אין העפט לערמאָנטאָווס לידער; אויפן דאָזיקן איבערשרייבן פלעגט ער פטרן זיין גאַנצע פרייע צייט, און ווען כ'האָב אים פאָרגעלייגט:

— איר האָט דאָך געלט, טאָ קויפט דאָס בוך!

האָט ער געענטפערט:

— ניין, בעסער איבערשרייבן מיט דער אייגענער האַנט!

אָנשרייבנדיק אַ זייטל מיט אַ שיינעם דראָבנעם כתב, מיט געקינצלטע דריידעלעך, וואַרטנדיק ביז די טינט וועט אויסטרוקענען, פלעגט ער שטיל לייענען:

און אָן חרטה ועסטו וואַרפן
צו דר'ערד דיין גלייכגילטיקן בליק,
וואו ס'איז נישטאָ קיין אייביק שיינקייט,
וואו ס'איז נישטאָ קיין ריכטיק גליק...

און פלעגט זאָגן, פאַרזשמורנדיק די אויגן:

— דאָס איז — אמת! עך, ווייס ער דאָס אַ ביסל דעם אמת!

מיך האָבן שטאַרק געחידושט די באַציאונגען צווישן סיטאַנאָוון און קאָפּענדיוכינען—נאָך אַ כוסה פלעגט דער קאָזאַק תמיד קריכן זיך שלאָגן צום חבר, סיטאַנאָוו פלעגט אים לאַנג איינגעמען:

— טשעפּע זיך אָפּ! קריך נישט...

און דערנאָך פלעגט ער נעמען אכזריותדיק שלאָגן דעם שכורן, אַזוי אכזריותדיק, אַז די מייסטערס, וועלכע פלעגן זיך באַציען צו חברישע געשלעגן ווי צו אַ פאָרשטעלונג, פלעגן זיך אַריינמישן אין דאָזיקן געשלעג און צענעמען די פריינט.

— וועסט יעוגעניון נישט אָפּשטעלן אין דער צייט, וועט ער אויף טויט דערהרגענען און אויף זיך אַליין קיין רחמנות נישט האָבן,—פלעגן זיי זאָגן.

ניכטערהייט פלעגט קאָפּענדיוכין אויך אומדערמידלעך

אָפּחוזקן פון סיטאַנאָוון, אויסלאַכנדיק זיין ליידנשאַפט צו לידער און זיין אומגליקלעכן ראָמאַן, שמוציק אָבער אָן דערפאָלג וועקנדיק אייפערזוכט. סיטאַנאָוו פלעגט דעם קאָזאַקס שפּאַט אויסהערן שווייגנדיק, גוטמוטיק, און אַמאָל פלעגט ער אַפילו אַליין אויך לאַכן צוזאַמען מיט קאַפּענדיוכינען.

געשלאָפן זענען זיי זייט ביי זייט און דורך די נעכט לאַנג געשמועסט וועגן עפּעס שטילערהייט.

די דאָזיקע שמועסן האָבן מיך נישט געלאָזט צורו—ס'האָט זיך געוואָלט וויסן, וועגן וואָס קענען פריינטלעך רעדן מענטשן, וואָס זענען אַזוי פאַרשידן איינער פון צווייטן? ווען כ'פלעג אָבער צוגיין צו זיי, פלעגט דער קאָזאַק בורטשען:

— וואָס דאַרפסטו דאָ האָבן?

און סיטאַנאָוו האָט מיך ווי גאָרנישט באַמערקט.

אָבער איינמאָל האָבן זיי מיך צוגערופן און דער קאָזאַק האָט געפרעגט:

— מאַקסימיטש, ווען דו זאָלסט זיין רייך, וואָס וואָלסטו געטאָן?

— ביכער וואָלט איך געקויפט.

— און נאָך וואָס?

— כ'ווייס נישט.

— עך,—האָט האָט קאַפּענדיוכין זיך אָפּגעקערט פון מיר מיט פאַרדראָס, און סיטאַנאָוו האָט רויק געזאָגט:

— זעסט — קיינער ווייס נישט, נישט אַלט, נישט יונג! כ'זאָג דיר: אויך רייכטום פאַר זיך אַליין — טויג נישט אויף גאָרנישט! אַלץ פאָדערט עפּעס אַן אָנווענדונג...

איך האָב געפרעגט:

— וועגן וואָס רעדט איר?

— שלאָפן גלוסט זיך נישט, אָט רעדן מיר, — האָט דער קאָזאַק געענטפערט.

אין אַ צייט אַרום, זיך צוהערנדיק צו זייערע שמועסן, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז זיי רעדן דורך די נעכט וועגן זעלבן, וועגן וואָס מענטשן האָבן ליב צו רעדן אויך בייטאָג:

וועגן גאָט, אמת, גליק, וועגן דער נאַרישקייט און כיטרעקייט פון פרויען, וועגן דער גיריקייט פון די רייכע און וועגן דעם, אַז דאס גאַנצע לעבן איז פאַרפלאָנטערט, אומפאַרשטענדלעך.

ר׳פלעגט דידאָזיקע שמועסן שטענדיק הערן מיט גיריקייט, זיי האָבן מיך אויפגערעגט, מיר איז געפעלן געוואָרן, וואָס כמעט אַלע מענטשן רעדן דאָסזעלבע: דאָס לעבן איז—שלעכט, מ׳דאַרף לעבן בעסער! אָבער גלייכצייטיק האָב איך געזען, אַז דער פאַרלאַנג צו לעבן בעסער איז צו גאָרנישט מחייב, ער ענדערט גאָרנישט אין לעבן פון וואַרשטאַט, אין די באַציאונגען פון די מייסטערס איינער צום צווייטן. באַלויכטנדיק פאַר מיר דאָס לעבן, פלעגן דידאָזיקע אַלע רייד עפענען הינטער אים עפּעס אַ מין טרויעריקע פוסטקייט, און אין דערדאָזיקער פוסטקייט, ווי שטויבעלעך אין וואַסער פון אַ סאַזשעלקע ביי אַ ווינט, שווימען אַרום צערייצט און זינלאָז מענטשן, דיזעלבע, וועלכע זאָגן, אַז אַזאַ געדראַנג איז זינלאָז און ס׳באַליידיקט זיי.

פילאָזאָפירנדיק אַ סך און אָפט, האָבן זיי תמיד עמעצן פאַראורטיילט, זיך מתודה געווען אויף די זינד, זיך געריימט, און, אַרויסרופנדיק בייזע קריגערייען צוליב קלייניקייטן, שטאַרק באַליידיקט איינער דעם צווייטן. זיי האָבן פרובירט טרעפן, וואָס עס וועט זיין מיט זיי נאָכן טויט, און ביים שוועל פון וואַרשטאַט, וואו ס׳איז געשטאַנען די פּאָמוניצע, האָט דורכגעפוילט אַ דיל־ברעט, פון אונטערן דיל האָט אין דערדאָזיקער פייכטער, פאַרפוילטער, נאַסער לאָך געטראָגן מיט קעלט, מיט אַ ריח פון דורכגעזייערטער ערד, דערפון פלעגן פרירן די פיס; איך מיט פּאַוולען פלעגן מיר פאַרשטאָפּן דידאָזיקע לאָך מיט היי און שמאַטעס. מ׳פלעגט אָפט רעדן וועגן דעם, אַז מ׳דאַרף לייגן אַ נײַ ברעט און די לאָך פלעגט ווערן אַלץ ברייטער, אין זאַוויערוכע־טעג פלעגט פון איר אַרויסזעצן ווי פון אַ קוימען, מענטשן פלעגן זיך צוקילן, הוסטן. דער בלעכענער ווענטילאַטאָר פון לופטשיק האָט העסלעך געקוויטשעט,

מ׳פלעגט אים שענדלעך זידלען, און ווען כ׳האָב אים אָנגע־שמירט מיט אייל, האָט זשיכאַרעוו אײַנהערנדיק זיך געזאָגט:

— עס קוויטשעט נישט דער לופּטשיק, איז לאַנגווייליקער געוואָרן!

קומענדיק פון באָד פלעגט מען זיך לייגן אין שטויביקע און שמוציקע בעטן—שמוץ און שלעכטע ריחות פלעגט בכלל קיינעם נישט אויפרעגן. עס זענען געווען אַ סך נאַרישע קליי־ניקייטן, וועלכע האָבן געשטערט צו לעבן, מ׳האָט זיי לייכט געקענט באַזייטיקן, אָבער קיינער האָט דאָס נישט געטאָן.

אָפט פלעגט מען זאָגן:

— קיינער האָט נישט רחמנות אויף די מענטשן, נישט גאָט, נישט זיי אַליין...

אָבער ווען מיר, איך מיט פּאַוולען, האָבן אַרומגעוואַשן דעם אָפּשטאַרבנדיקן דאַווידאָוו, וועלכער איז צעפרעסן געווען פון שמוץ און אינזעקטן, האָט מען אונדז אויסגעלאַכט, מ׳האָט אַראָפּגענומען פון זיך די העמדער, פאָרלייגנדיק אונדז זיי צו רעווידירן, אָבער גערופן „בעדערס״ און בכלל אַזוי אָפּגעחוזקט, ריכטיק ווי מיר וואָלטן אָפּגעטאָן עפּעס שענדלעכס און זייער קאָמישס.

פון ווייַנאַכטן ביזן סאַמע גרויסן תענית איז דאַווידאָוו גע־לעגן אויף די פּאָלאַטען, זיך שטיקנדיק פון הוסט, אַראָפּשפּייענדיק שטיקלעך ריחותדיקן בלוט, נישט אַריינטרעפנדיק אין פּאָמע־ניצע, פלעגט דאָס בלוט זיך אָנקאַפּן אין דיל; אין די נעכט פלעגט ער אויפוועקן די מענטשן מיט היץ-געשרייען.

כמעט יעדן טאָג פלעגט מען זאָגן:

מ׳וואָלט אים באַדאַרפט אָפּפירן אין שפּיטאָל אַריין!

אָבער צוערשט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאַווידאָווס פּאַספּאָרט איז אָן אויסגעגאַנגענער, דערנאָך איז אים געוואָרן בעסער, און צולעצט האָט מען באַשלאָסן:

— אַלצאיינס, ר׳וועט אינגיכן שטאַרבן!

ער אַליין האָט אויך צוגעזאָגט:

— כ׳וועל שוין—אינגיכן!

ער איז געווען אַ שטילער הומאָריסט און פלעגט זיך תמיד באַמיען צו פאַרטרייבן די בייזע לאַנגווייליקייט פון ווארשטאַט מיט שפּאַסגרייצן, — ער לאָזט אַראָפּהענגען זיין טונקל, ביינערדיק פּנים און פראָקלאַמירט מיט אַ פייפנ־דיקן קול:

— עולם, הער דעם קול פון דערהויבענעם אויף די פּאַלאַטן...

און שיין גערעדט אַ טרויעריקן מיש־מאַש:
אויף פּאַלאַטן לעב איך גאָר,
כ'שטיי מיר אויף באַגינען,
סיי אין שלאָף, סיי אויפן וואָר
פרעסן מיך די שפּינען...

— ער פּאַסט נישט אַראָפּ ביי זיך! — פלעגט דער עולם אַנטציקט ווערן.

אַמאָל פלעג איך מיט פאַוולען זיך פאַרקלייבן צו אים,— פלעגט ער שפּאַסן מיט אָנשטרענגונג:

— מיט וואָס מכבד זיין, געסט טייערע? אַ שפּין אַ פרישינקן האָט איר אפשר חשק?

ער איז פאַמעלעך אָפּגעשטאָרבן. און דאָס האָט אים שטאַרק דערעסן; ער פלעגט זאָגן מיט אַן אויפריכטיקן פאַרדרוס:

— כ'קען בשום אופן נישט שטאַרבן, אַן אומגליק אַן אמתער!

זיין אומדערשראָקנהייט פאַרן טויט האָט שטאַרק גע־שראָקן פאַוולען, ער פלעגט מיך אויפוועקן דורך די נעכט און שעפּטשען:

— מאַקסימיטש, זעט אויס, ער איז געשטאָרבן... ס'ט'זען, ער וועט שטאַרבן ביינאַכט, און מיר וועלן ליגן אונטער אים, אַך, גאָטעניו! כ'האָב מורא פאַר בר־מינגנס!..

אָדער ער פלעגט זאָגן:

— נו, וואָס האָט ער געלעבט, צו וואָס? קיין צוואַנציק יאָר איז ער נאָך נישט אַלט, און שטאַרבט שוין...

איינמאָל, אין אַ לבנה־נאַכט, האָט ער מיך אויפגעוועקט און, קוקנדיק דערשראָקן מיט אַרויסגעשפּאַרטע אויגן, געזאָגט:

— הער!

זויף די פּאָלאַטען האָט געכריפּעט דאַווידאָוו, שנעל און בולט ריידנדיק:

— גיב נאָר אַהער, גי־יב...

דערנאָך האָט ער גענומען שלוקעכצן.

— ער שטאַרבט, ביי גאָט, וועסט זען! — האָט זיך פּאַוועל אויפגערעגט.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך אויף זיך געפירט שניי פון הויף אין פעלד אריין, כ'בין זייער מיד געווען, כ'האָב גע־וואָלט שלאָפן, אָבער פּאַוועל האָט מיך געבעטן:

— שלאָף נישט, כ'בעט דיך, שלאָף נישט, כריסטוסן צוליב!

און פּלוצלינג אויפשפּרינגנדיק אויף די קני, נישט מיט זיין קול אַ געשריי געטאָן:

שטייט אויף, דאַווידאָוו איז געשטאָרבן!

עמעץ האָט זיך אויפגעכאַפּט, פון די בעטן האָבן זיך אויפגעהויבן עטלעכע געשטאַלטן, ס'האָבן זיך דערהערט בייזע פראַגעס.

קאַפּענדיוכין איז אַרויפגעקראָכן אויף די פּאַלאַטען און פאַרווונדערט געזאָגט:

— באמת, געשטאָרבן זעט אויס... כאָטש—אַ וואַרעמינקער...

ס'איז שטיל געוואָרן. זשיכאַרעוו האָט זיך איבערגעצלמט און, וויקלענדיק זיך אין דער דעקע, געזאָגט:

— נו, מילא, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן!

עמעץ האָט פאָרגעלייגט:

— מ'וואָלט אים אפשר אין פאָרהויז אַרויסגעטראָגן...

קאַפּענדיוכין איז אַראָפּגעקראָכן פון די פּאַלאַטן, אַ קוק געטאָן אין פענסטער.

— זאָל ער זיך ליגן ביז פרי, ביים לעבן האָט ער אויך
קיינעם נישט געשטערט...

פאַרבאַהאַלטנדיק דעם קאָפּ אונטערן קישן האָט פּאַוועל-
-יזיאָמערט.

און סיטאַנאָוו האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט.

XV

אין פעלד זענען צעגאַנגען די שנייען, אין הימל זענען צעגאַנגען די ווינטערדיקע וואָלקנס, פאַלנדיק אויף דער ערד מיט אַ פייכטן שניי און רעגן; אַלץ פאַמעלעכער האָט דורכגעמאַכט די זון איר טאָגיקן וועג, די לופט איז וואַרעמער געוואָרן, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז שוין אָנגעקומען די פרילינגדיקע פרייד, און באַהאַלט זיך שטיפעריש אויס ערגעץ-ווו הינטער דער שטאָט אין די פעלדער און אינגיכן וועט זי אַ שטראָם טאָן אויף דער שטאָט. אויף די גאַסן — אַ געלע בלאָטע, לעבן די טראָטואַרן לויפן טייכלעך, אויף די שטעלן פון אַרעסטאַנטישן פלאַץ, ווו דער שניי איז צעגאַנגען, שפרינגען פריילעך די וואַראַבייטשיקעס, אויך אין די מענטשן לאָזט זיך מערקן אַ וואָראָבייאישע פאַרהאַוועטקייט. איבערן פרילינגדיקן גערויש פליסט כמעט אומאויפהערלעך פון פרי ביז נאַכט, דער גרויסתעניתדיקער גלאָקן-געקלאַנג, וויגנדיק דאָס האַרץ מיט ווייכע שטויסן, — אין דאָזיקן גלאָקן-קלאַנג איז באַהאַלטן עפּעס באַליידיקטס, ווי אין די רייד פון אַ זקן, עס דאַכט זיך, אַז די גלאָקן רעדן וועגן אַלץ מיט אַ קאַלטן טרויער:

— ס'איז געווען, ס'איז שוין געווען, געווען...

אין מיין נאָמענטאָג האָט מיר דער וואַרשטאַט געשענקט אַ קליינינקע שיין-געמאָלטע איקאָנע פון אַלעקסי, גאָטס מענטש, און זשיכאַרעוו האָט איבערציינגנדיק געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע, וועלכע האָט זיך מיר שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון:

— ווער ביסטו? — האָט ער געזוכט שפּילנדיק מיט די פינגער, אויפהויבנדיק די ברעמען. — נישט מער, ווי אַ יינגל אַ יתום, פון דרייצן יאָר, און איך — בין עלטער פאַר דיר כמעט פיר מאָל און כ׳לויב דיך, כ׳גיב דיר אַ יישר־כוח דער־פאַר, וואָס דו שטייסט צו אַלץ נישט מיט דער זייט, נאָר מיטן פּנים! אָט אַזוי שטיי שטענדיק, דאָס איז גוט!

גערעדט האָט ער וועגן גאָטס קנעכט און וועגן זיינע מענטשן, אָבער דער חילוק צווישן די מענטשן און די קנעכט איז געבליבן אומפאַרשטענדלעך פאַר מיר, און ווייזט אויס, אַז אויך פאַר אים איז ער נישט געווען קלאָר, ער האָט גערעדט לאַנגווייליק, דער וואַרשטאַט האָט געלאַכט פון אים, איך בין געשטאַנען מיט דער איקאָנע אין די הענט, שטאַרק גערירט און פאַרשעמט, נישט וויסנדיק וואָס איך זאָל טאָן, ענדלעך האָט קאַפּענדיוכין מיט פאַרדרוס אַ געשריי געטאָן צום רעדנער:

— הער שוין אויף אים מספּיד צו זיין, די אויגן זיינע זענען שוין אַזש בלאָ געוואָרן.

דערנאָך האָט ער מיך אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און אויך געלויבט:

— גוט איז אין דיר דאָס, וואָס דו ביסט מיט אַלע מענטשן אַ קרוב — אָט וואָס ס׳איז גוט! און נישט נאָר שלאָגן זיך נאָר אפילו אויסזידלען איז שווער, ווען ס׳איז אפילו דאָ פאַר וואָס!

אַלע האָבן געקוקט אויף מיר מיט גוטע אויגן, פריינט־לעך אָפּחוזקנדיק פון מיין פאַרשעמטקייט, נאָך אַביסל — און כ׳וואָלט זיך, זיכער פאַנאַנדערגעבעטשעט פון דער אומגע־ריכטער פרייד צו פילן זיך אַלס מענטש, וואָס איז נויטיק דידאָזיקע מענטשן. און גראָד אין דאָזיקן פרימאָרגן האָט דער פאַרקויפער געזאָגט אין קראָם צו פּיאָטר וואַסילעוון, אָנווייזנדיק אויף מיר מיטן קאָפּ:

— אַן אומאָנגענעם יינגל און טויג זיך אויף גאָרנישט! ווי תמיד, בין איך פון פרימאָרגן אַוועק אין קראָם

אריין, אָבער נאָך האַלבן טאָג האָט דער פּאַרקויפער געזאָגט צו מיר:

— גיי אַהיים, וואַרף אַראָפּ דעם שנײ פון שפּייכלער־דאַך און שטאָפּ אָן דעם קעלער...

אַז ס'איז היינט מיין באַמענטאָג האָט ער נישט געוווּסט; כ'בין זיכער געווען, אַז קיינער ווייסט נישט דערפון. ווען ס'האָט זיך געענדיקט די צערמאָניע פון באַגריסונגען אין וואַרשטאַט, האָב איך זיך איבערגעטאָן, אַנטלאָפן אויפן הויף פאַרקראָכן אויפן דאַך פון שטאַל אַראָפּצוּוואַרפן דעם שטייפן, שווערן שנײ, מיט וועלכן יענער יאָר איז רייך געווען. אָבער אַ צערודערטער האָב איך פאַרגעסן אויפצועפענען די טיר פון קעלער און זי פאַרשאָטן מיט שנײ. אַראָפּשפּריגענדיק אויף דער ערד און זעענדיק דעמדאָזיקן פעלער, האָב איך זיך גלייך גענומען אָפּוואַרפן דעם שנײ פון טיר; אַ פייכטער, האָט ער זיך פעסט אייזגעלייגט; די הילצערנע לאָפּאַטע האָט אים מיט מי גענומען, קיין אייזערנע איז נישט געווען, און כ'האָב די לאָפּאַטע צעבראָכן פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען דער פאַרקויפער האָט זיך באַוויזן אין טויער; ס'איז מקוים געוואָרן דער רוסישער שפּריכוואָרט: „נאָך אַ פרייד קומט אַן אומגליק".

— אַז־זוי — האָט דער פאַרקויפער געזאָגט מיט שפּאָט, צוקומענדיק צו מיר. — עך, אַרבעטער מיינער, דער רוח זאָל דיך כאַפּן. אַז כ'וועל דיך דאָס אַ כמאָל טאָן איבער דיין משוגענעם קאָפּ...

ער האָט זיך פאַרמאַכעוועט אויף מיר מיט דעם לאָפּאַטע־הענטל, כ'האָב זיך אָפּגערוקט און בייז געזאָגט:

— כ'האָב זיך דאָך נישט אָנגעדונגען ביי אייך אַלס סטרוזש...

ער האָט מיר אַ שליירער געטאָן דעם פלאָקן אין די פּיס, איך האָב געכאַפּט אַ קויל שנײ און אים געטראָפן אין פּנים; ער איז אַנטלאָפן, ניסנדיק, און איך, וואַרפנדיק די אַר־בעט, בין אַוועק אין וואַרשטאַט. אין עטלעכע מינוט אַרום אין

פון דער הויך אָראָפּגעלאָפן זיין כלה, אַ מיידל אַ דריידעליכע מיט פרישטשעס אויפן פוסטן פנים.

— מאַקסימיטש אינדערהויך!

— כ'וועל נישט גיין, — האָב איך געזאָגט.

לאַריאָניטש האָט געפרעגט שטיל און פאַרוואונדערט:

— וואָס הייסט — וועסט נישט גיין?

כ'האָב אים דערקלערט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך; פאַרזאָרגט אָנגעכמורעט איז ער אַוועק אינדערהויך, זאָגנדיק צו מיר נישט הויך:

— סאַראַ חצוף דו ביזט, ברודערל...

דער וואַרשטאַט האָט זיך צעהודיעט, זידלנדיק דעם פאַרקויפער; קאַפּענדיוכין האָט געזאָגט:

— נו, איצט וועט מען דיך אַרויסשליידערן!

דאָס האָט מיך נישט געשראָקן. מיינע באַציאונגען מיטן פאַרקויפער זענען שוין פון לאַנג געוואָרן אומדערטרעגלעך, — ער האָט מיך עקשנותדיק און אַלץ שאַרפער פיינט געהאַט, אויך איך האָב אים נישט געקענט ליידן, איך האָב אָבער געוואָלט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער באַציט זיך צו מיר אַזוי אומזיניק.

ער פלעגט פאַנאַנדערוואַרפן אויפן דיל פון קראָם מטבעות; אויפקערנדיק, פלעג איך זיי געפינען און אַריינלייגן אין טעפּעלע וואָס אויפן טובאַנק, ווו ס'זענען געלעגן גראָשנס און קאָפּיקעס פאַר אָרימעלייט. ווען כ'האָב זיך אָנגעשטויסן, וואָס עס באַדייטן דידאָזיקע אָפטע שפּיצלעך, האָב איך געזאָגט צום פאַרקויפער:

— אומזיסט וואַרפט איר מיר אונטער געלט!

ער איז אָנגעצונדן געוואָרן און אומפאַרזיכטיק אַ געשריי געטאָן:

— דערוועג זיך נישט מיך צו לערנען, איך ווייס, וואָס איך טו!

אָבער ער האָט זיך גלייך פאַרכאַפּט:

— וואָס הייסט, איך וואַרף אומזיסט אונטער? זיי פאַלן אַליין אַראָפּ...

ער האָט מיר פּרוּווערט צו לייענען ביכער אין קראָם, זאָגנדיק:

— דאָס איז נישט פאַר דיין פאַרשטאַנד! וואָס — ווילסט ווערן אַ פּאָפּ, פּוסט-און-פּאַסניק?

ער האָט נישט אָפּגעשטעלט זיינע פּרווון צו כאַפּן מיך מיט פערציקערס, און כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז אויב די מטבע וועט דאַן, ווען כ'קער דעם דיל, זיך פאַרקייקלען אין אַ שפּאַרע—וועט ער זיין איבערצייגט, אַז כ'האָב זי צוגעגנבעט. דאַן האָב איך אים נאָך אַמאָל פאַרגעלייגט אָוועקצוּוואַרפן די-דאָזיקע שפּיל, אָבער אין זעלבן טאָג, זיך אומקערנדיק פון שענק מיט זודיק וואַסער, האָב איך דערהערט, ווי ער רעדט אַריין אין דעם נישט לאַנג צוריק אָנגעדונגענעם פאַרקויפער פון שכן:

— דו לערן אים אָן צוצוגנבענען אַ תהילים — אינגיכן וועלן מיר באַקומען תהילימס, דריי קערב...

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס רעדט זיך וועגן מיר,—ווען כ'בין אַריין אין קראָם, האָבן זיך ביידע פאַרלאָרן, אָבער אויך אָן דעמדאָזיקן סימן האָב איך געהאַט גענוג סיבות זיי חושד צו זיין אין אַ אידיאָטישער פאַרשווערונג קעגן מיר.

דעם שכנס פאַרקויפער האָט שוין נישט איינמאָל געדינט ביי אים; מ'האָט אים געהאַלטן פאַר אַ פלינקן סוחר, ער האָט אָבער געליטן אויף שכרות-אָנפאַלן; אויף דער צייט פון זיין שכרות פלעגט אים דער באַלעבאָס דורכטרייבן, און דערנאָך פלעגט ער ווידער צונעמען דעמדאָזיקן בלוטאָרעמען און שוואַ-כינקן מענטשן מיט די כיטרע אויגן. אויסערלעך אַ שטילינקער, אַ געהאָרכזאַמער דעם באַלעבאָס יעדער תנועה, האָט ער תמיד געשמייכלט אין בערדל אַריין מיט אַ קלוגינקן שמייכעלע, ליב געהאַט צו זאָגן אַ שאַרף וואָרט, און ס'האָט געטראָגן פון אים יענער עקלהאַפטער ריח, וועלכער איז אייגן מענטשן

מיט צעפוילטע ציין, כאָטש די ציין זיינע זענען געווען ווייס און שטאַרק.

איינמאָל האָט ער מיך שרעקלעך פאַרוואונדערט: ער איז צוגעקומען צו מיר, פריינטלעך שמייכלענדיק, אָבער פלוצלינג האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון מיר דאָס היטל און אָנגעכאַפּט פאַר די האָר. מיר האָבן זיך גענומען שלאָגן, פון דער גאַלעריי האָט ער מיך אַריינגעשטופּט אין קראָם און כסדר זיך באַמיט אומצוּוואַרפן אויף די גרויסע קיאָטן, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן דיל,—ווען עס זאָל אים געלונגען, וואָלט איך אויסגעהאַקט די שויבן, צעבראָכן די שניצערייען און, וואַרשיינלעך, אויך צעדראַפּעט די טייערע איקאָנעס. ער איז געווען זייער שוואַך און מיר איז געלונגען אים בייצוקומען, אָבער צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג האָט זיך דאָן דער בערדיקער מאַנספערשוין ביטער פאַנאַנדערגעוויינט, זיצנדיק אויפן דיל און אָפּווישנדיק די צעשלאָגענע נאָז.

און אויף צומאָרגנס אינדערפרי, ווען אונזערע באַלעבאַטים זענען ערגעץ-ווו אַוועקגעגאַנגען און מיר זענען געווען אַליין, האָט ער מיר חבריש געזאָגט, איינרייבנדיק מיטן פינגער די געשווילעכץ אויפן נאַזוואָרצל און אונטערן סאַמע אויג:

— מיינסט—מיטן אייגענעם ווילן און פאַרלאַנג האָב איך זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דיר? כ'בין נישט קיין נאַר, כ'האָב דאָך געוואוסט, אַז דו וועסט מיך צעשלאָגן, כ'בין אַ מענטש אַ שוואַכער, אַ בעל-בּוסה. דאָס האָט מיך דער באַלעבאָס געהייסן: בויקער אים אָן, זאָגט ער די ביינער, און באַמי זיך, ער זאָל ביי זיך אין קראָם אַ וואָס גרעסערן שאָדן אָנמאַכן בעתן געשלעג, ווי נישט איז—אַ היזק זיי! אָבער איך אַליין— וואָלט דאָס נישט געטאָן, אָט ווי דו האָסט מיר די צורה באַצירט...

כ'האָב אים געגלויבט, און מיך האָט אָנגענומען אַ רחמנות אויף אים, כ'האָב געוואוסט, אַז ער לעבט אין הונגער, מיט אַ פרוי, וועלכע שלאָגט אים. אָבער פונדעסטוועגן האָב איך אים געפרעגט:

— און אויב מ'וועט דיך צווינגען צו פאַרסמען אַ מענטשן— וועסטו פאַרסמען?

— ער וועט צווינגען, — האָט שטיל געזאָגט דער פּאַרקוי־פער, מיט אַ נעבעכדיק שמייכעלע.—ער קען...

אינגיכן נאָך דעם האָט ער מיך געפרעגט.

— הער, כ'האָב קיין גראָשן נישט, אין שטוב איז נישטאָ צו פרעסן, דאָס ווייב פּיסקעוועט, שלעפּ צו, פריינט, אין קע־מערל ביי דיר עפּעס אַן איקאָנע, און איך וועל זי פאַרקויפן, אַ? וועסט צולקחענען? אָדער—אַ תהילים?

כ'האָב זיך דערמאָנט דעם שוף־געשעפט, דעם צערקווע שומר, כ'האָב אַ טראַכט געטאָן: דערדאָזיקער מענטש וועט מיך אויסגעבן! ס'איז אָבער שווער געווען אָפּצוזאָגן, און כ'האָב אים געגעבן אַן איקאָנע, אָבער צוקחענען אַ תהלים, וועלכער קאָסט עטלעכע רובל, האָב איך נישט געפועלט ביי זיך, דאָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַ גרויס פאַרברעכן. וואָס קען מען זיך העלפן? אין דער מאָראַל איז תמיד באַהאַלטן אַריפמעטיק; די הייליקע נאַיווקייט פון „דעם קרימינעלן שטראָף־געזעצבוך". גיט קלאָר אַרויס דעמדאָזיקן קליינעם סוד, הינטער וועלכן עס באַהאַלט זיך אויס דער גרויסער ליגן פון אייגנטומרעכט.

ווען כ'האָב דערהערט, ווי מיין פּאַרקויפער רעדט איין דעמדאָזיקן עלנטן מענטשן מיך אויסצולערנען צוצוגנבענען אַ תהלים, — האָב איך זיך איבערגעשראָקן. ס'איז קלאָר געווען, אַז מיין פּאַרקויפער ווייסט, ווי כ'בין גוט אויף זיין חשבון, און אַז דעם שכנס פּאַרקויפער האָט אים דערציילט וועגן דער איקאָנע.

די נידערטרעכטיקייט פון זיין גוט אויף אַ פרעמדן חשבון און דידאָזיקע עלקדיקע פּאַסטקע מיך צו כאַפּן — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אַרויסגעזויפּן ביי מיר אַ געפיל פון ווידער־ווילן, פון עקל צו זיך און צו אַלע. עטלעכע טעג האָב איך זיך נעפּערלעך געמאַטערט, וואַרטנדיק, ווען ס'וועלן אָנקומען די קערב מיט ביכער; ענדלעך זענען זיי אָנגעקומען, כ'סאָרטיר־

זיי אין קעמערל, צו מיר קומט צו דעם שכנס פּאַרקויפער און בעט אים געבן אַ תהלים.

דאַן פרעג איך אים:

— און דו האָסט מיינעם געזאָגט וועגן דער איקאָנע?

— כ'האָב געזאָגט, — האָט ער געענטפערט מיט אַ טרויעריקן קול. — איך, ברודער, קען קיין זאַך נישט אויס־באַהאַלטן...

דאָס האָט מיך איבעראַשט, כ'האָב זיך געזעצט אויפן דיל און אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן, און ער האָט אָנגעהויבן שנעל בורטשען, אַ פאַרשעמטער, שרעקלעך נעבעכדיקער:

— זעסטו, דיינער האָט זיך אַליין אָנגעשטויסן, ד. ה. דאָס האָט זיך מיין באַלעבאָס אָנגעשטויסן און געזאָגט דיינעם...

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז כ'בין אַ פאַרפאַלענער, — זיי האָבן מיך אויסגעשפּירט דידאָזיקע מענטשן און איצט איז אָנגעברייט פאַר מיר אַן אָרט אין דער קאָלאָניע פאַר מינדער־יאָריקע פאַרברעכער! אויב אַזוי — איז אַלץ איינס! אויב שוין יאָ זיך טרינקען, טאָ אויף אַ טיף אָרט. כ'האָב אַריינגערוקט אין פאַרקויפערס הענט אַ תהלים, ער האָט אים באַהאַלטן אונ־טערן מאַנטל און אַוועקגעגאַנגען, אָבער תיכף זיך אומגעדרייט און — דער תהלים איז געפאַלן צו מיינע פיס, און דער מענטש האָט גענומען אַוועקגיין, רעדנדיק:

— כ'וועל נישט נעמען! ס'איז אַ סכנת־נפשות מיט דיר.

כ'האָב נישט פאַרשטאַנען דידאָזיקע ווערטער, — פאַר־וואָס איז מיט מיר אַ סכנת־נפשות? כ'בין אָבער שטאַרק צו־פרידן געווען מיט דעם, וואָס ער האָט נישט גענומען דאָס בוך. נאָך דעם האָט מיין קליינינקער פאַרקויפער גענומען קוקן אויף מיר נאָך בייזער און מיט מער חשד.

דאָס אַלץ האָב איך זיך דערמאָנט, ווען לאַריאָניטש איז אַוועק אינדערהויך; ער האָט זיך דאָרט נישט לאַנג געזוימט און זיך אומגעקערט נאָך מער נידערגעשלאָגן און שטיל, ווי תמיד, און פאַרן אָוונטברויט, האָט ער מיר אונטער פיר אויגן געזאָגט:

— כ'האָב זיך באמת, מ'זאָל דיך אָפּגעבן אין וואַרשטאַט. ס'איז גאָרנישט געוואָרן! קוזמאַ וויל נישט. ביסט אים זייער נישט צום האַרצן...

אין שטוב האָב איך אויך געהאַט אַ שונא — דעם פאַרקויפערס כלה, שוין אַ צו לעבעדיקע מיידל; די גאַנצע יונגוואַרג פון וואַרשטאַט האָט זיך געשפּילט מיט איר, אָפּוואַרטנדיק איר אין פאַרהויז, אַרומנעמענדיק; זי פלעגט זיך אויף דעם נישט באַליידיקן, נאָר בלויז שטיל קוויטשען, ווי אַ קליין הינטל. פון פרימאָרגן ביז אינאָוונט פלעגט זי קייען, אירע קעשענעס זענען תמיד געווען אָנגעשטאָפּט מיט האָניק-קיכל, פלאָדן, די קינבאַקן האָבן זיך אָן אויפהער באַוועגט, — ס'איז אומאָנגענעם געווען צו קוקן אויף איר פוסטן פּנים מיט אומרויִקע גרויִנקע אויגעלעך. מיר און פּאַוולען האָט זי געשטעלט רעטענישן, וועלכע האָבן תמיד באַהאַלטן עפּעס אַ גראָבינקע אומפאַרשעמטקייט, זי פלעגט אונז איבערגעבן שנעל-רעדערייען, וועלכע גיסן זיך צענויף אין אַ אומאָנשטענדיק וואָרט.

איינמאָל האָט איר איינער פון די באַיאָרטע מייסטערס געזאָגט:

— ביסט דאָס אומפאַרשעמט אַביסל, מיידל!

זי האָט וווילעריש געענטפערט מיט די ווערטער פון דעם שענדלעכן ליד:

אויב אַ מיידל טוט זיך שעמען,
טויג נישט פאַר אַ ווייב זי נעמען...

צום ערשטן מאָל האָב איך געזען אַזאַ מיידל, ס'האָט מיך געעקלט פון איר און זי האָט מיך געשראָקן, גראָב שפּאַסנדיק, און זעענדיק, אַז דידאָזיקע שפּאַסן זענען מיר נישט אָנגענעם, איז זי געוואָרן אַלץ צודרינגלעכער.

איינמאָל, אין קעלער, ווען איך מיט פּאַוולען האָבן איר געהאָלפן אויספּאַרען פעסער פון קוואַס און אוגערקעס, האָט זי אונז פאַרגעלייגט:

— איר ווילט, יינגלעך, כ'וועל אייך אויסלערנען קושן זיך?

— כ׳קען אַביסל בעסער פּאַר, — האָט איר פּאַוועל גע־ענטפערט מיט אַ געלעכטער, און איך האָב איר געזאָגט, זי זאָל זיך גיין קושן מיטן חתן, און כ׳האָב דאָס געזאָגט נישט זייער העפלעך. זי איז אין כעס געוואָרן.

— אַך, סאַראַ גראָביאַן! אַ פרײלן איז מיט אים אדרבה ואדרבה, און ער דרייט מיט די נאָז; ביסט אַ מבין, אַ גאַנצער האָן!

און צוגעגעבן, דראָענדיק מיטן פינגער:

— נו, וואַרט, כ׳וועל דיר דאָס געדענקען!

אויך פּאַוול האָט איר געזאָגט, אונטערהאַלטנדיק מיך:

— וועסט קריגן פון חתן, ווען ער וועט זיך דערוויסן וועגן דיין אומפאַרשעמטקייט!

זי האָט מיט פאַראַכטונג פאַררונצלט איר פּרישטשע־וואַטן פּנים.

— כ׳האָב קיין מורא נישט פאַר אים! מיט מיין נדן וועל איך אַ צענדליק געפינען, בעסערע אַ סך. ביז דער חתונה בלויז קען אַ מיידל הוליען.

און זי האָט גענומען הוליען מיט פּאַוולען, און איך האָב פון דאַן אָן באַקומען אין איר אַן אומדערמידלעכן שונא.

אין קראָם איז געוואָרן אַלץ שווערער, כ׳האָב דורכגע־לייענט אַלע קירכלעכע ביכער, ס׳האָבן מיך שוין מער נישט אינטערעסירט די קריגערייען און די שמועסן פון די פּרעדי־קער, — זיי האָבן גערעדט אַלץ וועגן איינס און דאָסזעלבע. בלויז פּיאָטר וואַסיליעוו האָט מיך ווי פריער צוגעצויגן מיט זיין קענען דאָס טונקעלע מענטשלעכע לעבן, מיט זיין קונסט צו רעדן אינטערעסאַנט און היציק. אַמאָל פלעגט זיך מיר טראַכטן, אַז אָט אַזאַ איז אויך אַרומגעגאַנגען איבער דער ערד דער נביא אלישע, אַן איינזאַמער, און אַ נוקם־ונוטר.

אָבער יעדעס מאָל, ווען כ׳פלעג רעדן מיטן אַלטן אָפּנ־האַרציק וועגן מענטשן, וועגן מיינע געדאַנקען, פלעגט ער מיך פריינטלעך אויסהערן און דערנאָך איבערגעבן מיינע רייד דעם

פאַרקויפער, וועלכער פלעגט מיך אָדער באַליידיקנדיק אויס-לאַכן. אָבער ביין זידלען.

איינמאָל האָב איך געזאָגט דעם אַלטן, אַז פון צייט צו צייט פאַרשרייב איך זיינע רייד אין אַ העפט, וואו סזענען שוין פאַרשריבן פאַרשריבענע לידער, מימראס פון ביכער; דאָס האָט שטאַרק איבערגעשראָקן דעם פרעדיקער, ער האָט זיך שנעל אַ קוליע געטאָן צו מיר און אומרויק מיך גענומען אויספרעגן:

— צו וואָס טוסטו דאָס? דאָס, קליינער, טויג נישט! אויף צו געדענקען? ניין, וואַרף דאָס אַוועק! אַך סאַראַ די ביזט! גיב מיר דידאָזיקע כתבים, אַ?

ער האָט מיך לאַנג און צודרינגלעך איינגערעדט, איך זאָל אים אָפּגעבן דעם העפט, אָדער עס פאַרברענען, און דערנאָך האָט ער זיך ביין גענומען שעפּטשען מיטן פאַר-קויפער.

ווען מיר זענען געגאַנגען אַהיים, האָט מיר דער פאַר-קויפער שטרענג געזאָגט:

— די פירסט עפּעס כתבים אַזעלכע — טאָ זאָל דאָס מער נישט זיין! סט'געהערט? מיט דעם פאַרנעמען זיך בלויז שפּיאָנען.

כ'האָב אומפאָרזיכטיק געפרעגט:

און ווי איז מיט סיטאַנאָוון? אויך ער פאַרשרייבט.

— אויך? דער שוטה דער לאַנגער...

לאַנג שווייגנדיק, האָט ער אומגעוויינלעך מילד פאָר-געלייגט:

— הער נאָר, ווייז מיר דיין העפט און אויך סיטאַנאָווס — כ'וועל דיר אַ האַלב קערבל געבן! אָבער מאַך אַזוי, סיטאַנאָוו זאָל נישט וויסן, שטילערהייד...

ער איז, ווייזט אויס, געווען זיכער, אַז כ'וועל דערפילן זיין פאַרלאַנג און, נישט אויסרעדנדיק מער קיין וואָרט, גע-נומען לויפן פאָרויס אויף די קורצע פיסעלעך.

אינדערהיים האָב איך דערציילט סיטאַנאָוון וועגן פאַר־קויפערס פאָרשלאַג יעווגעני האָט זיך אָנגעכמורעט.

— האָסט אומזיסט אויסגעפּלוידערט... איצט וועט ער עמעצן אויסלערנען אַרויסצוגנבענען די העפטן ביי מיר און ביי דיר. גיב מיר נאָר דיינס, כ'וועל באַהאַלטן... און דיך וועט ער איינגיכן אַרויסשטופּן, סט'זען!

כ'בין געווען איבערצייגט אין דעם און באַשלאָסן אַוועק־צוגיין, ווי נאָר די באַבע וועט זיך אומקערן אין שטאָט אַריין,— זי האָט דעם גאַנצן ווינטער געוואוינט אין באַלאַכנאַ, איינגע־לאַדן עפּעס דורך עמעצן צו לערנען מיידלעך שפּיצן־שטריקעריי. דער זיידע האָט ווידער געלעבט אין קונאַווין, כ'פלעג נישט גיין צו אים, און אויך ער פלעגט מיך נישט באַזוכן, זייענדיק אין שטאָט. איינמאָל האָבן מיר זיך באַגעגנט אויף דער גאַס; ער איז געגאַנגען אין אַ שווערן שאָפּן־פּעלץ, מיט חשיבות און לאַנגזאַם, ווי אַ פּאָפּ, כ'האָב זיך באַגריסט מיט אים; אַ קוק טוענדיק אויף מיר פון אונטער דער דלאָניע, האָט ער פאַרטראַכט אַרויסגערעדט:

— אַ, דאָס ביזטו... ביזט שוין איצט אַ גאָטשמירער, יאָ, יאָ... נו, גיי זיך, גיי!

ר'האָט מיך אָפּגערוקט פון וועג און נאָך אַלץ אַזוי חשיבותדיק און לאַנגזאַם געגאַנגען ווייטער.

דער באָבען פלעג איך זען זעלטן; זי האָט אומדערמיד־לעך געאַרבעט, דערנערנדיק דעם זיידן, וועלכער האָט גענו־מען קרענקען אויף זקנישער שוואַכזיניקייט, זי האָט זיך גע־ניאַנטשעט מיט די פעטערס קינדער. באַזונדערס פלעגט איר פאַרשאַפן אַ סך קאָפּדרייעניש סאַשאַ, מיכאַילס זון, אַ שיינער בחור, אַ בעל־חלומות און ביכער־ליבהאָבער. ער האָט געאַרבעט אין פאַרבערייען, אָפּט איבערגייענדיק פון איין באַלעבאָס צום צווייטן, און אינצווישן איז ער געזעסן דער באָבען אויפן קאַרק, וואַרטנדיק, ביז זי וועט געפינען פאַר אים אַ פרישן אָרט. זי האָט אויך געמוזט פאַרזאָרגן סאַשאַס שוועסטער, וואָס

האָט אומגליקלעך חתונה געהאַט פאַר אַ שיכּורן בעל-מלאכה, וועלכער פלעגט איר שלאָגן און אַרויסטרייבן פון שטוב.

טרעפנדיק זיך מיט דער באַבען, פלעג איך אַלץ מער באַוואוסטזיניק זיך אַנטציקן מיט איר נשמה, כ'האָב שוין אָבער געפילט, אַז דידאָזיקע וואונדערשיינע נשמה איז פאַרבלענדט פון מעשהלעך, איז נישט בכּוח צו זען, קען נישט באַגרייפן די דערשיינונגען פון דער ביטערער ווירקלעכקייט, און מיינע זאָרגן, מיינע מאַטערנישן זענען איר פרעמד.

— געדולד דאַרף מען האָבן, אָליאָשאַ.

דאָס איז אַלץ, וואָס זי האָט מיר געקענט זאָגן, אַלס ענטפער אויף מיינע דערציילונגען וועגן די העסלעכקייטן פון לעבן, וועגן די מאַטערנישן פון די מענטשן, וועגן לאַנגווייל — וועגן אַלץ, וואָס האָט מיך אויפגעבראַכט.

כ'בין שלעכט צוגעפּאַסט געווען צו געדולדיקייט און אויב כ'פלעג אַמאָל אַרויסווייזן דידאָזיקע טוגנט פון אַ בהמה, אַ בוים, אַ שטיין — פלעג איך זי אַרויסווייזן צוליב זעלבסט-אויספּרוּוונג, צוליב דעם, כּדי צו קענען דעם סכום פון די אייגענע כּוחות, די שטופע פון מיין ווידערשטאַנד-קראַפט אויף דער ערד. אויס נאַרישער ווילערישקייט, אויס קנאה צו דער קראַפט פון די דערוואַקסענע פּרובירן זיך אַמאָל יוגנטלעכע אויפצוהויבן און זיי הויבן אויף משאות, וואָס זענען צו גרויס פאַר זייערע מוסקולן און ביינער, זיי פּרובירן באַרימעריש, ווי גרויסע גבורים, זיך צלמען מיט צוויי-פּודיקע געוויכטן.

אויך איך האָב דאָס אַלץ געטאָן אין פּשוטן און בילדלעכן זין, פיזיש און גייסטיק, און בלויז אַ דאַנק עפּעס אַ צופאַל האָב איך זיך נישט אונטערגעריסן אויף טויט, נישט פאַרקריפּלט געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן. ווייל קיין זאַך פאַרקריפּלט נישט אַ מענטשן אַזוי שרעקלעך, ווי עס פאַרקריפּלט אים געדולדיקייט. הכנעה לגבי דער קראַפט פון אויסערלעכע באַדינגונגען.

און אויב איך וועל, סוף כּל סוף, אַראָפּ אין קבר אַ

פאַרקריפּלטער, וועל איך — נישט אָן שטאָלץ — זאָגן אין מיין לעצטער שעה, אַז גוטע מענטשן האָבן אַ יאָר פּערציק זיך ערנסט באַמיט צו פאַרקריפּלען מיין נשמה, אָבער זייער עקשנותדיקע מי איז נישט גאָר דערפאָלגריין.

אַלץ אָפטער פלעגט מיר אַרומכאַפּן אַ ווילדער פאַרלאַנג צו קונדייסעווען, פאַרוויילן מענטשן, זיי ברענגען צום לאַכן. מיר פלעגט דאָס געלינגען, כ'האָב געקענט דערציילן וועגן די סוחרים פון ניזשער מאַרק, זיי פאָרשטעלנדיק ווי זיי שטייען און גייען; כ'האָב פאָרגעשטעלט, ווי פויערים און פויערטעס פאַרקויפן און קויפן איקאָנעס, ווי געשיקט דער קראָם-משרת נאַרט זיי אָפּ, ווי עס אַמפּערן זיך די פרעדיקער.

דער וואַרשטאַט האָט געלאַכט, נישט זעלטן פלעגן די מייסטערס וואַרפן די אַרבעט, קוקנדיק, ווי איך שטעל פאָר, אָבער נאָך דעם פלעגט מיר לאַריאָנאָוויטש שטענדיק עצהן:

— וואָלסט בעסער נאָכן אָוונטברויט פאָרגעשטעלט, אַנישט שטערסטו אַרבעטן...

ענדיקנדיק די „פאָרשטעלונג" פלעג איך זיך פילן לייכט, ווי כ'וואָלט אַ משא אַראָפּגעוואָרפן, וואָס האָט מיך געדריקט; אויף אַ האַלבע שעה, אויף אַ שעה פלעגט אין קאָפּ ווערן אָנגענעם ליידיק, אָבער דערנאָך פלעגט זיך ווידער אויסדאַכטן, אַז דער קאָפּ מיינער איז פול מיט שאַרפע קליינע טשוועקעס, זיי באַווייזן זיך דאָרט, ווערן אָנגעוואַרעמט.

אַרום מיר האָט זיך געהאַלטן אין אויפקאָכן עפּעס אַ שמוציקע קאשע, און איך האָב געשפּירט, אַז שטילינקערהייט ווער איך צעקאָכט אין איר.

כ'האָב זיך געטראַכט:

„שוין זשע איז דאָס גאַנצע לעבן — אַזוינס? צי דען וועל איך לעבן אַזוי, ווי די דאָזיקע מענטשן, כ'וועל נישט געפינען, נישט דערזען קיין שום בעסערס?"

— בייז ווערסטו, מאַקסימיטש, — פלעגט מיר זאָגן זשי-כאַרעוו, אויפמערקזאַם מיך באַטראַכטנדיק.

סיטאַנאָוו פלעגט מיך אָפט פרעגן:

— וואָס איז דיר?
— כ'האָב נישט געקענט ענטפערן
דאָס לעבן האָט עקשנותדיק און גראָב כּסדר אָפּגעמעקט פֿון מײַן נשמה אירע אייגענע בעסטע אותיות, פֿאַרבייטנדיק זיי בײַזווילדיק מיט עפּעס אומנויטיקער פּאַסקודסטווע, — כ'האָב זיך בײַז און עקשנותדיק אַנטקעגנגעשטעלט איר געוואַלט, כ'האָב געשווימען איבערן זעלבן טײַך, ווי אַלע, אָבער פֿאַר מיר איז דאָס וואַסער געווען קעלטער, און זי האָט מיך נישט געהאַלטן אַזוי לײַכט, ווי די אַנדערע, — צײַטנווײַז פֿלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז כ'פֿאַרזינק אין עפּעס אַ טיפֿעניש.
די מענטשן האָבן זיך צו מיר באַצויגן אַלץ בעסער, מ'האָט נישט געשריגן אויף מיר, ווי אויף פֿאַוולען, מ'האָט מיך נישט גרינגגעשעצט, מ'האָט מיך גערופֿן לויטן פֿאָטערס נאָמען, כּדי אונטערצושטרײַכן די דרך־ארצדיקע באַציונג צו מיר. דאָס איז גוט, ס'איז אָבער פֿייגלעך געווען צוצוזען, סאַראַ סך בראָנפֿן מענטשן טרינקען, ווי אָפּשטויסנדיק זיי זענען שכּורערהייט, און ווי קרענקלעך עס איז זייער באַציונג צו דער פֿרוי, כאָטש כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז בראָנפֿן און פֿרויען זענען די אייניציקע פֿאַרווײַלונג אין דאָזיקן לעבן.
אָפֿט פֿלעגט זיך אַ דערמאָן טאָן מיט טרויער, אַז אַפֿילו די קלוגע, מוטיקע נאַטאַליאַ קאָזלאָווסקאַיאַ אַליין פֿלעגט אויך אָנרופֿן אַ פֿרוי, אַ „פֿאַרווײַלונג".
טאָ ווי זשע איז דאַן מיט דער באָבען? און די מלכּה מאַרגאָ?
ווען דער מלכּה פֿלעג איך זיך דערמאָנען מיט אַ געפֿיל, וואָס איז ענלעך געווען צו שרעק, — זי איז געווען אַזאַ פֿרעמדע צו אַלץ, ריכטיק ווי כ'וואָלט זי האָבן געזען אין חלום.
כ'האָב צופֿיל גענומען טראַכטן וועגן פֿרויען און כ'האָב שוין זיך געשלאָגן מיט דער דעה: און אפֿשר זאָל איך גאָר אַריבערגיין אין נאָענטסטן יום־טוב אַהין, וווּהין אַלע גייען? דאָס איז נישט געווען קיין פֿיזישער פֿאַרלאַנג, — כ'בין געווען

בעזונט און איבערקלייבעריש, אָבער צייטנווייז פּלעגט זיך ביד משוגעת ווערן ארומנעמען עפּעס אַ פרייַנטלעכן, קלוגן און אָפנהאַרציק, אומענדלעך לאַנג רעדן, ווי צו אַ מוטער, וועגן די צאַפּלענישן פון די נשמה. כ׳בין מקנא געווען פּאוולען, ווען ער פלעגט מיר אין די נעכט דערציילן וועגן זיין ראָמאַן מיט דער שטובמיידל פון קעגנאיבערדיקן הויז.

סט׳געהערט אַ מעשה: מיט אַ חודש צוריק פלעג איך אין איר שניי שליידערן, זי איז מיר נישט געפעלן געווען, אין איצט זיצטו אויפן באַנק, טוליעסט זיך צו צו איר — אַזוי טייער, ווי זי!

— וועגן וואָס רעדט איר?

— וועגן אַלץ פאַרשטייט זיך. זי מיר — וועגן זיך, און איך איר — אויך וועגן זיך. נו, מיר קושן זיך... אָבער זי איז — אַן ערלעכע... זי, ברודערל, איז, אַ שרעק, סאַראַ גוטע!.. נו, — ווי אַן אַלטער זעלנער רויכערסטו!

כ׳האָב געררויכערט אַ סך; פאַרשכורנדיק, פלעגט דער טאַבאַק פאַרטעמפּן די אַרומיקע געדאַנקען, די צערודערטע געפילן. צו מיין גליק פלעגט בראָנפן אַרויסרופן ביי מיר אַן עקל מיט איר ריח און טעם, אָבער פּאַוועל פלעגט גערן טרינקען און, זיך אָנשכורנדיק, נעבעכדיק וויינען:

— אַ היים וויל איך, אַ היים! לאָזט מיך אָפּ אַהיים...

ווי כ׳געדענק, איז ער געווען אַ יתום; טאַטע-מאַמע זענען ביי אים שוין פון לאַנג אָפּגעשטאָרבן, קיין ברודער און שוועסטער האָט ער נישט געהאַט, פון אַ יאָר אַכט האָט ער געלעבט צווישן פרעמדע מענטשן.

אין דערדאָזיקער שטימונג פון אומרויקער נישט-באַפרידיקטקייט, וואָס ווערט נאָך מער אויפגערייצט דורך די פריילינגס-רופן, האָב איך באַשלאָסן ווידער זיך אָנדינגען אויף אַ דאַמפער און, אַראָפּלאָזנדיק זיך קיין אַסטראַכאַן, אַנטלויפן קיין פּערסיע.

כ׳געדענק נישט, פאַרוואָס גראָד קיין פּערסיע, ס׳קען זיין בלויז דערפאַר, ווייל מיר זענען שטאַרק געפעלן געוואָרן

די פּערסער-סוחרים אויף דעם ניזשעגאָראָדער יאַריד: זיצן זיך אָט אַזעלכע שטיינערנע געטשעס אַרויסשטעלנדיק אויף דער זון געפּאַרבטע בערד, רויכערנדיק רויק די נאַרגילע, און די אויגן ביי זיי זענען גרויסע, טונקעלע, אַלץ-וויסנדיקע.

און כ'וואָלט, זיכער, אַנטלאָפן ערגעץ-וווהין, אָבער אין דער פּסחא-וואָך, ווען אַ טייל מייסטערס זענען אַוועקגעפאָרן אַ היים, אין זייערע דערפער, און די איבערגעבליבענע האָבן געשיכורט, — האָב איך אין אַ זוניקן טאָג, ביי אַ שפּאַציר איבער אַ פעלד לעבן דער אָקע אָנגעטראָפן מיין באַלעבאָס, דער באָבעס פּלימעניק.

ער איז געגאַנגען אין אַ לייכטן גראָען פּאַלטן, די הענט אין די הויזן-קעשענעס, צווישן די ציין אַ פּאַפּיראָס, דער הוט אויפן נאַקן; זיין אָנגענעם פּנים האָט פריינטלעך געשמייכלט צו מיר. ער האָט געהאַט דעם אונטערקויפנדיקן אויסזען פון אַ מענטשן אַ פרייען אַ פריילעכן, און חוץ אונז ביידע איז אויפן פעלד קיינער נישט געווען.

— אַ, פּעשקאָוו, קריסטוס איז תחית המתים אויפגע-שטאַנען!

מיר האָבן זיך צעקושט, ער האָט געפרעגט, ווי עס לעבט זיך מיר, און איך האָב אים אָפנהאַרציק דערציילט, אַז דער וואַרשטאַט, די שטאָט און בכלל אַלץ — האָט מיר דערעסן, און כ'האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין פּערסיע.

— לאָז צו רו, — האָט ער ערנסט געזאָגט. — וואָס טויג דיר צו אַלדי רוחות, פּערסיע? דאָס, ברודער, איז מיר באַ-קאַנט, אין דיינע יאָרן האָט זיך מיר אויך געוואָלט אַנטלויפן צו אַלדע רוחות!...

מיר איז געפעלן געוואָרן, וואָס ער וואַרפט זיך אַזוי ווילעריש מיט די רוחות; ס'האָט געשפּילט אין אים עפּעס גוטעס, פרילינגדיקס, ער איז אינגאַנצן געווען — ווילינגעריש.

— רויכערסט? — האָט ער געפרעגט דערלאַנגנדיק מיר אַ זילבערנעם פּאַרטסיגאַר מיט גראָבע פּאַפּיראָסן.

נו, דאָס האָט מיך שוין אינגאַנצן אַנטוואָפנט!

— ווייסט וואָס, פּעשקאָוו, גיי ווידער צו מיר! האָט ער פאָרגעלייגט. — איך, ברודערל, האָב היינטיקס יאָר אָנגענומען אויפן מאַרק פאַדריאַדן אויף אַ פערציק טויזנט בערג — פאַרשטייסט? איז אָט וועל איך דיך איינאָרדנען ביים מאַרק; וועסט זיין ביי מיר ווי אַן אויפזעער אַ שטייגער, צונעמען אַלערליי מאַטעריאַל, אַכטונג געבן, אַלץ זאָל צו דער צייט זיין אויפן אָרט, און די אַרבעטער זאָלן נישט גנבענען — מסכים? שכירות — פינף אַ חודש און אַ צענער אויף מיטאָג! די ווייבער גייען דיר נישט אָן, באַגינען ביסטו אַוועק, אינאָוונט—געקומען; די ווייבער — אין אַ זייט. אָבער דערציילן זיי נישט, אַז מיר האָבן זיך געזען, נאָר קום פּשוט צו גיין זונטיק אויף דער פאָמינער*) און — אַן עק!

מיר זענען זיך צעגאַנגען ווי פריינט, ביים געזעגענען האָט ער מיר געדרוקט די האַנט און, אַוועקגייענדיק, אפילו פונדערווייטנס פריינטלעך געפאָכעט מיט דעם הוט.

ווען איך האָב געזאָגט אין וואַרשטאַט, אַז כ׳גיי אַוועק, האָט דאָס צוערשט אַרויסגערופן ביים רוב אַן אָנגענעמע פאַר מיר באַדויערונג, באַזונדערס איז צערודערט געוואָרן פאַוועל.

— אדרבה, גיב נאָר אַ טראַכט, — האָט ער גערעדט מיט פאָרוואורף, — ווי וועסטו לעבן מיט פויערים פאַרשידענע נאָך אונז? טשעסליאַרעס, מוליאַרעס... עך, דו! אָט דאָס הייסט — פון אַ דיאַקאָן — אַ קירכנדינער...

זשיכאַרעוו האָט געבורטשעט:

— אַ פיש זוכט — ווו טיפער, אַ ווילער יונג — וואָס ערגער...

דער אָפּשייד-אָוונט, וועלכן דער וואַרשטאַט האָט איינגעאָרדנט פאַר מיר, איז געווען טרויעריק און נודנע.

— אוודאי, מ׳דאַרף אויספּרובירן אי דאָס אי יענץ, — האָט זשיכאַרעוו גערעדט, געל פון שכרות. — אָבער בעסער פאַראַמאָל, און וואָס פעסטער זיך פאַרטשעפּען פאַר עפּעס איינס...

*) פאָמינער וואָך — די ערשטע וואָך נאָך פּאַסכאַ.

— און אויפן גאַנצן לעבן שוין, — האָט שטיל צוגעגעבן לאַריאָניטש.

כ'האָב אָבער געפילט, אַז זיי רעדן מיט אָנשטרענגונג און ריכטיק ווי לויט אַ פּליכט, — דער פֿאָדעם, וואָס האָט מיך פֿאַרפּעסטיקט צו זיי, איז עפּעס גלייך איבערפילט געוואָרן און — זיך איבערגעריסן.

אויף די פּאָלאָטן האָט זיך געדרייט דער שכורער גאַ־גאַלעוו און געכריפּעט;

— כ'וועל וועקן, — וועלן אַלע אין תּפיסה זיין! כ'ווייס — אַ סוד! ווער גלויבט דאָ אין גאָט? אַכאַ—אַ...

ווי תּמיד האָבן זיך ביי די ווענט אָנגעשפּאַרט אָן פֿנימדיקע נישט-דערמאָלטע איקאָנעס, צום פּולאָפ האָבן זיך צוגעקלעפּט די גלעזערנע קויקן. ביים פייער האָט מען שוין פֿון לאַנג נישט געאַרבעט, מיט די קויקן האָט מען זיך נישט באַנוצט, אַ גראָער שיכט סאַזשע און שטויב אַלץ האָט זיי צו־געדעקט. אַלץ אַרום האָט זיך אַזוי שטאַרק איינגעקריצט אין זכּרון, אַז מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אפילו זע איך אין דער פֿינסטער דעם גאַנצן קעלער, דידאָזיקע אַלע טישן, די סלאיק־לעך מיט פֿאַרב אויף די ביישטידלעך; די בינטלעך פּענזליקעס מיט די האַלטערס; די איקאָנעס, די פּאַמוניצע אין ווינקל, אונטערן קופּערנעם האַנטפּאַס, וואָס איז ענלעך אויף אַ העלם פֿון אַ פֿייערלעשער, און גאָגאָלעווס נאַקעטע פֿוס, וואָס האָט זיך אַראָפּגעהאָנגען פֿון די פּאָלאָטן און איז בלאָ, ווי אַ פֿוס פֿון אַ דערטרונקענעם.

ס'האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַוועקגיין, אָבער אין רוסלאַנד האָט מען ליב צו פֿאַרציען טרויעריקע מאָמענטן; זיך זעגענענדיק, איז ריכטיק ווי די מענטשן וואָלטן אָפּגע־ריכט אַ תּפילה נאָך אַ טויטן.

צענויפּציענדיק די ברעמען, האָט זשיכאַרעוו מיר געזאָגט:

— אָבער דאָס בוך דאָסדאָזיקע, דעם דעמאָן, קען איך דיר נישט אָפּגעבן — ווילסט פֿאַר אים אַ פֿערציקער?

דאָס בוך איז געווען מיין אייגנטום — דער אַלטער

בראַנדמייסטער האָט עס מיר געשענקט, ס'איז אַ שאָד געווען אָפּצוגעבן לערמאַנטאָוון. אָבער ווען איך, אַ באַליידיקטער אַביסל, האָב זיך אָפּגעזאָגט פונם געלט, האָט זשיכאַרעוו רויק אַריינגערוקט די מטבע אין טייסטער און פעסט דערקלערט:

— ווי דו ווילסט זיך, אָבער איך וועל דאָס בוך נישט אָפּגעבן, דאָסדאָזיקע בוך איז נישט פאַר דיר, דאָס איז אַזאַ בוך, אַז מיט אים איז קיין קונץ נישט אַ זינד באַגיין...

— מ'פאַרקויפט דאָך עס אָבער אין קראָם, כ'האָב געזען!

ער האָט אָבער נאָכאַמאָל געזאָגט צו מיר איבערצייגנדיק:

— דאָס איז קיין ראיה נישט, פיסטאָלעטן פאַרקויפט מען אויך אין די קראָמען...

און טאַקע מיר נישט אָפּגעבן לערמאַנטאָוון.

גייענדיק אינדערהויך זיך זעגענען מיט דער באַלעבאָסטע, האָב איך זיך אין פאָרהויז אָנגעשטויסן מיט איר פּלימעניצע, זי האָט געפרעגט:

— מ'זאָגט — גייסט אַוועק?

— זאָלסט נישט אַוועקגיין, וואָלט מען אַרויסגעטריבן, — האָט זי מיר געמאָלדן נישט זייער פריינטלעך, אָבער אינגאַנצן אויפריכטיק.

און די שכורע באַלעבאָסטע האָט געזאָגט:

— גיי געזונט, כריסטוס איז מיט דיר, ביסט נישט קיין גוט יינגל, אַ חצוף! כאָטש איך האָב פון דיר קיין שום שלעכטס געזען, אָבער אַלע ריידן — ביסט נישט קיין גוטער!

און פּלוצלונג האָט זי זיך צעוויינט, רעדנדיק מיט טרערן:

— וואָלט לעבעדיק געווען דער טויטער, מיין מאַנעלע דער זיסער, די ליבע נשמהלע, וואָלט ער דיר אָנגעבויקערט, וואָלט ער דיר נישט געזשאַלעוועט קיין סטוסאַקעס, אָבער אי־בערגעלאָזן וואָלט ער, נישט געטריבן! היינט אָבער איז אַלץ אַנדערש; ווי נאָר עפּעס נישט אַזוי — אַרויס־אַרויס, אַוועק פונדאַנען! אָך, און וווּ־זשע וועסטו יינגל, זיך אָנשפּאַרן?

XV

כ׳פּאָר מיטן באַלעבאָס אין אַ שיפל איבער די גאַסן פון מאַרק, צווישן שטיינערנע קראָמען, פאַרגאָסענע דורכן געוויסער ביז די צווייטע שטאָקן — איך זיץ ביי די וויאָסלעס, דער באַלעבאָס זיצט אויפן הינטערטייל און קערעווועט אומגעשיקט, אַראָפּלאָזנדיק צו טיף אין וואַסער דעם הינטערטייל-רודער; דאָס שיפל באַוועגט זיך אומגעלומפּערט, פאַרנעמענדיק זיך פון גאַס צו גאַס איבערן שטילן, מוטנע-פאַרטראַכטן וואַסער.

— עך, דאָס וואַסער איז היינט הויך כאַפּט עס דער רוח! עס וועט פאַרהאַלטן די אַרבעט, — בורטשעט דער באַלעבאָס, רויכערנדיק אַ ציגאַר; דער רויך שמעקט מיט געברענט טוך.

— פּאַמעלעך שרייט ער דערשראָקן. — אויף אַ לאַמטערן פאָרן מיר!

ער האָט זיך אַן עצה געגעבן מיטן שיפל און זידלט זיך:

— נו, אַ שיפל אַביסל געגעבן, אויסוואַרפן!..

ער ווייזט מיר ערטער, ווו ס׳וועלן זיך אָנהויבן די אַרבעטן אויף רעמאָנטירן די קראָמען, נאָכדעם ווי דאָס וואַסער וועט אָפּפאַלן. אויסגעגאָלט ביז בלאָקייט, מיט אונטערגעשאָרענע וואָנסעס און אַ ציגאַר אין מויל, איז ער נישט ענלעך אויף אַ פּאָדריאַטשיק. ער טראָגט אַ לעדערנע קורטקע, הויכע שטיוול ביז די קני, איבערן אַקסל — אַ יאַכט טאַש, צופוסנס שטייט לעבערס אַ טייערע צוויי-יעריקע ביקס. ער האַלט אין איין

איבערוקן אומרויִק דאָס לעדערנע היטל — ער רוקט זי אָן אויף די אויגן, בלאָזט אָן די ליפּן און קוקט זיך אַרום פאַרזאָרגט; שטופּט אַראָפּ דאָס היטל אויפן נאַקן, ווערט ייִנגער און שמייכלט אין די וואָנסעס, טראַכטנדיק וועגן עפּעס אָנגענעמס, — און ס׳גלויבט זיך נישט, אַז ער האָט אַ סך אַרבעט, אַז דאָס לאַנגזאַמע אָפּפאַלן פון וואַסער באַאומרויִקט אים — עס שפּילט אין אים אַ כוואַליע פון עפּעס, זעט אויס, נישט קיין געשעפטלעכע געדאַנקען.

און איך בין דערדריקט דורכן געפיל פון אַ שטילער פאַרווונדערונג: ס׳איז אַזוי מאָדנע צו זען דידאָזיקע טויטע שטאָט, די גלייכע שורות בנינים מיט צוגעמאַכטע פענסטער,— אַ שטאָט, וואָס איז אינגאַנצן פאַרגאָסן מיט וואַסער, וואָס שווימט דאַכט זיך, פאַרביי אונזער שיפל.

דער הימל איז גראָ. די זון האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין וואָלקנס, בלויז זעלטן שיינט זי דורך דורך זייער געדיכטעניש מיט אַ גרויסן זילבערנעם ווינטערדיקן פלעק.

אויך דאָס וואַסער איז גראָ און קאַלט; זיין שטראָם איז נישט צו מערקן; עס דוכט זיך, אַז עס איז פאַרגליווערט געוואָרן, איינגעשלאָפן צוזאַמען מיט די ליידיקע הייזער, מיט די שורות קראָמען, אָפּגעפאַרבטע אין אַ שמוציק-געלן קאָליר, ווען דורך די וואָלקנס קוקט דורך די ווייסלעכע זון, ווערט אַלץ אַרום אַ ביסל ליכטיקער. דאָס וואַסער שפּיגלט אָפּ דעם גראָען הימל-געוועב,—אונזער שיפל הענגט אינדערלופטן צווישן צוויי הימלען; די שטיינערנע בנינים הויבן זיך אויך אויף אַ ביסל און שווימען קוים צו מערקן צו דער וואָלגע, דער אָקע. אַרום דעם שיפל וויגן זיך צעבראָכענע פעסער, קעסטלעך, קערב, שפּענדלעך און שטרוי, אַמאָל שווימט דורך, ווי אַ טויטע שלאַנג, אַ פלאָקן אָדער אַ קלאָץ.

וווּ-נישט-וווּ זענען אָפן פענסטער, אויף די דעכער פון די האַלב-גאַלעריייעס טריקנט זיך וועש, סטאַרטשען אַרויס וואָלאָקעס; פון אַ פענסטער קוקט אויפן גראָען וואַסער אַ פרויצום שפּיץ פון אַן אייזערנעם זיילעכל פון די גאַלערייעס איז

אָנגעבונדן אַ שיפל, אירע רויטע באָקעס שפּיגלען זיך אָפּ אין וואַסער פּעט און פלייִשיק.

אָנווייזנדיק מיטן קאָפּ אויף דידאָזיקע סימנים פון לעבן, דערקלערט מיר דער באַלעבאָס:

— דאָ וואוינט דער מאַרק-שומר. ער קריכט אַרויס פון פענסטער אויפן דאַך, זעצט זיך אַריין אין שיפל און פאָרט, קוקט—זענען אַמאָל נישטאָ ערגעץ קיין גנבים? און זענען קיין גנבים נישטאָ—גנבעט ער אַליין...

ער רעדט פויל, רויק, טראַכטנדיק וועגן עפּעס אַנדערש. אַרום איז שטיל, וויסט און אומגלויבלעך, ווי אין חלום. די וואָלגע און אקע האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אַ קאָלאָסאַלער יעזשערע; פונדערווייטנס אויף אַ באַוואַקסענעם באַרג גלאַנצט בונט די שטאָט, איינגאַנצן אין סעדער, נאָך טונקעלע, אָבער די קנאָספּען פון די ביימער זענען שוין אָנגעקוואָלן, און די סע-דער טוען אָן די הייזער און צערקוועס אין אַ גרינלעכן וואַ-רעמען פעלץ. איבערן וואַסער שפּרייט זיך אויס געדיכט אַ פּסחאדיקער גלאָקן-קלאַנג, מ'הערט, ווי עס הודיעט די שטאָט, און דאָ—ווי אויף אַ פאַרגעסענעם בית-עולם.

אונזער שיפל דרייט זיך צווישן צוויי שורות שוואַרצע ביימער, מיר פאָרן מיט דער הויפּט-ליניע צום אַלטן סאָבאָר. דער ציגאַר באַאומרויקט דעם באַלעבאָס, פאַרשטעלנדיק זיינע אויגן מיט אַ עסיקן רויך, דאָס שיפל האַלט כסדר אין איין אָנשלאָגן זיך מיטן נאָז אָדער מיטן באָרט אָן די ביימער-שטאַמען,—דער באַלעבאָס ווונדערט זיך צערייצט:

— סאַראַ נידערטרעכטיק שיפל!

— טאָ קערעוועט נישט.

— ווי-זשע אַנדערש?—בורטשעט ער.—אויב אין שיפל זענען צוויי, איז שטענדיק—איינער רודערט, דער צווייטער קערעוועט. נאַ, זע: די כינעזישע האַלעס...

כ'קען שוין פון לאַנג דעם מאַרק ווי מיינע פינף פינ-גער; כ'קען אויך דידאָזיקע קאָמישע האַלעס, מיט די זינלאָזע דעכער; אין די ווינקלען פון די דעכער זיצן, פאַרלייגנדיק די

פיס, די גיפסענע פיגורן פון כינעזער; אמאל פלעג איך מיט מיינע חברים ווארפן שטיינער אין זיי, און ביי אייניקע כינע-זער האב איך טאקע אפגעהאקט די קעפ, די הענט. אבער איך גרויס זיך שוין נישט דערמיט...

— נארישקייטן, — זאגט דער באלעבאס, אנווייזנדיק אויף די האלעס.—ווען מ׳זאל דאס מיר געבן בויען...

ער פייפט, פאררוקענדיק דאס היטל אויפן נאקן.

און מיר דאכט זיך איבער עפעס, אז ער וואלט אויפ-געבויט דיראזיקע שטיינערנע שטאט אויך אזוי לאנגווייליק, אויפן זעלבן נידעריקן ארט, וועלכעס עס פארגיסן יאר-יערלעך די וואסערן פון צוויי טייכן. אויך די כינעזישע האלעס וואלט ער אויסגעטראכט...

דערטרינקענדיק דעם ציגאר הינטערן בארט, האט ער אים נאכגעשיקט א שפיי פון עקל און רעדט:

— לאנגווייליק, פעשקאוו! לאנגווייליק. קיין געבילדעטע מענטשן זענען נישטא, שמועסן — נישטא מיט וועמען. ס׳ווילט זיך בארימען זיך—אבער פאר וועמען? נישטא קיין מענטשן. אלץ טשעסליארעס, מויערער, פויערים, זשוליקעס...

ער קוקט רעכטס, אויף דעם ווייסן מעטשעט, וואס הויבט זיך שיין אויף פון וואסער אויפן בערגל, און רעדט ווייטער, ווי דערמאנענדיק זיך פארגעסענעס:

כ׳האב אנגעהויבן ביר טרינקען, כ׳רויכער ציגארן, כ׳לעב ווי א דייטש. די דייטשן, ברודער, זענען א טיכטיק פאלק, אז—זעלכע חיות-היינער! ביר איז אן אנגענעמע באשעפטיקונג, אבער צו ציגארן—זיך נאך נישט צוגעוווינט! רויכערסט זיך אן, בורטשעט דאס ווייב: מיט וואס טראגט דאס פון דיר, ווי פון א רימער? יא, ברודער, מיר לעבן, מיר קליגן זיך... נו, מילא, קערעווע אליין...

אוועקלייגנדיק דעם רודער אויפן בארט, נעמט ער דעם ביקס און שיסט אין א כינעזער אויפן דאך, — דעם כינעזער האט גארנישט געשאדט, דער שראט האט באזייט דעם דאך און די ווענט, אויפהויבנדיק אינדערלופטן שטויביקע רויכלעך.

— נישט געטראָפן, — איז זיך דער שיסער מודה אָן באַ־דויערן און לאדעוועט ווידער אָן די ביקס.

— ווי איז ביי דיר מיט מיידלעך — שוין גאָכן תענית?
גיין? און איך צו דרייצן יאָר פלעג זיך שוין פארליבן...

ער דערציילט, ווי אַ חלום, די געשיכטע פון זיין ער־שטער ליבע צו דעם שטובמיידל פון אַרכיטעקטאָר, ביי וועלכן ער האָט געלעבט אַלס שילער. שטיל פּלעסקעט דאָס גראָע וואַ־סער, אָפּשווענקענדיק די ווינקלען פון די געביידעס, היגטערן סאָבאָר בלישטשעט מאַט אַ וואַסער־ויסטע, ווו־נישט־ווו איבער איר הויבן זיך אויף שוואַרצע צווייגן פון הושענא־קוסטעס.

אין דעם איקאָנעס־וואַרשטאַט פלעגט מען אָפט זינגען אַ סעמינאַריש ליד:

ים, דו בלאָער,
ים, דו שטורמישער...

אַ טויטנדיקע לאַנגווייליקייט איז, מסתמא דערדאָזיקער בלאָער ים...

— קיין נעכט פלעג איך נישט שלאָפן, — רעדט דער באַ־רעבאָס. — ס'פלעגט טרעפן, כ'שטיי אויף פון בעט און כ'שטיי ביי איר טיר, כ'ציטער, ווי אַ הינטל,—די שטוב איז אַ קאַלטע געוועזן! אין די נעכט פלעגט זי דער באַלעבאָס באַזוכן, — ער האָט מיך געקענט פּאַקן, און איך האָב נישט מורא גע־האַט, יאָ...

ער רעדט פאַרטראַכט, ווי ער זאָל באַטראַכטן אַן אַלטן, אָפּגעטראָגענעם בגד — צי קען מען אָנטאָן נאָך אַמאָל אָדער נישט.

— זי האָט מיך באַמערקט, רחמנות געהאַט אויף מיר, צעעפנט די טיר און רופט: קום, נאַרעלע...

כ'האָב געהערט אַ סך אַזעלכע דערציילונגען, זיי האָבן מיר זיך צוגעגעסן, כאָטש זיי האָבן פאַרמאָגט אַן אָנגענעמען שטריך,—וועגן זייער ערשטער „ליבע" האָבן כמעט אַלע מענטשן גערעדט אָן באַרימעריי, נישט שמוציק און אָפטמאָל אַזוי פריינטלעך צאַרט און טרויעריק, אַז כ'האָב פאַרשטאַנען: דאָס

איז געווען דאָס בעסטע אין דערציי̈לערס לעבן. ביי אַ סך דאַכט זיך, איז בלויז דאָס געווען גוט.

לאַכנדיק און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, רופט פּאַרוואונדערט אויס דער באַלעבאָס:

— אָבער דעם ווייב וועסטו דאָס נישט זאָגן, אַ נעבעכטיקער טאָג! נו, וואָס איז דאָס אַזוינס? און וועסט נישט דערציילן? אָט אַן אַקציע...

ער דערציילט נישט מיר, נאָר זיך אַליין. ווען ער זאָל שווייגן, וואָלט איך גערעדט, — אין דערדאָזיקער שטילקייט און פּוסטקייט מוז מען רעדן, זינגען, שפּילן אויף אַ האַרמאָניקע, אַנישט וועסטו אויף אייביק איינשלאָפן מיט אַ שווערן שלאָף אינמיטן דער טויטער שטאָט, וועלכע איז פאַרזונקען געוואָרן אין גראָעם, קאַלטן וואַסער.

— קודם כל — האָב נישט חתונה פרי! — לערנט ער מיך. — חתונה האָבן — דאָס, ברודער איז אַ זאַך פון דער גרעסטער וויכטיקייט! לעבן קען מען ווו דו ווילסט און ווי דו ווילסט, — דיין ווילן. לעב אין פּערסיע אַלס מאַכמעדאַנער; אין מאָסקווע — אַלס פּאָליציאַנט, טרויער, גנבע — אַלץ לאָזט זיך פאַרריכטן! אָבער אַ ווייב — דאָס, ברודער, איז ווי אַ וועטער וועסט אים נישט פאַרריכטן... ניין! דאָס, ברודער, איז נישט קיין שטיוול — אַראָפּגענומען און אַוועקגעוואָרפן...

זיין פּנים האָט זיך געענדערט, ער האָט געקוקט אויפן גראָען וואַסער מיט צעבויפגעצויגענע ברעמען, געריבן מיטן פינגער די האָרבאַטע נאָז און געבורטשעט

— נ־יאָ, ברודער... קוק מיט ביידע אויגן! כאָטש צוריק גערעדט — דו בויגסט זיך אין אַלע זייטן, און שטייסט אַלץ גלייך... נו פונדעסטוועגן, — פאַר יעדן איז אויסגעשפּרייט זיין נעץ...

מיר פאָרן אַריין אין די קוסטעס פון מעשטשערסקער יעזשערע, זי האָט זיך צעבויפגעגאָסן מיט דער וואָלגע.

רודער שטילער, — שעפּטשעט דער באַלעבאָס, אָנשטעלנדיק די ביקס אין די קוסטעס

דערשיסנדיק עטלעכע מאָגערע וואַסערלויפערס, באַפעלט ער.

מיר פאָרן קיין קונאַווין! כ'וועל דאָרט פאַרבלייבן ביזן אָוונט, און דו וועסט זאָגן אינדערהיים, אַז כ'האָב זיך פאַר־האַלטן ביי די פּאַדריאַטשיקעס...

נאָכדעם ווי כ'האָב אים אַרויסגעזעצט אויף איינער פון די פאַרשטעט-גאַסן, וואָס איז אויך פאַרגאַסן פון געוויסער, קער איך זיך אום מיטן מאַרק אויף דער סטרעלקע, כ'בינד אָן דאָס שיפל און זיצנדיק אין אים, קוק איך אויף דעם צענויפגוס פון ביידע טייכן, אויף דער שטאָט אויף די דאַמפערס, אויפן הימל. דער הימל איז ווי אַ פוכקע-אויפגעשלאָגענער פליגל פון אַ ריזיקן פויגל, איינגאַנצן אין ווייסע פעדערן פון וואָלקנס. אין די בלאָע אָפגרונטן צווישן די וואָלקנס באַווייזט זיך אַ גאָל־דענע זון און מיט איין קוק אויף דער ערד ענדערט זי אויף איר אַלץ. אַלץ אַרום באַוועגט זיך מונטער און זיכער, דער שנעלער שטראָם פון טייך טראָגט לייכט אומציילִיקע רינגען פון די טראַטוועס; אויף די טראַטוועס שטייען פעסט בערדיקע פויערים, דרייען מיט לאַנגע רודערס און שרייען איינע אויפן צווייטן, אויפן אַנטקעגנקומענדיקן דאַמפער. אַ קליינער דאַמ־פער שלעפט קעגן שטראָם אַ פוסטע באַרזשע, דער טייך פאַרטראָגט אים, ווארפט אים, ער דרייט מיטן נאָז, ווי אַ העכט, און סאַפעט, זיך איינשפּאַרנדיק עקשנותדיק מיט די רעדער אין וואַסער, וואָס לויפט אים שטראָמיק אַנטקעגן. אויף דער באַרזשע, מיט אַראָפּהענגנדיקע פיס הינטערן באָרט, זיצן אַ פלייצע לעבן אַ פלייצע פיר פאַרשוין — איינער אין אַ רויט העמדל — און זינגען אַ ליד; קיין ווערטער הערט מען נישט, אָבער איך קען עס.

מיר דאַכט זיך, אַז דאָ, אויפן לעבעדיקן טייך, ווייס איך אַלץ, איז מיר אַלץ נאָענט, און כ'קען אַלץ באַגרייפן. און די פאַרטרונקענע שטאָט הינטער מיר, — איז אַ בייזער חלום, דעם באַלעבאָס, אַן אויסטראַכטעניש, אויך אַזאַ אומפאַרשטענד־לעכע, ווי ער אַליין.

אָנגעזעטיקט מיטן באַקוקן אַלץ, קער איך זיך אום אַהיים, פילנדיק זיך אַלס דערוואַקסענער מענטש, וואָס איז פעיק אויף יעדער אַרבעט. אויפן וועג קוק איך פון קרעמלער באַרג אויף דער וואָלגע, — פונדערווייטנס, פון באַרג, זעט די ערד אויס ריזיק גרויס און זאָגט צו צו געבן אַלץ, וואָס דו וועסט נאָר וועלן.

אינדערהיים האָב איך ביכער; אין דער וווינונג, וווּ ס'האָט געוווינט די מלכה מאַרגאָ, לעבט איצט אַ גרויסע משפחה: פינף פריילנס, איינע שענער פאַר דער צווייטער, און צוויי גימנאַזיסטן, — דידאָזיקע מענטשן געבן מיר ביכער. כ'לייען דורשטיק טורגעניעוון און וווּנדער זיך, ווי אַלץ ביי אים איז פאַרשטענדלעך, פּשוט און האַרבסטיק דורכזיכטיק, ווי ריין זיינע מענטשן זענען, און ווי גוט עס איז אַלץ וועגן וואָס ער איז מיליד מבשר.

כ'לייען פּאָמיאַלאָווסקיס, „בורסאַ"*) און בין אויך פאַרוווּנדערט: דאָס איז מאָדנע ענלעך אויפן לעבן פון דעם אַיקאָנעס-וואַרשטאַט, מיר איז אַזוי גוט באַקאַנט דער יאוש פון אומעט, וואָס קאָכט איבער אין אַכריותדיקער הפקרות.

ס'איז גוט געווען צו לייענען רוסישע ביכער, ס'האָט זיך שטענדיק געשפּירט אין זיי עפּעס באַקאַנטס און טרויעריקס, ריכטיק ווי צווישן די זייטלעך איז געהיים פאַרגליווערט געוואָרן דער גרויסטעניתדיקער גלאָקן-קלאַנג, — עפנסט נאָר דאָס בוך, קלינגט ער שוין שטילינקערהייט.

די „טויטע נפשות" האָב איך דורכגעלייענט אומגערן; „די כתבים פון טויטן הויז" — אויך „די טויטע נפשות", „דאָס טויטע הויז", „דער טויט", „דריי טויטן" „די לעבעדיקע הייליקן-ביינער" — די דאָזיקע איינטאָניקייט פון די בוך-טיטלען האָט נישט ווילנדיק געצווינגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט, וועקנדיק אַן אומקלאָרע אַנטיפּאַטיע צו אַזעלכע ביכער. „דער צייכן פון דער צייט", „אַ טריט נאָך אַ טריט", „וואָס זשע

---

*) שולע פאַר גייסטלעכע (איב.)

טאָן", „די כראָניק פון דאָרף סמורין" — זענען מיר אויך נישט געפעלן געוואָרן, ווי אַלע ענלעכע ביכער.

מיר זענען אָבער שטאַרק געפעלן געוואָרן דיקענס און וואַלטער סקאָט; דידאַזיקע מחברים האָב איך געלייענט מיט דער גרעסטער הנאה, צו צוויי מאָל, צו דריימאָל איינס-און-דאָסזעלבע בוך. וואַלטער סקאָטס ביכער האָבן דערמאָנט אַ יום-טובדיקן גאָטעסדינסט אין אַ רייכער צערקווע, — אַביסל לאַנג און לאַנגווייליק, אָבער שטענדיק פייערלעך; דיקענס איז געבליבן פאַר מיר אַ שרייבער, פאַר וועלכן איך נייג דעם קאָפּ מיט דרך-ארץ,—דערדאָזיקער מענטש האָט אויף אַ וואונדערלעכן אופן באַגריפן די שווערסטע קונסט פון ליבע צו מענטשן.

אין די אָוונטן פלעגט זיך אויפן גאַניק פון הויז צענויפ-קומען אַ גרויסע קאָמפּאַניע: די ברידער ק., זייערע שוועסטערס, האַלב-דערוואַקסענע מיידלעך; אַ גימנאַזיסט מיט אַ פּאַריסן נעזל וויאַטשעסלאַוו סעמאַשקאָ; אַמאָל פלעגט קומען די פרייליין פּטיצינאַ, די טאָכטער פון עפּעס אַ וויכטיקן באַאַמטן. מ'האָט גערעדט וועגן ביכער, וועגן לידער, — דאָס איז געווען נאָענט, פאַרשטענדלעך אויך מיר; כ'האָב געלייענט מער פאַר זיי אַלעמען. אָבער אָפטער פלעגן זיי זיך דערציילן וועגן גימנאַזיע, האָבן זיך באַקלאָגט אויף די לערערס; הערנדיק זייערע דער-ציילונגען, האָב איך זיך געפילט פרייער פאַר די חברים, כ'האָב זייער באַוואונדערט די קראַפט פון זייער געדולד, און פונ-דעסטוועגן זיי מקנא געווען — זיי לערנען זיך!

מיינע חברים זענען געווען עלטער פאַר מיר, אָבער איך האָב אין מיינע אייגענע אויגן אויסגעזען דערוואַקסענער, רייפער און דערפאַרענער פאַר זיי; דאָס האָט מיך אַביסל געשטערט— כ'האָב זיך געוואָלט שפּירן נענטער צו זיי.—כ'פלעג קומען אַהיים שפּעט אינאָוונט, אַ פאַרשטויבטער און שמוציקער, אָנגעזעטיקט מיט איינדרוקן פון אַ גאַנץ אַנדער קאַטעגאָריע, ווי זייערע, אין תוך גענומען זייער איינטאָניקע איינדרוקן. זיי האָבן זייער אַ סך גערעדט וועגן פרוילנס, זיך פאַרליבט דאָ אין איינער, דאָ אין אַ צווייטער, זיך פּרובירט פאַרפאַסן לידער; נישי-

זעלטן פלעגט אין דאָזיקן ענין נויטיק זיין מיין הילף, כ׳האָב זיך גערן געאיבט אין פערזן-פלעכטעריי, כ׳פלעג לייכט געפונען גראמען, אָבער כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר די לידער פלעגן ביי מיר שטענדיק אַרויסקומען הומאָריסטישע, און די פריילן פּטיצינאַ, פאַר וועלכער די לידער פלעגן אפשר פאַר איר באַשטימט ווערן. פלעג איך אומבאַדיגט פאַרגלייכן מיט גרינס,— מיט ציבעלעס.

סעמאשקאַ פלעגט מיר זאָגן:

— וואָס פאַראַ לידער זענען דאָס? דאָס זענען—שוסטערשע טשוועקעס.

נישט וועלנדיק אָפּשטיין פון זיי אין קיין זאַך, האָב איך זיך אויך פאַרליבט אין דער פריילן פּטיצינאַ. כ׳געדענק נישט, אין וואָס פלעגט זיך דאָס אויסדריקן ביי מיר, אָבער געענדיקט האָט זיך נישט גוט: איבער דעם פאַרשטונקענעם גרינעם וואַסער פון דער זוויאַזדינער סאַזשעלקע איז אַרומגע-שווימען אַ דיל-ברעט, און איך האָב פאַרגעלייגט צו דורכשיפן דאָס פריילן אויפן דאָזיקן ברעט. זי איז מסכים געווען, כ׳האָב צוגעפירט דאָס ברעט צום ברעג און זיך געשטעלט אויף אים, מיך איינעם האָט עס זייער גוט אויסגעהאַלטן. אָבער ווען דאָס פרעכטיק-אָנגעטועניע פריילן, איינגאַנצן אין שפּיצן און בענדער, האָט זיך גראציעז געשטעלט אויפן צווייטן עק ברעט, און איך האָב זיך שטאָלץ אָפּגעשטויסן מיט אַ פלאָקן פון ברעג, האָט דאָס פאַרשאָלטענע ברעט זיך געמומען דרייען אונטער אונז און דאָס פריילן איז פאַרזונקען אין דער סאַזשעלקע. ה׳האָב זיך ריטערלעך אַ וואָרף געטאָן נאָך איר, שנעל זי אַרויסגעשלעפּט אויפן ברעג, — דער שרעק און די גרינע בלאָטע פון דער סאַזשעלקע האָבן פאַרניכטעט די שיינקייט פון מיין דאַמע!

דראָענדיק מיר מיטן נאַסן פויסטעלע, האָט זי געשריגן:

— דאָס האָסטו מיך אומישנע דערטרונקען!

און נישט גלויבנדיק אין דער אויפריכטיקייט פון מיינע פאַרענטפערונגען, פון יענער צייט זיך אָנגעהויבן באַציען צו מיר פיינטלעך.

אין אַלגעמיין האָט זיך אין שטאָט געלעבט נישט זייער אינטערעסאַנט; די אַלטע באַלעבאָסטע האָט זיך באַצויגן צו מיר פיינטלעך, אַזוי ווי פריער; די יונגע האָט געקוקט אויף מיר מיט חשד; וויקטאָרושקאַ, וואָס איז נאָך מער געל געוואָרן פון די זומער שפּרענקלעך, האָט זיך אויף אַלעמען געבלאָזן, דורך עפּעס אומהייליבאַר באַליידיקט.

צייכנונג-אַרבעט האָט דער באַלעבאָס געהאַט אַסך; נישט באַוויינזנדיק זיך אַן עצה געבן מיט איר זאַלבעצווייט מיטן ברודער, האָט ער איינגעלאַדן אַלס געהיקף מיין שטיף-פאַטער.

איינמאָל בין איך געקומען פון מאַרק פרי, אַ זייגער פינף און, אַריינקומענדיק אין עס-צימער, דערזען ביים טיי-טיש, לעבן באַלעבאָס, דעם מענטשן, וועלכן כ׳האָב פאַרגעסן. ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט.

— שלום עליכם...

כ׳בין צעמישט געוואָרן פון אומגעריכטקייט, ווי אַ שרפה איז גלייך אויסגעבראָכן די פאַרגאַנגנהייט, אָפּגעבריט דאָס האַרץ.

— זיך אַזש איבערגעשראָקן, — האָט דער באַלעבאָס אַ געשריי געטאָן.

דער שטיף-פאַטער האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ שמייכל אויפן שרעקלעך מאָגערן פּנים; זיינע טונקעלע אויגן זענען נאָך געוואָרן גרעסער, ער איז אינגאַנצן געוועזן אַן אויסגע-ריבענער, צעקוועטשטער. כ׳האָב אַריינגערוקט די האַנט אין זיינע דינע, הייסע פינגער.

— גו, אָט, זיך ווידער געטראָפן, — האָט ער געזאָגט, אונטערהוסטנדיק.

כ׳בין אַוועק, אָפּגעשוואַכט, ווי אַ צעשלאָגענער.

ס׳האָבן זיך איינגעשטעלט צווישן אונז עפּעס אַזעלכע פאַרזיכטיקע און אומקלאָרע באַציונגען — ער האָט מיך גערופן ביים נאָמען און פאָטערס נאָמען, גערעדט מיט מיר ווי מיט אַ גלייכן.

— ווען איר וועט אַראָפּגיין אין קרעמל, זייט אַזוי גוט

און קויפט מיר אַ פערטל פונט טאַבאַק לאַ פערם, אַ מאָה גילזן וויקטאָרסאָן און אַ פונט געקאָכטן וואורשט...

דאָס געלט, וועלכעס ער פלעגט מיר געבן, איז תמיד געווען אומאָנגענעם אָנגעוואַרעמט דורך זיין הייסער האַנט. ס'איז געווען קלאָר, אַז ער איז אַ שווינדזיכטיקער און איז אַ גאַסט אויף דער ערד. ער האָט דאָס געוווסט און גערעדט מיט אַ רויקן באַסעלע, קרייזלענדיק דאָס שאַרפע שוואַרצע בערדל:

— כ'האָב אַ קראַנקהייט כמעט אַן אומהיילבאַרע. אגב, אויב מ'זאָל נוצן אַ סך פלייש, קען מען זיך פאַרבעסערן. ס'קען זיין איך וועל פאַרבעסערן.

געגעסן האָט ער אומגלויבלעך אַ סך, געגעסן און גערויכערט פאַפּיראָסן, אַרויסלאָזנדיק זיי פון מויל בלויז בעתן עסן. כ'פלעג אים יעדן טאָג קויפן וואורשט, גערויכערטע שינקע, סאַרדינען, אָבער דער באַבעס שוועסטער האָט זיכער און איבער עפּעס מיט אַ בייזער פרייד גערעדט:

— דעם טויט וועסטו מיט צובייסעכץ נישט זאַט מאַכן, זי וועסטו נישט אָפּנאַרן, ניין!

די באַלעבאַטים האָבן זיך באַצויגן צום שטיף-פאָטער באַליידיקנדיק אויפמערקזאַם, עקשנותדיק אים געעצהט אויספּרובירן די אָדער יענע רפואה, אָבער אונטער די אויגן האָבן זיי אים אויסגעלאַכט.

— אַ פריץ! ברעקלעך, זאָגט ער דאַרף מען אָפּטער אַראָפּשאַרן פון די טישן, פליגן, הייסט עס, מערן זיך פון ברעקלעך, — פלעגט דערציילן די יונגע באַלעבאָסטע, און די אַלטע פלעגט איר אונטערהעלפן:

— וואָס הייסט אַ פריץ! דער סורדוטעלע איז אינגאַנצן אויסגעריבן, פאַרשמאָלצן, און ער קראַצט אים נאָך כסדר מיט דער בערשטל. אַן אָפּגעפּיינטער, עס זאָל — קיין שטויבעלע נישט זיין!

און דער באַלעבאָס פלעגט זיי ווי טרייסטן:

— האָט געדולד, הינער-חיות, ער וועט שטאַרבן אינגיכן!...

דידאָזיקע זינלאָזע פיינטלעכע באַציאונג פון „מעשטשאַ־נעס״ צו אַ פריץ העלפט מיך נישט ווילנדיק דערנענטערט צום שטיף־פאָטער, אַ פליגן־שוואָם איז אויך אַ פּאַסקודנער שוואָם, אָבער כאָטש שיין!

דערשטיקט ווערנדיק צווישן דידאָזיקע מענטשן איז דער שטיף־פאָטער ענלעך געווען אויף אַ פיש, וואָס איז צופעליק אַרייַנגעפאַלן אין אַ הינער־שטייג, — אַ זינלאָזער פאַרגלייך, ווי זינלאָז עס איז געווען דאָסדאָזיקע גאַנצע לעבן!

כ׳האָב אָנגעהויבן געפינען אין אים שטריכן פון דער „שיינער זאַך״, — אַ מענטשן, וואָס איז אומפאַרגעסלעך פאַר מיר; אים און די מלכּה פלעג איך באַצירן מיט דאָס בעסטע, וואָס די ביכער פלעגן מיר געבן, זיי פלעג איך אָוועקגעבן דאָס פיינסטע אין איר, אַלע פאַנטאַזיעס, געבוירענע פון לייענען. דער שטיף־פאָטער איז אויך אַזאַ פרעמדער און אומבאַ־ליבטער מענטש, ווי די „שיינע זאַך״. ער האָט זיך מיט אַלעמען אין שטוב געהאַלטן גלייכמעסיק קיינמאָל נישט אָנגעהויבן רעדן דער ערשטער, געענטפערט אויף פראַגן עפּעס מאָדנע העפלעך און קורץ. מיר איז שטאַרק געפעלן געוואָרן, ווען ער פלעגט לערנען דעם באַלעבאָס: ער שטייט ביים טיש, איינגעבויגן אין צווייען, און, קלאַפּנדיק מיטן טרוקענעם נאָגל איבער דעם גראָבן פאַפיר, רעדט ער הויך אַריין אין באַלעבאָס;

— דאָ מוז מען פאַרבינדן די דאַך בעלקעס מיט אַ שלוס־שטיין. דאָס וועט איבערהאַקן די דרוק־קראַפט אויף די ווענט. אַנדערש וועלן די בעלקעס צעשפּאַרן די ווענט.

— ריכטיק, צו אלדי רוחות! — פלעגט בורטשען דער באַלעבאָס, און אַז דער שטיף־פאָטער פלעגט אַוועקגיין, פלעגט אים דאָס ווייב זאָגן:

— כ׳שטוין ממש, ממש, ווי אַזוי דו דערלויבסט דיר צו לערנען.

כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר באַזונדערס פלעגט זי אויפ־געבערעגט ווערן, ווען דער שטיף־פאָטער פלעגט נאָך אָונטברויט

רייניקן די ציין און שווענקען דאָס מויל, אויסבויגנדיק דעם שאַרפֿן גאָרגל.

— קויט מיין מיינונג, — פֿלעגט זי רעדן מיט אַ זויערן קול, — איז פֿאַר אייך, יעווגעני וואַסיליעוויטש, שעדלעך אַזוי צו פֿאַרבייגן דעם קאָפּ!

העפלעך שמייכלענדיק פֿלעגט ער פֿרעגן:

— אָבער פֿאַרוואָס?

— יאָ... אָט אַזוי...

ער פֿלעגט נעמען רייניקן מיט אַ ביינערן שטעקעלע זיינע בלאָלעכע נעגל.

— זעט נאָר, די נעגל רייניקט ער נאָך! — האָט זיך די באַלעבאָסטע אויפֿגערעגט. — אַ מינוט צום טויט, און מאַכט אַזעלכעס...

— עכע-כע! — פֿלעגט אָפּזיפֿצן דער באַלעבאָס. — וויפֿל נאַרישקייט, הינער-חיות, איז דאָס אָנגעוואַקסן אויף אייך...

— וואָס רעדסטו דאָס אַזוינס? — פֿלעגט דאָס ווייב אויפֿגעבראַכט ווערן.

און די אַלטע פֿלעגט זיך אין די נעכט ליידנשאַפֿטלעך באַקלאָגן פֿאַר גאָט:

— גאָטעניו, אָט האָט מען מיר אָנגעהאָנגען אויפֿן האַלז דעם פֿאַרפֿוילטן דעמדאָזיקן און וויקטאָרושקאַ איז ווידער ערגעץ ווו...

וויקטאָרושקאַ האָט גענומען נאָכמאַכן דעם שטיף-פֿאָטערס מאַניערן, זיין פֿאַמעלכן גאַנג, די זיכערע באַוועגונגען פֿון די פֿריצישע הענט; זיין קונסט עפּעס אַזוי באַזונדערס שיין אויסצובינדן אַ בינדע און פֿלינק, נישט טשמאָקענדיק, עסן, ער פֿלעגט יעדע רגע גראָב פֿרעגן:

— מאַקסימאָוו, ווי איז אויף פֿראַנצויזיש אַ קני?

— מיך רופֿט מען יעווגעני וואַסיליעוויטש, פֿלעגט רויק דערמאָנען דער שטיף-פֿאָטער.

— נו, גוט! און אַ ברוסט?

ביים אָוונטעסן פֿלעגט וויקטאָרושקאַ באַפֿעלן דער מוטער

— מאַ מער, דאָנגע מואַזאַנקאָר*) שפּעק!

— אָך, דו, פראַנצויזל, — פלעגט די אַלטע צעשמאָלצן ווערן.

דער שטיף־פאָטער פלעגט רויק־גלייכגילטיק, ווי אַ טויב־שטומער, קייען פלייש, נישט קוקנדיק אויף קיינעם.

איינמאָל האָט דער עלטערער ברודער געזאָגט צום יונגערן:

— איצט, וויקטאָר, ווען דו האָסט זיך שוין אויסגע־לערנט פראַנצויזיש, דאַרפסטו זיך אַ געליבטע איינשאַפן...

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, ווען דער שטיף־פאָטער, געדענק איך, האָט שווייגנדיק אַ שמייכל געטאָן.

און די באַלעבאָסטע האָט אויפגערעגט אַ וואָרף געטאָן דעם לעפל אויפן טיש און אַ געשריי געטאָן צום מאַן:

— ווי שעמסטו זיך נישט צו רעדן אין מיין געגנוואַרט מיאוסקייטן!

אַמאָל פלעגט דער שטיף־פאָטער אַריינקומען צו מיר אין פאָרהויז פון די הינטערשטע טרעפּ; דאָרט אונטער די שטיגן צום בוידעם, פלעג איך שלאָפן; אויף די שטיגן, קעגנאיבער פענסטער, פלעג איך לייענען ביכער.

— איר לייענט? — פלעגט ער פרעגן, אַרויסאָטעמענדיק רויך; אין זיין ברוסט האָבן געשיפּעט האַלאָוועשקעס. — וואָס איז דאָס?

כ'פלעג ווייזן דאָס בוך.

— אָך, פלעגט ער זאָגן, אַ קוק טוענדיק אויפן טיטל, — דאָס, דאַכט זיך האָב איך געלייענט! אפשר ווילט איר רויכערן?

מיר פלעגן רויכערן, אַרויסקוקנדיק דורכן פענסטער אויפן שמוציקן הויף; ער פלעגט זאָגן:

— אַ גרויסער שאָד, וואָס איר קענט זיך נישט לערנען. איר האָט, דאַכט זיך פעיקייטן...

— אָט לערן איך זיך, כ'לייען...

*) מיין מוטער, גיב מיר נאָך. (איב.)

דאָס איז ווינציק, ס'איז נויטיק אַ שולע, אַ סיסטעם...
ס'האָט זיך געוואָלט אים זאָגן:
— איר, מיין האַר, האָט געהאַט אי אַ שולע, אי אַ סיסטעם, און וואָס איז אַרויסגעקומען?
אָבער ער פלעגט צוגעבן, ווי ער זאָל זיך אָנשטויסן וועגן מיינע געדאַנקען:
— אויב מען האָט כאַראַקטער, — קען די שולע דערציען, דאָס לעבן קענען רירן פון אָרט בלויז זייער געבילדעטע מענטשן...
איינמאָל האָט ער מיר געעצהט:
— איר וואָלט בעסער אַוועק פון דאַנען, כ'זע דאָ נישט קיין זינען און קיין נוצן פאַר אייך...
— מיר געפעלן אַרבעטער
— אַ... מיט וואָס?
— ס'איז אינטערעסאַנט מיט זיי.
— אפשר...
און איינמאָל האָט ער געזאָגט:
— סאַראַ פּאַסקודסטוואָ עס זענען, אין גרונט גענומען, אונזערע באַלעבאַטים, אַ פּאַסקודסטוואָ...
זיך דערמאָנענדיק, ווי אַזוי און ווען מיין מוטער האָט אַרויסגערעדט דאָסדאָזיקע וואָרט, האָב איך זיך אומווילנדיק אָפּגערוקט פון אים, — ער האָט געפרעגט מיט אַ שמייכל:
— איר האַלט נישט אַזוי?
— יאָ.
— נו, יאָ... כ'זע דאָס.
— דער באַלעבאָס געפעלט מיר פונדעסטוועגן...
— יאָ, ער איז, מסתמא, אַ גוטער מאַנספּערשוין... אָבער אַ קאָמישער.
מיר האָט זיך געוואָלט רעדן מיט אים וועגן ביכער, אָבער, ווייזט אויס, אַז ער האָט נישט ליב געהאַט קיין ביכער און נישט איינמאָל מיר געעצהט:
— אַנטציקט זיך נישט אַזוי, אין ביכער איז אַלץ שטאַרק

צוגעפוצט, פאַרדרייט אין דער אָדער אין יענער זייט. די מערהייט פון די, וואָס שרייבן ביכער זענען מענטשן ווי אונ־זער באַלעבאָס אַ שטיינער — קלייניקע מענטשעלעך.

ענלעכע מיינונגען האָבן זיך מיר אויסגעזען געוואָגט און מיך אונטערגעקויפט.

עפּעס איינמאָל האָט ער מיך געפרעגט:

— איר האָט געלייענט גאָנטשאַראָוון?

— „פּרעקאָט פּאַלאַדאַ".

— דאָס איז זייער לאַנגווייליק, „פּאַלאַדאַ". אָבער אין אַלגעמיין איז גאָנטשאַראָוו דער סאַמער קלוגער שרייבער אין רוסלאַנד. כ'רעקאָמענדיר דורכצולייענען זיין ראָמאַן „אָבלאָמאָוו". דאָס איז זיין סאַמע אמתדיק און מוטיק בוך, און בכלל אין דער רוסישער ליטעראַטור — דאָס בעסטע בוך...

וועגן דיקענסן האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז נאַרישקייטן — גלויבט מיר... אָט אין די בייגלאַגעס צו דער צייטונג „נאָוואָיע ווּרעמיאַ" דרוקט זיך אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע זאַך „דער נסיון פון הייליקן אַנטאָני" — אָט דאָס לייענט דורך! איר האָט דאַכט זיך ליב די צערקווע און דאָס גאַנצע קירכעלעכע: דער „נסיון" וועט אייך נוצלעך זיין...

און ער האָט מיר אַליין געבראַכט אַ פּעקל בייגלאַגעס, כ'האָב דורכגעלייענט פלאָבערס טיף־קלוגע אַרבעט; זי האָט מיר דערמאָנט די אומצאָליקע לעבנס־באַשרייבונגען פון די הייליקע, עפּעס פון די געשיכטעס, וועלכע דער פּרעדיקער האָט דער־ציילט, אָבער קיין באַזונדערס טיפן איינדרוק האָט זי נישט געמאַכט; אַ סך מער זענען מיר געפעלן געוואָרן די דערלעבן אָפּגעדרוקטע „מעמואַרן פון אופּיליאָ פּיימאַלי, דעם חיות־באַ־צווינגער".

ווען כ'האָב זיך מודה געווען אין דעם פאַרן שטיף־פאָטער, האָט ער רויק באַמערקט:

— הייסט עס, נאָך פרי פאַר אייך צו לייענען אַזעלכע זאַכן! פאַרגעסט אָבער נישט וועגן דאָזיקן בוך...

אַמאָל פלעגט ער לאַנג זיצן מיט מיר, נישט אויסרעדנ־דיק קיין וואָרט, בלויז צוהוסטנדיק און אומאויפהערלעך אַרויס־זעצנדיק אַ רויך. זיינע שיינע אויגן האָבן אימהדיק געברענט.

כ'פלעג שטילערהייט קוקן אויף אים און פאַרגעסן, אַז דערדאָזיקער מענטש, וואָס שטאַרבט אַזוי ערלעך און פשוט, נישט באַקלאָגנדיק זיך, איז אַמאָל נאָענט געווען צו מיין מוטער און זי באַליידיקט. כ'האָב געוווסט, אַז ער לעבט מיט עפּעס אַ נייטאָרקע, און געטראַכט וועגן איר מיט שטוינונג און רחמנות: ווי עקלט זי זיך נישט אַרומצונעמען דידאָזיקע לאַנגע ביינער, קושן דאָסדאָזיקע מויל, פון וועלכן עס טראָגט אַ שטאַרקער ריח פון פוילעניש? פונקט אַזוי, ווי די „שיינע זאַך". פלעגט דער שטיף־פאָטער אומגעריכט זאָגן עפּעס זייער אייגנס:

— כ'האָב ליב יאַגד־הינט, זיי זענען נאַריש, כ'האָב זיי אָבער ליב! זייער שיין. שיינע פרויען זענען אָפט נאַריש...

כ'פלעג נישט אָן שטאָלץ טראַכטן:

„וואָלסט נאָר געקענט די מלכּה מאַרגאָ!"

— אַלע מענטשן, וועלכע לעבן לאַנג אין איין הויז, באַקומען דיזעלביקע פּנימער, — האָט ער איינמאָל געזאָגט; כ'האָב דאָס פאַרשריבן אין מיין העפט.

כ'כאָב געוואַרט אויף דידאָזיקע מימראס ווי אויף נדבות, — ס'איז אָנגענעם געווען צו הערן אומגעוויינלעכע ווערטער־פאַר־בינדונגען אין אַ שטוב, וווּ אַלע האָבן גערעדט מיט אַ פאַרב־לאָזן לשון, וואָס איז פאַרשטיינערט געוואָרן אין אָפּגעריבענע, איינטאָניקע פאָרמען.

דער שטיף־פאָטער האָט קיינמאָל נישט גערעדט מיט מיר וועגן דער מוטער, אפילו איר נאָמען, דאַכט זיך, האָט ער קיינמאָל נישט אַרויסגערעדט; דאָס איז מיר זייער געפעלן געווען, וועקנדיק אַ געפיל, וואָס איז נאָענט געווען צו אַכטונג פאַר אים.

איינמאָל עפּעס האָב איך אים געפרעגט וועגן גאָט, —

כ׳געדענק נישט געגוי, וואָס אַזוינס; ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און זייער רויק געזאָגט.

— כ׳ווייס נישט. כ׳גלויב נישט אין גאָט.

כ׳האָב זיך דערמאָנט סיטואַציע און דערציילט וועגן אים, און דער שטיף־פאָטער אויסהערנדיק מיך אויפמערקזאַם, האָט אַלץ אַזוי רויק באַמערקט:

— ער חקרנט זיך, און ווער עס חקרנט זיך גלויבט נאָך אין עפּעס... אָבער איך. פּשוט — כ׳גלויב נישט!

— צי דען קען מען דאָס?

— פאַרוואָס נישט קענען? אָט זעט איר דאָך — כ׳גלויב נישט...

כ׳האָב געזען איינס — ער שטאַרבט אָפּ. כ׳גלויב נישט כ׳זאָל האָבן רחמנות געהאַט אויף אים, אָבער דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערשפּירט דעם שאַרפן און נאַטירלעכן אינטערעס צו אַ גוססדיקן נאָענטן, צום סוד פון טויט.

אָט זיצט אַ מענטש, מיך אָנרירדיק מיט דער קני, אַ אַ הייסער, אַ דענקנדיקער; זיכער שטעלט ער אויס די מענטשן לויט די ליניעס פון זיינע באַציאונגען צו זיי; ער רעדט וועגן אַלץ, ווי איינער וואָס האָט די מאַכט צו משפּטן און אַנטשיידן, — ער האָט אין זיך עפּעס נויטיקס פאַר מיר, אָדער עפּעס גוטעס, וואָס טיילט אויס דאָס אומנויטיקע פאַר מיר. דאָס איז אַ וועזן פון אומבאַגרייפלעכער קאָמפּליצירטקייט, אַ באַהעלטער פון אַ אומענדלעכן געדאַנקען־ווירבל; ווי איך זאָל זיך נישט באַציען צו אים, שטעלט ער מיט זיך פאַר אַ טייל פון מיך גופא, ער לעבט ערגעץ־ווו אין מיר, כ׳טראַכט וועגן אים, און דער שאָטן פון זיין נשמה ליגט אויף מיין נשמה. מאָרגן וועט ער אינגאַנצן פאַרשווינדן, אינגאַנצן, מיט אַלץ, וואָס איז פאַרבאָרגן אין זיין קאָפּ, אין האַרצן, און וואָס איך — דאַכט זיך מיר — קען לייענען אין זיינע שיינע אויגן. ווען ער וועט פאַרשווינדן — וועט איבערגעריסן ווערן איינער פון די לעבעדיקע פעדים, וואָס פאַרבינדן מיך מיט דער וועלט, ס׳וועט איבערבלייבן די דערינגערונג, אָבער — זי איז אינגאַנצן אין מיר, אויף אייביק

באַגרענעצט, אומפאַרענדעלעך. אָבער דאָס לעבעדיקע דאָס, וואָס ענדערט זיך — וועט אַוועק...

אָבער דאָס זענען געדאַנקען, און הינטער זיי ליגט יענץ אומאויסדריקלעכע אין ווערטער, וואָס געבוירט און דערנערט זיי, וואָס צווינגט הערשעריש זיך איינצוקוקן אין די דערשיי־נונגען פון לעבן, פאָדערט פון יעדער פון זיי אַן ענטפער — צו וואָס?

— ס׳דאַכט זיך, כ׳וועל זיך אינגיכן לייגן, — האָט אייב־מאָל דער שטיף־פאָטער געזאָגט אין אַ רעגנדיקן טאָג. — סאַראַ נאַרישע שוואַכקייט! און קיין זאַך ווילט זיך נישט...

אויפן צווייטן טאָג, ביים אָוונט־טיי, האָט ער באַזונדערס פלייסיק אַראָפּגעשאָרט פון טיש און פון די קני די ברעקלעך ברויט, האָט אָפּגעטריבן פון זיך עפּעס אומזעבאַרעס, און די אַלטע באַלעבאָסטע האָט געקוקט אויף אים פון דער זייט און געפּליסטערט דער שנור:

— זע נאָר — ער פּוצט זיך די פעדערן, רייניקט זיך...

אין אַ צוויי טאָג אַרום איז ער נישט געקומען אַרבעטן, און דערנאָך האָט מיר די אַלטע באַלעבאָסטע אַריינגערוקט אין האַנט אַ גרויסן ווייסן קאָנווערט און געזאָגט:

— נאַדיר, נעכטן נאָך האָט׳ס אַ ווייבעלע געבראַכט, אַרום האַלבן טאָג, כ׳האָב אָבער פאַרגעסן אָפּצוגעבן. אַ באַחנט ווייבעלע אַזאַס, אָבער וואָס זי קער זיך מיט דיר אָן — ווייס איך נישט, בנאמנות!

אין קאָנווערט, אויף אַ בלאַנק פון שפּיטאָל, איז אָנגע־שריבן געווען מיט גרויסע אותיות:

„אַז איר וועט האָבן אַ פרייע שעה, קומט צו זיך זען. כ׳בין אין מאַרטינאָווסקעס. יע. מ.”

אויפן צווייטן טאָג, אינדערפרי, בין איך געזעסן אין שפּיטאָל־זאַל, אויף דעם שטיף־פאָטערס בעטל; ער איז לענגער געווען פאַר דעם בעטל, און די פיס זיינע, אין גראָע צוזאַ־מענגעדרייטע שקאַרפּעטקעס, האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט דורך די שטאַכעטן פון בעט־ווענטל. די שיינע אויגן, מוטנע באַקאַנ־

דזשענדיק איבער די געלע ווענט, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף מיין פּנים און אויף די קליינע הענט פון מיידל, וועלכע איז געזעסן אויף אַ טאַבורעט צוקאָפּנס. זי האָט אַוועקגעלייגט די הענט אויפן קישן, און דער שטיף־פאָטער האָט געריבן אין זיי די באַק, מיט אַ צעעפנטן מויל. דאָס מיידל איז געווען אַ פּולס, אין אַ טונקל גלאַט קלייד; איבער איר אָוואַלן פּנים זענען לאַנגזאַם אַראָפּגערונען טרערן; די נאַסע בלאָע אויגן האָבן, נישט אָפּרייסנדיק זיך, געקוקט דעם שטיף־פאָטער אין פּנים, אויף די שאַרפע ביינער, אויף דער גרויסער פאַרשפּיצטער נאָז און דעם טונקעלן מויל.

— אַ גלח וואָלט מען באַדאַרפט, — האָט זי געשעפּטשעט,— און ער הייסט נישט... פאַרשטייט גאָרנישט...

און אַראָפּנעמענדיק די הענט פון קישן, האָט זי זיי צוגעדריקט צו דער ברוסט, ווי זי וואָלט תּפילה געטאָן.

אויף אַ מינוט איז דער שטיף־פאָטער געקומען צו זיך, אַ קוק געטאָן אין פּולאָפּ אַריין, ערנסט אָנכמורענדיק זיך, ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט, דערנאָך אַ פיר געטאָן צו מיר זיין אויסגעצערטע האַנט.

— איר? אַ דאַנק. אָט זעט איר... כ׳פיל זייער נאָריש... זיך...

דאָס האָט אים פאַרמאַטערט, ער האָט צוגעמאַכט די אויגן; איך האָב געגלעט זיינע לאַנגע קאַלטע פינגער מיט בלאָע נעגל, דאָס מיידל האָט שטיל געבעטן:

— יעווגעני וואַסיליעוויטש, זייט מספּים. כ׳בעט אייך!

— אָט באַקענט זיך,—האָט ער אַרויסגערעדט, אָנווייזנדיק אויף איר מיט די אויגן.—אַ ליבער מענטש...

אַנטשוויגן געוואָרן, נאָך ברייטער צעעפענענדיק דאָס מויל, און פּלוצלינג אַ געשריי געטאָן, הייזעריק, ווי אַ קראָ; זיך גענומען וואַרפן אויפן בעטל, צעגויפדרייענדיק די דעקע, שאַרנדיק אַרום זיך מיט נאַקעטע הענט; דאָס מיידל האָט אויך אַ געשריי געטאָן, פאַרשטעקנדיק דעם קאָפּ אין דער צעקנייטשטער קישן.

געשטאָרבן איז דער שטיף־פאָטער שנעל; געשטאָרבן און בלייך שענער געוואָרן.

פון שפּיטאָל בין איך אַרויס געאָרעמט מיט דעם מיידל. זי האָט זיך געוואַקלט, ווי אַ קראַנקע, געוויינט. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ צענויפגעקנוילט טיכל; נאָך דער ריי נאָך צולייגנדיק אים צו די אויגן, האָט זי אַלס שטייפער צונויפגעדריקט דאָס טיכל און געקוקט אויף אים אַזוי, ריכטיק ווי דאָס וואָלט געווען איר טייערסטער און לעצטעס.

פלוצלינג איז זי שטיין געבליבן, זיך צוטוליענדיק צו מיר, און גערעדט מיט אַ פאָרוואורף:

— אַפילו ביז ווינטער נישט דערלעבט... אָך, גאָטעניו, גאָטעניו, וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס?

דערנאָך האָט זי מיר דערלאַנגט אַ האַנט, אַ נאַסע פון טרערן.

— זייט געזונט. ער האָט אייך זייער געליובט. ־־ לויה — מאָרגן.

— באַגלייטן אייך אַהיים?

זי האָט זיך אומגעקוקט.

— צו וואָס? איצט איז טאָקע נישט נאַכט.

פון הינטערן ראָג געסל האָב איך איר נאָכגעקוקט, — זי איז געגאַנגען שטיל, ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך נישט וואוהין צו איילן.

ס'איז געשטאַנען אויגוסט, פון די ביימער זענען שוין געפאַלן בלעטער.

כ'האָב נישט געפונען קיין צייט צו באַגלייטן דעם שטיף־פאָטער אויפן בית־עולם, און כ'האָב שוין מער קיינמאָל נישט געזען דאָסדאָזיקע מיידל...

XVII

יעדן פרימאָרגן, זעקס אַ זייגער, פלעג איך גיין צו די
אַרבעטן, אויפן מאַרק. דאָרט פלעגן מיך באַגעגענען אינטערע-
סאַנטע מענטשן: דער טשעסליאַר אָסיפּ, אַ גראָבעטשקער, אַן
אָנלעכער אויף ניקאָלאַי אוגאָדניק, אַ געשיקטער אַרבעטער און
אַ וויצלינג; דער הויקערדיקער דאַך-דעקער יעפימושקאַ, דער
גאָטספאָרכטיקער מויערער פּיאָטר, אַ פאַרטראַכטער מענטש,
וואָס איז אויך ענלעך געווען אויף אַ הייליקן; דער טינק-אַר-
בעטער גריגאָרי שישקין, אַ בלאָנדבערדיקער, בלאָאויגיקער
בילד-שיינער יונג, וועלכער האָט געשיינט מיט אַ שטילער
גוטסקייט.

כ'האָב דידאָזיקע מענטשן געקענט אין צווייטן פעריאָד
פון מיין לעבן ביים צייכנער; יעדן זונטיק פלעגן זיי זיך באַ-
ווייזן אין קיך, געזעצטע, חשובע, מיט אָנגענעמע רייד, מיט
נייע פּאַר מיר, געשמאַקע ווערטער. דידאָזיקע אַלע סאָלידע
פויערים האָבן מיר זיך דאַן אויסגעוויזן בולטע, דורך און
דורך גוטע; יעדער איז אויף זיין אַרט געווען אינטערעסאַנט,
אַלע האָבן זיך גינסטיק אויסגעטיילט פון די בייזע, גנבישע
און שפּורע מעשטשאַנעס פון קוואַווינער פאָרשטאָט.

מער פאַר אַלע איז מיר דאַן געפעלן געווען דער טינק-
אַרבעטער שישלין, כ'האָב זיך אַפילו געבעטן ער זאָל מיך צו-
נעמען צו זיך אין אַרטעל אָבער ער האָט מיר ווייך אָפּגעזאָגט,
ראַצנדיק דעם גאָלדענעם ברעם מיט אַ ווייסן פינגער:

— נאָך פרי פאַר דיר, אונזער אַרבעט איז נישט קיין גרינגע וואַרט צו אַ יאַר צוויי...

דערנאָך, פאַרוואַרפנדיק דעם שיינעם קאָפּ, האָט ער געפרעגט:

— וואָס, ס'לעבט זיך נישט גוט? נור ס'מאַכט נישט, לייד צו, דריק זיך פעסטער צענויף אַליין, וועסט דאַן — אויסהאַלטן!

כ'ווייס נישט, וואָס מיר האָט געגעבן דידאָזיקע גוטע עצה, כ'האָב זי אָבער דאַנקבאַר איינגעהיט אין זכרון.

אויך איצט פלעגן זיי קומען צו מיין באַלעבאָס יעדן זונטיק אינדערפרי, פלעגן זיך אויסזעצן אויף די בענק אַרום קיך־טיש און, וואַרטנדיק אויפן באַלעבאָס, אינטערעסאַנט שמועסן. דער באַלעבאָס פלעגט זיך טומלדיק און פריילעך באַגריסן מיט זיי, דריקנדיק די שטאַרקע הענט, זיך זעצן אין פאַדערשטן ווינקל. ס'פלעגן זיך באַווייזן רעכן־ביינדלעך, אַ פעקל געלד, די פויערים פלעגן אויסלייגן אויפן טיש זייערע חשבונות, צעקנייטשטע נאָטיץ־ביכלער, — ס'פלעגט זיך אָנהויבן די אָפּרעכנונג פאַר דער וואָך.

שפּאַסנדיק און פלוידערנדיק פלעגט דער באַלעבאָס זיך באַמיען זיי אָפּצונאַרן, און זיי — אים; אַמאָל פלעגט מען זיך געזונט קריגן אָבער אָפטער — פריינטלעך לאַכן.

— עך, ליבער מענטש, אַ זשוליק ביסטו אַ געבוירענער! — פלעגן די פויערים זאָגן צום באַלעבאָס.

ער פלעגט ענטפערן, פאַרשעמט אונטערלאַכנדיק:

נו, אויך איר הינער־חיות, זענט, נישקשהדיק זשוליקעוואַטע!

— טאָ ווי־זשע אַנדערש, ליבער? — פלעגט יעפימושקאַ זיך מודה זיין, און דער ערנסטער, פיאָטר פלעגט זאָגן:

— מ'לעבט דערפון, וואָס מ'גנבעט צו, און וואָס דו אַרבעטסט אויס — פאַר גאָט און פאַרן קייסער...

— נו, טאָ האָב איך חשק אייך אַרומצופּן! — פלעגט דער באַלעבאָס לאַכן.

זיי פלעגן אים גוטמוטיק אונטערהאַלטן:

— דעם אויער אויסמאַכן, הייסט עס?

— אין באָד פירן?

צודריקנדיק מיט די הענט צו דער ברוסט די צעוואַקסענע באָרד, פלעגט זיך גריגאָרי שישלין בעטן:

— ברידערלעך, אָט לאָמיר האַנדלען פשוט, אָן שווינדל? וואָרום אויב מ׳זאָל ערלעך לעבן, — איז דאָך אַזוי גוט, רואיק, אַ? עולם ערלעכער, אַ?

זיינע בלאָע אויגן פלעגן טונקעלער ווערן, פייכט ווערן; אין דידאָזיקע מאָמענטן פלעגט עס זיין וווּנדערלעך שיין, זיין בקשה פלעגט אַלעמען אַביסל זשעניר‌ן, אַלע פלעגן זיך פאַרשעמט אָפּקערן פון אים.

— אַ פּויער וועט אויף קיין סך נישט גענאַרן, — פלעגט דער גאָטספאָרכטיקער אָסיפּ בורטשען מיט אַ זיפץ, ווי ער זאָל באַדויערן דעם פּויער,

איינבויגנדיק איבערן טיש די אויסגעקרימטע פּלייצע האָט דער פינסטערער מויערער געדיכט גערעדט:

— אַ זינד איז ווי אַ זומפּ—וואָס ווייטער אַלץ קלעפּיקער? און דער באַלעבאָס בורטשעט אין טאָן פון זייערע רייד:

— איך—וואָס בין שולדיק? ווי מ׳בעט, אַזוי בעט מען אויס...

אָפּגעפילאָזאָפירט, פּרובירט מען זיך ווידער אָפּפרייערן איינער דעם צווייטן, און אַז מ׳האָט זיך שוין אויסגערעכנט, גייט מען פאַרשוויצטע און מידע פון אָנשטרענגונג, אין שענק אַריין טרינקען טיי, איינלאַדנדיק אויך דעם באַלעבאָס.

אויפן מאַרק האָב איך באַדאַרפט אכטונג געבן, דידאָזיקע מענטשן זאָלן נישט גנבענען קיין טשוועקעס, ציגל, ברעטער; יעדער פון זיי האָט אַ חוץ דער אַרבעט ביי מיין באַלעבאָס געהאַט אייגענע פאַדריאַדן און יעדער האָט זיך באַמיט אַראָפּציען וואָס נישט איז ביי מיר פון אונטערן נאָז פאַר זיין געשעפט.

זיי האָבן מיך באַגעגנט פריינטלעך, און שישלין האָט געזאָגט.

— געדענקסט, האָסט זיך געבעטן אין אַרטעל צו מיר? און איצט — אוֹאַ, ווי דו ביסט דערהויבן געוואָרן, ווערסט זיין איבער מיר אַ האַר, אַ?

נו, נו, — האָט אָסיפּ געשפּאָסט, — גיב אַכטונג און היט גאָט זאָל פאַרגרינגערן דיין געמיט.

פּיאָטר האָט אומפריינטלעך באַמערקט:

מ'האָט אוועקגעשטעלט אַ יונגן באַטשאַן אַנצופירן מיט אַלטע מייז...

מיינע פליכטן זענען מיר שרעקלעך געווען אומאנגענעם; מיר איז געווען אַ חרפּה פאַר דידאָזיקע מענטשן, — זיי אַלע, האָט זיך געדאַכט, ווייסן עפּעס באַזונדערס, גוטעס און קיין איינעם, אַ חוץ זיי, נישט באַקאַנטס, און איך דאַרף קוקן אויף זיי ווי אויף גנבים און שווינדלער. די ערשטע טעג איז מיר געווען שווער מיט זיי, אָבער אָסיפּ האָט דאָס אינגיכן באַמערקט און איינמאָל, אונטער פיר אויגן, האָט ער מיר געזאָגט:

— אָט וואָס בחורל, הער זיך אויף צו בלאָזן, דאָס איז אומזיסט — פאַרשטאַנען?

כ'האָב, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען, נאָר דערפילט, אַז דער אַלטער פאַרשטייט דעם אומזין פון מיין לאַגע, און אינגיכן האָבן זיך ביי מיר מיט אים איינגעשטעלט אָפנהאַרציקע באַציאונגען.

ער פלעגט מיך לערנען ערגעץ ווו אין אַ ווינקל:

— צווישן אונז, אויב, דו ווילסט שוין וויסן, איז דער הויפּט-גנב — דער מויערער פּעטרוכע; ער איז אַ מענטש אַ מטופּל, אַ גיריקער. אויף אים — קוק מיט ביידע אויגן, ער בראַקירט קיין זאַך נישט, אַלץ טויג פאַר אים: אַ פונט טשוועקעס, אַ צענדליק ציגל, אַ זאַק וואַפנע, — אַלץ גיב אים אַהער! אַ גוטער מענטש איז ער אַ גוטער, אַ פרומער מיט שטרענגע מידות, קען לייען-שרייבן, נו, אָבער גנבענען האָט ער ליב? יעפימושקאַ לעבט מיט ווייבער, ער איז אַ רויקער, פאַר דיר אַן אומשעדלעכער. ער איז אויך אַ קלוגער, הויקערדיקע זענען קיינער קיין נאַראָנים נישט! אָבער גריגאָרי שישלין —

דערדאָזיקער איז אַביסל נאַרעשעוואַטע, נישט נאָר קיין פרעמדס וועט ער נישט נעמען, נאָר דאָס אייגענע וואָלט ער אָפּגעגעבן! ער אַרבעט איינגאַנצן אויף גאָרנישט, אים קען יעדער גענאַרן, און ער — קען נישט! אָן שכל פירט ער זיך...

— ער איז אַ גוטער?

אָסיפּ האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר עפּעס ווי פֿאַרווייטנס און געזאָגט וואָגיקע ווערטער:

— ריכטיק, אַ גוטער! פאַר אַ פוילן גוט זיין — איז דאָס פשוטסטע; גוטסקייט, בחור, האָט נישט נויטיק קיין שכל...

— נו, און דו אַליין? — האָב איך געפרעגט אָסיפּן. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— איך בין—ווי אַ מיידל,—כ'וועל אַ באָבע זיין, וועל איך דאַן זאָגן וועגן זיך, דערווייל וואַרט אונטער! אַ נישט — זוך מיטן שכל, ווו איך באַהאַלט זיך אויס, — זוך אַביסל, אדרבה!

ער פלעגט איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ אַלע מיינע פאַרשטעלונגען וועגן אים און זיינע פריינט. מיר איז שווער געווען צו צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון מיינע מיינונגען,—כ'האָב געזען, אַז יעפימושקאַ, פיאָטר, גריגאָרי האַלטן דעם גאַטספאַרכטיקן אַלטן פאַר קליגער און דערפאַרענער אין אַלע וועלטזאַכן, ווי זיך אַליין. זיי פלעגן זיך וועגן אַלץ אָן עצה האַלטן מיט אים, אויסהערן זיינע עצהס אויפמערקזאַם, אַרויסווייזן אים פאַרשידענע צייכנס פון אַכטונג.

— טו אַ טובה, גיב אונז אַן עצה, — פלעגן זיי אים בעטן, אָבער נאָך איינער אַזאַ בקשה, ווען אָסיפּ איז אָפּגעגאַנגען, האָט דער מויערער שטיל געזאָגט צו גריגאָרין:

— אַן אַפּיקורס.

און גריגאָרי האָט מיט אַ שמייכל צוגעגעבן:

— אַ ליץ!

דער טינק-אַרבעטער האָט מיך פריינטלעך געוואָרנט:

— גיב אַכטונג, מאַקסימיטש, מיטן אַלטן דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק, ער וועט דיך אין איין שעה אין זאַק אַריינגנאַרן!

אַט אַזעלכענע אַלטיטשקע בייסיקע — זאָל גאָט שומר ומציל זיין ווי שעדלעך זיי זענען!

כ'האָב גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער ערלעכסטער און גאָטס־פאָרכטיקסטער מענטש איז דער מויערער פיאטר; ער פלעגט וועגן אַלץ רעדן קורץ, איבערצייגנדיק, זיין געדאַנק פלעגט זיך אָפּטער פאַר אַלץ אָפּשטעלן אויף גאָט, גיהנום און טויט.

— עך, חברה־ברידער, אויף וואָס דו זאָלסט נישט האָפן, ווי דו זאָלסט נישט ליידן, אָבער די טרומנע און דעם בית־עולם וועט קיינעם נישט מיידן!

שטענדיק פלעגט אים וויי טאָן דער בויך, און ס'פלעגן טרעפן טעג, ווען ער האָט אינגאַנצן נישט געקענט עסן; אַפילו אַ קליין שטיקעלע ברויט פלעגט ביי אים אַרויסרופן ווייטאקן ביז קאָנווולסיעס און אַ פּייניקנדיקע איבלקייט.

דער הויקער יעפּימושקאַ האָט אויך אויסגעזען צו זיין זייער אַ גוטער און ערלעכער, אָבער שטענדיק אַ קאָמישער, צייטנווייז — אַפילו אַ משוגענער, ווי אַ שטילער נאַרעלע. ער פלעגט זיך כסדר פאַרליבן אין פאַרשידענע פרויען און האָט וועגן אַלע גערעדט מיט איינע און דיזעלבע ווערטער:

מיט איין וואָרט: נישט קיין פרוי, נאָר אַ בלום אין סמע־טענע, בייגאָט!

ווען די ווילדערישע קונאווינער מעשטשאַנקעס פלעגן קו־מען וואַשן די דילן אין די קראָמען, פלעגט זיך יעפּימושקאַ אַראָפּלאָזן פון דאַך און, שטעלנדיק זיך ערגעץ־ווו אין ווינקל, מורמלען, פאַרזשמורנדיק די גראָע, לעבעדיקע אויגן, צעציענדיק דעם גרויסן מויל ביז די אויערן:

— סאַראַ קערנדיקע ווייבעלע גאָט האָט מיר צוגעשיקט; סאַראַ פרייד ס'האָט אַראָפּגענידערט אויף מיר; נו, וואָס זשע פאַראַ בלום אין סמעטענע איז דאָס, און ווי זשע זאָל איך דעם גורל אָפּדאַנקען פאַר אַזאַ געשאַנק? כ'וועל דאָך פון אַזאַ שיינקייט אַ לעבעדיקער פאַרברענט ווערן!

פון אָנהויב פלעגן די ווייבער אָפּלאַכן פון אים, שרייענ-דיק איינע צו דער צווייטער:

— זעט נאָר, ווי דער הויקער שמעלצט זיך, אַך מאַ-מעלע אַך!

זייער חוזק פלעגט אויף קיין האָר נישט אָנרירן דעם דאַך-דעקער, זיין סקוליק פּנים פלעגט ווערן שלעפּעריק, ער פלעגט רעדן, ווי פון היץ, זיסע ווערטער זענען געפלאָסן מיט אַ שכורן שטראָם און קאָנטיק פאַרשכורט די פרויען.

ענדלעך פלעגט איינע פון די עלטערע זאָגן פאַרוווּנדערט צו די חברטעס:

— הערט נאָר, ווי דער פויער פּלאָגט זיך, ווי אַ יונגער בחור!

— ווי אַ פויגל זינגט ער!

— אָדער ווי אַ בעטלער פאַרן צערקווע, — פלעגט נישט נאָכגעבן אַ פאַרעקשנטע.

אָבער יעפימושקא איז נישט ענלעך געווען אויף קיין בעטלער; ער איז געשטאַנען פעסט, ווי אַ וואַרצלדיקער פניאַק, זיין קול האָט געקלונגען אַלץ לאַקנדיקער, די ווערטער זענען געוואָרן אַלץ צוציענדיקער, די ווייבער האָבן זיי געהערט שווייגנדיק, ער פלעגט, באמת, ווי צעשמאָלצן ווערן אין צאַרטע, פאַרשכורנדיקע רייד.

ענדיקן פלעגט זיך דאָס דערמיט, וואָסביים פאַרנאַכט-עסן, אָדער נאָכן פייעראָוונט פלעגט ער פאַרוווּנדערט רעדן צו די חברים, שאָקלענדיק מיט זיין שווערן, קאַנטיקן קאָפּ:

— נו, סאַראַ זיסינקע ווייבעלע דאָס איז, סאַראַ פריינט-לעכע, — דעם ערשטן מאָל אין לעבן זיך צוגעריירט צו אַזאַ!

דערציילנדיק וועגן זיינע דערפאָלגן, פלעגט זיך יעפי-מושקא נישט באַרימען, נישט חוזקן פון דער באַזיגטער, ווי דאָס פלעגן שטענדיק טאָן די אַנדערע. ער פלעגט בלויז פריידיק און דאַנקבאַר גערירט זיין, און די גראָע אויגן זיינע פלעגן זיך פאַרוווּנדערט ברייט עפענען.

שאָקלענדיק מיטן קאָפּ פלעגט אָסיפּ אויסשרייען:

— אַך, דו, אומפּאַרטײַיקבאַרער מאַנסביל! דער װיפל־טער יאָר גײט דיר?

— און יאָרן האָב איך — פיר און פערציק. אָבער דאָס איז נאָרנישט! כ׳בין הײַנט אויף אַ פינף יאָר ייִנגער געװאָרן, װי אין אַ טײַך זיך אויסגעבאָדן אין לעבעדיק װאַסער, גע־זונטער געװאָרן אינגאַנצן, אויפן האַרצן איז רואיק! נײַן, — פאַרװאָס פּרוּװען עס זענען אַלץ דאָ, אַ?

דער מויערער האָט שטרענג געזאָגט צו אים:

— אַז דו װעסט אַריבערטרעטן דעם פינפטן צענדליק, געדענק, — ביטער װעלן דיר אָנקומען די שענדלעכע גע־װוינהײטן דײַנע!

— האָסט קײן חרפּה נישט, יעפימושקאַ, — האָט געזיפצט אַריבאָרי שישלין.

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער שײנער יונג איז מקנא דעם הויקערס דערפאָלג.

אָסיפּ האָט געקוקט אויף אַלעמען פון אונטער די גלײַכ־פּסיק פאַרדרײטע זילבערנע ברעמען און געפּלוידערט:

— אַלע מײדלעך האָבן זײערע דרײדלעך, די האָט ליב לעפל און טעלער, די צװײטע — רינגען און בעלער. און אַלע מײדן װעלן זײַן באַבעס אין פרײדן...

שישלין איז געװען אַ באַװײַבטער, אָבער זײַן װײַב איז געבליבן אין דאָרף, אויך ער פלעגט זיך פאַרקוקן אויף די דיל־װאַשערינס. אַלע זענען זײ געװען לײַכט צוטריטלעך, יעדע אײנע פלעגט „צופאַרדינען;” צום דאָזיקן מין פאַר־דינסט האָט מען זיך אין דער הונגעריקער פאָרשטאָט באַצויגן פּונקט אַזוי פשוט, װי צו יעדער אַנדער אַרבעט, אָבער דער בילד־שײנער פּויער האָט נישט געטשעפּעט קײן פרויען, ער האָט בלויז געקוקט אויף זײ פונדערװײַטנס מיט אַ מאָדנעם קוק, װי ער װאָלט באַדויערט עמיצן, זיך אָדער זײ. און װען זײ פלעגן אַלײן אָנהויבן קאָקעטירן מיט אים, אים שטענדיק פאַר אַ נסיון, פלעגט ער, פאַרשעמט לאַכנדיק, אַװעקגײן...

— זאָל מען אײַך שוין...

— וואָס טוסטו, טשודאַטשאָק? — פּלעגט זיך יעפימישקאַ וווּנדערן. — צי דען מעג מען דורכלאָזן אַ צופאַל?

— איך בין אַ באַוויבטער, — פּלעגט גריגאָרי דערמאָנען.

— צי דען וועט זיך דאָס ווייב דערוויסן?

— דאָס ווייב וועט זיך שטענדיק דערוויסן, אויב דו האָסט נישט ערלעך געלעבט, וועסט זי ברודער נישט אָפּנאַרן!

— ווי אַזוי זשע וועט זי זיך דערוויסן?

— דאָס ווייס איך נישט — וויאַזוי, אָבער זי דאַרף זיך דערוויסן, אויב זי אַליין לעבט ערלעך. און אויב איך לעב ערלעך און זי — זינדיקט, וועל איך זיך וועגן איר דערוויסן...

— אָבער ווי אַזוי? — שרייט יעפימישקאַ, אָבער גריגאָרי חזרט רואיק איבער:

— דאָס ווייס איך נישט.

— דער דאַך־דעקער צעפּירט אויפגעבראַכט מיט די הענט.

— אָט, האָט איר אייך! ערלעך, אומבאַוווּסט... אַך דו, קאָפּמענטש!

שישלינס אַרבעטער, זיבן פּערזאָן, האָבן זיך באַצויגן צו אים פּשוט, נישט שפּירנדיק אין אים קיין באַלעבאָס, און אונטער די אויגן האָבן זיי אים אָנגערופן "קעלבל", קומענדיק צו דער אַרבעט און זעענדיק, אַז זיי פוילן זיך, פּלעגט ער נעמען דאָס האַנטבערעט, די לאָפּאַטע און פּלעגט זיך קינסט־לעריש נעמען פאַר דער אַרבעט אַליין, פרייינטלעך, אוּונטער־שרייענדיק:

— לעבעדיקער, חברה, לעבעדיקער!

איינמאָל, אויספירנדיק דעם בייזן באַפעל פון מיין באַלעבאָס, האָב איך געזאָגט צו גריגאָרין:

— שלעכטע אַרבעטער האָסטו...

ער האָט זיך ווי פאַרוווּנדערט:

— וואָס דו זאָגסט?

דידאָזיקע אַרבעט האָט מען נאָך באַדאַרפט ענדיקן נעכטן ביז מיטאָג, און זיי וועלן היינט אויך נישט באַווייזן...

— דאָס איז ריכטיק, זיי וועלן נישט באַווייזן, — האָט

ער מסכים געווען און, שטילשווייגנדיק אַביסל, פאַרזיכטיק געזאָגט:

כ'זע פאַרשטייט זיך, כ'האָב אָבער קיין הארץ נישט זיי אונטערצוטרייבן — אַלץ היימישע פון איין דאָרף מיט מיר. און חוצדעם באַרעכן נאָר דאָס: גאָט האָט פאַרזאָגט — אין שוויס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט, הייסט עס — פאַר אַלעמען פאַרזאָגט, פאַר דיר, פאַר מיר. און איך מיט דיר מאַטערן זיך וויניקער פאַר זיין, נו, איז נישט באַקוועם זעסטו, זיי אונטערצוטרייבן...

ער האָט געלעבט פאַרטראַכט; ער גייט איבער די קייל-דיקע גאַסן פון מאַרק און פלוצלינג, שטיין בלייבנדיק אויף איינעם פון די בריקן פון אָבוואָרנעם קאַנאַל, שטייט ער לאַנג ביי די פאַרענטשעס, קוקט אין וואַסער, אין הימל, אין דער ווייטקייט הינטער דער אָקע. דעריאָגסט אים, פרעגסט:

— וואָס טוסטו?

— אַ? — פרעגט ער פאַרלוירן, זיך אויפכאַפנדיק,-דאָס האָב איך אַזוי... זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אַביסינקע...

— גוט, ברודער, איז אײַנגעאָרדנט אַלץ ביי גאָט,— פלעגט ער אָפּט זאָגן, — אַ הימעלע, ערד, טייכן פליסן, דאַמפּער לויפן. זעץ זיך אויף אַ דאַמפּער און וווהין דו ווילסט: קיין ריאַזאַן, אָדער אין ריבינקאָי, קיין פערם, ביז אַסטראַכאַן! אין ריאַזאַן בין איך געווען, נישקשה פון אַ שטעטעלע, אָבער אַ לאַנגווייליקס; לאַנגווייליקער פאַר ניזשני, ניזשני איז ביי אונז אַ כוואַט, אַ פריילעכער! אויך אַסטראַכאַן איז לאַנגוויי-ליקער, אין אַסטראַכאַן איז, דער עיקר, קאַלמיקעס אַ סך, און איך האָב דאָס נישט ליב. כ'האָב נישט ליב קיין שום מאָרדווע, די קאַלמיקן דידאָזיקע, פערסיער, דייטשן און אַלערליי פעלקערלעך.

ער רעדט פּאַמעלעך, זיינע ווערטער טאַפּן אָן פאַר-זיכטיק אַן איינשטימיק-דענקנדיקן מענטשן און טרעפן אים שטענדיק אין מויערער פיאַטר.

נישט קיין פעלקערלעך זענען זיי, נאָר — פאַרבלי-

געבוירענע*), — רעדט פּיאָטר זיכער און מיט כּעס, — פּאַרביי כריסטוסן זענען זיי געבוירן געוואָרן, פּאַרביי כריסטוסן זייען זיי...

גריגאָרי ווערט אויפגעלעבט, שיינט.

— ריכטיק, צי נישט ריכטיק, אָבער איך ברודער, האָב ליב אַ ריין פּאָלק, דאָס רוסישע, דאָס אויג זאָל זיין גלייך! קיין זשידעס האָב איך אויך נישט ליב און כ׳פאַרשטיי אפילו נישט, צוואָס דאַרף גאָט פעלקערלעך? שכלדיק איינגעאָרדנט...

דער מויערער גיט צו פינסטער:

— שכלדיק, און ס׳דאַכט זיך, אַז איבעריקס אַ סך!...

זיך צוהערנדיק צו זייערע רייד, מישט זיך אָסיפ אריין שפּאָטיש און בייסיק:

— איבעריקס — איז דאָ, אָט דידאָזיקע רייד אייערע — זענען אינגאַנצן איבעריקע! עך, איר, סעכטע! שמייסן וואָלט מען אייך אַלע באַדאַרפט.

אָסיפ האַלט זיך אָן אַ זייט, מ׳קען אָבער נישט פאַרשטיין, מיט וואָס ער איז איינשטימיק, קעגן וואָס ער וועט זיך אַמפּערן. אַמאָל דאַכט זיך, אַז ער איז גלייכגילטיק מסכּים מיט אַלע מענטשן, מיט אַלע זייערע געדאַנקען; אָבער אָפטער זעט מען, אַז אַלע האָבן זיך אים צוגעגעסן, ער קוקט אויף די מענטשן ווי אויף האַלב-משוגענע און רעדט צו פּיאָטרן, גריגאָרין, יעפימושקען:

— עך, איר, הינטלעך חזרישע...

זיי שמייכלען, נישט גאָר פריילעך און גערן, אָבער שמייכלען פונדעסטוועגן.

דער באַלעבאָס פלעגט מיר ארויסגעבן אויף ברויט אַ צענער אַ טאָג; דאָס האָט גישט געקלעקט, כ׳פלעג אַביסל צוהונגערן; באַמערקנדיק דאָס, פלעגן מיך די ארבעטער

*) אַ וואָרט-שפּיל, וואָס קען נישט איבערגעגעבן ווערן אין יידיש. „פעלקערלעך" הייסט אויף רוסיש: „נאַראָדצי", און פּיאָטר זאָגט, אַז נישט קיין „נאַראָדצים" זענען זיי, נאָר „מימאָראָדצים", ד. ה. מימאָ — פּאַרביי, ראָדזי... געבוירענע. (איב.)

איינלאַדן צו זייער פרישטיק און אָוונטעסן, און אַמאָל פלעגן מיך אויך די פּאַדריאַדטשיקעס רופן אין שענק אַריין טרינקען טיי. כ'פלעג גערן מספּים זיין, מיר פלעגט געפעלן ווערן צו זיצן צווישן זיי, הערנדיק די פאַמעלעכע רייד, די מאָדנע דערציילונגען; זיי פלעגט פאַרשאַפן פאַרגעניגן מיין אָנגעלייענטקייט אין די קירכעלעכע ביכער.

— האָסט זיך אָנגעפּיקט מיט ביכער צו זאַט, האָסט פּעסט אָנגעשטאָפּט דעם קראָפּ, — פלעגט אָסיפּ זאָגן, אויפמערקזאַם מיך באַטראַכטנדיק מיט די קאָרנבלומענע אויגן; ס'איז שווער צו כאַפּן זייער אויסדרוק, — זיינע שוואַרצאַפּלען שמעלצן זיך תמיד, צעגייען.

— היט דאָס אָפּ, זאַמל צו, ס'וועט צונוץ קומען; וועסט אויסוואַקסן — ווער אַ מאָנאַך, דאָס פאָלק מיט ווערטער טרייסטן, אָנישט ווער אַ מיליאָנער...

— אַ מיסיאָנער, — פאַרריכט דער מויערער מיט אַ באַליידיקטן קול.

— וואָס? — פרעגט אָסיפּ.

— מיסיאָנער דאַרף מען זאָגן, ווייסט דאָך! און טויב ביסטו אויך נישט...

— נו, גוט, אַ מיסיאָנער, מיט די אַפּיקורסים זיך אַמפּערן. אָנישט פאַרשרייב זיך ביי די אַפּיקורסים גופא, — אויך אַ פּרנסהדיקע שטעלע! ביי שכל קען מען דורכקומען אויך מיט אַפּיקורסות...

גריגאָרי לאַכט פאַרשעמט, און פּיאָטר רעדט אין באָרד אַריין:

— אָט מכשפים לעבן אויך נישט שלעכט, גאָטלאָזע פאַרשידענע...

אָבער אָסיפּ פרעגט גלייך אָפּ:

— נישטאָ קיין מכשף, וואָס קען לייענען-שרייבן, איז נישטאָ, לייענען-שרייבן פּאַסט נישט דעם מכשף צום רומל...

און דערציילט מיר:

— אָט, זע, הער צו: האָט געלעבט אין אונזער דאָרף

איינער אַ קבצן, טושאַא האָט מען אים גערופן, אַן אביונדי־
קער פּויערל, אַ גאָרנישטיקער; געלעבט פון דער פּעדער־
אַהער־אַהין, ווו דער ווינט בלאָזט, נישט קיין אַרבעטער, נישט
קיין פּוסט־און־פּאַסטניק! אָט איז ער איינמאָל אַוועק פון פּוסט־
און־פּאַסטעווען, איבער די הייליקע ערטער און זיך אַרומגע־
דרייט אַ יאָר צוויי צייט, און דערנאָך פּלוצלונג זיך באַוויזן
אין אַ ניי געשטאַלט: האָר — ביז די אַקסלען, אויפן קאָפּ —
אַ קאַפּעלע, אויפן גוף — געלינקע ריאסקע פון קאָרט; קוקט
אויף אַלעמען ווי אַ אָקון און לייגט עקשנותדיק פּאָר:
טוט תשובה פאַרשאָלטענער! פאַרוואָס דען נישט תשובה טאָן,
בפרט ווייבער? און ס'איז אַלץ געווען און אָרדענונג: טושקא
איז זאַט, טושקא איז שכור, טושקא איז מיט די ווייבער אָן
אַ שיעור צו פרידן...

דער מויערערער שלאָגט איבער מיט כעס:

— צי דען גייט עס אין דעם, וואָס ער איז זאַט און
שכור?

— אין וואָס דען זשע?

— עס גייט אין וואָרט!

— נו, אין זיינע ווערטער בין איך נישט אריינגעדרונגען,
מיט ווערטער בין איך אַליין איבערגעגנוג רייך.

— טושניקאָוון, דמיטרי וואַסילאיטשן, קענען מיר זייער
גוט, — רעדט פּיאָטר באַליידיקט, און גריגאָרי האָט שווייגנ־
דיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און קוקט צו זיך אין גלאָז.

— כ'שפּאַר זיך נישט, — דערקלערט אָסיפּ שלומדיק. —
דאָס רעד איך אַלץ אונזער מאַקסימיטשן וועגן פאַרשידענע
וועגן־שטעגן צום ביסן...

— דורך אַנדערע וועגן פאַלט מען אויך אין תפיסה
אריין...

— אַ נאָווינע! — איז אָסיפּ מסכים. — נישט מיט יעדן
שטעג קומסטו צום פּאָפּ, מ'דאַרף וויסן, ווי זיך צו פאַר־
בעמען...

ער רייצט תמיד אַביסל די גאָטספאָרכטיקע מענטשן—

דעם טינק-אַרבעטער און דעם מויערער; ס'קען זײַן, אַז ער האָט זיי נישט ליב, אָבער ער באַהאַלט עס געשיקט, זײַן באַציִונג צו מענטשן איז בכלל נישט אָנצוטאַפּן.

אויף יעפימושקען קוקט ער דאַכט זיך, ווייכער, בעסער, דער דאַך-דעקער מישט זיך נישט אַרײַן אין די שמועסן וועגן גאָט, אמת, סעקטעס, וועגן פּיין פון מענטשלעכן לעבן — די ליבלינגס-שמועסן פון זײַנע פרײַנט, אָוועקשטעלנדיק דעם שטול מיט אַ זײַט צום טיש, — כדי דאָס ווענטל פון שטול זאָל נישט שטערן דעם האָרב, — טרינקט ער רואיק טיי, אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז, אָבער מיטאַמאָל שפּיצט ער זיך אָן, באַטראַכטנ-דיק דעם אָנגערויכערטן צימער, הערט זיך אײַן צום אומקלאָרן קולות-טומל, שפּרינגט אויף און פאַרשווינדט שנעל. דאָס באַ-טײַט, אַז אין שענק איז עמיץ געקומען, וועמען יעפימושקאַ קומט געלט, און בעלי-חובות האָט ער — אַ גוטן צענדליק, און אַזוי, ווי אַנדערע שלאָגן אים, — אַנטלויפט ער פון זיינד.

— בייזערן זיך, די טשודאַקעס, — וווּנדערט ער זיך, — צי דען וואָלט איך נישט אָפּגעגעבן, ווען כ'זאָל האָבן געלט?

—אָך, טרוקענער בוים דו ביטערער... שיקט אים נאָך אָסיפּ.

אַמאָל זיצט יעפימושקאַ לאַנג, פאַרטראַכט, זעט גאָרנישט, הערט גאָרנישט; זײַן סקוליק פּנים ווערט ווייכער, די גוטע אויגן קוקן נאָך מיט מער גוטסקייט.

— וועגן וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט, חבר? — פרעגט מען אים.

כ'טראַכט,—ווען כ'זאָל זײַן רײַך, עך, — וואָלט איך חתונה געהאַט מיט אַן עכטער פּריצה, מיט אַן אַדעליקער, ביי גאָט, אויף אַ פּולקאָווניקס אַ טאָכטער, לאָמיר זאָגן, ליב געהאַט וואָלט איך זי—גאָטעניו! לעבעדיקערהייד וואָלט איך פאַרברענט געוואָרן לעבן איר... ווייל, הערט איר, ברידעלעך, אײנמאָל האָב איך געדעקט אַ דאַך ביי אַ פּולקאָווניק אויף אַ זומער-וואוינונג...

— האָט ער געהאַט אַ טאָכטער אַן אלמנה,—מיר האָבן דאָס שוין געהערט! — רײַסט אים פּיאָטר איבער אומפרײַנטלעך.

אָבער יעפימושקאַ רייבט מיט די דלאָניעס די קני, וויגט זיך, בויערנדיק מיטן הויקער די לופט, און רעדט ווייטער:

— ס'פלעגט טרעפן, זי גייט אַרויס אין גאָרטן, אינגאַנצן אַ ווייסע און אַ פּרעכטיקע, כ'קוק אויף איר פון דאַך אַראָפּ און — אויף וואָס דאַרף איך די זון, — און — צוּוואָס איז דאָס העלע ליכט? ווי אַ טויב וואָלט איך צו אירע פיס אַראָפּגע-פלויגן. ממש — אַ בלום אַ הימל-בלאָער אין סמעטענע! מיט אַזאַ האַרינטע, כאָטש אויף אַ גאַנצן לעבן — אַ נאַכט!

— און געפרעסן וואָס וואָלט איר? — פרעגט שטרענג פּיאטר, אָבער דאָס שטערט נישט יעפימושקען.

— גאָטעניו! — רופט ער אויס. — צי דען דאַרפן מיר אַ סך האָבן? דערצו איז זי — אַ רייכע...

אסיפ לאַכט:

— און ווען וועסטו זיך שוין, יעפימושקע, פאַרשווענדן אין דידאָזיקע ענינים, פאַרשווענדער דו?

אַ חוץ ווענן פרויען רעדט יעפימושקע וועגן קיין שום זאַך נישט, און אַ אַרבעטער איז ער נישט קיין געזעצטער, — דאָ אַרבעט ער אויסגעצייכנט, שנעל, דאָ קומט ביי אים גאָר-נישט נישט אַרויס, דער הילצערנער האַמער קלאַפּט אויף די דאַך-קאַנטן פויל, נאַכלעסיק, איבערלאָזנדיק בלויזן, שטענדיק שמעקט פון אים מיט אייל, מיט פישטראָן; ער פאַרמאָגט אָבער זיין אייגענעם ריח, אַ געזונטן און אָנגענעמען, ער דערמאַנט דעם ריח פון אַ פריש אָפּגעשניטענעם בוים.

מיטן טשעסליאַר איז אינטערעסאַנט צו ריידן וועגן אַלץ; אינטערעסאַנט, אָבער נישט זייער אנגענעם. זיינע ווערטער באַ-אומרויקן תמיד דאָס האַרץ, און ס'איז שווער צו פאַרשטיין, ווען ער רעדט ערנסט, און ווען ער שפּאַסט.

מיט גריגאָרין איז צום בעסטן צו רעדן וועגן גאָט, ער האָט דאָס ליב און איז אין דעם פעסט.

— גרישאַ, — פרעג איך, — דו ווייסט: ס'זענען דאָ מענטשן, וועלכע גלויבן נישט אין גאָט?

ער שמייכל רויק:

— וואָס הייסט ?

— זיי זאָגן : נישטאָ קיין גאָט!

— אָ! אָט וואָס! דאָס ווייס איך.

און אָפּיאָגנדדיק מיט דער האַנט אַן אומזעבאַר פליג, זאָגט ער :

— געדענקסט, דוד המלך האָט נאָך געזאָגט : „און ס'זאָגט דער מטורף אין הארצן ביי זיך : נישטאָ קיין גאָט“, אָט ווען עס האָבן שוין גערעדט וועגן דעם מטורפים! אָן גאָט קען מען זיך לחלוטין נישט באַגיין...

אָסיפּ איז, דאַכט זיך מסכּים מיט אים :

— נעם נאָר אָפּ ביי פּעטרוכען דעם גאָט — וועט ער דיר ווייזן ווער עלטער איז!

שישלינס שיין פּנים ווערט שטרענג ; איבערקלייבנדיק די באָרד מיט פינגער מיט פאַרטריקנטער וואַפּנע אויף די נעגל, רעדט ער געהיימניספול :

— גאָט וווינט אין יעדער פלייש ; דער געוויסן און דער גאַנצער אינערלעכער קערן — איז פון גאָט געגעבן!

— און די זינד ?

— די זינד—פון גוף, פון שטן! זינד זענען פון אויסן, ווי פּאָקן, און נישט מער! מער פאַר אַלע זינדיקט דער, ווער עס טראַכט אַ סך וועגן זינד ; דערמאָן נישט קיין זינד — וועסטו נישט זינדיקן! געדאַנקען וועגן זינד גיט איין דער שטן, דער באַלעבאָס פון גוף...

דער מויערער צווייפלט :

— עפּעס איז נישט ריכטיק, דאַכט זיך...

— ריכטיק! גאָט איז ריין פון זינד, און דער מענטש איז זיין בילד און ענלעכקייט. זינדיקן זינדיקט דאָס בילד, דער גוף ; און די ענלעכקייט קען נישט זינדיקן, זי איז — ענלעכקייט, גייסט...

ער שמייכלט זיגרייך, און פיאָטר בורטשעט :

— דאָס איז, דאַכט זיך, נישט אַזוי...

— לויט דיר קומט אויס, — פרעגט אָסיפּ דעם מויערער, —

וועסט נישט זינדיקן — וועסטו נישט תשובה טאָן, וועסט נישט תשובה טאָן — וועסטו נישט אויסגעלייזט ווערן?

— אַזוי, איז טאַקע זיכערער! וועסט אָן שטן פאַרגעסן — וועסטו מער גאָט נישט ליב האָבן, פלעגן זאָגן די אַלטע...

שישלין איז נישט קיין טרינקער, ער ווערט שכור פון צוויי קעלישיקלעך; דאַן ווערט זיין פנים ראָזלעך, די אויגן — קינדיש, דער קול זינגט.

— ברידערלעך מיינע, ווי גוט דאָס איז אַלץ! אָט לעבן מיר, אַרבעטן צו ביסלעך, גאָט, אַ לויב צו גאָט, — אַך, ווי גוט!

ער פלעגט וויינען, די טרערן פלעגן אים אַראָפרינען אויף דער באָרד און זיך לויכטן אויפן זיידנס פון די האָר ווי גלעזערנע פאַטשערקעס.

זיינע אָפטע ליב־רייד פאַרן לעבן און דידאָזיקע גלע־זערנע טרערן זענען מיר געווען אומאָנגענעם, — די באָבע מיינע האָט געלויבט דאָס לעבן איבערצייגנדיקער, פשוטער, נישט אַזוי צודרינגלעך.

דידאָזיקע אַלע שמועסן האָבן מיך געהאַלטן אין כסדר־דיקער שפּאַנונג, אויפוועקנדיק אַן אומקלאָרע באַאומרויקונג. כ'האָב שוין געהאַט דורכגעלייענט אַ סך דערציילונגען וועגן פויערים און געזען, ווי שאַרף עס איז דער חלוק צווישן אַ ביכלדיקן פויער פון אַ לעבעדיקן, אין די ביכלעך זענען אַלע פויערים אומגליקלעך; די גוטע ווי די בייזע — אַלע זענען זיי אָרעמער פאַר די לעבעדיקע אין ווערטער און געדאַנקען. דער ביכלדיקער פויער רעדט ווייניקער וועגן גאָט, סעקטעס און צערקווע, — מער וועגן דער מאַכט, וועגן ערד, אמת און די מאַטערנישן פון לעבן. וועגן פרויען רעדט ער אויך ווייני־קער, נישט אַזוי גראָב, מער פריינטלעך. פאַר אַ לעבעדיקן פויער איז די פרוי — אַ פאַרוויילונג, אָבער אַ פאַרוויילונג אַ געפערלעכע, מיט אַ פרוי דאַרף מען זיך שטענדיק קריגן, אַנישט וועט זי נעמען די אויבערהאַנט און פאַרפלאָנטערן דאָס גאַנצע לעבן. דער פויער פון ביכל איז אָדער שלעכט, אָדער

גוט, אָבער ער איז שטענדיק איינגאַנצן, ווי אויף דער האַנט, אין ביכל, אָבער לעבעדיקע פּויערים זענען נישט גוט, נישט שלעכט, זיי זענען וווּנדערלעך אינטערעסאַנט. ווי עס זאָל זיך פאַר דיר נישט אויספּלוידערן אַ לעבעדיקער פּויער, פילט זיך שטענדיק, אַז ס'איז געבליבן אין אים עפּעס, אָבער דערדאָזיקער רעשט איז נאָר פאַר זיך, און, ס'קען זיין, אַז דווקא אין דאָזיקן נישט אַרויסגעזאָגטן, פאַרבאָרגענעם איז דער עיקר.

פון אַלע ביכלדיקע פּויערים איז מיר צום מערסטן געפעלן געוואָרן פּיאָטר פון „טשעסלערשער אַרטעל״; ס'האָט זיך פאַרוואָלט איבערלייענען דידאָזיקע דערציילונג מיינע פריינט, און כ'האָב געבראַכט דאָס בוך אויפן מאַרק. מיר איז אָפט אויסגעקומען צו נעכטיקן אין דעם אָדער יענעם אַרטעל; אַמאָל צוליב דעם, ווייל ס'האָט זיך נישט געוואָלט אומקערן אין שטאָט אונטערן רעגן, אָפטער — דערפאַר, ווייל כ'פלעג פאַרן טאָג שטאַרק מיד ווערן און ס'פלעגן נישט סטייען קיין כחות צו גיין אַ היים.

ווען כ'האָב געזאָגט, אַז אָט האָב איך אַ בוך וועגן טשעסלייאַרעס, האָט דאָס אַלעמען פאַראינטערעסירט, און באַזונדערס — אָסיפּן. ער האָט מיר אַרויסגענומען דאָס בוך פון די הענט, עס איבערגעבלעטערט, מיט אומצוטרוי שאָקלענדיק זיין איקאָנע-אַרטיקן קאָפּ.

— אויף אַן אמת, דאַכט זיך, וועגן אונז אָנגעשריבן! ביסט אַ מבין, שעלמעס! ווער האָט געשריבן — אַ פריץ? נו, כ'האָב גלייך אַ טראַכט געטאָן. פריצים און טשינאָווניקעס זענען אויף אַלץ קאַפּאַבל! ווו גאָט וועט נישט פאַלן אויפן געדאַנק; דאָרט וועט זיך דער טשינאָווניק דערטראַכטן; אויף דעם לעבן זיי דאָך...

— נישט פאָרזיכטיק, אָסיפּ, רעדסטו וועגן גאָט, — באַמערקט פּיאָטר.

ס'מאַכט נישט! פאַר גאָט איז מיין וואָרט — ווינציקער, ווי פאַר מיר אויפן פליך אַ שנייעלע, אָדער אַ רעגן-טראָפּן.

דו — צווייפל נישט, איך מיט מיר וועלן זיך צו גאָט נישט צורירן...

ער האָט זיך פלוצלינג אומרויק צעשפּילט פאַנאַנדער־וואַרפנדיק, ווי אַ פייער־שטיין, פונקען, שאַרפע ווערטלעך, אָפּשערנדיק מיט זיי, ווי מיט אַ שערעלע, אַלץ, וואָס האָט אים סותר געווען. עטלעכע מאָל האָט ער אין משך פון טאָג געפרעגט:

— מיר לייענען, מאַקסימיטש? נו, גוט, גוט! דאָס איז אַ גוטער איינפאַל.

נאָכן פייעראווונט איז מען געגאַנגען עסן אָוונטברויט צו אים אין אַרטעל, און נאָכן אָוונטברויט זענען געקומען פּיאָטר מיט זיין אַרבעטער אַרדאַליאָן און שישלין מיט אַ יונגן בחור פאָמאַ. אין שטאַל, ווו דער אַרטעל איז געשלאָפן, האָט מען אָנגעצונדן אַ לאָמפּ, און כ'האָב אָנגעהויבן לייענען; מ'האָט געהערט שווייגנדיק, נישט רירנדיק זיך, אָבער אינגיכן האָט אַרדאַליאָן געזאָגט מיט כעס:

— נו, פאַר מיר ווערט קלעקן!

און אַוועקגעגאַנגען. דער ערשטער איז איינגעשלאָפן גריגאָרי, פאַרוואונדערט צעעפענענדיק דאָס מויל; נאָך אים זענען איינגעשלאָפן די טשעסליאַרעס, אָבער פּיאָטר, אָסיפּ און פאָמאַ האָבן זיך צוגערוקט צו מיר און געהערט מיט שפּאַנונג.

ווען כ'האָב געענדיקט לייענען, האָט אָסיפּ גלייך אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ, — לויט די שטערנס איז שוין געווען אַרום האַלבע נאַכט.

פּיאָטר האָט געפרעגט אין דער פינסטער:

— צוואָס איז דאָס אָנגעשריבן געוואָרן? קעגן וועמען?

— איצט — שלאָפן! — האָט אָסיפּ געזאָגט, אַראָפּנעמענדיק די שטיוול.

פאָמאַ האָט זיך שווייגנדיק אָפּגערוקט אין אַ זייט.

פּיאָטר האָט איבערגעחזרט פאָדערנדיק:

— איך זאָג — קעגן וועמען איז דאָס אָנגעשריבן?

— זיי ווייסן שוין! — האָט אָסיפּ אַרויסגערעדט זיך איינלייגנדיק שלאָפן אויפן געהילץ.

— אויב קענען די שטיפּמאַמעס, איז דאָס אַן אַרויסגע־וואָרפענע זאַך: די שטיפּמאַמעס וועלן דערפון נישט בעסער ווערן, — האָט פאַרעקשנט גערעדט דער מויערער — און קענען פיאָטרן איז אויך אומזיסט: זיין זינד, — זיין ענטפער! פאַר דער רציחה — קיין סיביר, ווייטער גאָרנישט! דאָס בוך איז איבעריק אין אַזאַ זינד... איבעריק, דאַכט זיך, וואָס?

אָסיפּ האָט געשוויגן. דאַן האָט דער מויערער צוגעגעבן.

— האָבן נישט וואָס צו טאָן, נו איז פאַרנעמען זיי זיך מיט פרעמדע געשעפטן! ווי ווייבער, אַ שטייגער, אין די ווינטער-אָוונטן אַ גוטע נאַכט, שלאָפן דאַרף מען...

ער האָט זיך אויף אַ מינוט פאַרהאַלטן אין בלאָעם קוואַדראַט פון דער אָפענער טיר און געפרעגט:

— אָסיפּ, ווי מיינסטו?

— וואָס?—האָט זיך פאַרשלאָפן אָפּגערופן דער טשעסליאַר.

— נו, גוט, שלאָף...

שישלין איז אַוועקגעפאַלן אויף אַ זייט דאָרט, ווי ער איז געזעסן. פּאַמאַ האָט זיך געלייגט אויף דעם צעדרייטן שטרוי לעבן מיר. די פאַרשטאָט האָט געשלאָפן, פונדערווייטנס האָט זיך דערטראָגן אַ געפייף פון לאָקאָמאָטיוון, דער שווערער רויש פון אייזערנע רעדער, דער קלאַנג פון בופערן, אין שטאַל האָט מען פאַרשידנקולותדיק געכראָפּעט. מיר איז געווען אומ־באַקוועם, — כ׳האָב דערוואַרט פאַרשידענע שמועסן — קיין זאַך נישט...

אָבער פּלוצלינג האָט אָסיפּ גענומען רעדן שטיל און בולט:

— איר, חברה, גלויבט נישט אין דעם אַלץ, איר זענט יונג, איר וועט לעבן לאַנג. זאַמלט אייער שכל! אייגענער פאַרשטאַנד איז ווי פרעמדע צוויי! פּאַמאַ, דו שלאָפסט?

— ניין, — האָט זיך גערן אָפּגערופן פּאַמאַ.

— אַט דאָס זאָג איך! איר ביידע קענט לייענען, שרייבן, סאָ לייענט, אָבער קיין זאַך טוט נישט גלויבן. זיי קענען

אלץ אָפּדרוקן דידאָזיקע זאַך — איז אין זייערע הענט! ער האָט אַראָפּגעלאָזן די פּיס פון געהילץ, זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אין קאַנט פון ברעט און, איינגעבויגן צו אונז, ווייטער גערעדט:

— דאָס ביכל — ווי דאַרף מען עס פאַרשטיין? דאָס איז — אַ מסירה אויף מענטשן, דאָס ביכל! אדרבה, זעט, סאַראַ דער מענטש איז, אַ טשעסליאַר, אָדער אַן אַנדערער ווער, אָבער דער פּריץ, דאָס איז — אַן אַנדער מענטש! אַ ביכל — ווערט סתם אין דער וועלט נישט געשריבן, נאָר פאַר עמיצנס פאַרטיידיקונג...

פּאָמאַ האָט געדיכט געזאָגט:

— פּיאָטר האָט מיט רעכט דערהרגעט דעם פּאָדריאַטשיק!

— נו, דאָס איז איבעריק, אַ מענטשן הרגענען איז קיינמאָל נישט רעכט. כ׳ווייס, דו האָסט גריגאָרין נישט ליב, אָבער דידאָזיקע געדאַנקען וואַרף אַוועק. מיר אַלע זענען מענטשן נישט קיין רייכע, הייַנט — בין איך באַלעבאָס, מאָרגן—ווידער אַן אַרבעטער...

— כ׳רעד נישט וועגן דיר, פּעטער אָסיפּ...

— דאָס איז אַלץ איינס...

— דו ביסט אַ יושרדיקער.

— וואַרט צו, כ׳וועל דיר דערציילן, צוואָס עס איז אָנגעשריבן דאָס ווערק, — האָט אָסיפּ איבערגעשלאָגן פּאָמאַס בייזע ווערטער, — דאָס איז זייער אַ כיטרע ווערק! אָט האָט איר אייך אַ פּריץ אָן אַ פּויער, אָט — אַ פּויער אָן אַ פּריץ! איצט זע: אי דעם פּריץ איז שלעכט, און אויך דעם פּויער איז נישט גוט. דער פּריץ איז אָפּגעשוואַכט, נאַריש געוואָרן, און דער פּויער איז געוואָרן אַ באַרימער, אַ שכור, אַ קראַנקער, אַ באַליידיקטער — אָט וואָס! אָבער אַלס לייבאייגענער ביי די פּריצים איז, זעט איר, בעסער געווען: דער פּריץ האָט זיך הינטערן פּויער אויסבאַהאַלטן, דער פּויער — הינטערן פּריץ, און ביידע האָבן זיך געדרייט זאַטע, רויקע... כ׳שפּאַר זיך נישט, ריכטיק, ביי די פּריצים איז רויקער געווען צו לעבן—

פאַר די פּריצים איז נישט קיין טובה, ווען דער פּויער איז רויקער געווען צו לעבן — פאַר די פּריצים איז נישט קיין טובה, ווען דער פּויער איז אָרעם, פאַר זיי איז גוט, ווען ער איז רייך און נישט קלוג, אָט וואָס פאַר זיי איז ווי געווונטשן. איך ווייס דאָס, כ׳האָב דאָך אַליין דורכגעלעבט ביים פּריץ אַלס לייבאייגענער כמעט פערציק יאָר ביי מיר אויפן פעל איז אַ סך אָנגעשריבן.

כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז פּונקט אַזוי האָט גערעדט וועגן די פּריצים דער פּורמאַן פּיאָטער,*) וועלכער האָט זיך געקוילעט, און מיר איז געווען זייער אומאָנגענעם, וואָס אָסיפּס געדאַנקען פאַלן צענויף מיט די געדאַנקען פון יענעם שלעכטן אַלטן.

אָסיפּ האָט אָנגערירט מיט דער האַנט מיין פוס און ווייטער גערעדט:

— ביכלעך און אַלערליי חבורים דאַרף מען פאַרשטיין! סתם אין דער וועלט אַריין טוט קיינער קיין שום זאַך זיך, דאָס דאַכט זיך בלויז פון אויסן, אַז סתם אַזוי זיך, אויך ביכלעך שרייבט מען נישט סתם אַזוי זיך, — נאָר כדי דעם קאָפּ צו פאַרטומלען, אַלץ ווערט געמאַכט מיט שכל, אָן שכל וועסטו מיט קיין האַק נישט קלאַפּן, און קיין לאַפּטשע נישט פלעכטן...

גערעדט האָט ער לאַנג, ער פלעגט זיך לייגן און ווידער אויפשפּרינגען. פאַנאַנדערוואַרפנדיק שטיל זיינע שאַרפזיניקע שפּריכווערטלעך, אין פינסטערניש און שטילקייט.

— מ׳זאָגט: פּריצים זענען פאַרן פּויער פרעמדע. אויך דאָס — איז נישט ריכטיק. מיר זענען דיזעלבע יחסנים, נאָר געמאַכט פון יענעם טייל, וואָס איז ווייט פון פּנים; אודאי, דער פּריץ לערנט זיך לויט ביכלעך און דער עם-הארץ, לויטביילן — אויך איז ביים פּריץ ווייסער דער הינטער-חלק — און אין דעם איז דער גאַנצער אונטערשיד. נ—ניין, בחורים, שוין צייט די וועלט זאָל לעבן אויף אַ נייעם שטייגער, די

*) פון גאָרקיס קינדהייט. (איב.)

ביכלעך דאַרף מען אַוועקוואַרפן, פאַרלאָזן! זאָל זיך בעסער יעדער איינער פרעגן: ווער בין איך? אַ מענטש. און ער ווער איז? אויך אַ מענטש. טאָ איז וואָס זשע: צי דען פאָדערט פון אים גאָט אויף אַ זיבענער מער? נ-יין, אין שטייערן זענען מיר פאַר גאָט ביידע גלייך...

צום סוף, פאַרטאָג, ווען דער באַגינער האָט אויסגעלאָשן אַלע שטערן, האָט מיר אָסיפּ געזאָגט:

— סט׳געזען, ווי כ׳קען צוטראַכטן? אָט וואָס כ׳האָב אָנגערעדט — וועגן וואָס כ׳האָב גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט! איר, חברה, שענקט מיר נישט קיין גלויבן, דאָס האָב איך מער פון שלאָפלאָזיקייט, איידער ערנסט. ליגסט-ליגסט, און טראַכסט עפּעס אויס צו פאַרווײַלן זיך: אין אַמאָליקע צייטן האָט געלעבט אַ קראָע גלייך מיט לייטן, געפלויגן פון פעלד צום באַרג, פון שטעג צו שטעג, און אָפּגעלעבט איר ביסל טעג; גאָט זאָל זי שטראָפן אין זיין צאָרן; די קראָע איז געפּגרט און פאַרדאַרט געוואָרן; וואָס פאַראַ זינען איז דאָ אין דעם; נישט געשטויגן, נישט געפלויגן... אַ-נו — לאָמיר שלאָפן: שוין צייט אויפצושטיין אינגיכן...

XVIII

פונקט ווי בשעתו דער הייצער יאַקאָוו, — אַזוי האָט זיך אָסיפּ אין מיינע אויגן ברייט פאַנאַנדערגעוואַקסן און פאַרשטעלט פון מיר אַלע מענטשן. ער האָט פאַרמאָגט עפּעס זייער ענלעכעס צום הייצער, אָבער גלייכצייטיק האָט ער מיר דערמאָנט דעם זיידן, דעם פּרעדיקער פּיאָטר וואַסיליעוו, דעם קוכער סמורי, און דערמאָנענדיק אַלע מענטשן, וועלכע האָבן זיך פעסט איינגעקריצט אין מיין זכרון, האָט ער געלאָזן זיין טיפן מוסטער, ער האָט זיך איינגעגעסן אין איר, ווי דער אָקסיד אין דעם קופּער פון גלאָק. ס'איז קאָנטיק געווען, אַז ער האָט צוויי מינים געדאַנקען: בייטאָג, ביי דער אַרבעט, צווישן מענטשן, זענען זיינע לעבעדיקע פּשוטע געדאַנקען זאַכלעך און מער פאַרשטענדלעך, איידער די, וועלכע דערנעמען זיך צו אים אין דער אָפּרו-צייט, אין די אָוונטן, ווען ער גייט מיט מיר אין שטאָט אַריין, צו זיין קומאַ, אַ הענדלערין מיט לאַטקעס, און ביינאַכט, ווען ער קען נישט שלאָפן. ער האָט עפּעס ספּעציפישע, נאַכטיקע געדאַנקען, פילקאַנטיקע, ווי דער פייער אין אַ לאַמטערן, זיי לויכטן זיך גוט, אָבער ווו איז זייער אמת פּנים, וועלכע גייט פון דעם אָדער יענעם געדאַנק איז נענטער און טייערער אָסיפּן?

ער האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַ סך קליגער פאַר אַלע מענטשן, וועלכע כ'האָב ווען נישט איז געטראָפן, כ'בין אַרומ-

געגאַנגען אַרום אים אין דערזעלבער שטימונג, ווי אַרום דעם הייצער יאַקאָוו, — ס'ווילט זיך דערקענען, באַגרייפן דעם מענטשן, און ער גליטשט זיך, און דרייט זיך אַרויס און — מ'קען אים נישט כאַפּן. אין וואָס איז באַהאַלטן זיין אמת? וואָס קען מען גלויבן אין אים?

כ'דערמאָן זיך, ווי ער האָט מיר געזאָגט:

— זוך אַליין, ווו כ'בין באַהאַלטן, אדרבה גיב אַ זוך!

מיין אייגנליבע איז אָנגעריירט, אָבער אין מיר איז אָנגערירט מער ווי מיין אייגנליבע, — פאַר מיר איז אַ לעבנס-נויטווענדיקייט צו פאַרשטיין דעם אַלטן.

ביי זיין גאַנצער אומאָנגרייפּבאַרקייט, איז ער — פעסט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער וועט אפילו לעבן נאָך הונדערט יאָר, וועט ער אויך בלייבן דערזעלבער, ער וועט זיך אומדערשיטערלעך איינהיטן צווישן די דערשטוינלעך וואַקלדיקע מענטשן. דער פרעדיקער פלעגט ביי מיר אַרויסרופן אויך אַזאַ איינדרוק פון פעסטקייט, זי איז מיר אָבער נישט געווען שטאַרק אָנגענעם; אָסיפּס פעסטקייט אין אַן אַנדערע, כאָטש כ'קען נישט זאָגן, אַז זי איז מער אָנגענעם.

די וואַקלדיקייט פון מענטשן וואַרפט זיך צו שאַרף אין די אויגן, זייערער קאָמעדיאַנטישע שפּרונגען פון איין פּאָזיציע אין דער צווייטער פלעגן מיך צעטומלען; כ'האָב זיך שוין אויפגעהערט צו וווּנדערן אויף דידאָזיקע אומדערקלערלעכע שפּרונגען, און אינדערשטיל האָבן זיי געלאָשן מיין לעבעדיקן אינטערעס צו מענטשן, מיין ליבע צו זיי.

איינמאָל, אָנהויב יולי, איז צום אָרט, ווו מיר האָבן געאַרבעט, שנעל אָנגעקאָפּן אַ צעפאָרענע דראָזשקע; אויף די קאָזלעס איז געזעסן, פינסטער גרעפּסנדיק, אַ שכורער פורמאַן, אַ בערדיקער, אָן אַ היטל און מיט אַ צעהאַקטער ליפּ; אין דראָזשקע האָט זיך צעלייגט, אַ שפּורער, גריגאָרי שישלין, אונטערן אָרים האָט אים געהאַלטן אַ דיקע, רויטבאַקיקע מיידל, אין אַ שטרויען היטעלע, מיט אַ רויטן באַנט און גלעזערנע קאַרשן, מיט אַ שירעם אין האַנט און אין גומענע קאַלאָשן

אויף די באָרוויסע פיס. פּאָכנדיק מיטן שירעם, וויגנדיק, זיך, האָט זי געלאַכט און געשריגן:

— יאָ, שדים! דער מאַרק איז נישט אָפּן, נישטאָ קיין מאַרק, און זיי — פירן מיך אויפן מאַרק! מאַמעלעך!

גריגאָרי, אַ צעקנייטשטער, אַ צעריסענער, איז אַראָפּגע-קראָכן פון דראָזשקע, זיך געזעצט אויף דער ערד און מיט טרערן אונז, די צוקוקער, דערקלערט:

אויף די קני שטיי איך — אַ סך האָב איך געזינדיקט! אַ טראַכט געטאָן און געזינדיקט—אָט! יעפּימושקאָ זאָגט: גרישא! גרישאַ — זאָגט ער... דאָס זאָגט ער ריכטיק, און איר — זייט מיר מוחל! כ׳קען אייך אַלעמען מכבד זיין. ער האָט רעכט: איינמאָל לעבן מיר... מער ווי איינמאָל — קען מען נישט...

דאָס מיידל האָט זיך געקאָטשעט פון געלעכטער: גע-טופּעט מיט די פיס, פאַרלאָרן די קאַלאָשן און דער פורמאַן האָט פינסטער געשריגן:

לאָמיר גיך פאָרן ווייטער! — לאָמיר פאָרן, דאָס פערד שטייט נישט!

דאָס פערד, אַן אַלטע, צעבראָכענע קליאַטשע, איינגאַנצן אין שוים, איז געשטאַנען ווי אַ צוגעקאָוועטע און אַלץ צו-זאַמען איז געווען אומדערטרעגלעך קאָמיש. גריגאָריס אַרבע-טער האָבן זיך געקייקלט פון געלעכטער, קוקנדיק אויפן באַ-לעבאָס, אויף זיין אויסגעפּוצטער דאַמע און דעם צעדולטן פורמאַן.

בלויז פאָמאַ האָט נישט געלאַכט, ער איז געשטאַנען אין טיר פון קראָם לעבן מיר און געבורטשעט:

— זיך נישט איינגעהאַלטן, דער חזיר... און אין דערהיים האָט ער אַ ווייב, אַ שיין ווייבל!

דער פורמאַן האָט כסדר געאיילט מ׳זאָל פאָרן, דאָס מיידל איז אַראָפּ פון דראָזשקע, אויפגעהויבן גריגאָרין און, אַוועק-לייגנדיק אים צו זיך צופוסנס, אַ געשריי געטאָן, פּאָכענדיק מיטן שירעם:

— געפאָרן!

גוטמוטיק אָפּחוזקנדיק פון באַלעבאָס, אים מקנא זייענדיק

האָבן זיך די מענטשן, אויף פאַמאַס געשריי, גענומען צו דער אַרבעט; ס׳איז אים, קענטיק אומאָנגענעם געווען צו זען גריגאָרין אַ לעכערלעכן.

— און ער הייסט נאָך — אַ באַלעבאָס! — האָט ער געבורטשעט. — ווינציקער ווי אַ חודש איז געבליבן צו אַרבעטן, מיר וועלן אין דאָרף אָוועקפאָרן... נישט אויסגעהאַלטן...

מיר האָט פאַרדראָסן פאַר גריגאָרין, — דאָסדאָזיקע מיידל מיט די קאַרשן איז געווען אַזוי באַליידיקנדיק זינלאָז זייט ביי זייט מיט אים.

כ׳האָב נישט זעלטן געטראַכט: פאַרוואָס איז גריגאָרי שישלין — אַ באַלעבאָס, און פאָמאַ טוטשקאָוו — אַן אַרבעטער?

אַ פעסטער ווייסער בחור, אַ געקרייזלטער, מיט אַ שפּאַר-בערנאָז און גראָע, קלוגע אויגן אויפן קיילעכדיקן פּנים, איז פאָמאַ נישט ענלעך געווען אויף אַ פּויער, — ווען מ׳זאָל אים גוט באַקליידן, וואָלט מען אים געקענט אָננעמען פאַר אַ סוחרישן זון פון אַ פיינער משפּחה. דאָס איז געווען אַ מענטש אַ פינסטערער, האָט גערעדט ווינציק, זאַכלעך. אַ „גראַמאַטנער" האָט ער געפירט די חשבונות פון פּאַדריאַטשיק, פלעגט צו-נויפשטעלן די ביודזשעטן, פלעגט קענען צווינגען די חברים צו אַרבעטן גוט, אָבער אַליין האָט ער געאַרבעט נישט גערן.

— די גאַנצע אַרבעט וועסטו קיינמאָל נישט אָפּטאָן, — פלעגט ער רויִק רעדן. וועגן ביכער פלעגט ער זיך אָפּרופן מיט גרינגשעצונג: — אָפּדרוקן קען מען אַלץ, כ׳וועל דיר צוטראַכטן וואָס דו ווילסט נאָר, דאָס זענען — נאַרישקייטן...

ער פלעגט זיך אָבער צו אַלץ אויפמערקזאַם צוהערן און אויב עפּעס פלעגט אים אינטערעסירן — גענוי און עקשנותדיק אויספרעגן, טראַכטנדיק שטענדיק וועגן עפּעס אייגנס, מעסטנדיק אַלץ מיט אַן אייגענער מאָס.

איינמאָל האָב איך פאָמאַן געזאָגט, אַז ער וואָלט גאָר באַדאַרפט זיין אַ פּאַדריאַטשיק, האָט ער זיך פויל אָנגערופן:

— נוען כ׳זאָל גלייך קענען מיט טויזנטער רודערן — נו,

וואָלט נאָך געווען צו דערליידן... אָבער צוליב גראָשנס האָבן צו טאָן מיטן פּאַלק — דאָס הייסט גיסן וואַסער אין אַ פּאַס אָן אַ דעק. ניין, איך וועל זיך בעסער צוקוקן-צוקוקן, און אין אַ קלויסטער אַוועקגיין, קיין אָראַנקי. איך בין אַ שיינער, אַ קרעפּטיקער, אפשר וועל איך עפּעס אַ סוחרטע געפעלן ווערן, אַן אלמנה! ס׳טרעפן אַזעלכע זאַכן — איינער אַ סערגאַצקער בחור איז אין צוויי יאָר באַגליקט געוואָרן, און מיט אַ מיידל חתונה געהאַט, מיט אַ היגער, אַ שטאָטישער; מהאָט געטראָגן די איקאָנע איבער די שטיבער נו, האָט זי אים אויסגעקליבן...

דאָס איז ביי אים געווען גוט באַקלערט, — ער האָט געוווּסט אַ סך דערציילונגען וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס דינען אין קלויסטער האָט אַרויסגעפירט מענטשן אויף אַ לייכטן וועג. מיר זענען זיינע דערציילונגען נישט געפעלן געווען, ס׳איז מיר אויך נישט געפעלן געווען די ריכטונג פון פּאָמאַס געדאַנק. כ׳בין אָבער זיכער געווען, אַז ער וועט אַוועקגיין אין קלויסטער.

ס׳האָט זיך געעפנט דער יאַריד און אומגעריכט פאַר אַלעמען איז פּאָמאַ אָנגעקומען אין אַ שענק אַלס קעלנער. כ׳וועל נישט זאָגן, אַז דאָס זאָל האָבן ערשטוינט זיינע חברים, אָבער אַלע האָבן זיי זיך אָנגעהויבן באַציען צום בחור מיט שפּאָט, אין די יום-טובים. זיך קלייבנדיק טרינקען טיי, פלעגן זיי איינער צום אַנדערן זאָגן מיט אַ שמייכל:

— היידאַ צו אונזערן, זאַלבעזעקס.

און קומענדיק אין שענק פלעגן זיי מעשה-באַלעבאַטים שרייען:

— עי, קעלנער! געקרייזלטער, אַהער קום!

ער פלעגט צוקומען און פרעגן, אויפהויבנדיק דעם קאָפּ:

— וואָס פאַרלאַנגט איר?

— דערקענסט נישט קיין באַקאַנטע?

— אויף דערקענען האָב איך קיין צייט נישט...

ער האָט געפילט, אַז די חברים פאַראַכטן אים, ווילן חוזק מאַכן פון אים, און געקוקט אויף זיי מיט אַ לאַנגווייליק־

אָפּוואַרטנדיקע אויגן; זיין פּנים איז געוואָרן הילצערן, כ׳האָב זיך אָבער געדאַכט, אַז ס׳רעדט:

— נו-שוין, גיכער, לאַכט אָפּ...

— טרינק-געלט געבן? — פלעגן זיי אים פרעגן; פלעגן אומישנע לאַנג זיך פּאַרקען אין די טייסטערס און נישט געבן קיין קאָפּיקע.

כ׳האָב פּאָמאַן געפרעגט: ווי אַזוי האָט ער דאָס געטאָן, — זיך געקליבן פאַר אַ מאָנאַך, און אַ לאָקיי געוואָרן?

— פאַר אַ מאָנאַך האָב איך זיך נישט געקליבן, — האָט ער געענטפערט, — און אַלס לאָקיי בין איך געגאַנגען נישט אויף לאַנג...

אין אַ יאָר פיר אַרום האָב איך אים געטראָפן אין צאַריצין, נאָך אַלץ אַ לאָקיי אין אַ שענק; און דערנאָך האָב איך געלייענט אין אַ צייטונג, אַז פּאָמאַ טוטשקאָוו איז אַרעסטירט פאַר וועלן אויספירן אַ רויב-אָנפאַל.

באַזונדערס שטאַרק האָט מיך איבערראַשט די געשיכטע פון מויערער אַרדאַליאָן — דעם עלטסטן און בעסטן אַרבעטער אין פּיאָטערס אַרטעל. דערדאָזיקער פערציקיאָריקער פויער, אַ שוואַרצבערדיקער און פריילעכער, האָט אויך נישט ווילנדיק געוועקט די פראַגע: פאַרוואָס איז נישט ער — דער באַלעבאָס, נאָר פּיאָטר? בראָנפן פלעגט ער טרינקען זעלטן און כמעט קיינמאָל זיך נישט אָנשיכורן; זיין פאַך האָט ער געקענט גלענצנד, געאַרבעט מיט ליבע, די ציגל זענען געפלויגן אין זיינע הענט, ווי רויטע טויבן. לעבן אים האָט דער קראַנקער און פאַרעווערער פּיאָטר אויסגעזען ווי אַן איבעריקער מענטש אין דעם אַרטעל; ער פלעגט רעדן וועגן דער אַרבעט:

— כ׳בוי פאַר לייטן הייזער שטיינערנע, פאַר זיך — אויף אַ טרומנע אַ הילצערנע...

ליגנדיק די ציגל פלעגט אַרדאַליאָן מיט אַ פריילעכער רציחה שרייען:

— עכמאַ, אַרבעט, חברה, צו גאָטס לויב!

און פלעגט אַלעמען דערציילן, אַז דעם קומענדיקן פרי־

לינג וועט ער אַוועקפאָרן קיין טאָמסק, דאָרט האָט זיינער אַן איידעם אָנגענומען אַ גרויסן פּאָדריאַד—בויען אַ צערקווע און לאַדט אים איין צו זיך אַלס אויפזעער.

— דאָס איז ביי מיר אַ זאַך אַ באַשלאָסענע. צערקוועס בויען—דאָס האָב איך ליב!—פּלעגט ער רעדן און מיר פאַרגע־לייגט:—היידאַ מיט מיר! אין סיביר, ברודער, איז אַ „גראַ־מאָטנעם" זייער פּשוט, דאָרט איז לייענען־שרייבן — אַ טריומף!

איך בין מסכּים געווען, און אַרדאַליאָן האָט נצחונדיק געשריען:

— אָט אַזוי! דאָס איז ערנסט, נישט קיין שפּאַס...

צו פּיאָטערן און גריגאָרין האָט ער זיך באַצויגן מיט אַ גוטמוטיקן שפּאָט, ווי אַ דערוואַקסענער צו קינדער, און פּלעגט זאָגן צו אָסיפּן:

— באַרימערס, ווייזן כּסדר איינער דעם צווייטן זייער שׂכל, ווי זיי וואָלטן אין קאָרטן געשפּילט: איינער — איך האָב אָט וועלכע מאַשטש, דער צווייטער—און איך, זעסטו, האָב זיי, די טרומפן!

אָסיפּ באַמערקט אומבאַשטימט:

— ווי־זשע אַנדערש? באַרימעריי איז אַ זאַך אַ מענטש־לעכע, אַלע מיידלעך טראָגן די ברוסט פאָרויס...

— כּסדר אָך און אָך, גאָט און גאָט,*) און אַליין קלייבט מען געלט!—פּלעגט זיך אַרדאַליאָן נישט באַרויקן.

— נו, גרישאַ וועט נישט אָנקלייבן...

— איך רעד וועגן מיינעם. וואָלט ער בעסער, געזונטער־הייט, אַוועק אין וואַלד, אין דער וויסטע... עך, ס'האָט זיך מיר דאָ צוגעגעסן, כ'וועל פרילינגצייט אַוועקמאַרשירן קיין סיביר...

מקנא זייענדיק אַרדאַליאָנען, האָבן די אַרבעטער גערעדט:

— וואָלטן מיר געהאַט אַזאַ אָנשפּאַר, ווי אַן איידעם אַשטייגער, וואָלטן מיר זיך אויך נישט אָפּגעשראָקן פאַר סיביר...

*) אין רוסיש אַ פּשוטער גראַם: אָך דאַ אָך, באָך דאַ באָך.

און מיטאַמאָל איז אַרדאַליאָן פאַרפאַלן געוואָרן. זונטיק איז ער אַוועק פון אַרטעל, און אַ טאָג דריי האָט קיינער נישט געוווּסט, ווו ער איז.

אומרויִק האָט מען זיך געלערנט טרעפן:

— ווער ווייס, אפשר האָט אים עמעצער אַוועקגעפּטרט?

— אָדער זיך געבאָדן און דערטרונקען געוואָרן?

אָבער יעפימושקאַ איז געקומען און אַ פאַרשעמטער דערקלערט:

— אַרדאַליאָן האָט זיך צעהוליעט!

— וואָס פּלוידערסטו? — האָט פּיאָטר מיט אומצוטרוי אויסגעשריען.

— זיך צעהוליעט, צעשכּורט. פשוט — ווי אַ שייער זיך אָנגעצונדן פון סאַמע מיטן. ריכטיק ווי דאָס ליבע ווייב וואָלט אַוועקגעשטאָרבן...

— ער איז אַן אַלמן! ווו איז ער?

פּיאָטר איז בייז אַוועק ראַטעווען אַרדאַליאָנען, אָבער דער לעצטער האָט אים צעהורגט.

דאַן האָט אָסיפּ פעסט פאַרשנורעוועט די ליפּן, טיף פאַר-רוקט די הענט אין די קעשענעס און דערקלערט:

— איך וועל אַריבערגיין, אַ קוק טאָן, וואָס איז דאָ גע-שען? אַ מענטש אַ גוטער...

כ'האָב זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים.

— אָט דאָס איז דער מענטש,—האָט אָסיפּ גערעדט אויפן וועג,—לעבט-לעבט, אַלץ, דאַכט זיך, איז גוט, און פּלוצלונג — דער ווײַדל ווי אַ טראָמפּייט און זיך אַוועקגעלאָזן גאַלאָפּ איבער אַלע וויסטענישן, זע, מאַקסימיש, לערן זיך.

מיר זענען אָנגעקומען אין איינעם פון די ביליקע הייזער פון „פריילעכן קונאַווינער דאָרף“, אונז האָט באַגעגנט אַ גנבהשע אַלטיטשקע. אָסיפּ האָט זיך אַ ביסל געשושקעט מיט איר און זי האָט אונז אַרײַנגעפירט אין אַ ליידיקן קליי-בינקן צימער, אַ טונקעלן און שמוציקן, ווי אַ שטאַל. אויף אַ בעטל איז געשלאָפן, זיך פאַנאַנדערוואַרפנדיק, אַ גרויסע, דיקע

פרוי; די אַלטע האָט איר אַ שטויס געטאָן מיטן פויסט אין זייט און געזאָגט:

— אַרויס! ע׳, פּעפּערקע, אַרויס!

די פרוי איז מיט שרעק אויפגעשפּרונגען, געריבן דאָס פּנים מיט די דלאָניעס און געפרעגט:

— גאָטעניו! ווער איז דאָס? וואָס איז דאָס?

— געהיים-אַגענטן זענען געקומען. — האָט אָסיפ שטרענג געזאָגט.

אַ קרעכץ-טוענדיק, איז די פרוי פאַרשוווּנדן, און ער האָט איר נאָכגעשיקט אַ שפּיי און מיר דערקלערט:

— פאַר געהיים-אַגענטן ציטערן זיי מער ווי פאַר שדים...

אַראָפּנעמענדיק פון וואַנט אַ קליין שפּיגעלע, האָט די אַלטע אויפגעהויבן אַ שטיקל פון די טאַפּעטן.

— קוקט—אָט דער?

אָסיף האָט אַ קוק געטאָן אין דער שפּאַרע פון ווענטל.

— ער אַליין! טרייב אַרויס די מויד פון דאָרט...

אויך איך האָב אַ קוק געטאָן אין שפּאַרע: אין פּונקט אַזאַ ענגע קוטשע, ווי די, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען, האָט אויפן ביישטידל פון פענסטער, וועלכער איז פעסט פאַרמאַכט געווען מיט לאָדנס, געברענט אַ בלעכן לעמפּל, לעבן אים איז געשטאַנען אַ קאָסאָקע, נאַקעטע טאָטערקע, און פאַרנייט אַ העמד. הינטער איר, אויף די צוויי קישנס פון בעט, איז געלעגן אַרדאַליאָנס אָנגעשוואָלן פּנים, האָט געשטאַרצט זיין שוואַרצע, פאַרפלאָנטערטע באָרד. די טאָטערקע האָט אַ ציטער געטאָן, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די העמד, פאַרבייגעגאַנגען דאָס בעט און זיך פּלוצלונג באַוויזן אין אונזער צימער.

אָסיפ האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און ווידער אַ שפּיי געטאָן:

— או, חצופה

— אַליין אַלטער נאַר,—האָט זי געענטפערט לאַכנדיק.

אויך אָסיפּ האָט זיך (אַ אַנדערגעלאַכט, דראָענדיק איר מיטן פינגער.

מיר זענען אַריבער אין דער טאַטערקעס קוטשע, דער אַלטער האָט זיך געזעצט אויפן בעט צופוסנס אַרדאַליאָנען און לאַנג אים געוועקט אָן דערפאָלג; יענער האָט געבורטשעט:

— נו, גוט... וואַרט צו, קום...

ענדלעך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט; ווילד אַ קוק געטאָן אויף אָסיפּן, אויף מיר און, פאַרמאַכנדיק די רויטע אויגן, אַרויסגעמרוטשעט:

— נו, נו...

— וואָס טוט זיך מיט דיר?—האָט אָסיפּ געזאָגט רויק, אָן אַ פאָרוואורף, אָבער נישט פריילעך.

זיך פאַרדרייט, — האָט אַרדאַליאָן דערקלערט, כריפּענדיק און הוסטענדיק.

— פאַרוואָס עפּעס?

— אָט אַזוי...

— נישט גוט, דאַכט זיך...

— וואָס איז דאָ צו רעדן...

אַרדאַליאָן האָט גענומען פון טיש אָן אָנגעהויבן פלעשל בראָנפן און גענומען טרינקען פון העלזל, דערנאָך פאָרגעלייגט אָסיפּן:

— ווילסט? דאָ דאַרף זיין אויך צובייסעכץ...

דער אַלטער האָט זיך אָנגעגאָסן אין מויל בראָנפן, אַראָפּ-געשלונגען, זיך פאַרקרימט און אויפמערקזאַם גענומען קייען אַ שטיקעלע ברויט, און דער מוטנער אַרדאַליאָן האָט צעקראָכן גערעדט:

— כ'האָב זיך מיט אַ טאָטערקע אַריינגעלאָזט. דאָס איז אַלץ — יעפימושקאַ, די טאַטערקע, זאָגט ער, איז אַ יונגע, אַ יתומה פון קאַסימאָוו, אויפן יאריד זיך אויסגעקליבן.

פון הינטער דער וואַנט האָט מען פריילעך געזאָגט אויף אַ צעבראָכענער שפּראַך:

— די טאָטערקע—בעסער! ווי אַ יונגער הון. טרייב אים אַרויס, דאָס איז נישט דער טאַטע דיינער...

— אָט דאָס איז זי, — האָט ארויסגעשטאַמלט אַרדאַליאָן, קוקנדיק טעמפּ אין וואַנט אַריין.

— כ'האָב געזען,—האָט אָסיפּ געזאָגט.

אַרדאַליאָן האָט זיך געווענדט צו מיר:

— אָט אַזוי בין איך, ברודער...

כ'האָב זיך געריכט, אַז אָסיפּ וועט מאַכן אַרדאַליאָנען פאָרוווּרפן, אים לערנען, און יענער וועט פאַרשעמט זיך פאַר־ענטפערן אָבער קיין שום ענלעכעס איז נישט פאָרגעקומען, — זיי זענען געזעסן זייט ביי זייט, אַ פּלייצע לעבן אַ פּלייצע, און רואיק געשמועסט מיט קורצע ווערטער. ס'איז געווען זייער טרויעריק צו זען זיי אין דערדאָזיקער פינסטערער, שמוציקער קוטשע; די טאטערקע האָט אין דער שפּאַרע פון וואַנט אַריינ־גערעדט קאָמישע ווערטער, זיי אָבער האָבן זיי נישט געהערט. אָסיפּ האָט גענומען פון טיש אַ וואָבלע *), זי אָנגעקלאַפּט אין שטיוול און פּינקטלעך גענומען אָראָפּשינדן די הויט פון איר, פרעגנדיק:

— דאָס גאַנצע געלט האָסטו געפּטרט?

— פון פּעטרוכען קומט מיר...

— זע, וועסט נאָך צו זיך קומען? וואָלסט איצט באַ־דאַרפט פאָרן קיין טאמסק...

— ווייס איך וואָס, אין טאָמסק...

— האָסט חרטה?

— ווען פרעמדע וואָלטן גערופן.

— וואָס איז?

— אַזוי — אַ שוועסטער, אַן איידעם...

— גו?

— ס'איז נישט אַזאַ נחת־רוח, אייגענע זאָלן איבער דיר הערשן...

— דאָס הערשן איז אומעטום דאָסזעלבע.

— פונדעסטוועגן...

זיי האָבן גערעדט אַזוי פריינטלעך־ערנסט, אַז די טאָ־

*) אַזאַ מין פיש אין דער וואלגע. (איבּ).

טערקע האָט זיי אויפגעהערט צו רייצן, איז אַריין אין צימער, שווייגנדיק אַראָפגענומען פון וואַנט דאָס קלייד און — פאַרשוווּנדן.

— אַ יונגע, — האָט אָסיפּ געזאָגט.

אַרדאַליאָן האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און אָן פאַרדרוס אַרויסגערעדט:

— אַלץ — יעפימושקא, דער העצער. קיין זאַך אַ חוץ ווייבער, ווייסט ער נישט. און די טאַטערקע איז אַ פריילעכע, טרייבט ליצנות...

— היט זיך, — וועסט זיך נישט אַרויסדרייען, — האָט אים אָסיפּ געוואָרנט און, דערקייענדיק די וואָבלע, זיך גענומען זעגענען.

אויף צוריקוועגס האָב איך געפרעגט אָסיפּן.

— צוואָס ביסטו געגאַנגען צו אים?

— אַט אַ קוק טאָן. אַ מענטש אַ באַקאַנטער. אַ סך אַזעלכע צופאַלן האָב איך געזען, — לעבט זיך אַ מענטש, לעבט זיך, און פּלוצלינג, ווי פון תפיסה זיך אַרויסגעריסן, — האָט ער איבערגעחזרט דאָס פריער געזאָגטע. — פאַר בראָנפּעלע דאַרף מען זיך היטן!

אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער געזאָגט:

— און אָן אים — איז לאַנגווייליק!

— אָן בראָנפן?

— נו, יאָ! טרינקסט אויס — איז ווי דו וואָלסט אויף אַן אַנדער ערד געגאַנגען...

אַרדאַליאָן האָט זיך נישט אַרויסגעדרייט. אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געקומען צו דער אַרבעט, אָבער אינגיכן איז ער ווידער פאַרפאַלן געוואָרן, און פרילינג-צייט האָב איך אים געטראָפן צווישן די „באָסיאַקעס" — ער האָט אַרומגעהאַקט דעם אייז אַרום די באַרזשעס אין דער בוכטע. מיר האָבן זיך גוט באַגעגנט און אַוועק אין שענק טרינקען טיי, און ביים טיי-טרינקען האָט ער זיך באַרימט:

— געדענקסט, סאַראַ אַרבעטער כ'בין געווען, אַ? כ'וועל

ממש זאָגן: אין מיין פּאַך — אַ כימיק! הונדערטער האָב איך געקענט פאַרדינען...

— פונדעסטוועגן האָסטו נישט פאַרדינט.

— טאַקע נישט פאַרדינט! — האָט ער אויסגערופן מיט שטאָלץ. — כ'שפּיי אויף דער אַרבעט!

ער האָט זיך געהאַלטן ווילדעריש, מענטשן אין שענק האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זיינע אַרויספאָדערנדיקע ווערטער.

— געדענקסט, וואָס דער שטילער גנב פּעטרוכע פלעגט רעדן וועגן דער אַרבעט! פאַר לייטן אַ שטוב אַ שטיינערנע, פאַר זיך — אַ טרומנע אַ הילצערנע. אָט האָסטו דיר די גאַנצע אַרבעט!

איך האָב געזאָגט:

— פּעטרוכע איז אַ קראַנקער, פאַרן טויט האָט ער מורא.

אַרדאַליאָן אָבער האָט אַ געשריי געטאָן:

— אויך איך בין אַ קראַנקער, ביי מיר איז, אפשר די נשמה נישט אויפן אָרט!

אין די יום-טובים פלעג איך זיך אָפּט אַראָפּלאָזן פון שטאָט אין דער „מיליאָניקער" גאַס, ווי עס האָבן זיך אויפגע-האַלטן די „באָסיאַקעס", און צוגעזען, ווי שנעל אַרדאַליאָן ווערט אַ היימישער מענטש אין דער „גאָלדענע ראָטע". ערשט מיט אַ יאָר צוריק — אַ פריילעכער און ערנסטער, איז אַר-דאַליאָן איצט געוואָרן עפּעס שרייעריש, ער האָט באַקומען אַ מאָדנעם, ברייטן גאַנג, געקוקט אויף מענטשן מיט אַרויס-פאָדערונג, ווי ער זאָל אַלעמען אַרויסרופן אויף צאַנקעריי און קאַמף, און נישט אויפגעהערט זיך צו באַרימען:

— אדרבה, זע, ווי מענטשן נעמען מיך אויף, — כ'בין דאָ ווי אַן אַטאַמאַן אַ שטייגער!

נישט ציטערנדיק איבער די פאַרדינטע געלט, פלעגט ער מכבד זיין די באָסיאַקעס, זיך שטעלן ביי געשלעגן אויפן זייט פון שוואַכן און פלעגט אָפּט רופן:

— חברה, נישט ריכטיק! מ'דאַרף ריכטיק האַנדלען!

מ׳האָט אים טאַקע אַזוי אַ נאָמען געגעבן — ריכטיקער, דאָס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן.

כ׳האָב זיך פלייסיק צוגעקוקט צו די מענטשן, וועלכע זענען ענג אָנגעפּראָפּט געווען אין אַלטן און שמוציקן שטיי־נערנעם זאַק פון גאַס. דאָס זענען אַלץ געווען מענטשן, אָפּ־געבראָכענע פון לעבן, ס׳האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז זיי האָבן באַשאַפן זייער אייגן לעבן, אַן אומאָפּהענגיקס פון די באַלעבאַטים און אַ פּריילעכס. זאָרגלאָזע, ווילדערישע, פלעגן זיי מיר דערמאָנען דעם זיידנס דערציילונגען וועגן די בור־לאַקעס, וועלכע פלעגן זיך לייכט פאַרוואַנדלען אין גזלנים און פּרושים. ווען ס׳איז נישט געווען קיין אַרבעט, פלעגן זיי נישט מאַנקירן מיט קליינע גנבות פון די באַרזשעס און דאַמפּערס, דאָס פלעגט מיך אָבער נישט באַרירן, — כ׳האָב געזען, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז דורכגעניייט מיט גנבה, ווי אַן אַלטער קאַפטן מיט גראָען פאָדעם. און גלייכצייטיק האָב איך געזען, אַז דידאָזיקע מענטשן אַרבעטן אַמאָל מיט גרויס באַגייסטערונג, נישט קאַרגנדיק די כחות, ווי דאָס פלעגט טרעפן ביי אייליקע איבערלאָדונגען, ביי שרפות, אין דער צייט פון אייזגאַנג. אָבער בכלל האָבן זיי געלעבט מער יום־טובדיק ווי אַלע אַנדערע מענטשן.

באַמערקנדיק מיין פריינטשאַפט מיט אַרדאַליאָנען, האָט מיר אָסיפּ פאָטערלעך געוואָרנט:

— אָט וואָס, נשמה מיינע, פאַרוואָס טער בוים דו ביטע־רער, וואָס חברסטו מיר זיך עפעס צו שטאַרק מיט דער מיליאָניקער? היט זיך, ס׳זאָל דיר נישט פאַרשאַטן...

כ׳האָב אים דערציילט, ווי כ׳האָב געקענט, אַז מיר גע־פעלן דידאָזיקע מענטשן — זיי לעבן פריילעך אָן אַרבעט.

— ווי פייגל הימלישע, — האָט ער מיך איבערגעשלאָגן מיט אַ שמייכל. — דאָס זענען זיי דערפאַר אַזוי, ווייל זיי זענען פוילענצער, אַ גאָרנישטיקער עולם, אַרבעט איז ביי זיי — אַן אומגליק!

— וואָרום וואָס איז דען אַרבעט? מ׳זאָגט ערלעך איז שווערלעך!

מיר איז דאָס גרינג געווען צו זאָגן, כ׳האָב צו אָפּט נעהערט דעמדאָזיקן שפּריכוואָרט און געשפּירט זיין אמת. אָסיף איז אָבער אין כעס געוואָרן אויף מיר און גענומען שרייען:

— ווער זאָגט דען דאָס? נאַראָנים און פוילענצער, און דו, הינטל, — דאַרפסט עס נישט הערן! וואָס זאָגט איר נישט צו אים! דידאָזיקע נאַרישקייטן רעדן בעלי-קנאה, שלימזלניקעס, און דו — צוערשט באַקום פעדערן, דערנאָך — אינדערהויך! און וועגן דיין חברשאַפט וועל איך דעם באַלעבאָס דערטראָגן— נעם נישט פאַר אומגוט!

און — דערטראָגן! דער באַלעבאָס האָט מיר אין זיין געגנוואַרט געזאָגט:

— דו, פעשקאָוו, פאַרלאָז די מיליאָניקע! דאָרט זענען גנבים, פּראָסטיטוטקעס, און דער וועג פון דאָרטן — פירט אין אַ תפיסה, אין שפּיטאָל, וואַרף דאָס אַוועק!

כ׳האָב גענומען באַהאַלטן מיינע באַזוכן אויף דער מיל-יאָניקער, אָבער אינגיכן בין איך געצוווּנגען געווען זיך אָפּ-צוזאָגן פון זיי.

איינמאָל בין איך געזעסן מיט אָרדאַליאָנען און זיין חבר ראָבענאָק אויפן דאַך פון אַ שטאַל, אין הויף פון איינער פון די נאָכטהייזער; ראָבענאָק האָט אונז קאָמיש דערציילט, ווי ער איז געגאַנגען צופוס פון ראָסטאָוו—אויפן-דאָן קיין מאָסקווע. דאָס איז געווען אַ זעלנער-סאַפּיאָר, אַ געאָרגיעווער קאַוואַלער, אַ לאָמער, — אין טערקישן קריג האָט מען אים צעבראָכן אַ קני. אַ נידעריקער, אַ פעסטער, האָט ער פאַרמאָגט אַ שרעקלעכע קראַפט אין די הענט, אַ קראַפט, וועלכע איז פאַר אים נוצלאָז געווען, ווייל אַרבעטן האָט ער נישט געקענט צוליב זיין לאָמקייט. פון עפּעס אַ קראַנקהייט זענען ביי אים אויסגעקראָכן די האָר אויפן שאַרבן און אויפן פנים — זיין קאָפּ האָט באמת, דערמאָנט דעם קאָפּ פון אַ נאָר-וואָס געבוירענעם.

בליצנדיק מיט די געלע אויגן, האָט ער גערעדט:
— נו, איז אָט: סערפוכאָוו; זיצט אַ פּאָפּ אין זיין גער־טעלע; פאָרטערר, זאָג איך, גיט עפּעס אַ טערקישן העלד...
שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. זאָגט אַרדאַליאָן:
— נו, פליאַדער, פליאַדער...
— וואָס־זשע פליאַדער איך? — זאָגט ראַבענאָק, נישט באַליידיקט, און מיין חבר בורטשעט באַלערנדיק און פויל:
— ביסט נישט קיין ריכטיקער מענטש! דו דאַרפסט זיך אנבעטן אַלס סטרוזש, לאָמע דינען שטענדיק אַלס סטרוזשעס, און דו שלעפּסט זיך סתם אין דער וועלט אַריין און פליאדערסט כסדר...
— איך טו דאָך דאָס — כדי זיך אָנצולאַכן, צוליב פריי־לעכקייט — פליאַדער איך...
— איבער זיך דאַרפסטו לאַכן...
אויפן הויף, וואָס איז פינסטער און שמוציק געווען, כאָטש ס'איז געשטאַנען אַ טרוקענער, זוניקער וועטער, האָט זיך באַוויזן אַ פרוי און אַ געשריי געטאָן, פאָכענדיק מיט עפּעס אַ שמאַטע:
— ווער קויפט אַ קליידל? עי, חברטעס...
פון די שפאַרעס פון הויז האָבן גענומען אַרויסקריכן פרויען, ענג אַרומריגלענדיק די פאַרקויפערין; כ'האָב זי תיכף דערקענט — דאָס איז — די וועשין נאַטאַליאַ! כ'בין אַראָפּ־געשפרונגען פון דאַך, אָבער זי אָפּגעבנדיק דאָס קליידל פאַרן ערשטן פרייז, האָט שוין גענומען שטיל פאַרלאָזן דעם הויף.
— אַ גאָט העלף! — האָב איך זיך פריידיק באַגריסט, זי אָניאָגנדיק הינטערן טויער.
— און ווייטער וואָס ווערסטו זאָגן? — האָט זי געפרעגט, אַ קוק טוענדיק אויף מיר פון דער זייט, און פלוצלינג שטיין־געבליבן, בייז אַ געשריי טוענדיק:
— גאָט דערבאַרעמדיקער! — וואָס טוסטו דאָ?
מיך האָט גערירט און צעטומלט איר דערשראָקענער אויסגעשריי; כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז זי האָט זיך דערשראָקן

פאַר מיר; שרעק און פאַרווונדערונג האָבן זיך אַזוי בולט אויסגעגאָסן אויף איר קלוג פּנים. כ׳האָב איר קורץ דערקלערט, אַז כ׳לעב נישט אויף דערדאָזיקער גאַס; נאָר כ׳קום בלויז פון מאָל צו מאָל אַ קוק געבן.

— אַ קוק געבן! — האָט זי אויסגעשריגן מיט שפּאָט און בייז, — וואָס הייסט, ווהין זשע קוקסטו? דורכגייער אין די קעשענעס און נקבות הינטערן בוזעם?

איר פּנים איז געווען צעקנייטשט, אונטער די אויגן זענען געלעגן געדיכטע שאָטנס, די ליפּ האָבן זיך פאַרוועלקט אַראָפּגעלאָזן.

בלייבענדיק שטיין ביי דער טיר פון אַ שענק, האָט זי געזאָגט:

קום, כ׳וועל מיט טיי מכבד זיין! אָנגעטאָן ביסטו—ריין, נישט ווי דאָ, אָבער כ׳גלויב דיר עפּעס נישט...

אין שענק אָבער האָט זי וויַזט אויס מיר גענומען גלויבן און, צעגיסנדיק טיי, גענומען לאַנגווייליק רעדן וועגן דעם, אַז ערשט אַ שעה צוריק איז זי אויפגעשטאַנען און נאָך נישט געגעסן, נישט געטרונקען.

— און נעכטן זיך געלייגט — לוט-שכור, כ׳געדענק נישט אפילו: וווּ געשכורט, מיט וועמען?

מיר איז געווען אַ רחמנות אויף איר, ס׳איז מיר געווען אומבאַקוועם פאַר איר, און ס׳האָט זיך געוואָלט פרעגן, ווו זשע איז איר טאָכטער? און זי, אויסטרינקנדיק בראָנפן און הייסן טיי, האָט גענומען רעדן באַקאַנט-ווילעריש, גראָב, ווי אַלע פרויען פון דערדאָזיקער גאַס; ווען כ׳האָב איר אָבער געפרעגט וועגן איר טאָכטער, האָט זי זיך גלייך אויסגעניכטערט און אַ געשריי געטאָן:

— צוואָס עפּעס דאַרפסטו דאָס וויסן? ניין, מיין ליבער, מיין טאָכטער וועסטו נישט באַקומען, ניין!

זי האָט ווידער אויסגעטרונקען און דערציילט:

— די טאָכטער האָט נישט וואָס צו טאָן מיט מיר. איך—ווער בין איך? אַ וועשין. וואָס פאַרא אַ מאַמע בין איך? זי איז אַ

געבילדעטע, א געלערנטע, אָט דאָס איז עס, ברודער! און אוועקגעפאָרן פון מיר צו א רייכער חברטאָרין, אַלס לערערקע דאַכט זיך...

שווייגנדיק אַביסל, האָט זי נישט הויך געפרעגט.

— אַזוי גאָר! א וועשין פאַסט אייך נישט? און א הוליענדיקע פרוי פאַסט אייך?

אַז זי איז אַן אויסגעלאָסענע האָב איך, פאַרשטייט זיך, גלייך געזען, — קיין אַנדערע פרויען זענען אויף דער גאַס נישט געווען. ווען זי האָט אָבער אַליין געזאָגט וועגן דעם, זענען מיר די אויגן, פון בושה און רחמנות צו איר, פאַרלאָפן מיט טרערן, ווי זי וואָלט מיך אָפּגעבריט מיטן דאָזיקן מודה זיין זיך — זי, נאָך נישט לאַנג צוריק אַזאַ מוטיקע, אומאָפּהענגיקע, קלוגע!

— עך, דו, — האָט זי געזאָגט, א קוק טוענדיק אויף מיר און אָפּזיפּצנדיק, — גיי אַוועק פון דאַנען! און כ׳בעט דיך, און כ׳עצה דיר — קריך נישט אַהער, וועסט פאַרפאַלן ווערן!

דערנאָך האָט זי שטיל, ווי צו זיך אַליין, גענומען רעדן אָפּגעריסן, זיך אַריבערבויגנדיק איבער טיש און צייכענענדיק עפּעס מיטן פינגער אויפן טאַץ:

— אָבער וואָס זענען פאַר דיר מיינע בקשות און עצות? אויב א לייבלעכע טאָכטער האָט מיך נישט געהערט. איך שריי צו איר: דו קענסט נישט דיין לייבלעכע מוטער אַוועקוואַרפן, וואָס טוסטו? און זי — כ׳וועל זיך דערשטיקן, זאָגט זי. קיין קאַזאַן אַוועקגעפאָרן, זיך לערנען פאַר אַן אַקושערין וויל זי. נו, גוט... גוט... אָבער ווי זשע איך? און איך — אָט אַזוי... צו וואָס זאָל איך זיך צוטוליען?.. איז צום פאַרבייגייער...

— שטיל ווערנדיק, האָט זי לאַנג וועגן עפּעס געטראַכט. באַוועגנדיק קלאַנגלאָז מיט די ליפּן און, ווייזט אויס, פאַרגעסן וועגן מיר. די ווינקלען פון די ליפּן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן, דאָס מויל האָט זיך אויסגעקרימט ווי א סערפּ און ס׳איז פּיינלעך

געוועזן צוצוזען, ווי עס ציטערט די הויט אויף די ליפּן און עס רעדן שטום וועגן עפּעס די צאַפּלדיקע קנייטשעלעך. דאָס פּנים ביי איר איז געווען אַ קינדישס, אַ באַליידיקטס. פון אונטערן טיכל האָט זיך אַרויסגעשלאָגן אַ פּאַסמע האָר און געלעגן אויף דער באַק, — פאַרבויגנדיק זיך הינטערן קלייניקן אויער. אין טעפּעלע מיטן אָפּגעקילטן טיי איז אַריינגעקומען אַ טרער; באַמערקנדיק דאָס האָט די פרוי אָפּגערוקט דאָס טעפּעלע און פעסט צוגעמאַכט די אויגן, אַרויסדריקנדיק נאָך צוויי טרערעלעך, דערנאָך האָט זי אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט אַ טיכל.

כ׳האָב קיין געדולד נישט געהאַט צו זיצן מיט איר קעגנער, כ׳האָב זיך שטיל אויפגעהויבן.

— זייט געזונט!

— אַ? גיי, גיי צום טייוול! — האָט זי זיך אָפּגעענטפערט, נישט קוקנדיק אויף מיר, פאַרגעסנדיק, ווייזט אויס ווער עס איז מיט איר.

כ׳האָב זיך אומגעקערט אויפן הויף, צו אַרדאַליאָנען, — ער האָט געוואָלט גיין מיט מיר כאַפּן ראַקעס, און מיר האָט זיך אים געוואָלט דערציילן וועגן דערדאָזיקער פרוי. אָבער אים און ראָבענאָקן האָב איך שוין אויפן דאַך נישט געטראָפן; אין דער צייט, וואָס כ׳האָב זיי אַרומגעזוכט איבערן פאַרפּלאָנטערן הויף, האָט זיך אויפן גאַס אָנגעהויבן אַ סקאַנדאַל: ליאַרעם, וואָס איז פאַר דער גאַס קיין נייס נישט.

כ׳בין אַרויסגעגאַנגען פון טויער און גלייך זיך אָנגעשטויסן אויף נאַטאַליען, — כליפּענדיק, אָפּווישנדיק מיטן קאָפּטיכל דאָס צעקלאַפּטע פּנים, פאַרריכטנדיק מיט דער צווייטער האַנט די צעשויבערטע האָר, איז זי בלינד געגאַנגען איבערן טראַטואַר, און נאָך איר זענען נאָכגעגאַנגען אַרדאַליאָן מיט ראָבענקאָן; ראָבענאָק האָט גערעדט:

— גיב איר נאָכאַמאָל, גיב!

אַרדאַליאָן האָט דעריאָגט די פרוי, פאָכענדיק מיטן פויסט;

זי האָט זיך אומגעדרייט צו אים מיט דער ברוסט; דאָס פּנים אירס איז געווען שרעקלעך, די אויגן האָבן געברענט מיט שנאה.

— נ-נאָ, שלאָג! — האָט זי אַ געשריי געטאָן.

כ'האָב זיך איינגעקלאַמערט אין אַרדאַליאָנס האַנט, ער האָט פאַרוווּנדערט אַ קוק געטאָן אויף מיר.

— וואָס ווילסטו?

— טשעפּע נישט, — האָב איך אים קוים געקענט זאָגן.

ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— וואָס איז זי דיר — אַ געליבטע? אָ, נאַטאַשקע — האָט אויפגעפרעסן דעם מאָנאַשעק!

ראָבענאָק האָט אויך געלאַכט, זיך קלאַפּנדיק איבער די היפטן, און זיי האָבן מיך לאַנג געפּרעגלט אין הייסער בלאָטע—דאָס איז געווען פּיינלעך: אָבער אין דער צייט, וואָס זיי האָבן זיך פאַרנומען דערמיט, איז נאַטאַליע אַוועק, און איך, נישט קענענדיק מער פאַרטראָגן, האָב ענדלעך אַ קלאַפּ געטאָן ראָבענקאָן מיטן קאָפּ אין ברוסט, אים אומגעוואָרפן און אַנטלאָפן.

פון יענעם טאָג האָב איך לאַנג נישט באַזוכט די מיל-יאָניקע, אָבער אַרדאַליאָנען האָב איך געזען נאָכאַמאָל, — כ'האָב אים געטראָפן אויפן פּאַראָם.

—ווּ ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? — האָט ער געפרעגט מיט פרייד.

ווען כ'האָב אים דערציילט, אַז מיר איז עקלדיק זיך צו דערמאָנען, ווי ער האָט צעהורגט נאַטאַליען און מיך שענדלעך באַליידיקט האָט זיך אַרדאַליאָן גוטמוטיק פאַנאַנדערגעלאַכט.

— צי דען איז דאָס אין ערנסט? דאָס האָבן מיר דיך פון שפּאַס וועגן אויפן צימבל גענומען! און זי, — פאַרוואָס זשע זאָל מען איר נישט שלאָגן, אויב זי איז — אַן אויסגע-לאַסענע? ווייבער שלאָגט מען, און אויף אַזעלכע איז אַוודאי קיין רחמנות נישט! נאָר דאָס אַלץ איז — בלויז שטיפעריי! כ'פאַרשטיי דאָך, — מיטן פּויסט וועסטו גאָרנישט אויסלערנען!

— אָבער וואָס האָסטו איר צו לערנען? מיט וואָס ביסטו בעסער?..

ער האָט מיך אַרומגענומען פאַר די אַקסלען און אויפ־טרייסלענדיק, געזאָגט מיט שפּאָט:

— אין דעם איז דאָך די העסלעכקייט אונזערע, וואָס קיינער איז פאַר קיינעם נישט בעסער... איך, ברודער, פאַר־שטיי אַלץ סיי פון אויסן, סיי פון דער אונטערשטער זייט, אַלץ! איך בין נישט דאָס דאָרף...

ער איז געווען אַביסל בגילופין, פריילעך; געקוקט אויף מיר מיט אַ פריינטלעכן באַדויערן פון אַ גוטן לערער צו אַ טעמפּן שילער...

...פון צייט צו צייט פלעג איך טרעפן פּאַוול אָדינצאָוון; ער איז נאָך געוואָרן פּיפּיקער, געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַ פּראַנט, גערעדט מיט מיר פון אויבן אַראָפּ און כסדר פאַרגעוואָרפן:

— פאַר וואָס פאַרא אַרבעט האָסטו זיך דאָס גענומען — וועסט פאַרפאַקן ווערן! די פּויערים דידאָזיקע...

דערנאָך פלעגט ער טרויעריק דערציילן נייעס וועגן לעבן פון דעם וואַרשטאַט.

— זשיכאַרעוו פלאָנטערט זיך אַלץ מיט דער קו דער־דאָזיקער; סיטאַנאָוו ווייזט אויס, טרויערט: ער האָט גענומען שכורן אָן אַ מאָס. און גאָגאָלעוון האָבן וועלף אויפגעגעסן; ער איז געפאָרן אויף דער קריסטוואָך אַהיים, און דאָרט האָבן אים די וועלף אויפגעפרעסן!

און פאַרגיסנדיק זיך מיט אַ פריילעכן געלעכטער, האָט פּאַוול קאָמיש געבריייעט:

— אויפגעגעסן און — זענען אויך אַלע שכור! פריילעכע געוואָרן, — גייען אַרום איבערן וואַלד אויף די הינטערשטע פיס, ווי געלערנטע הינט, וואָיען, און אין אַ מעת־לעת אַרום אויסגעפּגרט אַלע!...

כ'האָב געהערט און אויך געלאַכט, כ'האָב אָבער געפילט, אַז דער וואַרשטאַט מיט אַלץ, וואָס כ'האָב דאָרט איבערגעלעבט, איז ווייט פון מיר, דאָס איז געווען אַביסעלע אומעטיק.

XIX

ווינטער איז אויפן מאַרק כמעט נישט געווען קיין אַר־בעט; אין שטוב האָב איך אויסגעפירט, ווי פריער אומצאָליקע קליינע פליכטן; זיי פלעגן איינשלינגען דעם גאַנצן טאָג, אָבער די אָוונטן פלעגן בלייבן פריי, כ'האָב ווידער געלייענט אויפן קול פאַר די באַלעבאַטים, די אומאָנגענעמע פאַר מיר ראָמאַנען פון „ניוואַ", פון „מאָסקאָווסקי ליסטאָק", און דורך די נעכט זיך פאַרנומען מיט — לייענען גוטע ביכער און געפּרוּווט שרייבן לידער.

איינמאָל, ווען די פרויען זענען אַוועק צו דער שבת־דיקער אָוונט־תּפילה, און דער באַלעבאָס איז צוליב אַ פאַר־קילונג געבליבן אין שטוב, האָט ער מיך געפרעגט:

— וויקטאָר לאַכט, אַז כלומרשט דו פּעשקאָוו, שרייבסט לידער, ס'איז אמת, וואָס? א—נו, לייען פאָר!

אָפּזאָגן איז געווען אומבאַקוועם, כ'האָב איבערגעלייענט אייניקע לידער; ווייזט אויס, זיי זענען אים נישט געפעלן געוואָרן. אָבער פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט:

— רייב, רייב! ווערסט, אפשר, אַ פּושקין זיין; סט'געלייענט פּושקינען?

„ברענגט מען אַ הויז־שד צו דער קבורה,
מאַכט מען חתונה אַ מכשפה?"

אין זיין צייט האָט מען נאָך געגלויבט אין שטוב־שדים,

צו, ער אַליין מסתמא, האָט נישט געגלויבט, נאָר פּשוט — געשפּאַסט! — יאָ—אָ, ברודער, — האָט ער אויסגעשריגן פאַר־טראַכט, — וואָלסט באַדאַרפט לערנען, האָסט שוין אָבער פאַר־שפּעטיקט! ווייסט עס דער רוח, ווי דו וועסט לעבן... דעם העפט דיינעם באַהאַלט וואָס ווייטער, אנישט וועלן זיך צו־טשעפּען די ווייבער — זיי וועלן פאַרלאַכן...

ווייבער, ברודער, האָבן דאָס ליב — פאַרן האַרץ אַ נעם טאָן...

שוין אַ געוויסע צייט ווי דער באַלעבאָס איז געוואָרן שטיל, פאַרטראַכט און האָט זיך כסדר מיט מורא אַרומגעקוקט, און דאָס קלינגען פון גלעקל פלעגט אים שרעקן; אַמאָל פלעגט ער זיך פלוצלינג קרענקלעך אויפרעגן צוליב קליינינקייטן, שרייען אויף אַלעמען און אַנטלויפן פון שטוב, און שפּעט ביי־נאַכט זיך אומקערן אַ שכורער... ס'האָט זיך געפילט, אַז אין זיין לעבן איז פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַ חוץ אים קיינעם נישט באַקאַנט, האָט אים צעבראָכן דאָס האַרץ און איצט האָט ער געלעבט נישט זיכער, נישט גערן, נאָר סתם אַזוי זיך, פון געוווינהייט.

אין די יום־טובים, פון מיטאָג ביז ניין אַ זייגער פלעג איך אַוועקניין שפּאַצירן, און אינאָוונט פלעג איך זיצן אין שענק אויף יאַמסקער גאַס; דער באַלעבאָס פון שענק, אַ דיקער און תמיד שווייסיקער מענטש, האָט שרעקלעך ליב געהאַט געזאַנג, דאָס האָבן געוווּסט די זינגערס כמעט פון אַלע צערקווישע כאָרן און פלעגן זיך צענויפקלייבן ביי אים; ער פלעגט זיי פאַר די לידער מכבד זיין מיט בראָנפן, ביר, טיי. די זינגער זענען אַ עולם אַ שכורער און ווינציק־אינטערעסאַנ־טער; געזונגען האָבן זיי אומגערן, בלויז צוליב דעם כבוד, און כמעט תמיד צערקווישעס, און אַזוי ווי גאָטספאָרכטיקע שכורים האָבן געהאַלטן, אַז אין שענק איז קיין אָרט נישט פאַר צערקווישעס, פלעגט זיי דער באַלעבאָס איינלאַדן צו זיך אין צימער, און איך פלעג קענען הערן דאָס געזאַנג בלויז פון הינטער דער טיר. אָבער נישט זעלטן פלעגן אין שענק

זינגען דאָרפֿישע פּויערים, בעל־מלאכות, — דער שענקער אַליין פֿלעגט אַרומזוכן איבער דער שטאָט זינגערס, פֿלעגט זיך אין די מאַרק־טעג נאָכפֿרעגן אויף זיי ביי די צוגעפֿאָרענע פּויערים און זיי איינלאַדן צו זיך.

דער זינגער פֿלעגט זיך תמיד אַוועקזעצן אויף אַ שטול ביים שענקטיש פֿון בופֿעט, אונטערן פּעסעלע בראָנפֿן, — זיין קאָפּ האָט זיך געצירט אויפֿן דעק פֿון פּעסעלע, ווי אין אַ קיילעכדיקער ראַם.

בעסער פֿאַר אַלע — און שטענדיק עפּעס אַזעלכע מאָדנע גוטע לידער — האָט געזונגען אַ קליינינקער, מאָגערער רימער קלעשטשאָוו; אַ מענטש אַ צעקנייטשטער, אַ צעקייטער, אין פּאַסמעס געלע האָר; דאָס נעזעלע האָט ביי אים געגלאַנצט, ווי ביי אַ בר־מינן, די קליינינטשקע, פֿאַרשלאָפֿענע אויגן זענען געווען אומבאַוועגלעך.

ס׳פֿלעגט טרעפֿן, ער מאַכט זיי צו, שפּאַרט זיך אָן אין דעק פֿון פּעסעלע מיטן נאַקן און אַרויסשטעלנדיק די ברוסט, הויבט ער אָן צו זינגען שנעל־שנעל מיט אַ שטילן, אָבער אַלץ־באַזינגנדיקן טענאָרל:

עך, איז געפֿאַלן דער נעפּל אויפֿן פֿעלד דעם ריינעם.
און ס׳האָט צוגעדעקט דער נעפּל די וועגן די ווייטע...

דאָ פֿלעגט ער אויפֿשטיין, זיך אָנשפּאַרנדיק מיטן קרייץ אויפֿן שענקטיש, זיך אויסבויגנדיק אַ הינטן, און פֿלעגט האַרציק אויסזינגען, אויפֿהויבנדיק דאָס פּנים צום פּולאָפּ:

— עך, וווּהין, וווּהין־זשע וועל איך גיין,
ווו וועל איך די וועג די ברייטע אויסזוכן אַליין?

אַ שטימע האָט ער געהאַט אַ קליינע, אָבער אַן אומ־דערמידלעכע; ער פֿלעגט אַדורכנעמען דעם דומפּן, טונקעלן הו־האַ פֿון שענק מיט אַ זילבערנער סטרונע, טרויעריקע ווער־טער, קרעכצן און אויסגעשרייען פֿלעגן באַזיגן אַלע מענטשן, — אַפֿילו שכורע ווערן פֿאַרוווּנדערט־ערנסט, זיי פֿלעגן שטיל־שווייגנדיק קוקן אין די טישן פֿאַר זיך, און ביי מיר פֿלעגט צעריסן ווערן דאָס האַרץ, איבערגעפֿולט מיט יענעם מעכטיקן

געפיל, וועלכן עס וועקט שטענדיק אויף אַ גוטע מוזיק, באַריירנדיק וווּנדערלעך די טיפֿעניִשן פֿון דער נשמה.

אין שענק פֿלעגט ווערן שטיל, ווי אין אַ צערקווע, און דער זינגער — ווי אַ גוטער גלח. ער פּרעדיקט נישט, נאָר איז באמת, ערלעך מתפּלל מיטן גאַנצן האַרצן פֿאַרן מענטשלעכן מין; ערלעך, אויפֿן קול טראַכט ער וועגן אַלע מאַטערנישן פֿון אָרעמען מענטשלעכן לעבן. פֿון אומעטום קוקן אויף אים בערדיקע מענטשן, אויף די חיהשע פּנימער פֿינטלען פֿאַרטראַכט קינדישע אויגן; פֿון צייט צו צייט זיפֿצט עמעץ אָפּ, און דאָס שטרייכט גוט אונטער די באַזיגנדיקע קראַפֿט פֿון ליד. אין אַזעלכע מאָמענטן פֿלעגט זיך מיר שטענדיק אויסדאַכטן, אַז אַלע מענטשן לעבן מיט אַ פֿאַלשן, צוגעטראַכטן לעבן, און דאָס אמתע מענטשלעכע לעבן — אָט איז עס!

זיצט זיך אין ווינקל אַ גראָב־פּנימדיקע הענדלערקע ליסוכאַ, אַ פּרוי אַ פֿאַרלוירענע, אַ שענדלעך אויסגעלאַסענע; האָט זי באַהאַלטן דעם קאָפּ אין די פֿעטע אַקסלען און וויינט, וואַשט שטיל מיט טרערן אירע פֿרעכע אויגן. נישט ווייט פֿון איר האָט זיך אָנגעוואָרפֿן אויפֿן טיש דער פֿינסטערער אקטאַוויסט מיטראָפּאַלסקי, אַ האָריקער ריזן־יונג, אַן ענלעכער אויף אַ פֿאַרשטויסענעם דיאַקאָן, מיט גרויסע אויגן אויפֿן שכורן פּנים; קוקט אין גלעזל בראָנפֿן וואָס פֿאַר אים, נעמט עס, טראָגט אונטער צום מויל און שטעלט ווידער אויפֿן טיש, פֿאָרזיכטיק און געררוישלאָז, — קען אָבער צוליב עפּעס וואָס נישט אויסטרינקען.

און אַלע מענטשן אין שענק זענען פֿאַרגליווערט געוואָרן, ווי זיי וואָלטן זיך צוגעהערט צו עפּעס פֿון לאַנג פֿאַרגעסנס, וואָס איז זיי טייער און נאָענט געווען.

ווען קלעשטשאָוו ענדיקט דאָס ליד און לאָזט זיך באַשיידן אַראָפּ אויפֿן שטול, טראָגט אים דער שענקער און[illegible] אַ גלאָז בראָנפֿן און רעדט מיט אַ נחת־רוחדיקן שמייכל:

— נו, אודאי, גוט! כאָטש דו דערציילסט מער [illegible]

זינגסט, אָבער פונדעסטוועגן אַ מייסטער, וואָס איז דאָ צו רעדן! אַנדערש וועט קיינער נישט זאָגן...

קלעשטשאָוו פלעגט נישט געאיילט טרינקען זיין בראָנפן, פאַרזיכטיק קראַקען און שטיל רעדן:

— זינגען קען יעדער איינער, ווער עס האָט נאָר אַ שטימע, אָבער וויזן, סאַראַ נשמה דאָס ליד פאַרמאָגט, — דאָס קען נאָר איך אַליין!

— נו, רים זיך נישט פונדעסטוועגן!

— ווער עס האָט נישט מיט וואָס, דער באַרימט זיך נישט, — רעדט דער זינגער נאָך אַלץ אַזוי שטיל, אָבער נאָך מער פאַרעקשנט.

— ביסט פאַרריסן ביי זיך, קלעשטשאָוו! — רופט אויס דער שענקער מיט פאַרדרוס.

— העכער פאַר מיין נשמה פאַררייס איך נישט דעם קאָפּ...

און אין ווינקל ריטשעט דער פינסטערער אָקטאַוויסט:

— וואָס פאַרשטייט איר אין געזאַנג פון דאָזיקן העסלעכן מיאַוקען, איר ווערים, איר, שימל?

ער איז קיינמאָל מיט קיינעם נישט געווען איינשטימיק, האָט זיך מיט אַלעמען געאַמפּערט, ביי אַלעמען אַראָפּגעריסן די מאַסקעס, און כמעט יעדן יום-טוב פלעגן אים אומדערבאַרעמדיק שלאָגן דערפאַר סיי די זינגערס, סיי אַלע, ווער ס'האָט נאָר געקענט, ווער ס'האָט געוואָלט.

דער שענקער האָט ליב קלעשטשאָווס לידער, ער קען אָבער נישט ליידן דעם זינגער אַליין; ער באַקלאָגט זיך אויף אים פאַר אַלעמען און זוכט בולט צו דערנידעריקן דעם רימער, אָפּצוחוזקן פון אים: דאָס ווייסן סיי די שטענדיקע געסט פון שענק, און סיי קלעשטשאָוו אַליין.

אַ גוטער זינגער, אָבער פאַרריסן ביי זיך, און מ'דאַרף אים אַראָפּשלאָגן פון זאָטל, — זאָגט ער, און אַנדערע געסט זענען מסכים מיט אים.

— דאָס איז ריכטיק, דער בחור איז פאַרריסן ביי זיך;

— מיט וואָס נעמט ער זיך איבער? די שטימע איז אַ

גאָט זאָך, ער האָט עס נישט דערוואָרבן אַליין! און די שטימע אַליין, איז זי דען אַזוי גרויס? — לאָזט נישט אָפּ דער שענקער עקשנותדיק.

דעם עולם, וואָס איז מסכּים מיט אים, באַמקעט אים אונטער:

ריכטיק, דאָ איז נישט די שטימע, נאָר מער — קענטעניש.

איינמאָל, ווען דער זינגער האָט זיך אָפּגעקילט און אַוועק, האָט דער שענקער גענומען איינרעדן ליסוכען:

— וואָלסט באַדאַרפט, מאַריאַ יעוודאָקימאָוונאַ, זיך אַ שפּיל טאָן מיט קלעשטשאָוון, וואָלט אים דער קאָפּ פאַרדרייט אַ ביסעלע, אַ? וואָס פאַראַ ווערדע האָט עס ביי דיר?

— ווען איך זאָל יינגער זיין, — האָט די הענדלערקע געזאָגט שמייכלענדיק.

דער שענקער האָט היציק און הויך זיך צעשריגן:

— וואָס קענען יונגע? נעם זיך נאָר דו! כ'וואָלט גע-וואָלט זען, ווי ער נעמט זיך דרייען אַרום דיר! מ'וואָלט אים באַדאַרפט אין בענקשאַפט אַריינציאָגן, אָט וואָלט ער גענומען זינגען, אַ? נעם זיך, יעוודאָקימאָוונאַ, כ'וועל דיר אָפּ-דאַנקען, עי?

זי האָט זיך אָבער נישט גענומען, אַ גרויסע אַ צעקראָ-כענע, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן און איבערקלויבנדיק מיט די פינגער די פרענזלעך פון טיכל אויף דער ברוסט, האָט זי איינטאָניק און פויל גערעדט:

— דאָ דאַרף מען אַ יונגע. וואָלט איך יינגער געווען, נו, — כ'וואָלט קיין סך נישט געקלערט...

כּמעט שטענדיק פּלעגט דער שענקער זיך באַמיען אָנצו-שכּורן קלעשטשאָוון, אָבער אָפּזינגענדיק אַ צוויי-דריי לידער און אויסטרינקנדיק פאַר יעדן צו גלאָז, פלעגט יענער גוט אַרומוויקלען דעם האַלז מיט אַ געשטריקטן שאַל, שטייף אָנ-ציען דאָס היטל אויף דעם טשופּרינינדיקן קאָפּ און — אַוועקגיין.

נישט זעלטן פלעגט דער שענקער אויסזוכן פאַר קלעש־טשאָוון קאָנקורענטן; דער רימער זינגט אָפּ אַ ליד און ער, לויבנדיק אים, זאָגט אַ צערודערטער:

— דאָ איז, אגב, געקומען נאָך אַ זינגער! אדרבה, כ׳בעט אייך, באַווייזט וואָס איר קענט!

דער זינגער פלעגט אַמאָל באַווייזן אַ גוטע שטימע, ס׳האָט אָבער קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז עמעצער פון קלעש־טשאָווס קאָנקורענטן זאָל אַמאָל זינגען אַזוי פּשוט און האַרציק, ווי ס׳האָט געקענט זינגען דערדאָזיקער קליינער, נישט־אָנזעעוו־דיקער רימער.

— נ—ניאָ, — פלעגט דער שענקער זאָגן מיט באַדויערן, — דאָס איז אוודאי, גוט! דער עיקר — אַ שטימע איז דאָ, אָבער — אָט די נשמה...

דער עולם האָט געשפּאָסט:

— ניין, דעם רימער זעט אויס, וועסטו נישט בייקומען!

און קלעשטשאָוו פלעגט קוקן אויף אַלעמען פון אונטער די געלע צעשויבערטע ברעמען און רויק און העפלעך זאָגן צום שענקער:

— אומזיסט אייער טרחה. אַקעגן מיר וועט איר קיין זינגער נישט געפינען. האָב איך דאָך אַ געזאַנג פון גאָט...

— מיר זענען אַלע — פון גאָט!

— איר וועט בדלות ווערן אויף בראָנפן, און איר וועט נישט געפינען...

דער שענקער פלעגט ווערן בלוט־רויט און בורטשען:

— ווער ווייסט, ווער ווייסט...

און קלעשטשאָוו פלעגט אים עקשנותדיק דערווייזן:

— און נאָך וועל איך אייך זאָגן, אַז זינגען איז אַ שטייגער נישט קיין הענער־קאַמף...

— כ׳ווייס עס אַליין! וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט?

כ׳טשעפּע זיך נישט צו, כ׳דערווייז בלויז: אויב אַ ליד איז אַ פאַרווײַלונג, שטאַמט דאָס שוין — פון נישט גוטן!

— גענוג שוין! זינג בעסער נאָך עפּעס...

זינגען קען איך שטענדיק, אין שלאָף אפילו, — פלעגט קלעשטשאָוו מסכּים זיין, פּאַרזיכטיק צוהוסטנדיק, און געמען זינגען.

און אַלע קליינלעכקייטן, דער גאַנצער שמוץ פון ווער־טער און כּוונות, אַלדאָס באַנאַלע, שענקערישע — פלעגט וווּנ־דערלעך פאַרשווינדן ווי אַ רויך; אויף אַלעמען האָט געווייעט מיט אַ שטראָם פון אַ נײַ לעבן — אַ פאַרטראַכטס, אַ ריינס, אַ פולס מיט ליבע און טרויער.

כ'בין מקנא געווען דעמדאָזיקן מענטשן, כ'בין אָנגע־שטרענגט מקנא געווען זיין טאַלאַנט, זיין מאַכט איבער מענטשן, — ער האָט אַזוי וווּנדערלעך זיך באַנוצט מיט דער־דאָזיקער מאַכט! מיר האָט זיך געוואָלט באַקענען מיטן רימער, לאַנג רעדן מיט אים וועגן עפּעס, כ'האָב אָבער נישט געוואַגט צו צוגיין צו אים, — קלעשטשאָוו האָט אויף אַלעמען געקוקט מיט די ווייסלעכע אויגן אַזוי מאָדנע, ריכטיק ווי ער וואָלט קיינעם נישט געזען פאַר זיך. און ער האָט פאַרמאָגט עפּעס אומאָנגענעמס פאַר מיר, וואָס האָט געשטערט אים ליב צו באַ־קומען, — און ס'האָט זיך געוואָלט ליב האָבן דעמדאָזיקן מענטשן נישט נאָר דאַן, ווען ער האָט געזונגען. ס'איז געווען אומאָנגענעם צו זען, ווי אַזוי ער ציט אָן, ווי אַ זקן, דאָס היטל אויפן קאָפּ און ווי ער וויקלט אַרום דעם האַלז, פאַר אַלעמען אין די אויגן, מיט אַ רויטן געשטריקטן שאַרף, וועגן וועלכן ער פלעגט זאָגן:

— דאָס האָט מיר מיין ליבינקע אויסגעשטריקט, איינע אַ מיידעלע...

האָט ער נישט געזונגען, פלעגט ער זיך חשוב אָנבלאָזן, רייבן מיטן פינגער די טויטע, אָפּגעפרוירענע נאָז, און אויף די פראַגן ענטפערן איינזילביק, אומגערן. ווען איך האָב זיך צוגעזעצט צו אים און געפרעגט וועגן עפּעס, האָט ער נישט קוקנדיק אויף מיר, געזאָגט:

— אַוועק פון דאַנען בחורל!

אַ סך מער איז מיר געפעלן געוואָרן דער אַקטאַוויסט

מיטראפּאלסקי; קומענדיק אין שענק אַריין, פלעגט ער דורכ־גיין אין ווינקל מיטן גאַנג פון אַ מענטשן, וואָס טראָגט אַ גרויסע משא, פלעגט אָפּרוקן דעם שטול מיט אַ פוס־שטויס און זיך זעצן, צעפלייגנדיק די עלנבויגנס איבער טיש, אַוועק־לייגנדיק אויף די דלאָניעס אַ גרויסן, האָריקן קאָפּ, שווייגנדיק פלעגט ער אויסטרינקען אַ צוויי־דריי גלעזער און הילכיק קראַקען; אַלע פלעגן זיך, אויפציטערנדיק, אומקערן צו אים, און ער אָנגעשפּאַרט מיט דער גאָמבע אין די דלאַניעס, פלעגט אַרויספאָדערנדיק קוקן אויף די מענטשן; די גריווע נישט געקאַמטע האָר פלעגט ווילד באַשיטן זיין פאַרשוואָלן, שונקל־ברוין געזיכט.

— וואָק קוקט איר? וואָס זעט איר? — פלעגט ער פּלוצ־לינג פרעגן מיט אָפּהילכנדיקע ווערטער.

— אַמאָל פלעגט מען אים אָפּענטפערן:

— אַ וואַלד־שד זעען מיר!

ס'פלעגן טרעפן אָוונטן, ווען ער פלעגט טרינקען שווייגנ־דיק און שווייגנדיק אַוועקגיין, שווער שאַרנדיק מיט די פיס, אָבער עטלעכע מאָל האָב איך געהערט, ווי ער האָט געשטראָפט מענטשן, גאָכמאַכנדיק אַ נביא:

— איך בין מיין גאָטס טרייער קנעכט און איך שטראָף אייך, ווי ישעיה! ווייִ איז צו דער שטאָט אַריאל, וווּ זשוליקעס און אויסוורפן און אַלערליי עקלהאַפטיקייטן וווינען אין שמוץ פון זייער נידערטרעכטיקע תאוות! ווייִ איז צו די שופן פליגלען פון דער ערד, ווייל זיי טראָגן איבער די ווענט פון דער וועלט מענטשלעך העסלעכע, — כ'מיין אייך, שכורים, פרעסערס, דעם אָפּפאַל פון דערדאָזיקער וועלט, — איר האָט נישט קיין צאָל, איר פאַרשאָלטענע, און די ערד וועט אייך נישט צונעמען אין אירע טיפענישן!

זיין קול האָט אַזוי געהודיעט, אַז די שויבן אפילו האָבן געקלונגען, — דאָס איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם עולם, און ער האָט געלויבט דעם נביא:

— ער דערלאַנגט נישקשהדיק, דער האָריקער הונט!

מיט אים איז געווען לייכט צו שליסן קאנטשאַפט, — מ'האָט בלויז געדאַרפט אים פאַרלייגן כבוד; ער האָט גע־פאָדערט אַ קאַראַפקע בראָנפן און אַ פּאָרציע אָקסענע לעבער מיט רויטן פעפער, זיין באַליבט מאכל; ער פלעגט צערייסן דאָס גאַנצע מויל און די גאַנצע איינגעווייד. ווען כ'האָב אים געבעטן ער זאָל מיר זאָגן, וועלכע ביכער מ'דאַרף לייענען, האָט ער מיר ווילד אַ קוק געטאָן גלייך אין די אויגן אַריין און געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— צוואָס לייענען?

אָבער ווייך ווערנדיק פון מיין פּאַזיטיוויקייט, האָט ער אַרויסגעהודיעט:

— קהלת האָסטו געלייענט?

— געלייענט.

— קהלת לייען! מער גאָרנישט. דאָרט איז די גאַנצע חכמה פון דער וועלט, בלויז קוואדראַטיקע באַראַנעס פאַר־שטייען עס נישט — דאָס הייסט, אַז קיינער פאַרשטייט עס נישט... ווער ביסטו אַזוינער — זינגסט?

— ניין.

— פאַרוואָס? מ'דאַרף זינגען. דאָס איז די אומזיניקסטע באַשעפטיקונג

פון שכנותדיקן טיש האָט מען אים געפרעגט:

— און דו אַליין זינגסט דען?

— יאָ איך בין אַ — פּוסט־און־פּאַסטניק! נו?

— גאָרנישט.

— נישט קיין נייעס. אַלע ווייסן, אַז אין קאָפּ ביי דיר איז גאָרנישט נישטאָ. און קיינמאָל וועט דאָרט קיין זאַך נישט זיין, אמן!

אין דאָזיקן טאָן פלעגט ער רעדן מיט אַלעמען און אויך מיט מיר, פאַרשטייט זיך; כאָטש נאָך אַ צוויי־דריי פונדעס האָט ער זיך גענומען באַציִען צו מיר ווייכער און איינמאָל האָט ער אפילו געזאָגט מיט אַ ניואַנס פון פאַרוואונדערונג:

— כ'קוק אויף דיר און כ'פאַרשטיי נישט: וואָס ביסטו,

ווער ביסטו און צוואָס ביסטו? אָבער מילאַ כאַפּט דיך דער טייוול!

צו קלעשטשאָוו האָט ער זיך באַצויגן אומפאַרשטענדלעך: ער האָט אים געהערט, מיט אַ בולטער הנאה, אַמאָל אפילו מיט אַ פריינטלעכן שמייכל, אָבער זיך נישט באַקאַנט מיט אים און גערעדט וועגן אים מיט פאַראַכטונג:

— דאָס איז — אַ שוטה! ער קען אָטעמען, ער פאַר-שטייט וועגן וואָס ער זינגט, און פונדעסטוועגן — אַן אייזל!

— פאַרוואָס?

— לויט זיין נאַטור.

מיר האָט זיך געוואָלט אַדורכרעדן מיט אים, ווען ער איז ניכטער, אָבער אַ ניכטערער פלעגט ער בלויז מרוטשען, קוקנדיק אויף אַלץ מיט פאַרנעפּלטע, אומעטיקע אויגן. פון עמיצן עפּעס האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דערדאָזיקער אויפן גאַנצן לעבן שכורער מענטש האָט זיך געלערנט אין דער קאַזאַנער אַקאַדעמיע, געקענט זיין אַן אַרכיערײ, — כ'האָב דאָס נישט געגלויבט. אָבער איינמאָל דערציילנדיק אים וועגן זיך, האָב איך דערמאָנט דעם נאָמען פון יעפּיסקאָפּ כריסאַנף; דער אָקטאַוויסט האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— כריסאַנף? כ'קען אים. מיין לערער און וווילטוער. אין קאַזאַן, אין דער אַקאַדעמיע, — כ'געדענק! כריסאַנף הייסט אַ גאָלדן בלום, ווי ס'איז ריכטיק געזאָגט ביי פּאַוומאַ בערינדאַ. יאָ ער איז געווען גאָלד-בלומיק, כריסאַנף!

— און ווער איז דאָס פּאַוומאַ בערינדאַ? — האָב איך געפרעגט. אָבער מיטראָפּאַלסקי האָט קורץ געענטפערט:

— נישט דיין עסק.

אינדערהיים האָב איך פאַרשריבן אין מיין העפט: „אומ-באַדינגט לייענען פּאַוומאַ בערינדאַ", — מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דווקא ביים דאָזיקן בערינדאַ וועל איך געפינען ענטפערס אויף אַ סך פראַגעס, וועלכע האָבן מיך באַאומרויקט.

דער זינגער האָט שטאַרק ליב געהאַט צו באַנוצן עפּעס

אזעלכע פאַר מיר אומבאַקאַנטע נעמען, מאָדנע ווערטער-פאַר־בינדונגען; דאָס פלעגט מיך זייער אויפרעגן.

— דאָס לעבן איז נישט — אַניסיאַ! — פלעגט ער זאָגן.

כ׳פלעג פרעגן:

— ווער איז דאָס אַניסיאַ?

— די נוצלעכע, — פלעגט ער ענטפערן און מיין פאַר־לוירנקייט פלעגט אים וויילן.

דידאָזיקע ווערטלעך און דאָס, וואָס ער האָט זיך גע־לערנט אין דער אַקאַדעמיע, האָבן מיך אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק, אַז ער ווייסט אַ סך, און ס׳איז געווען זייער פאַר־דראָסיק, וואָס ער וויל וועגן קיין זאַך נישט רעדן, און אַז ער רעדט שוין יאָ, איז אומפאַרשטענדלעך. און אפשר האָב איך נישט געוווּסט ווי אים צו פרעגן?

פונדעסטוועגן פלעגט ער עפּעס איבערלאָזן אין מיין נשמה; מיר איז געפעלן געווען די שכורע געוואַגטקייט פון זיינע שטראָף-רייד, וואָס זענען געבויט לויטן מוסטער פון ישעיה הנביא.

— אָ, שמוץ און געשטאַנק פון דער וועלט! — פלעגט ער ריטשען. — די ערגסטע זענען ביי אייך — אין רום, און די בעסטע — ווערן געיאָגט; ס׳וועט קומען אַ גרויזאַמער טאָג און איר וועט חרטה האָבן אויף דעם, ס׳וועט שוין אָבער זיין שפּעט, שפּעט!

הערנדיק דעמדאָזיקן געבריל, האָב איך זיך דערמאָנט „די שיינע זאַך“, די וועשין נאַטאַליאַ, וואָס איז אַזוי באַליי־דיקנדיק און לייכט אומגעקומען, די מלכה מאַרגאָ אין וואָלקן פון שמוציקע רכילותן, — כ׳האָב שוין געהאַט וואָס זיך צו דערמאָנען...

מיין קורצע באַקאַנטשאַפט מיטן דאָזיקן מענטשן האָט זיך געענדיקט מיט אַ קוריאָז.

פרילינג-צייט האָב איך אים געטראָפן אין פעלד, לעם די לאַגערן, ער האָט געשפּאַנט, ווי אַ קעמל, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אַן איינזאַמער, אַ געשוואָלענער.

— שפּאַצירסט? — האָט ער הייזעריק געפרעגט. — קום צוזאַמען איך שפּאַציר אויך. איך, ברודער מיינער, בין קראַנק, יאָ...

עטלעכע טריט זענען מיר אָפּגעגאַנגען אין שטילשווייגן און פּלוצלינג האָבן מיר אין גרוב פון אַ געצעלט דערזען אַ מענטשן: ער איז געזעסן אויפן דעק פון גרוב, אָנגעבויגן אויף אַ זייט, אָנגעשפּאַרט מיטן אָקסל אויפן ווענטל פון אָקאָפּ, זיין פּאַלטן איז פון איין זייט אַרויפגעפּאָרן איבער די אויערן, ריכטיק ווי ער זאָל אים האָבן געוואָלט אַראָפּנעמען און נישט געקענט.

— אַ שכורער, — האָט דער זינגער באַשלאָסן, שטיין־בלייבנדיק.

אָבער אונטער דעם מענטשנס האַנט האָט זיך געוואַל־גערט אויפן יונגן גראָז אַ גרויסער רעוואָלווער, נישט ווייט פון אים — אַ היטל, און לעבן דעמדאָזיקן אַ קוים אָנגעהוי־בענע פלאַש בראָנפן, — איר לײדיק העלזעלע האָט זיך פאַר־גראָבן אין די גרינע גרעזעלעך. דעם מענטשנס פּנים האָט זיך פאַרשעמט באַהאַלטן אונטערן פּאַלטן.

אַ מינוט זענען מיר געשטאַנען שטיל, דערנאָך האָט מיטראָפאַלסקי, ברייט צעשטעלנדיק די פיס געזאָגט:

— זיך דערשאָסן.

איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער מענטש איז נישט שכור, נאָר טויט, דאָס איז אָבער געווען אַזוי אומגעריכט, אַז ס'האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן. כ'געדענק, כ'האָב נישט געפילט נישט קיין מורא. נישט קיין רחמנות, קוקנדיק אויפן גרויסן, גלאַטן שאַרבן, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט פון אונ־טערן פּאַלטן, און אויפן בלאָען אויער, — ס'האָט זיך נישט געגלויבט, אַז אַ מענטש האָט זיך געקענט טויטן אין אַזאַ מילדן פרילינג־טאָג.

דער אָקטאַווויסט האָט שטאַרק געריבן מיט דער דלאָניע זיינע נישט־געראַזירטע באַקן, ריכטיק ווי אים זאָל זיין קאַלט, און געכריפּעט:

— אַ באַיאָרטער. דאָס ווייב איז אַנטלאָפן אָדער פרעמד געלט פאַרשווענדט...

ער האָט מיך געשיקט אין שטאָט נאָך פּאָליציי, און אַליין זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון גרוב, אַראָפּלאָזנדיק אין איר די פיס, זיך וויקלענדיק פון קעלט אין אַ אָפּגעריבן פּאַלטן. צווייסן-געבנדיק ווענן זעלבסטמאָרד אַ פּאָליציאַנט בין איך שנעל געקומען צולויפן צוריק, אָבער פאַר דער צייט האָט דער אָקטאַוויסט געענדיקט טרינקען דעם טויטנס בראָנפן און מיך באַגעגנט, פאָכענדיק מיט אַ פוסטער פלאַש.

— אָט וואָס אים האָט געטויט! — האָט ער געריטשעט און, מיט ווילדן כעס אַ זעץ-טוענדיק מיט דער פלאַש אָן דער ערד, זי צעבראָכן אויף פיץ-פיצלעך.

גלייך נאָך מיר איז געקומען צולויפן דער פּאָליציאַנט, אַריינגעקוקט אין גרוב, אַראָפּגענומען דאָס היטל און, נישט זיכער צלמענדיק, געפרעגט דעם זינגער:

— ווער ביסטו אַזוינער?

— נישט דיין עסק...

דער פּאָליציאַנט האָט אַ טראַכט געטאָן און געפרעגט העפלעכער:

— וואָס טוט זיך מיט אייך—דאָ איז אַ טויטער, און איר—זענט שכור?

— איך בין צוואַנציק יאָר שכור!—האָט דער זינגער גע-זאָגט מיט שטאָלץ, זיך אַ קלאַפּ טוענדיק מיט דער דלאָניע אין ברוסט אַריין.

כ'בין געווען זיכער, אַז מ'וועט אים אַרעסטירן פאַרן אויסגעטרונקענעם בראָנפן. פון שטאָט זענען געלאָפן מענטשן, ס'איז געקומען צו פאָרן אויף אַ דראָזשקע דער שטרענגער קוואַרטאַל-אויפזעער, זיך אַראָפּגעלאָזן אין גרוב און, אויפהויבנ-דיק דעם פּאַלטן פון זעלבסטמערדער, אים פאַרקוקט אין פנים.

— ווער האָט דער ערשטער דערזען?

— איך, — האָט געזאָגט מיטראָפאַנסקי.

דער קוואַרטאַל־אויפזעער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און פינסטער אויסגעצויגן:

— אַ—אַ, אַ גאָט העלף, מיין האר!

ס'האָבן זיך צעניפגעקליבן צוקוקער, אַ אנדערטהאַלבן צענטליק; פאַרסאַפּעטע, באַלעבטע, האָבן זיי פאַרקוקט אין גרוב אריין, זיך אַרומדרייענדיק איבער איר; עמעץ האָט אַ געשריי געטאָן:

— דאָס איז פון אונזער גאַס אַ „טשינאָווניק", כ'קען אים!

וויגנדיק זיך איז דער אַקטאָוויסט געשטאַנען פאַרן קוואַרטאַל־אויפזעער, אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל, און זיך גע־שפּאַרט מיט אים, אומקלאָר, פאַרשטיקט אויסשרייענדיק עפּעס ווערטער אַזעלכע; דערנאָך האָט אים דער קוואַרטאַל־אויפזעער אַ שטויס געטאָן אין ברוסט, ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, זיך אַוועקגעזעצט; דאַן האָט דער פּאָליציאַנט, נישט געאיילט, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שטריקעלע, געבונדן מיט אים דעם זינגערס הענט, וועלכע ער האָט געוווינט און הכנעהדיק באַהאַלטן הינטער דער פּלייצע, און דער קוואַרטאַל־אויפזעער האָט בייז גענומען שרייען אויף די צוקוקער:

— אַוועק! האַלאָטע...

ס'איז געקומען צו לויפן נאָך אַן אַלטיטשקער פּאָליציאַנט, מיט פייכטע, רויטע אויגן, מיט אַ צעעפנטן מויל פון מידקייט, גענומען אין האַנט דעם עק פון שטריקעלע, מיט וועלכן עס איז געבונדן געווען דער אַקטאָוויסט און שטילינקערהייט אים אַוועקגעפירט אין שטאָט אַריין.

אויך איך בין אַוועק פון פעלד אַ דערדריקטער; אין זכרון האָבן געקלונגען מיט אַ הילכיקן ווידערקול די שטראָפּנ־דיקע ווערטער:

— וויי צו דער שטאָט אריאל!..

און פאַר די אויגן — אַ פּיינלעכע בילד: דער פּאָליציאַנט נעמט אַרויס פון זיין שינעל־קעשענע, נישט געאיילט, אַ שטרי־קעלע, און דער שרעקלעכער נביא האָט הכנעהדיק פאַרלייגט

די רויטע, האָריקע הענט הינטער דער פּלייצע און פאַרלייגט די האַנט-וואָרצלען אַזוי געווינט, געשיקט...

אינגיכן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דעם נביא האָט מען אַרויסגעשיקט פון שטאָט מיטן עטאַפּ. און נאָך אים איז פאַרשווונדן קלעשטשאָוו,—ער האָט אַ גוטן שדוך געטאָן און אַוועקגעפאָרן לעבן אין קרייז, ווו ער האָט געעפנט אַ רימערוואַרשטאַט.

... כ'האָב אַזוי פלייסיק געלויבט פאַרן באַלעבאָס דעם רימערס לידער, אַז ער האָט איינמאָל געזאָגט:

— מ'דאַרף אַריבערגיין, הערן...

און אָט זיצט ער הינטערן טישל אַקעגן מיר, פאַרוווּנדערט אויפהויבנדיק די ברעמען, ברייט עפענענדיק די אויגן.

אויפן וועג אין שענק אַריין האָט ער מיך אויסגעלאַכט און אויך אין שענק האָט ער די ערשטע מינוטן חוזק געמאַכט פון מיר, פון עולם און פון די שטיקנדיקע ריחות. ווען דער רימער האָט גענומען זינגען, האָט ער שפּאָטיש אַ שמייכל געטאָן און גענומען אָנגיסן ביר אין גלאָז, ער האָט אָבער אָנגעגאָסן ביז דער העלפט און זיך אָפּגעשטעלט זאָגנדיק:

— אָהאָ... טייוול!

זיין האַנט האָט אַ ציטער געטאָן, ער האָט שטיל אַוועקגעשטעלט די פלאַש און גענומען אָנגעשטרענגט זיך צוהערן.

— יאָ—אָ, ברודער,— האָט ער געזאָגט, אָפּזיפצנדיק, ווען קלעשטשאָוו האָט געענדיקט זינגען,— ער זינגט דאָך באמת... כאַפּט אים דער רוח! ס'איז אַפילו הייס געוואָרן...

דער רימער האָט ווידער גענומען זינגען, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ, קוקנדיק אין פּולאַפּ אַריין.

ס'איז געגאַנגען פון אַ דאָרף אַ רייכן
אַ יונג מיידל מיטן פעלד דעם גלייכן.

— ער זינגט, — האָט אַרויסגעבורטשעט דער באַלעבאָס שאָקלענדיק דעם קאָפּ און שמייכלענדיק.

און קלעשטשאָוו צעגיסט זיך ווי אַ פּייפיאָל:

ענטפערט אָפּ דאָס מיידל פיין און שיין:
אַ יתומה בין איך, עלנט ווי אַ שטיין...

— גוט, — מורמלט דער באַלעבאָס, פינטלענדיק מיט די רויט-געוואָרענע אויגן, — פּ—פּו, טייוול... גוט.

כ׳קוק אויף אים און פריי זיך; און די כליפּנדיקע ווערטער פון ליד, באַזיגנדיק, דעם רעש פון שענק, קלינגען אַלץ שטאַרקער, שענער, האַרציקער:

איינזאַם לעבט מען אין דעם דאָרף אין מיין,
אויף הוליאַנקעס לאַדט מיך קיינעם איין,
אַרום בין איך, נישט פיין-געקליידט ווי אַלע,
פּאַסט איך נישט דעם ווילן יונג אַלס כּלה...
געשדכנט האָט זיך אַן אַלמן צו מיר, אַן אַרבעטערין פאַר זיך,
איך וויל זיך נישט אונטערגעבן דעם שיקזאַל דעמדאָזיקן...

מיין באַלעבאָס האָט זיך שענדלעך צעוויינט, — ער זיצט געבויגן דעם קאָפּ, און שמאָרעט מיט דער האָרבאַטער נאָז, און אויף די קני זיינע קאַפּיען אַראָפּ טרערן.

נאָכן דריטן ליד האָט ער, אַן אויפגערעגטער און ריכטיק ווי צעקנייטשט געזאָגט:

— כ׳קען מער נישט זיצן דאָ — כ׳ווער דערשטיקט, וואָס פאַר אַ ריחות, טייוול... קום אַהיים!..

אָבער אויף דער גאַס האָט ער פאַרגעלייגטן:

— היידאַ, פּעשקאָוו, אין אכסניא, מיר וועלן פאַרבייסן און אַלץ... ס׳ווילט זיך נישט אַהיים!..

נישט דינגענדיק זיך האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ שליטן און דעם גאַנצן וועג געשוויגן, און אין אכסניא, פאַרנעמענדיק אַ טישל אין אַ ווינקל, תּיכּף אָנגעהויבן אינדערשטיל, זיך אומקוקנדיק, מיט אַ בייזן טרויער:

— די ווונד האָט ער אויפגעריסן דערדאָזיקער באָק...
אַזאַ אומעט אָנגעיאָגט... ניין, אָט לייענסטו, טראַכט, נו, טאָ

זאָג, וואָס איז דאָס צום טייוול? לעבסט, לעבסט, פערציק יאָר דורכגעלעבט, אַ ווייב, קינדער, און דורכשמועסן זיך איז נישטאָ מיט וועמען, ס'טרעפט אַמאָל—וואָלסט צעפּנט די נשמה, וואָלסט זיך צערעדט וועגן אַלץ, און נישטאָ מיט וועמען; בעמסט רעדן מיט איר, מיט דעם ווייב, ס'דערגייט נישט צו איר... אָבער וואָס זאָג איך, זי? זי האָט קינדער, נו, אַווירטשאַפט, איר זאַך! זי איז פרעמד מיין נשמה. דאָס ווייב—איז אַ פריינט ביזן ערשטן קינד... ווי ס'פירט זיך. זי איז ביי מיר, בכלל... נו, דו זעסט אַליין... נישט צו גאָט און נישט צו לייטן, אַ שטיק פלייש, כאַפּט איר דער רוח! אַן אומעט, ברודער...

ער האָט קאָנוווּלסיוו אויסגעטרונקען דאָס קאַלטע, ביטערע ביר, געשוויגן אַ ביסל, פלאָנטערנדיק די לאַנגע האָר, און ווידער גענומען רעדן:

— בכלל, ברודער, זענען מענטשן — אויסוואורפן! אָט דו אַליין, רעדסט מיט די פויערים, דאָס און יענץ... כ'פאַרשטיי, זייער אַ סך נישט ערלעכס, נידערטרעכטיקס—ריכטיק ברודער... אַלע זענען גנבים! און דו מיינסט, דיינע רייד דערגייען? קיין האָרעלע נישט! יאָ. זיי,—פיאָטר, אָסיפ,—זענען זשוליקעס! זיי דערציילן מיר אַלץ, אויך וויאַזוי דו דריקסט זיך אויס וועגן מיר, און אַלץ... וואָס, ברודער?

כ'האָב געשוויגן אַ דערשטוינטער.

— אָט זעסטו! — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט שמייכלענדיק,—האָסט מיט רעכט זיך געקליבן קיין פּערסיע, דאָרט וועסטו כאָטש גאָרנישט פאַרשטיין — אַ פרעמדע שפּראַך! אויף דער אייגענער שפּראַך אָבער—איז גאָלע עקלדיקייטן!

— אָסיפ דערציילט וועגן מיר?—האָב איך געפרעגט.

— נו, יאָ! און וואָס האָסטו געמיינט? ער רעדט מער פאַר אַלעמען, דער פלוידערזאַק. ער, ברודער, איז אַ כיטרער פייגל... ניין, פעשקאָוו, די ווערטער דערגייען נישט. דער אמת? אָבער צו וואָסער שוואַרץ יאָר דאַרף מען אים האָבן? דאָס איז אַלצאיינס, ווי שניי אין האַרבסט — געפאַלן אין

בלאָטע און – צעגאַנגען. מער בלאָטע געוואָרן. בעסער שווייג שוין...

ער האָט געטרונקען ביר אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז און נישט שכור ווערנדיק, גערעדט אַלץ שנעלער, בייזער:

דער שפּריכוואָרט זאָגט: אַ וואָרט איז נישט קיין אָל, און שווייגן איז–גאָלד. עך, ברודער, אַן אומעט, אַן אומעט... ריכטיק האָט ער געזונגען: „איינזאַם לעבט מען אין דעם דאָרף אין מיין". די פּאַריטומדיקייט די מענטשלעכע...

אומקוקנדיק זיך, האָט ער מיט אַ נידעריקערער שטימע געזאָגט:

– אָט האָב איך שוין געהאַט געפונען... אַ האַרציקן פריינט–אַ פרוי איינע האָב איך דאָ געטראָפן, אַן אַלמנה, איר מאַן האָט מען אויף סיביר פאַרמשפּט פאַר פאַלש געלט – ער זיצט דאָ, אין תּפיסה. כ'האָב זיך באַקענט מיט איר... קיין קאָפּיקע געלט האָט זי נישט, נו, איז זי, פאַרשטייסטו מיר... אַ „מומע" האָט מיך באַקענט מיט איר... כ'קוק זיך צו – וואָס פאַר אַ ליבער מענטש! אַ שיינהייט, זאָלסטו זען, אַ יונגע... ממש וווּנדערלעך! איינמאָל, אַ צווייטן... דערנאָך זאָג איך איר: ווי-זשע, זאָג איך, דיין מאַן איז אַ זשוליק, אַליין לעבסטו נישט ערלעך–צוואָזשע גייסטו אים נאָך קיין סיביר? און זי, זעסטו גייט אים נאָך, אין פאַרשיקונג, יאָ–אָ... און אָט זאָגט זי מיר: סאַראַ, זאָגט זי, ער זאָל נישט זיין, אָבער כ'האָב אים ליב, פאַר מיר איז ער גוט! אפשר האָט ער גאָר צוליב מיר געזינדיקט? און איך זינדיק מיט דיר – פאַר אים, ער, זאָגט זי, נויטיקט זיך אין געלט, ער איז–אַן אַדעליקער און איז געוווינט צו לעבן גוט. ווען כ'זאָל, זאָגט זי, זיין אַליין, וואָלט איך געלעבט ערלעך. איר, זאָגט זי, זענט אויך אַ גוטער מענטש און איר געפעלט מיר זייער, נאָר רעדט נישט מיט מיר וועגן דעם... טייוול! כ'האָב איר אָפּגעגעבן אַלץ, וואָס כ'האָב געהאַט ביי זיך–אכציק רובל מיט עפּעס–און כ'זאָג: זייט מוחל, זאָג איך... כ'קען נישט מער מיט אייך, כ'קען נישט, און אַוועק, און אָט...

ער האָט אַ ביסל געשוויגן און פּלוצלינג שכּור־געוואָרן, זיך אַראָפּגעלאָזן און אַרויסגעשטאַמלט:

— זעקס מאָל געווען ביי איר... דו קענסט נישט פאַרשטיין, וואָס דאָס איז אַזוינס! נאָך אַמאָל זעקס, אפשר, בין איך צוגעגאַנגען צו איר דירה... נישט דערוועגט זיך אַריינצוגיין... נישט געקענט! איצט איז זי אַוועקגעפאָרן...

ער האָט די הענט אַוועקגעלייגט אויפן טיש און, באַוועגנדיק מיט די פינגער געזאָגט שטילערהייט:

— באַהיט גאָט, כ׳זאָל זי ווידער טרעפן... באַהיט גאָט! דאַן—איז אַלץ צום טייוול! קום אַהיים... קום!

מיר זענען אַוועק; ער האָט זיך געוואַקלט און געבורטשעט:

— אָט וואָס, ברודער...

די געשיכטע, וועלכע ער האָט דערציילט, האָט מיך נישט פאַרוואונדערט, — מיר האָט זיך שוין פון לאַנג געדאַכט, אַז ס׳וועט געשען מיט אים עפּעס אומגעווייגלעכס.

כ׳בין אָבער זייער נידערשלאָגן געווען דערפון, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן לעבן, באַזונדערס דורך זיינע ווערטער וועגן אָסיפּן.

XX

דריי יאָר האָב איך דורכגעלעבט אַלס „אויפזעער" אין דער טויטער שטאָט צווישן ליידיקע בנינים, צוקוקנדיק זיך, ווי די אַרבעטער ברעכן אין האַרבסט די אומגעלומפּערטע שטיינערנע קראַמען, און אין פרילינג בויען זיי פּונקט דיזעלבע.

דער באַלעבאָס האָט שטאַרק געזאָרגט דערפאַר, איך זאָל גוט פאַרדינען זיינע פינף רובל, אויב מ׳פלעגט אין אַ קראָם איבערלייגן אַ דיל, — האָב איך געדאַרפט אַרויסנעמען ערד פון איר גאַנצן שטח אויף אַ אַרשין די טיף; די באָסיאַקעס פלעגן פאַר דערדאָזיקער אַרבעט נעמען אַ רובל, איך פלעג גאָרנישט באַקומען, אָבער פאַרנומען מיט דערדאָזיקער אַרבעט, פלעג איך נישט באַוויזן צו היטן די טשעסליאַרעס, און זיי פלעגן אָפּשרויפן די טיר-שלעסער, הענטלעך, גנבענען פאַרשידענע קלייניקייטן.

סיי די אַרבעטער, סיי די פּאָדריאַטשיקעס האָבן מיט אַלערליי שפּיצלעך זיך באַמיט מיך אָפּצונאַרן, צוגנבענען עפּעס, טוענדיק דאָס כמעט אָפן, ווי זיי וואָלטן זיך אונטערגעוואָרפן אַ לאַנגווייליקער פליכט, און פלעגן אויף קיין האָר זיך נישט בייזערן, ווען כ׳פלעג זיי כאַפּן ביי דער האַנט, אָבער, נישט זייענדיק אין כעס, זיך וואונדערן:

— דו באַמיסט זיך פאַר פינף קערבלעך, ווי פאַר צוואַנ־ציק, אַ געלעכטער צוצוקוקן.

כ׳פלעג אויפווייזן דעם באַלעבאָס, אַז געווינענדיק אויף מיין אַרבעט אַ רובל, פאַרלירט ער שטענדיק צען מאָל אַזוי־פיל, אָבער ער פלעגט מיר צווינקען און זאָגן:

— גוט, מאַך אַן אָנשטעל!

כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז מיר חושד אין בייהיל־פיק זיין דעם גנבענען, דאָס האָט ארויסגערופן ביי מיר אַ עקל-געפיל צו אים, אָבער ס׳האָט מיך נישט באַליידיקט; אַזוי איז דער סדר: אַלע גנבענען, און דער באַלעבאָס אַליין האָט אויך ליב צו נעמען פרעמדס.

באַטראַכטנדיק נאָכן יאריד די קראָמען, וועלכע ער האָט אָנגענומען צו רעמאָנטירן, און דערזעענדיק אַ פאַרגעסענעם סאַמאָוואַר, כלים, אַ טעפּיך, אַ שערל, און אַמאָל אַ קעסטל אָדער אַ שטיק סחורה, פלעגט דער באַלעבאָס זאָגן מיט אַ שמייכל:

— שטעל צענויף אַ רשימה פון די זאַכן און טראָג אַלץ אַראָפּ אין שפּייכלער!

און פון שפּייכלער פלעגט ער פירן די זאַכן צו זיך אַהיים, צווינגענדיק מיך עטלעכע מאָל אויסצובעסערן, איבער־צומאַכן זייער רשימה.

כ׳האָב נישט ליב קיין זאַכן, כ׳האָב גאָרנישט געוואָלט באַזיצן, אַפילו ביכער פלעגן מיך שטערן. כ׳האָב קיין זאַך נישט געהאַט, אַ חוץ אַ קליין בענדל בעראנזשע און היינעס לידער; ס׳האָט זיך געוואָלט האָבן פּושקינען, אָבער דער איינ־ציקער בוקיניסט אין שטאָט, אַ בייזער אַלטיטשקער, האָט פאַר פּושקינען געפאָדערט צו פיל. די מעבל, די טעפּיכער, די שפּיגלען און אַלץ, וואָס האָט אויסגעפילט דעם באַלעבאָס דירה, איז מיר נישט געפעלן געוועז, רייצנדיק מיך מיט זייער שווערער אומגעלומפּערטקייט און מיט די ריחות פון פאַרב, לאַק; בכלל זענען מיר נישט געפעלן געוועז די צימערן פון די באַלעבאַטים, דערמאַנענדיק קופערטס, אָנגעפּאַקטע,

מיט אומנויטיקע, איבעריקע זאַכן. און ס'האָט געעקלט, וואָס דער באַלעבאָס שלעפּט פון שפּייכלער פרעמדע זאַכן, פאַרמערנדיק כסדר דאָס אומנויטיקע אַרום זיך, אין די צימערן פון דער מכּה מאַרגאָ איז אויך ענג געווען, אָבער דערפאַר שיין.

בכלל איז מיר דאָס לעבן פאַרגעקומען אומזיניק, פאַרפּלאָנטערט, עס האָט פאַרמאָגט אין זיך שוין צו פיל בולטנאַרישעס. אָט בויצן מיר איבער די קראָמען, און אין פרילינג וועט זיי דער געוויטער פאַרגיסן, אויסדרייען די דילן, אויסזעצן די דרויסנדיקע טירן; וועט דאָס וואַסער אָפּפאַלן — וועלן נעמען פוילן די בעלקעס. פון יאָר צו יאָר, זייט יאָרצענדליקער, פאַרגיסט דאָס וואַסער דעם מאַרק, באַשעדיקט די בנינים, די בריקן; דידאָזיקע יאָר־יערלעכע פאַרפלייצונגען פאַרשאַפן די מענטשן קאָלאָסאַלע שאָדנס, און אַלע ווייסן, אַז דידאָזיקע פאַרפלייצונגען וועלן פון זיך אַליין נישט אויפהערן.

יעדער פרילינג שניידט דער אייז־גאַנג אַראָפּ באַרזשעס, צענדליקער קליינע שיפן,—די מענטשן קרעכצן אָפּ אַ ביסל און בויען אַנדערע שיפן, און דער אייזגאַנג ברעכט זיי ווידער, סאַראַ זינלאָזע שטופּעניש אויף איין־און־דעמזעלבן אָרט!

כ'פרעג וועגן דעם אסיפן, ער וווּנדערט זיך און לאַכט.

— אַך, דו, פישכאַפּער, זע נאָר, ווי ער האָט דאָס אַ כאַפּ געטאָן! אָבער וואָס איז דאָס דיין עסק צו דעם אַלעם? דיר וואָס גייט אָן, אַ?

אָבער גלייך אויפן פלעק רעדט ער שוין ערנסטער, נישט אויסלעשנדיק, פונדעסטוועגן, דעם שפּאָט־פייערל אין די בלאָע, נישט ווי ביי אַן אַלטן קלאָרע אויגן.

— דאָס האָסטו ריכטיק באַמערקט! אמת, דאָס וועט דיר קיין נוצן נישט ברענגען, און אפשר, טויג זיך דאָס! אָבער דו זע נאָר נאָך עפּעס.

און דערציילט מיט טרוקינקע ווערטער, באַשיטנדיק זיי מיט אַ ברייטער האַנט מיט גלייכווערטלעך, אומגעריכטע פאַרגלייכן און אַלערליי פּלוידערייען:

— אָט קלאָגן זיך מענטשן: ווינציק ערד, און די וואָלגע רייסט אין פרילינג די ברעגעס, טראָגט אַוועק די ערד, לייגט זי אָפּ אין איר קאָריטע אַלס זאַמד־באַנק; דאַן קלאָגן זיך אַנדערע: די וואָלגע ווערט פלאַכער! די פרילינגדיקע שטראָמען, און די זומערדיקע רעגנס גראָבן די שלוכטן, — און די ערד גייט ווידער אין טייך!

ער רעדט אָן באַדויערן, אָן כעס, ווי ער זאָל הנאה האָבן פון זיינע ידיעות וועגן די אָנקלאָגעס אויפן לעבן, און באַטש זיינע ווערטער זענען אין הסכם מיט מיינע געדאַנקען,— איז מיר אומאַנגענעם זיי צו הערן.

— און נאָך דערפסטו וויסן — די שרפות...

איך דערמאַן זיך, אַז ס'איז דאַכט זיך נישט געווען קיין זומער, ווען הינטער דער וואָלגע זאָלן נישט ברענען קיין וועלדער; יעדעס יאָר אין יולי איז דער הימל פאַרצויגן מיט אַ מוטנע-געלן רויך; די רויטע זון, וואָס האָט פאַרלאָרן די שטראַלן, קוקט אויף דער ערד, ווי אַ קראַנק אויג.

— וועלדער זענען גאָרנישט, — זאָגט אָסיפּ, — דאָס איז אַ פּריציש פאַרמעגן, אַ מלוכהש; דער פּויער האָט נישט קיין וועלדער. ברענען שטעט — איז אויך נישט אַזאַ גרויסער אומ-גליק, — אין די שטעט לעבן די רייכע, נישטאָ זיי וואָס צו באַדוידערן! דו נעם אָבער די דערפער — וויפל דערפער עס ברענען דאָס אָפּ דורכן זומער! אפשר נישט ווינציקער פאַר הונדערט, אָט דאָס איז — אַ היזק!

ער לאַכט שטילינקערהייד.

— פאַרמעגן איז דאָ, אָבער שכל פעלט! און ס'קומט אויס ביי דיר און ביי מיר, אַז נישט פאַר זיך אַרבעט דער מענטש, נישט פאַר דער ערד, נאָר פאַר פייער און וואַסער!

— טאָ וואָס-זשע לאַכסטו?

— וואָס? די שרפה וועסטו מיט קיין טרער נישט פאַרלעשן, און דער געוויטער וועט פון טרערן שטאַרקער זיין.

כ'ווייס, אַז דערדאָזיקער שיינער אַלטער איז דער קליג-

טער מענטש פון אַלע, וועלכע כ'האָב געזען, אָבער וואָס זשע האָט ער ליב, וואָס האָט ער פיינט?

איך טראַכט וועגן דעם, און ער לייגט ווייטער אונטער אין מיין שייטערהויפן טרוקענע ווערטלעך.

— גיב נאָר אַ קוק, ווי ווינציק מענטשן עס היטן די קראַפט, סיי די אייגענע און סיי די פרעמדע, אַ? ווי דער באַלעבאָס מאַטערט דיך? און וויפל קאָסט דער וועלט דאָס בראָנפּעלע? אוממעגלעך אויסצורעכענען, דאָס איז איבער די כוחות פון יעדער געלערנטן מוח... ברענט אָפּ אַ הויז — קען מען אַ צווייטס צענויפשלאָגן, אָבער ווען אַ גוטער פּויער גייט פאַרלאָרן אומזיסט-אומנישט—דאָס וועסטו נישט פאַרריכטן! אַר-דאַליאָן, לאָמיר נעמען, אָדער גרישאַ—זע, ווי דער פּויער האָט אויפגעפלאַקערט! ער איז נאַרישצוואַטע, אָבער אַ האַרציקער פּויער, אָט דער גרישאַ! רויכערט זיך ווי אַ סנאָפּ שטרוי. די ווייבער זענען אים באַפאַלן, ווי ווערים אויף אַ דערהרגעטן אין וואַלד.

כ'פרעג אים—אָן כעס מיט נייגיר:

— צוואָס דערציילסטו דעם באַלעבאָס מיינע געדאַנקען?

רויק און אַפילו פריינטלעך דערקלערט ער:

— כדי ער זאָל וויסן, סאַראַ שעדלעכע געדאַנקען דו האָסט; ס'איז נויטיק ער זאָל דיך לערנען; ווער דען זאָל דיך לערנען, אויב נישט דער באַלעבאָס? נישט פון שלעכטסקייט דערצייל איך אים, נאָר צוליב מיין רחמנות צו דיר. ביזט נישט קיין נאַריש בחורל, אָבער אין קאָפּ ביי דיר ברייעט עפּעס דער טייוול. גנבע עפּעס — וועל איך נישט דערציילן, צו מיידלעך גיי — וועל איך אויך שווייגן, וועסטו זיך אָנשכּורן—כ'וועל נישט זאָגן! וועגן דיין העזה אָבער וועל איך שטענדיק דערטראָגן דעם באַלעבאָס, זאָלסט דאָס וויסן...

— כ'וועל נישט רעדן מיט דיר!

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, אָפּקראַצנדיק מיטן נאָגל סמאָלע פון דער דלאָניע, דערנאָך, אַ קוק טוענדיק אויף מיר מיט פריינטלעכע אויגן, געזאָגט:

— פליאַדערסט, וועסט! מיט וועמען אַנדערש האָסטו צו רעדן? נישטאָ מיט וועמען...

דער רייניקער, אָפּגעהיטער אָסיפּ זעט מיר פּלוצלינג אויס ענלעך אויפן הייצער יאַקאָוו, אַ גלייכגילטיקער צו אַלץ.

אַמאָל דערמאָנט ער דעם דעם פריערדיקן פּיאָטר וואַסיליעוו, אַמאָל — דעם פורמאַן פּיאָטר, פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אין אים עפּעס געמיינזאַמס מיטן זיידן — ער איז אַזוי אַדער אַנדערש ענלעך אויף אַלע אַלטע, וועלכע כ׳האָב געזען. אַלע זענען זיי געווען ביז גאָר אינטערעסאַנטע אַלטע, כ׳האָב אָבער געפילט, אַז לעבן מיט זיי איז אוממעגלעך, — ס׳איז שווער און דערווידער. זיי פרעסן, דאַכט זיך, אויס די נשמה, זייערע קלוגע רייד באַדעקן דאָס האַרץ מיט געלן זשאַווער. איז אָסיפּ אַ גוטער? ניין. אַ שלעכטער? ווידער ניין. ער איז אַ קלוגער, אָט וואָס מיר איז קלאָר. אָבער דערדאַזיקער שכל, פאַרוואונדערנדיק מיט זיין בויגעוודיקייט, האָט מיך געטויט און סוף-כל-סוף האָב איך גענומען פילן, אַז ער איז אויף אַלערליי אופנים פיינטלעך צו מיר.

אין מיין נשמה האָבן אויפגעברויזט שוואַרצע געדאַנקען:

„אַלע מענטשן זענען פרעמד איינער צום צווייטן, נישט געקוקט אויף די פריינטלעכע ווערטער און שמייכלען, און אויך אויף דער ערד זענען אַלע-פרעמדע; ס׳דאַכט זיך, אַז קיינער איז נישט פאַרבונדן מיט איר מיט אַ שטאַרקן געפיל פון ליבע. בלויז די באָבע אַליין האָט ליב צו לעבן און האָט אַלץ ליב. די באָבע און די פרעכטיקע מלכה מאַרגאָ".

דידאָזיקע און ענלעכע געדאַנקען פלעגן זיך אַמאָל צעגויפנעמען אין אַ פינסטערער כמאַרע, ס׳פלעגט ווערן שווער און שטיקנדיק צו לעבן, און ווי אַזוי לעבט מען אַנדערש, וווהין גייט מען? אַפילו רעדן איז נישטאָ מיט וועמען, אַחוץ מיט אָסיפן, און איך פלעג אַלץ אָפטער רעדן מיט אים.

ער פלעגט אויסהערן מיין היציקע פלוידעריי מיט אַ בולטן אינטערעס, פלעגט מיך איבערפרעגן, וועלנדיק עפּעס דערגיין און רויק רעדן:

— עקשנותדיק איז דער פּיקהאָלץ, אָבער נישט שרעקלעך, קיינער האָט קיין מורא נישט פאַר אים! פון האַרצן ראָט איך דיר: גיי אַוועק אין אַ קלויסטער, וועסט דאָרט לעבן ביז דער עלטער — וועסט מיט גוטע שמועסן די בעטערס טרייסטן, און דו וועסט רויִק לעבן, און די מאָנאַכן וועלן אַ רוח האָבן! פון האַרצן עצה איך דיר. צו וועלטלעכע עסקים ביזטו, זעט אויס, נישט פעיִק, צי וואָס...

אין קלויסטער אַריין האָט זיך נישט געוואָלט, כ'האָב אָבער געפילט, אַז כ'האָב זיך פאַרפּלאָנטערט און איך דריי זיך אין פאַרצויבערטן קרייז פון אומפאַרשטענדלעכן. ס'איז געווען אומעטיק. דאָס לעבן איז ענלעך געוואָרן אויף אַ האַרבסטיקן וואַלד,—די שוואָמען האָבן זיך שוין אויסגענומען, וואָס צו טאָן איז אין ליידיקן וואַלד נישטאָ, און ס'דאַכט זיך, אַז דו קענסט אים דורך און דורך.

כ'האָב נישט געטרונקען קיין בראָנפן, נישט געהוליאַיעט מיט מיידן,—דידאָזיקע צוויי אופנים פון פאַרשכורן די נשמה האָבן מיר פאַרביטן די ביכער. אָבער וואָס מער כ'האָב געלייענט, אַלץ שווערער איז געווען צו לעבן אַזוי פּוסט און אומנויטיק, ווי ס'לעבן האָט זיך מיר געדאַכט, מענטשן.

כ'בין נישט לאַנג צוריק אַלט געוואָרן פופצן יאָר; אָבער אַמאָל פלעג איך זיך פילן אַלס דערוואַקסענער מענטש; כ'בין עפּעס אינערלעך אָנגעקוואָלן און שווער געוואָרן פון אַלץ, וואָס כ'האָב איבערגעלעבט, דורכגעלייענט, וועגן וואָס ס'האָט זיך אומרויִק געטראַכט. פאַרקוקנדיק אין זיך, פלעג איך איינגעפונען, אַז מיין איינדרוקן-אויפנעמער איז ענלעך צו אַ פינסטערער קוטשע, וועלכע איז ענג און אָן אַ סדר אָנגעשטאָפּט מיט פאַרשידענע זאַכן. פאַנאַנדערקלייבן זיך אין זיי איז נישט געווען נישט קיין כוחות, נישט קיין יכלת.

און נישט געקוקט אויף זייער גרויסער צאָל, זענען אַלע משאות געלעגן נישט פעסט, האָבן זיך געוואַקלט און מיך געטרייסלט, ווי דאָס וואַסער אַ נישט-פעסט שטייענדיקע כלי.

כ'האָב ביז עקל נישט ליב געהאַט קיין אומגליקן, קיין

קראַנקהייטן, קיין קלאָגעניש; ווען כ׳פלעג זען אכזריותדיקס, — בלוט, קלעפּ, אַפילו דאָס אָפּהוזקן פון אַ מענטשן מיט ווער־טער, — פלעגט דאָס אַרויסרופן ביי מיר אַן אָרגאַנישן עקל; ער פלעגט זיך שנעל פאַרוואַנדלען אין אַ מין קאַלטן גרימצאָרן, און איך אַליין פלעג זיך שלאָגן, ווי אַ חיה, און דערנאָך פלעג איך זיך שעמען ביז ווייטיק.

מאָל פלעגט זיך, אַזוי ליידנשאַפטלעך ווען צעשלאָגן אַ מענטשן — אַ פּייניקער, און כ׳פלעג זיך אַזוי בלינד וואַרפן אין געשלעג אַריין, אַז אַפילו היינט נאָך דערמאָן איך זיך וועגן דידאָזיקע יאוש־אָנפאַלן, געבוירענע פון מאַכטלאָזיקייט, מיט בושה און טרויער.

אין מיר האָבן געלעבט צוויי: איינער, זיך באַקענענדיק מיט צופיל העסלעכקייט און שמוץ, איז אַ ביסל נידערגע־שלאָגן געוואָרן דערפון און דערדריקט דורך קענען דאָס וואָ־כעדיק־שרעקלעכע, זיך גענומען באַציִען צום לעבן, צו מענטשן מיט אומצוטרוי, מיט חשד, מיט אַ הילפלאָזן רחמנות צו אַלע־מען, און אויך צו זיך אַליין. דערדאָזיקער מענטש האָט גע־חלומט וועגן אַ שטיל, איינזאַם לעבן מיט ביכער, אָן מענטשן, וועגן אַ קלויסטער, אַ וואַלד־שטיבעלע, אַ געצעלטל ביי דער באַן־ליניע, וועגן פּערסיע און אַ אַמט פון אַ נאַכט־שומר ער־גען־ווו אויף עק שטאָט, וואָס ווייניקער מענטשן, וואָס ווייטער פון זיי...

דער צווייטער, געטויפט דורכן הייליקן גייסט פון ערלעכע און קלוגע ביכער, באַאָבאַכטנדיק די נצחונדיקע קראַפט פון דאָס וואָכעדיק־שרעקלעכע, האָט געפילט, ווי לייכט דידאָזיקע קראַפט קען אים אָפּרייסן דעם קאָפּ, צעקוועטשן דאָס האַרץ מיט אַ שמוציקער פּיאַטע, און זיך אָנגעשטרענגט פאַרטיידיקט, פאַרשטשירענדיק די ציין, צענויפּבייַלנדיק די פויסטן, תמיד גרייט אויף יעדער אַרט קריגעריי און געשלעג. דערדאָזיקער האָט טעטיק ליב געהאַט און רחמנות געהאַט און, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ מוטיקן העלד פון די פראַנצויזישע ראָמאַנען, פלעגט

ער אויף אַ ליאַדע וואָרט אַרויסכאַפּן דעם שווערד פון שייד און זיך שטעלן אין אַ קאַמף־פּאָזיציע.

כ'האָב צו יענער צייט געהאַט אַ דם־שונא, אַ סטרוזש פון איינער אַ שאַנד־הויז אויף דער מאַלאַיאַ פּאָקראָווסקאַיאַ גאַס. כ'האָב זיך באַקענט מיט אים איינמאָל אינדערפרי, גייענדיק אויפן מאַרק: ער האָט אַראָפּגעשלעפּט פון אַ דראָזשקע ביים טויער פון הויז אַ באַוווסטלאָז־שכּורע מיידל; אָנכאַפּנדיק זי ביי די פיס אין אַראָפּגעלאָזענע זאָקן, אָפּדעקנדיק ביזן פּאַס, האָט ער זי שענדלעך... געשלעפּט, אוכענדיק און לאַכענדיק, איר געשפּיגן אויפן קערפּער, און זי, אַראָפּלאָזנדיק זיך מיט שטויסן פון דראָזשקע, אַ צעקנייטשטע, אַ בלינדע, מיט אַ צעעפנט מויל, פאַרוואַרפנדיק הינטערן קאָפּ די ווייכע און ריכטיק ווי אויסגעלינקטע הענט, האָט זי זיך געקלאַפּט מיט דער פּלייצע, מיטן נאַקן און מיטן בלאָען פּנים אין געזעס פון דראָזשקע, אָן פוס־טרעפּל, און, ענדלעך, אַ פאַל געטאָן אויפן ברוק, אַ קלאַפּ טוענדיק מיטן קאָפּ אָן די שטיינער.

דער פורמאַן האָט אַ שמיץ געטאָן דעם פערד און אַוועקגעפאָרן ווייטער, און דער סטרוזש האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דער מיידלס פיס און הינטערווייַלעכס זי גענומען שלעפּן אויפן טראָטואַר, ווי אַ טויטע. כ'בין ווילד געוואָרן, גענומען לויפן און, צו מיין גליק, אינמיטן לויפן אַראָפּגעוואָרפן אָדער אומווילנדיק אַרויסגעלאָזן די סאַזשעניקע וואַסער־וואָג: דאָס האָט דעם סטרוזש און מיך געראַטעוועט פון אַ גרויסער אומאַנגענעמלעכקייט. כ'האָב דעם סטרוזש אַ קלאַפּ געטאָן אין פולן לויפן, אים אומגעוואָרפן, אַרויפגעשפּרונגען אויפן גאַניק און ווילד גענומען רייסן די הענטל פון גלעקל; ס'זענען אַרויסגעלאָפן עפּעס ווילדע מענטשן אַזעלכע, כ'האָב זיי גאָרנישט געקענט דערקלערן און אַוועקגעגאַנגען, אויפהויבנדיק די וואַסער־וואָג.

ביים אַראָפּפאָר האָב איך אָנגעיאָגט דעם פורמאַן; אַ קוק טוענדיק אויף מיר פון דער הויך, פון די קאָזלעס, האָט ער צושטימענדיק געזאָגט:

— האָסט אים געשיקט פּאַרפאָרן!

כ׳האָב אים מיט כּעס געפרעגט: וויאַזוי האָט ער דאָס דערלויבט דעם סטרוזש זיך איזדעקעווען איבער דעם מיידל,— און ער האָט געענטפערט רויק, מיט עקל:

— פון מיינעטוועגן — כאַפּט זיי דער וואַטעמאַכער! די הערן האָבן מיר באַצאָלט, ווען זיי האָבן זי אַריינגעזעצט אין דראָזשקע,—וואָס איז מיין עסק, ווער וועמען עס שלאָגט?

— און אַז מ׳זאָל זי דערהרגענען?

— אַוודאי, אַזוי גיך הרגעט מען דאָס אַזאַ איינע,—האָט דער פורמאַן געזאָגט אַזוי, ווי ער זאָל שוין נישט דעם ערשטן מאָל האָבן פּרובירט דערהרגענען שכּורע מיידלעך.

פון יענעם טאָג פלעג איך כּמעט יעדן פרימאָרגן זען דעם סטרוזש; כ׳גיי איבער דער גאַס, און ער קערט דעם ברוק אָדער ער זיצט אויפן גאַניק, ווי ער זאָל מיך אָפּוואַרטן. כ׳גיי צו צו אים, ער שטעלט זיך אויף, פאַרקאַשערנדיק די אַרבל, און גיט מיר צוויסן:

— נו, איצט וועל איך דיר אַריינבויקערן די ביינער!

ער איז שוין אַלט געווען איבער פערציק; אַ קליינינקער אַ קרומפיסיקער, מיט אַ בויך פון אַ טראָגנדיקער פרוי, האָט ער שמייכלענדיק. געקוקט אויף מיר מיט שטראַלנדיקע אויגן און ס׳איז מאָדנע אימהדיק געווען צו זען, אַז זיינע אויגן זענען גוטע, פריילעכע. שלאָגן האָט ער זיך נישט געקענט, חוצדעם זענען זיינע הענט געווען קורצער פאַר מיינע, — נאָך אַ צוויי, דריי צוזאַמענשטויסן פלעגט ער אָפּטרעטן, זיך צו-דריקן מיט דער פּלייצע צום טויער און פאַרוווּנדערט זאָגן:

— נו, וואַרט צו, דו כוואַט!..

דידאָזיקע קאַמפן האָבן מיר דערעסן און כ׳האָב אים איינמאָל געזאָגט:

— הער, דו, שוטה, טשעפּע זיך אָפּ פון מיר כ׳בעט דיר!

— טאָ צוואָס שלאָגסטו זיך?—האָט ער געפרעגט מיט אַ פאָרוואורף.

אויך איך האָב אים געפרעגט, פאַרוואָס האָט ער זיך אַזוי העסלעך איזדעקעוועט איבער דעם מיידל.

— וואָס גייט עס דיר אָן? האָסט רחמנות אויף איר?

— כ'האָב רחמנות, צוודאַי.

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, אָפּגעווישט די ליפּן און געפרעגט:

— און אויף אַ קאַץ איז דיר אַ רחמנות?

— נו, אויך אויף אַ קאַץ איז אַ רחמנות...

דאָ, האָט ער מיר געזאָגט:

— ביזט אַ שוטה, אַ זשוליק! וואַרט צו, כ'וועל דיר שוין ווייזן...

כ'האָב נישט געקענט אויסמיידן צו גיין דורך דער־דאָזיקער גאַס — דאָס איז געווען דער קורצסטער וועג, כ'האָב אָבער אָנגעהויבן אויפצושטיין פריער, כדי נישט צו טרעפן זיך מיטן דאָזיקן מענטשן, און פונדעסטוועגן האָב איך אים אין עטלעכע טעג אַרום דערזען — ער איז געזעסן אויפן גאַניק און געגלעט אַ רויך־פאַרביקע קאַץ, וועלכע איז געלעגן אויף זיינע קני, און ווען כ'בין צוגעגאַנגען צו אים אויף אַ דריי טריט איז ער אויפגעשפּרונגען, אַ כאַפּ געטאָן די קאַץ פאַר די לאַפּקעס און מיטן גאַנצן כח, אַ זעץ געטאָן מיט איר קעפּל אָן דעם שטיינערנעם טראָטואַר־סלופּיק, אַזוי אַז אויף מיר האָט אַ שפּריץ געטאָן מיט וואַרימס, — אַ זעץ געטאָן, אַ וואָרף געטאָן די קאַץ אונטער מיינע פיס און זיך אַוועקגעשטעלט אין טויער־טירל, פרעגנדיק:

— נו, וואָס?

נו, וואָס קען מען דאָ מאַכן! מיר האָבן זיך געקייקלט איבערן הויף, ווי צוויי הינט; און דערנאָך, זיצנדיק אין גראָז פון אַראָפּפאַר, מטורף פון אומאויסדריקלעכן טרויער, האָב איך געביסן די ליפּן, כדי נישט צו ריטשען, נישט יאָמערן. אָט דערמאנסטו זיך וועגן דעם און, אויפטרייסלענדיק זיך פון פיינלעכן עקל, וווּנדערסטו זיך: ווי אַזוי בין איך נישט אַראָפּ פון זינען, קיינעם נישט דערהרגעט?

צוואָס דערצייל איך דידאָזיקע העסלעכקייטן? כדי איר זאָלט טאַקע וויסן, חשובע הערן, — דאָס איז דאָך נאָך נישט אַריבער, נישט אַריבער! אייך געפעלן אויסגעטראַכטע שרעקן, ס׳געפעלן אייך גרוילן, שיין דערציילטע, פאנטאסטיש-שרעקלעכס רעגט אייך אנגענעם אויף. אָבער איך קען דאָס ווירקלעך-שרעקלעכע, דאָס וואָכעדיק-גרויליקע, און כ׳האָב דאָס נישט-אָפּגעפרעגטע רעכט אומאָנגענעם אייך אויפצורעגן מיט דערציילונגען וועגן דעם, כדי איר זאָלט זיך דערמאנען, וויאַזוי איר לעבט און צווישן וואָס איר לעבט.

מיט אַ נידערטרעכטיק און שמוציק לעבן לעבן מיר אַלע. אָט זען וואָס עס גייט!

כ׳האָב זייער ליב מענטשן און כ׳וואָלט קיינעם נישט וועלן פּייניקן, אָבער מ׳קען נישט זיין סענטימענטאַל און מ׳טאָר נישט באַהאַלטן דעם שוידערלעכן אמת אין בונטע ווערטערלעך פון שייִנינקן ליגן. צום לעבן, צום לעבן! מ׳דאַרף אים אָנזאַפּן מיט אַלץ, וואָס איז דאָ גוטס, מענטשלעכס אין אונזערע הערצער און מוחות.

... באַזונדערס האָט מיך אַריינגעבראַכט אין יאוש די באַציאונג צו פרויען; זיך אָנגעלייענט מיט ראָמאַנען, האָב איך געקוקט אויף דער פרוי ווי אויף דאָס בעסטע און וויכטיקסטע אין לעבן. אין דעם האָבן מיך באַפעסטיקט די באָבע, אירע דערציילונגען וועגן גאָטס-מוטער און וואסיליסא די חכמנית, די אומגליקלעכע וועשין נאַטאַליאַ און יענע הוגדערטער, טויזנטער דורך מיר באַמערקטע בליקן, שמייכלען, מיט וועלכע די פרויען, די מוטערס פון לעבן, באַצירן אים, דעמדאָזיקן לעבן, דעם אָרימען מיט פריידן, דעם אָרימען מיט ליבע.

אַ קויב צו דער פרוי האָבן געזונגען טורגענעווס ביכער, און מיט אַלץ, וואָס כ׳האָב געוווּסט גוטס וועגן פרויען, האָב איך באַצירט די אומפאַרגעסלעכע געשטאַלט פון דער מלכה; באַזונדערס אַ סך צירונג האָבן אויף דעם געגעבן היינע און טורגענעוו.

אומקערנדיק זיך אינאָוונט פון מאַרק, פלעג איך שטיין-

בלייבן אויפן באַרג, ביי דער קרעמל־וואַנט, און געקוקט, ווי עס זעצט זיך די זון הינטער דער וואָלגע, ווי עס פליסן אין די הימלען פייערדיקע טייכן, ווי עס ווערט רויט און בלאָ דער ערדישער, געליבטער טייך. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט זיך אַמאָל אויסדאַכטן, אַז די גאַנצע ערד איז אַ גרויסע אַרעס־טאַנטישע בארזשע; זי איז ענלעך אויף אַ חזיר און עס שלעפּט זי ערגעץ־וווּהין פויל אַן אומגעזעענער דאַמפּער.

אָפטער אָבער פלעגט זיך טראַכטן וועגן דער גרויס פון דער ערד, וועגן די שטעט, וועלכע כ׳האָב געקענט לויט די ביכער, וועגן די פרעמדע לענדער, ווו מ׳לעבט אַנדערש. אין די ביכער פון די אויסלענדישע שרייבערס איז דאָס לעבן גע־שילדערט געוואָרן ריינער, באַחנטער, ווינציקער שווער, איידער דאָס, וועלכעס האָט פּאַמעלעך און איינטאָניק געברויזט אַרום מיך. דאָס פלעגט באַרואיקן מיין אויפגערודערטקייט, אויפ־וועקנדיק עקשנותדיקע טרוימען וועגן דער מעגלעכקייט פון אַן אַנדער לעבן.

און ס׳האָט זיך כסדר גדאַכט, אַז אָט וועל איך טרעפן עפּעס אַ פּשוטן, קלוגן מענטשן, וועלכער וועט מיך אַרויספירן אויף אַ ברייטן, קלאָרן שליאַך.

איינמאָל, ווען כ׳בין געזעסן אויף אַ באַנק אונטער דער וואַנט פון קרעמל, איז לעבן מיר פלוצלינג אויסגעוואַקסן דער פעטער יאַקאָוו. כ׳האָב נישט באַמערקט, ווי ער איז צוגעגאַנגען, און כ׳האָב אים נישט דערקענט גלייך; כאָטש מיר האָבן אין משך פון עטלעכע יאָר געלעבט אין איין שטאָט, פלעגן מיר זיך דאָך טרעפן זעלטן, צופעליק און אויפגעכאַפּט.

— ווי, דו האָסט זיך אויסגעצויגן, — האָט ער געזאָגט מיט שפּאַס, מיך אַ שטויס טוענדיק, און מיר האָבן גענומען שמועסן, ווי פרעמדע, אָבער שוין לאַנג באַקאַנטע מענטשן.

לויט דער באָבעס דערציילונגען האָב איך געוווּסט, אַז פאַר דידאָזיקע יאָרן איז דער פעטער יאַקאָוו אינגאַנצן אַראָפּ פון מעמד, אַלץ פאַרלעבט, פאַרהוליעט; ער האָט געדינט אַלס געהילף־אויפזעער אויפן עטאַפּ־הויף, אָבער זיין דינסט האָט

זיך שלעכט געענדיקט: דער אויפזעער איז קראַנק געוואָרן, און דער פעטער יאַקאָוו האָט ביי זיך אין דירה געגומען איינאָרדענען פאַר די אַרעסטאַנטן פריילעכע הוליאַנקעס, מ'האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, אים אָפּגעזאָגט פון פּאָסטן און איבערגעגעבן צום געריכט, באַשולדיקנדיק אין דעם, אַז ער פלעגט ביינאַכט אַרויסלאָזן די אַרעסטאַנטן אין שטאָט אַריין אַ „הוליע צו טאָן". קיין איינער פון די אַרעסטאַנטן איז נישט אַנטלאָפן, אָבער איינעם האָט מען געכאַפּט פּונקט אין דער מינוט, ווען ער האָט מיט התמדה געשטיקט עפּעס אַ דיאַקאָן. די אויספאָרשונג האָט זיך לאַנג געצויגן, אָבער צום געריכט איז די זאַך נישט דערגאַנגען, — די אַרעסטאַנטן און די אויפזעערס האָבן געוווּסט ווי אַרויסצושלעפּן דעם גוטן פעטער פון דערדאָזיקער געשיכטע. איצט האָט ער געלעבט אָן אַרבעט, אויף די מיטלען פון זון, וועלכער האָט געזונגען אין רוקאַווישניקאָווס צערקווע-כאָר, וואָס איז צו יענער צייט באַרימט געווען, וועגן זון פלעגט ער מאָדנע רעדן:

— ער איז ביי מיר אַן ערנסטער געוואָרן, אַ חשובער! אַ סאָליסט. באַוויזטו נישט צו דער צייט דעם סאַמאָוואַר דערלאַנגען, אָדער די זאַכן אויסרייניקן — כעסט ער זיך! אַן אויפגעפּאַסטער בחור. און אַ ציכטיקער...

דער פעטער אַליין איז שטאַרק געעלטערט געוואָרן, איינגאַנצן שמוציק, אויסגעקראָכן און צעקראָכן. זיינע פריילעכע לאָקן זענען שטאַרק שיטער געוואָרן, די אויערן — שטייען אָפּ, אויף די ווייסלען פון די אויגן און אין דעם סאפיאַן-לעדער פון די געגאָלטע באַקן האָט זיך באַוויזן אַ געדיכטע נעץ רויטע אָדערלעך. גערעדט האָט ער שפּאַסיק, ס'האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז עפּעס ליגט אים אין מויל און שטערט דעם צונג, כאָטש די ציין זענען ביי אים גאַנץ געווען.

כ'האָב זיך דערפרייט מיט דער מעגלעכקייט צו כאַפּן אַ שמועס מיט אַ מענטשן, וועלכער האָט געקענט לעבן פריילעך, האָט אַ סך געזען און מוז אַ סך וויסן. מיר זענען בולט גע-

קומען אין זכרון זיינע ווילדערישע, קאָמישע לידער, און ס׳האָבן מיר אָפּגעקלונגען דעם זיידנס ווערטער וועגן אים:

— לויט די לידער — דוד המלך, און לויט די מעשים — דער גיפטיקער אבשלום!

איבערן בולוואַר איז פאַרביי אונז געגאַנגען דער פיינער עולם: פּרעכטיקע דאַמען, „טשינאָווניקעס", אָפיצירן, דער פעטער האָט געטראָגן אַ אָפּגעריבענעם האַרבסטיקן פּאַלטן, אַ צעקנייטשט היטל, געלינקע שטיוול און זיך געגורעט, זיך שעמענדיק, ווייזט אויס, פאַר זיין הולך, מיר זענען אַוועק אין איינעם פון די שענקען פון פּיאַטשאַאיווער גראָבן און פאַרנומען אַן אָרט ביים פענסטער, וועלכער איז אַרויסגעקומען אויפן מאַרק.

— איר געדענקט, ווי איר פלעגט זינגען:

אַן אביון האָט אויסגעהאָנגען די אָניטשעס טריקענען.

און דער צווייטער אביון האָט די אָניטשעס צוגעגנבעט...

ווען כ׳האָב אַרויסגעבראַכט פון מויל די ווערטער פון ליד, האָב איך פּלוצלינג צום ערשטן מאָל באַגריפן זיין חוזק־דיקן זין, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער פריילעכער פעטער איז בייז און קלוג.

ער אָבער האָט געזאָגט, אָנגיסנדיק בראָנפן אין קעלישעק:

— יאָ, כ׳האָב אַ לעב געטאָן, געאַרבעט מעשים, אָבער — ווינציק! דאָס ליד דאָסדאָזיקע איז נישט מיינס, עס האָט אים צענויפגעשטעלט איינער אַ לערער פון סעמינאַר, לאָזט נאַר, ווי האָט מען אים גערופן, דעם שוכן עפר? פאַרגעסן. געלעבט האָבן מירביידע ווי פריינט. אַ בחור. געגומען שכורן און — געשטאָרבן, פאַרפרוירן געוואָרן, סאַראַ סך מענטשן ס׳האָבן גענומען שכורן אויף מיין געדענקען — איבערציילן איז שווער! דו טרינקסט נישט? טרינק נישט, וואַרט צו. דעם זיידן זעסטו אָפט? נישט קיין פריילעכער אַלטיטשקער. פאַרלירט אַ סברה, דעם פאַרשטאַנד.

אויסטרינקנדיק האָט ער זיך באַלעבט, זיך אויסגעגלייכט, יינגער געוואָרן און גענומען רעדן ווילערישער.

כ׳האָב אים געפרעגט וועגן דער געשיכטע מיט די אַרעסטאַנטן.

— האָסט געהערט?—האָט ער געפרעגט, זיך אומקוקנדיק, און גענומען רעדן מיט אַ נידעריקן קול:

— אַרעסטאַנטן, נו איז וואָס? כ׳בין דאָך איבער זיי נישט קיין ריכטער. כ׳זע — מענטשן, ווי אַלע מענטשן, און כ׳זאָג: ברידערלעך, קומט לאָמיר לעבן חבריש, קומט לאָמיר לעבן פריילעך; ס׳איז דאָ, זאָג איך, אַזאַ ליד:

„דער גורל קען די פרייד נישט שטערן!
ער מעג אונז שטענדיק ברענגען צער,
מיר וועלן אָן אַן אויפהער לאַכן,
ווער אַנדערש לעבט—דער איז אַ נאַר!..״

ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, אַ קוק געטאָן דורכן פענסטער אויפן טונקל-געוואָרענעם גראָבן, וואָס זיין דעק איז פאַרשטעלט געווען מיט האַנדלס-בודעס, און ווייטער גערעדט, פאַרריכטנדיק די וואָנסעס:

— און זיי, פאַרשטייט זיך, זענען צופרידן, ס׳איז לאַנג-ווייליק אין תּפיסה. נו, ווי נאָר מיר ענדיקן די קאָנטראָל, איז גלייך — צו מיר; בראָנפן, צובייסעכצן; אַמאָל — פון זיי, און ס׳האָט זיך אַ וויג געטאָן, זיך צעשפּילט די מוטערל רוס! כ׳האָב ליב לידער, טענץ, און צווישן זיי זענען דאָ אויסגע-צייכנטע זינגער און טענצער, צו באַוווּנדערן! אַן אַנדערער איז אין קייטן; נו, און אין זיי וועסטו נישט טאַנצן, פלעג איך דערלויבן אַראָפּנעמען די קייטן, דאָס איז ריכטיק. זיי קענען, וואָס אַן אמת, אַליין אַראָפּנעמען, אָן אַ שמיד, אַ גע-שיקטער עולם, צו באַוווּנדערן! און דאָס, אַז כ׳פלעג זיי אָפּ-לאָזן אין שטאָט אַריין אויף צו רויבירן — איז שטותעריי, דאָס איז אַפילו נישט דערוויזן געוואָרן...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַ קוק געטאָן אין פענס-טער, אין גראָבן, ווו די אַלטוואַרג-הענדלער האָבן צוגעשלאָסן זייערע בודעס; דאָרט האָט געקלונגען דער אייזן פון די פאַר-רוקערס, ס׳האָבן געסקריפּעט די פאַרזשאַווערטע פעטלעס, ס׳האָבן

זיך פאַרהאַקט עפּעס בּרעטער, מיט הילכיקער קלאַפּעריי. דער־נאָך, פרײלעך אונטערווינקענדיק צו מיר, האָט ער נישט הויך ווייטער גערעדט:

— אויב שוין זאָגן דעם אמת, פלעגט איינער, אויף אַן אמה, אַוועקגיין דורך די נעכט, אָבער דאָס איז נישט קיין קאַטאָרזשניק, נאָר פּשוט אַ היגער גנב, אַ ניזשעגאָראָדער; נישט ווייט, אויף פּעטשאָרקע, האָט געוווינט זיין געליבטע. חוצדעם איז די מעשה מיטן דיאַקאָן אַרויסגעקומען על־פּי טעות: מ׳האָט דעם דיאַקאָן אָנגענומען פאַר אַ סוחר. די מעשה איז געשען ווינטער, ביינאַכט, אַ זאַווערוכע, אַלע מענטשן — אין פוטערס, הייִנט גיי קלויב זיך פאַנאַנדער אין איילעניש, ווער איז אַ סוחר, ווער — אַ דיאַקאָן.

דאָס איז מיר פאָרגעקומען קאָמיש, אויך ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, זאָגנדיק:

— יאָ, ביי גאָט! דער טייוול ווייסט זיי...

דאָ איז דער פּעטער אומגעריכט און מאָדנע־לייכט אין כּעס געוואָרן, אָפּגעשטופּט דעם טעלער מיטן צובייסעכץ, מיט עקל פאַררונצלט דעם פּנים און, פאַרוויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, פאַרשטיקט אַרויסגעבורטשעט:

— גנבענען איינער ביים צווייטן, דערנאָך כאַפּן זיי איינער דעם צווייטן, פאַרשטעקן אין תּפיסות, קיין סיביר, אויף קאַטאָרגע, נו, און וואָס גייט עס מיר אָן? כ׳שפּיי אויף אַלעמען... איך האָב — אַן אייגענע נשמה!

פאַר מיר איז אַרויסגעשוווּמען דער האָריקער הייצער — אויך ער פלעגט אָפט זאָגן „כ׳שפּיי". און גערופן האָט מען אים יאַקאָוו.

— וועגן וואָס טראַכסטו? — האָט דער פּעטער ווייך געזאָגט.

— איר האָט רחמנות געהאַט אויף די אַרעסטאַנטן?

— ס׳איז לייכט אויף זיי רחמנות צו האָבן, דאָרט זענען דאָ אַזעלכע חברה, צו באַוווּנדערן! אַמאָל קוקסטו זיך צו און טראַכסט: כ׳בין דאָך נישט ווערט זיין נאָמען צו דערמאָנען.

כאָטש כ׳בין אַ האַר איבער אים! זענען קלוג, די שדים, געשיקטע...

דער בראָנפן און די דערינגערונגען האָבן אים ווידער אנגענעם אויפגערעגט; זיך אָנשפּאַרנדיק מיטן עלנבויגן אויפן ביישטידל, פאָכענדיק מיט דער געלער האַנט מיטן פּאַפּיראָסן-רעשט צווישן די פינגער, האָט ער באַלעבאַט גענומען רעדן:

— איינער, אַן אייגאוויגיקער, אַ גראַווירער און זייגער-מאַכער, האָט זיך געמשפט פאַר פאַלש געלט און איז אַנטלאָפן, וואָלסטו באַדאַרפט הערן, ווי ער האָט גערעדט! פייער! ער זינגט ממש, ווי אַ סאָליסט. דערקלערט מיר, זאָגט ער, פאַר-וואָס מעג די רעגירונג דרוקן געלט, און איך טאָר נישט? דערקלערט מיר! קיינער קען אים דאָס נישט דערקלערן. קיינער נישט, און אויך איך קען נישט. און איך — בין אַ האַר איבער אים! אַ צווייטער — אַ באַרימטער מאָסקווער גנב, אַ שטילינקער אַזאַ, אַ פּראַנט, אַ ריינינקער — יענער פלעגט העפלעך רעדן. מענטשן, זאָגט ער, אַרבעטן ביז פאַרטעמפּט צו ווערן, און איך וויל דאָס נישט. איך זאָגט ער, האָב דאָס דורכגעמאַכט: אַרבעטס, אַרבעטס, ווערסט פון מידקייט אַ נאַר, אויף אַ גראָשן שכורסטו, אַ זיבענער פאַרשפּילסטו אין קאָרטן, אַ צענערל אַ פרוי פאַר צערטלעכקייטן, דערנאָך — ווידער הונגעריק, אָרים. ניין, זאָגט ער, כ׳שפּיל נישט אין אַזאַ שפּיל...

דער פעטער יאַקאָוו האָט זיך איינגעבויגן צום טיש און ווייטער גערעדט, רויט ווערנדיק ביז די האָר-וואָרצלען, אויפ-גערעגט אין אַזאַ מדרגה, אַז זיינע קליינינקע אויערן אפילו האָבן געציטערט.

— ניין, ברודער, זענען נישט קיין נאַראָנים, זיי אורטיילן ריכטיק! כאַפּט זיי דער טייוול, דידאָזיקע גאַנצע פאַסקודסטווע. למשל: ווי האָב איך געלעבט? אַ בושה זיך צו דערמאָנען — אַ ליין כאַפּעניש, פאַרגנבעטערהייט; די צרות אייגענע, די פרייד אָבער — געגנבעטע! דאָ שרייט דער פאָטער — דערוועג זיך נישט, דאָ דאָס ווייב — דו זאָלסט נישט, דאָ טרעפט אַמאָל, אַז דו האָסט אַליין מורא אָראָפּדרייען אַ קערבל דעם קאָפּ.

אָט אַזוי האָב איך פאַרפּאַסט דאָס לעבן, און אויף דער עלטער דין איך ביי מיין זון אַלס לאַקיי. וואָס זאָל איך זיך באַ-האַלטן? כ'בין, ברודער, הכנעהדיק, און ער שרייט אויף מיר גאָר מעשה-פּריץ. זאָגט — פאָטער, און איך הער—לאַקיי! וואָס, אויף דעם בין איך געבאָרן געוואָרן, צוליב דעם זיך געמאַטערט, כדי דעם זון צו די[ ]נען? און ווען דאָס וואָלט אַפילו נישט געווען, — צוליב וואָס האָב איך געלעבט, האָב איך דען אַ סך פאַרגעניגן באַקומען?

כ'האָב אים געהערט אויפמערקזאַם. אומגערן און נישט האַפנדיק אויף אַן ענטפער, האָב איך פונדעסטוועגן געזאָגט:

— אָט איך ווייס אויך נישט, ווי זאָל איך לעבן...

ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— נו... ווער ווייס דאָס? כ'האָב נישט געזען אַזעלכע, וואָס זאָלן וויסן! אָט אַזוי, ס'לעבן מענטשן, ווער צו וואָס עס איז געוווינט...

און ווידער גענומען רעדן באַליידיקט און בייז:

— ביי מיר איז געווען, פאַר פאַרגוואַלדיקן, אַ מענטש איינער פון אָריאָל, אַן אדעליקער, אַן אויסגעצייכנטער טענצער, איז אָט, פלעגט ער אַלעמען פריילעך מאַכן, געזונגען וועגן וואַנקען:

„וואַנקע שפּאַצירט זיך איבערן בית-עולם—
דאָס איז אַ קנאַפּע תורה!
אַך, דו וואַנקע, האָב נישט קיין מורא,
שטעק אַרויס די נאָז פון בית-עולם".

— איז אָט טראַכט איך, אַז דאָס איז גאָרנישט קאָמיש, נאָר אַן אמת! ווי דו זאָלסט זיך נישט דרייען, ווייטער פון בית-עולם ועסטו נישט פאַרקוקן, און אויב אַזוי — איז מיר אַלץ איינס: אַלס אַרעסטאַנט לעבן, אָדער אַן אויפזעער איבער אַרעסטאַנטן...

ער האָט, איינגעמאַטערט פון רעדן, אויסגעטרונקען בראָנפן און אַרייַנגעקוקט פויגלש, מיט איין אויג, אין דער

ליידיקער קאַראַפקע, שווייגנדיק, פאַרראָכערט נאָך אַ פּאַפּיראָס, אַריינלאָזנדיק דעם רויך אין די וואָנסעס.

— אויף וואָס דו זאָלסט נישט האָפן און ווי דו זאָלסט נישט ליידן, אָבער די טרומנע אין בית-עולם וועט קיינעם נישט מיידן, — פלעגט אָפט זאָגן דער מויערער פּיאָטר, וואָס איז לגמרי נישט ענלעך געווען אויפן פּ״טער יאַקאָוו. וויפל האָב איך שוין געקענט אַזעלכע אומענדלעכע שפּריכווערטלעך!

מער האָט זיך שוין גאָרנישט געוואָלט פרעגן דעם פּעטער. ס'איז געווען טרויעריק מיט אים און ס'איז אויף אים אַ רחמנות געווען; ס'האָבן זיך כסדר דערמאָנט די ווילערישע לידער און דערדאָזיקער גיטאַרע-קלאַנג, וואָס האָט געריזלט מיט פרייד דורך ווייכן אומעט. כ'האָב אויך נישט פאַרגעסן דעם פריילעכן ציגאַן,*) כ'האָב נישט פאַרגעסן און, קוקנדיק אויף דער צעקנייטשטער פיגור פון פּעטער יאַקאָוו, נישט ווילנדיק געטראַכט:

„צי געדענקט ער, ווי מ'האָט ציגאַנען צעקוועטשט מיטן קרייץ?"

ס'האָט זיך נישט געוואָלט פרעגן וועגן דעם.

כ'האָב געקוקט אין גראָבן, וואָס איז ביז די ברעגעס אָנגעגאָסן געווען מיט פייכטלעכער אויגוסטיקער פינסטערניש. פון גראָבן האָט זיך אויפגעהויבן אַ ריח פון עפּל און מאַלאַנעס. איבערן שמאָלן צופאָר-וועג אין שטאָט אַריין האָבן אויפגעבליצט לאַמטערנס, אַלץ איז דורך און דורך געווען באַקאַנט: אָט באַלד וועט אַ פייף טאָן אַ דאַמפּער קיין ריבינסק און אַ צווייטער קיין פּערם...

— פונדעסטוועגן, דאַרף מען גיין, — האָט דער פּעטער געזאָגט.

ביי דער טיר פון שענק, טרייסלענדיק מיין האַנט, האָט ער אין שפּאַס אַן עצה געגעבן:

— זיי נישט פאַרזאָרגט; ביזט דאַכט זיך פאַרזאָרגט, אַ שפּיי אויף דעם, ביזט נאָך אַ יונגיטשקער. דערעיקר, געדענק:

*) פון באַרקיס „קינדהייט". (איב.)

„דער גורל קען די פרייד נישט שטערן!" נו, זיי געזונט, פאר מיר איז צייט — צו אוספעניע.*)

דער פריילעכער פעטער איז אוועק, איבערלאָזנדיק מיך נאָך אַ מער פאַרפּלאָנטערטן דורך זיינע רייד.

כ'האָב זיך אויפגעהויבן און שטאָט אריין, כ'בין ארויס אין פעלד. ס'איז געווען דער מולד, איבערן הימל זענען גע־שווומען שווערע וואָלקנס אָפּווישנדיק פון דער ערד מיט שוואַרצע שאָטנס מיין שאָטן, אַרומבויגנדיק די שטאָט מיטן פעלד, בין איך צוגעקומען צו דער וואָלגע, אויפן הויכן ברעג, זיך געלייגט דאָרט אויפן שטויביקן גראָז און לאַנג געקוקט היגטערן טייך, אין די לאָנקעס אַריין, אויף דערדאָזיקער אומבאַוועגלעכער ערד. איבער דער וואָלגע האָבן זיך פּאַמעלעך געשלעפּט די שאָטנס פון די וואָלקנס; זיך אַריבערקלייבנדיק אין די לאָנקעס, ווערן זיי העלער, ווי זיי וואָלטן זיך האָבן אויסגעוואַשן מיטן וואַסער פון טייך. אַלץ אַרום ליגט אין האַלב־שלאָף, אַלץ איז אַזוי געדעמפּט, אַלץ באַוועגט זיך עפּעס אַזוי אומגערן, צוליב אַ לעסטיקער נויטווענדיקייט, אָבער נישט צוליב אַ פלאַמענ־דיקער ליבע צו באַוועגונג, צום לעבן.

און ס'ווילט זיך אַזוי געבן אַ גוטן שטויס דער גאַנצער ערד און זיך אַליין, כדי אַלץ — און אויך איך אַליין — זאָל זיך נעמען דרייען אין פריידיקן ווירבער, אין יום־טובדיקן טאַנץ פון מענטשן, וועלכע זענען פאַרליבט איינער אין צווייטן, אין דאָזיקן לעבן, וועלכעס איז אַנטשטאַנען צוליב אַ צווייט לעבן— אַ שיינס, אַ מוטערס, אַן ערלעכס...

ס'האָט זיך געטראַכט:

— מ'דאַרף עפּעס טאָן מיט זיך. אַ נישט בין איך אַ פאַרלאָרענער...

אין טונקעלע האַרבסטיקע טעג, ווען נישט נאָר וואָס מ'זעט נישט, נאָר מ'שפּירט אָפילו נישט די זון, מ'פאַרגעסט וועגן איר, — אין אַזעלכע האַרבסטיקע טעג איז נישט איינמאָל

---

*) אַ קירכלעכער יום־טוב, לכבוד מאַריאַס אַרויפשטייגן אין הימל אַריין. (איג.)

אויסגעקומען צו בלאָנדזשען אין וואַלד. שלאָגסט דיך אַראָפּ פון וועג, פאַרדירסט אַלע שטעגן, ענדלעך, מיד ווערנדיק זיי זוכן, פאַרשטשירעסטו די ציין און גייסט גלייך דורך דער געדיכטעניש, איבער צעפּויקטן צווייגן-אָפּפאַל, איבער די ציטערדיקע בערגלעך פון זומפּ — און סוף-כל-סוף גייסטו שטענדיק אַרויס אויף אַ וועג!

און אַזוי האָב איך טאַקע באַשלאָסן.

אין האַרבסט פון זעלבן יאָר בין איך אַוועקגעפאָרן קיין קאַזאַן מיט דער פאַרבאָרגענער האָפענונג, אַז ס'וועט זיך מיר איינגעבן דאָרט צו לערנען.

סוף.